STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03884

KVO VADIS

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העגריק שענקעוויטש

קווא וואדיס

(QUO VADIS)

יידיש: יצחק דייטשער

פארלאג בזשאזא

ווארשע 1928

Printed in Poland

„QUO VADIS" Sienkiewicza.
Wydawnictwo Brzoza, Warszawa 1928.
Druk. Lewin-Epstein, Warszawa, Pawia 38.

דעם אנדענק פון מיין ברודער חיים ווידמע איך
דידאָזיקע ארבעט.

דער איבערזעצער

ערשטע טייל

I

ארום האַלבן טאָג ערשט האָט זיך פּעטראָניוס אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ פאַרמאַטערטער, ווי אַלעמאָל. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט ביי נעראָנען אויף אַ מאָלצייט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז זייער שפּעט. שוין אַ לאַנגע צייט, ווי זיין געזונט פאַרערגערט זיך כסדר. ער פלעגט אַליין זאָגן, אַז ער שטייט אַלע פרימאָרגן אויף פון שלאָף שרעקלעך אָפּגעשוואַכט. אָבער דאָס מאָרגן-באָד און דער שטאַרקער מאַסאַזש, וואָס ספּעציעלע שקלאַפן פלעגן אים מאַכן, האָט אים צוריק אויפגערודערט זיין פויל בלוט און אים אַזוי געקרעפטיקט, אַז פון אַלעאַטיקום, ד. ה. פון דער לעצטער באָד-אָפּטיילונג, איז ער תמיד אַרויס אַן אויפגעלייגטער מיט ווייץ און פייער אין די אויגן, אַ דערפרישטער, אַ רייצנדער און אַזאַ ראַפינירט-שיינער, אַז אָטאָ אַליין האָט זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן געקענט: אַן אמתר „אַרביטער עלעגאַנטיאַרום", ווי מ'פלעגט אים רופן.

אין די שטאָטישע עפנטלעכע בעדער פלעגט ער קומען נאָר

דאַן, ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ גוטער אָראַטאָר, וועגן וועלכן מ'פלעגט אין שטאָט פיל רעדן, אָדער ווען עס פלעגן פאָרקומען אין די עפּעבּעִן זייער שפּאַנענדע קאַמפן. געוויינטלעך אָבער, האָט ער אין זיין „אינסול" געהאַט אייגענע בעדער, וועלכע סעווערו־סעס באַרימטער מיטאַרבעטער סעלער האָט פאַר זיבעטוועגן איבער־געבויט, פאַרגרעסערט און איינגעאָרדנט אַזוי געשמאַקפול, אַז בע־ראַן אַליין האָט זיי אָנערקענט פאַר פיינערע פון די צעזאַרישע, כאָטש די צעזאַרישע זענען געווען גערוימערע און מיט פיל מער קאָמפאָרט איינגעאָרדנט.

נאָך יענעם מאָלצייט, אויף וועלכן ער האָט זיך געלאַנגווי־ליקט פון וואַטינוסעס פּאַיאַציש־חניפהשע העוויות און האָט דיס־פוטירט מיט נעראָנען, לוקאַנען און סענעקאַן וועגן דעם: צי האָט די פרוי אַ נשמה?" — איז ער צומאָרגנס אויפגעשטאַנען זייער שפּעט און האָט, ווי געוויינטלעך, גענומען אַ באָד. צוויי ריזיקע באַלנעאַטאָרן האָבן אים אויסגעצויגן אויף אַ ציפּריסן „מענס", באַ־דעקט מיט אַ שניי־ווייסן עגיפּטישן „ביסס" און מיט איינגעטונקענע הענט אין שמעקנדיקע בוימאייל האָבן זיי גענומען איינרייבן זיין שיין־געבויטען קערפּער; און ער האָט, מיט ליכט פאַרמאַכטע אויגן, געוואַרט, אַז די וואַרעמקייט פון לאַקאָניקום און פון זייערע הענט זאָל אים דורכנעמען און דערפרישן.

ענדלעך האָט ער גענומען עפּיס רעדן; און עפענענדיק די אויגן האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן וועטער, דערנאָך וועגן די איידלשטיינער, וועלכע דער יובעליר אידאָמען האָט אים געזאָלט צושיקן צו באַקוקן; און דערוויסנדיק זיך, אַז דאָס וועטער איז זייער שיין, צוליב דעם מילדן ווינטל, וואָס בלאָזט פון די אַלבאַ־נער בערג און אַז די איידלשטיינער זענען נאָך נישט אָנגעקומען, האָט ער צוריק צוגעמאַכט די אויגן און געליגן אָן באַוועגונג מיט ליכט פאַרשטורעטע אויגן־לעדלעך, אויסזעענדיק ביים ראָזען פּאָג־ליכט, וואָס איז פונדערהייך געפאַלן אויף זיין אָפּגעצערט גע־זיכט, ווי אַ שווער ליידנדיקער. אָבער ווען ער האָט ענדלעך מיט אַ ליכטן האַנט־ווונק געהייסן זיך איבערטראָגן אין טעפּידאַריום, האָט זיך די פאַרהאַנג אונטערגעהויבן און דער נאָמענקלאַטאָר

אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ, האָט הויך געמאָלדן, אַז מאַרקוס וויניציוש, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון אַזיען, איז געקומען געוויר־ווערן וועגן פּעטראָניוסעס געזונט.

פּעטראָניוס האָט געהייסן דעם גאַסט אַריינפירן אין טעפּידאַריום, וווהין ער איז אַליין אויך אַריין. וויניציוש איז געווען דער זון פון זיין עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט, מיט יאָרן צוריק, חתונה געהאַט פאַר מאַרק וויניציוש — אַ קאָנסול אין טיבעריוסעס צייטן. דער יונגער וויניציוש האָט איצט זיך געשלאָגן אין קאָרבולאָגס אַרמיי קעגן די פּאַרטן און נאָך דער מלחמה האָט ער צוריקגעקערט קיין רוים. פּעטראָניוס האָט צו אים געהאַט אַ שוואַכקייט, מחמת וויניציוש איז געווען אַ שיינער און אַטלעטישער יונג, וועלכער האָט אפילו אין אויסגעלאַסנקייט אויך געהאַט אַ געוויסע עסטעטישע מאָס, און דאָס האָט פּעטראָניוס זייער געשעצט.

— פרידן צו פּעטראָניוס! — האָט וויניציוש אויסגערופן, אַריינגייענדיק מיט פעכטע טריט אין טעפּידאַריום. — זאָלן דיך די געטער בענטשן, דער עיקר, אַסקלעפּיאָס און קיפּרידאַ, ווייל אונטער זייער שוץ קען דיך קיין שום שלעכטס נישט טרעפן.

— זיי געגריסט אין רוים! — און זאָל דיר זיס זיין די רו נאָך דער קריג! — האָט פּעטראָניוס געענטפערט, אַרויסשטעקנדיק זיין האַנט פון צווישן די פאַלדן פונם צאַרטן קאַראַבאַס־געוועב, מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעהילט. — וואָס הערט זיך עפּעס אין אַרמעניען? האָסטו נישט אַמאָל, צופעליק, אָפּגעטרעטן אויך אין ביטיניען, בשעת דיין זיין אין אַזיען?

פּעטראָניוס איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען רוימישער סאַטראַפּ אין ביטיניען ווו ער האָט דאָרט אָבער יושרדיק ר עגירט. דאָס איז געווען אַזוי היפּוכדיק צו זיין נאַטור, וואָס האָט געשמט מיט איר פאַרצערטלטקייט און ליבשאַפט צו תענוגים, אַז ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו דערמאָנען יענע צייטן, וועלכע זענען געווען אַ באַווייז, צו וואָס ער קען אַלץ פעיק זיין, ווען ער זאָל נאָר וועלן.

— כ׳בין גראָד געווען אין הערא‏קלעאָ — האָט וויניציוש

געגנטפערט. קאַרבולאַ האָט מיך אמאָל געהאַט געשיקט דאָרט אהין נאָך שפּייז.

— אָך, הערקלעאַ! איך האָב דאָרטן געקענט אַ יינגעפרוי פון קאַלכידע, פאַר וועלכער כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן אַלע היגע גרושות צוזאַמען מיט פאַפּעאָן. דאָס זענען שוין אָבער אַלטע געשיכטעס! דערציי׳ל מיר בעסער, וואָס עס הערט זיך. ביי דער פאָרטן־וואַנט. די אַלע וואָלאָגעסעס, טיראַדאַטעס, טיגראַנעסעס, און בכלל דאָס גאַנצע באַרבאַרישע געזינדל, וועגן וועלכע דער יונגער ארולאַנוס זאָגט, אַז ביי זיך אינדערהיים קריכן זיי אַרום אויף אַלע פיר און נאָר עפנטלעך באַווייזן זיי זיך אַלס מענטשן, זענען מיר שוין באמת נמאס. ביי אונדז אין רוים רעדט מען אָבער זייער פיל וועגן זיי, שוין דערפאַר, וואָס עס איז געפערלעך צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— אונדז גייט עס זייער שלעכט און ווען נישט קאַרבולאַ וואָלטן מיר געליטן אַ גרויסע מפּלה.

— קאַרבולאַ! ביי באַקכאָן! ער איז דאָך אַן אמתער מלחמה־גאָט, אַ ווירקלעכער מאַרס! ער איז אַ גרויסער פירער און גלייכצייטיק אויך אַ באַגייסטערטער ערלעכער און גארישער מאַן. איך האָב אים ליב, שוין דערפאַר, ווייל נעראָן האָט פאַר אים מורא...

— קאַרבולאַ איז אָבער גאָרנישט קיין נאַר.

— מעגלעך, אָבער עס איז דאָך אַלץ איינס. די נאַרישקייט, זאָגט פּיראָן, איז אַבסאָלוט נישט ערגער פון דער חכמה און זי אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פון איר.

וויניציוש האָט גענומען דערציילן פון דער מלחמה. אָבער ווען פּעטראָניוס האָט דערביי צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער, זעענדיק זיין מיד אָפּגעצערט געזיכט, איבערגעריסן און זיך צערטלעך גענומען אויספרעגן וועגן זיין געזונט.

פּעטראָניוס האָט ווידער געעפנט די אויגן.

— געזונט?... ניין, ער פילט זיך נישט געזונט. עס איז נאָך אפילו מיט אים נישט אַזוי שלעכט, ווי מיט דעם יונגען סיסען, וועלכער האָט שוין אָנגעווירן די חושים אויף אַזוי פיל, אַז בשעת

זײַנע שקלאַפן האָבן אים איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן געטראָגן אין באָד אַרײַן, האָט ער געפרעגט; „צי זײַן איך?...“ אָבער געזונט איז ער דאָך נישט. אָט האָט אים וויניציוש נאָר וואָס איבערגעגעבן אונטערן שוץ פון אַסקלעפּיאָס און קיפרידאָן. אָבער ער, פעטראָניוס, גלייבט נישט אין אַסקלעפיאָס: עס איז דאָך אַפילו נישט קלאָר, וועמענס זון דער אַסקלעפיאָס איז געווען, צי אַרשינאָס, צי קאָראָנידעס, הײַנט זשע, אַז מען ווייסט נישט וועגן דער מוטער, וואָס קען מען שוין וויסן וועגן פאָטער? און בכלל, ווער קען דען הײַנט זיכער זײַן מיט זײַן אייגענעם פאָטער!

דאָ האָט זיך פעטראָניוס צעלאַכט. דערנאָך האָט ער ווײַטער גערעדט:

— מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אַליין אויך געשיקט אַ קרבן קיין עפידאַרוס: דרײַ טוץ לעבעדיקע פאַשקאַטן און אַ טעפל גאָלד. ווייסטו פאַרוואָס? כ׳האָב מיר געטראַכט: צי ס׳וועט העלפן צי נישט, שאַדן וועט עס דאָך נישט. אויב מענטשן ברענגען נאָך הײַנט קרבנות צו די געטער בין איך זיכער, אַז אַלע דענקען אַזוי, ווי איך, אַלע! אויסער אפשר די פאַרגרעבטע אייזל־טרײַבער, וואָס אַרבעטן בײַם פאָרט קאַפענאַ. אַ חוץ אַסקלעפיאָסן האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט די אַסקלעפיאַדן. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳בין קראַנק געווען אויפן אורין־בײַטל, זיי האָבן דאַן פאַר מיר אָפגעריכט אַן אינקובאַציע. איך האָב דאָך גוט געוווּסט דאָס זיי זײַנען שווינדלער, נאָר כ האָב זיך געטראַכט: וואָס קען דאָס מיר שאַדן? די גאַנצע וועלט שטייט דאָך אויף שווינדל, דאָס לעבן אַליין איז דאָך נאָר אַ טעות און אַפילו די נשמה איז דאָך אויך נאָר אַ טעות! מ׳דאַרף נאָר פונדעסטוועגן האָבן שכל צו קענען אונטערשיידן אַן אַנגענעמען טעות פון נישט קיין אַנגענעמען: אין מײַן היפאָקאַוסאַם הייס איך ברענען צעדערהאָלץ באַש׳ט מיט אימבער, ווײַל איך האָב שטענדיק ליבער דופטן איידער געשטאַנקען. און וואָס אַנבאַלאַנגט קיפרידאַן, מיט וועמענס השגחה דו האָסט מיך פריִער געבענטשט — האָב איך שוין איר גוטס דערקענט פון דער שטעכונג, וואָס כ׳האָב באַקומען אין רעכטן פוס. איבעריקנס איז זי זיך אַ גאַנץ גוטע געטין, איך מיין, אַז דו וועסט

מסתמא אויך, פריער צי שפעטער, ברענגען הייסע טויבן אויף איר מזבח.

— אמת — האָט ווינִיציוש געענטפערט — די פײלן פון די פּאָרטן האָבן מיך גישט דערגרייכט, אָבער אַמאָרס פייל האָט מיך יאָ געטראָפן... גאָר אומגעריכט, עטלעכע סטאַדיען פאַרן שטאָט־טויער.

— ביי די הייסע קניען פון די כאַריטינס! וועסט דאָס מיר אָן אַנדערטמאָל דערציילן — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן.

— איך בין דאָך געקומען צו דיר נאָך אַן עצה — האָט מאַרקוס געזאָגט.

אָבער אין דער זעלבער מינוט זענען אַריינגעקומען די עפּילאַטאָרן און זיך פאַרנומען מיט פּעטראָניוסן. מאַרקוס ווידער האָט אויף פּעטראָניוסעס איינלאַדונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין טוניק און איז אַריין אין אַ וואַנע מיט וואַרעם וואַסער.

— אַך, כ'פרעג דיך אפילו נישט, צי דו ווערסט אויך צוריק געליבט — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן, קוקנדיק אויף ווינִיציוּשעס, ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקטן, קערפּער. — ווען ליזיפּ וואָלט דיך געזען, וואָלסטו איצט באַפּוצט דאָס טויער פון פּאַלאַטין, אַלס סטאַטוע פון הערקולעס אין דער יוגנט.

דער יונג האָט זיך צופרידן צעלאַכט און געגומען אונטער־טוקן זיך אין וואַסער, שטאַרק פאַרשפּריצנדיק דערביי דאָס וואַסער אויף דעם מאָזאַיִק־באָדן, אויף וועלכן ס'איז געווען פאַרגע־שטעלט די געטין „הערע” אינם מאָמענט, ווען זי בעט דעם גאָט „זען” ער זאָל שיקן אַ שלאָף אויף צעאוסן. פּעטראָניוס האָט אים באַטראַכט מיט דער אַנטציקונג פון אַ קינסטלער.

ווען די עפּילאַטאָרן האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט, איז אַריין דער לעקטאָר מיט פּאַפּירוס־מגילות און אַ בראָנז־פּושקע, וועלכע ער האָט געבראַכט אויפן בויך.

— ווילסט הערן? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— אויב ס'איז דיינס אַ שאַפונג, וועל איך גערן הערן. — האָט ווינִיציוש געענטפערט — אויב אָבער נישט, וויל איך בעסער

מיט דיר רעדן, די דיכטער פאַנגען דאָך היינט מענטשן אין ד׳ גאַסן.

— גאַנץ ריכטיק. ס׳איז היינט אוממעגלעך דורכצוגיין פאַרביי אַ באַזיליק, אַ ביבליאָטעק, אָדער אַ בוכהאַנדל, זאָלסט נישט באַמערקן עפּעס אַ פּאָעט זשעסטיקולירנדיק, ווי אַ מאַלפּע. ווען אַגריפּאַ איז געקומען צו אונדז אָבער פון מזרח, האָט ער געמיינט, אַז דאָס זענען משוגעים. אַזעלכע צייטן זענען היינט! דער צעזאַר שרייבט לידער, און אַלע טוען אים נאָך. מ׳טאָר נאָר נישט שרייבן קיין בעסערע, ווי דעם צעזאַרס, דעריבער טאַקע שרעק איך זיך ווען לוקאַנס לעבן. . . איך אָבער שרייב נאָר פּראָזע, וועלכע כ׳לעז, נאַטירלעך, נישט פאַר קיינעם און אַפילו פאַר זיך אַליין אויך נישט. דאָס וואָס דער לעקטאָר האָט דאָ געלאָזט לעזן איז נאָר די „קאַראַסילען" פונם אומגליקלעכן פאַבריציוס ועיענט.

— פאַרוואָס עפּעס דער „אומגליקלעכער"?

— ווייל ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו שפּילן די ראָל פון אדיסעאוס און נישט אומצוקערן זיך אַהיים ביז אַ נייעם באַפעל. זיין אדיסעאוס־ראָל וועט אים נאָר לייכטער זיין דערמיט, וואָס ער האָט נישט קיין ווייב פּענעלאָפּע. מאָל דיר, אַז דאָס פאַרמשפּטן אים איז געווען זייער אומגעלומפּערט, וואָרים דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַ זייער נאַריש און לאַנגווייליק בוך, וועלכעס אַלע האָבן ערשט דאַן אָנגעהויבן צו לעזן, ווען דער אויטאָר איז פאַרטריבן געוואָרן, דאָ אָבער פאַרשטייט מען דאָך אַלץ זייער פלאַך! איצט, נאַטירלעך, הערט מען פון אַלע זייטן: סקאַנדאַלאַ! סקאַנדאַלאַ! און ס׳איז טאַקע מעגלעך, אַז וועיענט האָט פיל פאַקטן אַליין אויסגעטראַכט, אָבער איך, קענענדיק אונדזער שטאָט, אונדזערע פאַטרעס און אונדזערע פרויען — פאַרזיכער דיר, אַז אַלץ וואָס ער שרייבט דאָרט איז נאָך פיל בלייכער פון דער ווירקלעכקייט און נאָר מחמת דעם, וואָס יעדער זוכט דאָרט דעם צווייטן מיט אומגעדולד און זיך אַליין מיט שרעק — זענען איצט ביי אַווירונוס אין בוכהאַנדל באַשעפטיקט הונדערט שרייבער ביים איבערשרייבן דאָס בוך און דער דערפאָלג דערפון איז, נאַטירלעך, פעסט געזיכערט.

— וועגן דיר איז דאָרט נישט דערמאָנט?

— יאָ. אָבער ער האָט דאָרט אַ גרויסן טעות, ווייל איך בין אין אמת׳ פיל ערגער, נאָר ווייניקער פלאַך, ווי ער שילדערט מיך. פאַרשטייסטו, מיר אַלע האָבן שוין לאַנג נישט דעם חוש אונטערצושיידן פון גוטס ביז שלעכטס און מיר אַליין דאַכט זיך אפילו, אַז ס׳איז גאָר טאַקע אַזאַ אונטערשייד נישט פאַרהאַן, כאָטש סענעקאַ, מוזאָניוס און טראַזעאַ סימולירן, אַז זיי פילן עס יאָ. ביי הערקולעסן! כ׳זאָג דיר אָפנהאַרציק, איך האָב נאָך כאָטש די פעיקייט אונטערצושיידן שיינס פון העסלעכס, וועגן וועלכן אונדזער געלבבערדיקער דיכטער, צירק-פאָרער, זינגער, טענצער און דראַמאַטורג האָט אפילו שוין קיין אַנונג נישט.

— איך באַדויער פונדעסטוועגן פאַבריציוסן, ער איז אַ גאַנץ גוטער מענטש געווען.

— זיין אייגנליבע האָט אים אָבער אומגעבראַכט. וואָרים אַלע האָבן אים אייגנטלעך חושד געווען, נאָר קיינער האָט קיין שום ממשותדיקס נישט געוווּסט. נו, האָט ער אַליין נישט געקענט הערשן איבער זיך און האָט פאַר יעדן באַזונדער אַלץ אויסגע-פּלוידערט. וועגן דער געשיכטע מיט רופינוסן האָסטו שוין גע-הערט?

— נאָך נישט.

— וועלן מיר פריער איבערגיין אין פריגידאַריום זיך אָפּ-קילן און דאָרט וועל איך דיר דערציילן.

זיי זענען איבערגעגאַנגען אין פריגידאַריום, וווּ אַ העל-ראָ-זער וואַסער-שטראָם האָט הויך געשלאָגן פון אַ פאָנטאַן, פאַר-שפּרייטנדיק אַ פרישן פיאָלקן-דופט. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די, מיט זייד אויסגעבעטע, נישעס, אום זיך צו קילן.

אַ קורצע ווײַלע זענען זיי געזעסן שווייגנדיק. וויניציוש האָט שטיל באַטראַכט אַ סטאַטוע פון אַ בראָנזענעם פאַן, וועלכער האָט, אַריבערבייגנדיק איבער זיין אָרעם אַ נימפע, דורשטיק גע-זוכט מיט זיין מויל אירע ליפּן. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגע-רופן:

— אַט דער האָט רעכט; דאָס איז טאַקע ס'בעסטע אין לעבן.

— קען זײַן! אָבער דו האָסט דאָך אויסערדעם אויך ליב מלחמה, װעלכעס איך האָב זײער נישט ליב, װאָרים אין די פעלד־געצעלטן פּלאַצן די נעגל פון די פינגער און פאַרלירן זײער ראָזן קאָליר. איבעריקנס, יעדער האָט זיך זײַן געשמאַק, דער געל־בערדיגער, צום בײַשפּיל, האָט ליב געזאַנג, הויפּטזעכלעך, זײַן אײגענעם. דער אַלטער סקאָװרוס װידער, איז פאַרליבט אין זײַן קאָרינטער װאַזע, װעלכע שטײט באַנאַכט לעבן זײַן געלעגער און ער קושט זי דאַן, װען ער קען נישט שלאָפן. ער האָט זי שוין אויסגעקושט ביז די ראַנדן. זאָג מיר נאָר: שרײַבסטו נישט אַמאָל קײן געדיכטן?

— נײן. כ'האָב נאָך קײנמאָל קײן גאַנצן העקסאַמעטער נישט אָנגעשריבן.

— און אויף קײן האַרפע שפּילסטו אויך נישט? און זינגסט נישט?

— נײן.

— און אין די צירק־געיעגן נעמסטו אויך נישט קײן אָנ־טײל?

— כ'פלעג אַמאָל יאָ אָנטײל נעמען אין אַנטיאָכיען, אָבער אָן דערפאָלג.

— אויב אַזוי בין איך װעגן דיר רויק. אָבער צו װאָס פאַר אַ ריכטונג געהערסטו אין היפּאָדראָם?

— צו די גרינע.

— איצט בין איך שוין אינגאַנצן רויק װעגן דיר. אַ חוץ דעם ביסטו דאָך נאָך אויך גאַנץ רײַך, אָבוואָל נישט אַזוי װי פּאַל־לאַס, אָדער װי סענעקאַ. װאָרים, פאַרשטײסטו מיך: בײַ אונדז איז הײַנט אָנגענומען צו שרײַבן פּאָעזיע, אַקאָמפּאַנירן די האַרפע, דעקלאַמירן, אָנטײל נעמען אין צירק־געיעגן, אָבער נאָך בעסער, ס'הײסט זיכערער, איז — נישט צו שרײַבן קײן געדיכטן, נישט שפּילן, נישט זינגען און נישט אָנטײל נעמען אין די צירק־גע־יעגן און נאָר װײַל איז, אַז מ'קען באַװוּנדערן און לויבן דעם

געלבערדיקן, בשעת ער טוט דאָס אַלץ. אַזוי ווי דו ביסט אַ שיינער יונג, וואָלט דיך נאָך אפילו געקענט דראָען אַ סכנה, פּאָ-פּעאַ זאָל זיך אין דיר איינליבן, נאָר איך מיין, אַז זי איז שוין צופיל דורכגעטריבן אויף אַזעלכע זאַכן. ליבע האָט זי שוין גע-נוג געהאַט ביי די ערשטע צוויי מענער, ביים דריטן גייט איר שוין אין גאָר עפּעס אַנדערש. ווייסטו, אַז דער באַרישער אָטאָ איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג ביז משוגעת פאַרליבט אין איר? ער וואַנדערט דאָרט אַרום איבער די שפּאַנישע פעלזן אין טרויער, זיבע אַלטע געוווינהייטן האָט ער שוין אַזוי ווייט פאַרגעסן, ער האָט זיך — שוין אַזוי אָפּגעלאָזן, אַז ער דאַרף נישט מער, ווי דריי שעה אין מעת-לעת אויף זיין פריזור. נו, ווער האָט זיך געקענט אַזעלכעס ריכטן און נאָך אויף אָטאָן.

— איך פאַרשטיי אים גאַנץ גוט. — האָט וויניציוס אָפּגע-ענטפערט, — נאָר איך אויף זיין אָרט וואָלט אַנדערש געטון.

— וואָס, למשל?

— איך וואָלט דאָרט געשאַפן פאַר זיך טריע לעגיאָנען, פון די דאָרטיקע בערג-לייט. די איבעריע זענען זייער מוטיקע זעלנער.

— אַך, וויניציוס! ס'גלוסט זיך מיר דיר זאָגן, אַז דו וואָלסט נישט פעיִק געווען דערצו. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל וועגן אַזעלכע זאַכן ווערט נישט גערעדט, נאָר געטון. וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, אויף זיין אָרט, וואָלט איך זיך אויסגעלאַכט פון פּאָפּעאָן און פון דער געלער באָרד און וואָלט מיר דאָרט ווערבירט לעג-יאָנען נישט פון איבערן נאָר פון איבערזיינס. אין ערגסטן פאַל, וואָלט איך געשריבן עפּיגראַמען, נאָר כ'וואָלט זיי קיינעם נישט פאָרגעלייענט, ווי דער אומגליקלעכער רופינוס האָט געטון.

— דו האָסט דאָך געזאָלט דערציילן זיין געשיכטע.

— כ'וועל זי דיר דערציילן אין איניקטואריום.

אין אינקטואַריום אָבער איז וויניציוס אויפמערקזאַם געוואָרן אויף עטלעכע שקלאַפינס, וועלכע האָבן געוואַרט ביז זיי וועלן ענדיקן דאָס באָדן. צוויי פון זיי, נעגעריננס, ענלעכע צו שיינע הע-באָן-סטאַטועס, האָבן גענומען איינרייבן זייערע קערפּער מיט פיינע

אראבישע בוימאיילן, עטלעכע אַנדערע, געאיבטע פּריגישע פּרי-זירעריגס האָבן אויף זיי געוואַרט, מיט פּאָלירטע שטאָל-שפּיגלען און קעם אין זייערע, ווי שלאַנגען ווייכע און בויגזאַמע הענט. נאָך צוויי מיידלעך, גריכינס פון קאָס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי גע-טינס, האָבן אַלס וועסטיפּליקאַע געוואַרט, אויף איינצולייגן סטאָ-טועןאַרטיק די פאַלדן פון זייערע טאָגעס.

— ביי צעאוס דעם וואָלקן-זאַמלער! — האָט מאַרקוס ווי-ניציוש אויסגערופן. — וואָס פאַר אַ רייכע שקלאַפן-זאַמלונג דו האָסט!

— איך האָב ליבער ווינציק, נאָר גוט — האָט פּעטראָניוס געענטפערט. — מיין „פאַמיליאַ“ אין רוים באַשטייט אינגאַנצן פון פיר הונדערט מענטשן און איך דענק, אַז נאָר אויפגעקומענע פלע-בעער דאַרפן האָבן מער צו פּערזענלעכע באַדינונג.

— שענערע קערפּער באַזיצט שוין אפילו די געלע באָרד אויך נישט. — האָט וויניציוש געזאָגט, הייבנדיק די נאָזלעכער.

דערויף האָט אים פּעטראָניוס קאַלטבלוטיק, נאָר גוטמוטיק געענטפערט:

— דו ביסט דאָך מיין קרוב; און איך ווידער, בין דאָך נישט קיין קאַרגער ווי באַססוס, אָדער קיין פּעדאַנט ווי אוילוס פּלויציוס...

דערהערנדיק דעם לעצטן נאָמען, האָט וויניציוש אַ ווײַלע פאַרגעסן די פרויען פון קאָס און, אויפהייבנדיק געשווינד דעם קאָפּ, האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס איז דיר עפּעס, גראָד, אוילוס פּלויציוס גע-קומען אויפן זינען? ווייסטו, אַז אויסלענקענדיק זיך אַ האַנט הינטער דער שטאָט, האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין זיין הויז? ער איז גראָד דאַן אָנגעקומען און זעענדיק דאָס אומגליק, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, האָט ער מיך אַריינגענומען צו זיך אין הויז און דאָרט האָט מיך זיין שקלאַף, דער רופא מעריאָן, געהיילט. וועגן דעם טאַקע וויל איך איצט מיט דיר רעדן.

— וואָס איז געשען? האָסט זיך, אפשר, פאַרליבט אין פּאָמ-פּאָניען? כ׳וואָלט דיך זייער באַדויערט: זי איז שוין נישט קיין

יינגע און דערצו נאָך אַ צנועה! עפּעס עקלדיקערס קען איך מיר שוין נישט פאָרשטעלן, בר־ר־ר־ר!

— נישט אין פּאַמפּאַניען — עהע! — האָט וויניציוש געענטפערט.

— אין וועמען דען?

— ווען כ'וואָלט כאָטש אַליין געוווּסט אין וועמען! איך ווייס דאָך, אָבער, אפילו נישט, ווי ז'הייסט: ליגיע, צי קאַלינע? מ'רופט זי דאָרט ליגיע, ווייל זי שטאַמט פון ליגיער־פאָלק. איר באַרבאַרישער נאָמען אָבער איז קאַלינע. אַ וווּנדערבאַר הויז איז דאָרט ביי פּלויציוסן: עס ווימלט דאָרט פון מענטשן און דאָך איז דאָרט אַזוי שטיל, ווי אין די וועלדער פון סוביאַקום. היפּשע עטלעכע טעג האָב איך נישט געאָנט אפילו, אַז צוזאַמען מיט מיר אין דעם הויז געפינט זיך אַ געטין. ביז איינמאָל פאַרטאָג האָב איך זי דערזען, זיך באָדנדיק אין גאָרטן־באַסיין. און כ'שווער דיר ביי דער שוים, פון וועלכער אַפראָדיטאַ איז אויפגעשטיגן, אַז די שטראַלן פון מאָרגנרויט האָבן דורכגעשיינט דורך איר קערפּער. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכטן, אַז ווען די זון וועט אויפגיין, וועט זי זיך צעשוווּמען אין ליכט, ווי דער מאָרגנשטערן. שפּעטער האָב איך זי נאָך צוויי מאָל געזען, און פון דאַמאָלס אָן ווייס איך נישט פון קיין רו, ווייס איך נישט פון קיין אַנדערע שטרעבונג, וויל איך נישט וויסן, וואָס די שטאָט קען מיר געבן, וויל איך נישט קיין פרויען, נישט קיין גאָלד, נישט קיין קאָרינטער קופּער, נישט קיין בורשטין, נישט קיין פּערל, נישט קיין ווין, נישט קיין מאָלצייטן. איך וויל נאָר ליגיען. פּעטראָניוס! כ'זאָג דיר ערנסט: כ'בענק נאָך איר אַזוי, ווי „זען", וועלכער איז דאָ פאַרגעשטעלט אויף דער מאָזאַיק אין דיין טעפּידאַריום, האָט געבענקט נאָך פּסיכעאַן, כ'בענק נאָך איר באַטאָג און באַנאַכט.

— אויב זי איז אַ שקלאַפין — קויף־זשע זי אויס.

— זי איז נישט קיין שקלאַפין.

— וואָס דען איז זי? פּלויציוסעס אַ באַפרייטע?

— נישט זייענדיק קיינמאָל קיין שקלאַפין, קען זי דאָך אויך קיין באַפרייטע נישט זיין.

— וואָס דען?

— כ'ווייס נישט. אַ קעניגלעכע טאָכטער, אָדער עפּעס ענלעך צו דעם.

— מאַכסט מיך בייגיריק, וויניציוש!

— אויב דו וועסט האָבן געדולד מיך אויסצוהערן, וועל איך באַלד דיין נייגיריקייט באַפרידיקן. ס'איז נישט קיין גרויסע געשיכטע: דו האָסט גאָך, אפשר פאַרזענלעך, געקענט וואַניוסן, דעם קעניג פון די סוואַווען, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין רוים, נאָכדעם ווי מ'האָט'ן פון זיין לאַנד פאַרטריבן, ער איז דאָ באַרימט געוואָרן מיט זיין מזל אין ביינער-שפּיל און אין די צירק-געיעגן. דער קעניג דרוזוס האָט אים שפּעטער אומגעקערט דעם טראָן און ער האָט מתחילת אַלס מעכטיקער מאַן טאַקע גאַנץ גוט געהערשט און געפירט גליקלעכע מלחמות, שפּעטער אָבער, האָט ער גענומען שינדן די הויט, נישט נאָר פון די אַרומיקע שכנים, נאָר אפילו פון זיין אייגן סוועווען-פאָלק. דאַמאָלס האָבן, וואַנגיאָ און סידאָ, זיינע צוויי שוועסטערן-זין, די זין פון וויביליוס דער הערמאַנדורן קעניג, באַשלאָסן אים צוצווינגען צוריקפאָרן קיין רוים... פּרוּוון זיין גליק אין ביינער-שפּיל.

— כ'געדענק. דאָס איז געשען נישט לאַנג צוריק, אין קלוידיוסעס צייטן.

— אמת! עס איז דעריבער אויסגעבראָכן אַ מלחמה. וואַניוס האָט גערופן די יאַזיגן צו הילף. זיינע שוועסטערן-זין האָבן ווידער גערופן די ליגיער, וועלכע, הערנדיק פון וואַניוסעס עשירות און גערייצט פון דער מעגלעכקייט אויף רייכן רויב, זענען זיי אָנגעקומען אין אַזאַ צאָל, אַז דער צעזאַר קלוידיוס האָט זיך באַאומרויִקט פאַר דער זיכערקייט פון דער גרענעץ. קלוידיוס האָט זיך אָבער נישט געוואָלט מישן אין דער מלחמה צווישן די באַרבאַרן און ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו אַטעליוס היסטערן, וועלכער האָט דאַמאָלס אָנגעפירט מיט די לעגיאָנען ביים דונאַי, ער זאָל אַכטונג געבן אויפן לויף פון דער מלחמה און זאָל נישט דערלויבן צו שטערן אונדזער רו. היסטער האָט מחזק דעם געפאָדערט פון די ליגיער, ויי זאָלן אים ערוב זיין, דאָס זיי וועלן נישט אַריבער

די גרענעץ. די ליגיער האָבן נישט נאָר מסכּים געווען, נאָר זיי האָבן אים אפילו געגעבן ערבותניקעס, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען דאָס ווייב און טאָכטער פון זייער עלטסטן... דו ווייסט דאָך, אַז די באַרבאַרן גייען אויף מלחמה צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. מיין ליגיע איז דאָס טאַקע די טאָכטער פון יענעם עלטסטן.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— אוילוס פלויציוס אַליין האָט דאָס מיר דערציילט. די ליגיער האָבן אפילו נישט איבערגעטרעטן די גרענעץ, נאָר די באַרבאַרן קומען דאָך אָן ווי אַ שטורם און פאַרשווינדן ווי אַ שטורם, אַזוי זענען אויך די ליגיער מיט די טורהערנער אויף די קעפּ פאַרשוווּנדן. זיי האָבן צעשלאָגן וואַניוסעס סועוון און יאַזיגן, נאָר דערביי האָבן זיי פאַרלוירן זייער קעניג און זענען אַוועק מיטן רויב, איבערלאָזנדיק זייערע ערבותניקעס ביי היסטערן. די מוטער איז אינגיכן געשטאָרבן און נישט וויסנדיק וואָס צו טון מיטן קינד, האָט היסטער עס אָפּגעשיקט צו פּאָמפּאָניוסן, דעם הערשער איבער גערמאַניען. דער לעצטער ווידער, האָט נאָכן קריג מיט די קאַטאַער צוריקגעקערט קיין רוים, ווו קלוידיוס האָט אים, ווי דו ווייסט, דערלויבט צו פּייערן אַ טריומף-צוג. דאָס מיידל איז דאַן געגאַנגען נאָכן זיגער-וואָגן. אָבער אַזוי, ווי נאָך דער פּייערלעכקייט האָט מען דאָך דאָס מיידל נישט געקענט צורעכענען צום קריגס-רויב, האָט פּאָמפּאָניוס נישט געוווּסט, וואָס מיט איר צו טון. ענדלעך, האָט ער זי אַוועקגעגעבן צו זיין שוועסטער פּאָמפּאָניע גרעצינע, פלויציוסעס פרוי. און אין דעם הויז, ווו אַלץ, אָנהייבנדיק מיט די בעלי-בתים און ענדיקנדיק מיט די עופות אין שטייג, איז פול מיט צניעות, איז זי אויסגעוואַקסן אַ יונגפרוי, אָבער לייַדער אַזאַ צנועה, ווי גרעצינע גופא און אַזוי שיין, אַז פּאָפּעאַ אפילו וואָלט קענען איר אויסגעזען, ווי אַ האַרבסט-פייג קעגן אַ העספּעריען-עפּל.

— אַלזאָ?

— און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז פון דער מינוט אָן, ווען

כ'האָב דערזען, ווי די מאַרגנשטראַלן האָבן דורכגעשיינט דורך איר קלאָרן קערפּער בין איך אומזיניק פאַרליבט.

— זי איז, הייסט עס, דורכזיכטיק, ווי אַ לאַנג פריסקע אָדער ווי אַ יונג סאַרדין פישל?

— שפּעט נישט, פּעטראָניוס. און אויב דיך נאַרט די אומגעצוווונגענקייט, מיט וועלכער איך רעד וועגן מיינע געפילן — זאָלסטו וויסן זיין, אַז אַ העל קלייד פאַרדעקט אָפט טיפע וווּנדן. כ'מוז אויך צוגעבן, אַז צוריקקומענדיק פון אַזיען, בין איך איין נאַכט דורכגעשלאָפן אין מאַפּסוס-טעמפּעל, כדי צו זען אין שלאָף דעם נבֿיאה-גייסט. און מאָפּסוס איז מיר טאַקע געקומען צו חלום און מיר פאַרויסגעזאָגט, אַז אין מיין לעבן וועט פאָרקומען אַ גרויסע ענדערונג, דורך ליבע.

— איך האָב אַמאָל געהערט, ווי פּלוניוס האָט געזאָגט, דאָס אין געטער גלייבט ער נישט און אין חלומות יאָ. ס'קען זיין, אַז ער האָט רעכט. מיין אָפּשפּעטן שטערט מיר פונדעסטוועגן נישט טיילמאָל צו דענקען, אַז עס איז, ווירקלעך דאָ נאָר איין אייביקע, אַלמעכטיקע, שעפעריש געטהייט — ווענוס זשענעטריקס. זי איז כולל אין זיך די נשמה, דעם גוף און אַלץ אַרום. זי האָט אַרויסגעבראַכט די וועלט פון כאַאָס. צי ער האָט דערמיט גוט געטון איז אַן אַנדערע זאַך, אָבער מיר מוזן אָנערקענען זיין מאַכט, כאָטש מיר זענען נישט מחויב אים צו דאַנקען דערפאַר.

— אַך, פּעטראָניוס! פילאָזאָפיע קען מען גיכער געפינען, איידער אַן אויפריכטיקע עצה.

— זאָג: וואָס פאַרלאַנגסטו:

— איך וויל האָבן ליגיען. איך וויל, אַז מיינע אָרעמס, וועלכע אומאַרמען איצט נאָר די פוסטע לופט, זאָלן זי אומאַרמען און צו מיין ברוסט צודריקן. איך וויל אָטעמען מיט איר אָטעם. ווען זי וואָלט געווען אַ שקלאַפין, וואָלט איך אויסגעצאָלט פאַר איר געגעבן הונדערט מיידלעך, מיט ווייס אָפּגעקאַלכטע פיס אַלס צייכן, אַז זיי ווערן ערשט דאָס ערשטע מאָל פאַרקויפט. כ'וויל זי האָבן אין מיין הויז אַזוי לאַנג, ביז מיין קאָפּ וועט נישט ווייס ווערן, ווי דער שפּיץ פון באַרג סאָראַט אום ווינטער.

— גוט, זי איז נישט קיין שקלאפין, אָבער זי געהערט דאָך צו פלויציוסעס „פאַמיליאַ" און אַזוי ווי זי איז אַ פּאַרלאָזט קינד קען זי באַטראַכט ווערן אַלס „אַלומנאַ" און פלויציוס קען דערי־בער זי דיר אָפּשענקען, ווען ער זאָל נאָר וועלן.

— קענסטו נישט פּאַמפּאַניע גרעציניע. איבעריקנס: זיי האָבן זיך ביידע אַזוי צוגעבונדן צו איר, ווי צו אַן אייגן קינד.

— איך קען פּאַמפּאַני ען. זי איז אַן אמתער ציפּריס. ווען זי וואָלט נישט געווען אוילוסעס פרוי, וואָלט מען זי געקענט דינ־גען אַלס קלאַגערין. פון יוליאַס טויט אָן, האָט זי נאָך נישט אויס־געטון דעם שוואַרצן טרויער, זי זעט אינגאַנצן אויס, ווי זי וואָלט ביים לעבן נאָך געגאַנגען איבער אַ פעלד מיט אַיספּאַדעלן. אַ חוץ דעם איז זי אויך אַן „אוניוויראַ", צוליב וואָס, אונדזערע פיר און פינפפאַכיקע גרושות באַטראַכטן זי אַלס פעניקס... אָבער!.. האָסטו שוין געהערט וועגן דעם, אַז אין אויבער־עגיפּטן האָט זיך אויסגעפּיקט אַ פעניקס? דאָס געשעט דאָך, געוויינטלעך, נאָר איינ־מאָל אין פינף הונדערט יאָר!

— פּעטראָניוס, פּעטראָניוס! וועגן פעניקס וועלן מיר אַן אַנדערטמאָל רעדן.

— וואָס־זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין ליבער מאַרקוס? איך בין באַקאַנט מיט אוילוס פלויציוסן, וועלכער האָט אפילו אַ שוואַכ־קייט צו מיר, כאָטש ער איז קעגן מיין שטייגער לעבן. ער שעצט מיך אפשר מער פון אַנדערע, ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט, דאָס איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מסור, ווי למשל, דאָמיציוס אַפּער, טיגעליניוס און די גאַנצע באַנדע אַהענאָ־באַרבאַס גוטע פריינד. נישט מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון אַ סטאָיקער, האָב איך זיך דאָך נישט איינמאָל געקרומט אויף טייל מעשים נעראָנס, אויף וועלכע סענעקאַ און בורורוס האָבן געקוקט דורך די פינגער. אויב דו דענקסט, אַז איך קען עפּעס ווירקן אויף פּוילוסן לטובת דיר, בין איך גרייט דאָס צו טון.

— איך דענק, אַז דו קענסט עס, דו האָסט אויף אים אַן איינפלוס, אַ חוץ דעם האָסטו אַ פלינקן שכל. ווען דו זאָלסט נאָר

גוט באטראַכטן די זאַך און איבעררעדן מיט פלוויציוסן...

— דו האָסט אַן איבערגעטריבענע מיינונג וועגן מיין אייגּ פלוס און וועגן מיין שכל, נאָר אויב עס גייט אין דעם, וועל איך איבעררעדן מיט פלוויציוסן, באַלד ווי זיי וועלן צוריקקומען אין שטאָט.

— זיי זענען שוין צוויי טעג דאָ אין רוים.

— אויב אַזוי, לאָמיר אַריינגיין אין טריקליניום, ווו עס איז געגרייט פאַר אונדז פרישטיק און נאָכן עסן, וועלן מיר זיך הייסן טראָגן צו פלוויציוסן.

— כ'האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט — האָט וויניציוש דע־ רויף פריילעך געענטפערט — נאָר איצט וויל איך הייסן אַוועק־ שטעלן צווישן מיינע לאַרן דיינס אַ סטאַטוע, אַזאַ שיינע, ווי די, וועלכע שטייט דאָ ביי דיר און כ'וועל צו איר מקריב זיין קרבנות.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך אומגעקערט צו די סטאַטועס, וועלכע האָבן באַפּוצט אַ גאַנצע וואַנט פון דעם דופּטיקן זון־זאַל און, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף פּעטראָניוסעס סטאַטוע, וועלכע האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס הערמעס מיט אַ וואַנדער־ שטעקן אין האַנט, האָט ער צוגעגעבן:

— ביי העליאָסעס ליכט! אויב דער געטלעכער אַלעקסאַנּ דער איז געווען ענלעך צו דיר, איז שוין נישט קיין וואונדער אויף העלענען!

אין דעם אויסגעשריי איז געווען אַזוי פיל אויפריכטיקייט, וויפיל חניפה, וואָרים כאָטש פּעטראָניוס איז געווען עלטער און נישט אַזוי העלדיש ווי וויניציוש, איז ער אָבער דערפאַר געווען שענער פאַר וויניציושן. די רוימישע פרויען האָבן נישט נאָר באַוואונדערט זיין לעבעדיקן גייסט און פיינעם געשמאַק, צוליב וועלכן ער האָט געוווּנען דעם צונאָמען אַרביטר עלעגאַנטיאַרום, נאָר אויך זיין קערפּער. די זעלבע באַגייסטערונג איז אויך געווען אויף די געזיכטער פון די גריכישע מיידלעך, וועלכע האָבן אַצינד גלייכגעלייגט די פאַלדן פון זיין טאָגע און איינע פון זיי מיטן נאָמען עוניסע, וועלכע האָט אים בסוד געליבט.

האָט איצט אים געקוקט אין די אויגן מיט הכנעה און אַנטציקונג.

ער האָט דאָס אָבער אַפילו נישט באַמערקט און שמייכלענדיק צו וויניציושן האָט ער אים, אַלס ענטפער, גענומען ציטירן סענעקאַס אויסדרוקן וועגן פרויען:

— „אַנימאַל אימפּודענס"... א. ז. וו.

און דערנאָך, אַרומנעמענדיק אים ביי די אַקסלען, האָט ער אים אַריינגעפירט אין טריקליניום.

אין אונקטואַריום האָבן די צוויי גריכינס, די פריגינס און די צוויי נעגערינס גענומען אויפרוימען די וואַזאַנען מיט בוימאייל און פּאַרפומען. אָבער אין דע רזעלבער רגע האָבן זיך פון הינטער די אויפגעהויבענע פאָרהאַנגען פון פריגידאַריום, באַוויזן די קעפּ פון די באַלנעאַטאָרן און עס האָט זיך דערטראָגן אַ שטילער „פּ־ס־ס־ט"! — באַלד, זענען אויף דעם צייכן, גיך אונטערשפּרינגענדיק, פאַרשוווּנדן הינטער דער פאָרהאַנג ביידע פריגינס, נעגערינס און איינע פון די גריכינס. אין די טערמען האָבן זיך איצט אָנגעהויבן די אויסגעלאַסענע אָרגיעס, וועלכע דער אינספּעקטאָר האָט נישט געשטערט אַליין באַטייליקנדיק זיך, אָפטמאָל, אין זיי. איבעריקנס, האָט פּעטראָניוס אויך געוווּסט פון דעם אַלעם, נאָר אַלס פאַרנונפטיקער מענטש, וועלכער האָט פיינט געהאַט געוואַלט און שטראָף, האָט ער גענקוקט דערויף דורך די פינגער.

אין אונקטואַריום איז נאָר איין עוניסע איבערגעבליבן. אַ קורצע ווילע האָט זי זיך צוגעהאָרכט צי די זיך דערווייטערנדיקע טריט, שטימען און געלעכטערס אין דער ריכטונג פון לאַקאָניקום. ענדלעך, האָט זי גענומען דאָס מיט בורשטין און העלפאַנטביין געפּלאַסטערטע בענקל, אויף וועלכן פּעטראָניוס איז מיט אַ מינוט פריער געזעסן און צוגעשטעלט עס פאָרזיכטיק צו זיין סטאַטוע.

אין אונקטואַריום איז געווען פול זון־ליכט און פאַרבן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן פון די רעגנבויגן־פאַרביקע מאַרמאָר טאָפּלען, מיט וועלכע די ווענט זענען געפּלאַסטערט געווען.

עוניסע איז אַרויף אויפן בענקל און געפינענדיק זיך אויף איין הויך מיט דער סטאַטוע — האָט זי פּלוצלינג פאַרוואָרפן אי־

די אָרעמס אַרום זײַן האַלדז דערנאָך האָט זי, פאַרוואַרפנדיק אַהינטער אירע גאָלד־האָר און טוליענדיק איר ראָזן קערפּער צו דעם ווייסן מאַרמאָר, אין עקסטאַז צוגעדריקט אירע ליפּן צו די קאַלטע ליפּן פון פּעטראָניוסעס סטאַטוע.

ח

נאָכן פרישטיק, צו וועלכן ביידע פריינט האָבן זיך געזעצט דאָן, ווען אַלע זענען שוין געהייטלעך געווען נאָך מיטאָג, דעם א. ג. פראַנדיום, האָט פּעטראָניוס פאָרגעשלאָגן צו כאַפּן אַ לייכטן דרימל. לויט זיין מיינונג איז געווען צו פרי אויף באַזוכן. עס זענען, אמת, פאַרהאַן מענטשן, וועלכע גייען אין געסט פון זונען-אויפגאַנג אָן, האַלטנדיק דאָס פאַר אַן אַלט-רוימישן מנהג. אָבער ער, פּעטראָניוס, באַטראַכט עס פאַר אַ באַרבאַריזם. נאָר די נאָכמיטאָג שעהן זענען באַשטימט דערצו און אויך, נישט פריער, איידער די זון קומט אריבער אויף דער זייט פון יאָוויש-קאַפּיטאָלער טעמפל און נעמט שיינען באַלכסון אויפן פאָרום, אום האַרבסט איז נאָך דאָן געוויג הייס און אַלע שלאָפן, געוויינטלעך, נאָכן עסן. דערווייל וועט זייער אָנגענעם זיין זיך איינצוהערן אַ ביסל צום גערויש פונם פאָנטאַן אין אַטריום, און נאָך די אומבאַדינגט נייטיקע טויזנט טריט נאָכן עסן, איינצודרימלען אינם שיין פון רויטן ליכט

וואָס שלאָגט דורך דורכן פּורפּורנעם האַלב-פּאַרצויגענעם וועלראַ-יום.

וויניציוס האָט מסכים געווען און זיי האָבן גענומען אַרומ-שפּאַצירן, פירנדיק אַ לייכטן שמועס, וועגן די בייעסן אין פּאַלאַ-טין און אין שטאָט, צוביסלעך אויך געפילאָזאָפירט וועגן לעבן. דערנאָך איז פּעטראָניוס אַריין אין קוביקולום. אָבער ער איז נישט לאַנג געשלאָפן. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער אַרויס און הייסנ-דיק זיך דערלאַנגען ווערוועגע, האָט ער גענומען דערצו שמעקן און אייַנרייבן זיך דערמיט די הענט און די שלעפן.

— דו קענסט נישט וויסן — האָט ער געזאָגט — ווי דאָס דערפרישט און דערמונטערט מיך. איצט בין איך גרייט.

די לעקטיקע האָט שוין אויף זיי לאַנג געוואַרט. זיי זענען איינגעזעסן און געהייסן זיך טראָגן אויף וויקוס פּאַטריציוס, צו אַוילוסן אין הויז. פּעטראָניוס „אינסולאַ" איז געלעגן אויפן דרום-דיקן פּאַלאַטין-שיפּוע לעבן די אַזוי גערופענע קאַרינאַע. דער נאָנ-טער וועג וואָלט, דעריבער, פּאַר זיי געווען אַרום פּאָרום, נאָר ווייל פּעטראָניוס האָט געוואָלט איבערן וועג אָפּטרעטן ביים יובעליר אידאָמען, האָט ער דעריבער געהייסן זיך טראָגן דורך וויקוס אַפּאָ-לינוס און דורכן פּאָרום פּאַרביי וויקוס סעלערא טוס, וווּ עס האָט שטענדיק געווימלט פון מענטשן.

די ריזן-בעגערן האָבן אונטערגעהויבן די לעקטיקע און גע-רירט אין וועג אַריין, מיט פּאָרויסגייענדיקע שקלאַפן, אַזוי גערופע-נע „פּעדיסעקי" — פּעטראָניוס האָט שווייגנדיק צוגעלייגט זייַנע מיט ווערווענע שמעקנדיקע הענט צו דער נאָז און איז אַ צייט אַזוי געזעסן פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך קלער, אַז אויב דיין וואַלד-געטין איז נישט קיין שקלאַפין, קען זי דאָך פאַרלאָזן פּלויציוסעס הויז און איבערגיין צו דיר, דו וואָלסט זי אַרומגערינגלט מיט ליבע, וואָלסט זי באַשיט מיט רייכטום אַזוי, ווי איך מיין פּאַרגעטערטע כריזאָטעמיס, וועלכע איז מיר, צווישן אונדז גערעדט, שוין אַזוי נמאס. אַלנפּאַלס, ווי איך איר.

מאַרקוס האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין ? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט. — אין ערנסטן פאַל וואָלט דאָס אָנגעקומען ביז צום צעזאָר און קענסט זיין זי־כער, אַז אַ דאַנק מיין איינפלוס, וואָלט אונדזער געלבערדיקער געווען אויף דיין זייט.

— דו קענסט אָבער נישט ליגן ! — האָט וויניציוש גע־ענטפערט.

— דערלויב־זשע מיר צו פרעגן, צי דו קענסט זי נאָך אוי־סער זי פון זעען ? האָסטו שוין מיט איר גערעדט ? האָסטו איר שוין געזאָגט וועגן דיין ליבע ?

— כ'האָב זי נאָר געזען ס'ערשטע מאָל ביים באַסיין און דער־נאָך נאָך אַ וועלכע צוויי מאָל. דאַרפסט וויסן, אַז דורך דער צייט פון מיין פאַרברענגען ביי אוילוסן אין הויז האָב איך גע־וווינט אין אַ זייטיקע ווילע, וועלכע איז באַשטימט פאַר געסט. דאָבנדיק אַ צעבראָכענע האַנט האָב איך נישט געקענט זיצן מיט אַלעמען צוזאַמען ביים טיש. נאָר ערשט אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן, האָב איך געטראָפן ליגיען ביים אָוונט-ברויט, כ'האָב אָבער דאַן געמוזט אויסהערן אוילויס גס דערציילונגען, וועגן זייגע נצחונות אין בריטאַניען און דערנאָך וועגן דער ירידה פון די קליינע לאַנד־ווירטשאַפטן אין איטאַליען, וועלכעס ליציניוס סטאָלאָ האָט נאָך געוואָלט פאַרהיטן. איך צווייפל, צי אוילויס קען, בכלל, רעדן וועגן עפּעס אַנדערש און מיין נישט, אַז מיר וועלן זיך איצט דערפון אויסדרייען, סיידן, אַז דו וועסט מסכים זיין צו הערן וועג, דער צעלאָזנקייט פון אונדזער דור. אין די עופות-שטייגן זייערע האָבן זיי באַזאַנטן, וועלכע זיי ווילן נישט עסן, מחמת זיי גלייבן, אַז יעדער אויפגעגעסענער באַזאַנט דערגענטערט דעם סוף פון רוימס מאַכט. אַ צווייט מאָל ווידער האָב איך זי געטראָפן ביי־דער גאָרטן-ציסטערנע מיט אַ פריש אויסגעריסן ווערבע-צווייגל אין דער האַנט, וועלכעס זי האָט איינגעטונקען אין וואַסער און באַשפּריצט דערמיט די איריס-בלומען און — זעסט מיינע קניען ? ביי הערקולעס פאַנצער ! זיי האָבן נישט קיין ציטער גע־טון, ווען אונדזערע לעגיאָנען זענען אָנגעפאַלן מיט רעש אויף די פאַרטן-כמאַרעס, ביי יענער ציסטערנע אָבער האָבן זיי געצי־

טערט און צעמישט, ווי אַ קליין יינגל, וואָס טראָגט נאָך אַ „בולבע", האָב איך, מיט די אויגן נאָר, געבעטעלט רחמנות, נישט קענענדיק אַ צייט קיין וואָרט אַרויסברענגען.

פעטראָניוס האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט עפּעס קנאה אין בליק.

— גליקלעכער! — האָט ער אויסגערופן — ווען די וועלט און דאָס לעבן זאָלן אפילו זיין, ווי צום ערגסטן, וואָלט איין זאַך געבליבן אייביק גוט — די יוגנט!

און אין אַ מינוט אַרום האָט ער געפרעגט:

— און דו האָסט איר גאָרנישט געזאָגט?

— אדרבה. קומענדיק עטוואָס צו זיך, האָב איך איר דער־ציילט, אַז איך קום ערשט צוריק פון אַזיען, אַז כ'האָב זיך אויס־געלענקט אַ האַנט הינטער דער שטאָט און האָב זייער שטאַרק געליטן, נאָר איצט, ווען ס'קומט מיר אויס צו פאַרלאָזן דאָס גאַסט־פריינטלעכע הויז — זע איך ערשט, אַז די ליידן מיינע דאָ זע־נען אָנגענעמער, ווי ערגעץ אַנדערש פריידן און מיין קראַנקהייט דאָ איז מיר ליבער, ווי ערגעץ אַנדערש געזונט. זי האָט אויסגע־הערט מיינע ווערטער אויף אַ צעמישטע, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און געצייכנט עפּעס מיט דער ווערבע אויפן זאַמד. דערנאָך האָט זי אומגעריכט אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטון דאָ אויפן זאַמד, דאָ אויף מיר, ווי זי וואָלט עפּעס געפרעגט. און פּלוצלינג איז זי אַנטלאָפן, ווי האַמאַדריאַדאַ פאַרן נאַרישן פאַן.

— זי האָט געוויס שיינע אויגן?

— ווי דער ים. און כ'בין אין זיי דערטרונקען געוואָרן ווי אין ים. גלויב מיר, אַז דער אַרכיפּעלאָג איז ווייניקער בלוי. אין אַ סעקונדע אַרום איז דער קליינער פּלויציוס געקומען צולויפן און האָט מיך עפּעס געפרעגט, נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— אָ, אַטענע! — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן — נעם אַראָפּ דאָס פאַרבלענדעניש מיט וועלכן עראָס האָט דעם יונגל די אויגן פאַרבונדן, וואָרים ער וועט זיך נאָך דעם קאָפּ צעש מעטערן אָן די זיילן פון ווענוסעס טעמפּל.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו וויניציוּשן:

— אָ, די פריילינגס-קנאָספ אויפן לעבנס-בוים, די יונג, גרין צווייגל פון ווייַנשטאָק! אַנשטאָט צו פּלויציוסן, וואָלט איך באַדאַרפט הייסן דיך אַוועקטראָגן צו געלאַציוסן, אין שול פאַר נאָך נישט רייפע יונגלעך.

— וואָס ווילסטו דען פון מיר?

— און וואָס האָט זי געצייכנט אויפן זאַמד? צי נישט אַמאָל אַמאָרס נאָמען, אָדער אַן אַדורכגעלעכערט האַרץ פון זיינע פיילן, אָדער נאָך עפעס ענלעכעס, פון וועלכן דו וואָלסט זיך געקענט דערוויסן, צי די סאַטירן האָבן שוין דער נימפע איינגערוימט אין אירע פאַרשידענע סודות פון לעבן? ווי אַזוי האָסטו געקענט נישט אַ קוק טון אויף דעם, וואָס זי האָט געצייכנט אויפן זאַמד?

— כ'טראָג שוין לענגער אַ טאָגע, ווי דו מיינסט. — האָט וויניציוּש געענטפערט — און נאָך איידער דער קליינער פּלויציוס איז צוגעקומען, האָב איך פלייסיק באַקוקט די צייכנס, דען איך ווייס דאָך גוט, אַז אין גריכנלאַנד און אין רוים צייכענען די מיידלעך אויפן זאַמד זייערע ליבעס-דערקלערונגען, וועלכע זיי ווילן נישט געבן מינדלעך. טרעף-זשע, וואָס זי האָט געצייכנט?

— אויב נישט דאָס, וואָס כ'האָב פריִער געזאָגט, וועל איך שוין נישט טרעפן.

— אַ פיש.

— וואָס זאָגסטו?

— אַ פיש. צי האָט דאָס געוואָלט באַדייטן, אַז אין אירע אָדערן פ סט נאָך קאַלט בלוט? — כ'ווייס נישט. אָבער וואָס דו האָסט מיך אָקאָרשט אָנגערופן פריילינג-קנאָספ אויפן לעבנס-בוים, וועסטו, זיכער, דעם צייכן בעסער פאַרשטיין.

— קאָריסימע? דאָס פרעג גלייכער פליניוסן. ער קען זיך אויף פיש. ווען דער אַלטער אַפּיציוס וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער דיר אפשר אויך געקענט עפעס זאָגן וועגן דעם, וואָרים ער האָט אין זיין לעבן אויפגעגעסן מער פיש, וויפיל עס קען אַריין אין נעאַפּאָלער ים-אויסגוס.

דאָ איז זייער ווייטערדיקער שמועס איבערגעריסן געוואָרן,

מחמת זיי זענען אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אין געדיכטע, רוישיקע גאַסן, וואָס עס האָט זיי געשטערט צו רעדן. דורך היקוס-אַפּאַליטוס זענען זיי אַרונטער אויף פאָרום ראָמאַנום, וווּהין די ליידיקגייערישע פוילע באַפעלקערונג פלעגט קומען אין שיינע טעג, פאַר זונען-אונטערגאַנג, שפּאַצירן צווישן די זיילן, דערציילן און הערן נייעס, אָפּוואַרטן לעקטיקעס מיט באַרימטע פּערזענלעכקייטן, באַקוקן די גאָלד-קראָמען, בוכהאַנדלונגען, וועקסל-שטובן, גאַלאַנטעריי, בראָנז און אַנדערע געשעפטן, וועלכע זענען געווען לרוב און די הייזער, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם טייל מאַרק, אַנטקעגן דעם קאַפּיטאָל. דער טייל פאָרום, וועלכער האָט זיך געפונען האַרט אונטער די שלאָס-בויגנס איז שוין געווען געהילט אין געדיכטן שאָטן, דערפאַר אָבער האָבן זיך די זיילן, העכער אויפן טעמפּעל, נאָך געגילדט אין זון-שיין און אין הימל-בלויקייט. די זיילן ווידער, וועלכע האָבן זיך געפונען נידעריקער, האָבן געוואָרפן לאַנגע שאָטנס אויף די מאַרמאָרנע טאַפלען פון ברוק. זיילן זענען דאָ געווען אַזוי פיל, אַז דער בליק האָט זיך צווישן זיי פאַרלוירן, ווי אין אַ וואַלד, עס האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די געבייַדעס און די זיילן איז אַזש ענג לעבן זיך, זיי האָבן זיך געהויבן איינע אויף די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע, האָבן זיך געצויגן אויף רעכטס און אויף לינקס, האָבן זיך געדראַפּעט אויף די הויכקייטן, האָבן זיך געטוליעט צו די שלאָס-מויערן, אָדער איינע צו די אַנדערע, ענלעך צו גרעסערע און קלענערע, גרעבערע און דינערע, גאָלדענע און ווייסע בוים-שטאַמען, טייל ווי אַרויסגעוואַקסן פון אונטער אַרכי-גראַזן, אַקאַנט-בלומען, טייל געוויקלט אין יאָנישע הערנער, טייל פאַרענדיקט מיט אַ געווייַנטלעכן דאָרישן קוואַדראַט.

איבער דעם וואַלד זיילן האָבן געשעמערירט פאַרביקע טריגליפן פון צווישן טומפּאַנען. האָבן אַרויסגעקוקט געשניצטע סטאַטוען פון געטער און גאָלדן-באַפליגלטע מלאכים-געשטאַלטן אויף די דעכער, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן אָפּפליִען אין דער הימל-בלויקייט, וועלכע האָט זיך אַזוי רויִק געשפּרייט איבער דער שטאָט פול מיט טעמפּלען.

אין מיטן מאַרק און אין די זייטן האָבן זיך געצויגן שטראָ־
מען מענטשן, גרופּעסווייז האָט מען געשפּאַצירט אונטער די בויגנס
פון יוליוס־צעזאַרס באַזיליק, טייל זענען געזעסן אויף די טרעפּ
פון קאַסטאָר און פּאָלוקס, אַנדערע האָבן זיך געדרייט אַרום דעם
טעמפּל פון וועסטא, אַזוי, אַז אויף דעם פּאַן פון די מאַרמאָר־טאָפּ־
לען, האָבן זיי אויסגעזען, ווי מחנות פאַרשידנפאַרביקע זומער־פּיי־
געלעך אָדער זשוקעס. העכער אַרויף אין דער זייט פון טעמפּל
„יופּיטער אָפּטימאָ מאַקסימאָ" האָט זיך פון די ריזיקע טרעפּ גע־
צויגן אַ נייער שטראָם מענטשן.

לעבן ראָסטראַך האָט אַ המון זיך צוגעהערט צו באַליבטע
רעדנער. אומעטום האָבן געהילכט אויסרופן און געשרייען פון הענד־
לער און סוחרים פון פּרוכטן, וויין, אָדער וואַסער געמישט מיט
פייגן־זאַפט, פון שווינדלער, וואָס רעקאָמענדירן זייערע וונדערלע־
כע רפואות, טרעפערס, אַנטדעקער פון באַהאַלטענע אוצרות און
פּותר־חלומניקעס, וואו־נישט־וואו האָט זיך אינם געטומל פון געשפּרעכן
און אויכרופן געהערט קלאַנגען פון סיסטרען, עגיפּטישע סאַמבוקן,
אָדער גריכישע פלייטן, דאָרט ווייטער האָבן פרומע חולאים, אָדער
אבלים געטראָגן קרבנות אין די טעמפּלען אַריין. צווישן די מענטשן,
אויף די שטיינערנע טאָפּלען זענען זיך צונויפגעפלויגן, ווי טויב־
קעלע און פאַרביקע פלעקן, מחנות טויבן צו כאַפּן די פאַרשיטע
קערנער פון די קרבנות, דאָ אַרויספליענדיק הויך מיט אַ פליגל־
פּאָכעריי און דאָ צוריק־אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די פון מענטשן
ליידיקע ערטער.

פון צייט צו צייט האָט דער המון זיך אָפּגערוקט און גע־
מאַכט פּלאַץ פאַר די לעקטיקעס אין וועלכע זיי האָבן דערזען
שיינע פרויען־געזיכטער, אָדער קעפּ פון סענאַטאָרן און פון קרי־
גער מיט פאַרהאַרטעוועטע און פאַרוועלקטע געזיכטס־שטריכן. אַ פאַר־
שידנשפּראַכיקער המון האָט אויפן קול אויסגערופן די נעמען זיי־
ערע צוזאַמען מיט עפּעס אַ צונאָמען, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן
שאַנד אָדער לויב. אָפט האָבן צווישן דער אומפאָרמיקער מאַסע,
דורכמאַרשירט מיט געמאָסטענע טריט אָפּטיילונגען לעגיאָנען
אָדער מיליציאַנטן, וועלכע היטן די אָרדנונג אין די גאַסן. די

גריכישע שפראַך האָט זיך דאָ געהערט אַזוי אָפט, ווי די לאַטײ־
נישע.

וויניציוש, וועלכער איז שוין לאַנג נישט געווען אין שטאָט,
האָט גײַגיריק באַטראַכט דעם מענטשן־געדראַנג אויף דעם־
ראַזיקן פאָרום ראָמאַנום, וועלכער הערשט און איז גלײַכצײַטיק
אַלײן באַהערשט פון דעראָזיקער פרעמדער מענטשן־מאַסע פון
גאַר דער וועלט און פעטראָניוס, וועלכער האָט פאַר שטאַנען זײַנע
געדאַנקן האָט דעם פאָרום טרעפלעך אָנגערופן דער קוויריטן־
נעסט — אָן קוויריטן" און באמת האָט זיך דער אָרטיקער רוימי־
שער עלעמענט כמעט פאַרלוירן אין דער מאַסע, וועלכע איז באַ־
שטאַנען פון אַלע מעגלעכע ראַסען און פעלקער. מ'האָט דאָ גע־
קענט זען שוואַרצע אַבעסינער, ריזיקע בלאָנדע מענטשן פון ווײַט־
צפון, בריטאַנער גאַללען און גערמאַנער, קרומאויגיקע אײַנוווי־
נער פון סעריקום, מענטשן פון לעבן פרת און פון לעבן אינדוס
מיט בערד געפאַרבט אויף ציגל־קאָליר. סיריער פון אָראָנט מיט
שוואַרצע, ליבע, מילדע אויגן, טרוקן אויסגעדאַרטע אײַנוווינער פון
די אַראַבישע מדבריות, ייִדן מיט אײַנגעפאַלענע ברוסטן, עגיפּטער
מיטן אײביק קאַלטן שמייכל אויף די געזיכטער, נומידן, אַפרען,
גריכן פון העלאַדע, וועלכע האָבן גלײַך מיט די רוימער באַהערשט
די שטאָט צוליב זייער וויסנשאַפט, קונסט, פאַרשטאַנד און גע־
שיקטקייט, גריכן פון די קאָלאָניעס, פון קליין־אַזיען פון עגיפּטן,
פון איטאַליען און פון נאַרבאָן־גאַליען. צווישן די פיל שקלאַפן
מיט געלעכערטע אויערן האָבן זיך אויך געבוג געפונען פילע פרײַע
רוימער, וועלכע דער צעזאַר האָט געגערט, געוויילט און אפילו גע־
קליידט, אויך פרײַע צוגעפאָרענע פירגער וועלכע די גרויסע
שטאָט האָט צוגעצויגן מיט איר גרינג לעבן און מעגלעכקייטן רײַך
צו ווערן. עס זענען אויך געווען סוחרים און פריסטער פון סעראַ־
פּיס מיט פאַלמען־צווייגן אין די הענט און פריסטער פון איזידאַ,
אויף וועמענס מזבח עס זענען מער קרבנות געבראַכט געוואָרן, ווי
אין טעמפּל פון קאַפּיטאָלער יופּיטער; און פריסטער פון קיבאַלע,
וועלכע טראָגן גאָלדענע רייז־צווייגלעך אין די הענט און פריסטער
פון וואַנדערנדע וועג־געטער, און מזרח־טענצערינס אין פאַרביקע

פּיטרעס און קטיעות-פּאַרקויפער און שלאַנגען-באַצווינגער און כאַלדעי-
שע מאַגיקער, און ענדלעך אויך לײדיקגײער, װעלכע קומען יעדע
װאָך אין די טיבער-שפּײכלער גאָך תּבֿואה, פּלעגן זיך שלאָגן איבער
גורל-בילעטן אין צירק אַרײַן, װעלכע פֿאַרברענגען די נעכט אין
די כּסדר אײַנפֿאַלנדיקע הײַזער פֿון הינטערן טיבער-קװאַרטאַל,
און די שײנע טעג אין די קריפּטאָ פּאָרטיקן, אין די שמוציקע סובו-
רער גאָרקיכן, אויף דער מילוויוס-בּרוק, אָדער פֿאַר די רײַכע אינסו-
לאַס, װוּ מ'פֿלעגט זײ פֿון צײַט צו צײַט אַרויסװאַרפֿן שירײַם פֿון
שקלאַפֿן-טיש.

פּעטראָניוס איז דעם המון געװען גוט באַקאַנט, װיניציוש
האָט געהערט אומאויפֿהערלעכע אויסרופֿן: Hie est! „דאָס איז
ער!" — ער איז געװען באַליבט פֿאַר זײַן פֿזרנות, איבערהויפּט
איז זײַן פּאָפּולערקײט געװאַקסן פֿון דער צײַט אָן, װען אַלע האָבן
זיך דערװוּסט, אַז ער האָט געװירקט אויפֿן צעזאָר אָפּצורופֿן דעם
טויט-משפּט, װאָס איז אַרויסגעגעבן געװאָרן אויף אַ גאַנצע „פֿאַ-
מיליאַ", דאָס הײסט, אויף אַלע שקלאַפֿן פֿון פּרעפֿעקט פּעדאַניוס
סעקונדא, אָן אונטערשײד פֿון געשלעכט און עלטער, דערפֿאַר,
װאָס אײנער פֿון זײ האָט אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצװײפֿלונג דער-
הרגעט דעמדאָזיקן טיראַן. פּעטראָניוס האָט דאַן אָפֿן געזאָגט, אַז
ער איז פֿון דער געשיכטע גאַנץ װײניק גערירט און אַז ער האָט
גאָר גערעדט װעגן דעם מיטן צעזאָר אויס פּריװאַטע מאָטיװן:
אַלס אַרביטר עלעגאַנטיאַרום, װעמענס עסטעטישע געפֿילן ס'זײַנען
באַלײדיקט פֿון אַזאַ באַרבאַרישע שחיטה, װעלכע פּאַסט פֿאַר סקיטן,
נישט פֿאַר רוימער, אָבער דאָס פֿאָלק, אויפֿגערעגט פֿון דעם
אַרויזאָמען משפּט, האָט נישט אויפֿגעהערט ליב צו האָבן דערפֿאַר
פּעטראָניוסן.

ער אָבער, האָט אַפֿילו קײן אַכט נישט געלײגט דערויף,
ער האָט גוט געדענקט, אַז דאָס זעלבע פֿאָלק האָט אויך ליב גע-
האַט בריטאַניקן, װעלכן נעראָן האָט פֿאַרסמט און אַגריפּינען, װעל-
כע ער האָט געהײסן אומברענגען און אָקטאַװיען, װעלכע מ'האָט
אין פּאַנדאַטיריע דערשטיקט, איבערשנײַדנדיק איר פֿריער די
אָדערן אין הײסן דאַמף, און רובעליוס פּלויטן, װעלכער איז כּסדר

אין גלות און טראַצעאַסן, וועלכער ריכט זיך יעדן טאָג אויף א טויט-משפט. די ליבע פון פאָלק האָט מען גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ שלעכטן סימן. פּעטראָניוס דער סקעפּטיקער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַן אַבערגלויבער. צום המון האָט ער געהאַט אַ טאָפּלטע פאַראַכטונג: אַלס אַריסטאָקראַט און אַלס עסטעט. מענטשן, פון וועלכע מ'שפּירט געבראָטענע אַרבעס, וואָס זיי האָבן פול אין די בוזעמס, וועלכע זענען שטענדיק הייזעריק און דערשוויצט פון שפּילן אין מאָרע אויף די גאַסן-ראָגעס, האָבן ביי אים אין די אויגן נישט פאַרדינט דעם נאָמען מענטש.

נישט ענטפערנדיק דעריבער, נישט אויף די אָוואַציעס, נישט אויף די לופט-קושן, וועלכע מ'האָט אים פון אַלע זייטן צוגעוואָרפן, האָט ער ווייטער גאַנץ גלייכגילטיק דערציילט מאַרקוסן וועגן דער געשעעניש מיט פּעטראָניוסן, חוזק מאַכנדיק דערביי פון דעם לייכטזיניקן גאַסן-פּעבעל, וועלכער האָט צומאָרגנס נאָך דער אַלגעמיינער אויפרעגונג אַפּלאָדירט נעראָנען, ווען ער איז דורכגעפאָרן צום טעמפּל יופּיטער סטאַטאָר. ענדלעך, האָט ער ביי אַווירונוסעס בוכהאַנדל געהייסן זיך אָפּשטעלן און אויסשטייגנדיק, איז ער אַריין און געקויפט אַ שיין באַפּוצטן כתב-יד, וועלכן ער האָט געגעבן וויניציושן.

— דאָס איז פאַר דיר אַ מתנה, — האָט ער געזאָגט.

— אַ דאַנק! — האָט וויניציוש געענטפערט, און כאַפּנדיק אַ קוק אויפן טיטול, האָט ער געפרעגט:

— „סאַטיריקאָן“? גאָר אַ נייעס. ווער איז דער אויטאָר?

— איך. אָבער איך וועל זיך נישט אַזוי באַנאַריש, ווי רופינוס, וועמענס געשיכטע כ'האָב דיר געוואָלט דערציילן, אָדער ווי פאַבריציוס וועיענט, דעריבער ווייסט קיינער דערפון נישט און דו זאָלסט דאָס אויך קיינעם נישט זאָגן.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו שרייבסט נישט קיין לידער — האָט וויניציוש געזאָגט, אַרייַנקוקנדיק אין מאַנוסקריפּט — און איך זע דאָ צווישן דער פּראָזע פיל פּאָעזיע.

— זיי גאָר דאָרט אויפמערקזאַם ביים לעזן אויף דעם „מאָלצייט ביי טרומאַכיאָן“. וואָס שייך די לידער — זענען זיי מיר גאָר

גמאס געטהאַרן, צייט געראַן שרייבט עפּאָס. וואָריס, ועסטו, וויטעליוש, אַז ער וויל צופּגעבן פון מאָגן שטעקט ער העלפאַנטביינדלעך זיך טיף אין האַלדז, אַנדערע באַנוצן פלאַמינגער פּעדערן מיט בוימאייל, אַדער מיט אויסגעבריטע בלעטער, איך אָבער באַנוץ צו דעם צוועק נעראָנס פּאָעזיע, כ׳לעז זי ספּעציעל דורך און כ׳זאָג דיר — דער רעזולטאַט איז אויגנבליקלעך! כ׳קען דערנאָך זיין פּאָעזיע גאַנץ אויפריכטיק לויבן, אפשר נישט מיט קיין ריין געוויסן, אָבער דערפאַר מיט אַ ריינעם מאָגן.

ביי די וועדטער האָט זיך די לעקטיקע אָפּגעשטעלט פאַר דעם יובעליר אידאָמען און, דערליידיקנדיק וועגן די געממעס, האָט פּעטראָניוס געהייסן טראָגן די לעקטיקע גלייך צו אוילוסן.

— איבערן וועג וועל איך דיר, אַלס באַווייז, וואָס עס איז אויגס שריפטשטעלערישע אייגנליבע, דערציילן די געשיכטע מיט רופונוסן — האָט ער געזאָגט.

נאָר נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, האָבן זיי זיך אַרונטערגעדרייט אויף וויקוס-פּאַטריציוס און באַלד האָבן זיי זיך געפונען פאַר אוילוסעס הויז.

אַ יונגער, העלדישער יאַניטאָר האָט פאַר זיי געעפנט די טיר, וואָס פירט אין אָסטיום, ווו אַ פויגל אין אַ שטייג האָט זיי איך באַגריסט מיטן וואָרט „סאַלווע!"

גייענדיק איבערן קאָרידאָר צום אַטריום, האָט וויניציוש געזאָגט:

— דו האָסט באַמערקט, אַז דער דינער ביי דער טיר טראָגט דאָ נישט קיין קייטן?

— דאָס איז אַ פלאַדיק הויז — האָט פּעטראָניוס שטיל געענטפערט. — דו ווייסט, מסתמא, אַז פּאָמפּאָניע גרעציניען האָט מען חשד געהאַט אין אָנערקענען עפּעס אַ מזרח-גלויבן, וועלכעס באַשטייט אין פאַרהייליקן אייגעם אַ כרעסטאָס. מ׳ר דאַכט זיך, אַז דער חשד אויף איר שטאַמט פון קריספּינילאַ, וועלכער קען איר נישט מוחל זיין דאָס, וואָס זי באַגנוגנט זיך מיט איין מאַן ס׳גאַנצע לעבן. — אוניווירא!... דאָס איז היינט אין רוים אַ גרעסערע

זעלטנהייט, איידער נאָריקומער רייז. זי איז דאַמאָלס געמשפּט געוואָרן אין אַ הויז־געריכט.

— ס'איז אמת, דאָס איז באמת אַ פּלאַדיק הויז. שפּעטער וועל איך דיר דערציילן, וואָס איך האָב דאָ אַלץ געהערט און געזען.

זיי זענען דערווייל אַריינגעקומען און אַטריום. דער עלטסטער שקלאַף, וועלכן מ'רופט „אַטריענסיס", האָט געשיקט דעם באַמענקולאַטאָר צו מעלדן די געסט. דערווייל האָבן די דינער זיי אונטערגערוקט שטולן צום זיצן און אונטערגעשטעלט בענקלעך אונטער זייערע פיס. פּעטראָניוס, וועלכער האָט זיך תמיד פאַרגעשטעלט, אַז אין דעמדאָזיקן שטרענגן הויז הערשט אַן אייביקער טרויער און איז מחמת דעם קיינמאָל דאָ אַהער ניט געקומען צו באַזוך, האָט זיך איצט אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג און אַנטוישונג. דען דאָס אַטריום האָט געמאַכט אַ גאַנץ פריילעכן איינדרוק. פונדערהייך איז דורך אַ גרויסער עפענונג אַריינגעפאַלן אַ שטראָם העל־ליכט, וואָס האָט זיך אין פאָנטאַן־וואַסער געבראָכן אין טויזנטער פונקען. דער פירעקקער באַסיין מיט דעם פאָנטאַן אינמיטן, וועלכער איז באַשטימט געווען צו זאַמלען דאָס רעגן־וואַסער, וואָס פאַלט אַריין דורך דער אייבערשטער עפענונג און וועלכער הייסט אימפּלומפּיום, איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַנעמאָנען און ליליען. אין דעם הויז האָט מען, ווי ס'ווייזט אויס, באַזונדערס ליב געהאַט ליליען, דען זיי זענען דאָ געווען זייער פיל; ווייסע, רויטע און אויך שאַפּירענע איריסן מיט זייערע צאַרטע בלעטלעך, ווי באַזילבערט פון וואַסער־שטויב. פון צווישן די נאַסע גראָזן, ווו עס זענען געשטאַנען בלומען־טעפּ מיט ליליען און פון צווישן די בוקעטן־בלעטער האָבן אַרויסגעקוקט בראָנזענע סטאַטועלעך פון קינדער און וואַסער־פייגל. אין איין זייט האָט אַ יונגע הירשין פון בראָנז, אויסגעשטרעקט איר גרינלעכן קאָפּ, וועלכער איז פון וואַסער־שטויב שניי־ווייס געוואָרן, צום וואַסער, ווי זי וואָלט געוואָלט טרינקען. דער מאָזאַיק באָדן אין אַטריום און די ווענט, טיילווייז באַדעקט מיט רויטן מאַרמאָר און טיילווייז באַמאָלט מיט ביימער, פיש, פייגל,

האָבן גערייצט דאָס אויג מיט זייער פאַרבן שפּיל. די טירן צו די זייטיקע צימערן זענען באַפּוצט געווען מיט שילדקרעט אָדער העלפאַנט־ביין, צווישן די טירן זענען געשטאַנען סטאַטועס פון אוילוסעס עלטערן. פון יעדן ווינקעלע דאָ איז צו דערקענען אַ רויק און צופרידן לעבן, ווייט פון לוקסוס, אָבער פיין און געזיכערט

פעטראָניוס, וועלכער האָט געהאַט אַ פיל פּראַקטיקערע און געשמאַקפולערע ווירקונג, האָט דאָ, פונדעסטוועגן, נישט באַמערקט קיין איינאיינציקע זאַך, וועלכע זאָל שאַקירן זיין געשמאַק. און ער האָט וועגן דעם געווען אויפמערקזאַם מאַכן וויניציושן, ווי אַ שקלאַף אַ „וועלאַריוש" האָט אָפּגערוקט די פאָרהאַנג, וועלכע טיילט אָפּ דאָס אַטריום פון טאַבליניום און אין הינטערגרונט האָבן זיי דערזען דעם גיך אָנקומענדיקן אוילוס פּלויציוס.

דאָס איז געווען אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן, זיין קאָפּ שוין מיט ווייסן טוי, פון דער עלטער, באַדעקט, אַ פעסטער מיט ענערגישע, עטוואָס צו קורצע, עגלעך צו אָדלערישע געזיכטס־שטריכן. איצט איז אויף זיין געזיכט געווען צו זען אַ געוויסע פאַרוווּנדערונג און אפילו אומרו צוליב דעם אומדערוואַרטעטן באַזוך פון נעראָנס חבר, פריינט און בעל־סוד.

פעטראָניוס איז אָבער געווען אַ צופיל דערגאַנגענער און קלוגער מענטש, ער זאָל דאָס נישט באַמערקן. ער האָט דעריבער, באַלד נאָך די ערשטע באַגריסונגען, גאַנץ פריי און דייטלעך, ווי זיין שטייגער איז, פאַרזיכערט אוילוסן, אַז ער איז נאָר געקומען אים דאַנקען פאַר דער שוץ, וועלכע זיין שוועסטערן־זון, וויניציוש, האָט אין דעם הויז געפינען און אַז בלויז דאַנקבאַרקייט איז די סיבה פון זיין באַזוך, אויף וועלכן ער האָט, איבעריקענס, אַ רעכט צוליב זיינע אַלטע באַקאַנטשאַפט מיט אוילוסן.

אוילוס ווידער, האָט אים, פון זיין זייט, פאַרזיכערט, אַז ער זעט אין אים אַ ליבן גאַסט און וואָס אַנבאַלאַנגט דאַנקבאַרקייט איז ער, אדרבה, גאָר דאָס שולדיק פעטראָניוסן, כאָטש פעטראָניוס וועט זיך זיכער נישט דערמאָנען פאַרוואָס.

פעטראָניוס האָט זיך באמת גאָרנישט געקענט דערמאָנען,

אומויסט האָט ער אויפגעהויבן זיינע ברוינע אויגן אינדעווהייך און זיך באַמיט צו דערמאַנען די מינדסטע טובה, וועלכע ער האָט אַמאָל געזאָלט האָבן געטון אוילוכן, אָדער ווער עמען אַנדערש — ער האָט זיך גאָרנישט דערמאַנט, סיידן די טובה, וועלכע ער האָט ערשט געוואָלט טון וויניציושן. נישט ווילנדיק, קען זיין, האָט זיך עפּעס אַזוינס געטראָפן, אָבער נאָר, נישט ווילנדיק.

— איך ליב און שעץ זייער אספּסינוסן — האָט אוילוס געזאָגט — וועלכן דו האָסט דאָס לעבן געראַטעוועט, ווען אים האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפן אַנטשלאָפן צו ווערן בשעתן הערן דעם צעזאַרס פּאָעזיע.

— אַ גליק האָט אים געטראָפן — האָט פּעטראָניוס געענטפערט — נאָר כ׳וועל נישט לייקענען, אַז דאָס וואָלט זיך געקענט ענדיקן מיט אַן אומגליק, די געלע באָרד האָט אים דורכויס געוואָלט צושיקן דעם צענטוריאָן מיט אַ פריינטלעכן פאָרשלאָג, ער זאָל זיך אַליין די אָדערן איבערשניידן.

— און דו, פּעטראָניוס, האָסט אים אויסגעלאַכט.

— געוויס. אָדער נאָך בעסער: כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אויב אָרפעאוס האָט געקענט מיט לידער איינשלעפערן די ווילדע חיות איז זיין טריומף אויך נישט קלענער, אויב ער האָט געקענט איינשלעפערן אספּסינוסן. אהענאָבאַרבן קען מען באַליידיקן נאָר מיט דעם באַדינג, אַז אין דער קלענער באַליידיקונג, זאָל זיך געפינען אַ גרויסע מאָס חניפה. אונדזער ליבע אויגוסטאַ פּאָפּעאַ פאַרשטייט דאָס אויסגעצייכנט.

— עס זענען שוין, ליידער, היינט אַזעלכע צייטן — האָט אוילוס געענטפערט. — פון פאָרנט פעלן מיר צוויי ציין, אויסגעהאַקט דורך אַ שטיין, וועלכן בריטאַן האָט געשליידערט, צוליב וואָס מיין אויסשפּראַך איז אַ פייפנדיקע. און דאָך האָב איך די גליקלעכסטע מאָמענטן אין מיין לעבן געהאַט אין בריטאַניען.

— ווייל זיי זענען געווען זיגערישע — האָט וויניציוש באַמערקט.

פּעטראָניוס אָבער, שרעקנדיק זיך, דער אַלטער קריגער זאָל נישט אָנהייבן דערציילן פון זיינע פאַרצייטישע מלחמות, האָט גיך

געביטן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש: — מ׳דערציילט, אַז די קאַלאָניסטן פון פּראַענעסטע האָבן געפונען אַ טויט ניגעבוירן וועלפל מיט צוויי קעפּ. און בשעת דעם אייערנעכטיקן געוויטער האָט אַ דונער אַראָפּגעריסן אַ געזימס פון לונאַס טעמפּל, וועלכעס איז, נעמענדיק אין אַכט דעם שפּעטן האַרבסט, אַ זעלטענע דערשיינונג. אַ געוויסער קאַטאָ, וועלכער האָט אים דאָס דערציילט האָט אויך צוגעגעבן, אַז די פּריסטער פון דעמזעלבן טעמפּל האָבן מחמת דעם פאָרויסגעזאָגט דעם חורבן פון דער שטאָט, אָדער לכל-הפּחות, דעם חורבן פון אַ וויכטיקער געביידע, וועלכעס מ׳וועט נאָר מיט גאָר גרויסע קרבנות קענען אָפּהאַלטן.

אוילוס האָט אויסהערנדיק די נייעסן געזאָגט זיין מיינונג, אַז אַזעלכע סימנים טאָר מען, פונדעסטוועגן, נישט גרינגשעצן, אַז די געטער, קען זיין, זענען בייז צוליב די פולע רציחות, וועלכע מערן זיך אין שטאָט, אין דעם איז גאָר קיין אויסערגעוויינטלעכס נישטאָ. קרבנות זענען דאָ זייער אויפן אָרט.

פּעטראָניוס האָט דערויף געענטפערט:

— דיין הויז, פּלויציוס, איז נישט גענוג גרויס, כאָטש אַ גרויסער מענטש וווינט דערין, מיין הויז ווידער איז, אמת, אַ ביסל צו גרויס פאַר זיין נישטיקן בעל-הבית, אָבער דאָך גענוג קליין פאַר דער נבואה. אויב-זשע ס׳גייט נאָר וועגן דעם חורבן פון אַזאַ גרויס הויז, ווי למשל „דאָמוס טראַנסיטאָריאַ״ — טאָ צי לוינט זיך גאָר צו ברענגען קרבנות אום דאָס אָפּצוהאַלטן.

אויף דער פראַגע האָט פּלויציוס גאָרנישט געענטפערט. אָבער פּעטראָניוס האָט זיך געפילט באַליידיקט פון אַזאַ פאַרויכטיקייט, דען טראָץ דעם, וואָס אים האָט געפעלט דער זין פאַר גוטע און שלעכטע מעשים, איז ער דאָך קיינמאָל קיין מסור נישט געווען און מ׳האָט פאַר אים געקענט גאַנץ פריי רעדן. ער האָט דעריבער ווידער געביטן דעם שמועס און האָט גענומען לויבן פּלויציוסעס וווינונג און דעם גוטן געשמאַק, וואָס הערשט דאָ.

— דאָס איז שוין זייער אַן אַלטע נחלה — האָט פּלויציוס געזאָגט — אין וועלכער כ׳האָב נאָך גאָרנישט געענדערט פון דער צייט אָן, וואָס כ׳האָב עס געירשנט.

צוליב דעם, וואָס די פאָרהאַנג, וועלכע טיילט אָפּ דאָס אַטריום פון טאַבליניום איז געווען אָפּגערוקט, איז דאָס הויז געווען אָפן דורך און דורך, אַזוי, אַז דורך דעם טאַבליניום און דערנאָך דורך דעם פעריסטיל און דעם דערלעבנדיקן זאַל האָט מען געקענט אַרויסקוקן אין גאָרטן אַריין, וועלכער האָט פונדערווייטנס אַריינגעלויכטן און אויסגעזען, ווי אַ ליכטיק בילד אין אַ שוואַרצער ראַם. אין אַטריום אַריין האָבן זיך פון גאָרטן דערטראָגן פריילעכע קינדערישע געלעכטערס.

— אָך, קריגער, — האָט פעטראָניוס געזאָגט — דערלויב אונדז הערן פון גאַנט אָט דאָס אויפריכטיקע קלאָרע געלעכטער, וועלכעס איז היינט אַזוי זעלטן צו הערן.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט פלויציוס געענטפערט. אויפשטייענדיק — דאָס שפילט זיך מיין קליינער אוילויס מיט ליגיען אין באַלן. נאָר וואָס שייך דעם געלעכטער, דענק איך, פעטראָניוס, אַז דיין גאַנץ לעבן גייט דיר אַוועק מיט דעם.

— דאָס לעבן איז אַ געלעכטער ווערט, דערום לאַך איך! — האָט פעטראָניוס געענטפערט. — דאָ אָבער קלינגט דאָס געלעכטער גאַנץ אַנדערש.

— פעטראָניוס, — האָט וויניציוש באַמערקט, — לאַכט איבעריקנס, נישט גאַנצע טעג, נאָר גיכער, גאַנצע נעכט.

אַזוי שמועסנדיק, זענען זיי דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פונם הויז און זענען אַריינגעקומען אין גאָרטן, וווּ ליגיע און דער קליינער אוילוס האָבן געשפּילט אין באַלנס, וועלכע ספּעציעל באַשטימטע שקלאַפן, א. ג. „ספעריסטאַע” האָבן יעדעס מאָל צונויפגעקליבן און דערלאַנגט זיי אין די הענט אַריין.

פעטראָניוס האָט געוואָרפן שנעלע בליקן אויף ליגיען. דערזעענדיק וויניציושן, איז דער קליינער אוילוס צו אים צוגעלאָפן און אים באַגריסט, וויניציוש ווידער האָט, פאַרבייגייענדיק, געבויגן דעם קאָפּ פאַר דעם שיינעם מיידל, וועלכע איז איצט געשטאַנען מיטן באַל אין דער האַנט, מיט עטוואָס צעלאָזטע האָר, דערהיצט און פאַרויטלט.

אין גאָרטן־טריקליניום אָבער, וואָס האָט זיך געפונען אין שאָטן פון בליטשש, ווייַנשטאָק און בלעטער איז געזעסן פּאָמפּאָניע גריצינע. זיי זענען דעריבער אַהינגעגאַנגען זי באַגריסן. פּעטראָניוס האָט זי גוט געקענט, כאָטש ער פלעגט קיינמאָל נישט קומען צו פלויציוסן אין הויז. ער פלעגט זי טרעפן ביי אַנטוסטען, רובעליוס פלויטנס טאָכטער, אויך ביי סענעקאן און ביי פּאָליאָנען. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט בייַשטיין אַ געפיל פון יראת־הכבוד, וואָס פלעגט אים באַהערשן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזען איר צאַרט־אומעטיק, אָבער רויִק געזיכט. דאָס צאַרטקייט פון איר געשטאַלט, באַוועגונגען און רייד. פּאָמפּאָניע האָט אַזוי ווייט אַריינגעבראַכט אַ צעמישונג אין זייַנע באַגריפן וועגן פרויען, אַז אָט דער, ביז צום ביין פאַרדאָרבענער מענטש, וועלכער איז אַזוי זיכער מיט זיך, ווי נאָך קיין מענטש אין רוים, האָט נישט נאָר דערפילט צו איר אַ געווויסע אַכטונג, נאָר ער האָט אפילו, כמעט, פאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך. אויך איצט, האָט ער, דאַנקענדיק איר פאַר איר השגחה אויף וויניציושן, ווי נישט ווילנדיק, אַריינגעוואָרפן אין די רייד דעם אויסדרוק „דאָמינאָ“, וועלכער איז אים קיינמאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען, ווען ער פלעגט אַ שטייגער רעדן מיט קאַלוויאַ, קריספּאָנילי, סקריבאָניאַ, וואַלאַריאַ, סאָלינאַ. און נאָך אַזעלכע פּאַטריצישע פרויען פון דער הויכער וועלט.

נאָכן באַגריסן און דאַנקען האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס ער זעט פּאָמפּאָניען אַזוי זעלטן, וואָס מ׳קען זי נישט טרעפן נישט אין צריק, נישט אין אַמפיטעאַטער. אויף וואָס, זי ווידער האָט אים, אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויפן מאַנס, רויִק געענטפערט:

— מיר קומען שוין אין דער עלטער און קריגן וואָס אַמאָל מער ליב אונדזער היימיש שטיל ווינקעלע.

פּעטראָניוס האָט איר געוואָלט דערווידערן, נאָר אוילוס פלויציוס האָט זיך אָנגערופן מיט זיין פייפנדיקער אויסשפּראַך:

— און וואָס ווייטער פילן מיר זיך פרעמדער צווישן מענטשן,

װעלכע רופן אונדזערע רוימישע געטער, אויך מיט גריכישע נעמען.

— די געטער זײַנען דאָך פון אַ געװיסער צײַט אָן געװאָרן נאָר רעטאָרישע פיגורן — האָט פּעטראָניוס קאַלטבלוטיק געענטפערט — און אַזוי, װי די רעטאָריק האָבן אונדז די גריכן געלערנט, מחמת דעם איז מיר אַליין אויך גרינגער צו זאָגן „העראַ", אײדער „יונאָ".

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך אומגעקוקט אויף פּאָמפּאָניען, װי, ער װאָלט געװאָלט דערמיט באַװײַזן, אַז אין איר קעגנװאַרט קומען אים נישט קיין אַנדערע געטינס אויפן געדאַנק, דערנאָך האָט ער גענומען אַרגומענטירן קעגן דעם, װאָס זי האָט אים פריִער געזאָגט װעגן איר עלטער: „מענטשן װערן, אמת, גיך אַלט, אָבער נאָר אַזעלכע מענטשן, װעלכע ליבן גאָר אַנדערש, װי זי, אַ הוץ דעם זײַנען פאַרהאַן געזיכטער, װאָס סאַטורן, דאַכט זיך, פאַרגעסט אין זײ". — פּעטראָניוס האָט דאָס געזאָגט מיט אַ געװיסער אויפריכטיקייט, װאָרים, כאָטש פּאָמפּאָניאַ גרעצינאַ איז שוין געװען נאָך די מיטל־יאָרן, האָט זי נאָך געהאַט אַן אומגעװײנטלעך פריש געזיכט, און אַזוי װי זי האָט געהאַט אַ קליין קעפּל און אַ קלײנענקע פּנימל, האָט זי דאָך, נישט קוקנדיק אויף אירע שװאַרצע קליידער, ערנסטקייט און אומעט, געמאַכט אַן אײַנדרוק פון נאָך גאָר אַ יונגע.

דערװײַל איז צו װיניציוּשן צוגעקומען דער קלײנער אױלוס, װעלכער איז מיט אים געװען גוט באַפרײַנדעט נאָך פון דער צײַט, װאָס ער האָט אין דעם הויז פאַרבראַכט, און האָט אים פאַרבעטן צו שפּילן אין באַלן. צוזאַמען מיטן יונגל איז אויך ליגיאַ אַרײַנגעקומען אין טריקליניום. הינטער דער בלעטער־פאָרהאַנג מיט די ליכט־פלעקן האָט זי זיך פּעטראָניוסן אויסגעװיזן פיל שענער, װי פריִער און ענלעך צו אַ נימפע און אַזוי װי ער האָט נאָך ביז איצט מיט איר נישט געהאַט גערעדט, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך פאַר איר פאַרנײגט, און אַנשטאָט די געװײנטלעכע באַגריסונגען, האָט ער אָנגעהויבן ציטירן די װערטער, מיט װעלכע אָדיסײ האָט באַגריסט נאַוזיקאַן:

„איך ווייס נישט, צי דו ביסט אַ געטין,
„צי אַ שטערבלעכע פרוי...
„נאָר אויב דו ביסט אַ באַווינערין פון ערדישן טאָל,
„זאָל געבענטשט זיין דיין פאָטער און מוטער מיטאַמאָל
„זאָלן געבענטשט זיין דיינע ברודער...״

אפילו פאַמפאַניען איז אויך געפעלן די ראַפינירטע אָנשטעלדיקייט פון אָט דעם וועלטס-מענטש. וואָס אַנבאַלאַנגט ליגיאַן, האָט זי אַ צעמישטע און פארוויטלטע געהאַרכט מיט אַראָפגעלאָזענע אויגן. נאָר ביסלעכווייז האָט אין אירע מויל-ווינקלען גענומען ציטערן אַ שטיפעריש שמייכעלע. אויף איר געזיכט איז געווען צו דערקענען אַ קאַמף צווישן מיידלישער שעמעוודיקייט און חשק צו ענטפערן. סוף כּל סוף האָט דאָס לעצטע גובר געווען, ווייל אַ קוק געבנדיק מיטאַמאָל אויף פעטראָניוסן, האָט זי אים אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער פון דער זעלבער נוזיקאַ, ציטערענדיק, אין איין אָטעם, ווי אַן איבערגעחזרטע לעקציע:

„נישט קיין קליינער מאַן ביסטו,
„און נישט קיין אומבאַדייטנדער קאָפּ!

און דערנאָך, אומדרייענדיק זיך, איז זי אַנטלאָפן, ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל.

פעטראָניוס איז געבליבן אַ פאַרוווּנדערטער. דען ער האָט זיך נישט געריכט צוהערן האָמערס פּאָעזיע אין מויל פון אַ מיידל, וועגן וועלכערס באַרבאַרישער אָפּשטאַמונג וויניציוס האָט אים פריער דערציילט. ער האָט אַ קוק געטון אויף פאָמפּאָניען מיט אַ פראַגע-צייכן, נאָר זי האָט אים גאָרנישט געקענט ענטפערן, ווייל זי האָט אין דער רגע גראַד געקוקט מיט אַ שמייכעלע אויפן אַלטן אוילוסעס געזיכט, וואָס האָט געשפּילט מיט גליק און שטאָלץ.

דער אַלטער האָט זיין שטאָלץ נישט געקענט באַהאַלטן קודם כּל דערפאַר, וואָס ער איז צו ליגיאַן געווען צוגעבונדן, ווי צו אַן אייגן קינד און, צווייטנס, ווייל נישט קוקנדיק אויף זיינע אַלט רוימישע איבערצייגונגען, וועלכע האָבן אים געהייסן פּראָ-

ייקן קעגן דעם גריכנטום און זיין פאַרשפּרייטונג אין רוים, האָט ער דאָס דאָך באַטראַכט פאַר דער העכסטער פיינקייט אין געזעלשאַפט, וועלכע ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט גוט אויסלערנען, צוליב וואָס ער האָט אגב שטילערהייט געליטן. ער האָט זיך דעריבער אַצינד געפרייט, וואָס אָט דער בכבודיקער מענטש און שריפטשטעלער, וועלכער איז שוין באַשטימט זיכער געווען, אַז זיין הויז איז אַ באַרבאַרישעס, האָט באַקומען אַן ענטפער אין דער זעלבער שפּראַך און מיט האָמערס פּאָעזיע.

— איך האָב ביי מיר אין הויז אַ פּעדאַגאָגוס, אַ גריעק, וועלכער לערנט אונדזער יונגל, — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו פּעטראָניוסן, — הערט זי זיך אַלעמאָל צו צו די לעקציעס. זי איז נאָך אַ פּיצלס, נאָר אַ ליבס. און מיר זענען ביידע צו איר זייער צוגעבונדן.

פּעטראָניוס האָט איצט דורך דעם בלישטש און קאַפּריפּאָליום געקוקט אין גאָרטן אַריין אויף די דריי שפּילנדיקע. וויניציוש האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָגע און אין דער בלויזער טוניק האָט ער הויך אונטערגעקלאַפּט דעם באַלן, וועלכן ליגיע האָט קעגנאיבער מיט הויך אויפגעהויבענע הענט זיך באַמיט צו כאַפּן. אין פלוג האָט דאָס מיידל נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק אויף פּעטראָניוסן. זי האָט אים אויסגעוויזן צו שלאַנק און מאָגער, נאָר פון דער רגע, ווען ער האָט זיך צו איר אין טריקליניום נעענטער צוגעקוקט האָט ער אין זיך געטראַכט, אַז נאָר דער מאָרגנשטערן קען אַזוי אויסזען און אַלס מבין, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין איר איז עפּעס נישט-געוויינטלעכס פאַרהאַן. ער האָט אַלץ אין איר באַמערקט און אַלץ אָפּגעשאַצט: איר ראָז און לויטער פּנים, דאָס פרישינקע מיילעכל, ווי צום קושן גרייט, די בלויע אויגן, ווי דער ים-שפּיגל, דעם אַלבאַסטער-ווייסן שטערן, די געדיכטע טונקעלע האָר, וואָס האָבן אויף די איבערגעלייגטע ערטער געגלאַנצט, ווי בורשטין, אָדער קאָרינטער קופּער, דעם לייכטן שלאַנקן האַלדז, די געטלעך באַחנטע קיילעכדיקע אַקסלעס און די גאַנצע עלאַסטישע שלאַנקע פיגור, יונג, ווי דער מאַי און ווי פריש צעבליטע רויזן. ס'האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער

קינסטלער און שײן-גײסט, װעלכער האָט דערפילט, אַז די סטאַ-
טוע פון אַזאַ מײדל קען טראָגן דעם נאָמען „פרילינג“. און פּלוצ-
לינג האָט ער זיך דערמאַנט אָן כרינאַטעמיסן און עס האָט זיך
אים פאַרגלוסט בײז צו לאַכן. זי האָט זיך אים איצט אויסגעװיזן
מיט איר גאָלד-פּודער אויף די האָר און מיט די געשװאַרצטע
ברעמען אַ געהאַלטיק פאַרװעלקטע, ענלעך צו אַ פאַרגעלט, אָפּ-
געדאָרט בלעטל פון אַ בלום. און דאָך איז אים גאַנץ רוים מקנא
מיט אָט דער כרינאַטעמיס. ער האָט זיך אויך דערמאַנט אָן פּאָ-
פּעאַן, און אויך די באַרימטע פּאָפּעאַ האָט זיך אים אויסגעװיזן, װי
אַ טויטע װאַקס-מאַסקע. אָבער אָט אין דעם מײדל מיט די טאַגאַנ-
רישע פאָרמען איז געװען נישט בלויז פרילינג, נאָר אויך די
שטראַלנדיקע „פּסיכע“, װעלכע האָט דורכגעשײנט דורך איר רויזנ-
קערפּער, װי אַ ליכט-שטראַל.

— װיניציוש איז גערעכט, — האָט ער אַ טראַכט געטון —
און מײן כרינאַטעמיס איז אַלט, אַלט. . . װי טראָיאַ!

דערנאָך האָט ער זיך געװענדט צו פּאָמפּאָניאַ גריציניען
און, װײזנדיק צום גאָרטן, האָט ער געזאָגט:

— איצט פאַרשטײ איך, דאָמינאַ, פאַרװאָס איר פילט זיך
בעסער מיט אָט די צװײ נפשות, װי אויף די בעלער אין פּאַלאַ-
טין און אין די צירקן.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, אומקוקנדיק זיך אין דער
זײט צום קלײנעם אױלוס און ליגיאַ.

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן דערצײלן דעם מײדלס גע-
שיכטע און אַלץ, װאָס ער האָט מיט יאָרן צוריק געהערט פון
אַטעלאָס היסטערן װעגן דעם פאָלן פון װײטן טונקעלן צפון — די
ליגיאַ.

יענע דרײ האָבן דערװײל געענדיקט שפּילן אין באָלן און
האָבן אַ שטיקל צײט געשפּאַצירט איבערן גאָרטן, אויסזעענדיק
אויפן שװאַרצן פאָן פון די מירטן און ציפּריסן, װי דרײ װײסע
סטאַטוען. ליגיאַ האָט געהאַלטן דעם קלײנעם אױלוסן פאַר דער
האַנט. דערנאָך האָבן זײ זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ באַנק, װאָס
האָט זיך געפונען אינמיטן גאָרטן לעבן דער „פּיסצינאַ“. באַלד

איז דער קליינער אוילוס אַוועקגעלאָפן שפּילן זיך מיט די פישעלעך אין קלאָרן וואַסער און וויניציוש האָט ווייטער געפירט דאָס געשפּרעך, וועלכעס זיי האָבן אָנגעהויבן בשעתן שפּאַציר.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער ציטערנדיקער שטים — ווי כ'בין נאָר אויסגעוואַקסן, האָט מען מיך באַלד אַוועקגעשיקט אין די אַזיאַטישע לעגיאָנען. איך האָב נישט געוווּסט פון קיין שטאָט, פון קיין לעבן, פון קיין ליבע, איך קען אַ ביסל אויף אויסנווייניק אַנאַקרעאָנטן און האָראַציושן, אָבער איך וואָלט נישט געקענט אַזוי ווי פּעטראָניוס ציטירן פּאָעזיע דאַן, ווען דער געדאַנק פאַרלירט זיין אַנטציקונג און מ'פאַרגעסט, וואָס מ'וויל זאָגן. נאָך אַלס יינגל האָב איך באַזוכט מוזאָנאַסענס שול, וווּ מ'האָט מיך געלערנט, אַז דאָס גליק באַשטייט אין דעם צו האָבן די זעלבע פאַרלאַנגען, וואָס די געטער — ס'הייסט אַלזאָ — פון אונדזער ווילן אָפּהענגיק. איך אָבער דענק, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער גרעסער און טייערער גליק, ווי דאָס, וואָס ס'איז אָפּהענגיק אָן ווילן. דאָס איז דאָס גליק, וואָס נאָר די ליבע קען געבן. די געטער אַליין זוכן דאָס, און אויך איך, אָ, ליגיע, איך, וועלכער האָב ביז אַהער די ליבע נישט געקענט, גייענדיק אויף אַנדערע וועגן, זוך איצט די, וועלכע וואָלט מיר גליק געוואָלט געבן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן — און אַ צייט האָט מען נאָר געהערט דאָס פּלעסקען פון וואַסער, אין וועלכן דער קליינער אוילוס האָט געשליידערט שטיינדלעך, אום צו שרעקן די פיש. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען רעדן מיט נאָך אַ ווייכערער און שטילערער שטים:

— דו קענסט דאָך אכפסינוסעס זון, טיטוסן! מ'דערציילט, אַז ווען ער איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס פון די יונגל-יאָרן, האָט ער זיך אַזוי פאַרליבט אין בערעניקאַ, אַז ער איז שיִער געשטאָרבן פון בענקשאַפט... איך וואָלט אויך געקענט אַזוי ליבן, אָ, ליגיע!... רייכקייט, רום, מאַכט — דאָס איז אַלץ רויך, שאָטן! דער עושר קען נאָך אַ רייכערן געפינען, דער באַרימטער קען פון אַ צווייטנס גרעסערן רום קלענער ווערן, דער גבור קען פון אַ שטאַרקערן באַזיגט ווערן... אָבער צי וועט דער צעזאַר אַליין, צי דען

וועט וועלכער גאָט אפילו קענען מער פאַרגעניגן האָבן, מער גליקלעך זיין, ווי אַ געוויינטלעכער מענטש, ווען ער פילט ביז זיין ברוסט דעם אָטעם פון אַ צווייטער טייערער ברוסט, אָדער ווען ער קושט זיין געליבטעס ליפן... די ליבע שטעלט אונדז גלייך מיט די געטער — אָ, ליגיע!...

און זי האָט געהאָרכט אומרויק און פאַרוואונדערט, ווי זי וואָלט געהערט גריכישע פלייטן און ציטרען. טיילמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז וויניציוש זינגט עפעס אַ וואונדערלעך ליד, וואָס פליסט איר אין די אויערן, צעוויגט אין איר דאָס בלוט און פאַרחלשט איר גלייכצייטיק דאָס האַרץ מיט שרעק און מיט עפעס אַן אומבאַגרייפלעכער פרייד... עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער זאָגט איר עפעס אַזוינס, וואָס עס איז שוין אין איר אויך פריער געווען, נאָר זי האָט זיך דערפון קיין רעכנונג נישט געקענט אָפּגעבן. זי האָט געפילט, אַז ער וועקט אין איר עפעס, וואָס האָט ביז אַהער געדרימלט, און אַז אין דער רגע פאַרוואַנדלט זיך דער פאַרנעפּלטער חלום אין אַ שיינער פּרעכטיקער קלאָרקייט...

דערווייל האָט זיך שוין די זון אַראָפּגעזעצט איבער יענער זייט טיבער און איז געשטאַנען נידעריק איבער די יאַניקולער בערג. די אומבאַוועגלעכע ציפּריסן זענען באַגילדט געווען פון אַ רויטן פּורפּור-שיין, וואָס האָט דעם גאַנצן חלל אַרום אָנגעפּולט. ליגיע האָט דאַן אויפגעהויבן אירע בלויע, ווי ערשט פון שלאָף אויפגעוועקטע אויגן אויף וויניציושן, און פּלוצלינג האָט ער, אַזוי אָנגעבויגן איבער איר מיט אַ ציטערדיקע בקשה אין די אויגן און אין אָוונט-שימער, זיך איר אויסגעוויזן שענער פון אַלע מענטשן און פון אַלע גריכישע און רוימישע געטער, וועמענס סטאַטועס זי פלעגט אַלעמאָל זען פאַר די טעמפּלען. וויניציוש אָבער האָט זי לייכט אָנגענומען מיט זיינע פינגער פאַר דער האַנט און געפרעגט:

— שוין זשע וועסטו, ליגיע, נישט טרעפן, צו וואָס איך זאָג דיר דאָס אַלץ?...

— ניין! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט אַזוי שטיל, אַז וויניציוש האָט קוים דערהערט

אָבער ער האָט נישט געגלייבט און, דריקנדיק איר האַנט וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָלט ער זי זיכער צוגעצויגן צו זיין הארץ, וואָס האָט געשלאָגן, ווי מיט אַ האַמער פון לוסט, וועלכע דאָס פרעכטיקע מיידל האָט אין אים אויפגעוועקט. און ער וואָלט זי זיכער באַשיט מיט פייערדיקע ווערטער, ווען אין דער אַלעע, וואָס איז געווען ארומגענומען מיט אַ זוים פון מירטן, וואָלט זיך נישט באַוויזן דער אַלטער אוילוס, וועלכער האָט צוקומנדיק געזאָגט:

— די זון פאַרגייט שוין, און איר דאַרפט אייך היטן פאַר דער אָוונט-קעלט, געדענקט, שפּילט אייך נישט מיט „ליבּיט-בען"...

— ניין, — האָט וויניציוש געענטפערט — כ'האָב די טאָגע נישט אָנגעטון און ס'איז מיר נאָך נישט קאַלט.

— פון הינטער די בערג קוקט שוין קוים אַ האַלבע זון ארויס, — האָט דער אַלטער קריגער געזאָגט — דאָ איז פאָרט נישט דאָס זיסע קלימאַט פון סיציליען, וווּ דאָס פאָלק קלויבט זיך אין די אָוונטן צונויף אויף די פּלעצער, און מיט כאָר-געזאַנג זיך צוגעזעגענען מיט דער פאַרגייענדיקער פעבאַ.

און פאַרגעסנדיק, אַז מיט אַ מינוט פריער האָט ער אַליין געוואָרנט פאַר ליביטינען, האָט ער גענומען דערציילן פון סיציליען, וווּ ער האָט געהאַט זיינע גיטער און אַ גרויס לאַנד-ווירטשאַפט, אין וועלכן ער איז פאַרליבט געווען. ער האָט שוין נישט איינמאָל געוואָלט זיך איבערציִען קיין סיציליען און דאָרט רויִק פאַרברענגען זיינע איבעריקע יאָרן. דער מאַן, וועמען די ווינטערס האָבן שוין דעם קאָפּ ווייס געמאַכט, האָט שוין גענוג ווינטערדיקע פרעסטלעך. די בלעטער פאַלן נאָך איצט נישט פון די ביימער, און דער הימל שמייכלט נאָך מילד איבער דער שטאָט, אָבער ווען דער ווייַנשטאָק וועט געל ווערן, ווען אַ שניי וועט פאַלן אין די אַלבאַנער בערג, און די געטער וועלן מיט אַ קאַלטן ווינט באַזוכן קאַמפּאַניען, דאַמאָלס, ווער ווייסט, צי ער וועט זיך נישט איבערטראָגן מיטן הויזגעזינט אין זיין שטיל דאָרפיש ווינקעלע.

— קלערסטו אַלזאָ צו פֿאַרלאָזן רוים, פּלוציוס? — האָט וויניציוש פּלוצלינג אומרויִק אַ פֿרעג געגעבן.

— איך קלער שוין דאָס לאַנג צו טון, — האָט אוילוס געענטפֿערט, — ווייל אַזוי וואָלט געווען רויִקער און זיכערער.

און ער האָט ווייטער אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע גערטנער, סטאַדעס, וועגן זיין הויז צווישן גרינס און ווילד באַוואַקסענע בערג, צווישן מחנות בינען. נאָר וויניציוש האָט דאָס אַלץ ניט געהערט און טראַכטנדיק נאָר וועגן דעם, אַז ער קען פֿאַרלירן ליגיען, האָט ער געקוקט צו פּעטראָניוסן, ווי ער וואָלט דערוואַרט פֿון אים הילף.

פּעטראָניוס אָבער האָט דורך דער צייט, זיצנדיק לעבן פּאָמפּאָניען, זיך געקוויקט מיט דער זון־אונטערגאַנג, מיט דעם גאָרטן און מיט דער גרופּע מענטשן ביים וואַסער, וועמענס ווייסע קליידער האָבן אויף דעם טונקעלן גרונט פֿון די מירטן אָפּגעשלאָגן מיטן גאָלדענעם אָוונט־שיין. דער זון־אונטערגאַנג האָט שוין געגליט אין פּורפּור און גענומען שפּילן אין פֿיאָלעט און ליליען־פֿאַרבן. די שוואַרצע סילועטן פֿון די ציפּריסן האָבן זיך איצט נאָך בולטער געצייכנט, ווי אין העלן טאָג, און אין די מענטשן, ביימער און אין גאַנצן גאָרטן איז אַריינגעטרעטן די אָוונט־רו.

פּעטראָניוס איז אויפֿמערקזאַם געוואָרן אויף דער רויִקייט, וואָס פֿילט זיך דאָ אין אַלעם, איבערהויפּט אין די מענטשן. אין די געזיכטער פֿון פּאָמפּאָניען, פֿון אַלטן אוילוסן, פֿון זייער יונגל און פֿון ליגיאַן איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אויף די געזיכטער פֿון די, צווישן וועמען ער האָט זיינע טעג, אָדער ריכטיקער, זיינע נעכט פֿאַרבראַכט. דאָס איז געווען אַ מין ליכט, אַ שטיל גליק און אויסגעלייטערטקייט, וואָס פֿליסט פֿון אַזאַ לעבן, ווי אַלע האָבן דאָ געלעבט. גאַנץ ניי איז פֿאַר אים איצט דער געדאַנק, אַז ס'איז דאָ פֿאַראַן אין לעבן אַזעלכע שיינהייטן און פֿאַרגעניגנס, פֿון וועלכע ער, וועלכער יאָגט זיך אייביק נאָך שיינקייט און פֿאַרגעניגנס, האָט גאָר קיין השגה ניט. ער האָט דעם געדאַנק ניט געקענט אין זיך האַלטן און, ווענדנדיק זיך צו פּאָמפּאָניען, האָט ער געזאָגט:

— איך באטראַכט איצט, ווי ווייט עס איז אייער וועלט פון דער, אויף וועלכער עס געוועלטיקט אונזער נירון.

זי אָבער האָט אויפגעהויבן איר קליין פנימל צום אָוונט־שטערן און געענטפערט פשטותדיק.

— איבער דער וועלט געוועלטיקט נישט נירון — נאָר גאָט.

אַ רגע האָט געהערשט אַ שטילקייט. פון לעבן טריקליניום האָבן זיך געלאָזט הערן אויף דער אַלעע די טריט פון אַלטן קאָמאַנדיר, פון וויניציוסן, ליגיען און קליינעם אולוס — נאָר איידער זיי זענען אנגעקומען, האָט פעטראָניוס נאָך אַ פרעג געטאָן:

— גלויבסטו אין געטער, פּאָמפּאָניאַ?

— איך גלויב אין גאָט, דעם איינאיינציקן, גערעכטיקן און אַלמעכטיקן — האָט געענטפערט די פרוי פון אולוס פלוציוס.

III

— זי גלויבט אין גאָט, דעם איינציקן, אַלמעכטיקן און יושר־דיקן — האָט זיך געחזרט פּעטראָניוס, ווען ער האָט זיך ווידער געפֿונען אין לעקטיקע, פּנים אל פּנים מיט וויניציוסן. וויבאַלד איר גאָט איז אַן אַלמעכטיקער, פירט ער דאָך אַן מיטן לעבן און מיטן טויט; און אויב ער איז אַ גערעכטער שיקט ער דאָך אַראָפּ דעם טויט לויטן יושר. איז פאַרוואָס טרויערט פּאָמ־פּאָניאַ נאָך יוליען? זיך מצער זייענדיק פון יוליעס טויט, פאַרשוועכט זי דאָך איר גאָט. איך מוז די חכמה איבערדערציילן אונזער קופּערבערדיקער מאַלפּע, וואָרים איך האַלט, אַז אין דיאַלעקטיק בין איך גלייך מיט סאָקראַטעסן. וואָס שייך פרויען, בין איך מסכּים, אַז יעדע פאַרמאָגט דריי אָדער פיר נשמות, אָבער קיין איינע נישט קיין שכלדיקע. זאָל זיך פּאָמ־פּאָניאַ קלערן מיט סענעקאַן אָדער מיט קאָרנוטוסן וועגן דעם, װאָס דאָס איז אזוינס זייער גרויסער לאָגאָס... זאָלן זיי אַרויסרופן די שאָטנס פון קסענאָפאָנעס, פּאַרמענידיעס, זענאָן און פּלאַ־טאָן. װעלכע נודען זיך דאָרט אין די קימערישע לענדער, אַזוי ווי ווינטער־פויגעלעך אין שטייגל. איך האָב געוואָלט רעדן מיט איר און מיט פּלוציוסן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. אויפן היי־ליקן בויך פון דער מצרישער איזיס! ווען איך וואָלט זיי אַזוי פּשוט געזאָגט דאָס, צוליב וואס מיר זענען געקומען, דוכט מיר, אַז זייער צדקות וואָלט אַ קלונג געגעבן, ווי אַ קופּערנע בלעך, ווען מ׳גיט איר אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן. און איך האָב נישט געהאַט די מוט! דו וועסט מיר גלויבן, וויניציוס, אַז איך האָב נישט געהאַט דעם מוט! פּאַוועס זענען שיינע פייגל, נאָר זיי

שרייען צו הילכיק. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר זייער גע־שריי. איך מוז אָבער רימען דיין געשמאַק. אַן אמתע „רויז־פינגערדיקער פרימאָרגן-שטערן"... און ווייסט, וואָס זי האָט מיר נאָך דערמאָנט? — פרילינג! — און דאָס נישט אונזערן אין איטאַליע, וואָס קוים ווי-נישט-ווי באַדעקט זיך אַן עפּלבוים מיט בלומען און די איילבירטן ווערן גרוי, אַזוי ווי זיי זענען גע־ווען, נאָר דעם פרילינג, וועלכן איך האָב געזען אַמאָל אין העלוועציע, א יונגן, פרישן און העלגריניקעם... אויף דער בליי־כער סעלענע — איך וווּנדער זיך גאָרנישט אויף דיר מאַרקוס — אָבער ווייס, אז דו האָסט ליב דיאנען און אַז אוּלוס מיט פּאָמ־פּאָניען זענען גרייט דיך צו צערייסן, אַזוי ווי אַמאָל האָבן צע־ריסן הינט אקטעאָנען.

וויניציוס, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער אָנגעהייבן רעדן מיט אַן איבערגע־ריסענער, תּאווהדיקער שטימע:

— איך האָב איר פריער געוואָלט און איצטער ווי ל איך איר נאָכמער. ווען איך האָב איר אָנגענומען פאַרן האַנט, האָט מיך אַרומגענומען אַ פייער... כ'מוז איר האָבן. ווען איך וואָלט געווען צעוס, וואָלט איך איר אַרומגערינגלט מיט אַ וואָלקן, אַזוי ווי ער האָט אַרומגערינגלט איאָ, אָדער איך וואָלט אַראָפּ־געפאַלן אויף איר מיט אַ רעגן, אַזוי ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דאַנאָען. איך וואָלט געוואָלט קושן אירע ליפּן, ביז ווייטאָק! איך וואָלט געוואָלט הערן איר געשריי אין מײַנע אָרעמס. כ'וואָלט געוואָלט הרגענען אוּלוסן און פּאָמפּאָניען און איר כאַפּן און אַוועקטראָגן אויפן האַנט אין מיין שטוב. כ'וועל היינט נישט שלאָפן. כ'וועל הייסן איינעם פון מיינע שקלאַפן שמייסן און כ'וועל זיך צוהערן צו זיין יאָמערן...

— באַרויק זיך — האָט געזאָגט פּעטראָניוּס. — האָסט א חשק פון אַ טשעסלאַר פון סובורע.

— ס'איז מיר אַלצאיינס. כ'מוז זי האָבן. כ'בין געקומען צו דיר נאָך אַן עצה און וויבאַלד דו וועסט זי נישט געפינען,

וועל איך אַליין געפינען... אולוס האלט ליגיען פאַר אַ טאָכטער, פאַרוואָס זאָל איך איר קוקן ווי אויף אַ שקלאַפין? וויבאלד ס'איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, זאָל זי אַרומפלעכטן די טיר פון מיין הויז, זאָל זי איר באַשמירן מיט וועלפישע פעטס און זאָן זי זיך זעצן, ווי אַ ווייב, לעבן מיין פייער.

— באַרויק זיך, דו משוגענער זון פון די קאָנסולן. נישט צוליב דעם ברענגען מיר צופירן די באַרבאַרן מיט שנורן הינטער אונזערע וואָגנס, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן מיט זייערע טעכטער. כאַפּ נישט איבער די מאָס. שעפּ אויס די פּשוטע הערלעכע מיטלען און לאָז איבער זיך און מיר צייט זיך צו באַקלערן. מיר האָט זיך אויך אויסגעדוכט, אַז כריזאָטעמיס איז יופּיטערס אַ טאָכטער, פונדעסטוועגן האָב איך מיט איר נישט חתונה געהאַט, — אַזוי ווי נירון האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַקטען, כאָטש מ'האָט איר געמאַכט פאַר אַ טאָכטער פון קעניג אַטאַל... באַרויק זיך... באַטראַכט זיך, אַז וויבאַלד זי וועט וועלן פאַרלאָזן צוליב דיר די אולוסן, האָבן זיי קיין רעכט נישט איר צו פאַרהאַלטן, וואָרים זאָלסט וויסן אויך דאָס, אַז נישט נאָר דו ברענסט, נאָר אַז אויך אין איר האָט עראָס אָנגעצונדן אַ פייער... איך האָב דאָס געזען, און מיר דאַרף מען גלויבן... האָב געדולד. אויף אַלץ איז דאָ אַ מיטל, נאָר היינט האָב איך שוין אַזוי אויך צו לאַנג געקלערט און דאָס שוואַכט אָפּ. דערפאַר זאָג איך דיר צו, אַז מאָרגן וועל איך אַ קלער טאָן וועגן דיין ליבע, און מסתמא וועט פּעטראָניוס נישט זיין פּעטראָניוס, ווען ער זאָל נישט געפינען קיין מיטל.

זיי זענען ווידער ביידע אַנטשוויגן געוואָרן — אין אַ געוויסע צייט אַרום האָט וויניציוס זיך אָפּגערופן שוין רויקער:

— כ'דאַנק דיר און זאָל די פאָרטונא דיר נישט קאַרג זיין.

— זיי געדולדיק.

— וווהין האָסטו זיך געהייסן טראָגן?

— צו כריזאָטעמיס.

— גליקלעכער, דו באַזיצסט די, וועלכע דו ליבסט.

— איך? דו ווייסט, מיט וואָס כריזאַנטעמיס ווילט מיך באַך? אַט מיט דעם, וואָס זי איז מיר אונטריי מיט מיינע: אַ באַפרייטן שקלאַף, מיט דעם האַרפן־שפּילער טעאָקלעסן, און זי קלערט, אַז איך זע דאָס נישט. כ'האָב זי אַמאָל ליב געהאַט, אָבער היינט ווילן מיך נאָר אירע ליגנס און איר טפשות. קום מיט אַהין. אויב זי וועט דיר אָנהייבן קאָקעטירן און וועט טינקען אַ פינגער אין ווײַן און שרייבן צו דיר אויפן טיש, זאָלסטו וויסן, אַז איך בין נישט אייפערזיכטיק.

און זיי האָבן באַפוילן זיך טראָגן צו כריזאַנטעמיסן.

אָבער אין פעדערהויז האָט פעטראָניוס אַרויפגעלייגט זײַן האַנט ווי ניציושן אויפן אַקסל און געזאָגט:

— וואַרט, דאַכט זיך מיר, אַז כ'האָב עפּעס אַן עצה.

— זאָלן דיך אַלע געטער באַלוינען.

— יאָ! כ'רעכן, אַז די עצה וועט גוט זײַן. דו ווייסט וואָס, מאַרקוס?

— כ'הער דיך — מײַן אַטענע...

— אַלזאָ, אין עטלעכע טעג אַרום וועט די געטלעכע ליגיאַ עסן דעמעטראַס קערבער אין דײַן הויז.

— ביסט גרעסער פון צעזאַר! — האָט וויניציוש אויסגערופן אין באַגייסטערונג.

IV

פעטראָניוס האָט געהאַלטן וואָרט.

אויף צומאָרגנס נאָך זיין באַזוך ביי כריזאָטעמיסן איז ער געשלאָפן כמעט אַ גאַנצן טאָג, נאָר אין אָוונט האָט ער זיך געהייסן טראָגן אין פּאַלאַטין אַריין און האָט געהאַט מיט נעראָנען אַן אינטימע שמועס, אַ דאַנק וועלכן ס'האָט זיך אויפן דריטן טאָג באַוויזן פאַר פלויציוסעס הויז דער צענטוריאָן מיט עטלעכע פרעטאָריאַנער זעלנער.

ס'זענען דאָ געווען שרעקלעכע און נישט זיכערע צייטן. די דאָזיקע שלוחים האָבן כמעט שטענדיק געברענגט מיט זיך פּסק-מיתה. דעריבער באַלד ווי דער צענטוריאָן האָט אָנגעקלאַפּט מיט אַ האַמער אין אויליוסעס טיר און דער עלטסטער פון אַטריום האָט געמאָלדן, אַז אין פעדערהויז געפינען זיך זעלנער, איז איינגאַנצן הויז געוואָרן אַ בהלה. דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט אויגנבליקלעך אַרומגערינגלט דעם אַלטן קריגער. דען ביי קיינעם איז קיין ספק

ציטשט געווען, אַז די געפאַר הענגט קודם כּל איבער אים פּאַמפּאָניאַ האָט, פאַלנדיק אים אויפן האַלדז, זיך צו אים צוגעדריקט מיט אַלע כּוחות, און אירע בלויע ליפּן האָבן עפּעס גיך און שטיל געפליסטערט. ליביאַ, מיט אַ בלאַס געזיכט ווי לייוונט, האָט אים געקושט די הענט, דער קליינער אוילוס האָט זיך געקלאַמערט אין זיין טאָגע. פון די קאָרידאָרן, פון די צימערן פאַר דער דינערשאַפט וואָס אינדערהייך, פון די וואַרשטאַטן, פון די בעדער, פון די געהעלבטע קעלער־צימערן — פון גאַנצן הויז האָבן זיך גענומען שיטן מתנות שקלאַפן און שקלאַפינס מיט געשרייען! „הוי! הוי! מע ביזערום!" די פרויען האָבן גענומען יאָמערן, טייל האָבן שוין גענומען זיך רייסן מיט די נעגל די פּנימער ביז בלוט, אָדער באַדעקן די קעפּ מיט טיכער.

נאָר דער אַלטער פלוויציוס אַליין, וואָס איז שוין זיין גאַנץ לעבן געווינט געווען צוקוקן דעם טויט אין די אויגן, איז געבליבן רויק. נאָר וואָס זיין קורץ אָדלער־געזיכט איז געוואָרן ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. אין אַ ווײַלע אַרום, איינשטילנדיק די געשרייען און באַפעלנדיק די דינער זיי זאָלן זיך צעגיין, האָט ער געזאָגט:

— לאָז מיך, פּאַמפּאָניע. אויב ס'איז שוין געקומען מיין צייט, וועלן מיר נאָך באַוויזן זיך צו געזעגענען.

און ער האָט זי לייכט אָפּגעשטופּט, אָבער זי האָט געזאָגט:

— אָ, אוילוס! זאָל דיין גורל זיין אויך מיינער!

דערנאָך האָט זי, פאַלנדיק אויף די קניען, גענומען מתפּלל זיין אַזוי הייס, ווי נאָר דאָס ציטערן איבער אַ טייער נפש קען עס באַווייזן.

אוילוס איז אַריינגעגאַנגען אין אַטריום, ווו דער צענטוריאָן האָט אויף אים געוואַרט. דאָס איז געווען דער אַלטער קאַיוס האַסטאַ, וועלכער האָט אַמאָל געדינט אונטער זיין אָנפירונג בשעת די בריטאַנישע מלחמות.

— זיי געגריסט, דו פירער! — האָט ער געזאָגט. — איך ברענג דיר אַ באַפעל און אַ גרוס פון צעזאַר. און אָט זעען די טאָוולען און דער צייכן, אַז איך קום אין זיין נאָמען.

— איך דאַנק דעם צעזאַר פֿאַר דעם גרוס, און זײַן באַפֿעל וועל איך אויספֿירן, — האָט אוילוס געענטפֿערט. — זײַ געגריסט, האַסטאַ, און זאָג, מיט אַ וואַסער אַ באַפֿעל דו קומסט.

— אוילוס פּלויציוס, — האָט האַסטאַ אָנגעהויבן, — דער צעזאַר האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דײַן הויז געפֿינט זיך די טאָכ־טער פֿון דעם ליגיער קעניג, וועלכער האָט זי, נאָך אין די צײַטן פֿון געשטאָרבענעם קלאַודיוס, אָפּגעגעבן צו די רוימער אַלס משכּון, אַז די ליגיער וועלן קיינמאָל נישט איבערטרעטן די גרענעצן פֿון אונדזער אימפּעריום. דער געשטאָרבענער בעראָן דאַנקט דיר זייער, אָ, העלדישער מאַן, דערפֿאַר, וואָס דו האָסט איר דורך אַזוי פֿיל יאָרן דײַן גאַסטפֿרײַנדלעכקייט באַוויזן, אָבער נישט ווילנדיק שוין מער באַלעסטיקן דײַן הויז און געמענדיק אויך אין אַכט, אַז דאָס מיידל אַלס מלווה־משכּון דאַרף זיך געפֿינען אין רשות פֿון צעזאַר און דעם סענאַט — באַפֿעלט ער דיר, דו זאָלסט זי גלייך אַרויסגעבן אין מײַנע הענט.

אוילוס איז געווען צו פֿיל זעלבער און פֿאַרהאַרטעוועטער מאַן, ער זאָל זיך דערלויבן אויף אַ באַפֿעל זיך צו קלאָגן, טרויערן אָדער רעדן איבעריקע ווערטער. דאָך האָט זיך אויף זײַן שטערן באַוויזן אַ קנייטש פֿון צאָרן און שמערץ. פֿאַר אַזאַ קנייטש מיט די ברעמען האָבן אַמאָל גאַנצע בריטאַנישע לעגיאָנען געציטערט, און נאָך איצט אַפֿילו האָט זיך אויף האַסטאַס געזיכט באַוויזן שרעק. נאָר איצט אַנטקעגן דעם באַפֿעל האָט זיך אוילוס פּלויציוס געפֿילט הילפֿלאָז. אַ צײַט לאַנג האָט ער געקוקט אויף די טאָוולען, אויף דעם צייכן, דערנאָך האָט ער, אויפֿהייבנדיק די אויגן אויפֿן אַלטן צענטוריאָן, געזאָגט רויִק:

— וואַרט צו, האַסטאַ, אין אַטריום, ביז איך וועל דיר די ערבותניצע אַרויסגעבן.

נאָך די ווערטער איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין זאַל, אין אַזוי־גערופֿענעם „אָעקוס”, וווּ פּאָמפּאָניע גרעצינע, ליגיע און דער קליינער אוילוס האָבן אויף אים געוואַרט אין אומרו און שרעק.

— ס׳דראָט אונדז קיינעם נישט קיין טויט, אָדער קיין פֿאַר־שיקונג אויף די ווײַטע אינדזלען, — האָט ער געזאָגט, — און

דאָך איז אונדז דעם צעזאַרס שליח מבשר אַן אומגליק. וועגן דיר גייט עס, ליגיע.

— וועגן ליגיען? האָט פּאָמפּאָניע פאַרוואונדערט אויסגערופן.

— יאָ, — האָט אוילוס געענטפערט, און ווענדנדיק זיך צום מיידל, האָט ער גענומען רעדן:

— ליגיע! דו ביסט דערצויגן געוואָרן אין אונדזער הויז, ווי אונדזער אייגן קינד, און מיר ביידע — איך און פּאָמפּאָניאַ — ליבן דיך ווי אַ טאָכטער. אָבער דו ווייסט גוט, אַז דו ביסט נישט אונדזער טאָכטער. דו ביסט אַן ערבות־יצע, וועמען דיין פאָלק האָט געגעבן די רוימער. די השגחה איבער דיר געהערט דעריבער דעם צעזאַר, ער נעמט דיך דעריבער צו פון אונדז.

דער קריגער האָט גערעדט רויק, נאָר מיט עפּעס אַ מאָדנער נישט געוויינטלעכער שטים. ליגיע האָט אים געהאָרכט פינטלענדיק מיט די אויגן און ווי נישט פאַרשטייענדיק אין וואָס עס גייט. פּאָמפּאָניע איז בלייך געוואָרן. אין די טירן, וואָס פירן פון קאָרידאָר אין „אַטריום" אַריין, האָבן זיך ווידער באַוויזן די איבערגעשראָקענע געזיכטער פון די שקלאַפינס.

— דעם צעזאַרס ווילן מוז דערפילט ווערן! — האָט אוילוס געזאָגט.

— אוילוס! — האָט פּאָמפּאָניאַ אויסגערופן, אומאַרמענדיק דאָס מיידל, ווי זי וואָלט זי געוואָלט באַשיצן. — דער טויט וואָלט פאַר איר גלייכער געווען!

און ליגיע האָט, טוליענדיק זיך צו איר ברוסט, אַלץ איינאיינעם איבערגעחזרט: „מוטער, מוטער", נישט קענענדיק אין איר שלוכצן קיין אַנדער וואָרט געפינען.

אויף אוילוסעס געזיכט איז ווידער געווען צו מערקן צאָרן און שמערץ.

— ווען איך וואָלט געווען איינער אַליין, — האָט ער פינסטער געזאָגט: — וואָלט איך זי קיין לעבעדיקע נישט אָפּגעגעבן, און מיינע קרובים וואָלטן נאָך היינטיקן טאָג געקענט ברענגען פאַר מיר קרבנות צו „יופּיטער ליבעראַטאָר", נאָר איך האָב קיין רעכט נישט אומצוברענגען דיך און אונדזער קינד, וועלכעס

קען נאָך גליקלעכע צייטן דערלעבן... איך וועל זיך נאָך היינט ווענדן צום צעזאַר און וועל אים בעטן, ער זאָל צוריקנעמען זיין באַפעל. נאָר צי ער וועט מיך האָרכן, ווייס איך נישט. דערווייל זיי געזונט, ליגיע, און געדענק, אַז איך און פּאָמפּאָניע וועלן שטענדיק בענטשן דעם טאָג, אין וועלכן דו ביסט צו אונדז אין הויז אַנגעקומען.

דאָס זאָגנדיק האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ, און כאָטש ער האָט זיך באַמיט צו זיין רויק, אָבער אין דער מינוט, ווען ליגיע האָט געווענדט צו אים אירע טרערן־פולע אויגן און כאַפּנדיק זיין האַנט האָט זי זי צום מויל געפּרעסט, האָט אין זיין שטימע אַ ציטער געטון אַ טיפער פאָטערלעכער וויי.

— זיי געזעגנט, אונדזער פרייד, און ליכט פון אונדזערע אויגן! — האָט ער געזאָגט.

און ער איז געשווינד צוריק אַרויס אין אַטריום, אום נישט באַהערשט צו ווערן פון די געפילן, וואָס ס'איז נישט פּאַסיק פאַר אַ רוימער.

דערווייל האָט פּאָמפּאָניע, אַריינפירנדיק ליגיען אין קוביקולום, גענומען זי באַרויִקן, טרייסטן, צוגעבן איר מוט און גערעדט צו איר אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווונדערלעך אין דעם הויז, וווּ אין דערלעבנ־יקן זאָל איז נאָך געשטאַנען דער „לאַראַריום” און דאָס פייער, אויף וועלכן אוילוס פּלויציוש האָט לויט דעם אַלטן מנהג מקריב געווען קרבנות צו די הויזגעטער. — יאָ, ס'איז געקומען די צייט פון אַ נסיון. ווירגיניוס האָט אַמאָל זיין אייגענע טאָכטער די ברוסט דורכגעשטאָכן, אום זי צו באַפרייען פון אַפּפיוסעס הענט; נאָך פריִער האָט לוקרעציאַ מיטן לעבן באַצאָלט פאַר איר שאַנד. דעם צעזאַרס הויז איז אַ נעסט פון שאַנד, שלעכטס, מאָרד. נאָר מיר, ליגיע, מיר ווייסן, פאַרוואָס מיר טאָרן נישט הייבן אויף זיך קיין האַנט!... יאָ! דאָס געזעץ, וועלכן מיר וואַרפן זיך אונטער, איז אַנדערש, הייליקער, גרעסער. עס דערלויבט דאָך פאַרטיידיקן זיך קעגן שלעכטס, שאַנד, ווען עס זאָל אפילו אויסקומען דערפאַר מיטן לעבן צו באַצאָלן, ווער עס גייט אַרויס ריין פונם נעסט פון פאַרדאָרבנ־

קייט, איז זיין פאַרדינסט נאָך גרעסער. די ערד איז אַזאַ נעסט, צום גליק אָבער איז דאָס לעבן נאָר איין אויגנבליק און ערשט אין יענער זייט קבר שטייט מען אויף צו אַ ניי לעבן, אין וועלכן עס הערשט, נישט קיין נעראָ, נאָר רחמים, — אַנשטאָט ווײ — פאַרגעניגן און אַנשטאָט טרערן — פרייד.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן רעדן וועגן זיך. געוויס, זי איז רויק, נאָר אין איר ברוסט זעגען געבויג שמערצלעכע וווּנדן: אָט זעגען נאָך די אויגן פון איר אוילוסן פאַרשטעלט מיט אַ הייטל, דער קוואַל פון ליכט האָט נאָך אויף אים נישט גערוט, זי קען אפילו נישט דעם זון דערציילן אינם אמת, און אַז זי גיט אַזוי אַ קלער, אַז דאָס קען אַזוי דויערן ס'גאַנצע לעבן און אַז עס קען אָנקומען דער מאָמענט פון צעשיידונג מיט זיי, וואָס וועט זיין הונדערט מאָל גרעסער און שרעקלעכער פון דער דערוויליקער צעשיידונג, צוליב וועלכער זי ליידן איצט, — קען זי נישט באַגרייפן, ווי אַזוי זי וועט קענען אפילו אין הימל זיין גליקלעך אָן זיי. זי האָט שוין פיל נעכט געוויינט און פאַרבראַכט אין תפילה, בעטנדיק רחמים און גנאָד. נאָר זי ברענגט איר ווייטיק אַ קרבן צו גאָט, און זי וואַרט, און זי האָט בטחון. און איצט, אַז ס'איז איר באַשערט אַ נייער קלאַפּ, ווען דעם טיראַנס באַפעל נעמט איר צו דעם טייערן קאָפּ, וועלכן אוילוס האָט אָנגערופן „דאָס ליכט פון די אויגן", האָפט זי נאָך מער, גלויבנדיק, אַז ס'איז דאָ אַ גרעסערע קראַפט ווי טיראַנס, און אַז די באַרמהאַרציקייט איז שטאַרקער פון זיין רשעות.

זי האָט דעם מיידלס קאָפּ נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו איר ברוסט, און ליגיע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אירע קני און באַהאַלטנדיק די אויגן אין די קנייטשן פון איר פעפּלום, איז זי אַזוי אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן אין שווייגן, נאָר ווען זי איז ענדלעך אויפגעשטאַנען, איז אויף איר געזיכט שוין געווען צו דערקענען עטוואָס באַרויקונג.

— דו ביסט מיר אַ שאָד, מוטער, אויך דער פאָטער און דער ברודער, נאָר איך ווייס דאָך, אַז קעגנשטעלן זיך וועט צו גאָרנישט ברענגען און ס'וואָלט נאָך אייך אַלע אומגעבראַכט. דערפאַר

אָבער זאָג איך דיר צו, אַז דיינע ווערטער וועל איך דאַרט. אינם צעזאַרס הויז, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

נאָכאַמאָל האָט זי זיך איר געוואָרפן אויפן האַלדז און נאָך דעם, ווען זיי זענען ביידע אַרויס אין „אַטקוס", האָט זי זיך גענומען געזעגענען מיט דעם קליינעם אוילוס, מיטן אַלטן גרעק, וועלכער איז געווען זייער ביידנס לערער, מיט איר אַלטער דינסט, וועלכע האָט זי אַלס קינד אויף די הענט געטראָגן און מיט אַלע שקלאַפן.

אייגער פון זיי, אַ הויכער און ברייטפלייציקער ליגיער, וועלכן מ'האָט דאָ אין הויז גערופן „אורסוס", און וועלכער איז אַמאָל צוזאַמען מיט ליגיעס מוטער, מיט ליגיען און מיט די איבעריקע שקלאַפן אָנגעקומען צו די רוימער אין לאַגער, איז איר איצט געפאַלן צו די פיס, דערנאָך, בויגנדיק זיך צו פאָמפאָניאַס קני׳ען, האָט ער געזאָגט:

— אָ, דאָמינאַ! לאָז מיך גיין נאָך מיין האַרין, אום איר צו דינען און איבער איר צו וואַכן אין צעזאַרס הויז.

— נישט אונדזערער, נאָר ליגיעס דינער ביסטו, — האָט פאָמפּאָניאַ געענטפערט. — נאָר צי דען וועט מען דיך צולאָזן צום צעזאַרס טירן? און ווי אַזוי וועסטו קענען איבער איר וואַכן?

— איך ווייס נישט, דאָמינאַ, איך ווייס נאָר, אַז אייזן ברעקלט זיך אין מיינע הענט ווי האָלץ...

אוילוס פלויציוס, וועלכער איז גראָד אין דער מינוט אָנגעקומען, און זיך דערוווּסט אין וואָס עס גייט, האָט נישט נאָר גאָרנישט געהאַט קעגן אורסוסן, נאָר ער האָט נאָך דערקלערט, אַז זיי האָבן אפילו נישט דאָס רעכט אים צוריקהאַלטן. ליגיע ווערט אָפּגעשיקט אַלס ערבות־גיזע, וועלכע דער צעזאַר מאָנט צוריק, מען דאַרף דעריבער מיט איר אויך מיטשיקן איר דינערשאַפט, וועלכע גייט מיט איר צוזאַמען אין צעזאַרס רשות. דאָ האָט ער פאָמפּאָניען איינגערוימט, אַז אַלס דינערשאַפט קען מיט איר מיטגיין אַזוי פיל שקלאַפן, וויפיל זי וועט געפינען פאַר נויטיק, דען דער צענטוריאָן טאָר זיך נישט אָפּזאָגן זיי מיטצונעמען.

פאַר ליגיען איז דאָס געווען אַ געוויסע טרייסט. פּאָמפּאָניע ווייטער האָט זיך אויך געפריידט דערמיט, וואָס זי וועט איר קענען מיטגעבן אַ געקליבענע דינערשאַפט לויט איר ווונטש, און אויסער אורסוסן האָט זי איר אויך באַשטימט די אַלטע דינסט, צוויי ציפּריסערינס צו דער פריזור און צוויי גערמאַנישע באָד־מיידלעך, איר אויסוואַל איז אויסשליסלעך געפאַלן בלויז אויף אָנהענגער פון דעם נייעם גלויבן, דען אורסוס איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון דעמדאָזיקן גלויבן זייט עטלעכע יאָר, פּאָמפּאָניע האָט געקענט רעכענען אויף דער געטריישאַפט פון דער דינערשאַפט און גלייכצייטיק פרייען זיך, וואָס אַזוי גאָר וועלן די קערנער פון אמת פאַרזייעט ווערן אויך אין צעזאַרס הויז.

זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער, אין וועלכע זי האָט איבערגעגעבן די השגחה איבער ליגיען צו נעראָנס אַ באַפרייטע שקלאַפין מיטן נאָמען אַקטע. פּאָמפּאָניע האָט זי אַפילו קיינמאָל נישט געזען אויף די פאַרזאַמלונגען פון די אָנהענגער פון דער נייער לערע. זי האָט אָבער געהערט, אַז אַקטע זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ, זיי צו העלפן מיט וואָס זי קען און אַז זי לעזט גערן די בריוו פון פּוילוס פון תרשיש. זי האָט אויך געוווּסט, אַז די יונגע פרייגעוואָרענע שקלאַפין לעבט אין שטענדיקן טרויער, זי איז גאָר אַן אַנדערע פון אַלע אין נעראָנס הויז און אַז זי איז בכלל דער גוטער גייסט פון פּאַלאַץ.

האַסטאַ האָט צוגעזאָגט אַליין איבערצוגעבן אַקטען דעם בריוו. ס׳איז בײַ אים אויך געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ליגיע אַלס קעניגלעכע טאָכטער דאַרף מיט זיך האָבן איר סויטע לייבדינער און ער האָט נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן ביים מיטנעמען זיי אין פּאַלאַץ, ער האָט זיך נאָך גיכער געוווּנדערט, פאַרוואָס עפּעס אַזוי ווייניק דינער. ער האָט פונדעסטוועגן געבעטן, מען זאָל זיך צואײַלן, ווײַל ער קען נאָך פאַרדעכטיק ווערן אין ווייניק פלייסיקייט ביים אויספירן באַפעלן. ענדלעך האָבן זיי זיך שוין באַדאַרפט שיידן. פּאָמפּאָניעס און ליגיעס אויגן זענען ווידער געווען פול מיט טרערן. אוילוס האָט נאָכאַמאָל אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ליגיעס קאָפּ און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די זעלנער,

ביי די געשרייען פון דעם קליינעם אויזוס, וועלכער האָט אָפּגעווערט די שוועסטער און גיפּאַרכן דעם צענטריאַן מיט זיינע קליינע פויסטן, אָנגעפירט ליגיען אין צעזאַרס פּאַלאַטין.

דער אַלטער קריגער האָט אָבער באַלד געהייסן גרייטן זיין לעקטיקע און, פאַרמאַכנדיק זיך דערווייל מיט פּאָמפּאָניען אין פּינקטלעך לעבן דעם אַקוס, האָט ער צו איר געזאָגט:

— הער מיך אויס, פּאָמפּאָניע. איך גיי איצט גלייך צום צעזאַר, כאָטש איך ווייס, אַז ס'איז אומזיסט. איך וועל אויך זיין ביי סענעקאַן, אָבוואָל זיין וואָרט האָט שוין היינט ביים צעזאַר קיין ווערט נישט. היינט שפּילן אַ ראָל סאָפאָניוס, טיגעליגאָס, פּעטראָניוס אָדער וואַטיניוס... וואָס שייך דעם צעזאַר האָט ער נאָך אפשר אין זיין לעבן נישט געהערט וועגן קיין ליגיער פאָלק און אויב ער פאָדערט פּלוצלינג די ערבותניצע — ליגיע, איז עס דערפאַר, ווייל עס האָט אים ווער אָנגערעדט דערצו, און עס איז גאָנץ לייכט צו טרעפן, ווער עס האָט עס געטון.

זי האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן.

— פּעטראָניוס?...

— ריכטיק!

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט דער אַלטער ווייטער געזאָגט:

— אָט וואָס ס'הייסט לאָזן איבער דער שוועל אַ מענטש אָן ערע, אָן געוויסן, פאַרשאַלטן זאָל זיין די מינוט, ווען וויניציוס איז צו אונדז אין הויז אַריין! ער האָט דאָס צו אונדז געבראַכט פּעטראָניוסן. ווי איז ליגיען, דען נישט אַלס ערבותניצע דאַרפן זיי זי, נאָר אַלס קעפּס-ווייב!

און פון צאָרן, פון אָנמעכטיקן כעס און ווייטיק פאַר דעם צוגערויבטן קינד זענען זיינע ווערטער אַרויסגעקומען נאָך פייפּנדיקער, ווי געוויינטלעך. אַ צייט האָט ער באַמיט זיך צו באַהערשן און נאָר די צונויפגעדריקטע פויסטן האָבן אויסגעזאָגט, וואָס פאַר אַ שווערן איבערלעכן קאַמף ער מאַכט דורך.

— איך האָב ביז אַהער געגלייבט אין די געטער, — האָט ער געזאָגט. — נאָר איצט טראַכט איך מיר, אַז עס עקזיסטירט

נאָר בלויז איינער — אַ בייזער, אומזיניקער און גרויזאַמער, וואָל־כער הייסט נעראָן.

— אוילוס, — האָט קאָמפּאַניע געזאָגט — נעראָן איז נאָר אַ הויפן נישטיקער שטויב אַנטקעגן גאָט.

ער האָט צרומגעשפרייזט מיט ברייטע טריט איבער דער מאַזאַיק פון פינאַקאָטעק. אין זיין לעבן זענען געווען ביז איצט גרויסע מעשים, אָבער נישט קיין גרויסע אומגליקן. ער איז אַלזאָ נישט געווען צוגעוווינט צו דעם. דער אַלטער האָט אַליין נישט געוווסט, ווי ווייט צוגעבונדן ער איז צו ליגיען, און ער האָט זיך איצט נישט געקענט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַן ער האָט זי פאַר־לוירן. אויסער דעם האָט ער זיך געפילט באַליידיקט: אים האָט איצט געדריקט אַ האַנט, וועלכע ער האָט פאַראַכט, אָבער קעגן וועלכע ער איז מאַכטלאָז.

אָבער ווען ער האָט, ענדלעך, דערשטיקט אין זיך דעם צאָרן, וועלכער האָט אים שיער נישט משוגע געמאַכט, האָט ער געזאָגט:

— איך רעכן, אַז פּעטראָניוס האָט זי אונדז נישט צוגענו־מען פאַרן צעזאַר, דען ער וואָלט נישט געוואָלט אויפהעצן פּאָפּע־אַן קעגן זיך, ער האָט זי הייַנט עס גענומען אָדער פאַר זיך, אָדער פאַר וויניציושן... היינט מוז איך זיך דאָס דערוויסן.

און אין אַ ווײַלע צרום האָט די לעקטיקע אים שוין געטראָגן צום פּאַלאַטין, און פּאָמפּאָניע איז, איבערבלייבנדיק אַליין, אַריינ־געגאַנגען צום קליינעם אוילוס, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען נאָך דער שוועסטער און צו פאַרכטן דעם צעזאַר.

V

אוילוס האָט פאַרויס פאַרשטאַנען, אַז ער װעט נישט צוגעלאָזט װערן צו בעראַנען. מ'האָט אים געענטפערט, אַז דער צעזאַר זינגט איצט מיט דעם האַרפן־שפּילער טערפּניוסן און אַז ער נעמט בכלל נישט אָן קײנעם, װעמען ער האָט אַלײן נישט געלאָזט רופן, אַנדערש גערעדט, הײסט עס, אַז ער זאָל אויך אויף װײטער נישט פּרוּװן צו װעלן זען זיך מיטן צעזאַר.

דערפאַר האָט סענעקאַ, כאָטש ער איז קראַנק געװען אויף פיבער, צוגענומען דעם אַלטן קריגס־פירער מיט דעם געהעריקן כבוד, װאָס קומט אים. אָבער אויסהערנדיק, אין װאָס עס גײט, האָט ער זיך ביטער צעלאַכט און געזאָגט:

— אײן טובה קען איך דיר נאָר טון, אײדעלער פּלוּציוס, דערמיט, װאָס איך װעל קײנמאָל נישט אַרויסװײזן דעם צעזאַר, אַז איך פיל דיר מיט און אַז איך װאָלט דיר געװאָלט העלפן, װאָרים, װען דער צעזאַר זאָל האָבן דעם מינדסטן חשד װעגן דעם,

וואָלט ער דיר ליגיען שוין באַשטימט נישט אָפּגעגעבן, ווען ער זאָל אפילו קיין אַנדערע סיבה דערצו נישט האָבן, ווי בלויז מין צו קרענקען.

איך עצה דיר אויך נישט צו ווענדן זיך צו טיגעליגען, נישט צו וואַטיניושן, נישט צו וויטעליוסן. פאַר געלט וואָלסטו אפשר יאָ געקענט מיט זיי עפּעס מאַכן, אָדער אפשר להכעיס פּעטראָניוסן, וועמענס השפּעה זיי זוכן נאָר אונטערצוגראָבן, וואָלטן זיי פאַר דיר יאָ עפּעס געטון, נאָר גיכער פון אַלץ וואָלט דער צעזאַר פון זיי געווויר געוואָרן, ווי טייער ליגיע איז פאַר דיר, און דאַמאָלס וואָלט ער זי דיר שוין געוויס נישט אָפּגעגעבן.

דאָ האָט דער אַלטער פילאָזאָף גענומען רעדן מיט בייסנדיקער איראָניע קעגן זיך אַליין: „דו, פּלויציוס, האָסט געשוויגן, אייביקע יאָרן האָסטו געשוויגן, און דער צעזאַר האָט נישט ליב די, וועלכע שווייגן; ווי האָסטו געקענט נישט באַגייסטערט זיין מיט זיין שיינקייט, גרויסאַרטיקייט, מיט זיין געזאַנג, דעקלאַמאַציע, צירק-געיעגן און לידער! ווי האָסטו געקענט נישט רימען בריטאַניקאָס טויט, נישט האַלטן קיין לויב-רעדעס לכבוד דעם מוטער-מאָרד און נישט גראַטולירן אים צוליב דעם דערשטיקן אָקטאַוויוסן. דיר, אויליוס, פעלט פול דערפון, וואָס מיר, וועלכע לעבן גליקלעך אין הויף, האָבן עס גענוג".

אַזוי רעדנדיק, האָט ער גענומען דאָס טעפּל, וועלכעס ער האָט געטראָגן אויפן גאַרטל, האָט אָנגעשעפּט וואַסער פון אימפּלויוום-פאָנטאַן, האָט אָפּגעפּרישט זיינע ליפּן און ווייטער גערעדט:

— אָך, נעראָן האָט אַ דענקבדיק האַרץ! ער האָט דיך ליב, ווייל דו האָסט געדינט רוים און איר נאָמען באַרימט געמאַכט אין אַלע עקן וועלט, און מיך האָט ער ליב, ווייל איך בין זיין יוגנט-לערער. דערפאַר ווייסטו, בין איך זיכער, אַז דאָס וואַסער פון אָט דעם פאָנטאַן איז נישט פאַרסמט, און איך טרינק עס גאַנץ רויק. וויין וואָלט אין מיין הויז נישט געווען אַזוי זיכער, נאָר איך בין דורשטיק, קען איך גאַנץ דרייסט אָנטרינקען זיך פון דעם וואַסער. די וואַסער-לייטונג ברענגט עס אַזש פון די אַלבאַנער בערג און, וועלנדיק עס פאַרסמען, וואָלט מען געמוזט פאַרסמען אַלע פאָנטאַ-

גען אין רוים. ווי דו זעסט קען מען נאָך אויף אונדזער וועלט זיין זיכער און האָבן אַ רויִקע עלטער. איך בין אפילו קראַנק, נאָר דאָס איז זיכער מיין נשמה קראַנק, נישט מיין גוף.

דאָס איז געווען אמת. סענעקאַ איז נישט געווען דער גייסטיק-שטאַרקער, ווי למשל אַ קאַרנוטוס אָדער אַ טראַזעאַס, זיין לעבן איז דעריבער געווען אַ ריי פּשרות מיט דער נידערטרעכטיקייט, ער האָט דאָס אַליין געפילט, ער האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז אַן אָנהענגער פון זענאָנס און ציטיומס פּרינציפּן דאַרף גיין מיט אַן אַנדערן וועג און ער האָט דערפון מער געליטן, ווי פון דער מורא פאַרן טויט.

נאָר אוילוס האָט אים איצט איבערגעריסן אין זיין ווידוי.

— איידעלער אַננעאוס! — האָט ער געזאָגט, — איך ווייס גוט, ווי דער צעזאַר האָט דיר באַדאַנקט פאַר דיין השגחה איבער זיין יוגנט, אָבער דער שולדיקער אין צורויבן אונדזער קינד איז פּעטראָניוס. גיב מיר עפּעס קעגן אים, ווייז מיר אָן די מיטלען, מיט וועלכע מען קען אויף אים ווירקן, און ערשטלעך בעט איך דיך אין נאָמען פון אונדזער אַלטער פריינטשאַפט, פרוו דו אַליין אויף אים ווירקן מיט דיין גאַנצער רעדנער-קראַפט.

— פּעטראָניוס און איך, — האָט סענעקאַ געענטפערט: — דאָס זענען צוויי באַזונדערע לאַגערן. קיין רוט אויף אים האָט קיינער נישט, און ווירקן אויף אים איז אוממעגלעך. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ביי זיין גאַנצער פאַרדאָרבנקייט איז ער נאָך העכער פון די אַלע שאַרלאַטאַנעס, מיט וועלכע נעראָן איז היינט צוגערינגלט. אָבער אויפווייזן פּעטראָניוסן, אַז ער האָט שלעכט געטון, הייסט נאָר אויסברענגען צייט אויף גאָרנישט. ער באַזיצט שוין לאַנג נישט דעם חוש אונטערצושיידן גוטס פון שלעכטס. ווייז אים אָבער אויף, אַז ער האָט אַ מיאוסן טאַט געטון, דאַן וועט ער פאַרשעמט ווערן. אַז כ'וועל זיך מיט אים זען, וועל איך אים זאָגן: דיין טאַט פּאַסט פאַר אַ באַפרייטן שקלאַף". און אויב דאָס וועט נישט העלפן, וועט גאָרנישט העלפן.

— אַ דאַנק פאַר דעם, — האָט דער אַלטער געענטפערט.

דערנאָך האָט ער זיך געהייסן טראָגן צו וויניציוּשן, וועלכן ער האָט געטראָפן זיך פעכטן מיט זיין געפעכט-לערער, דערזעענדיק ווי רויק ער פאַרנעמט זיך איצט, ווען ס'איז געמאַכט געוואָרן אַזאַ רויבעריִשער אָנפאַל אויף ליגיען, איז אויִלוּס אַריין אין שרעקלעכן גרימצאָרן, וועלכער איז באַלד, ווי דער אַטלעט איז אַרויס, אויסגעבראָכן מיט היציקע פאָרווורפן און זלזולים. נאָר באַלד ווי וויניציוּש האָט דערהערט, אַז ליגיע איז אַוועקגערויבט געוואָרן, איז ער אַזוי שרעקלעך בלאַס געוואָרן, אַז אויִלוּס האָט אפילו אויף איין סעקונדע אים נישט געקענט חושד זיין אַלס שולדיקן אין געשעענעם. אויף דעם יונגלס שטערן איז אַרויסגעטרעטן גראָבע שווייס, דאָס בלוט, וואָס איז אויף אַ מינוט אָפּגעלאָפן אין האַרץ אַריין, האָט מיט אַ הייסן שטראָם צוריקגעשלאָגן אים אין פּנים, זיינע אויגן האָבן געשאָטן פינקען, זיין מויל האָט געשריט מיט אומקלאָרע פראַגן. אייפערזוכט און גרימצאָרן האָבן אים אינגאַנצן צעטרייסלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז קוים איז ליגיע נאָר אָנגעקומען אין צעזאַרס הויז, איז זי שוין פאַר אים פאַרפאַלן אויף אייביק. נאָר ווען אויִלוּס האָט דערמאָנט פּעטראָניוסעס נאָמען, איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן דורך זיין געדאַנק אַ חשד, אַז פּעטראָניוס האָט בלויז פון אים געלאַכט, און אַז אָדער ער האָט זי נאָר דעם צעזאַר געשענקט פאַר אַ מתּנה, כּדי ביי אים מער חן צו באַקומען, אָדער ער האָט זי פאַר זיך צוגענומען, מחמת ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס קען ווער זעען ליגיען און זאָל גלייכצייטיק נישט וועלן זי האָבן.

דער כּעס, די אייגנשאַפט פון זיין גאַנצער משפּחה, האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט ווי אַ שטורעם. און האָט אים ווי משוגע געמאַכט.

— העלדישער קריגער! — האָט ער מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים אויסגערופן — קער דיך אום אַהיים און וואַרט דאָרט אויף מיר... און וויסן זאָלסטו, אַז ווען פּעטראָניוס וואָלט אפילו געווען מיין פאָטער וואָלט איך אויך פון אים נקמה גענומען פאַר ליגיען. גיי אַהיים און וואַרט דאָרט אויף מיר. נישט פּעטראָניוס און נישט דער צעזאַר וועלן זי האָבן.

באַכדעם האָט ער זיך געווענדט מיט צונויפגעדריקטע פויסטן צו די וואַקס-מאַסקעס אין אַטריום און האָט אויסגעשריגן:

— כ'שווער ביי די טויטע מאַסקעס, אַז פריִער וועל איך זיי און זיך אומברענגען.

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון און צוואַרפנדיק באַכאַמאַל אוילוסן: „וואַרט אויף מיר!“ איז ער ווי אַ צעמישטער אַרויסגעלאָפן פון אַטריום גלייך צו פּעטראָניוסן, שטויסנדיק אויפן וועג די דורכגייער.

אוילוס אָבער איז אַהיימגעגאַנגען פול מיט האָפנונגען, דען ער האָט גערעכנט, אַז אויב פּעטראָניוס האָט צוגערעדט דעם צעזאַר אַוועקצוגעבן ליגיען פאַר וויניציושן, וועט וויניציוש זי אַליין אָפּברענגען צו אים אין הויז. אויסער דעם איז פאַר אים נישט קיין קאַפּע טרייסט געווען דער געדאַנק, אַז אויב ליגיע וועט שוין נישט צוריקקומען, וועט מען פאַר איר נקמה נעמען, און דער טויט וועט זי פון שאַנד אויסלייזן. ער האָט געגלייבט, אַז וויניציוש וועט מקיים זיין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט געזען זיין צאָרן און געקענט דעם טעמפּעראַמענט פון זיין גאַנצער משפּחה. און כאָטש ער אַליין האָט געליבט ליגיען, ווי אַן אייגענער פאָטער, וואָלט ער דאָך זי גלייכער דערהרגעט, איידער אָפּגעגעבן דעם צעזאַר, און ווען נישט דער געדאַנק וועגן זיין זון, דאָס לעצטע צווייגל פון זיין שטאַם, וואָלט ער דאָס זיכער געטון. ער איז געווען אַ זעלנער און האָט וועגן די סטאָיִקער כמעט נישט געוווּסט. נאָר אין כאַראַקטער איז ער נישט געווען ווייט פון זיי, און לויט זיינע השגות, לויט זיין שטאָלץ, איז געווען בעסער דער טויט איידער שאַנד.

צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער באַרויִקט פּאָמפּאָניען, האָט זי באַאייגפלוסט מיט זיין האָפנונג, און ביידע האָבן געוואַרט אויף ידיעות פון וויניציושן. אָפט דערהערנדיק אין אַטריום טריט פון וועלכן שקלאַף, האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָס ברענגט זיי וויניציוש אָפּ זייער געליבט קינד, און זיי זענען שוין גרייט געווען פון טיפן האַרץ זיי ביידע צו בענטשן. נאָר ס'איז אַוועק אַ צייט און

קיין שום ידיעה איז נישט געקומען. ערשט אין אָוונט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון העמערל אין טויער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַן אַ שקלאַף און האָט אויסגעלאָזט איבערגעגעבן אַ בריוו. דער אַלטער העלד, כאָטש ער איז געוווינט געווען זיך צו באַהערשן, האָט דאָך צוגענומען דעם בריוו מיט ציטערנדיקע הענט און אים גענומען לייענען אַזוי פיבערהאַפט, ווי ס׳וואָלט דאָ געגאַנגען אין זײַן גאַנץ הויזגעזינט.

פּלוצלינג איז זײַן געזיכט פאַרוואָלקנט געוואָרן.

— לעזו! — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו פּאַמפּאַניען.

פּאַמפּאַניאַ האָט גענומען דעם בריוו און האָט דאָרט געלייענט:

„מאַרקוס וויניציוש. אַ גרוס אויגלוס פּלויציוסן. דאָס, וואָס ס׳איז געשען, איז געשען מיטן צעזאַרס ווילן, פאַר וועלכן איר דאַרפט בייגן אייערע קעפּ, אַזוי ווי איך און פּעטראָניוס".

אַ לאַנג שווײַגן איז אײַנגעטרעטן.

VI

פּעטראָניוס איז געווען אינדערהיים. דער פּאָרטיער האָט נישט געוואָגט צו פאַרהאַלטן וויניציושן, וועלכער איז ווי אַ שטורעם אַרײַנגעפלויגן אין אַטריום און, דערוויסנדיק זיך, אַז דער העַר איז אין ביבליאָטעק, איז ער מיט דעם זעלבן אימפּעט אַרײַן אין ביבליאָטעק, און כרעפּנדיק פּעטראָניוסן שטיין, האָט ער אַרויסגעריסן די רוט פון זײַן האַנט, האָט זי צעבראָכן און אַ שלײַדער געטאָן אָן דער ערד. דערנאָך האָט ער אים מיט די פינגער כּמעט אָנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס און צובײַגנדיק זײַן געזיכט גאַנץ צו פּעטראָניוסעס, האָט ער שווער אַרויסגעסאָפּעט:

— וואָס האָסטו מיט איר געטון? ווו איז זי?

גאָר פלוצלינג איז עפּעס ווונדערלעכס פאָרגעקומען. אָט דער שלאַנקער פאַרצערטלטער פּעטראָניוס האָט אָנגעכאַפּט אײַן האַנט פון דעם יונגן אַטלעט, וואָס האָט זיך אים אין אָרעם אײַנגעגראָבן, דערנאָך די צווייטע, און צוזאַמענדריקנדיק זיי ביידע אין

זײַן אײגן האַנט, װי אין אַן אײַזערנער צװאַנג, האָט ער געזאָגט:

— נאָר אינדערפרי בין איך אַ לא יוצלח. אין אָװנט אָבער באַקום איך צוריק מײַן אַמאָליקע שטאַרקײט. פּרוּװ זיך נאָר אַרויסרײַסן. גימנאַסטיק, זע איך, האָט דיך אַ װעבער געלערנט און האַלטונג — אַ שמיד.

אין זײַן געזיכט האָט מען אַפילו קײן כּעס ניט געזען, נאָר אין די אויגן האָט געשימערט עפּעס אַ פײַערל פון דרײַסטקײט און ענערגיע. אין אַ װײַלע אַרום האָט ער נאָכגעלאָזט װיניציושן די הענט, יענער איז פאַר אים שוין געשטאַנען באַצװוּנגען, פאַרשעמט און בײז.

— דו האָסט אַ שטאָלענע האַנט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך שװער דיר בײַ אַלע געטער פון גיהנום, דאָס אויב דו האָסט געפעלשט, װעל איך דיר אַ מעסער אין האַלדז אַרײַנשטעכן אַפילו בײַם צעזאַר אין הויז.

— לאָמיר זיך נאָר רויִקער דורכרעדן, — האָט פּעטראָניוס געענטפערט. — שטאָל איז, װי דו זעסט, שטאַרקער פון אײַזן און, פון דײַן אײן אָרעם קען מען צװײ װי מײַנע מאַכן, האָב איך פונדעסטװעגן פאַר דיר קײן מורא נישט. דערפאַר אָבער טוט מיר װײ דײַן ברוטאַלקײט, און, װען די מענטשלעכע אומדאַנקבאַרקײט װאָלט נאָך פאַר מיר געװען אַ נײַעס, װאָלט איך זיך זײער געװוּנדערט איבער דײַן אומדאַנקבאַרקײט.

— װוּ איז ליגיע?

— אין לופּאַנאַר, דאָס הײסט בײַם צעזאַר אין הויז.

— פּעטראָניוס!

— באַרויִק דיך און זעץ. איך האָב געבעטן בײַם צעזאַר צװײ זאַכן, װעלכע ער האָט מיר צוגעזאָגט: ערשטנס, ער זאָל ליגיען צונעמען פון אוילוסן און צװײטנס, ער זאָל זי דיר אַװעקגעבן. האַלטסטו נישט אַמאָל אַ מעסער אין די פאַלדן פון דײַן טאָגע? קענסט מיך נאָך שטעכן! נאָר איך עצה דיר, זאָלסט נאָך צוװאַרטן עטלעכע טעג, װײַל מען װאָלט דיך גענומען אין תּפיסה

אריין, און ליגיע וואָלט זיך דערווייל געלאַנגווייליקט ביי זיך אין הויז.

ס'איז שטיל געוואָרן. וויניציוש האָט אַ צייט געקוקט פאַרוווּנדערט אויף פּעטראָניוסן. דערנאָך האָט ער געזאָגט!

— זיי מיר מוחל. איך ליב זי, און די ליגיע פירט מיך פון זינען אַראָפּ.

— מעגסט מיך באַוווּנדערן, מאַרקוס, אייערנעכטן האָב איך צום צעזאַר אַזוי געזאָגט: מיין שוועסטערנזון וויניציוש האָט זיך אַזוי איינגעליבט אין עפּעס אַ מאָגער מיידל, וואָס האָדעוועט זיך ביי אוילוס פּלויציוסן, אַז זיין הויז איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוויץ־באָד פון די זיפצן זיינע. ניט דו, צעזאַר, זאָג איך. און ניט איך, וועלכע קענען זיך אויף אמתער שיינקייט, וואָלטן פאַר איר ניט געגעבן קיין טויזנט סעסטעריצן, אָבער דאָס יונגל איז קיינמאָל קיין חכם ניט געווען, און איצט איז ער אינגאַנצן פאַרנאַרישט געוואָרן.

— פּעטראָניוס!

— אויב דו פאַרשטייסט ניט, אַז איך האָב דאָס געזאָגט, כּדי צו זיכערן ליגיען פאַר דיינעטוועגן, בין איך שוין גרייט צו גלייבן, אַז עס איז טאַקע אמת, וואָס איך האָב געזאָגט. כ'האָב דער געלער באָרד איינגערעדט, אַז אַזאַ עסטעט ווי ער קען ניט אַזאַ מיידל באַטראַכטן אַלס אַ שיינהייט, און נעראָן, וועלכער האָט נאָך ביז אַהער ניט דערוועגט זיך אַנדערש צו קוקן, ווי מיט מיינע אויגן, וועט שוין זיכער קיין שיינקייט אין איר ניט געפינען, און דעריבער וועט ער זי שוין פאַר זיך ניט פאַרלאַנגען. ס'איז נויטיק צו קענען זיך פאַר דער מאַלפּע באַוואָרענען און צו האַלטן אים אויף דער קייט. אויף ליגיען וועט זיך איצט דערקענען ניט ער, נאָר פּאָפּעאַ, וועלכע וועט זיך געוויס באַמיִען זי פון פּאַלאַץ אַרויסצופּטרן. איך האָב צו דער געלער באָרד, אַזוי זיך גלייכגילטיק, געזאָגט: „נעם ליגיען און גיב זי וויניציושן! דו האָסט דאָס רעכט דאָס צו טון, ווייל זי איז אַ משכון, אויסערדעם וועסטו דערמיט אָן עוולה טון אוילוסן". און ער איז באַשטאַנען. ער האָט דאָך ניט געהאַט קיין שום סיבה מיך ניט צו פאָלגן. נאָך

דערצו, אַז איך האָב אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו באַהאַלטן אַן אָרנטלעכן מאַן. דו וועסט באַשטימט ווערן פֿאַר דעם אָפּיציעלן שומר פֿון דער ערבותניצע, מ'וועט דיר אין די הענט אָפּגעבן דעם ליגיער אוצר, און אַלס פֿאַרבונדעטער פֿון די קעמפּערישע ליגיער און אַלס טרייער דינער פֿון צעזאַר, וועסטו נישט נאָר גאָרנישט פֿאַרשווענדן פֿון אוצר, נאָר וועסט זיך אויך באַמיִען אים צו פֿאַרגרעסערן. בלויז נאָר פֿאַר לייטן וועט דער צעזאַר זי פֿאַרהאַלטן עטלעכע טעג בײַ זיך און דערנאָך וועט ער זי אָפּשיקן אין דײַן אינסול אַרײַן. גליקלעכער!

— איז דאָס אמת? דראָט איר דאָרט גאָרנישט בײַם צעזאַר אין הויז?

— ווען זי וואָלט זיך דאָרט אויף שטענדיק באַזעצט, וואָלט פּאָפּעאַ וועגן איר איבערגערעדט מיט לאַקוסטען. אָבער בלויז אויף עטלעכע טעג איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן. אין צעזאַרס פּאַלאַץ געפֿינען זיך צען טויזנט מענטשן. ס'קען, הייסט עס, זײַן, אַז ער וועט זי גאָרנישט זען, נאָך דערצו, אַז ער האָט מיר אַזוי אַלץ געגלייבט, אַז מיט אַ מינוט צוריק איז דאָ בײַ מיר געווען דער צענטוריאָן מיט דער ידיעה, אַז ער האָט שוין אָפּגעפֿירט דאָס מיידל אין פּאַלאַץ און האָט זי איבערגעגעבן אין אַקטעס הענט, דידאָזיקע אַקטע איז אַ גוטע נשמה, דערפֿאַר האָב איך זי איר אָנגעטרויט. פּאָמפּאָניאַ גרעצינאַ האָט, ווי ס'ווײַזט אויס, אויך דיזעלבע מיינונג וועגן איר, וואָרים זי האָט צו איר געשריבן: מאָרגן וועט זײַן אַ סעודה בײַ נעראָנען, איך האָב שוין פֿאַר דיר באַשטעלט אַן אָרט לעבן ליגיען.

— אַנטשולדיק מיר, קאַיוס, פֿאַר מײַן האַסטיקייט, — האָט וויניציוש געזאָגט, — איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט זי אַוועקגעפֿירט פֿאַר זיך אָדער פֿאַרן צעזאַר.

— איך קען דיר מוחל זײַן דײַן האַסטיקייט, נאָר שווערער איז מיר דיר מוחל צו זײַן דײַנע דאָרפֿישע זשעסטן, דײַנע ברוטאַלע געשרייען און דײַן שטימע, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן די מאָרע-שפּילער. דאָס, מאַרקוס, האָב איך נישט ליב און דערפֿאַר היט זיך. און וויסן זאָלסטו, אַז טיגעליגוס איז דעם צעזאַרס

פּרויען־צושטעלער, נישט איך. ווען איך וואָלט ווידער געוואָלט דאָס מיידל נעמען פאַר זיך, וואָלט איך איצט, קוקנדיק דיר גלייך אין די אויגן, געזאָגט: וויניציוש, כ'נעם צו דיין ליגיע, און איך וויל זי ביי מיר האַלטן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט מיר פאַרמיאוסט ווערן.

דאָס זאָגנדיק האָבן זיינע ברוינע אויגן אָנגעקוקט וויניציושן מיט אַזאַ קאַלטן דרייסטן בליק, אַז דער יונגערמאַן איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן.

— איך בין שולדיק, — האָט ער געזאָגט. — דו ביסט אַ גוטער, אַ גרויסמוטיקער, און איך דאַנק דיר פון גאַנצן האַרץ. דערלויב מיר נאָר דיך צו פרעגן איין פראַגע. פאַר־וואָס האָסטו נישט געהייסן אָפּשיקן ליגיען גלייך צו מיר?

— ווייל דער צעזאַר האָט ליב צו נאַרן די וועלט. מענטשן וועלן דאָך אָן שום ספק דעריבער רעדן. נאָר אַזוי ווי מיר נעמען זי דאָך צו אַלס ערבותניצע, וועט זי אַזוי לאַנג זיין אין פּאַלאַץ, ביז מ'וועט נישט אויפהערן צו רעדן דעריבער. דערנאָך וועט מען זי דיר שטילערהייט אָפּשיקן, און אַ סוף. דער געלער איז אַ פּחדנישער הונט. ער ווייסט, אַז זיין מאַכט איז אומבאַגרענעצט און פונדעסטוועגן האָט ער ליב יעדן טריט זיינעם צו מאַסקירן. צי ביסטו שוין גענוג רויק, אַז זאָלסט קענען אַ ביסל פילאָזאָפירן? איך האָב שוין נישט איינמאָל געקלערט דעריבער, פאַר־וואָס דאָס פאַרברעכן, זאָל עס אַפילו מעכטיק זיין ווי דער צעזאַר און זיכער פאַר שטראָף, ווי ער, באַמיט עס דאָך זיך צו מאַסקירן מיט געזעץ, יושר און גוטקייט?... נאָך וואָס דאַרף מען אַזאַ מי? איך מיין, אַז דערמאָרדן אַ ברודער, אַ מוטער און אַ ווייב פּאַסט פאַר עפּעס אַן אַזיאַטיש קעניגל, נישט פאַר קיין רוימישן צעזאַר, נאָר ווען איך וואָלט דאָס יאָ געטון, וואָלט איך נישט געשריבן קיין פאַרענטפערונגס־בריוו צום סענאַט... און נעראָן שרייבט יאָ. נעראָן זוכט ת'רוצים, ווייל נעראָן איז אַ פּחדן. טיבעריוס אָבער איז דאָך נישט געווען קיין פּחדן און דאָך האָט ער אויך פאַרענטפערט יעדן פאַרברעכן זיינעם. פאַר־וואָס איז דאָס אַזוי? וואָס איז דאָס פאַר אַ מערקווירדיקער נישט־זילנדיקער דרך־ארץ, וואָס

דאָס שלעכטס האָט פאַרן גוטן? און ווייסט, וואָס מיר דאַכט זיך? אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס פאַרברעכן איז מיאוס און דאָס גוטע איז שיין. ערגאַ, דער אמתער עסטעט איז שוין דערמיט אַליין אַ גוטער מענטש. איך מוז היינט מקריב זיין אַ ביסל ווייַן לכבוד די נשמות פון פּראָטאַגאָרען, פּראָדיקען און גאָרגיאַסן, ס'זעט אויס, אַז די סאָפיסטן מויגן אויך צו עפּעס. הער, וואָס איך זאָג דיר נאָך, איך האָב צוגענומען ליגיען פון אוילוסן, כּדי זי דיר אָוועקצוגעבן, גוט, אָבער ליזיפּ וואָלט פון אייך דאָך געשאַפן אַ פּרעכטיקע סקולפּטור־גרופּע, אַזוי שיין זענט איר ביידע, איז מיין סאַט אַלזאָ אויך שיין, און זייענדיק שיין, קען ער נישט זיין שלעכט. זע, מאַרקוס, אָט זיצט דאָ פאַר דיר די צדקות פאַרקערפּערט אין פּעטראָניוסן! ווען אַריסטידעס וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער געמעגט קומען צו מיר און מיר שענקען הונדערט מעגען פאַר אַ קורצער לעקציע וועגן זיטלעכקייט.

נאָר וויניציוש, אַלס אַ מענטש, וואָס האָט מער חוש געהאַט פאַר דער ווירקלעכקייט, ווי פאַר לעקציעס איבער זיטלעכקייט, האָט געזאָגט:

— מאָרגן וועל איך זען ליגיען און דערנאָך וועל איך זי שוין האָבן אין מיין הויז אַלע טאָג און שטענדיק, אין מיין גאַנץ לעבן.

— דו וועסט האָבן ליגיען, און איך וועל האָבן איבער מיין קאָפּ אוילוסן. ער וועט אויף מיר זוכן די נקמה פון אַלע אונטער־ערדישע געטער. ווען די בעסטיע וואָלט כאָטש פריִער גענומען אַ לעקציע פון פיינער דעקלאַמאַציע... ער וועט דאָך מיך אָבער שעלטן אַזוי גראָב, ווי מיין געוועזענער טיר־דינער, וועלכן כ'האָב דערפאַר פאַרשיקט אין אַ דאָרף צריין קיין ערגאַסטולום, פלעגט שעלטן מיינע קליענטן.

— אוילוס איז ביי מיר געווען. איך האָב אים צוגעזאָגט צו שיקן אַ ידיעה וועגן ליגיען.

— שרייב אים, אַז דער ווילן פון „געטלעכן" צעזאַר איז דאָס העכסטע געזעץ, און אַז דו וועסט דיין ערשטן זון אַ נאָמען געבן אוילוס. ס'איז נייטיק, אַז דער אַלטער זאָל האָבן אויך עפּעס

אַ טרײסט. איך בין גרייט צו בעטן די גע̇לע באָרד, ער זאָל אים אויך פאַרבעטן אויף דער סעודה. זאָל ער דיך דאָרט זען אין טריק־ליניום לעבן ליגיען.

— סו דאָס נישט! — האָט וויניציוש געזאָגט. — איך באַדוי ער זיי פונדעסטוועגן. דער עיקר פאַמפאָניען.

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שרײבן יענעם בריוו, וועל־כער האָט דעם אַלטן קריגער צוגעגומען די רעשט האָפנונג.

VII

פאַר אַקטען, נעראָנס געוועזענע געליבטע, האָבן זיך אַמאָל צעבויגן די גרעסטע קעפּ פון רוים. אָבער אפילו דאַן האָט זי זיך נישט געמישט אין די עפנטלעכע ענינים און, אויב זי האָט אַ מאָל אויסגענוצט איר איינפלוס אויפן יונגן הערשער, איז עס נאָר געווען אום אויסצובעטן רחמים פאַר וועמען. אַ שטילע און אַ געלאַסענע האָט זי זיך דערוואָרבן אַלעמענס דאַנקבאַרקייט און האָט קיין איין שונא נישט געהאַט. אפילו אַקטאַוויע האָט זי אויך נישט געקענט פיינט האָבן. פאַר אייפערזיכטיקע פרויען איז זי געווען צו אומגעפערלעך. ס׳איז קיין סוד נישט געווען, אַז זי ליבט נאָך אַלץ נעראָנען מיט אַ טרויעריקער און אַנגעווייטיקטער ליבע, וועלכע לעבט שוין נישט מיט קיין האָפנונג, נאָר מיט די זכרונות פון דער צייט, ווען דער זעלבער נעראָן איז נישט נאָר ליבנדיקער און יונגער, נאָר אויך בעסער געווען. ס׳איז אויך קיין סוד נישט געווען, אַז אירע אַלע געדאַנקען און איר נשמה געהערן אָט די זכרונות, אָבער זי וואַרט שוין פונדעסטוועגן אויף

גאַרנישט און, אַזוי ווי ס'איז שוין קיין שום מורא נישט געווען דער צעזאַר זאָל זיך נאָך צו איר אומקערן, האָבן אַלע זי באַטראַכט פאַר אַן צנטוואָפנטער און צוליב דעם האָט מען זי צורו געלאָזט. פּאַפּאַ האָט זי באַטראַכט פאַר אַ שטילע דינסט, וועלכע איז אַזוי ווייט נישט שעדלעך, אַז זי האָט זיך אפילו נישט באַמיט זי פון פּאַלאַץ אַרויסצופּטרן.

נאָר אַזוי ווי דער צעזאַר האָט דאָך זי אַמאָל געליבט און פאַרלאָזט האָט ער זי אָן שום כעס, נאָר אויף אַ רויקן און פריינטלעכן אופן, האָט מען דעריבער דאָך נאָך געהאַט עטוואָס איינזעעניש פאַר איר. נעראָן האָט, באַפרייענדיק זי, איר געגעבן אין פּאַלאַץ אַ וווינונג מיט אַ באַזונדערן קוביקולום און אַ געוויסע דינערשאַפט. און פּונקט אַזוי ווי פּאַלאַס און נאַרציס, כאָטש זיי זענען געווען קלודיוסעס פריגעלאָזטע שקלאַפן, זענען אין זייער צייט נישט נאָר געווען פאַרבעטן אויף אַלע קלודיוסעס פאַרוויילונגען, נאָר זיי האָבן אויך אַלס מעכטיקע מיניסטאָרן פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער, אַזוי האָט מען זי אויך אַמאָל פאַרבעטן צום צעזאַרס טיש. ס'קען זיין, אַז דאָס איז געטון געוואָרן דערפאַר, ווייל מיט איר פּראַכטיקער פיגור איז זי געווען אַ צירונג אויף די פאַרוויילונגען, איבעריקנס האָט דער צעזאַר אין צוקלויבן זיך געזעלשאַפט שוין לאַנג זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום גרענעצן. צו זיין טיש האָבן זיך געזעצט די פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן פון אַלע שטאַנדן און באַרופן, ס'זענען געווען צווישן זיי סענאַטאָרן, אָבער נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן פון זיך געקענט מאַכן פּאַיאַצן, ס'זענען געווען עלטערע און יונגערע פּאַטריציער, וועלכע האָבן געדורשט נאָך לוקסוס, פאַרשווענדערישקייט און אויסגעלאַסנקייט, פרויען מיט הויכגעשאַצטע נעמען, אָבער וועלכע פלעגן זיך נישט זשעניִרן אין די אָוונטן צו פאַרשטעלן זיך אין פּערוקן און אַרויסגיין אין די פינסטערע גאַסן זוכן זיך פאַרווילונג. ס'זענען געווען הויכע באַאַמטע און גייסטלעכע, וועלכע פלעגן אַליין אָפּלאַכן פון די אייגענע געטער, און צוזאַמען מיט זיי אַ פאַרשידנאַרטיקער המון פון זינגער, מימיקער, מוזיקער, טענצער און טענצערינס; פון פּאָעטן, וועלכע טראַכטן בשעתן דעקלאַמירן

פון די סעסטערצן, וועלכע זיי ווילן באַצאָלן פאַר לויבן דעם צע־זאַרס לידער, פון אויסגעהונגערטע פילאָזאָפן, וואָס וואַרפן הונגעריקע בליקן אויף די צודערלאַנגטע געריכטן; באַרימטע צירק־פּערער, קונצן־מאַכער, מאַגיקער, מעשיות־דערציילער, כרעפער און אויך צופעליקע טאָג־העלדן און אַוואַנטוריסטן, צווישן וועלכע עס האָבן נישט געפעלט אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיט זייערע לאַנגע האָר פאַרדעקט זייערע דורכגעלעכערטע אויערן — דעם צייכן פון שקלאַפעריי.

די וויכטיקערע געסט האָבן זיך גלייך געזעצט צו די טישן און די קלענערע האָבן באַדאַרפט ווײַלן בשעתן עסן, וואַרטנדיק אויף דער מינוט, ווען די דינערשאַפט וועט זיי דערלויבן זיך וואַרפן אויף די שיריים פון די עסנס און געטראַנקען. אַזעלכע געסט פלעגן צוגעשטעלט ווערן דורך טיגעלינוס, נאַטיוויוס און וויטעליוס, זיי האָבן אויך גענוצט אָט די געסט אויסקליידן, ווי ס'פּאַסט אין פּאַלאַץ ביים צעזאַר, וועלכער האָט איבעריקנס ליב געהאַט אַזאַ סאָרט געזעלשאַפט, צווישן וועלכע ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן פריי. דער לוקסוס פון פּאַלאַץ האָט אַלץ באַגילדט און אַלעמען באַדעקט מיט גלאַנץ. גרויסע און קליינע, מיוחסים פון העכסטגעשטעלטע משפחות און מענטשן פון גאַסן־המון, געניאַלע קינסטלער און נישטיקע דילעטאַנטן, — אַלע האָבן זיך געשטופּט אין פּאַלאַץ, אום צו זעטיקן זייערע אויגן, פאַרבלענדט פון דער פאַרשווענדערישקייט, וואָס גייט איבער כמעט די מענטשלעכע השגה; אום צו זיין נאָענט צום האַר פון אַלע חסדים פון רייכקייט און וווילטאָג, וועמענס איין ווינק מיטן אויג קען אינגאַנצן דער־נידעריקן און אויך אויפהייבן אָן אַ גרענעץ.

דעם טאָג האָט ליגיע אויך געזאָלט נעמען אָנטייל אין אַזאַ פעסטמאָל. שרעק, אומזיכערקייט און אויפרעגונג, וואָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך נאָך אַזאַ פּלוצלינגער ענדערונג, האָבן זיך געראַנגלט אין איר מיט דעם חשק קעגנצושטעלן זיך. זי האָט זיך געשראָקן פאַרן צעזאַר, פאַר מענטשן, פאַרן פּאַלאַץ, פונוואַנען דער טומל האָט איר די געדאַנקען צעמישט, זי האָט זיך געשראָקן פאַר די פאַרווײַלונגען, וועגן דער אויסגעלאַסנקייט פון וועלכע אוילוס,

פּאַמפּאַניאַ גרעציגאַ און זייערע פריינט פּלעגן איר דערציילן. כאָטש זי איז געווען אַ יונג מיידל, האָט זי פונדעסטוועגן שוין נישט געהאַט די קינדערישע נאַיווקייט. וואָרים אין יענע צייטן פּלעגן קינדער גאַנץ פרי האָבן דעם באַוווסטזיין פון שלעכטס. זי האָט אַלזאָ געוווסט, אַז אין דעם פּאַלאַץ דראָט איר אַן אונטערגאַנג, פאַר וועלכן פּאַמפּאַניע האָט זי טאַקע געוואָרנט ביים געזעגענען זיך. אָבער האָבנדיק אַ יונגע אומבאַפלעקטע נשמה און אָנערקענענדיק די הויכע לערע, וועלכע פּאַמפּאַניע האָט אין איר איינגעפלאַנצט, האָט זי דער מוטער, זיך זעלבסט און אויך דעם געטלעכן לערער, וועלכן זי האָט נישט נאָר געגלייבט, נאָר אויך ליב געהאַט מיט איר קינדעריש האַרץ פאַר זיין זיסער לערע, פאַר זיין טויט און פאַר זיין געבורט, — צוגעזאָגט זיך קעגנצושטעלן דעם אונטערגאַנג.

זי האָט געוווסט, אַז איצט וועט שוין נישט פּאַמפּאַניע, נישט אוילוס ערוב זיין פאַר אירע מעשים. זי האָט אַלזאָ אַ טראַכט געטון, צי עס וואָלט נישט גלייכער געווען קעגנצושטעלן זיך און באַלד נישט גיין אויף דער סעודה. פון איין זייט האָט זי מורא געהאַט און אומרויק געווען, און פון דער צווייטער זייט האָט זי געהאַט אַ פאַרלאַנג אַרויסצווייזן דרייסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט און איבערגעבן זיך דער מאַרטירעריי און דעם טויט. האָט דאָך דער געטלעכער לערער אַזוי געהייסן, האָט ער דאָך אַליין געגעבן אַ ביישפּיל. האָט דאָך פּאַמפּאַניע איר אַליין דערציילט, אַז די הייסערע אַנהענגער זיינע בעטן מיטן גאַנצן האַרץ פאַר אַזאַ נסיון. ווען זי איז נאָך געווען ביי אוילוסן אין הויז, האָט זי טייל מאָל אויך באַגערט אַזאַ פאַרלאַנג. זי פּלעגט זיך זען אַלס מאַרטירערין מיט וונדן אויף די הענט, אויף די פיס, אַ ווייסע, ווי שניי, שיין מיט אַ הימלעשער שיינקייט, ווערנדיק אויך פון אַזעלכע שיינע מלאכים געטראָגן אין דער הימעל-בלויקייט. און מיט אַזעלכע וויזיעס האָט זי אירע פאַנטאַזיעס געקוויקט. עס איז אין דעם געווען אַ סך קינדישע פאַנטאַזיע, אָבער אויך אַ ביסל אייגנליבע, פאַר וועלכן פּאַמפּאַניע פּלעגט איר אַ ביסל פאַרוואַרפן, און איצט, ווען דער ווידערשטאַנד קעגן צעזאַרס ווילן האָט געקענט מיט זיך ברענגען

אַ גרויזאַמע שטראָף, און, ווען די וויזיעס פון מאַרטירערס האָבן געקענט ווערן אַ ווירקלעכקייט, איז נאָך צו די טרוימען, צו דער אייגנליבע צוגעקומען אויך אַ געוויסע שרעקעוודיקע בייגיריקייט, ווי אַזוי מען וועט זי באַשטראָפן און וואָס פאַר אַ יסורים מען וועט פאַר איר אויסטראַכטן.

און אַזוי האָט זיך די האַלב קינדערישע נשמה געהאַקלט אויף צוויי זייטן. נאָר אַקטע, דערוויסנדיק זיך פון די וואַקלענישן, האָט זי אַנגעקוקט אַזוי פאַרוואונדערט, ווי דאָס מיידל וואָלט גערעדט פון היץ. קעגנשטעלן זיך דעם צעזאַרס ווילן? צי־ען אויף זיך פון דער ערשטער מינוט אָן זיין צאָרן? דאָס קען נאָר טון אַ קינד. וואָס ווייסט נישט וואָס עס רעדט, פון אירע אייגענע רייד איז דאָך צו זען, אַז זי, ליגיע, איז נישט קיין ערבותניצע, נאָר פון איר פאָלק אַ פאַרגעסן מיידל, וועלכע קיין שום פעלקער־רעכט שיצט נישט. און ווען אפילו יאָ איז דער צעזאַר געוויינ מעכטיק, אַז ער זאָל אין גרימצאָרן אויף דעם רעכט טרעטן. דעם צעזאַר איז געפעלן זי צו נעמען און ער האָט איבער איר צו שאַפן. פון איצט אָן איז זי ביי אים אין רשות, איבער וועלכן ס'איז קיין אַנדער רעכט אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ.

— יאָ, — האָט זי ווייטער געזאָגט. — איך האָב אויך געלייענט די בריוו פון פּויִלוס פון תרשיש און איך ווייס אויך, אַז אין הימל איז דאָ אַ גאָט, און גאָטס אַ זון, וועלכער איז אויפ־עשטאַנען תחיית המתים, אָבער אויף דער ערד הערשט נאָר איין נעראָן. געדענק דאָס, ליגיע. איך ווייס אויך, אַז דיין לערע דערלויבט דיר נישט צו זיין דאָס, וואָס איך בין געווען, און אַז איר, פּונקט אַזוי ווי די סטאָיִקער, וועגן וועלכע עפּיקטעט האָט מיר דערציילט, מוזט אויסקלייבן זיך דעם טויט, איידער שאַנד. נאָר צי קענסטו דען וויסן, אַז דיך דערוואַרט טויט, נישט קיין שאַנד? צי דען האָסטו נישט געהערט וועגן סעאַנאָס טאָכטער, וועלכע איז נאָך געווען אַן אומשולדיק מיידל, און וועלכע איז צוליבן געזעץ וואָס פאַרווערט טויט־שטראָף פאַר מיידלעך, לויט טיבעריוסעס באַפעל, פריִער געשענדט געוואָרן? ליגיע, ליגיע, רייץ נישט אָן אויף זיך דעם צעזאַר! ווען עס וועט קומען די אַנטשיידענע

מינוט, ווען דו ווייסט מוזן אויסקלייבן צווישן שאַנד און טויט, לאָסטו דיך באַשליסן, ווי דיין אמת לאָזט דיך, אָבער זוך נישט גוטווויליק דעם טויט און רייץ נישט צוליב אַ נאַרישקייט דעם ערדישן גרויזאַמען גאָט.

אַקטע האָט גערעדט מיט געפיל און אפילו מיט באַגייסטערונג און, זייענדיק אַ קורצזיכטיקע, האָט זי דערביי גאַנץ צוגעבויגן איר ליכטיק געזיכט צו ליגיען, ווי זי וואָלט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן אויף איר.

ליגיע האָט צוטרוילעך, ווי אַ קינד, פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום אַקטעס האַלדז און געזאָגט:

— דו ביסט אַ גוטע, אַקטע.

אַקטע, גערירט פון דעם צוטרויען, האָט זי צוגעדריקט צו איר ברוסט און דערנאָך האָט זי, באַפרייענדיק זיך פון דעם מיידלס אומאַרמונג, געענטפערט:

— מיין גליק און מיין פרייד זענען שוין פאַרביי, נאָר קיין תרעומות האָב איך נישט.

און זי האָט גענומען גיין מיט געשווינדע טריט איבערן צימער, רעדנדיק צו זיך אַליין, ווי אין פאַרצווייפלונג:

— ניין, ער איז נישט געווען אַזאַ שלעכטער, ער האָט דאָמאָלס זעלבסט געמיינט, אַז ער איז אַ גוטער, און ער האָט געוואָלט זיין גוט, איך ווייס דאָס אויסגעצייכנט, דאָס אַלץ איז ערשט שפּעטער געשען... ווען ער האָט אויפגעהערט צו ליבן... דאָס האָבן אים מענטשן געמאַכט פאַר אַזעלכן, ווי ער איז. — מענטשן — און פּאָפּעאַ!

אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן. ליגיע האָט אַ צייט אויף איר געקוקט מיט אירע בלויע אויגן און ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— דו באַדויערסט אים, אַקטע?

— כ'באַדויער אים! — האָט די גריכין שטיל געענטפערט.

און זי האָט ווידער גענומען אַרומשפּרייזן מיט צונויפגעדריקטע פויסטן, די פּנים ווייטיק און מיט אַ פאַרצווייפלט געזיכט.

ליגיע האָט ווייטער נישט דרייסט געפרעגט:

— דו ליבסט אים נאָך, אַקטע?
— איך ליב אים!...
און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:
— קיינער האָט אים נישט ליב, אַ חוץ מיר...

עס איז שטיל געוואָרן. אַקטע האָט זיך דערווײַל באַמיט צוריק צובאַקומען איר רויִקייט, וואָס איז געשטערט געוואָרן דורך די זכרונות פון אַמאָל און, ווען איר געזיכט האָט ענדלעך באַקומען דעם פריִערדיקן אויסדרוק פון שטילן אומעט, האָט זי געזאָגט:

— לאָמיר רעדן וועגן דיר, ליגיע. קלער נישט אפילו וועגן קעגנשטעלן זיך דעם צעזאַר. דאָס וואָלט געווען אַן אומזיניקייט, איבעריקנס קענסטו דאָ רויִק זײַן. איך קען דאָס הויז זייער גוט, און איך רעכן, אַז פון צעזאַרס זײַט דראָט דיר נישט קיין שום שלעכטס. ווען נעראָן וואָלט דיך געוואָלט צורויבן פאַר זיך, וואָלט מען דיך נישט געבראַכט אין פּאַלאַטין אַרײַן. וואָרים דאָ הערשט פּאָפּעאַ, און פון דער צײַט אָן, וואָס זי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, איז ער נאָך אונטער איר מאַכט... ניין, נעראָן האָט, אמת, באַפוילן, דו זאָלסט זײַן אויף דער סעודה, ער האָט אָבער דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען, ער האָט זיך וועגן דיר נישט געפרעגט. אים גייט אַלזאָ נישט וועגן דיר. אפשר האָט ער דיך צוגענומען פון אוילוסן און פּאָמפּאָניען, ווײַל ער צאַרנט אויף זיי... ווי דו ווייסט, האָט דאָך פּעטראָניוס און אויך פּאָמפּאָניע צו מיר געשריבן, זיי האָבן זיך אַזוי דורכגערעדט צווישן זיך, און ער האָט דאָס אפשר געטון לויט איר בקשה. ווען דאָס זאָל ריכטיק זײַן, אַז ער האָט לויט פּאָמפּאָניעס בקשה צוגעזאָגט דיך צו באַשיצן, האָסטו שוין גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. און ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך נישט איבעררעדן דעם צעזאַר, ער זאָל דיך צוריקשיקן צו אוילוסן. איך ווייס נישט, צי נעראָן האָט גאָר אַזוי ליב דעם פּעטראָניוסן, נאָר איינס ווייס איך, אַז ער וואַגט גאַנץ זעלטן נישט צו רעכענען זיך מיט זײַן מיינונג.

— אָך, אַקטע! — האָט ליגיע געענטפערט, — פּעטראָניוס איז בײַ אונדז געווען, איידער מען האָט מיך צוגענומען, און מײַן

מוטער איז איבערצייגט געווען, אז דאָס האָט ער אָנגערעדט נע־ראַנען, מ׳ך צוצונעמען פון זיי.

— דאָס וואָלט שלעכט געווען, — האָט אָקטאַ געזאָגט.

און פאַרקלערנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט זי ווײַטער געזאָגט:

— און אפשר האָט פּעטראָניוס אויף אַ פאַרווײַלונג, נישט ווילנדיק, זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר נעראָנען, אַז ער האָט בײַ אווילוסן אין הויז געזען די ע׳ בותניצע פון די ליגיער, און דער צעזאַר, וועלכער איז אײַפערזיכטיק אויף זײַן מאַכט, האָט דיך בלויז דער־פאַר צוריקגעפאָדערט, ווײַל ערבותניקעס געהערן דעם צעזאַר. ער האָט אויך, איבעריקנס, נישט ליב אווילוסן און פאָמפּאָניען... נײַן, כ׳ שטעל מיר נישט פאָר, אַז ווען פּעטראָניוס זאָל דיך וועלן צונע־מען פון אווילוסן, זאָל ער זיך באַנוצן מיט אַזאַ מיטל... כ׳ווייס נישט, צי פּעטראָניוס איז בעסער פון די אַלע, וואָס רינגלען אַרום דעם צעזאַר, ער איז אָבער דאָך אַנדערש פון זיי... און אפשר וועסטו דאָרט נאָך וועמען געפינען אויסער אים, וואָס זאָל זיך וועלן פאַר דיר אײַנשטעלן. צי האָסטו בײַ אווילוסן אין הויז נישט געקענט וועמען ס׳איז פון צעזאַרס מקורבים?

— כ׳פלעג דאָרט זען וועספּאַסיאַנען און טיטוסן,

— זיי לײַדט נישט דער צעזאַר.

— און סענעקאַן.

— ס׳איז גענוג, אַז סענעקאַ זאָל עפּעס זאָגן, אום נעראָ זאָל טון פאַרקערט.

ליגיעס לויטער געזיכט האָט זיך פאַרויטלט.

— און וועניציוּשן...

— כ׳קען אים נישט.

— ער איז פּעטראָניוסעס אַ קרוב, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון אַרמעניען...

— דענקסטו, אַז נעראָן זעט אים גערן.

— וועניציוּשן האָבן אַלע ליב.

— און ער וואָלט זיך געוואָלט פאַר דיר אײַנשטעלן?

— יאָ.

אָקטע האָט זיך האַרציק צעלאַכט און געזאָגט:

— וועסטו אים זיכער זען אויפן פעסטמאָל. דו וועסט דאָרט מוזן זיין, קודם כל דערפאַר, וואָס דו מוזסט... נאָר אַזאַ קינד ווי דו קען גאָר אַנדערש קלערן. צווייטנס, אויב דו ווילסט צוריקקומען צו אוילוסן אין הויז, וועסטו טאַקע דאָרט האָבן די געלעגנהייט צו בעטן פּעטראָניוסן און וויניציושן, זיי זאָלן מיט זייער איינפלוס אויספּועלן פאַר דיר די דערלויבעניש זיך אומצוקערן אַהיים. ווען זיי וואָלטן דאָ געווען, וואָלטן זיי ביידע דיר דאָס זעלבע געזאָגט, וואָס איך, אַז אַ ווידערשטאַנד פון דיין זייט איז אַן אמתער אומזין און אַ זיכערער טויט פאַר דיר. ס'קען אויך געמאָלט זיין, אַז דער צעזאַר זאָל דיך כלל נישט באַמערקן אָבער טאָמער וועט ער דיך יאָ באַמערקן און וועט איבערקלערן, אַז דו האָסט געוואָגט זיך קעגנצושטעלן זיין ווילן, וואָלט שוין פאַר דיר קיין שום רעטונג נישט געווען. קום, ליגיע... הערסטו דעם טומל פון פּאַלאַץ? די זון פאַרגייט שוין, און די געסט וועלן באַלד אָנקומען.

— ביסט גערעכט, אַקטע — האָט ליגיע געענטפערט: — און איך וועל דיך טאַקע פאָלגן.

ליגיע האָט זיך אַליין נישט באַרעכנט, וויפיל באַגער צו זען פּעטראָניוסן און וויניציושן עס איז געווען אין דעם באַשלוס, וויפיל ווייבערישע נייגיריקייט, איינמאָל צו זען אַזאַ פעסטמאָל, צו זען דעם צעזאַר, דעם הויף, די באַרימטע פּאָפּעאַ און אַנדערע שיינהייטן און דעם גאַנצן אומגעהערטן לוקסוס, וועגן וועלכן מ'האָט אין גאַנץ רוים גערעדט און באַוואונדערט. אַקטע איז אָבער דאָך גערעכט געווען, און דאָס מיידל האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. זי האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט גיין. און אַז די נויטווענדיקייט און דער געזונטער פאַרשטאַנד האָבן דאָ אונטערגעהאָלפן דעם יצר הרע, האָט זי שוין אויפגעהערט צו וואַקלען זיך.

אַקטע האָט זי דאַן אַריינגעפירט אין איר אייגענעם אונקטאַריום, כדי זי צו פּערפומירן און אויספּוצן, און כאָטש אין צעזאַרס הויז האָבן נישט געפעלט קיין שקלאַפינס, און אַקטע זעלבסט האָט זיי אויך געהאַט גענוג פאַר איר אייגענער באַדינונג, פונדעסטוועגן האָט זי אויס רחמנות צו דעם מיידעל, פון וועמענס

אומשולד און שיינקייט זי איז געווען, באשלאסן זי אליין צו באדינען. און באלד האט זיך אויסגעוויזן, אז, ניט קוקנדיק אויף דער יונגער גריכינס שטענדיקן אומעט און איר לעזן די בריוו פון פיילוס פון תרשיש, איז אין איר נאך געבליבן פול פון דער אמאליקער העלענישער נשמה, צו וועלכער די שיינקייט פון קערפער רעדט מער פון אלץ אין דער וועלט. ווען ליגיע איז געבליבן שטיין נאקעט, האט זיך ארויסגעריסן ביי איר א געשריי פון באוואונדערונג, דערזעענדיק די צארט-זייכע און רונדע פארמען פון איר קערפער, וועלכער איז ווי באשאפן געווען פון פערל און רויזן-שטאף, און, אפטרעטנדיק עטלעכע טריט, האט זי אין אנטציקונג געקוקט אויף דער זעלטענער פרילינגס-פיגור.

— ליגיע! — האט זי אויסגערופן — דו ביסט הונדערט מאל שענער פון פאפעא.

אבער דאס מיידל, וועלכע איז דערצויגן געווארן אין פאמפאניעס שטרענגן הויז, ווו די באשיידנהייט ווערט אפגעהיט אפילו דאן, ווען די פרויען זענען אליין מיט זיך, איז איצט געשטאנען א פרעכטיקע, ווי א וואונדערלעכער חלום, א הארמאנישע, ווי פראקסיטעלעסעס ווערק, ווי א ליד, צעמישט און רויז פון בושה, מיט צונויפגעדריקטע קניען, מיט די הענט אויף די ברוסטן און מיט אראפגעלאזטע ברעמען. ענדלעך, האט זי, אויפהייבנדיק דעם קאפ, מיט א געשווינטער באוועגונג ארויסגעצויגן די נאדלען, וועלכע האבן איר די האר געהאלטן, און אין איין מינוט, איין ווארף מיטן קאפ, און זי איז פארהילט געווארן אין זיי, ווי אין א מאנטל.

אקטע איז צוגעגאנגען און, אנרירנדיק אירע טונקעלע לאקן, האט זי געזאגט:

— א, וואס פאר א שיינע האר דו האסט!... כ'וועל זיי ניט באשיטן מיט קיין גאלד-פודער, זיי גלאנצן אריין ערטערווייז מיט גאלד... נאר אויף טייל ערטער וועל איך קוים צוגעבן א גאלד-גלאנץ. אבער אזוי קוים-קוים, לייכט, ווי א שטראל וואלט זיי באשיינט... א וואונדער-לאנד מוז דאס זיין אייער לאנד, ווו אזעלכע מיידלעך ווערן געבוירן.

— איך געדענק עס נישט, — האָט ליגיע געענטפערט, — גאָר אורסוס האָט מיר געזאָגט, אַז בײַ אינדז דאָרט איז גאָר װעלדער, װעלדער און װעלדער.

— און אין די װעלדער בליִען בלומען, — האָט אַקטע געזאָגט, טונקענדיק אירע הענט אין אַ װאַזע מיט שמעקנדיקע װערװענע, מיט װעלכן זי האָט ליגיעס האָר באַפײַכט.

װען זי האָט די אַרבעט געענדיקט, האָט זי איר גענומען לײַכט אײַנרײַבן דעם גאַנצן קערפּער מיט שמעקנדיקע אַראַבישע אײלן, נאָכדעם האָט זי איר אָנגעצויגן אין אַ לײַכטן גאָלדפאַרביקן טוניק אָן אַרבל אויף װעלכן ס'האָט ערשט געזאָלט קומען פאַרװאָרפן אַ שנײ־װײַסער פעפּלום, און אַזוי װי פריִער האָט מען איר נאָך געדאַרפט מאַכן די פריזור, האָט זי זי דערװײַל אײַנגעהילט אין אַ מין ברײטן מאַנטל, װעלכעס הײסט סינטעסיס, און באַזעצנדיק זי אויף אַ שטול, האָט זי זי אויף אַ מאָמענט איבערגעגעבן די שקלאַפינס, זײ זאָלן איפּפּאַסן פונדער װײַטנס אויפן קעמען. דערװײַל האָבן איר צװײ שקלאַפינס אָנגעטאָן אויף די פיס אַ פּאָר װײַסע פּורפּור־געשטיקטע סאַנדאַלן און זײ פאַרבונדן מיט גאָלדענע בענדער צו די אַלבאַסטער־קנעכלען. װען דאָס קעמען איז געענדיקט געװען, האָט מען איר אָנגעטאָן אַ פעפּלום מיט פּרעכטיקע לײַכטע פאַלדן. דערנאָך האָט איר אַקטע פאַרקנעפּלט די פּערל אויפן האַלדז און, נאָך צורירנדיק זיך צו אירע האָר מיט עטװאָס גאָלד־שטויב, האָט זי אויך זיך געהײסן אָנטון, נישט אַראָפּנעמענדיק די גאַנצע צײַט איר אַנטציקטן בליק פון ליגיען.

און באַלד איז זי פאַרטיק געװאָרן. און װען פאַרן הויפּט־טויער האָבן זיך באַװיזן די ערשטע לעקטיקעס, זענען זײ בײדע אַרײַנגעגאַנגען אין זײַטיקן קריפּטאָפּאָרטיק, פון װאַנען מען האָט געקענט זען דאָס הויפּט־טויער, די אינעװײניקסטע גאַלעריעס און דעם הויף, אַרומגענומען מיט אַ קאָלאָנאַדע פון נומידישן מאַרמאָר.

ביסלעכװײַז זענען אַלץ מער מענטשן דורכגעגאַנגען דורך דעם הויכן טויער־בויגן, איבער װעלכן אַפּאָלינאַ און דיאַנע האָבן זיך אין ליגיאַס פּרעכטיקע קװאַדריגע, װי געהויבן אינדערלופטן.

פאר ליגיעס אויגן האט א גלאנץ געטון א רייכקייט, פון וועלכן זי האט אין אוילוסעס באשיידן הויז אפילו קיין אנונג נישט געהאט.

די זון האט זיך שוין געזעצט. און אירע לעצטע שטראלן זענען נאך געפאלן אויף דעם געלן נומידישן מארמאר פון די קאלאנעס, וועלכע האבן אין שטראלן־אפגלאנץ זיך געביטן אין גאלדענע און ראזע שימערן. צווישן די קאלאנעס, לעבן די ווייסע סטאטועס פון דאנאיד און אנדערע, וואס שטעלן פאר געטער אדער העלדן, האט זיך געצויגן א שטראם פון מענטשן, מענער און פרויען, וועלכע זענען, ענלעך צו די סטאטועס, געווען דראפירט אין טאגעס, פעפלומס און סטאלעס, וועלכע זענען מיט זייערע ווייכע פאלדן געשמאקפול געפאלן צו דער ערד. אויף וועלכער ס'האט שוין געגוססט דער לעצטער זונען־אפשיין. דער ריזיקער הערקולעס, וואס זיין קאפ איז נאך באלויכטן געווען, און פון דער ברוסט אן איז ער שוין געווען געהילט אין שאטן, וואס איז געפאלן פון די קאלאנען, האט פונדערהייך געבליקט אויף דעם גאנצן געווימל.

אקטע האט ליגיען אויפמערקזאם געמאכט אויף סענאטארן אין ברייט באזוימטע טאגעס און קאלירטע טוניקן, מיט האלבע לבנות אויף די סאנדאלן. זי האט איר געוויזן ריכטער, בארימטע קינסטלער, רוימישע פרויען, געקליידט אין רוימישע, גריכישע, און פאנטאסטישע מזרח־סטילן, מיט פארקעמטע האר ווי טורעמס, פיראמידן, אדער ווי די סטאטועס פון די געטינס, נידעריק אויפן שטערן פארפוצט מיט בלומען. פיל פרויען און מענער האט אקטע אנגערופן ביי די נעמען, צוגעבנדיק צו יעדן נאמען א קורצע און אפט א שרעקלעכע געשיכטע, וואס האט ליגיען ארומגענומען מיט שרעק, פארוווּנדערונג און דערשטוינונג. דאס איז פאר איר געווען א וווּנדערלעכע וועלט, וועמענס פראכט ס'האט איר די אויגן געבלענדט, נאר וועמענס סתירות איר מיידלישער שכל האט נישט געקענט באגרייפן.

און די שטערן אויפן הימל, און די רייען אומבאווענלעכע קאלאנען, וואס פארלירן זיך דארט וויט, און די מענטשן, ענלעך־

צו די סטאַטועס, זענען געווען אין אַ טיפער רויִקייט, און זי האָט זיך געטראַכט, אַז צווישן אָט די גלייכע גלאַטיקע מאַרמאָרן לעבן געוויס אַזעלכע זאָרגלאָזע געלייטזעליקטע און גליקלעכע האַלבגעטער. אָנשטאָט דעם אָבער האָט איר אַקטעס שטילע שטים אַלץ מער מגלה געווען שרעקלעכע סודות פון דעם פּאַלאַץ און פון די מענטשן אין אים.

אָט זעט מען דאָרט פונדערווייטנס דעם קריפּטאָפּאָרטיק, ווו אויף די ווייסע מאַרמאָר־זיילן און דעם באָדן זענען נאָך דאָ רויטע בלוט־פלעקן פון קאַליגולאַס בלוט, ווען ער איז געפאַלן אונטער קאַסיוס כערעיס מעסער; דאָרט איז דערמאָרדעט געוואָרן זיין פרוי; דאָרט האָט מען אַ קינד צעשמעטערט אָן די שטיינער; דאָרט, אונטער יענעם פליגל, איז דאָ אַן אונטערערדישע הייל, אין וועלכער דער יינגערער דרוזוס האָט די הענט געביסן פון הונגער; דאָרט האָט מען דעם עלטערן דרוזוס פאַרסמט; דאָרט האָט געמעלוס געקראַפּירט פון שרעק; דאָרט האָט זיך קלאַודיוס געוואָרפן אין קאַנוווּלסיעס; און דאָרט איז גערמאַניק אומגעקומען. אומעטום האָבן די ווענט געהערט קרעכצן און כראָפּען פון גוססדיקע, און דידאָזיקע מענטשן, וועלכע ווילן זיך דאָ אויף דער פאַרווילונג, געהילט אין טאָגעס און קאָלירטע טוניקעס, אין בלומען, אין צירונג, — די וועלן אפשר מאָרגן זיין צום טויט פאַרמשפּטע; נישט אויף איין געזיכט פון דידאָזיקע איז אונטער אַ זיסן שמייכל פאַרבאָרגן אינערלעכע אומרויִקייט, שרעק און אומזיכערקייט פאַרן מאָרגן, נישט אין איינעם פון די אויסערלעך זאָרגלאָזע באַקראַנצטע האַלב־געטער ברענט איצט אַ פייער פון אייפערזוכט און גיריקייט אין האַרץ.

ליגיעס צעשראָקענע געדאַנקען האָבן נישט געקענט באַכאַיילן נאָך אַקטעס רייד, און אין דער צייט, וואָס אָט די וווּנדערלעכע וועלט האָט אַלץ שטאַרקער געבלענדעט איר בליק, האָט איר דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון שרעק, און אין איר נשמה האָט זיך אָנגעצונדן אַן אומבאַשרייבלעכע געוואַלדיקע בענקשאַפט נאָך דער געליבטער פּאָמפּאָניע גרעצינאַ, נאָך דעם רויִקן הויז ביי אוילוסן, אין וועלכן ס'הערשט נישט קיין רציחה, נאָר ליבע.

דערווייל זענען פון וויקוס צפּאַלינוס אָנגעקומען אַלץ נייע שטראָמען מענטשן, פון יענער זייט טויער האָט זיך געהערט אַ טומל און געשרייען פון די קליענטן, וועלכע האָבן באַגלייט זייערע פּאַטראָנען, דער הויף און די קאָלאָנאַדע איז פול געוואָרן פונם צעזאַרס שקלאַפן, שקלאַפינס, קליינע דינער, פּרעטאָריאַנער, וועלכע האַלטן די וואך אין פּאַלאַץ. ווו נישט ווו האָט זיך צווישן די אַלע ווייסע און ברוינע געזיכטער דורכגעוואָרפן אַ שוואַרץ געזיכט פון אַ נומיר מיט אַ פעדערן־העלם אויפן קאָפּ, מיט גרויסע גאָלדענע רינגען אין די אויערן. אַ געטראָגעריי פון האַרפן, ציטערן, בוקעטן קינסטלעך געהאָדעוועטע בלומען פון שפּעטן האַרבסט, זילבערנע, גאָלדענע און קופּערנע האַנט־לאָמפּן. דער אַלץ שטאַרקער גערויש פון די געשפּרעכן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם פּלעסקען פון די פאָנטאַן־שטראָמען, ראָזיקע פון אָוונט־שיין, וועלכע זענען, אַראָפּ־פאַלנדיק פונדערהייך, ווי זיפצנדיק צעשפּריצט געוואָרן אָן דעם מאַרמאָר.

אַקטע האָט אויפגעהערט דערציילן, נאָר ליגיע האָט אַלץ געקוקט, ווי זי וואָלט וועמען אויסגעקוקט אין דעם געווימל. און פּלוצלינג האָט זי זיך פאַרויטלט. פון צווישן די זיילן האָבן זיך באַוויזן וויניציוש און פּעטראָניוס, גייענדיק צום גרויסן טריקליניום, שיינע, רויקע, ענלעך אין זייערע טאָגעס צו ווייסע געטער. דערזעענדיק צווישן די פרעמדע מענטשן די צוויי באַקאַנטע פריינטלעכע געזיכטער, און איבערהויפּט וויניציושן, האָט ליגיע געפילט, ווי אַ שטיין וואָלט איר אַראָפּ פון האַרץ. זי האָט זיך שוין נישט געפילט אַזוי עלנט. די געוואַלטיקע בענקשאַפט נאָך פּאָמפּאָניען און אוילוסעס הויז, וועלכע האָט זיך פריער אין איר אָנגעצונדן, איז איצט שוואַכער געוואָרן. דער חשק צו זען זיך מיט וויניציושן און מיט אים צו רעדן האָט אין איר פאַרטויבט אַלע אַנדערע שטימען. אומזיסט האָט זי זיך באַמיט צו דערמאָנען אַלדאָס שלעכטס, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן צעזאַרס הויז: אַקטעס ווערטער און פּאָמפּאָניעס וואָרנונגען. נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָט זי דערפילט, אַז נישט נאָר זי מוז זיין אויף דעם פעסטמאָל, נאָר אויך, אַז זי וויל עס. זי האָט אויפגעציטערט פון פרייד ביים גע-

דאַנק, אַז זי װעט באַלד דערהערן די ליבע אָנגענעמע שטים, װעלכע האָט צו איר גערעדט װעגן ליבע, װעגן געטער-גליק. די שטים האָט נאָך איצט געקלונגען אין אירע אױערן, װי אַ ליד.

נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דערדאָזיקער פרײד. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז איצט פעלשט זי אין דער רײנער ליבע, אין װעלכער זי איז דערצױגן, אי אין פּאַמפּאָניען און אי אין זיך זעלבסט. עפּעס אַנדערש איז, װען מען װערט געבײט, און עפּעס אַנדערש איז, װען מען פרײדט זיך מיט דער נױטװענדיקײט. זי האָט זיך דערפילט שולדיק, קלײן און פאַרלױרן. װען זי װאָלט איצט געװען אַלײן, װאָלט זי אַנידערגעקניט און זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט: „איך בין שולדיק, איך בין שולדיק!“ אַקטע אָבער האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און זי געפירט דורך די אינעװײניקסטע צימערן צום גרויסן טריקליניום, װוּ דאָס פעסטמאָל האָט געזאָלט פאָרקומען. ליגיען איז פינסטער געװאָרן אין די אױגן, עס האָט איר געראַשט אין די אױערן פון איבערלעכער אױפרעגונג, און דאָס האַרץ-קלאַפּונג האָט איר דעם אָטעם געהעמט. װי אין חלום האָט זי דערזען די טױזנטער לאָמפּן, װאָס האָבן געפינקלט אױף די טישן, און אױף די װענט; װי אין חלום האָט זי געהערט די געשרײען, מיט װעלכע מען האָט געגריסט דעם צעזאַר; װי דורך אַ נעפּל האָט זי אים אַלײן דערזען. דאָס געשרײ האָט זי באַטױבט, דער גלאַנץ פאַרבלענדט, ס'האָבן זי געשטיקט די דופטן און, פאַרלירנדיק אינגאַנצן דאָס באַװוּסטזײן, האָט זי קױם געקענט דערקענען אַקטען, װעלכע האָט זי אַנידערגעזעצט בײם טיש און אַלײן פאַרנומען אַן אָרט לעבן איר.

נאָר באַלד האָט זי געהערט אַ זאַנפטע באַקאַנטע שטים פון דער צװײטער זײט טיש:

— זײ געגריסט, דו שענסטע פון אַלע מײדלעך אױף דער ערד און פון די שטערן אױפן הימל! זײ געגריסט, געטלעכע קאַלינאַ!

ליגיע האָט, שטענדיק עטװאָס צו זיך, דערזען לעבן זיך אַנגעלענט װיניציוּשן.

ער איז געװען אָן אַ טאָגע, װײל לױטן רױמישן מנהג האָט מען צוליב באַקװעמלעכקײט נישט געטראָגן קײן טאָגעס אױף אַ

פאַרוויילונג. ער איז נאָר געווען געקליידט אין אַ שאַרלאַך-רויטן טוניק אָן אַרבל, אויסגעשטריקט מיט זילבערנע פּאַלמען. זיינע קרעפטיקע מוסקוליעזע הענט, ווי באַשאַפענע צום שפּיז און פּאַנ-צער, זענען געווען נאַקעט, גלאַט, ריין פון האָר און באַפּוצט לויטן מזרח-געשמאַק מיט צוויי ברייטע גאָלדענע אָרעמבענדער, העכער פון עלנבויגן און נידעריקער. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רויזנקראַנץ, מיט זיינע צונויפגעוואַקסענע ברעמען איבער דער נאָז, מיט זיינע פרעכטיקע אויגן און ברוין-געזיכט האָט ער אויסגעזען, ווי די פאַרקערפּערונג פון יוגנט און קראַפט. ביי ליגיען אין די אויגן איז ער געווען אַזוי שיין, אַז כאָטש איר ערשטע אויפ-רעגונג איז שוין געווען פאַרביי, דאָך האָט זי קוים אָפּגע-ענטפערט:

— זיי געגריסט, מאַרקוס. . .

ער האָט געזאָגט:

— גליקלעך זענען מיינע אויגן, וואָס זען דיך, גליקלעך זע-נען מיינע אויערן, וואָס הערן דיין שטים, וועלכע איז מיר ליבער, ווי די קלאַנגען פון האַרפן און ציטרען. ווען מ'וואָלט מיך געהייסן זיך ווינטשן, ווער ס'זאָל לעבן מיר זיצן דאָ אויף דער פאַרוויילונג, צי דו, ליגיע, אָדער ווענוס, וואָלט איך אויסגעקליבן דיך, אַ געט-לעכע!

ער האָט אויף איר געקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין בליק אָנזעטיקן מיט איר געשטאַלט. ער האָט זי געבערענט מיט די אויגן. זיין בליק האָט זיך איבערגעטראָגן פון איר געזיכט אויף איר האַלדז, אויף אירע נאַקעטע אָרעמס און געצערטלט אירע פאָרמען, זיך געקוויקט מיט איר, זי אַרומגענומען, אַריינגעצויגן אין זיך. אָבער צוזאַמען מיט דער תאווה האָט אין אים אויך געלויכטן גליק, געטרייע און אַנטציקונג אָן אַ מאָס.

— איך האָב פאַרויס געוווסט, אַז איך וועל דיך טרעפן ביים צעזאַר אין הויז, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — און פונדעסטוועגן, ווען כ'האָב דיך דערזען, איז מיין גאַנצע נשמה אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַזאַ פרייד, ווי איך וואָלט גאָר אומגעריכט דאָס גליק דאָ געטראָפן.

ליגיע, קומענדיק צו זיך און פילנדיק, אַז צווישן די אַלטע מענטשן אין דעם גאַנצן הויז איז ער דער איינציקער באַנטער, האָט גענומען רעדן און אויספרעגן אים וועגן אַלעם, וואָס איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש און זי געשראָקן: פונוואַנען האָט ער געוווסט, אַז ער וועט זי זען ביים צעזאַר אין הויז, און נאָך וואָס געפינט זי זיך דען דאָ? פאַרוואָס האָט זי דער צעזאַר צוגענומען פון פאַמפּאַניען? זי האָט דאָ מורא צו זיין און וויל צוריק אַהיים. זי וואָלט אומגעקומען פון בענקשאַפט און שרעק, ווען נישט די האָפנונג, אַז פעטראָניוס און ער וועלן זיך פאַר איר איינשטעלן ביים צעזאַר.

וויניציוש האָט איר קלאָר געמאַכט, אַז וועגן דעם אָנפאַל אויף איר האָט ער זיך דערוווסט פון אוילוסן אַליין, און נאָך וואָס מען האַלט זי דאָ, ווייסט ער נישט. דער צעזאַר גיט קיינעם נישט אָפּ קיין רעכנונג פון זיינע געבאָטן און באַפעלן. נאָר פונדעסטוועגן זאָל זי נישט קיין מורא האָבן. ער, וויניציוש, איז ביי איר און וועט ביי איר שטענדיק זיין. ער וואָלט גלייכער געוואָלט די אויגן פאַרלירן, איידער זי נישט זען. ער וואָלט גלייכער געוואָלט שטאַרבן, איידער זי פאַרלאָזן. זי איז זיין נשמה, ער וועט זי דעריבער היטן, ווי זיין אייגענע נשמה, ער וועט ביי זיך אין הויז אויפשטעלן פאַר איר אַ מזבח, ווי פאַר זיינע געטער, און וועט אויף אים מקריב זיין מור און עולות, אום פרילינג חידער מאַי-גלעקלעך און עפּל-בליטן... נאָר וועגן איר מורא פאַרן צעזאַרס הויז, זאָגט ער איר צו, אַז זי וועט דאָ נישט בלייבן.

און כאָטש ער האָט גערעדט כיטרע און אָפטמאָל זי אויך גענאַרט, דאָך האָט זיין שטימע געקלונגען ערלעך, ווייל זיינע געפילן זענען געווען ערלעכע. ער האָט אויף איר אויך אמתדיק רחמנות געהאַט און אירע ווערטער האָבן אים אַזוי דורכגענומען אַז ווען זי האָט אים אָנגעהויבן דאַנקען און אים פאַרזיכערן, אַז פאַמפּאַניע וועט אים ליב קריגן פאַר זיין גוטסקייט און אַז זי אַליין וועט אים ס'גאַנצע לעבן זיין דאַנקבאַר, האָט ער שוין נישט געקענט באַהערשן זיינע געפילן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז

ער וועט קיינמאָל זין לעבן נישט קענען קעגנשטעלן זיך איר ביטע. ס'האַרץ איז אים פאַרגאַנגען. איר שיינקייט האָט פאַרשיכּורט זיינע חושים, און ער האָט געברענט פון באַגער נאָך איר. נאָר ער האָט אויך געפילט, אַז זי איז אים אומגעהייערלעך טייער, אַז ער וואָלט זי באַכּת געקענט אָכפּערן, ווי אַ געטין. ער האָט געפילט אַן אומבאַזיגבאַרן באַגער צו רעדן וועגן איר שיינקייט און וועגן זיין פאַרגעטערונג צו איר, און ווייל דער גערויש אַרום איז אַלעמאָל שטאַרקער געוואָרן, האָט ער, צורוקנדיק זיך צו איר נענטער, גענומען איר איינרוימען גוטע, זיסע ווערטער. וואָס זענען געפלאָסן פון דער טיפקייט פון זיין נשמה, וואָס האָבן האַרמאָנירט ווי מוזיק, און פאַרשיכּורט ווי וויין.

און ער האָט זי פאַרשיכּורט. צווישן די אַלע פרעמדע, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט, האָט ער זיך איר אויסגעוויזן אַלץ מער נענטער, אַלץ מער ליבער, אַלץ זיכערער און איר מיט דער גאַנצער נשמה איבערגעגעבענער, ער האָט זי באַרויִקט און פאַרזיכערט, אַז ער וועט זי אַרויסנעמען פון צעזאַרס הויז, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן און וועט איר שטענדיק דינען. אויסער דעם פלעגט ער פריִער, ביי אוילוסן אין הויז, נאָך רעדן מיט איר, אין כּלל אַריין, וועגן ליבע, וועגן גליק, וואָס זי קען שענקען, איצט אָבער האָט ער פּשוט געזאָגט, אַז ער ליבט זי, אַז זי איז אים די ליבסטע און די טייערסטע. ליגיע האָט צום ערשטן מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער פון אַ מאַן און וואָס מער זי האָט געהאָרכט, אַלץ מער האָט זיך איר געדאַכט, אַז עפּעס וועקט זיך אין איר, ווי פון שלאָף, אַז זי ווערט אַרומגענומען פון עפּעס אַ גליק, פון אַ גרויסער פרייד צוזאַמען מיט אַ געוואַלטיקער אומרויִקייט. אירע באַקן האָבן געברענט, איר האַרץ האָט געקלאַפּט, איר מויל האָט זיך געעפנט ווי פון איבעראַשונג. זי האָט זיך דערשראָקן דערפאַר, וואָס זי הערט אַזעלכע ווערטער, און דאָך וואָלט זי אפילו קיין איין וואָרט פון דעם אַלעם נישט געוואָלט פאַרלירן. דאָ האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָ זיי ווידער אויפגעהויבן אויף וויניציושן מיט אַ ליכטיקן, דערשראָקענעם פרעגנדיקן בליק. ווי זי וואָלט אים געוואָלט זאָגן: רעד נאָך! דאָס

גערויש, די מוזיק, דער ריח פון די בלומען און פון דעם אַראַבישן ווייַרויך האָבן זי ווידער אויפגערעגט.

אין רוים איז געווען אַ מנהג צו ליגן אָנגעלענט בײַם טיש נאָר בײַ אוילוסן אין הויז האָט זי תמיד פאַרנומען אַן אָרט צווישן פּאַמפּאָניען און דעם קליינעם אוילוסן. איצט אָבער איז לעבן איר געווען אָנגעלענט וויניציוס, אַ יינגער, אַ ריזיקער, אַ פאַרליבטער, אַ ברענענדיקער, און זי, פילנדיק דאָס פייער, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, האָט אויך דערפילט גלייכצייטיק בושה און גענוס, און עס האָט זי אַרומגענומען אַ זיסע אָנמעכטיקייט, ווי אַ רויִקער שלאָף.

אָבער איר נאָענטקייט האָט אויך אויף אים געווירקט. זײַן געזיכט איז בלאַס געוואָרן, זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי בײַ אַן אַראַביש פערד, זײַן האַרץ אונטער דעם שאַרלאַך־טוניק האָט, ווי ס׳ווײַזט אויס, אויך געוואַלטיק געקלאַפּט, דען זײַן אָטעם איז פאַרשטיקט געוואָרן און די ווערטער האָבן אים אין מויל געצאַפּלט. אויך ער איז ס׳ערשטע מאָל אַזוי נאָענט געווען לעבן איר, די געדאַנקען האָבן זיך אים גענומען מישן, און ער האָט געפילט אַ פלאַקער אין זײַנע אָדערן, אַ פלאַם, וועלכן ער האָט אומזיסט געזוכט צו לעשן מיט ווײַן. אָבער נישט דער ווײַן, נאָר איר וווּנדערלעך געזיכט, אירע נאַקעטע הענט, איר מיידלישע ברוסט, וואָס האָט זיך באַוועגט אונטער דעם גאָלדענעם טוניק, און איר קערפּער, באַהאַלטן אין די ווײַסע פאַלדן פון פּעפּלום, האָבן אים אַלץ מער פאַרשיכורט. ענדלעך האָט ער זי אָנגענומען בײַ דער האַנט נידעריקער פון עלנבויגן, ווי דאַן בײַ אוילוסן אין הויז, און ציִענדיק זי צו זיך, האָט ער געשעפּטשעט מיט ציטערנדיקע ליפּן:

— איך ליב דיך, קאַליגאַ... געטלין מײַנע!...

— מאַרקוס, לאָז מיך אָפּ — האָט ליגיע געזאָגט.

ער האָט אָבער ווײַטער גערעדט מיט צעגליטע אויגן:

— געטלין מײַנע!... האָב מיך ליב...

אין דערזעלבער רגע אָבער האָט זיך פון דער צווייטער זײַט דערהערט אַקטעס שטים:

— דער צעזאַר קוקט אויף אײַך!

ווינציוש איז שרעקלעך בייז געוואָרן אױ אויפן צעזאַר, אי אויף אַקטע, דען די ווערטער אירע האָבן צעשטרייט די גאַנצע ווונדערלעכע פאַרשיכורונג. דעם יינגן מענטש וואָלט איצט די פריינט־לעכסטע שטים געדען פאַרהאַסט, ער האָט דעריבער גערעכנט, אז אַקטע וויל, אויף צופּליס, שטערן זיין שמועס מיט ליגיען.

אויפהייבנדיק אַלזאָ דעם קאָפּ און אַריבערקוקנדיק איבער ליגיעס אַקסלען אויף דער יינגער אַמאָליקער שקלאַפין, האָט ער מיט כעס געזאָגט:

— די צייט, ווען דו, אַקטע, פלעגסט פאַרנעמען אַן אָרט לעבן צעזאַר, איז שוין פאַרביי. מ׳זאָגט, אַז דו ביסט שוין באַלד בלינד. ווי אַזוי־זשע קענסטו אַזוי גוט זען.

דערויף האָט זי אים אומעטיק געענטפערט:

— און דאָך זע איך אים... ער איז אויך קורצזיכטיק און ער קוקט אויף אייך דורך אַ שמאַראַגד.

אַלץ, וואָס געראָן האָט געטון, פלעגט צוציען די אויפ־מערקזאַמקייט אפילו פון זיינע נאָנטסטע. ווינציוש איז אַלזאָ אומרויק געוואָרן, ער האָט זיך אָפּגעקערט און האָט אומבאַמערקט געטומען קוקן צום צעזאַר. ליגיע, וועלכע האָט אים תחילת געזען, בשעת זי איז געווען צעשטרייט, ווי דורך אַ נעפּל, און דערנאָך האָט זי צוליבן שמועס מיט ווינציושן אויף אים נישט גע־קוקט, האָט איצט אויף אים געווענדט אירע נייגיריקע און דער־שראָקענע אויגן.

אַקטע האָט אמת געזאָגט. דען, איבערגעבויגן איבערן טיש, איין אויג צוגעמאַכט, האַלטנדיק מיט די פינגער ביים צחיטן אויג אַ קיילעכדיקן פּאָלירטן שמאַראַגד, מיט וועלכן ער האָט זיך שטענדיק באַנוצט, האָט ער אויף זיי געקוקט. איין רגע האָט זיך זיין בליק געטראָפן מיט ליגיעס, און איר מיידליש האַרץ האָט זיך צוזויפגעפרעסט פאַר שרעק. ווען זי פלעגט נאָך אַלס קינד זיין אין אוילוסעס דאָרפישע גיטער אין סיציליען, פלעגט איר אַן אַלטע עגיפּטישע שקלאַפין דערציילן וועגן ריזן־שלאַנגען, וואָס געפינען זיך אין די בערג־שפּאַלטן, און אַט האָט זיך איר איצט געדאַכט, אַז דאָס האָט אויף איר דאָס גרינע אויג פון אַזאַ ריזן־

שלאָג אַ קוק געטון. זי האָט אָנגעכאַפּט חיניציושעס האַנט, ווי אַ קינד, וואָס האָט מורא, און אין קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהויבן מישן מאָדנע געדאַנקען: אַלזאָ, דאָס איז ער? דער שרעקלעכער און אַלמעכטיקער? זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען, און זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער זעט אַנדערש אויס. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַ שרעקלעך געזיכט, מיט פאַרשטיינערטע בייזע שטריכן. אַנשטאָט דעם אָבער האָט זי דערזען אַ גרויסן קאָפּ אויף אַ גראָבן קאַרק און אַ געזיכט, וואָס איז, אמת, געווען שרעקלעך, אָבער אויך נישט ווייניק קאָמיש, דען פונדערווייטנס איז עס ענלעך געווען צו אַ קינדיש געזיכט. אַ טוביק פון אַמעטיסטן-קאָליר, וואָס איז אַנדערע מענטשן געווען פאַרבאָטן צו טראָגן, האָט געוואָרפן אַ בלוילעכן אָפּשיין אויף זיין ברייט און קורץ פנים. זיינע טונקעלע האָר זענען געווען געפריזירט לויט דער מאָדע, וואָס אָטאָ האָט איינגעפירט, אין פיר ליניעס קאַרבירטע לאָקן. קיין באָרד האָט ער נישט געטראָגן, ווייל מיט אַ צייט צוריק האָט ער זי מקריב געווען יופּיטערן, פאַרוואָס גאַנץ רוים איז אים דאַנקבאַר געווען, כאָטש בסוד פלעגט מען רעדן, אַז ער האָט זי דערפאַר מקריב געווען, ווייל, ווי ביי זיין גאַנצער משפחה, איז אים געוואַקסן אַ רויטע באָרד. אין זיין שטאַרק בולטן שטערן איבער די ברעמען איז באמת געווען עפּעס אָלימפּישעס. אין זיינע צונויפגעצויגענע ברעמען האָט זיך געזען דאָס באַוווסטזיין פון אַלמעכטיקייט. אָבער אונטער דעם שטערן פון דעם האַלב-גאָט האָט זיך געפונען אַ געזיכט פון אַ מאַלפּע, פון אַ שיכור און אַ קאָמעדיאַנט. אַ פויל געזיכט, וועלכעס איז, נישט קוקנדיק אויף זיין יונגקייט, געווען פאַרגאָסן מיט פעטס און אויף וועלכן עס האָבן געשפּילט די פאַרשידנסטע תאוות. אַ קרענקלעכס און אַן אָפּגענוצטס. ליגיען האָט ער זיך אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ רוח און דער עיקר שרעקלעך מיאוס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָוועקגעלייגט דעם שמאַראַגד און אויפגעהערט צו קוקן אויף איר. איצט האָט זי דערזען זיינע אַרויסגעזעצטע בלויע אויגן, וואָס האָבן זיך געזשמורעט פון צופיל ליכט. זיי האָבן אויסגעזען ווי גלעזערנע, אָן אויסדרוק, ענלעכע צו אויגן פון אַ געשטאָרבענעם.

און, ווענדנדיק זיך צו פּעטראָניוסן, האָט ער געזאָגט:

— צי איז דאָס די ערבותניצע, אין וועלכער וויניציוש ליבט זיך?

— דאָס איז זי, — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

— ווי הייסט איר פּאָלק?

— ליגיען.

— וויניציוש האַלט זי פאַר אַ שיינע?

— טו אָן אַ פאַרפוילטן אייל-שטאַם אין אַ פרויען-פּעפּלום, וועט וויניציוש אים באַטראַכטן פאַר אַ שיינהייט. אָבער אויף דיין געזיכט, אָ, דו אומפאַרגלייכלעכער מבין, לעז איך שוין דעם פסק איבער איר! דו דאַרפסט אים נישט אַרויסזאָגן! ס'איז ריכטיק! זי איז צו מאָגער! אַ צו מאָגערע, אַ ריכטיק מאָן-קעפּל אויף אַ דין שטענגל, און דו, געטלעכער עסטעט, שעצסט דאָך, ווייס איך, אין דער פרוי דאָס שטענגל, און ביסט הונדערט מאָל גערעכט! דאָס בלויזע פּנימל איז גאָרנישט. איך האָב שוין געלערנט פון דיר. נאָר אַזאַ זיכערן בליק האָב איך נאָך ביז איצט נישט... און איך בין זיך גרייט צו וועטן וועגן דעם מיט טוליוס סענעציאָנען אויף זיין געליבטער, אַז כאָטש ביים מאָלצייט, ווען אַלע זענען אָנגעלענט, איז דאָך שווער צו באַמערקן די גאַנצע געשטאַלט, דאָך האָסטו געוויס שוין דערזען, אַז זי איז צו שמאָל אין די היפטן.

— צו שמאָל אין די היפטן, — האָט נעראָן נאָכגעזאָגט, זשמורענדיק די אויגן.

אויף פּעטראָניוסעס ליפּן האָט זיך אַ קוים באַמערקלעכער שמייכל באַוויזן. אָבער טוליוס סענעציאָ, וואָס איז ביז איצט מיט וועסטיניוסן געווען פאַרנומען אין אַ שמועס אָדער, ריכטיקער געזאָגט, מיט אויסלאַכן חלומות, אין וועלכע וועסטיניוס האָט געגלייבט, האָט זיך פּלוצלינג געווענדט צו פּעטראָניוסן און, נישט האָבנדיק אפילו קיין אַנונג, וועגן וואָס ס'רעדט זיך דאָ, האָט ער געזאָגט:

— האָסט אַ טעות, איך בין מסכים מיטן צעזאַר.

— גוט, איך האָב זיך דאָ געשפּאַרט. אַז דו האָסט יאָ עטוואָס

פאַרשטאַנד, אָבער דער צעזאַר האָט אויפגעוויזן, אַז דו ביסט אַן אמתער אייזל.

— האָבעט! — האָט נעראָן געזאָגט און האָט געוויזן מיטן ווראָבן פינגער צו דער ערד, ווי מ׳פלעגט דאָס טון אין די צירקן אַלס צייכן, אַז דער גלאַדיאַטאָר איז באַזיגט און ער דאַרף געטויט ווערן.

און וועסטיניוס, מיינענדיק, אַז דאָ שמועסט מען אַלץ וועגן חלומות, האָט אויסגערופן:

— איך גלייב אין חלומות. סענעקאַ האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַז ער גלייבט אויך.

— די נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין געוואָרן אַ וועסטאַלקע, — האָט קאַלוויאַ קריספינילאַ געזאָגט, אַריבער־בייגנדיק זיך איבערן טיש.

דערויף האָט נעראָן געגומען פאַטשן אין די הענט, אַלע האָבן אים נאָכגעטון, און אַ צייט האָט זיך נאָך געהערט אַ בראַוואָ־פאַטשעריי, וואָרים קריספינילאַ, אַלס אַ פילמאַליקע גרושה, איז באַוווסט געווען אין גאַנץ רום מיט איר אויסגעלאַסנקייט.

נאָר זי האָט נישט פאַרלירנדיק זיך, געזאָגט:

— נו, איז וואָס! זיי זענען אַלע, די וועסטאַלקעס, אַלטע און העסלעכע. נאָר איין רובריאַ האָט נאָך אַ שטיקל מענטשלעכן אויס־זען, און מיט מיר וואָלט שוין געווען צוויי, כאָטש רובריאַ באַ־קומט יעדן זומער שפרינקעלעך אויפן פנים.

— פאַרשטיי זשע דאָך, ליכטיקע קאַלוויאַ, — האָט פעטראָני־יוס געזאָגט, — אַז אַ וועסטאַלקע האָסטו נאָר געקענט ווערן אין חלום.

— און ווען דער צעזאַר וואָלט געהייסן?

— וואָלט איך געגלייבט, אַז די משונהדיקסטע חלומות קע־נען מקוים ווערן.

— געוויס ווערן זיי מקוים, — האָט וועסטיניוס געזאָגט. — איך פאַרשטיי נאָך מענטשן, וועלכע גלייבן נישט אין געטער, אָבער ווי אַזוי קען מען נישט גלייבן אין חלומות?

— און אין נביאות? — האָט נעראָן געפרעגט. — מ׳האָט מיר

אַמאָל נביאות געזאָגט, אַז רוים וועט אונטערגיין, און איך וועל הערשן איבערן גאַנצן מזרח.

— נביאות און חלומות — דאָס איז איינס און דאָס זעלבע,— האָט וועסטיניוס געזאָגט. — איינמאָל האָט אַ וויצע־קאָנסול אַ שרעקלעך אומגליקלעכער געשיקט זיין שקלאַף אין מאָפּסוס־טעמפּל מיט אַ פאַרחתמעטן בריוו. וועלכן ער האָט נישט געהייסן עפענען, כדי צו זען, אויב דאָס געטל וועט קענען ענטפערן אויף די שאלות, וואָס זענען אין בריוו געווען. דער שקלאַף איז איבערגעשלאָפן אַ נאַכט אין טעמפּל, כדי צו האָבן אַ נביאישן חלום. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען און האָט אַזוי געזאָגט: ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ יינגערמאַן, אַ ליכטיקער ווי די זון, און ער האָט צו מיר געזאָגט נאָר איין וואָרט: „אַ שוואַרצן". דער וויצע־קאָנסול, דערהערנדיק דאָס, איז בלאַס געוואָרן און, ווענדנדיק זיך צו זיינע געסט, אויך אַזעלכע אומגליקלעכע ווי ער, האָט ער געזאָגט: „ווייסט איר, וואָס אין דעם בריוו איז געווען?"

דאָ האָט וועסטיניוס אָפּגעהאַקט און, אויפהייבנדיק זיין בעכער מיט וויין, האָט ער גענומען טרינקען.

— וואָס איז געווען אינעם בריוו? — האָט סענעציאָ געפרעגט.

— אין בריוו איז געווען די פראַגע: וואָס פאַר אַן אָקס זאָל איך מקריב זיין: אַ ווייסן, צי אַ שוואַרצן?

נאָר די נייגיריקייט, וואָס די דערציילונג האָט אויפגעוועקט, איז איבערגעריסן געוואָרן דורך וויטעליוסן, וועלכער, קומענדיק שוין אַ באַזויפענער אויפן מאָלצייט, האָט פּלוצלינג אָן אַ שום סיבה אַרויסגעפּלאַצט מיט אַן אומזיניק געלעכטער.

— פון וואָס לאַכט דאָסדאָזיקע פעסל חלב? האָט נעראָן געפרעגט.

— דאָס געלעכטער אונטערשיידט דעם מענטש פון אַ חיה, — האָט פּעטראָניוס געזאָגט, — און ער האָט נישט קיין אַנדערע ראיה, אַז ער איז נישט קיין חזיר.

וויטעליוס האָט אָבער אינדערמיט אויפגעהערט צו לאַכן און באַלעקנדיק זיך מיט זיינע פעטע ליפן פון זופן און פעטקייטן, האָט

ער גענומען קוקן אויף די אַרומיקע מיט אַזאַ פאַרוואונדערונג, גלייך ער וואָלט זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קישעלע און האָט מיט אַ הייזעריקער שטים געזאָגט:

— כ'האָב פאַרלוירן פון פינגער דעם ריטערלעכן רינג, וועלכן כ'האָב פון מיין פאָטער.

— וועלכער איז געווען אַ שוסטער, — האָט נעראָן צוגעגעבן.

נאָר ווען עליוס האָט ווידער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פּלוצלינג געלעכטער און האָט גענומען זוכן דעם רינג ביי קאַלוויאַ קריפּניאַ אין פּעפּלום.

דערויף האָט וואַטיניוס גענומען נאָכמאַכן דאָס געשריי פון אַן איבערגעשראָקענער פרוי, און קאַלוויעס פריינדין ניגדיאַ, אַ יונגע אַלמנה מיט אַ קינדעריש פּנימל און מיט אַן אויסגעלאָסענעם בליק, האָט הויך אויסגערופן:

— ער זוכט, וואָס ער האָט נישט פאַרלוירן.

— און וואָס וועט אים קיינמאָל נישט צונויף קומען, אפילו ווען ער זאָל עס געפינען, — האָט דער פּאָעט לוקאַן פאַרענדיקט.

אין זאַל איז געוואָרן לעבעדיקער. מענגעס שקלאַפן האָבן כסדר געבראַכט נייע מאכלים. פון גרויסע וואַזעס מיט אייז פאַרוויקלטע אין בלישטש האָט מען כסדר אַרויסגענומען קליינע קריגן מיט די פאַרשידנסטע וויינען. אַלע האָבן געטרונקען לרוב. אויף די געסט און אויפן טיש איז פון סופיט געפאַלן און געפאַלן בלומען.

פּעטראָניוס האָט גענומען בעטן נעראָנען, אַז איידער די געסט וועלן שיכור ווערן, זאָל ער באַרייכערן די סעודה מיט זיין געזאַנג. אַ כאָר שטימען האָט אונטערגעשטיצט זיין פאָרשלאָג. נאָר נעראָן האָט זיך גענומען קווענקלען. נישט נאָר וועגן דרייסטקייט ביי אים, כאָטש אים פעלט דאָס טאַקע נאָך ביז איצט... בלויז די געטער ווייסן, וויפיל אים קאָסט יעדעס אויסצייכענען זיך...
ער אַנטלויפט, אמת, נישט דערפאַר, וואָרים מ'דאַרף דאָך עפּעס

טון פאַר דער קונסט, און אויסער דעם, אויב אַפּאָלאָ האָט אים באַשאָנקען מיט אַ שטימע, טאָר מען קיין געטלעכע מתנות נישט פאַרוואַרלאָזן. ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אפילו זיין חוב קעגן דער אימפּעריע, הייַנט אָבער איז ער שטאַרק הייזעריק. באַנאַכט האָט ער זיך געלייגט בלייערנע געוויכטן אויף די ברוסטן און ס'האָט אויך נישט געהאָלפן... ער קלויבט זיך אפילו צו־פאָרן קיין אַנציום, כדי צו אָטעמען מיט ים־לופט.

נאָר לוקאַן האָט אים אָנגעהויבן באַשמערן אין נאָמען פון דער קונסט און פון דער מענשהייט. אַלע ווייסן, אַז דער געטלע־כער דיכטער און זינגער האָט פאַרפאַסט אַ הימן צו דער ווענוס, קעגן וועלכן לוקרעציוסעס הימן קלינגט, ווי דאָס יאָמערן פון אַ קליין וועלפל. זאָל זשע די סעודה זיין אַן אמתע שמחה. אַזאַ מילדער הערשער, ווי ער, דאַרף נישט פאַרשאַפן אַזעלכע יסורים זיינע אונטערטאַנען. „זיי זשע נישט קיין אכזר, צעזאַר!"

— זיי נישט קיין אַכזר! — האָבן אַלע אַרומיקע אונטער־געהאַלטן.

נעראָן האָט צעשפּרייט די הענט אַלס צייכן, אַז ער מוז נאָכגעבן. דאַמאָלס האָט מען אויף אַלע געזיכטער געזען אַ דאַנקבאַר־קייט און אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו אים געווענדט. נאָר ער האָט פריער געהייסן צוויסן טון פּאָפּעאַן, אַז ער וועט זינגען און די אַרומיקע האָט ער דערקלערט, אַז זי איז נישט געקומען אויפן אָונט, ווייל זי האָט זיך נישט גוט געפילט, און אַזוי ווי קיין שום רפואה העלפט איר נישט אַזוי, ווי זיין געזאַנג, דעריבער וואָלט ער זייער באַדויערט, זי זאָל פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט.

באַלד איז טאַקע פּאָפּעאַ אָנגעקומען. זי האָט, אייגנטלעך, באַהערשט נעראָנען, נאָר זי האָט אָבער געוווּסט, אַז ווען עס גייט וועגן זיין אייגנליבע אַלס זינגער, רייטער אָדער דיכטער, איז גע־פערלעך אים צו צערייצן. זי איז דעריבער געקומען, אַ שיינע, ווי אַ געטין, אָנגעטון אויך אַזוי ווי נעראָן אין אַן אַמעטיסטן קאָ־לירט מאַנטל און אין אַ האַלדז־באַנד פון ריזיקע פּערל, וועלכע זענען אַמאָל צוגערויבט געוואָרן אין מאַסיניס, אַ גאָלדהאָריקע, אַ

ליבע, און כאָטש זי איז שוין געווען אַ גרושה פון צוויי מענער האָט זי דאָך געהאַט אַ מיידליש אויסזען.

מ׳האָט זי באַגריסט מיט אויסגעשרייען און מיטן טיטול: „געטלעכע אויגוסטין". ליגיע האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַזאַ שיינהייט און זי האָט אירע אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלייבן, וואָרים זי האָט געוווּסט, אַז פּאָפּעאַ סאַבינע איז איינע פון די נידעריקסטע פרויען אויף דער וועלט. זי האָט געהערט פון פּאַמפּאָניען, אַז זי האָט דאָס אָנגערעדט דעם צעזאַר צום אומברענגען זיין מוטער און זיין פרוי, זי האָט זי געקענט פון אוילוסעס און זיינע געסטס און דיבערס פּאַרציילונגען, זי האָט געהערט, אַז אירע סטאַטועס צעהאַקט מען אַלע נאַכט אין שטאָט, זי האָט געהערט וועגן דעם אויפשריפט, וואָס די שולדיקע אין זיי ווערן פאַרמשפּט צו די שרעקלעכסטע שטראָפן, און דאָך געפינט מען זיי אַלע אינדערפרי אויף די שטאָט-מויערן. און איצט, זעענדיק די באַרימטע פּאָפּעאַ, וועלכע קריסטוסעס אָנהענגער באַטראַכטן פאַר דער פּאַרקערפּערונג פון שלעכטס און זינד, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַזוי קענען נאָר אויסזען מלאכים אָדער הימלישע גייסטער. זי האָט פשוט נישט געקענט פון איר אָפּרייסן די אויגן און פון אירע ליפּן האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן:

— אָך, מאַרקוס, איז דאָס מעגלעך?...

ער אָבער, דערהיצט פון וויין און אַ ביסל אומגעדולדיק דערפון, וואָס אַזוי פיל זאַכן רייסן אָפּ איר באַטראַכטונג פון אים און פון זיינע ווערטער, האָט געזאָגט:

— יאָ, זי איז שיין, נאָר דו ביסט הונדערט מאָל שענער. דו קענסט זיך זעלבסט נישט, ווען נישט וואָלסטו זיך פאַרליבט אין זיך זעלבסט, ווי נאַרציס... זי באָדט זיך אין אייזל-מילך, און דיך האָט ווענוס געבאָדן אין איר אייגענער מילך. דו קענסט זיך נישט, אָצעללע מי!... קוק נישט אויף איר, ווענד דיין בליק אויף מיר, אָצעללע מי!... ריר אָן דעם בעכער וויין מיט דיינע ליפּן, דערנאָך וועל איך צו דעם זעלבן אָרט צולייגן מיינע ליפּן...

און ער האָט זיך צו איר אַלץ נענטער און נענטער צוגערוקט. זי האָט זיך אָבער צוגערוקט צו אַקטען, נאָר אין דערזעל-

בער מינוט האָט מען געהייסן, ס'זאָל שטיל ווערן, ווייל דער צעזאַר איז אויפגעשטאַנען. דער זינגער דיאָדאָר האָט דערלאַנגט אַ האַרפּע פון דעלטאַ-טיפּ, אַ צווייטער טערפּניוס, וואָס האָט אים געזאָלט אַקאָמפּאַנירן, איז צוגעגאַנגען מיט אַן אינסטרומענט, וואָס הייסט נאַבליום, און נעראָן, אָנשפּאַרנדיק די דעלטאַ אָן טיש, האָט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך און אין איין מינוט איז אין טריקליניום געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ'האָט מער נישט געהערט, ווי דאָס פאַלן פון די רויזן פון סופיט.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן זינגען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דעקלאַמירן זינגענדיק און ריטמיש, ביי דער באַגלייטונג פון צוויי האַרפן, זיין הימן צו ווענוס. אי די שטימע, אי דער שיר זענען נישט געווען שלעכט, אַזוי, אַז די אָרימע ליגיע האָט שוין געהאַט חרטה, וואָרים כאָטש דער הימן האָט געלויבט די נישט ריינע געצנדינערישע ווענוס, האָט ער זיך איר אויסגעוויזן נאָך צופיל שיין. און דער צעזאַר אַליין מיט זיין לאָרבער-קראַנץ אויפן שטערן און מיט די פאַרגלאָצטע אויגן האָט זיך איר אויסגעוויזן שענער און פיל ווייניקער שרעקלעך און פיל ווייניקער מיאוס, ווי פריִער.

באַלד האָט אַ הילך געטון אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן און אויסרופן: „אָ, הימלישע שטים!" האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט. טייל פרויען זענען, אויפהייבנדיק די הענט אינדערהייך, שוין אַזוי פאַרבליבן שטיין אפילו נאָכן ענדיקן דאָס געזאַנג אַלס צייכן פון באַגייסטערונג. אַנדערע האָבן זיך געווישט די טרערן, און אין גאַנצן זאַל איז געווען אַ באַוועגונג, ווי אין אַ בינשטאָק. פּאָפּעאַ האָט, אַראָפּבייגנדיק איר גאָלדהאָריקן קאָפּ, אויפגעהויבן נעראָנס האַנט צו אירע ליפּן און האָט זי אַזוי שווייגנדיק געהאַלטן אַ לאַנגע צייט. און אייבער, פּיטאַגאָראַס, אַ יינגער, זייער שיינער גריק, דערזעלבער, מיט וועלכן דער שוין שפּעטער האַלב משוגענער נעראָן האָט זיך געהייסן אַ חופּה שטעלן, האָט פּשוט אַנידערגעקניט צו זיינע פיס.

נעראָן אָבער האָט דורכדרינגלעך געקוקט אויף פּעטראָניוסן, וועמענס גוטע מיינונג ער האָט ס'ערשטע געוואָלט הערן.

פעטראניוס האט געזאגט:

— וואס שייך דער מוזיק, מוז ארפעאוס אין דער מינוט זיין אזוי געל פון קנאה, ווי לוקאן איז דאס איצט. און וואס אנבאלאנגט דעם ליד, באדויער איך, וואס עס איז נישט א ביסעלע ערגער, וואלט איך אפשר געקענט געפינען א פאסיג לויב־ווארט.

נאר לוקאן האט נישט גענומען פאר אומגוט די באמערקונג וועגן זיין קנאה, פארקערט, ער האט נאך אויף אים געקוקט מיט דאנקבארקייט און, מאכנדיק דעם אנשטעל פון א שלעכטער שטי־מונג, האט ער גענומען מורמלען:

— פארשאלטן פאטום, וואס האט מיר באשערט צו לעבן אין איין דור מיט אזא דיכטער. אפשר וואלט מיר נאך באשערט געווען צו האבן אן ארט אין זכרון פון דער מענשהייט און אין פארנאס, אבער אזוי ווער איך פארטונקלט, ווי א שוואך ליכטל אנטקעגן דער זון.

און פעטראניוס, וועלכער האט געהאט א וואונדערלעכן זכרון, האט גענומען איבערזאגן שטעלן פון דעם הימן, ציטירן אייניקע שורות, זיך אפשטעלנדיק אויף די שענערע אויסדרוקן. לוקאן, פארגעסנדיק מכלומרשט זיין קנאה צום צעזארס דיכטונג, האט נישט אויפגעהערט זיך צו אנטציקן. אויף נעראס פנים האט זיך אפגעשפיגלט פרייד און ענדלאזע טפשות. ער האט זיי אליין אונטערגעזאגט שטעלן, וועלכע ער האט באטראכט פאר די שענסטע, און צום סוף האט ער גענומען טרייסטן לוקאנען און האט אים געזאגט, ער זאל נישט פארלירן דעם מוט, דען כאטש ווי איינער ווערט געבוירן, אזוי בלייבט ער שוין, פונדעסטוועגן — דער געטלעכער כבוד פון יופיטערן שליסט נאך נישט אויס דעם כבוד פון אנדערע געטער. באלד איז ער אויפגעשטאנען, אום אוועקצו־פירן פאפעאן, וועלכע איז באמת נישט געזונט געווען, און האט געוואלט אוועקגיין. ער האט אלעמען געהייסן פארנעמען די ער־טער און האט צוגעזאגט באלד צוריקצוקומען. ער איז טאקע באלד צוריקגעקומען, אום אנצוזאפן זיך מיטן ווייראך און צו־קוקן זיך צו די ווייטערדיקע פארשטעלונגען, וועלכע ער אליין, פעטראניוס אדער טיגעלינוס האבן צוגעגרייט.

מ'האָט ווידער געלייענט לידער אָדער אויסגעהערט דיאַלאָגן, אין וועלכע ס'איז געווען שטות־רייען אָנשטאָט הומאָר. דערנאָך האָט דער באַרימטער מימיק פּאַריס פאָרגעשטעלט די פּאַסירונגען מיט יאָני, איבאַכס טאָכטער. די געסט, וועלכע זענען נישט געוויינט געווען צו אַזעלכע פאָרשטעלונגען און איבערהויפּט ליגיען, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ קומט פאָר בלויז כישוף און וואונדער. פּאַריס האָט מיט באַוועגונגען פון זיינע הענט און פון זיין קערפּער אויסגעדריקט אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען, דאַכט זיך, אוממעגלעך אויסצודריקן מיט טענץ. זיינע הענט האָבן געמישט אין דערלופט. בילדנדיק אַרום זיך אַ ליכטיקן וואָלקן, אַ וויבּרירנדיקן, אַ ליידנשאַפטלעכן, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ האַלב פאַרחלשטן מיידל־קערפּער, אָס פיבערט אין ליבעס־ספּאַזמען. דאָס איז געווען אַ בילד, נישט קיין טאַנץ, אַ בולט בילד, וואָס האָט אויפגעדעקט די סודות פון ליבע, אַ כישופדיקס און אומפאַרשעמטס. און ווען באַכדעס, ווי דאָס האָט זיך געענדיקט, זענען אַריינגעקומען קאָרבאַנטן און האָבן אָנגעהויבן אונטער די קלאַנגען פון ציטערן, האַרפן, צימבלען, פייקעלעך אַ באַקכאַנטישן טאַנץ מיט די סירישע מיידלעך פול מיט דעם ווילדסטן געטומל און מיט באַך ווילדערע אויסגעלאַסנהייטן, דאַן האָט זיך ליגיען געדאַכט, אַז זי ווערט פאַרברענט פון אַ העליש פייער, אַז אַ דונער דאַרף צעשמעטערן דאָס הויז, אָדער דער סופיט דאַרף אַראָפּפאַלן און צודעקן די אַלע געסט מיט דער גאַנצער פאַרוויילונג, אָבער פון דעם גאָלדענעם געשטריק אונטערן סופיט זענען כסדר געפאַלן רויזן, און דער האַלב־שכורער וויניציוש האָט איצט צו איר געזאָגט:

— כ'האָב דיך געזען אין אוילוסעס הויז באַם פאָנטאַן, און האָב דיך ליב געקריגן. ס'איז דאַן געווען פאַרטאָג, און דו האָסט געמיינט, אַז קיינער זעט נישט, אָבער איך האָב דיך געזען... און ביז איצט זע איך דיך דיזעלבע, כאָטש דער פּעפּלום דעקט דיך צו. וואַרף אַראָפּ פון זיך דעם פּעפּלום אַזוי ווי קריספּינולאַ, זע! געטער און מענטשן גאָרן ליבע און אַ חוץ דעם איז גאָרנישט דאָ אויף דער וועלט. לעג אָן דעם קאָפּ אויף מיין ברוסט און פאַרמאַך די אויגן.

איר האָט דאָס בלוט געשלאָגן אין די אָדערן פון די שלעפן און פון די הענט. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי זי פאַלט אין אַן אָפּגרונט, און דערזעלבער וויזיעס, וועלכער האָט זיך איר פריִער אויסגעוויזן אַזוי נאָענט און זיכער, אַנשטאָט זי צו רעטן, ציט ער זי נאָך דאַרט אַריין. און זי האָט צו אים דערפילט אַ רחמנות. זי האָט ווידער אָנגעהויבן זיך צו שרעקן פאַר דער פאַרווײלונג, פאַר אים און פאַר זיך זעלבסט. עפּעס אַ שטים, ענלעך צו פּאַמפּאַניעס, האָט אין איר געראָפן: ליגיע, ראַטעווע זיך! נאָר עפּעס וואָס האָט איר איינגערוימט, אַז ס'איז שוין צו שפּעט, אַז ווער עס איז אַרומגענומען געוואָרן פון אַזאַ פייער, ווער עס האָט געזען דאָס, וואָס ס'איז פאַרגעקומען אויף דעם אָוונט, אין וועמען דאָס האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט, ווי אין איר, ווען זי האָט געהערט וויניציוש, ווער עס האָט געפילט אַזאַ פיבער, ווי זי, ווען ער האָט זיך צו איר צוגערירט, דער איז שוין פאַרלוירן אָן רעטונג. ס'איז איר נישט גוט געוואָרן. טיילמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז דערנאָך וועט געשען עפּעס שרעקלעכס. זי האָט געוווּסט, אַז קיינער טאָר נישט אויפשטיין פון טיש, איידער דער צעזאַר שטייט אויף, נאָר אפילו ווען נישט דאָס, האָט זי שוין אויך נישט געהאַט קיין כּוח אויפצושטיין.

דערווייל איז נאָך ביז צום סוף פון דער פאַרווײלונג געווען גענוג ווייט. די שקלאַפן האָבן אַלץ געבראַנגט נייע געריכטן און האָבן אומאויפהערלעך אָנגעגאָסן די בעכער מיט ווײַן, און פאַר די טישן, וועלכע זענען געשטאַנען ווי אַ חית („ח"), פון איין זייט אָפּן, האָבן זיך באַוויזן צוויי אַטלעטן, וועלכע האָבן געזאָלט די געסט ווייזן אַן אַטלעט־געראַנגל.

באַלד האָבן זיי זיך גענומען ראַנגלען; זייערע מעכטיקע קערפּערס, וואָס האָבן געגלאַנצט פון בוימאייל האָבן געפאָרמט איין שטיק. די ביינער האָבן געקנאַקט אין זייערע אייזערנע אָרעמס און פון די צונויפגעפרעסטע ציין האָט זיך געהערט אַ בייז קריצן. טיילמאָל האָט זיך נאָר געהערט דאָס שטילע טויבע רייבן פון זייערע פיס אָן דעם מיט זאַפראַן אויסגעשיטן באָדן. אָט זענען זיי געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך שטיל, און די צושויער האָט זיך

געדאכט, אז זיי האָבן פאר זיך א גרופּע פוו מאַרמאָר אויסגעהאַקט די רוימער האָבן מיט פאַרגעניגן נאָכגעקוקט דאָס שרעקלעכע שפּיל פון אָנגעשטרענגטע רוקנס, פוס-מוסקולן און אָרעמס. אָבער דער קאַמף האָט נישט לאַנג געדויערט, וואָרים קראָטאָ, דער לעדער און עלטסטער פון דער גלאַדיאַטאָרן-שול, איז נישט אומזיסט באַרימט געוואָרן פאַר דעם שטאַרקסטן מענטש אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. זיין קעגנער האָט אָנגעהויבן אַלץ שנעלער צו אָטעמען, דערנאָך צו כראָפּען. דערנאָך איז אים דאָס געזיכט בלוי געוואָרן. ענדלעך האָט אים א שפּאַר געטון בלוט פון מויל, און ער איז אויסגעגאַנגען.

א דונער פון פּאַטשערייַ האָט באַגריסט דעם סוף פונם געראַנגל, און קראָטאָ האָט, אַרויפשטעלנדיק זיין פוס אויף דעם קעגנערס פּלייצעס, פאַרלייגט זיינע ריזיקע אָרעמס אויף דער ברוסט און טריומפירנדיק געקוקט אויפן זאַל.

דערנאָך זענען אַריינגעקומען די נאָכמאַכערס פון חיות און חיהשע שטימען, קונצנמאַכערס און פּאַיאַצן, נאָר מ׳האָט אויף זיי ווייניק געקוקט, דען דער וויין האָט שוין פאַרטונקלט די אויגן. דאָס פעסטמאָל איז ביסלעכווייז פאַרביטן געוואָרן אין א שיכורע אויסגעלאַסענע אָרגיע.

די סירישע מיידלעך, וועלכע האָבן פריער געטאַנצט א באַקכאַנטישן טאַנץ, האָבן זיך איצט צונויפגעמישט מיט די געסט. די מוזיק איז פאַרביטן געוואָרן אין א כאַאָטישן, ווילדן גערויש פון ציטרעס, האַרפעס, אַרמענישע צימבלען, עגיפּטישע סיסטרען, שופרות און טרומפּייטן, און ווען עטלעכע געסט האָבן געוואָלט צווישן זיך רעדן, האָבן זיי געשריגן אויף די מוזיקאַנטן, זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן. די לופט איז געוואָרן שרעקלעך דומפּיק, דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט גערוכן פון זאַפראַן, פון מענטשלעכן שווייס און אויסהויכונגען, מיט די ריחות פון בלומען, פון דופטיקע בוימלען, מיט וועלכע פרעכטיקע יונגלעך האָבן כסדר, דורך דער גאַנצער צייט פון דער סעודה, באַשפּריצט די פיס פון די געסט. די לאָמפּן האָבן געברענט מיט א מאַטן פלאַם. די קרענץ אויף די

שטערנס זענען אין אומאָרדנונג געלעגן, די געזיכטער זענען בע־האָרן בלייך און באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס.

וויטעליוס איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש; ביגידיאַ האָט, בלייבנדיק האַלב באַקעט, פאַרוואָרפן איר שיכורן קינדישן קאָפּ אויף לוקאַנס ברוסט, און ער, אויך אַזוי שיכור, האָט גענומען אַראָפּבלאָזן דעם גאָלד־פּודער פון אירע האָר, אויפהייבנדיק אַלע־מאָל די אויגן מיט אַ מין גדולה אינדערהייך, וועסטיניוס האָט, מיט דער עקשנות פון אַ שיכור, אפשר שוין צום צווייטן מאָל איבערגעחזרט מאָפּסוס ענטפער אויף דעם קאָנסולס פאַרחתמעטן בריוו; און טוליוס, וועלכער האָט געחוזקט פון די געטער, האָט שלוקערצדיק גערעדט:

— אויב ספעראָס קסענאָפאַנעס איז קיילעכדיקער, קען מען דאָך, פאַרשטייסטו מיך, אַזאַ גאָט קייקלען מיטן פיס.

אָבער דאָמיציוס אַפער, דער אַלטער גנב און מסור, איז אויפגערעגט געוואָרן פון אַזעלכע רייד און פון כעס האָט ער זיך אַזש באַגאָסן דעם טוניק מיט וויין. ער האָט שטענדיק געהאַט אמונה אין די געטער, מענטשן זאָגן, אַז רוים וועט אונטערגיין, און ס'זענען פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז זי גייט שוין אונטער, בלי ספק!... נאָר אויב דאָס וועט טאַקע אַזוי זיין, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל די יוגנט איז אומגלייביק, און אָן גלויבן איז קיין מענטשלעכקייט נישטאָ. מ'האָט אויך פאַרוואָרפן די אַמאָ־ליקע מנהגים, און קיינעם פאַלט נישט איין, אַז עפּיקורער וועלן נישט קענען ביישטיין קעגן די באַרבאַרן, ס'איז פאַרפאַלן! וואָס שייך אים, באַדויערט ער נאָר, וואָס ער האָט דערלעבט אַזעלכע צייטן און וואָס ער מוז אין פאַרווייליגנען זוכן זיך צו פאַר־געסן.

אַזוי רעדנדיק האָט ער צוגעשלעפּט צו זיך אַ סירישע טענצערין און האָט מיט זיין אָנצייניקן מויל גענומען קושן איר קאַרק און אירע אַקסלען. דער קאָנסול מעמיוס רעגולוס ווידער האָט דאָס דערזעענדיק, זיך צעלאַכט און, אויפהייבנדיק זיין פליכן קאָפּ מיטן אַראָפּגערוקטן קראַנץ אויף די שלעפן, האָט ער גע־אָגט:

— ווער זאָגט דאָס, אַז רוים גייט אונטער? גאַרישקייטן! איך, קאָנסול, ווייס בעסער... ווידעאַנט קאָנסולעס!... דרייסיק לעגיאָנען היטן אונדזער „פּאַקס ראָמאַנאַ"!...

באַ די ווערטער האָט ער צוגעלייגט די פויסטן צו די שלעפן און האָט גענומען ליאַרמען אויפן גאַנצן זאַל!

— דרייסיק לעגיאָנען!... דרייסיק לעגיאָנען!... פון בריטאַניען ביז צו דער פאַרטן-גרענעץ!

פּלוצלינג אָבער האָט ער זיך פאַרקלערט און, צולייגנדיק אַ פינגער צום שטערן, האָט ער געזאָגט:

— מ׳קען זאָגן, אַז ס׳איז גאָר פאַרהאַן צוויי און דרייסיק.

און ער האָט זיך גלייך דערויף אַרונטערגעקייקלט אונטערן טיש, ווו ער האָט באַלד גענומען אָפּגעבן פון זיך די פלאַמיגער צינגלעך, געבראָטענע רייז, געפּרוּווירענע שוואָמען, היישעריקן אויף האָניג, פיש, פאַרשידענע פליישן און אַלץ, וואָס ער האָט נאָר פריִער געגעסן און געטרונקען.

אָבער דאָמיציוס האָט זיך נישט באַרויִקט דורך דער צאָל לעגיאָנען, וואָס היט די רוימישע זיכערקייט:

— ניין, ניין! רוים מוז אונטערגיין, ווייל די אמונה אין די געטער און אין די אַלטע רוימישע מידות איז פאַרשוווּנדן. רוים מוז אונטערגיין, אָבער ס׳איז אַ שאָד! וואָרים דאָס לעבן איז דאָך גוט, דער צענער גנעדיק, דער ווייַן געשמאַק. אָך, וואָס פאַר אַ שאָד!

און, באַהאַלטנדיק זיין קאָפּ אין די פּלייצעס פון אַ סירישער באַקכאַנקע, האָט ער זיך צעוויינט:

— וואָס מיר אַ יענע וועלט!... אַכילעס האָט רעכט געהאַט זאָגנדיק, אַז ס׳איז בעסער צו זיין אַ שקלאַף אויף דער וועלט, איידער אַ קעניג אין קימערן-לאַנד. און ערשט איז דאָך נאָך אַ שאלה, צי עס עקזיסטירן גאָר געטער. כאָטש די אומגלייביקייט איז אַן אומגליק פאַר דער יוגנט.

לוקאַן האָט זיך דערווייל פלייסיק פאַרנומען מיט אַראָפּבלאָזן

דעם גאָלד-פּודער פון ניגידיאַס האָר, וועלכע איז באַזויפּענערהייט אַנטשלאָפן געוואָרן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם בלישטש פון דער וואַזע, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, און האָט דערמיט אַרומגעוויקלט די שלאָפנדיקע ניגידיאַ, און פאַרטיק ווערנדיק מיט דעם שטיקל אַרבעט, האָט ער מלא גדולה גענומען זיך אַרומקוקן אויף די אַרומיקע.

דערנאָך האָט ער זיך אויך אויסגעפּוצט אין בלישטש, איבערחזרנדיק אַלץ איינעם מיט אַ טאָן פון טיפער איבערצייגונג!

— איך בין נישט קיין מענטש, נאָר אַ פאַזאַן.

פּעטראָניוס איז נישט געווען שיכּור. אָבער נעראָן, וועלכער האָט פריער צוליב זיין געטלעכער שטים ווייניק געטרונקען, האָט צום סוף אַריינגעגאָסן איין בעכער נאָכן צווייטן, ביז ער איז שיכּור געוואָרן. ער האָט אפילו ווייטער געוואָלט זינגען זיינע לידער, דאָס מאָל שוין גריכישע, נאָר ער האָט זיי פאַרגעסן און ער איז גאָר פאַרפאַלן אויף אַנאַקרעאָנס אַ לידל. פּיטאַגאָרעס דיאָדאָר און טערפּניוס האָבן אים אונטערגעהאַלטן, נאָר אַזוי ווי ס'איז זיי עפּעס נישט גוט געגאַנגען, האָבן זיי ענדלעך אויפגעהערט. נעראָן האָט זיך דערווייל אַלס מבין און עסטעטיקער גענומען אַנטציקן מיט פּיטאַגאָרעסעס פיגור און פאַר באַגייסטערונג אים קושן די הענט. אַזעלכע צאַרטע הענט האָט ער אַמאָל געזען בלויז ביי... ביי וועמען?...

און צולייגנדיק זיין האַנט צום נאַסן שטערן, האָט ער זיך געפּרוווט דערמאָנען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אויף זיין געזיכט באַוויזן שרעק:

— אהאַ! ביי דער מוטער! ביי אַגריפּינאַ

און פּלוצלינג האָבן אים באַהערשט מוראדיקע וויזיעס.

— מ'דערציילט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אין לבנה-נעכט גייט זי אַרום איבערן ים לעבן די באַיען און בוילן... זי גייט און גייט, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט, און אַז זי קומט צו צו אַ שיפל, קוקט זי אַריין און גייט ווייטער. אָבער דער פישער, אויף וועלכן זי האָט נאָר אַ קוק געטון, מוז באַלד שטאַרבן.

— גאָר נישט קיין שלעכטע טעמא, — האָט פּעטראָניוס געזאָגט.

וועסטיניוס ווייטער האָט, אויסצײַענדיק דעם האַלדז ווי אַ זשיראַף, סודותדיק אַרויסגעמורמלט:

— אין געטער גלייב איך נישט, אָבער אין שדים גלייב איך יאָ... אוי!...

נעראָן האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט און האָט ווייטער גערעדט:

— כ'האָב דאָך שוין אָפּגעהאַלטן אַלעס ראַליאָ. איך וועל זי שוין מער נישט זען! ס'איז שוין דאָס פינפטע יאָר. כ'האָב געמוזט, כ'האָב געמוזט זי פאַרמשפּטן, ווייל זי האָט אונטערגעשטעלט, אויף מיר אַ רוצח, און, ווען איך וואָלט זי נישט מקדים געווען וואָלט איר אַלע היינט נישט געהערט מיין געזאַנג.

— אַ דאַנק דיר, צעזאַר, אין נאָמען פון דער שטאָדט און פון דער גאַנצער וועלט! — האָט דאָמיציוס אָפּער אויסגעשריען.

— ווײַן! און זאָלן די טימפּאַנעס שפּילן!

דער טומעל האָט זיך פונס'ניי אָנגעהויבן. לוקאַן, פון קאָפּ ביז פיס אין בלישטש, וועלנדיק איבערשרייען דעם טומל, איז אויפגעשטאַנען און האָט גענומען רופן:

— איך בין נישט קיין מענטש, נאָר אַ פאַון, און אין וואַלד וווין איך! כאָ... אָ-אָ-אָ!

סוף כל סוף זענען אַלע שיכור געבליבן: דער צעזאַר, די מענער און די פרויען. וויניציוס איז נישט ווייניקער שכור געווען פון אַלע, און צוזאַמען מיט דער תאווה, וועלכע האָט אין אים געברענט, האָט זיך אין אים געוועקט אַ חשק צו קריגן זיך, וואָס ס'האָט מיט אים אַלעמאָל געטראָפן, ווען ער האָט נאָר אין טרינקען איבערגעכאַפּט די מאָס. זיין ברוין געזיכט איז בלייך געוואָרן און די צונג האָט זיך אים געפּלאָנטערט, ווען ער האָט גענומען הויך און באַפעלערישער רופן:

— גיב מיר דיין מויל! היינט, צי מאָרגן, אַלץ איינס!... א סוף זאָל עס נעמען! דער צעזאַר האָט באַפוילן דיך צוצונעמען פון אוילוסן פאַר מייגעטוועגן, פאַרשטייסט! מאָרגן פאַרנאַכט וועל איך נאָך דיר שיקן, פאַרשטייסט. דער צעזאַר האָט מיר דיך פאַרשפּראָכן, איידער ער האָט דיך צוגענומען... דו מוזסט זיין מיינע! גיב מיר דיינע ליפּן! כ'וויל נישט וואַרטן ביז מאָרגן... גיב מיר שנעל דיין מויל!

און ער האָט זי אַרומגענומען. אַקטע האָט זי אָפּגעווערט, און זי אַליין האָט זיך אויך געווערט מיט די לעצטע כּוחות, וואָרים זי האָט געפילט, אַז זי קומט אים. אומזיסט אָבער האָט זי זיך באַמיט מיט ביידע הענט אַראָפּצונעמען פון זיך זיינע גלאַט געגאָלטע אָרעמס; אומזיסט האָט זי מיט ביטערניש און שרעק אין דער שטים אים געבעטן, ער זאָל נישט זיין אַזוי ברוטאַל, און ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן. זי האָט אַלץ נענטער געפילט זיין אָטעם, פון וועלכן ס'האָט זיך געשפּירט וויין, און זיין געזיכט האָט זיך שוין געפונען לעבן איר'ס. דאָס איז שוין נישט געווען דער פריערדיקער גוטער און כמעט איר האַרציקער וויניציוש, נאָר א שיכור, א בייזער סאַטיר, וועלכער האָט אויף איר אָנגעוואָרפן שרעק און עקל.

אָבער די כּוחות האָבן זי אַלץ מער פאַרלאָזט, אומזיסט האָט זי, איבערבייגנדיק זיך, אָפּגעקערט איר געזיכט, אום אויסצומיידן זיינע קושן. ער האָט זי אונטערגעהויבן, האָט זי אַרומגענומען אין ביידע אָרעמס און, צוציענדיק איר קאָפּ צו זיין ברוסט, האָט ער סאָפּנדיק גענומען פרעסן מיט זיין מויל אירע בלייך געוואָרענע ליפּן.

אָבער באותו הרגע האָט עפּעס א געוואַלטיקע קראַפט אַראָפּגענומען זיינע אָרעמס פון איר האַלדז מיט אַזא לייכטקייט, ווי דאָס וואָלטן געווען קינדערישע אָרעמס, און וויניציוש איז אָפּגעשליידערט געוואָרן אַזוי ווי א טרוקן שפּענדל אָדער א פאַרוועלקט בלעטל. וואָס איז געשען? וויניציוש האָט זיך אויסגעריבן זיינע פאַרבליפטע אויגן און ער האָט פּלוצלינג פאַר זיך דערזען דאָס

ריזיקע געשטאַלט פון דעם ליגיער אורסוס, וועלכן ער האָט געזען ביי אוילוסן אין הויז.

דער ליגיער איז געשטאַנען רויִק און האָט גאָר געקוקט מיט זיינע בלויע אויגן אויף וויניציוּשן אַזוי, אַז דעם יונגן מענטש איז דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיין פּרינצעסין גענומען אויף זיינע אָרעמס און איז מיט פעסטע און שטילע טריט אַרויס פון טריקליניום.

אַקטע איז באַלד אַרויס נאָך אים.

וויניציוּש איז איין אויגנבליק געזעסן ווי פאַרשטיינערט, דערנאָך האָט ער זיך אַ ריס געטון און גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג:

— ליגיע! ליגיע!

אָבער די תאווה, די איבעראַשונג, דער צאָרן און דער וויין האָבן אים די פיס אונטערגעהאַקט. ער האָט זיך איבערגעקערט איינמאָל און ס'צווייטע מאָל, דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט איינע פון די באַקכאַנקעס פאַר די נאַקעטע אָרעמס און, פינטלענדיק מיט די אויגן, האָט ער זי געפרעגט!

— וואָס איז דאָ געשען?

זי אָבער האָט גענומען אַ בעכער וויין און האָט אים מיט אַ שמייכעלע אין פאַרשיכורטע אויגן דערלאַנגט:

— טרינק! — האָט זי געזאָגט.

וויניציוּש האָט אויסגעטרונקען און איז פון די פיס געפאַלן.

דאָס רוב געסט זענען שוין געלעגן אונטערן טיש. אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען מיט שיכורע וואַקלענדיקע טריט איבערן טריקליניום, נאָך אַנדערע זענען געשלאָפן אָנגעלענט ביים טיש, כראָפּענדיק אָדער אָפּברעכנדיק דעם איבעריקן וויין, וואָס זיי האָבן געטרונקען. און אויף די שיכורע קאָנסולען און סענאַטאָרן, אויף די שיכורע ריטער, דיכטער, פילאָזאָפן, אויף די באַוויזפּענע טענצערינס, פּאַטריציערנס — אויף דער דאָזיקער גאַנצער וועלט, וואָס איז נאָך געווען מעכטיק, אָבער שוין אָן נשמה, נאָך זאָט

און בּאַקרוינט, אָבער דאָך שוין גוססדיק, אויף די אַלע איז פון דעם באַלדיקן בעשטריק, וואָס אונטערן טויט, כּסדר געפאַלן און געפאַלן רויק.

אינדרויסן האָט שוין געבלויט אויף טאָג.

VIII

אורסוסן האָט קיינער נישט פאַרהאַלטן. ס'האָט אים קיינער אפילו גאָרנישט איבערגעפרעגט. די געסט, וועלכע זענען נישט געלעגן אונטערן טיש, האָבן זיך שוין אויך נישט געפונען אויף זייערע ערטער. ווען די שקלאַפן האָבן אַליין געזען דעם ריז, טראָגנדיק אַ גאַסט אויף די הענט, האָבן זיי גערעכנט, אַז דאָס טראָגט אַ שקלאַף אַרויס זיין באַזויפענע האַרין. אויסער דעם איז אַקטע מיט זיי מיטגעגאַנגען, און איר בייזיין האָט אַוועקגענומען יעדן חשד.

אַזוי זענען זיי אַרויס פון טריקליניום אין דערלעבנדיקן צימער און פון דאָרט אויף דער גאַלעריע, וואָס פירט אין אַקטעס וווינונג.

ליגיען האָבן די כוחות פאַרלאָזט אַזוי, אַז זי איז געלעגן ווי אַ טויטע אויף אורסוסעס אָרעמס. נאָר ווען זי איז אַרומגענומען געוואָרן פון דער קילער ריינער מאָרגן-לופט, האָט זי געעפנט די אויגן. אינדרויסן איז וואָס אַמאָל ליכטיקער געוואָרן. אין אַ ווײַ-

לע אַרום זענען זיי, בייענדיק אַרום דער קאָלאָנאַדע, אַריין אין אַ זייטיקן איינגאַנג, וואָס האָט געפירט גישט אין הויז, נאָר אין די פּאַלאַץ-גערטנער, ווו די שפּיצן פון די לינדן און ציפּריסן האָבן זיך שוין געגילדט פון די מאָרגנשטראַלן. אין דעם טייל שלאָס איז געווען פּוסט, און די קלאַנגען פון מוזיק און דער טומל פונם זאַל האָט צו זיי אַלץ שטילער און אומדייטלעכער דערגרייכט. ליגיען האָט זיך געדאַכט, אַז מ'האָט זי אַרויסגעריסן פון גיהנום און אַרויסגעטראָגן אויף גאָטס ליכטיקער וועלט. אויסער דעם מגושמדיקן טריקליניום איז דאָ נאָך פאַראַן עפּעס געווען: אַ הימל, מאָרגנשטערן, ליכטיקייט און שטילקייט. דעם מיידל האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואָלט וויינען און, טוליענדיק זיך צו דעם ריזס אָרעמס, האָט זי שלוכצענדיק אַלץ איינייניעם געבעטן:

— קום אַהיים, אורסוס! אַהיים, צו אוילוסן.

— מיר וועלן גיין! — האָט אורסוס געענטפערט.

דערווייל זענען זיי אַריינגעקומען אין קליינעם אַטריום פון אַקטעס וווינונג. דאָרט האָט אורסוס אַוועקגעזעצט ליגיען אויף אַ מאַרמאָר-באַנק קעגנאיבער דעם פאָנטאַן, און אַקטע האָט זי גענומען באַרויקן און איינרעדן, זי זאָל זיך איבערשלאָפן, פאַרזיכערנדיק איר, אַז דערווייל דראָט איר גאָרנישט, ווייל די שיכורע-געסט וועלן נאָך דער סעודה שלאָפן ביז אָוונט. נאָר ליגיע האָט זיך לאַנג נישט געוואָלט באַרויקן און, דריקנדיק זיך מיט די הענט די שלעפן, האָט זי אַלץ איינייניעם ווי אַ קינד איבערגעחזרט:

— אַהיים, צו אוילוסן!...

אורסוס איז צו דעם גרייט געווען. ביי די טויערן שטייען, אמת, פּרעטאָריאַנער, נאָר ער וועט אַזוי אויך אַדורכגיין, ווייל די זעלנער פאַרהאַלטן נישט קיין אַרויסגייענדיקע. אונטער די טויער-בויגנס ווימלט עס פון לעקטיקעס. מענטשן גייען מענגעסווייז אַרויס. קיינער וועט זיי נישט פאַרהאַלטן. זיי וועלן אַרויסגיין איינייניעם מיט אַלע און וועלן גלייך אַהיימגיין. איבעריקנס, וואָס גייט דאָס אים אָן! אַזוי באַפעלט די פּרינצעסין, און אַזוי מוז געטון ווערן. דערויף געפינט ער זיך דאָ.

און ליגיע האָט אים געענטפערט:

— יאָ, אורסוס, מיר וועלן אַהיימגיין.

אָקטע האָט אָבער געמוזט האָבן ניכטערנעם שכל פאַר זיי ביידען. זיי וועלן אַרויסגיין, גוט! קיינער וועט זיי נישט פאַרהאַלטן, אָבער אַנטלויפן פון צעזאַרס הויז טאָר מען נישט, און ווער עס טוט דאָס, באַליידיקט זיין מאַיעסטעט. זיי וועלן אַרויסגיין. אָבער אין אָוונט וועט דער צענטוריאָן מיט עטלעכע זעלנער ברענגען אַ טויט-משפט אוילוסן, פאָמפּאָניע גרעציניען, און ליגיען וועט מען צוריקנעמען אין פּאַלאַץ אַריין, און דאַן וועט שוין פאַר איר קיין רעטונג נישט זיין. אויב די אוילוסעס וועלן זי אַריינגעמען אונטער זייער דאַך, וואַרט אויף זיי אַ זיכערער טויט.

ליגיע האָט יאושדיק די הענט אַראָפּגעלאָזט, זי האָט געמוזט אויסקלויבן צווישן איר אָדער אוילוסעס אומגליק. גייענדיק אויף דעם פעסטמאָל, האָט זי געהאָפט, אַז וויניציוש און פּעטראָניוס וועלן זי אָפּבעטן ביים צעזאַר און וועלן זי אָפּגעבן צוריק פּאָמפּאָניען. איצט האָט זי אָבער געוווּסט, אַז זיי אַליין האָבן דאָס אונגערעדט דעם צעזאַר, ער זאָל זי צונעמען פון אוילוסן, ס'איז קיין שום עצה נישט געווען, נאָר אַ נס וואָלט זי געקענט אַרויסרייסן פון דעם אָפּגרונט, נאָר אַ נס און די אַלמעכטיקייט פון גאָט.

— אָקטע, — האָט זי אין פאַרצווייפלונג געזאָגט, — האָסט געהערט, ווי וויניציוש האָט געזאָגט, אַז דער צעזאַר האָט מיך אים אַוועקגעשענקט און אַז היינט אין אָוונט וועט ער שיקן נאָך מיר די שקלאַפן און וועט מיך צונעמען אין זיין הויז אַריין?

— כ'האָב געהערט, — האָט אָקטע געזאָגט.

און צעשפּרייטנדיק די הענט, איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. די פאַרצווייפלונג, מיט וועלכער ליגיע האָט גערעדט, האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביי איר! זי איז דאָך אַליין אַמאָל געווען נעראָנס געליבטע. איר ווייך האַרץ האָט פונדעסטוועגן נישט געקענט גענוג פילן די גאַנצע שאַנד פון אַזאַ באַציונג. אַלס געוועזענע שקלאַפין, האָט זי זיך שוין צופיל געהאַט איינגעלעבט מיט

די קנעכטישקייט. און אויסער דעם האָט זי נאָך ביז איצט געליבט בעראַנען. ווען ער וואָלט געוואָלט זיך צו איר אומקערן, וואָלט זי אויסגעצויגן די הענט צו אים, ווי צום גליק. זעענדיק איצט קלאָר, אַז ליגיע מוז איצט אָדער ווערן דעם יונגן און שיינעם וויניציושס געליבטע, אָדער ברענגען אויף זיך און אויף אויסלוסעס הויז אַן אומגליק, האָט זי נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס מיידל קען זיך נאָך וואַקלען.

— ביים צעזאַר אין הויז, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט: — ביסטו מיט גאָרנישט זיכערער, ווי ביי וויניציושן אין הויז.

עס איז איר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז כאָטש עס איז געווען אמת, וואָס זי האָט געזאָגט, האָבן אירע ווערטער דאָך באַדייט: „מאַך שלום מיטן גורל און ווער וויניציושס קעפּס-ווײַב“. אָבער ליגיען, וועלכע האָט נאָך געפילט אויף איר מויל זײַנע חיהש-תאוהדיקע, ווי פייער הייסע קושן, איז דאָס בלויז געקומען אין פּנים אַריין פאַר בושה, בלויז נאָר דערמאָנענדיק וועגן דעם.

— קיינמאָל נישט. קיינמאָל נישט! — האָט זי האַסטיק אויסגערופן. — איך וועל נישט זײַן נישט דאָ, נישט ביי וויניציושן! קיינמאָל אין לעבן נישט!

אַקטע האָט נישט פאַרשטאַנען איר כּעס:

— שוין זשע — האָט זי געפרעגט — האָסטו אַזוי פיינט וויניציושן?

אָבער ליגיע האָט איר נישט געענטפערט, דען זי האָט זיך ווײַטער צעוויינט. אַקטע האָט זי צוגעטוליעט צו איר ברוסט און האָט זי גענומען באַרויקן. אורסוס האָט שווער געאָטעמט און האָט צונויפגעדריקט זײַנע ריזיקע פויסטן, וואָרים ליב האָבנדיק זײַן קעניגין מיט דער טרײַקייט פון אַ הונט, האָט ער נישט געקענט צוזען אירע טרערן. אין זײַן האַלב ווילד ליגיער האַרץ האָט זיך דערוועקט אַ חשק אַריין אין זאַל, דערשטיקן וויניציושן, באין ברירה, אויך דעם צעזאַר, ער האָט אָבער מורא געהאַט דאָס צו זאָגן זײַן האַרין, נישט זײַענדיק זיכער, צי אַט אַזאַ עובדה, וועל-

כע איז ביי אים געווען אַ גאַנץ פשוטע זאַך, פּאַסט פאַר די אָנ-חענגער פון געצלמטן שעפעלע.

און אַקטע, טוליענדיק אַלץ ליגיען, האָט זי ווידער גע-פרעגט:

— שוין זשע האָסטו אים אַזוי פיינט?

— ניין, — האָט ליגיע געענטפערט, — איך טאָר אים נישט פיינט האָבן, דען איך בין אַ קריסטין.

— כ'ווייס, ליגיע. פון די בריף פון פּוילוס פון תרשיש ווייס איך אויך, אַז איר מוזט שוינען אייער כבוד, אַז איר טאָרט נישט מורא האָבן פאַרן טויט מער, ווי פאַר זינד. אָבער זאָג מיר, צי איז דיין לערע מתיר צו הרגענען.

— ניין!

— ווי זשע קענסטו זיך באַשליסן צו ברענגען דעם צעזאַרס נקמה אויף אוילוסעס הויז.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. ליגיע איז איצט ווידער גע-שטאַנען פאַר אַ טיפן תהום.

און די יינגע געוועזענע שקלאַפין האָט ווייטער גע-רעדט:

— איך פרעג דיך, ווייל דו, די גוטינקע פּאַמפּאָניע און אוילוס און זייער קינד זענט מיר אַשאַד. איך לעב שוין לאַנג דאָ, אין דעם הויז און ווייס, מיט וואָס דעם צעזאַרס צאָרן דראָט. ניין! איר טאָרט נישט פונדאַנען אַנטלויפן. איין אויסוועג בלייבט דיר נאָר איבער: בעטן וויניציושן, ער זאָל דיך צוריקשיקן צו פּאָמפּאָניען.

ליגיע אָבער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אום צו בעטן וועמען אַנדערש. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אויך אורסוס אַנידער-געקניט, און זיי האָבן ביידע ביים זונען-אויפגאַנג מתפלל געווען ביים צעזאַר אין הויז.

אַקטע האָט ס'ערשטע מאָל געזען אַזוי מתפלל זיין און האָט נישט געקענט אָפּרייסן איר בליק פון ליגיען, וועלכע איז געווען געווענדט צו איר מיטן פּראָפיל, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אויפגעהויבענע הענט האָט זי געבליקט צום הימל, ווי זי

וואָלט פון דאָרט די ישיבה דערוואַרט. דער מאָרגן-שיין האָט באַלויכטן אירע טונקעלע האָר און איר ווייסן פּנים, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אירע אַפּלען און, אינגאַנצן אין שימער, האָט זי אַליין אויסגעזען, ווי אַ העלע ליכטיקייט. אין איר בלייך געזיכט, אין איר אויפגעעפנט מויל, אין די אויפגעהויבענע הענט און אויגן איז געווען עפּעס אַן איבערערדישע באַגייסטערונג. איצט האָט אַקטע אויך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ליגיע קען נישט ווערן קיינעמס קעפּס-ווייב, פאַר נעראָנס געוועזענע געליבטע האָט זיך איצט ווי אויפגעהויבן אַ ברעג פאָרהאַנג, וועלכע האָט פאַרשטעלט אַ גאָר אַנדערע וועלט, ווי די, אין וועלכער זי האָט געלעבט. זי איז איבעראַשט געוואָרן פון דער תפילה איבם הויז פון שאַנד און פאַרברעכן. מיט איין מינוט פריער האָט זיך איר אויסגעדוכטן, אַז עס איז פאַר ליגיען קיין שום אויסוועג ניט פאַראַן, איצט אָבער האָט זי שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז עס קען עפּעס וווּנדערלעכס געשען, אַז באַלד וועט אַ הילף קומען אַזאַ מעכטיקע און זיכערע, דאָס דער צעזאַר וועט נישט בכוח זיין איר זיך קעגנצושטעלן, אַז פון הימל וועלן באַלד אַראָפּנידערן באַפליגלטע חיילות דעם מיידל צו הילף, אָדער אַז די זון וועט זי פאַרוועבן מיט אירע שטראַלן און אַרויפהייבן צו זיך. זי האָט שוין געהערט וועגן פיל ניסים, וואָס געשען מיט די קריסטן און איצט, זעענדיק ווי אַזוי ליגיע איז מתפלל, האָט זי זיך געטראַכט, אַז עס איז, ווייזט אויס, אַלץ אמת, וואָס זי האָט געהערט.

ענדלעך איז ליגיע אויפגעשטאַנען און איר געזיכט האָט געשטראַלט פון האָפנונג. אורסוס איז אויך אויפגעשטאַנען און, אַנידערקניענדיק לעבן דער באַנק, האָט ער געקוקט אויף זיין האַרין, וואַרטנדיק אויף איר באַפעל.

אָבער אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן און באַלד זענען צוויי גרויסע טרערן געריבען איבער אירע באַקן.

— זאָל זיך גאָט דערבאַרמען איבער פּאָמפּאָניען און אויליסן — האָט זי געזאָגט. — איך טאָר נישט אויף זיי קיין אומגליק ברענגען, איך וועל זיי שוין דעריבער מער קיינמאָל נישט זען.

און וועבדנדיק זיך דערנאָך צו אורסוסן, האָט זי אים גע־זאָגט, אַז נאָר ער אײבער איז איר געבליבן אויף דער גאַנצער וועלט, אַז ער מוז איצט זײַן איר פאָטער און באַשיצער. ביי אוי־לוסן קענען זיי קײן שוץ נישט זוכן, וואָרים זיי האַלטן דערמיט געבראַכט אויף אים דעם צעזאַרס צאָרן, אָבער זי קען דאָך נישט בלײַבן נישט ביים צעזאַר און נישט ביי וויניציוּשן. זאָל־זשע אורסוס זי נעמען און אַוועקפירן פון דער שטאָט, זאָל ער זי ערגעץ באַהאַלטן, וווּ נישט וויניציוּש און נישט זײַנע שקלאַפן וועלן זי נישט קענען געפינען. זי איז גרייט אים אומעטום נאָכגיין, אפילו אויף יענער זייט ים, אָדער הינטער די בערג, צו די באַרבאַרן, וווּ מ'האָט נאָך קײן רוימישן נאָמען נישט געהערט און וווּ דעם צעזאַרס מאַכט האָט נאָך נישט דערגרייכט. זאָל ער זי נעמען און ראַטעווען, דען נאָר ער אַליין איז איר נאָך געבליבן.

דער ליגיער איז אויף דעם אַלעם גרייט געווען און אַלס צייכן פון געהאָרכן, האָט ער, אָנבייגנדיק זיך, אַרומגענומען אירע פיס. אָבער אַקטע, וועלכע האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ נס, איז איצט געפלעפט געוואָרן. אָט אַזוי פיל האָט די תפילה אירע פועל געווען? אַנטלויפן פון צעזאַרס הויז, דאָס הייסט, באַליידיקן זײַן מאַיעסטעט, וועלכעס קען נישט דורכגיין אומבאַשטראָפט. און ווען עס זאָל אפילו ליגיען געלונגען צו אַנטלויפן, וועט דער צעזאַר זיך נוקם זײַן אָן אוילוסן. אויב זי וויל אַנטלויפן, זאָל זי אַנטלויפן פון וויניציוּשס הויז, דאַן וועט אפשר דער צעזאַר, וועלכער האָט נישט ליב צו פאַרנעמען זיך מיט פרעמדע עסקים, נישט וועלן אפילו צוהעלפן וויניציוּשן אויפזוכן זי, פאַר יעדן פאַל וועט עס נישט הייסן קײן מאַיעסטעט באַליידיקונג.

ליגיע האָט זיך טאַקע אַזוי באַקלערט. נישט אוילוס, אפילו נישט פאָמפּאָניע טאָרן נישט וויסן, וווּ זי געפינט זיך. זי וועט אָבער אַנטלויפן נישט פון וויניציוּשס הויז, נאָר פון וועג. ער האָט איר שיכורערהייט דערציילט, אַז אין אָוונט וועט ער שיקן נאָך איר זײַנע שקלאַפן. ער האָט געוויס געזאָגט דעם אמת, וועלכעס ער וואָלט איר ניכטערנערהייט זיכער נישט דערציילט. ווייזט אויס, אַז ער אַליין, אָדער צוזאַמען מיט פּעטראָניוסן האָבן פאַר

דעם אָווגט איבערגעפעדט מיטן צעזאר און אויסגעפּועלט בײַ אים, ער זאָל זי צוּמאַרגנס אין אָווגט אַרויסגעבן. און ווען זיי האָבן אפילו הײַנט פאַרגעסן וועגן דעם, וועלן זיי בלי ספק מאָרגן שיקן נאָך איר, אָבער אורסוס וועט זי אַרויכראַטעווען. ער וועט צוקומען און וועט זי אַרויסטראָגן פון דער לעקטיקע, ווי ער האָט זי אַרויס-געטראָגן פון טריקליניום און זיי וועלן אַוועק אין דער וועלט אַרײַן. אורסוסן וועט זיך קיינער נישט קענען קעגנשטעלן, אים וואָלט אויך נישט געקענט בײַקומען יענער שרעקלעכער אַטלעט, וועלכער האָט נעכטן זיך געראַנגלט אין טריקליניום. נאָר אַזוי ווי וויניציוש וועט אפשר שיקן אַ סך שקלאַפן נאָך איר, וועט אור-סוס דעריבער גיין צום בישאָף לעננוס נאָך אַן עצה און נאָך הילף. דער בישאָף וועט זיך איבער איר דערבאַרעמען, ער וועט זי נישט איבערלאָזן בײַ וויניציושן אין דער האַנט און וועט הייסן די קריסטן גיין מיט אורסוסן איר צו הילף. זיי וועלן זי אָפּשלאָגן און אַוועק-פירן און דערנאָך וועט שוין אורסוס מיט איר אַרויס פון שטאָט און וועט זי ערגעץ פאַרבאָרגן פאַר דער רוימישער מאַכט.

איר געזיכט האָט זיך שוין גענומען רויטלען און שמייכלען, זי האָט ווידער באַקומען מוט, פונקט ווי די האָפענונג אויף הילף וואָלט שוין געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. און אומגעריכט האָט זי זיך געוואָרפן אַקטען אויפן האַלדז און, צולייגנדיק איר פרעכטיק מײַלעכל צו אירע באַקן, האָט זי גענומען שעפּטשען:

— דו וועסט אונדז נישט אויסגעבן, אַקטע, נישט אמת?

— בײַם שאָטן פון מײַן מוטער — האָט אַקטע געענטפערט — כ׳וועל אײַך נישט אויסגעבן, בעט נאָר דײַן גאָט, אַז אורסוסן זאָל זיך אײַנגעבן דיך אָפּצושלאָגן.

אָבער דעם ריזס בלויע, קינדישע אויגן האָבן געשטראַלט מיט גליק. אַ אויסקלערן עפּעס אַן עצה האָט ער נישט געקענט, כאָטש ער האָט זיך שטאַרק געבראָכן זײַן אָרימען קאָפּ, אָבער אַט אַזאַ זאַך וועט ער שוין יאָ קענען, אַלץ אײַנס, צי בײַטאָג, צי בײַנאַכט! ... צום בישאָף וועט ער גיין, ווען דער בישאָף לעזט פון הימל, וואָס מ׳דאַרף טון און וואָס נישט. אָבער קריסטן קען ער אַזויאויך ברענגען. וויבּיק באַקאַנטע האָט ער דען אַ שקלאַפן,

אי גלאַדיאַטאָרן און אי פרייע מענטשן אין סובור און הינטער די בריקן? ער קען זיי צונויפנעמען אַ מאַן טויזנט אָדער צוויי טויזנט און וועט אָפּשלאָגן זיין האַרין; און אויך אַ וועקפירן זי פון שטאָט וועט ער קענען און גיין נאָך איר וועט ער אומעטום, אפילו אין עק וועלט. אפילו דאָרט אַהין, פונוואַנען זיי זענען, וווּ קיינער האָט נאָך אפילו נישט געהערט וועגן קיין רוימער.

און ער האָט גענומען קוקן פאָרויס פאַר זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט דערבליקן עפּעס פאַרגאַנגענעס און אימגעהייער ווייטס. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אין וואַלד אַריין? האָ! וואָס פאַר אַ וואַלד! וואָס פאַר אַ וואַלד!...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך שוין אָפּגעטרייסלט פון די זעונגען:

ער וועט טאַקע גיין צום בישאָף און אין אָוונט וועט ער שוין מיט אַ הונדערט מאַן אָפּוואַרטן די לעקטיקע. און עס מעגן זי שוין פירן נישט נאָר שקלאַפן, נאָר אפילו אויך פרעטאָריאַנער!! זאָל זיך נאָר ווער אפילו אין אײַין באַפּאַנצערט אַרונטערבאַקומען אונטער זיין פויסט. וואָרים אײַזן איז דען אַזוי שטאַרק! זאָל ער נאָר אַ קלאַפּ געבן אין אײַזן וועט דער קאָפּ אונטער דעם אויך נישט אויסהאַלטן.

אָבער ליגיע האָט מיט אַ וויכטיקן און גלייכצייטיק אויך קינדישן ערנסט אויפגעהויבן אַ פינגער אינדערהייך:

— אורסוס! „לא תרצח" — האָט זי אויסגערופן.

דער ליגיער האָט זיין שווערע ריזיקע האַנט פאַרוואָרפן הינטערן קאָפּ און האָט בורטשענדיק גענומען קראַצן זיך דעם קאַרק אין גרויס פאַרלעגנהייט: ער מוז זי דאָך ראַטעווען... זיין ליכט פון די אויגן... זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איצט דאַרף ער עפּעס טון פאַר איר... ער וועט זיך באַמיען ווי מייט ער וועט נאָר קענען. אָבער אויב עס וועט עפּעס געשען נישט ווילנדיקער-הייט?... ער מוז זי דאָך אַרויסראַטעווען! איז אויב עס וועט עפּעס געשען, וועט ער אַזוי תשובה טון, וועט ער אַזוי שטאַרק

איבערבעטן דאָס אומשולדיקע שעפעלע, אַז דאָס געקרייציקטע שעפעלע וועט זיך מרחם זיין איבער אים, דעם אומגליקלעכן... ער וואָלט דאָך נישט געוואָלט באַליידיקן דאָס שעפעלע, נאָר ער האָט עפּעס אַזעלכע שווערע הענט.

אויף זיין געזיכט איז געווען צו זען אַ שטאַרק געריכטקייט, נאָר ווילנדיק עס באַהאַלטן, האָט ער זיך געבוקט און געזאָגט:

— אויב אַזוי, גיי איך צום הייליקן בישאָף.

און אַקטע האָט, פֿאַלנדיק ליגיען אויפן האַלדז, זיך צעוויינט...

זי האָט ווידער אַמאָל אַ טראַכט געטון, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ וועלט. וווּ אַפילו אין די ליידן איז דאָ מער גליק, ווי איבגאַנצן ווילטאָג און תענוגים פֿון צעזאַרס פּאַלאַץ. באַלכאַמאָל האָט זיך פֿאַר איר אָן עפן געטון די טיר צום ליכט, אָבער גלייכצייטיק האָט זי דערפֿילט, אַז זי איז נישט ווערט אַריבערצוטרעטן דידאָזיקע שוועל.

IX

ליגיען איז אַ שאָד געוועזן פּאָמפּאָניע גרעצינע, וועמען זי האָט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרץ און אויסגעגאָסן גאַנצע הויז. פונדעסטוועגן איז זי שוין נישט געווען פאַריאושט. זי האָט אפילו מיט פאַרגעניגן געטראַכט וועגן דעם, אַז זי איז איצט פאַר דעם אמת אירן מקריב דאָס גאַנצע ווילזיין און באַקוועמלעכקייט אירס און לאָזט זיך אויף אַ פרעמד, אומבאַקאַנט וואַנדער-לעבן. עס איז אפשר אין דעם געווען אויך עפּעס קינדישע נייגיריקייט: ווי אַזוי עס זעט אויס אַזאַ לעבן, ערגעץ ווייט אין פרעמדע געגנדן, צווישן באַרבאַרן און ווילדע חיות. עס איז אָבער דאָ נאָך מער געווען טיפער און פעסטער גלויבן, אַז מיט אַזאַ עובדה טוט זי, ווי דער „געטלעכער לערער" האָט געלערנט, און אַז פון איצט אָן וועט ער שוין אַליין וואַכן איבער איר, ווי איבער אַ געהאָרכזאַם און טרייַ קינד און דאַן, וואָס פאַר אַ שלעכטס קען זי דען שוין טרעפן? וועט אפשר באַשערט זיין צו ליידן, וועט זי דאָס געדולדיק איבערליידן אין זיין נאָמען, וועט אפשר אומגע-

ריכס קומען דער טויט, וועט ער זי דאָך צונעמען צו זיך, און ווען פאָמפּאָניע וועט אַמאָל שטאַרבן וועלן זיי אייביק זיין צוזאַמען.

נאָך ביי אוילוסן אין הויז פלעגט איר קינדיש מוחל נישט איינמאָל זיין באַטריבט דערפון, וואָס זי, אַ קריסטין, קען גאָרנישט טון פאַר דעם געקרייציגטן, וועגן וועלכן אורסוס האָט איצט אַזוי הייס גערעדט. אָבער איצט איז געקומען דערדאָזיקער מאָמענט. ליגיע האָט זיך כמעט געפילט גליקלעך און האָט גענומען רעדן צו אַקטען וועגן איר גליק, יענע האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין: פאַרלאָזן אַלץ, די היים, דאָס ווילזיין, די שטאָט, די גערטנער, די טעמפּלען, די פּאָרטיקן, פאַרלאָזן אַלדאָס גוטס און שיינס, דאָס זוניקע לאַנד און די באַנטע מענטשן און צוליב וואָס? צוליב דעם, כדי צו באַהאַלטן זיך פאַר דער ליבע פון אַ יינגן און שיינעם ריטער?... אַקטעס מוח האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צובאַגרייפן. מאָמענטנווייז האָט אין איר עפּעס אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז דאָס איז אַלץ ריכטיק אַזוי, אַז עס איז אפשר פאַרהאַן אַזאַ אומגעהייער סודותדיק גליק, אָבער זי האָט זיך דאָס נישט געקענט קלאָר פאָרשטעלן, נאָך דערצו, אַז אויף ליגיען האָט נאָך איצט געוואַרט אַזאַ איבערלעבונג, וועלכע קען זיך שלעכט ענדיקן און ביי וועלכע זי קען דאָס לעבן פאַרלירן. אַקטע איז פון דער נאַטור געווען אַ פחדנישע און זי האָט מיט שרעק געטראַכט וועגן דעם, וואָס דערדאָזיקער אָוונט וועט מיט זיך ברענגען. אָבער זי האָט ליגיען גאָרנישט געזאָגט וועגן איר מורא, און אַזוי ווי עס איז שוין געווען גרויסער טאָג און די זון האָט שוין אַריינגעשיינט אין אַטריום, האָט זי גענומען ליגיען איינרעדן, זי זאָל זיך צולייגן עטוואָס אָפּרוען, וועלכעס איז פאַר איר זייער נויטיק געווען נאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן.

ליגיע האָט נישט געהאַט דאַקעגן און זיי זענען ביידע אַריין אין קוביקוליום, וועלכער איז נאָך, צוליב די אַמאָליקע באַציונגען צווישן אַקטען מיטן צעזאַר, געווען איינגעאָרדנט גערוים און מיטן גרעסטן געשמאַק. דאָרט האָבן זיי זיך געלייגט איינע לעבן דער צווייטער. אָבער אַקטע האָט, נישט קוקנדיק אויף איר מידעקייט,

נישט געקענט איינשלאָפן. זי איז שוין אַ לאַנגע צייט געווען אומעטיק און אומגליקלעך, אָבער איצט איז זי עפּעס אומרויִק געוואָרן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. ביז אַהער האָט איר דאָס אַלץ אויסגעזעען שווער אָן אַ מאָרגן און איצט אָבער איז עס ביי איר מיטאַמאָל געוואָרן מיאוס.

און וואָס ווייטער איז ביי איר אין קאָפּ אַלץ נישט קלאָרער געוואָרן. די עפּענונג צום ליכט האָט זיך פאַר איר דאָ געעפנט, דאָ פאַרמאַכט. נאָר דאַן ווען זי האָט זיך געעפנט האָט זי יענץ ליכט אַזוי פאַרבלענדט, אַז זי האָט קיין שום זאַך נישט געקענט דייטלעך זען. זי האָט אפשר נאָר פאַרגעפילט, אַז אין אָט דער בלענדנדיקער ליכטיקייט איז פאַראַן עפּעס אַן אומענדלעך גליק, קעגן וועלכן אַלע אַנדערע פריידן זענען אַזוי ווייט נישטיק, אַז ווען דער צעזאַר, למשל, וואָלט דערווייטערט פון זיך פּאָפּעאַן און זי, אַקטען, ווידער ליב באַקומען, וואָלט דאָס אויך קיין ווערט נישט געהאַט. און פּלוצלינג איז איר איינגעפאַלן, אַז טאַקע דער צעזאַר, וועלכן זי ליבט אַזוי און וועלכן זי באַטראַכט פאַר אַ האַלב-גאָט, איז אייגנטלעך אַזוי נישטיק, ווי יעדער שקלאַף און אָט דער פּאַלאַץ מיט די קאָלאָנאַדעס פון נומידישן מאַרמאָר — נישט מער, ווי אַ באַרג שטיינער. ענדלעך האָבן אַלע דידאָזיקע מטושטשע געפילן זי זייער דערשעפּט. זי האָט געוואָלט איינשלאָפן, אָבער זי האָט עס נישט געקענט, געמאַטערט פון עפּעס אַן אומרויִקייט.

ענדלעך, מיינענדיק, אַז ליגיע, וועלכע האָט ערשט איבערגעלעבט אַזוי פיל שרעק און סכנות שלאָפט אויך נישט, האָט זי זיך צו איר אומגעדרייט און געוואָלט מיט איר רעדן וועגן איר פאַרשטייענדיקן אַנטלויפן אין היינטיקן אָוונט.

ליגיע איז אָבער רויִק געשלאָפן. און טונקעלן קוביקולום איז דורך דער לויז אַראָפּגעלאָזטער פאָרהאַנג אַריינגעפאַלן עטלעכע ליכטיקע פּאַסן, אין וועלכע עס האָט געשימערט אַ גאָלדענער שטויב. ביים ליכט פון דידאָזיקע שטראַלן האָט אַקטע דערזען ליגיעס צאַרט געזיכט, אָנגעלענט אויף איר נאַקעטן אָרעם, אירע פאַרמאַכטע אויגן און איר עטוואָס געעפנט מויל. זי האָט רויִק געאָטעמט, ווי מ'אָטעמט אין שלאָף.

— זי שלאָפֿט, זי קען שלאָפֿן! — האָט אָקטע אַ קלער געטון — זי איז נאָך גאָר אַ קינד.

פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך אין אַ חילע אַרום דערמאָנט, אַז דאַסדאָזיקע קינד וויל בעסער אַנטלויפֿן, איידער ווערן וויניציושס קעפּס-ווייב, וויל גלייכער גויט, איידער שאַנד, געוונד זיין, איידער דעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ לעבן קאַרינען-פּלאַץ, איידער פּרעכטיקע קליידער, צירונג, פֿאַרוויילונגען, געזאַנג, האַרפֿען און ציטרען.

— פֿאַרוואָס?

און זי האָט גענומען זיך איינקוקן אין ליגיען, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסלעזן אַן ענטפֿער פֿון איר שלאָפֿנדיק געזיכט. זי האָט געקוקט אויף איר קלאָרן שטערן, אויף אירע אויסגעלייטערטע האַלב רונדע ברעמען-בויגנס, אויף אירע טונקעלע וויעס, אויף אירע עטוואָס געעפֿנטע ליפּן, אויף איר מיידלישע ברוסט, וואָס האָט זיך לייכט באַוועגט פֿון איר רויִקן אָטעמען. און זי האָט אַ טראַכט געטון:

— ווי אַנדערש זי איז פֿון מיר!

און ליגיע האָט זיך איר אויסגעזען ווי אַ וווּנדער, ווי עפּעס אַגעטלעכע זעונג, ווי אַ ליבלינג פֿון די געטער, הונדערט מאָל שענער פֿון אַלע בלומען אין צעזאַרס גאָרטן און פֿון אַלע סטאַטועס אין זיין פּאַלאַץ. פֿינדעסטוועגן איז אין דער גריכינס האַרץ נישט געווען קיין קנאה. פֿאַרקערט, ביים געדאַנק, וועגן די אַלע סכנות, וועלכע זענען געהאָנגען איבער דעם מיידל, האָט זי דערפֿילט אַ גרויס רחמנות. עס האָט זיך אין איר דערוועקט אַ מוטערלעך געפֿיל: ליגיע איז איצט ביי איר אין די אויגן געווען נישט נאָר שיין, ווי אַ ווונדערלעכער חלום, נאָר אויך געוואַלטיק ליב: און, צולייגנדיק איר מויל צו אירע טונקעלע האָר, האָט זי זי גענומען קושן.

ליגיע איז געשלאָפֿן רויִק, ווי ביי זיך אַ'נדערהיים, אונטער פּאָמפּאָניע גרעצינעס שוץ. זי איז לאַנג געשלאָפֿן. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען זי האָט געעפֿנט אירע בלויע אויגן און גענומען פֿאַרוווּנדערט זיך אַרומקוקן איבערן קוביקולום. עס

האָט זי, חייזט אויס, געחונדערט, וואָס זי געפינט זיך נישט ביי אוילוסן אין הויז.

— דאָס ביסטו, אַקטע? — האָט זי ענדלעך אַרויסגעזאָגט, דערזעענדיק אין דער טונקלקייט דאָס געזיכט פון דער גריכין.

— איך, ליגיע.

— ס'איז שוין אָוונט?

— ניין, קינד, נאָר ס'איז נאָך האַלבן טאָג.

— און אורסוס איז נאָך נישט צוריקגעקומען

— אורסוס האָט נישט געזאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען, נאָר אַז ער וועט אין אָוונט צוזאַמען מיט די קריסטן אָפּוואַרטן די לעקטיקע.

— אמת.

דערנאָך זענען זיי אַרויס פון קוביקולום און זענען אַוועק אין באָד, פונוואַנען אַקטע האָט זי, אויסבאָדנדיק, מיטגענומען צום פרישטיק און דערנאָך אין די פּאַלאַץ-גערטנער, ווו זיי האָבן איצט נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר קיין געפערלעכע באַגעגעניש, וויל דער צעזאַר און אַלע זיינע אָנגעזעענע הויף-לייט זענען נאָך געשלאָפן. ליגיע האָט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן דערזען די פּרעכטיקע גערטנער פיל מיט ציפּריסן, דרום-סאָסנעס, דעמבעס, איילבירטן און מירטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געווייסט אַ מאַסע סטאַטועס, ס'האָבן געגלאַנצט רויִקע וואַסער-שפּיגלען, געבליט גאַנצע קלאָמבן רויזן באַפּייכט מיט וואַסער-שטויב פון פאָנטאַנען, וו די איינגענג און כישוף-היילן זענען מיט ווילדן ווייַנשטאָק און טרויבן פאַרוואַקסן געווען, ווו אויף די וואַסער-שפּיגלען זענען אַרומגעשווומען זילבער-ווייסע שוואַנען און צווישן די סטאַטועס און ביימער זענען אַרומגעגאַנגען היימיש געוואָרענע גאַזעלן פון די אַפריקאַנישע מדבריות און בונט-פאַרביקע פייגל פון די פאַרשידנסטע לענדער.

די גערטנער זענען געווען לער. ווו נישט ווו נאָר האָבן געאַרבעט שקלאַפן מיט שפּאַדלעס אין די הענט, שטיל צוזינגענדיק זיך לידער. אַנדערע, וועלכע האָבן אַ ווײַלע בערוט, זענען געזעסן ביי די וואַסערן, אָדער אין שאָטן פון דעמב-ביימער אין די פלאַ-

טערנדיקע ליכט-פלעקן פון די זון, וועלכע האָט זיך דורכגעריסן דורך די בלעטער, אַנדערע ווידער האָבן באַפּייכט די רויזן, אָדער די בלייך-בלוילעכע שאַפּיר בלומען. אַקטע און ליגיע זענען לאַנג אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט אַלע וווּנדער פון די גערטנער און כאָטש ליגיע האָט נאָך ווייט נישט געהאַט קיין פרייע, דרייסטע געדאַנקען, פונדעסטוועגן איז זי נאָך צופיל קינד געווען, אום זי זאָל זיך קענען קעגנשטעלן און נישט אַרומגענומען ווערן פון נייגיריקייט און באַווונדערונג. זי האָט אפילו אַ טראַכט געטון, אַז ווען דער צעזאַר וואָלט געווען אַ גוטער מענטש, וואָלט ער, אין אַזאַ פּאַלאַץ און אין אַזעלכע גערטנער, געקענט זיין גליקלעך.

אָבער ענדלעך, זערנדיק עטוואָס פאַרמאַטערט, האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, וועלכע איז כמעט פאַרבאָרגן געווען צווישן די ציפּריסן און גענומען רעדן וועגן דעם, וואָס האָט זיי זייער געשטערט אויפן האַרץ — וועגן ליגיעס אָוונטיקן אַנטלויפן. אַקטע איז פיל מער פאַרזאָרגט געווען איבער דער הצלחה פון דעם אַנטלויפן. טיילמאָל האָט זיך איר אויף אַ מינוט אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ ווילדער איינפאַל, וועלכער קען זיך בשום אופן נישט איינגעבן. זי האָט וואָס אַמאָל מער רחמנות באַקומען אויף ליגיען. עס איז איר אפילו איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט אפשר פיל זיכערער געווען, ווען מ'זאָל פּרווון צו געווינען פאַר זיך ווינציוויטשן. זי האָט זי גלייך געבעטן אויסצערצן, ווי לאַנג זי קען ווינציוויטשן און צי זי דענקט נישט, אַז ווינציוויטש וואָלט זיך אפשר געלאָזט איבעררעדן זי צוריקצוקערן צו פּאָמפּאָניען.

אָבער ליגיע האָט אומעטיק אַ שאָקל געטון מיט איר טונקל קעפּל.

— ניין. ביי אַילוסן אין הויז איז ווינציוויטש געווען אַן אַנדערער, זייער אַ גוטער, נאָר פון דעם נעכטיק אָוונט אָן שרעק איך זיך פאַר אים און כ'וועל גלייכער אַנטלויפן צו די ליגיער.

אַקטע האָט זי ווייטער געפרעגט:

— אָבער ביי אוילוסן אין הויז איז ער דיר ליב געווען?

— יאָ, — האָט ליגיע געענטפערט — אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

— דו ביסט דאָך נישט קיין שקלאַפין, ווי איך בין געווען, — האָט אַקטע נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן געזאָגט. — דיך וואָלט דאָך וויניציוש געקענט נעמען פאַר אַ געזעצלעך ווייב. דו ביסט אָן ערבותניצע און אַ טאָכטער פון ליגיער-קעניג. די פאַמיליע אוילוס האָט דיך ליב, ווי אַן אייגן קינד און כ'בין זיכער, אַז זיי זענען גרייט דיך צוצורעכענען אַלס זייער קינד. וויניציוש וואָלט געקענט מיט דיר חתונה האָבן, ליגיע!

אָבער זי האָט שטיל און נאָך אומעטיקער געענטפערט:

— כ'וויל ליבערשט אַנטלויפן צו די ליגיער.

— ליגיע, ווילסט, כ'זאָל שוין גלייך גיין צו וויניציושן, אים אויפוועקן, אויב ער שלאָפט, און אים זאָגן דאָס, וואָס כ'האָב ערשט איצט דיר געזאָגט? יאָ, מיין טייערע, איך וועל גיין צו אים און וועל אים זאָגן: וויניציוש, זי איז אַ פּרינצעסין און אַ צי-טערדיק קינד פון באַרימטן אוילוס; אויב זשע דו ליבסט זי, קער זי אים צו אוילוסן און דערנאָך ערשט נעם זי פון זייער הויז אַלס דיין ווייב.

אָבער דאָס מיידל האָט אָפּגעענטפערט אַזוי שטיל שוין, אַז אַקטע האָט קוים דערהערט:

— ליבערשט צו די ליגיער...

און צוויי טרערן האָבן זיך באַוויזן אויף אירע אַראָפּגע-לאָזטע ברעמען.

באַלד אָבער איז זייער שמועס איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ גערויש פון זיך דערנענטערנדיקע טריט און נאָך איידער אַקטע האָט באַוויזן אומצוקוקן זיך, ווער עס קומט צו, איז פאַר זייער באַנק געשטאַנען סאַבינאַ פּאָפּעאַ מיט אַ קליינער סוויטע שקלאַפינס. צוויי פון זיי האָבן הויך איבער איר קאָפּ געהאַלטן שטרויס-פע-דערן אַרויפגעזעצט אויף לאַנגע, גאָלדענע שטעקנס, מיט וועלכע זיי האָבן לייכט געפאָכעט איבער איר און אַגב אויך באַשאָטנט זי פאַר דער נאָך גלוטיקער הארבסט-זון, פאַר איר וויטער האָט אַ שוואַרצע אַבעסיניערין, ווי העבאַן, מיט אָנגעדראָלענע ברוסט פולע מיט מילך, געטראָגן אויף דער האַנט אַ קינד, אַרומגעוויקלט אין פורפור מיט גאָלדענע פרענדזלעך. אַקטע און ליגיע זענען

אויפגעשטאַנען, מיינענדיק, אַז פּאַפּעאַ וועט זיי פאַרבייגיין, אפילו זיך נישט אומקוקנדיק אויף זיי. זי אָבער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיי און געזאָגט:

— אַקטע, דו האָסט שלעכט צוגעגייט די גלעקעלעך צו דער פּופּע. דאָס קינד האָט איינס פון זיי אָפּגעריסן און צוגענומען צום מויל: אַ גליק, וואָס לילית האָט עס באַצייטנס דערזען.

— פאַרגיב מיר, געטלעכע — האָט אַקטע געענטפערט, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

אָבער פּאַפּעאַ האָט גענומען זיך איינקוקן אין ליגיען.

— ווער איז די שקלאַפין? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— דאָס איז נישט קיין שקלאַפין, געטלעכע אויגוסטין, נאָר פּאָמפּאָניע גרעצינינעס אַ שטוב־קינד און אַ טאָכטער פון ליגיער קעניג, וועלכער האָט זי געגעבן די רוימער אַלס ערבותניצע.

— איז זי דיך געקומען באַזוכן?

— ניין, אויגוסטין. פון אייערנעכטן אָן געפינט זי זיך אין פּאַלאַץ.

— זי איז נעכטן געווען אויף דעם פעסטמאָל?

— זי איז געווען, אויגוסטין.

— לויט וועמענס באַפעל?

— לויטן צעזאַרס באַפעל...

פּאַפּעאַ האָט זיך נאָך מער גענומען איינקוקן אין ליגיען, וועלכע איז איצט געשטאַנען פאַר איר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, דאָ אויפהייבנדיק נייגיריק אירע שטראַלנדיקע אויגן און דאָ צוריק אַראָפּלאָזנדיק איבער זיי אירע אויגן־לעדלעך און אומגעריכט האָט זיך באַוויזן אַ קנייטש ביי דער אויגוסטין צווישן די ברעמען. אייפערנדיק פאַר איר אייגענער שיינקייט און מאַכט, האָט זי געלעבט אין שטענדיקער שרעק, אַז אַ וועלכע עס איז מזלדיקע פרוי זאָל זי נישט אומברענגען, ווי זי האָט אומגעבראַכט אָקטאַוויען. דעריבער האָט יעדעס שיינע געזיכט אין פּאַלאַץ דערוועקט אין איר אַ חשד. מיט דעם אויג פון אַ מבין האָט זי מיט איינמאָל

ארומגענומען אַלע ליגיעס פּאַרמען, אָפּגעשאַצט יעדן שטריך אין איר געזיכט און זי האָט זיך דערשראָקן. „דאָס איז אײנפאַך אַ נימפע", האָט זי זיך געטראַכט. „נאָר וועניס האָט זי געבוירן". און פּלוצלינג איז איר עפּעס אײנגעפאַלן, וואָס זי פלעגט ביז איצט קײנמאָל נישט טראַכטן זעענדיק אַן אַנדערע שײנקײט: אַז זי איז פיל, פיל עלטער! עס האָט אין איר אויפגעציטערט די פאַרווונדעטע אײגנליבע, זי איז אומרויִק געוואָרן און פאַרשידענע שלעכטע מחשבות זענען אַדורך דורך איר מוח, אפשר האָט בעראָן זי נישט געזען, אָדער קוקנדיק דורכן שמאַראַגד, האָט ער זי נישט אָפּגעשאַצט, אָבער וואָס וועט זײן, אַז ער וועט זי טרעפן בײם טאָג־ליכט אַזאַ פּרעכטיקע?... אויסערדעם איז זי דאָך אויך נישט קײן שקלאַפין! זי איז אַ פּרינצעסין, אַ באַרבאַרישע אפילו, אָבער דאָך אַ פּרינצעסין!... אומשטערבלעכע געטער! זי איז אַזוי שײן, ווי איך, און ייִנגער פון מיר! דער קנײטש צווישן אירע ברעמען איז געוואָרן נאָך גרעסער, און אירע אויגן פון אונטער די גאָלדענע וויִעס האָבן גענומען לײכטן מיט אַ קאַלטן גלאַנץ.

אָבער, ווענדנדיק זיך צו ליגיען, האָט זי זי מיט אַן אויסערלעכער רויִקײט געפרעגט;

— האָסט גערעדט מיטן צעזאַר?

— נײן, אויגוסטין.

— פאַרוואָס ווילסטו גלײכער זײן דאָ, ווי בײ די אוילוסעס?

— נישט איך וויל, האַרין. פּעטראָניוס האָט צוגערעדט דעם צעזאַר, ער זאָל מיך צונעמען פון פּאָמפּאָניען, אָבער איך געפין זיך דאָ קעגן מײן ווילן, אָ, האַרין!...

— און וואָלסט געוואָלט צוריק צו פּאָמפּאָניע?

דאָס האָט פּאָפּע אַ געפרעגט מיט אַ ווײכערע און מילדערע שטים. אין ליגיעס האַרץ האָט זיך דעריבער דערוועקט אַ האָפענונג.

— האַרין! — האָט זי אויסגערופן, אויסציִענדיק צו איר די הענט — דער צעזאַר האָט צוגעזאָגט וויניציושן מיך אים

אַחעקצושעבקן אַלס שקלאַפּין. אָבער שטעל דו זיך איין פאַר מיר און קער מיך אום צו פּאָמפּאָניען.

— האָט, הייסט עס, פּעטראָניוס אָנגערעדט דעם צעזאַר, ער זאָל דיך צונעמען פון אוילוסן און אַוועקגעבן וויניציושן?

— יאָ, האַרין. וויניציוש דאַרף נאָך היינט נאָך מיר שיקן, אָבער, דו, גוטע, דערבאַרעם דיך איבער מיר.

דאָס זאָגנדיק האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און, אָנכאַפּנדיק זי ביי אַ ברעג קלייד, האָט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף איר וואָרט. פּאָפּעאַ אָבער האָט אויף ליגיען אַ ווײַלע געקוקט מיט אַ בייז שמייכעלע אין איר אויפגעשטראַלט געזיכט, דערנאָך האָט זי איר געזאָגט:

— זאָג איך דיר שוין צו, אַז נאָך היינט וועסטו ווערן וויניציושס שקלאַפּין.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען, ווי אַ שיינער, נאָר בייזער רוח. ליגיע און אַקטע האָבן נאָר פונדערווייטנס דערהערט אַ געשריי פונעם קינד, וועלכעס האָט גראָד איצט אומגעריכט אָנגעהויבן וויינען.

ליגיעס אויגן זענען אויך פול געוואָרן מיט טרערן, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אָנגענומען אַקטעס האַנט און געזאָגט:

— קום. הילף דאַרף מען דערוואַרטן נאָר פון דאָרטן, פונוואַנען עס קען קומען.

און זיי זענען צוריק אַריין אין אַטריום פונוואַנען זיי זענען שוין נישט אַרויס ביזן אָוונט. ווען עס איז פינסטער געוואָרן און די שקלאַפן האָבן אַריינגעטראָגן די פיר-פלאַמיקע שטורקאַצן מיט די גרויסע פלאַקערן, זענען זיי ביידע געווען זייער בלייך. זייער שמועס האָט זיך אַלע ווײַלע איבערגעריסן. ביידע האָבן זיך כסדר איינגעהערט, צי עס דערנעענטערט זיך נישט ווער. ליגיע האָט אַלץ איינעם פאַרזיכערט, אַז כאָטש עס איז איר אַ שאָד צו פאַרלאָזן אַקטען, דאָך, ווייל אורסוס וואַרט שוין דאָרט געוויס אין דער פינסטער, דעריבער וואָלט זי שוין גלייכער געוואָלט, אַז אַלץ, וואָס עס דאַרף געשען, זאָל עס נאָך היינט געשען. פונדעסטוועגן איז איר אָטעם פון גערירטקייט געווען אַלץ האַסטיקער און העכער.

אַקטע האָט פיבערהאַפט צונויפגענומען וויפיל זי האָט געקענט צירונג און פאַרבונדנדיק עס אין אַ בריג פּעקל, האָט זי ליגן באַשווירן, זי זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון דער מתנה און מיטלען צום אַנטלויפן. טיילמאָל איז אייגגעטרעטן אַ טויבע שטילקייט פול מיט פאַלשע געהער־האַלוצינאַציעס. ביידע האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז אָט הערן זיי אַ שעפּטשען הינטער דער פאָרהאַנג, אָט אַ קינדיש געוויין פון ווייטנס, אָט אַ בילן פון הינט.

פּלוצלינג האָט זיך די פאָרהאַנג פון פאָרהויז אַ באַוועג געטון שטיל אָן גערויש, און אַ הויכער, שוואַרצלעכער מענטש מיט אַ געשטופּלט געזיכט, האָט זיך ווי אַ גייסט באַוויזן אין אַטריום. ליגיע האָט גלייך דערקענט אַטאַצינען, וויניציוּשס באַפרייטער שקלאַף, וועלכער פלעגט קומען צו די אוילוּסעס.

אַקטע האָט אַ געשריי געטון. אָבער אַטאַצינוס האָט זיך נידעריק פאַרבייגט און געזאָגט:

— אַ גרוס דער געטלעכער ליגיען פון מאַרק וויניציוּשן, ער דערוואַרט זי דאָרט אויפן מאַלצייט ביי זיך אין הויז, וועלכעס איז פאַרפּוצט אין גרינס.

דעם מיידלס ליפּן זענען געוואָרן ווייס געוואָרן.

— כ׳גיי — האָט זי געזאָגט.

און האָט צום געזעגענען פאַרוואָרפן אירע הענט אַקטען אויפן האַלדז.

X

ייניציושס הויז איז טאַקע געווען פאַרפּוצט אין מירטן-גרינס און בלישטש, וועלכער איז געווען אָנגעהעקלט אָן די ווענט און אין די טירן. די זיילן זענען געווען אַרומגעדרייט מיט טרויבן-צווייגן. אין אַטריום, וווּ איבער דער עפענונג אינדערהייך איז, צוליב דער קעלט פון ביינאַכט, געווען פאַרצויגן אַ פורפּורנע חאַל-דעק, איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג, עס האָבן געבראַנט אַכט און צוועלף-פלאַמיקע שטורקאַצן, וועלכע האָבן געהאַט די פאָרם פון פאַרשידענע געפעסן,ביימער, חיות, פייגל, אָדער סטאַטועס, וועלכע האַלטן לאַמפּן אָנגעפילט מיט שמעקנדיקן בוימאייל, אויסגעהאַקטע פון אַלבאַסטער, מאַרמאָר, באַגילדטן קאַרינטער קופּער, נישט אַזעלכע וואונדערלעכע, ווי דער באַרימטער לייכטער, פון אַפּאָלינאַ-טעמפּל, וועלכער האָט געבראַנט ביי נעראָנען אין פּאַלאַץ, אָבער דאָך זייער שיינע, געהאַקט דורך באַרימטע קינסטלער. טייל פון זיי זענען געווען איבערגעדעקט מיט אַלעקסאַנדריש-גלאָז, אָדער מיט דורכזיכטיקן אינדוס-געוועב, פון רויטע,

לאַזור־בלויע, געלע און פּיאָלעט־קאָלירן, אַזוי, אַז דער אַטריום איז פול געווען מיט פאַרשידנפאַרביקע בונטע שטראַלן. אומעטום האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון נרד, צו וועלכן וויניציוש האָט זיך צוגעוויינט און ליב באַקומען ווען ער איז געווען אויפן מזרח. אין הינטערגרונט פון הויז, וו עס האָבן זיך באַוועגט מענער־און פרויען־געשטאַלטן פון שקלאַפן, איז אויך געווען אַ העלע ליכטיקייט. אין טריקליניום איז דער טיש געווען געדעקט פאַר פיר פּערזאָן, דען אויסער וויניציושן און ליגיען האָבן צום מאָלצייט אויך געזאָלט קומען פּעטראָניוס און כריזאָטעמיס.

וויניציוש איז אין אַלעם נאָכגעגאַנגען פּעטראָניוסעס רייד, וועלכער האָט אים נישט געעצהט אַליין צו גיין נאָך ליגיען, נאָר צושיקן אַטאַציבען מיט אַ דערלויבעניש פונם צעזאַר און אַליין זאָל ער זי אויפנעמען ביי זיך העפלעך און אפילו מיט אַ געוויסן כבוד.

— נעכטן — האָט ער אים געזאָגט — ביכטו געווען שיכור. איך האָב דיך געזען: ביסט זיך מיט איר באַגאַנגען ווי אַ שטיינער־קלאַפּער פון די אַלבאַנער בערג. פאַל איר נישט צופיל צו לאַסט און געדענק, אַז גוטן וויין דאַרף מען געלאַסן טרינקען, און וויסן זאָלסטו, אַז זיס איז צו באַגערן, אָבער זיסער איז צו זיין באַגערט.

כריזאָטעמיס האָט וועגן דעם געהאַט איר אייגענע, עטוואָס אַנדערע מיינונג, נאָר פּעטראָניוס האָט איר גענומען דערקלערן, אַנרופנדיק זי דערביי וועסטאַלקע און טייבעלע, דעם חילוק צווישן אַ געניטן צירק־פאָרער און אַ יונגל, וועלכער זעצט זיך ס׳ערשטע מאָל אויף אַ קוואַדריגע. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו וויניציושן און אים געזאָגט:

— געווין פאַר דיר איר צוטרויען, מאַך זי פריילעך, זיי מיט איר גרויסמוטיק. כ׳וואָלט נישט געוואָלט זיין אויף אַן אומעטיקן מאָלצייט. שווער איר אפילו צו ביי האַדעס, אַז דו וועסט זי אומקערן צו פּאָמפּאָניען; און דיין זאַך וועט עס שוין זיין, אַז זי וועט אויף צומאָרגנס נישט וועלן אַוועקגיין, נאָר בלייבן.

דערנאָך האָט ער, אַנווייזנדיק אויף כריזאָסטעמיס, צוגע־
געבן.

— שוין פינף יאָר באַגיי איך זיך אזוי נאָך מיט אָט דער
לייכטזיניקער טירקל־טויב און איך קען זיך נישט באַקלאָגן אויף
איר שלעכטער באַציונג...

כריזאָסטעמיס האָט אים דערויף אַ קלאַפּ געטון מיט איר בע־
כער פון פאַווע־פעדערן און געזאָגט:

— כ'האָב זיך דען נישט קעגנגעשטעלט, סאַטיר!
— נאָר צוליב מיין פאַרגעגנער...
— ביסטו דען נישט געלעגן ביי מיינע פיס?
— נאָר אום אָנצוטון רינגלעך אויף זייערע פינגער.

כריזאָסטעמיס האָט נישט ווילנדיק אַקוק געטון אויף די פינ־
גער פון אירע פיס, אויף וועלכע עס האָט ווירקלעך געגלאַנצט צי־
רונג און ביידע האָבן זיך צעלאַכט, אָבער וויניציוש האָט נישט
אויסגעהערט זייער האַמפּערן זיך. ס'האַרץ זיינס האָט אומרויק גע־
קלאַפּט אונטער דעם זעלטענעם העמדל פון אַ סירישן כהן, וועל־
כעס ער האָט אָנגעצויגן צו ליגיעס אָנקום.

— זיי דאַרפן שוין איצט אַרויס פון פּאַלאַץ — האָט ער
געזאָגט, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט

— זיי דאַרפן שוין — האָט אים פּעטראָניוס נאָכגעזאָגט. —
אפשר זאָל איך דיר דערווייל דערציילן וועגן די נביאות פון
אַפּאָלאָניוס פון טיאַן, אָדער יענע געשיכטע וועגן רופינוס, וועלכע
כ'האָב דיר, כ'געדענק נישט צוליב וואָס, נישט פאַרענדיקט?

וויניציוש אָבער האָט איצט אַפּאָלאָניוס פון טיאַן אזוי ווי־
ניק אינטערעסירט, ווי די געשיכטע וועגן רופינוס, זיינע געדאַנקען
זענען איצט געווען ביי ליגיען און כאָטש ער האָט גוט געפילט,
אז עס איז פיל שענער זי אויפצונעמען אינדערהיים, ווי צו גיין
אין דער ראָל פון אַ רויבער אין פּאַלאַץ אַריין, פונדעסטוועגן האָט
ער מינוטנווייז באַדויערט, וואָס ער איז נישט אַליין געגאַנגען,
שוין צוליב דעם, וואָס ער וואָלט זי געקענט פריער זען און זיצן לעבן
איר אין דער פינסטער אין דער טאָפּלטער לעקטיקע.

דערווייל האָבן די שקלאַפן אַריינגעטראָגן דרייפיסיקע, מיט

ווידערן־קעפ באַפּוצטע בראָנז־שיסלען מיט קוילן, אויף וועלכע זיי האָבן גענומען שיטן קליינע ביסלעך מור און נרד.

— זיי דרייען זיך שוין אַרונטער אויף קאַריבען־פּלאַץ. — האָט וויניציוש ווידער געזאָגט.

— ער וועט נישט אויסהאַלטן, ער וועט נאָך אַרויסלויפן אַנט־קעגן און וועט זיך נאָך מיט זיי אויסמיידן — האָט כריזאָטעמיס אויסגערופן.

וויניציוש האָט באַריש אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ניין, כ'וועל אויסהאַלטן.

אָבער ער האָט אָנגעהויבן אַזוי באַוועגן מיט דער נאָז און שווער צו סאָפּען, אַז פּעטראָניוס האָט, קוקנדיק אויף אים, געהויבן מיט די אַקסלען.

— עס איז אין אים נישטאָ פאַר קיין איין סעסטעריץ פי־לאָזאָף — האָט ער געזאָגט — און כ'וועל שוין קיינמאָל פון דעם דאָזיקן מאַרס־זון נישט מאַכן קיין מענטש.

וויניציוש האָט אפילו נישט געהערט.

— זיי זענען שוין אויף קאַריבען! ...

דערווייל האָבן יענע דאָרט שוין ווירקלעך אַרונטערגעדרייט אויף קאַריבען. די שקלאַפן, וועלכע ווערן גערופן „לאַמפּאַדאַרי", זענען געגאַנגען פאָרויס, אַנדערע, גערופענע „פּעדיסעקי", זענען געגאַנגען פון ביידע זייטן לעקטיקע און אַטאַצינוס האָרט לעבן ליג־יען, וואַכנדיק איבער דער גאַנצער פּראָצעסיע.

אָבער זיי זענען גאַנץ געלאַסן געגאַנגען פאָרויס. ווייל די לאַמטערן אין דער פינסטערער שטאָט האָבן שוואַך באַלויכטן דעם וועג. אויסערדעם זענען נאָך די גאַסן נאָנט פון פּאַלאַץ געווען פוסט, אויף וועלכע עס האָט ווו נישט ווו דורכגעשלייכט אַ מענטש מיט אַ לאַמטערן, ווייטער אָבער זענען די גאַסן געווען אויסער־געוויינטלעך באַלעבט. כמעט פון יעדן געסעלע זענען אַרויסגעקו־מען מענטשן, צו דריי, צו פיר, אַלע אָן ליכט, אַלע אין טונקעלע מאַנטלען. טייל זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט די פּראָצעסיע, אויסמישנדיק זיך מיט די שקלאַפן, אַ טייל זענען אין גרעסטע גרו־פּעס אַנטקעגן געקומען, אַנדערע ווידער האָבן זיך געוואַקלט, ווי

שיכורים. אָפּט איז די פּראָצעסיע אַזוי געשטערט געוואָרן, אַז די „לאַמפּאַדאַרי" האָבן גענומען רופן:

— מאַכט פּלאַץ פאַר דעם גרויסמוטיק' טריבון, מאַרק ווי־ניציוש.

ליגיע האָט דורך די פונאַנדערגערוקטע פאָרהענגלעך געזען די טונקעלע מאַסן מענטשן און זי האָט אָנגעהויבן ציטערן אינגאַנצן פון אויפרעגונג. עס האָט זיך אין איר געביטן, אי האָפנונג, אי שרעק. — „דאָס איז ער! אורסוס און די קריסטן! עס וועט באַלד געשען". — האָט זי מיט ציטערנדיקע ליפּן געפּליסטערט. — „אָ קריסטוס, העלף! אָ קריסטוס, ראַטונג!"

אָבער אויך אַטאַציִנוס, וועלכער האָט פריִער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער אומגעוויינטלעכער באַלעבאַטקייט אין די גאַסן, איז סוף כל סוף געוואָרן אומרויִק. עס איז עפּעס געווען אומגעוויינטלעך. די „לאַמפּאַדאַרי" האָבן אַלץ אָפטער געמוזט רופן: „פּלאַץ פאַר דער לעקטיקע פונם גרויסמוטיקן טריבון"! פון די זייטן האָבן זיך אומבאַקאַנטע אַזוי געשטויסן אַרום דער לעקטיקע, אַז אַטאַציִנוס האָט געמוזט הייסן די שקלאַפן זיי אָפּטרייבן מיט שטעקנס.

פּלוצלינג האָבן זיך פון פאָרנט פאַר דער לעקטיקע דערהערט געשרייען, אין איין סעקונדע זענען אַלע פייערן פאַרלאָשן געוואָרן. אַרום דער לעקטיקע איז געוואָרן אַ געדראַנג, אַ טומל און אַ געשלעג.

אַטאַציִנוס האָט פאַרשטאַנען:

אַן אָנפאַל!

ער האָט אויפגעציטערט. עס איז אַלעמען באַקאַנט געווען, אַז דער צעזאַר אין באַגלייטונג פון אויגוסטיאַנער לאָזט זיך אָפט אַרויס, כדי צו ווילן זיך אין סובור און אין אַנדערע שטאָט־טיילן אויף געשלעגן. אַלע האָבן אויך געוווּסט, אַז ער פלעגט טייל־מאָל אַהיימקומען פון אַזעלכע נאַכט־געשלעגן מיט ביילן און וווּנדן, אָבער ווער עס האָט זיך געווערט, פאַר דעם איז גרייט געווען אַ זיכערער טויט, האָט ער אפילו געזאָלט זיין אַ סענאַטאָר. דאָס וויגילען־הויז, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו היטן די אָרדנונג אין שטאָט, איז געווען נישט ווייט, אָבער די וואַך האָט זיך

אין אזעלכע פאלן געמאכט טויב און בלינד. דערווייל אבער האט דא א־ום דער לעקטיקע געקיכט: מענטשן האבן זיך געראנגלט, געשלאגן, אומגעווארפן, געטרעטן. אטאצינוס האט א בליק געטון א געדאנק, אז קודם כל דארף מען רעטן זיך און ליגיען און דאס איבעריקע לאזן ווי עס איז. און טאקע גלייך, ארויסצוצע־דיק זי פון דער לעקטיקע, האט ער זי געכאפט אויף די הענט און געפרווט אנטלויפן אין דער פינסטער.

ליגיע אבער האט גענומען רופן:

— אורסוס! אורסוס!

זי איז געווען אין ווייסן, עס איז זי דעריבער לייכט געווען צו דערזען. אטאצינוס האט שוין גענומען מיט דער צווייטער פרייער האנט זייגער פארווארפן אויף איר האסטיק זיין מאנטל ווי פלוצלינג האט א מוראדיקע צוואנג אנגעכאפט זיין קארק און, א צעשמעטערנדיק ריזיקע מאסע איז אראפגעפאלן, ווי א שטיין אויף זיין קאפ.

און אין איין מינוט איז ער געלעגן, ווי אן אקס, וועל־כער האט באקומען מיט א האק איבערן קאפ פאר יופיטערס מזבח.

די שקלאפן זענען כמעט אלע געלעגן אויף דער ערד, אדער זענען זיך צעלאפן, צעקלאפנדיק זיך אין דער געדיכטער פינסטערניש אן די מויער־קאנטן. אויפן ארט איז געבליבן די לעקטיקע, וועלכע איז צעבראכן געווארן אין דער בהלה.

אורסוס האט ליגיען געטראגן אין דער ריכטונג צו סובור און נאך אים אלע איבריקע מיטהעלפער זיינע, וועלכע זענען זיך ביסלעכווייז איבערן וועג פונאנדערגעגאנגען.

גלייך דערנאך האבן זיך די שקלאפן אנגעהויבן זאמלען פאר וויניציוסעס הויז אום זיך אן עצה צו האלטן. זיי האבן זיך נישט דערוועגט אריינצוגיין. נאך א קורצן ישוב־הדעת זענען זיי צוריק אויף דעם ארט פון דער געשעעניש, וו זיי האבן געפונען עטלעכע טויטע און צווישן זיי אטאצינוסעס קערפער. ער האט נאך עטוואס געלעבט, אבער נאך איין שטארקן צען, קאנוולסיון ציטער האט ער זיך אויסגעצויגן און איז פארשטארט געבליבן.

דאן האבן זיי אים צוגענומען און אומקערנדיק זיך, האבן

זיי זיך ווידער אָפּגעשטעלט פאַרן טויער. כ'איז נויטיק געווען צו מעלדן דעם האַר וועגן דעם געשעענעם.

— זאָל גולאַ מעלדן — האָבן עטלעכע שטימען געשעפּ־טשעט צווישן זיך. — אים רינט אויך דאָס בלוט פונעם געזיכט, אַזוי ווי אונדז, און דער האַר האָט אים ליב, גולאַ איז זיכערער פאַר אַנדערע.

און דער גערמאַנער גולאַ, אַן אַלטער שקלאַף, וועלכן וויניציוש האָט באַקומען בירושה פון זיין מוטער, פּעטראָניוסעס שוועסטער, און וועלכער האָט וויניציושן אויף זיינע הענט אויס־געהאָדעוועט, האָט געענטפערט:

— איך וועל מעלדן, אָבער זאָלן מיר אַלע אַריינגיין. זאָל זיין כּעס נישט פאַלן בלויז אויף מיר.

וויניציוש אָבער איז שוין שרעקלעך אומגעדולדיק געוואָרן. פּעטראָניוס און כריזאָטעמיס האָבן געלאַכט פון אים, אָבער ער האָט מיט שנעלע טריט געשפּרייזט איבערן צימער רעדנדיק בסדר:

— זיי דאַרפן שוין זיין!... זיי דאַרפן שוין זיין!...

און ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן, אָבער זיי ביידע האָבן אים איינגעהאַלטן.

באַלד אָבער האָבן זיך אין פּאָדערהויז דערהערט טריט און אין אַטריום זענען מחנותווייז אַריינגעפאַלן די שקלאַפן, און אויסשטעלנדיק זיך שנעל ביי דער וואַנט האָבן זיי אויפ־געהויבן די הענט איבערהייך און האָבן גענומען יאָמערן:

— אַ אַ אַ אַ!... אַ אַ!

וויניציוש איז צוגעשפּרונגען צו זיי:

— ווו איז ליגיע? — האָט ער מיט אַ מוראדיק געענדער־טער שטים אויסגעשריגן.

— אַ אַ אַ אַ!!!...

אינדעם האָט זיך גולאַ אַרויסגערוקט פאַרויס מיט זיין פאַרבלוטיקט געזיכט גיך און יעמערלעך רופנדיק:

— אָט איז בלוט, האַר! מיר האָבן זיך קעגנגעשטעלט! אָט איז בלוט, האַר! אָט איז בלוט!..

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן, דען וויניציוש האָט געכאַפּט א בראָנז-לייכטער און מיט איין זעץ האָט ער דעם שלאָף צעשמעטערט דעם שאַרבן. דערנאָך האָט ער, כאַפּנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, איינגעגראָבן זיינע פינגער אין די האָר, ברומענדיק הייזעריק:

— מע מיזערום! מע מיזערום!...

זיין געזיכט איז בלוי געוואָרן, די אַפּלען זענען אים אַרויסטער אונטערן שטערן, א שוים איז אים אויפן מויל אַרויסגעטרעטן.

— שמיך!!! — האָט ער ענדלעך מיט אן אוממענטשלעכער שטים אַרויסגעברומט.

— האַר! אַ אַ אַ אַ!... דערבאַרמונג! — האָבן די שקלאַפן געיאָמערט.

פּעטראָניוס האָט זיך דערווייל אויפגעשטעלט פון טיש מיט אן אויסדרוק פון מיאוסקייט אויפן געזיכט.

— קום, כריזאָטעמיס! — האָט ער געזאָגט — אויב עס ווילט זיך דיר קוקן אויף פלייש, וועל איך דיך פירן אין א יאַטקע אויף קאַרינען-פּלאַץ

און ער איז אַרויס פון אַטריום. אין גאַנצן הויז אָבער, וועלכעס איז געווען פאַרפּוצט מיט בלישטש און גראַנס און גרייט צו דער פאַרוויילונג, האָט זיך אין א מינוט אַרום געטראָגן א געיאמערי און א געפּייפערי פון בייטשן, וועלכעס האָט געדויערט ביז פאַרטאָג.

סוף פון דער ערשטער טייל

העניריק שענקעוויטש

קוואָ וואַדיס

(QUO VADIS)

יודיש: יצחק דייטשער

פ א ר ל א ג ב ז ש א ז א

ח א ר ש ע 1 9 2 8

Printed in Poland

„QUO VADIS" Sienkiewicza.
Wydawnictwo Brzoza, Warszawa 1928.
Druk. Lewin-Epstein, Warszawa, Pawia 38.

צווייטע טייל

XI

די נאַכט האָט זיך חיניציוש נישט געלייגט שלאָפן. אַ צייט נאָך
פּעטראָניוסעס אַוועקגיין, ווען די קרעכצן פון די געשמיסענע
שקלאַפן האָבן נישט געשטילט נישט זיין ווייטיק, נישט זיין צאָרן,
האָט ער צונויפגענומען אַ גרופּע אַנדערע שקלאַפן, און צוזאַמען
מיט זיי האָט ער זיך שפּעט אינדערנאַכט אַרויסגעלאָזט זוכן ליגיען.
ער האָט באַזוכט דעם עסקווילינער קוואַרטאַל, דערנאָך סובור, וויי-
קוס סצעלעראַטוס און אַלע דערבייִקע געסלעך. דערנאָך, אַרומ-
גייענדיק דעם קאַפּיטאָל, האָט ער זיך דורך פאַבריציוס-בּרוק אַרויפ-
באַקומען אויף דער אינדזל, דערנאָך איז ער דורכגעלאָפן די טייל
שטאָט פון יענער זייט טיבער. דאָס איז אָבער געווען אַ יאָגן
זיך אָן אַ ציל, וואָרים ער האָט אַליין נישט געריכט זיך ליגיען צו
געפינען און אַרומגעזוכט האָט ער זי באָר צוליב דעם, כדי צו פאַר-
געסן זיך מיט עפּעס אין דערדאָזיקער שרעקלעכער נאַכט. ער איז
צוריק אַהיימגעקומען ערשט פאַרטאָג, ווען אין שטאָט האָבן זיך שוין
אָנגעהויבן באַווייזן די וועגעלעך און די אייזלען פון די גרינוואַרג-

הענדלער און חפן די בעקסער האָבן שוין געפּעפּט זייערע קראָמען. צוריקקומענדיק, האָט ער געהייסן אַז עקרוימען גולאָס קערפּער, וועלכן קיינער האָט זיך ביז איצט נישט דערוועגט צו רירן, דערנאָך האָט ער די שקלאַפן, ביי וועלכע מ׳האָט ליגיען אָפּגעשלאָגן, געהייסן פּאַרשיקן אין די דאָרפישע „ערגאַסטולן“, וועלכעס האָט זיך גערעכנט פאַר נאָך אַ שרעקלעכערער שטראָף, ווי דער טויט, און ענדלעך, וואַרפנדיק זיך אויף דער ווייכגעבעטער באַנק אין אַטריום, האָט ער כאַאָטיש געגומען טראַכטן, ווי אַזוי צו געפינען און צוריקבאַקומען ליגיען.

אָפּזאָגן זיך פון איר, פאַרלירן זי, נישט זען שוין זי מער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי אַן אומזין, און ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם איז ער שיִער נישט פון זינען אַראָפּ. די דעספּאָטישע נאַטור פון דעם יונגן קריגער האָט זיך איצט, ס׳ערשטע מאָל אין לעבן, אָנגעשטויסן אָן אַ ווידערשטאַנד, אָן אַ צווייטן פעסטן חילן, און ער האָט פּשוט נישט געקענט תופס זיין, ווי אַזוי דאָס קען מעגלעך זיין, אַז עס זאָל זיך ווער קעגנשטעלן זיין באַגער. ער וואָלט גלייכער געוואָלט זען די גאַנצע שטאָט, די וועלט אין חורבות, איידער ער זאָל נישט דעגרייכן דאָס, וואָס ער וויל. מ׳האָט אים דעם בעכער פון גליק צוגענומען כמעט פון אונטערן מויל, און אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז עס איז דערמיט געשען אַזאַ אומדערהערטע זאַך, וועלכעס רופט אין נאָמען פון אַלע געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן נאָך נקמה.

ער האָט אָבער איצט בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך דעם גורל, וואָרים ער האָט נאָך קיינמאָל קיין שום זאַך נישט אַזוי שטאַרק באַגערט, ווי ליגיען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט קענען לעבן אָן איר. ער האָט אַליין זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס ער וועט באַלד מאָרגן טון אָן איר, ווי אַזוי ער וועט איצט ווייטער לעבן. טיילמאָל האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַזאַ כּעס צו איר, וועלכער האָט אים שיִער נישט פון זינען אַראָפּגעבערענגט. ער וואָלט זי געוואָלט האָבן, כּדי זי צו שלאָגן, שלעפּן זי פאַר די האָר אין די קוביקולן און פייניקן זי, און טיילמאָל האָט ער גאָר דערפילט אַן אומגעהייערע בענקשאַפט

נאָך איר קול, נאָך אירע אויגן, נאָך איר געשטאַלט און ער האָט געפילט, אַז ער איז גרייט צו ליגן ביי אירע פיס. ער האָט גע־רופן צו איר, ער האָט געביסן די פינגער, ער האָט מיט די הענט זיך אַרומגענומען ביים קאָפּ, ער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן באַקומען זי, און האָט נישט געקענט. טויזנטער מיטלען און פּלענער זענען אים אַדורך דורכן קאָפּ, אָבער אייגער אומזיניקער פאַרן צווייטן. ענדלעך האָט אים אַ בליק געטון אַ גע־דאַנק, אַז קיינער האָט זי אים נישט אָפּגעשלאָגן, נאָר אוילוס, און אַז אין ערגסטן פאַל ווייסט אוילוס געוויס, ווו זי געפינט זיך.

און ער האָט זיך אַ הייב געטון אום צו לויפן צו אוילוסן אין הויז. אויב זיי וועלן זי אים נישט אָפּגעבן, אויב זיי וועלן זיך נישט שרעקן פאַר זיין אָפּשרעקן זיי, וועט ער גיין צום צע־זאַר, ער וועט באַשולדיקן דעם קריגער אין אומגעהאָרכזאַמקייט און וועט פון צעזאַר אַרויסבאַקומען אויף זיי אַ טויט־פּסק, אָבער פריער וועט ער פון זיי אַרויסבאַקומען, ווו ליגיע איז. און אויב אפילו זיי וועלן זי אים אָפּגעבן מיט גוטן, וועט ער זיך אויך נוקם זיין אָן זיי. אמת, זיי האָבן אים פריינטלעך אויפגענומען אין זייער הויז און אים געהיילט, אָבער דאָס איז גאָרנישט ווערט; מיט דער אייגער עוולה האָבן זיי אים באַפרייט פון יעדער דאַנק־באַרקייט. און זיין נקמה־דורשטיקע, פאַרביסענע נשמה האָט איצט געקוויקט זיך מיט דער פאָרשטעלונג וועגן פאָמפּאָניע גרעצינינעס יאוש, ווען דער צענטוריאָן וועט דעם אַלטן אוילוסן ברענגען אַ טויט־פּסק. און ער איז טאַקע זיכער געווען, אַז ער וועט עס באַ־קומען. פּעטראָניוס וועט אים דערין העלפן. איבעריקנס, דער צע־זאַר אַליין זאָגט קיינמאָל אין גאָרנישט אָפּ זיינע פריינט, די איגוסטיאַנער, סיידן צוליב עפּעס אַ פּערזענלעכן ווידערווילן אָדער תאווה.

און פּלוצלינג איז אין אים דאָס האַרץ שיִער נישט אָפּגע־שטאָרבן פון איין שרעקלעכן געדאַנק:

— און אפשר האָט דאָס טאַקע דער צעזאַר אָפּגעשלאָגן ליגיען?

אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער צעזאַר זוכט אָפּט, אויס לאַנג־

חיל, פאַרגעניגנס אין די נאַכט-געשלעגן. אפילו פּעטראָניוס פלעגט
אַנטייל נעמען אין דידאָזיקע פאַרווייַלונגען. דער הויפּט-ציל זיי-
ערער איז טאַקע נאָר באַשטאַנען אין כאַפּן פרויען און וואַרפן זי
אזוי לאַנג אויף אַ זעלבערישן מאַנטל, ביז זיי פלעגן פאַרחלשט
בלייבן. דער צעזאַר פלעגט אָבער טייל אַזעלכע אויספלוגן אָנרופן
„פּערל-פאַנג", וואָרים טיילמאָל פלעגן זיי אין די פאַרוואָרפענע
קוואַרטאַלן, וועלכע זענען באַוווינט מיט אַ געדיכטער אָרימער באַ-
פעלקערונג פאַנגען אַן אמתע פּערל פון יונגט און רייץ. דאַן איז
די "סאַגאַטיאַ", ווי מ'פלעגט רופן דאָס וואַרפן די פרוי אין זעל-
בערישן מאַנטל, פאַרביטן געוואָרן אין אַן עכטן רויב-אָנפאַל און
די „פּערל" איז אָפּגעשיקט געוואָרן אָדער אין פּאַלאַטין, אָדער
אין איינעם פונם צעזאַרס אומצייליקע ווילעס, אָדער דער צעזאַ-
פלעגט זי גאָר אָפּטרעטן איינעם פון זיינע פריינט. דאָס איז אויך
געשען מיט ליגיען. דער צעזאַר האָט זי באַטראַכט בשעת דער
סעודה, און וויניציוש איז זיכער געווען, אַז זי איז אין זיינע אויגן
געווען די שענסטע פון אַלע פרויען, וועלכע ער האָט ווען עס
איז געזען. ווי קען עס דען אַנדערש זיין! אמת, אַז נעראָן האָט
זי געהאַט ביי זיך אין פּאַלאַטין און ער האָט זי געקענט גאַנץ
אָפן נעמען פאַר זיך. אָבער דער צעזאַר האָט, ווי פּעטראָניוס האָט
ריכטיק געזאָגט, נישט געהאַט קיין דרייסטקייט אין זיינע פאַר-
ברעכנס און, קענענדיק טון אַלץ אָפן, האָט ער תמיד ליבער געהאַט צו
טון בסוד. אין איצטיקן פאַל האָט ער נאָך אפשר געמוזט אזוי האַנד-
לען צוליב פּאָפּעאַן.

וויניציוש האָט זיך ערשט באַטראַכט, אַז אוילוס וואָלט זיך
נישט דערוועגט מיט געוואַלד צורויבן דאָס מיידל, וועלכעס דער
צעזאַר האָט אים געשענקט. און ווער וואָלט דאָס דען געהאַט די
העזה? און אפשר גאָר יענער ריזיקער ליגיער מיט די בלויע
אויגן, וועלכער האָט זיך דאָך דאַמאָלס דערוועגט אַריינצוגיין אין
טריקליניום און אַרויסטראָגן זי אויף די הענט פון דאָרט? אָבער
וווּ וואָלט ער זיך מיט איר באַהאַלטן, וווּהין וואָלט ער זי געקענט
אַוועקפירן? ניין! אַ שקלאַף קען אַזעלכעס נישט באַוויזן. הייסט
עס, קיינער האָט דאָס נישט געטון, נאָר דער צעזאַר.

ביי דעם געדאַנק איז וויניציושן פינסטער געוואָרן אין די
אויגן און טראָפּנס שווייס זענען אַרויסגעטרעטן אויפן שטערן.
אויב אַזוי, איז ליגיע פאַר אים אויף אייביק פאַרלוירן. פון אומע־
טום וואָלט ער זי געקענט אַרויסרייסן, נאָר נישט פון דאָרט.
איצט האָט ער שוין מיט מער רעכט געקענט זיך זאָגן: „פאַע מי־
סעראַ מיהי״!

אין דער פאַנטאַזיע האָט ער געזען ליגיען אין צעזאַרס אָרעמס
און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער דערפילט, אַז עס זענען
פאַרהאַן געדאַנקען, וועלכע דער מענטש קען פשוט נישט איבער־
האַלטן. איצט ערשט האָט ער זיך דערוווּסט, ווי ליב ער האָט זי,
פונקט ווי אַ טרונקענדיקן פליט דורך, ווי אַ בליץ דורכן קאָפּ זיין
גאַנץ פריערדיק לעבן, אַזוי איז אים ליגיע איצט דורך אין זכרון. ער
האָט זי געזען, ער האָט געהערט יעדעס וואָרט אירס. ער האָט זי
געזען ביים פאַנטאַן, ביי אוילוסן און אויף דעם פעסטמאָל אין
פאַלאַטין. ער האָט זי ווידער געפילט נאָענט לעבן זיך, געפילט
דעם ריח פון אירע האָר, די וואַרעמקייט פון איר קערפער, די
פאַרשיכורונג פון די קושן, מיט וועלכע ער האָט אויף דער סעודה
געפרעסט אירע אומשולדיקע ליפּלעך. זי האָט זיך אים איצט
אויסגעוויזן הונדערטער מאָל שענער, גלוסטיקער, זיסער, הונדערטער
מאָל מער די איינציקע אויסדערוויילטע פון צווישן אַלע שטערב־
לעכע און פון צווישן אַלע געטער, ווי ווען עס איז. און אַ טראַ־
טוענדיק, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז ביי אים אַזוי טיף אין האַרץ,
וואָס איז געוואָרן זיין בלוט און לעבן, וועט אפשר דער צעזאַר
באַזיצן, האָט אים אַרומגענומען אַזאַ שרעקלעכע, פשוט פיזישע
ווייטיק, אַז אים האָט זיך פאַרוואָלט אַזוי קלאַפּן דעם קאָפּ אָן
די ווענט פון אַטריום ביז ער וועט אים צעשמעטערן. ער האָט
געפילט, אַז ער קען משוגע ווערן און אַז ער וואָלט משוגע גע־
וואָרן, ווען נישט דאָס געפיל פון נקמה, וועלכעס איז אים נאָך
געבליבן. און אַזוי ווי עס האָט זיך אים פריער געדוכט, אַז ער
וועט נישט קענען לעבן, אויב ער וועט ליגיען נישט צוריק־
באַקומען, אַזוי האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער וועט נישט קענען
שטאַרבן, אויב ער וועט זיך נישט נוקם זיין. נאָר דער געדאַנק

האָט אים עטוואָס פאַרלייכטערונג געבראַכט. „איך וועל זיין דייך קאַסיוס כערייי"! — האָט ער זיך געזאָגט, טראַכטנדיק וועגן בעראַ־גען. און באַלד האָט ער, כאַפנדיק אין די הענט אַריין ערד פון די בלומען־וואַזעס, וועלכע ריגגלען אַרום דאָס אימפּלוויום, געגעבן אַ שרעקלעכע שבועה ערעבן, העקאַטן און זייגע אייגענע הויז־לאַרן, אַז ער וועט אומבאַדינגט נקמה נעמען.

עס איז אים חירקלעך גרינגער געוואָרן. ער האָט כאָטש געהאַט איצט באַכוואַס צו לעבן, מיט וואָס אויסצופילן זייגע טעג און זייגע נעכט. און פאַרוואַרפנדיק דעם פלאַן וועגן גיין צו אוילוסן, האָט ער באַפוילן זיך אַוועקטראָגן אין פּאַלאַטין.

איבערן וועג האָט ער געטראַכט, אַז אויב מען וועט אים נישט צולאָזן צום צעזאַר, אָדער מען וועט אים וועלן באַזוכן, צי ער האָט נישט ביי זיך קיין וואָפן, וועט עס זיין אַ סימן, אַז דער צעזאַר האָט דאָס געריבט ליגיען. קיין וואָפן האָט ער פונדעסטוועגן נישט גענומען מיט זיך. ער האָט איבערהויפּט פאַרלוירן די קלאָרע גע־דאַנקען. אָבער ווי אַלע מענטשן, וועלכע זענען איגגאַנצן פאַר־שלונגען פון איין געדאַנק, האָט ער נאָך ס'באַוווסטזיין געהאַט בנוגע זיין נקמה־פלאַן. ער האָט נישט געוואָלט עס זאָל צו פרי צו־נישט ווערן. אויסערדעם האָט ער פריער געוואָלט זיך זען מיט אַקטען, דען ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט אפשר זיך דערוויסן פון איר דעם אמת. טיילמאָל האָט אין אים אויפגעבליצט אַ האָפ־נונג, אַז ער וועט אפשר אויך דערזען ליגיען און ביי דעם געדאַנק האָט ער אָנגעהויבן ציטערן. און אפשר האָט זי דער צעזאַר גע־כאַפּט, נישט וויסנדיק וועמען ער כאַפּט און ער וועט זי אים נאָך היינט אומקערן? אָבער ער האָט גלייך דידאַזיקע מעגלעכקייט אָפּגעוואָרפן. ווען מ'וואָלט זי אים געוואָלט אָפּשיקן, וואָלט מען זי אים נאָך נעכטן אָפּגעשיקט. אַקטע נאָר קען אים אַלץ דערקלערן און זי מוז ער, פריער פאַר אַלץ, זען.

דאָס באַשליסנדיק האָט ער געהייסן די שקלאַפן צוּאייַלן זיך און ער האָט דערווייל צעשטרייטערהייט געטראַכט אָט וועגן ליגיען און אָט וועגן נקמה. ער האָט אַמאָל געהערט, אַז די גייסט־לעכע פון דער עגיפּטישער געטין „פאַכט" קענען אָנשיקן קרענק

אויף וועמען זיי ווילן, און עו האט באשלאָסן צו דערוויסן זיך פון זיי, ווי אַזוי מען טוט דאָס. אין די מזרח-לענדער האָט מען אים אויך געזאָגט, אַז די יידן האָבן עפּעס אַזאַ שפּרוך דורך וועלכן זיי באַדעקן די קערפּער פון די שונאים מיט מכות. צווישן זיינע שקלאַפן האָט ער געהאַט עטלעכע יידן, ער האָט אַלזאָ באַשטימט, אַז אַהיימקומענדיק וועט ער זיי הייסן שמייסן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אים דעם סוד אויסזאָגן. דעם גרעסטן תענוג אָבער האָט ער געהאַט טראַכטנדיק וועגן דעם קורצן רוימישן וואָפן, וועלכעס מאַכט פליסן אַזעלכע שטראָמען בלוט, ווי עס האָט זיך געגאָסן פון קאַיוס קאַליגולען, פון וועלכן עס איז נאָך ביז היינט דאָ בלוט-פלעקן אויף די זיילן פון פּאָרטיק. ער איז גרייט געווען אויסצו-מאָרדן גאַנץ רוים; און ווען וועלכע שלעכטע געטער וואָלטן אים איצט צוגעזאָגט, אַז אַלע מענטשן, אויסער אים און ליגיען, וועלן אויסשטאַרבן, וואָלט ער דערויף באַשטאַנען.

פאַרן טויער-בויגן האָט ער צונויפגענומען זיינע אַלע געדאַנ-קען און זענענדיק די פּרעטאָריאַנער-וואַך, האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז אויב זיי וועלן אים די מינדסטע שוועריקייטן מאַכן ביים אַריינ-גיין, וועט עס זיין אַ סימן, אַז ליגיע געפינט זיך, מיטן צעזאַרס ווילן, אין פּאַלאַטין. דער הויפּט-צענטוריאָן האָט אָבער גאָר פריינט-לעך צו אים געשמייכלט און, צוגייענדיק עטלעכע טריט, האָט ער געזאָגט:

— זיי געגריסט, גרויסמוטיקער טריבון. אויב דו פאַרלאַנגסט צו באַגריסן דעם צעזאַר, ביסטו אין אַ שלעכטן מאָמענט גע-קומען און כ'ווייס נישט, צי דו וועסט אים קענען איצט זען.

— וואָס איז געשען? — האָט וויניציוש געפרעגט.

— די געטלעכע קליינע אויגוסטין איז פון נעכטן אָן קראַנק געוואָרן. דער צעזאַר און אויגוסטאַ פּאָפּעאַ זענען ביי איר מיט די רופאים, וועלכע מ'האָט אַרויסגערופן פון דער גאַנצער שטאָט.

דאָס איז געווען אַ זייער וויכטיק געשעעניש. ווען דאָס טעכ-טערל איז געבוירן געוואָרן איז דער צעזאַר שיער נישט משוגע געוואָרן פון גליק און ער האָט איר צוגענומען: „עקסטראַ הומאַנום גאַודיום". און נאָך פריער פאַר דעם האָט דער סענאַט פייערלעך

געווידמעט פּאַפּעאַס שוים פאַר די געטער. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ וואָטאַ און אין אַנציום, וווּ די געבורט איז פאָרגעקומען, איז איינגעאָרדנט געוואָרן פּרעכטיקע פאַרווײַלונגען; אויסערדעם האָט מען אויפגעבויט אַ טעמפּל פאַר ביידע פאָרטונאַס. נעראָן, וועלכער האָט אין קיין שום זאַך קיין מאָס און קיין טאַקט נישט געהאַט, האָט דאָס קינד אויך אָן אַ גרענעץ ליב געהאַט. פּאַפּעאַ האָט עס אויך ליב געהאַט שוין בלויז דערפאַר, וואָס דורך דעם האָט זיך איר שטעלונג באַפעסטיקט און איר איינפלוס פאַרשטאַרקט.

אָן געזונט און אָן לעבן פון דער קליינער אויגוסטין איז איצט אָפּהענגיק געווען דער גורל פון גאַנצן אימפּעריום. וויניציוש איז אָבער געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין זאַך, מיט זיין ליבע, אַז, נישט הערנדיק כמעט דעם צענטוריאָנס מעלדונג, האָט ער געזאָגט:

— איך וויל זיך נאָר זען מיט אַקטען.

און ער איז דורכגעגאַנגען.

אַקטע איז אָבער אויך פאַרנומען געווען ביים קינד: און ער האָט לאַנג געמוזט וואַרטן אויף איר. ערשט אַרום האַלבן טאָג איז זי געקומען מיט אַבלייך, אויסגעמאַטערט געזיכט, וועלכעס איז נאָך בלייכער געוואָרן זעענדיק וויניציושן.

— אַקטע! — האָט וויניציוש אויסגערופן, כאַפּנדיק זי פאַר די הענט און שלעפּנדיק זי ביז אינמיטן אַטריום — ווו איז ליגיע?

— איך האָב דאָס דיך געוואָלט וועגן דעם פרעגן? — האָט זי, קוקנדיק אים אין די אויגן מיט פאָרוואורף, געענטפערט.

און כאָטש ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט זי רויק אויספאָרשן, האָט ער איצט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיך ביים קאָפּ און האָט, מיט אַ צונויפגעצויגן געזיכט פון ווייטיק און כעס, אַלץ איבייינעם גערעדט:

— זי איז נישטאָ. מ'האָט זי מיר צוגערויבט אין וועג!

באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען און, צורוקנדיק זיין געזיכט צו אַקטעס, האָט ער, דורך צונויפגעדריקטע ציין, גענומען רעדן:

— אקטע... אויב ס'לעבן אין דיר ליב, אויב דו ווילסט נישט ברענגען צו קיין אומגליקן, וועלכע דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלן, זאג מיר דעם אמת: צי האט זי דער צעזאר צוגערויבט?

דער צעזאר איז נעכטן נישט ארויסגעקומען פון פאלאץ.

— ביים שאטן פון דיין מוטער, ביי אלע געטער! צי איז זי נישטא אין פאלאטין?

— ביים שאטן פון מיין מוטער, מארקוס — זי איז נישטא אין פאלאץ און נישט דער צעזאר האט זי אפגעשלאגן. פון נעכטן אן איז די קליינע אויגוסטין קראנק און נעראן טרעט נישט אפ פון וויגל.

וויניציוש האט פרייער אפגעאטעמט. דאס, וואס איז פאר אים געווען דאס שרעקלעכסטע, איז פארשוואונדן.

— אלזא — האט ער געזאגט, זעצנדיק זיך אויף א באנק און צוגריפנדיק די פויסטן — האבן זי די אילוסעס אפגעשלאגן, און אויב אזוי — ווי זיי!

— אילוס פלויציוס איז דא הייגט אינדערפרי געווען. ער האט זיך מיט מיר נישט געקענט זען, ווייל איך בין געווען פארנומען ביים קינד, אבער ער האט עפאפראדיטאן און אנדערע דינער פונם צעזאר אויסגעפרעגט וועגן ליגיען, און דערנאך האט ער זיי געזאגט, דאס ער וועט נאך הייגט דא קומען מיט מיר זיך זען.

— ער האט געוואלט פון זיך דעם חשד אראפנעמען. ווען ער וואלט ווירקלעך נישט געוווסט, וואס מיט ליגיען איז געשען, וואלט ער זי ס'ערשטע געקימען זוכן ביי מיר אין הויז.

— ער האט איבערגעלאזט אויפן טאוול עטלעכע ווערטער, פון וועלכע דו וועסט געוואויר ווערן, אז וויסנדיק, דאס דער צעזאר האט ליגיען צוגענומען פון זיין הויז, לויט דיין און פעטראניוסעס פארלאנג, האט ער זיך גערעכט, אז מ'האט זי דיר אפגעשיקט, און ער איז הייגט אינדערפרי געווען ביי דיר אין הויז, וווּ מ'האט אים ערשט דערציילט, וואס ס'איז געשען.

דאס זאגנדיק איז זי ארייין אין קוביקולום און אין א ווײלע

אַרום איז זי צוריקגעקומען מיטן טאָוול, וועלכן אוילוס האָט איר איבערגעלאָזט.

וויביציוש האָט איבערגעלייענט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אַקטע האָט, ווי זי וואָלט געלעזן זיינע געדאַנקען פון זיין פינסטער געזיכט, אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— ניין, מאַרקוס. ס'איז געשען דאָס, וואָס ליגיע אַליין האָט געוואָלט.

— דו האָסט געוווּסט, אַז זי וויל אַנטלויפן! — האָט וויביציוש זיך אַ ריס געטון.

זי אָבער האָט אויף אים כמעט בייז אַ קוק געטון מיט אירע פאַרגעפּלטע אויגן.

— כ'האָב געוווּסט, אַז זי וויל נישט ווערן דיין קעפּס-ווייב.

— און וואָס ביסטו דען דיין גאַנץ לעבן געווען?

— איך בין פריִער געווען אַ שקלאַפין.

אָבער וויביציוש האָט נישט אויפגעהערט צו כעסן זיך: דער צעזאַר האָט זי אים געשענקט און ער איז דעריבער נישט מחויב צו פרעגן, וואָס זי איז פריִער געווען. ער וועט זי אויפזוכן אַפילו פון אונטער דער ערד און ער וועט פון איר מאַכן אַלץ, וואָס עס וועט אים געפעלן. געוויס! זי וועט זיין אַ קעפּס-ווייב ביי אים. ער וועט זי הייסן שמייסן, וויפיל עס וועט זיך אים גלוסטן, און אַז זי וועט אים מ'אוס ווערן, וועט ער זי אָוועקגעבן דעם גי-דעריקסטן פון זיינע שקלאַפן, אָדער ער וועט זי שיקן דרעשען קערנער אין זיינע גיטער אין אַפריקאַ. ער וועט זי איצט זוכן און געפינען נאָר צוליב דעם, כדי זי צוצערייבן, צוצעטרעטן און צודערשלאָגן.

און, צוויפרעגנדיק זיך אַלץ מער און מער, האָט ער אַזוי ווייט פאַרלוירן יעדער מאָס, אַז אַקטע אפילו האָט איינגעזען דאָס ער רעדט מער, ווי ער וואָלט פעיִק געווען צו טון און אַז נאָר דער כעס און די ליידן רעדן פון אים. זי וואָלט אויף אים רחמנות געהאַט צוליב זיינע ליידן, נאָר זיין איבערגעטריבנקייט

האָט זי פון געדולד אַרויסגעבראָכן, אַזוי, אַז זי האָט אים אַ פרעג געטון, נאָך וואָס ער איז אייגנטלעך צו איר געקומען?

וויניציוש האָט גלייך נישט געהאַט קיין ענטפער. ער איז געקומען צו איר, ווייל ער האָט אַזוי געוואָלט, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט פון איר עפּעס געהויר ווערן. אָבער אייגנטלעך איז ער נאָר געקומען צום צעזאַר, און נישט קענענדיק זיך אויסזען מיט אים, איז ער דערווייל אַריין צו איר. אָנטלויפנדיק האָט ליגיע זיך קעגנגעשטעלט דעם צעזאַרס ווילן, ער וועט אַלזאָ בעטן דעם צעזאַר, ער זאָל זי הייסן זוכן איבער דער גאַנצער שטאָט און אין גאַנצן לאַנד, ווען מ׳זאָל אפילו דאַרפן צוליב דעם גאַנצן אַלע לעגיאָנען און אַדורכזוכן יעדעס הויז באַזונדער אין גאַנצן אימפּעריום. פּעטראָניוס וועט אים אונטערשטיצן אין זיין בקשה און דאָס זוכן וועט זיך נאָך היינט אָנהייבן.

אויף דעם האָט אים אַקטע געענטפערט:

— היט דיך, זאָלסט זי נישט אָנווערן אויף אייביק, גראָד דאַמאָלס, ווען מ׳וועט זי לויטן צעזאַרס באַפעל געפינען.

וויניציוש האָט צונויפגעצויגן די ברעמען:

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט ער געפרעגט.

— הער מיך אויס, מאַרקוס! נעכטן בין איך געווען מיט ליגיען דאָ אין די פּאַלאַץ-גערטנער און מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט פּאָפּעאַ און מיט דער קליינער אויגוסטאַ, וועלכע די נעבעריין ליליט האָט געטראָגן. אין אָוונט איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן, און ליליט זאָגט, אַז מ׳האָט דעם קינד כישוף געטון און אַז אַט די פרעמדע, וועלכע מ׳האָט באַגעגנט אין די גערטנער, האָט דאָס כישוף געטון. אויב דאָס קינד וועט געזונט ווערן, וועט מען פאַרגעסן וועגן דעם, נאָר אויב נישט, וועט פּאָפּעאַ די ערשטע באַשולדיקן ליגיען אין כישוף-מאַכעריי. און דאַן, ווו מ׳זאָל זי נישט געפינען, וועט שוין פאַר איר קיין ישועה נישט זיין.

עס איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט וויניציוש זיך אָנגערופן:

— און אפשר האָט זי טאַקע כישוף געטון; זי האָט מיר אויך כישוף געטון.

— ליליט זאָגט, אַז דאָס קינד האָט זיך פונאַנדערגעוויינט אַזוי ווי זי האָט עס באַר לעבן אונדז פאַרבייגעטראָגן. און ס'איז אמת! עס האָט זיך טאַקע דאַן פונאַנדערגעוויינט. מ'האָט עס שוין מסתמא קראַנקערהייט אַרויסגעבראַכט אין גאָרטן. מאַרקוס, זון זי אַליין, וו דו ווילסט, באַר ביז די קליינע אויגוסטין וועט נישט געזונט ווערן, זאָלסטו וועגן איר מיטן צעזאַר נישט רעדן, וואָרים דו וועסט אויף איר ציִען פאַפעאַס בקמה. אירע אויגן האָבן שוין גענוג געוויינט צוליב דיר, זאָלן שוין איצט אַלע געטער באַשיצן איר אָרים קעפל.

— דו האָסט זי ליב, אַקטע? — האָט וויניציוש פינסטער געפרעגט.

אין דער געוועזענער שקלאַפינס אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן.

— יאָ! כ'האָב זי ליב באַקומען.

— ווייל דיר האָט זי נישט אָפּגעצאָלט מיט קיין שנאה, ווי מיר.

אַקטע האָט אויף אים בעקוקט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך עפּעס געוואַקלט, אָדער, ווי זי וואָלט געוואָלט אים דורכדרינגען, צי ער רעדט ערלעך, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— היציקער, פאַרבלענדעטער מענטש: זי האָט דיך געליבט.

וויניציוש האָט זיך אויס איבעראַשונג פון די ווערטער אַ הייב געטון פון אָרט, ווי אַן אָפּגעקאָכטער. „נישט אמת“! זי האָט אים פיינט געהאַט. פונוואַנען ווייסט אַקטע דאָס? צי נאָך איין טאָג קאַנטשאַפט האָט ליגיע זיך שוין פאַר איר פאַרטרויט? וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע, וועלכע וויל גלייכער פאַרוואַגלונג, שענדלעכע נויט, אומזיכערקייט פאַרן מאָרגן און אפשר נאָך אַן עלנטן טויט, איידער אַ באַקראַנצט הויז, אין וועלכן דער געליבטער דערוואַרט זי מיט אַ פייערלעכן אָוונט! ער וויל גלייכער אַזעלכע זאַכן נישט הערן, ווייל ער וועט פון זינען אַראָפּ. ער וואָלט דאָך זי נישט אָפּגעגעבן פאַר אַלע אוצרות פון דעמדאָזיקן פאַלאַץ, און זי באַר אַנטלויפט פון אים. וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע, וועלכע

אַנטלויפט פאַר גליקזעליקייט און זייעט שמערץ! ווער קען דאָס באַגרייפן? ווער קען דאָס פאַרשטיין? ווען נישט די האָפנונג, אַז ער וועט זי נאָך געפינען, וואָלט ער אין זיך אַ שווערד אַריינגעזעצט! ליבע קען מען געבן, אָבער נישט צוריקנעמען. עס זענען געווען מאָמענטן ביי אוילוסן אין הויז, ווען ער האָט אַליין געגלייבט אין נאָנטן גליק, אָבער איצט ווייסט ער, אַז זי האָט אים פיינט געהאַט, האָט אים פיינט און זי וועט שטאַרבן מיט שנאה צו אים אין האַרצן.

אָבער אַקטע, תמיד אַ דערשראָקענע און אַ מילדע, האָט דאָ געהאַלטיק זיך געקאָכט: אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט ער זיך באַמיט זי צו באַקומען? אַנשטאָט צו בעטן אוילוסן און פאַמפאַניען וועגן איר, האָט ער גאָר פאַרברעכעריש צוגערויבט אַ קינד פון די עלטערן. ער האָט זי געוואָלט מאַכן נישט פאַר זיין חייב, נאָר פאַר אַ מעטרעסע, זי, אַ דערצויגענע אין אַ באַשיידן הויז, זי, די קעניגלעכע טאָכטער. און ער האָט זי אַריינגעפירט אין דעמדאָזיקן הויז פון פאַרברעכן און שאַנד, ער האָט באַשמוצט אירע אומשולדיקע אויגן מיט דעם אָנבליק פון דער אויסגעלאַסענער פאַרוויילונג; ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען, ווי מיט אַן אויסגעלאַסענער פרוי, צי האָט ער דען פאַרגעסן, וואָס אוילוסעס הויז איז און ווער עס איז פאַמפאַניע גרעציניע, וועלכע האָט דערצויגן ליגיען? שוין זשע האָט ער ווייניק שכל, אום צו פאַרשטיין, אַז דאָס זענען אַנדערע פרויען, ווי ניגידיאַ, ווי קאַלוויאַ קריספינילאַ, ווי פאָפעאַ און ווי אַלע איבעריקע, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך אין צעזאַרס הויז? דערזעענדיק ליגיען האָט ער דען נישט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ריין קינד, וועלכעס וועט גלייכער אויסקלייבן דעם טויט איידער שאַנד? און פונוואַנען ווייסט ער, אין וואָס פאַר אַ געטער זי גלייבט, צי נישט אין ריינערע, קיין בעסערע, ווי די אויסגעלאַסענע ווענוס, אָדער איזיס, וועלכע די צעלאָזענע רוימערינס פאַרגעטערן? ניין! ליגיע האָט זיך איר נישט פאַרטרויט, נאָר זי האָט איר געזאָגט, אַז רעטונג דערוואַרט זי נאָר פון אים, פון וויניציושן; זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט אויסבעטן פאַר איר ביים צעזאַר אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך אַהיים, און

רעדנדיק דאָס, האָט זי זיך געריייטלט, ווי אַ מיידל, וועלכע ליבט און טרוימט. איר האַרץ האָט געשלאָגן מיט ליבע פאַר אים, נאָר ער אַליין האָט זי איבערגעשראָקן, אָפּגעשטויסן, דערצאָרנט און איצט זאָל ער זי זוכן מיט דער הילף פון צעזאָרס זעלנער, נאָר וויסן זאָל ער, אַז אויב פּאָפּעאַס קינד וועט שטאַרבן, וועט אויף איר פאַלן דער חשד, און איר טויט וועט זיין אומפאַרמיידלעך.

אין וויניציוּשס אָנגעברוגזטער צעווייטיקטער נשמה האָט אָנגעהויבן עפּעס זיך רירן. דאָס נייעס, אַז ליגיע האָט אים געליבט, האָט טיף אויפגעטרייסלט זיין נשמה. ער האָט זיך זי דערמאָנט ביי אוילוסן אין גאָרטן, ווען זי האָט, רויטלענדיק זיך, מיט שטראַלנדע אויגן געהאָרכט זיינע רייד. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז זי האָט אים דאַן באמת אָנגעהויבן ליב האָבן; און פּלוצלינג האָט אים ביי דעם געדאַנק אַרומגענומען אַ געפיל פון גליקזעליקייט, אַ פיל גרעסערס, ווי ער האָט געטרוימט. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז ער האָט זי באמת געקענט האָבן מיט גוטן און נאָך דערצו אַ ליבנדיקע, זי וואָלט באַשפּיגעלט און אָנגעשמירט זיין טיר מיט וואָלפן-פעטס; און דערנאָך וואָלט זי, אַלס זיין וויב, זיך געזעצט אויף אַ שעפּסן-פעל אין זיין שטוב. ער וואָלט פון איר מויל געהערט דאָס סאַקראַמענטאַלע: „ווו דו קאַיוס — דאָרט איך, קאַיאַ" און זי וואָלט אויף אייביק געווען זיינע. פאַרוואָס האָט ער אַזוי נישט געטון? ער איז דאָך געווען גרייט דערויף, און איצט איז זי נישטאָ און ער וועט זי אפשר נישט געפינען, און ווען ער זאָל זי אפילו געפינען, קען ער זי אומברענגען, און ווען אפילו נישט, וועלן שוין נישט די אוילוסעס, נישט זי אים וועלן קענען. דאָ האָבן זיך אים ווידער די האָר אויפן קאָפּ קאַפויער געשטעלט פון כעס, אָבער איצט נישט קעגן אוילוסן, אָדער ליגיען, נאָר קעגן פּעטראָניוסן. ער איז שולדיק אין אַלעם, ווען נישט ער, וואָלט ליגיע נישט באַדאַרפן איצט פאַרוואָגלט זיין, זי וואָלט געווען זיין באַשערטע און קיין שום סכנה וואָלט איצט נישט געהאָנגען איבער איר טייערן קאָפּ. און איצט איז שוין געשען און עס איז שוין צו שפּעט אויסצובעסערן דאָס בייז, וועלכעס לאָזט זיך שוין נישט בעסער מאַכן.

— צו שפעט!

און עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז אַ תהום האָט זיך גע־עפנט אונטער זיינע פיס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל איצט אָנהייבן טון, ווי אַזוי זיך צו פירן, וווהין זיך צו ווענדן. אַקטע האָט ווי אַן עכאָ איבערגעחזרט דאָס וואָרט: „צו שפּעט", וועלכעס האָט פון אַ צווייטנס מויל פאַר אים געקלונגען, ווי אַ פּסק־מיתה. ער האָט נאָר איין זאַך תופס געווען, אַז ער מוז געפינען ליגיען, וואָרים אויב נישט, וועט מיט אים עפּעס שלעכטס גע־שען.

און מעכאַניש אַרומהילנדיק זיך אין זיין טאָגע, האָט ער שוין געוואָלט אַוועקגיין, נישט געזעגנענדיק זיך אַפילו מיט אַקטען, ווי די פאָרהאַנג, וועלכע פּיילט אָפּ דאָס פאָרהויז פון אַטריום, האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט פּלוצלינג דערזען פאַר זיך פּאָמפּאָניעס טרויער־געשטאַלט.

זי האָט שוין, ווייזט אויס, אויך געוווּסט פון ליגיעס פאַר־שווונדן, און רעכענענדיק, אַז איר וועט לייכטער זיין זיך זען מיט אַקטען, איז זי אַהערגעקומען זיך דערוויסן עפּעס פון איר.

דערזעענדיק ויניציושן האָט זי געווענדט צו אים איר בלייך, קליין געזיכטל און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי גע־זאָגט:

— מאַרקוס, זאָל דיר גאָט מוחל זיין די עוולה, וועלכע דו האָסט אונדז און ליגיען געטון.

און ער איז געשטאַנען מיט אַ געזוונקענעם קאָפּ, אומגליק־לעך און פאַרשולדיקט, נישט פאַרשטייענדיק, וועלכער גאָט דאַרף און קען אים מוחל זיין און פאַרוואָס פּאָמפּאָניע רעדט וועגן מחילה, ווען זי דאַרף גאָר רעדן וועגן נקמה.

און ענדלעך איז ער אַרויס אינגאַנצן פאַרלוירן, פול מיט שווערע געדאַנקען, אומגעהייערן זאָרג און דערשלאָגן.

פאַרן פּאַלאַץ און אונטער די גאַלעריען איז געשטאַנען אַן אומרויקער המון. צווישן מיט די הויף־שקלאַפן האָט מען אויך געזען ריטער און סענאַטאָרן, וועלכע זענען געקומען מבקר־חולה

זיין די קליינע אויגוסטין און אגב זיך ווײַן אין פּאַלאַץ, כּדי דערמיט צו געבן אַ באַווייז כאָטש פאַר די שקלאַפן פון זייער געטרייִשאַפט.

די ידיעה וועגן דער שלאַפקייט פון דער „געטין" האָט זיך, ניכּר, שנעל פאַרשפּרייט, וואָרים אין טויער האָבן זיך כּסדר באַוויזן נײַע געשטאַלטן און דורך דעם טויער-בויגן האָט מען געזען אַ גרויסן המון. טייל פון די אָנגעקומענע, זעענדיק וויניציושן אַרויסגיין פון פּאַלאַץ, האָבן אים געפּרוווט אויספרעגן עפּעס, אָבער ער, נישט ענטפערנדיק קיינעם, איז געגאַנגען זיך ווייטער, ביז פּעטראָניוס, וועלכער איז אויך געקומען געוווּר ווערן, וואָס ס'הערט זיך, איז אים נישט שיער אַרויפגעגאַנגען גלייך אויף דער ברוסט און אים אָפּגעשטעלט.

וויניציוש וואָלט זיכער אויפגעקאָכט געוואָרן דערזעענדיק אים און וואָלט זיכער אָפּגעטון עפּעס אַ געוואַלט-עובֿדה בײַם צעזאַר אין פּאַלאַץ, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז אַרויס פון אַקטען אײַנגעבנצן צעבראָכן, דערשעפּט און דערשלאָגן, אַזוי, אַז אפילו זיין אײַנגעבוירענער הייסער טעמפּעראַמענט האָט אים איצט פאַרלאָזט. ער האָט דאָך אָפּגעשטויסן פּעטראָניוסן און געוואָלט ווייטער גיין, יענער אָבער האָט אים כּמעט מיט כּוח אײַנגעהאַלטן:

— וואָס מאַכט די געטלעכע? — האָט ער געפרעגט.

אָבער פּעטראָניוסעס קעגנשטעלן זיך האָט אים צוריק צערייצט און ער איז אויפגעבראַוזט געוואָרן אין איין מינוט.

— זאָל אַ דונער פאַרברענען זי, מיט דעם דאָזיקן גאַנצן הויז! — האָט ער מיט צונויפגעדריקטע ציין געזאָגט.

— שווייג, אומגליקלעכער! — האָט פּעטראָניוס געזאָגט, און אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער שנעל צוגעגעבן

— אויב דו ווילסט וויסן עפּעס וועגן ליגיען, טאָ קום מיט מיר. ביין! דאָ וועל איך גאָרנישט זאָגן! קום מיט מיר, כ'וועל דיר זאָגן אין דער לעקטיקע, וואָס איך קלער.

און אַרומנעמענדיק דעם יונגנמאַן מיט זיין האַנט, האָט ער אים אײַלנדיק אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ.

און דאָס נאָר טאָקע האָט ער געוואָלט, וואָרים ער האָט

אים קיין שום נייעס נישט געהאַט מיטצוטיילן. דערפאַר אָבער, זײ־ענדיק אַ שאַרפזיניקער מענטש און אַזוי ווי, נישט קוקנדיק אויף דער נעכטיקער אויפרעגונג זיינער, האָט ער דאָך געהאַט אַ וואַרעם האַרץ פאַר ווינציוש און סוף כּל סוף, פילנדיק ביז אַ געוויסער מאָס זיך אחריותדיק פאַר אַלעם, וואָס ס׳איז געשען, האָט ער שוין עפּעס צוגעטראַכט און ווען זיי זענען איינגעשטיגן אין דער לעקטיקע האָט ער געזאָגט:

— ביי אַלע טויערן האָב איך געשטעלט מיינע שקלאַפן אויף דער וואַך, געבנדיק זיי פריִער אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם מיידל און פונם ריז, וועלכער האָט זי ביים צעזאַר אויף דעם פעסטמאָל אַרויסגעטראָגן אויף די הענט, ס׳איז דאָך קיין שום ספק נישט, אַז ער האָט זי דאָס אָפּגעשלאָגן. האָרך מיך אויס! ס׳איז מעגלעך, אַז די אויגוסטע האָבן זי בדעה צובאַהאַלטן אין איינע פון זייערע לאַנד-גיטער און אין דעם פאַל וועלן מיר וויסן, אין וועלכער ריכטונג זיי האָבן זי אַוועקגעפירט. אויב אָבער זיי וועלן זי נישט זען ביי די שטאָט-טויערן, וועט עס זיין אַ באַווייז, אַז זי איז אין שטאָט און נאָך הייַנט וועלן מיר אָנהייבן דאָס זוכן.

— די אויגוסטע ווייסן נישט, וווּ זי איז — האָט ווינציוש געענטפערט.

— ביסט זיכער דערין?

—כ׳האָב געזען פּאָמפּאָניען. זיי זוכן זי אויך.

— נעכטן האָט זי נישט געקענט אַרויס פון שטאָט, ווייל באַנאַכט זענען די טויערן פאַרמאַכט. צוויי פון מיינע לייט וואַכן ביי יעדן טויער. איינער וועט נאָכגיין ליגיען און דעם ריז, אויב ער וועט זיי זען און דער צווייטער וועט גלייך איין געבן צו וויסן וועגן דעם. אויב זיי זענען אין שטאָט, וועלן מיר זיי געפינען, וואָרים יענעם ריז איז לייכט צו דערקענען בלויז לויטן וווּקס און זיינע פּלייצעס. ביסט אַ גליקלעכער, וואָס דער צעזאַר האָט זי נישט געכאַפּט און דאָס קען איך דיר פאַרזיכערן, אַז נישט, וואָרים אין פּאַלאַטין איז פאַר מיר קיין סוד נישטאָ.

ווינציוש אָבער האָט איצט אויסגעבראָכן נישט אַזוי מיט כּעס,

ווי מיט ווייטיק, און מיט אַן איבערגעריסענער שטימע פון גערידט־קייט, האָט ער פּעטראָניוסן אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער האָט געהערט פון אַקטען און וואָס פאַר אַ נייע סכנה עס דראָט איצט איבער ליגיען, צוליב וואָס, אויב מ׳וועט זי אַפילו געפינען, וועט מען זי מוזן שטרענג אויסבאַהאַלטן פאַר פּאָפּעאַן. דערנאָך האָט האָט ער גענומען פּעטראָניוסן ביטער פאַרוואַרפן פאַר זיינע עצות, ווען נישט ער, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען. ליגיע וואָלט געווען ביי אוילוסן, און ער, וויניציוש, וואָלט זי געקענט יעדן טאָג זען און ער וואָלט גליקלעכער געווען פאַרן צעזאַר. און, ווערנדיק וואָס ווייטער מער גערירט פון זיינע אייגענע רייד, האָבן אים ענדלעך אָנגעהויבן רינען טרערן פון ווייטיק און פאַרדרוס.

פּעטראָניוס אָבער, וועלכער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז דער יונגערמאַן קען אַזוי שטאַרק ליבן און בענקען, האָט, זעענ־דיק די טרערן פון פאַרצווייפלונג, עטוואָס איבערראַשט זיך געטראַכט:

— אָ, מעכטיקע קעניגן פון צ״פ״, דו איינע רעגירסט איבער געטער און מענטשן!

אויסשטייגנדיק פאַר פעטראָניוסעס הויז פון דער לעקטיקע, האָט דער אויפזעער איבערן אַטריום זיי געמאָלדן, אַז קיינער פון די שקלאַפינס, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשיקט צו די טויערן איז נאָך נישט צוריקגעקומען. דער „אַטריִענסיס״ האָט פאַר זיי געשיקט עסן און אַ נייעם באַפעל, אַז אונטער דער שטראָף פון שמייץ זאָלן זיי שטאַרק אַכטונג געבן אויף אַלע, וואָס גייען אַרויס פון שטאָט.

— זעסטו, — האָט פעטראָניוס געזאָגט — זיי זענען באַשטימט נאָך אין שטאָט, און אויב אַזוי, וועלן מיר זיי געפינען. באַפעל פונדעסטוועגן דיינע מענטשן אויך היטן די טויערן און גראָד די, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן נאָך ליגיען, ווייל זיי וועלן זי לייכט דערקענען.

— איך האָב געהייסן זיי פאַרשיקן אין די „ערגאַסטולן״, — האָט וויניציוש געזאָגט — אָבער איך וועל גלייך דעם באַפעל צוריקציִען, און זיי שיקן צו די טויערן.

און אויפצייכענענדיק עטלעכע ווערטער אויף א טאוול, וועלכעס איז געווען באצויגן מיט וואקס, האט ער עס איבערגעגעבן פעטראניוסן, וועלכער האט עס גלייך איבערגעשיקט צו וויניציושן אין הויז.

דערנאך זענען זיי איבערגעגאנגען אין אינעווייניקסטן פארטיק און זעצנדיק זיך דארט אויף א מארמאר-באנק, האבן זיי געפירט זייער שמועס.

די גאלדהאריקע עניצע און איראס האבן זיי ארונטערגעשטעלט בענקלעך אונטער די פיס און צושטעלנדיק נאך צו די בענקלעך א טישל, האבן זיי גענומען אנגיסן ווין אין די בעכער פון פרעכטיקע שמאל-האלדזיקע קריגלעך, וועלכע זענען געבראכט געווארן פון וואלאטערא און צעצענא.

— צי איז פאראן צווישן דיינע שקלאפן איינער, וואס קען דעם ריזיקן ליגיער? — האט פעטראניוס געפרעגט.

— אטאצינוס און גולא האבן אים געקענט, אבער אטאצינוס איז נעכטן געהרגעט געווארן ביי דער לעקטיקע און גולאן האב איך דערהרגעט.

— ער איז מיר א שאד — האט פעטראניוס געזאגט. — ער האט נישט נאר דיך געטראגן אויף זיינע הענט, נאר אויך מיך.

— איך האב אפילו געהאט בדעה אים צו באפרייען — האט וויניציוש געזאגט. — נאר פארפאלן. לאמיר רעדן וועגן ליגיען. רוים איז דאך א ים...

— פערל פאנגט מען טאקע נאר אין ים... מיר וועלן זי, נאטירלעך, נישט היינט, אדער מארגן געפינען, אבער געפינען וועלן מיר זי באשטימט. דו באשולדיקסט מיך איצט, וואס כ'האב דיר אזוי געעצהט, אבער די עצה גופא איז דאך גוט געווען און זי איז שלעכט געווארן ערשט דאן, ווען זי האט זיך שלעכט אויסגעלאזט. האסט דאך אליין געהערט פון אוילוסן, דאס ער קלייבט זיך איבערצוטראגן מיט דער גאנצער פאמיליע קיין סיציליען. אזוי ארום וואלט דאס מיידל סיי ווי סיי געווען ווייט פון דיר.

— איך וואלט מיט זיי מיטגעפארן. — האט וויניציוש געזאגט — יעדנפאלס וואלט זי דאך געווען אויסער געפאר, איצט

אָבער, אויב דאָס קינד דאָרט וועט שטאַרבן, וועט פּאָפּעאַ אַליין אויך גלייבן און זי וועט איינרעדן דעם צעזאַר, אַז דאָס איז ליגיעס שולד.

— ס'איז ריכטיק. דאָס באַאומרויִקט מיך אויך, אָבער די קליינע פּופּע דאָרט קען דאָך נאָך געזונט ווערן. און ווען זי זאָל אפילו שטאַרבן, וועלן מיר דאַן אויך געפינען עפּעס אַ מיטל.

פּעטראָניוס האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פּאָפּעאַ אָנערקענט עפּעס אַ ייִדישן גלויבן און זי גלייבט אין בייזע גייסטער. דער צעזאַר איז אַבערגלויביש... אויב מיר וועלן אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז ליגיען האָבן שדים צוגעכאַפּט, וועלן אַלע דערין גלייבן, איבערהויפּט נאָך, אַזוי ווי נישט דער צעזאַר און אויך נישט אוילוס האָבן זי אָפּגעשלאָגן, איז זי דאָך באמת אויף אַ סודותדיקן אופן פאַרשוווּנדן. דער ליגיער אַליין וואָלט דאָס נישט בכוח געווען אויסצופירן. ער וואָלט געמוזט האָבן הילף; און פונוואַנען וואָלט אַ שקלאַף אין איין טאָג געקענט צונויפזאַמלען אַזוי פיל מענטשן?

— די שקלאַפן אין גאַנץ רוים שטיצן זיך איינע די אַנדערע.

— וועלכעס קאָסט אַמאָל אַ סך בלוט. אמת! זיי שטיצן זיך, אָבער נישט איינע לרעה די אַנדערע, דאָ אָבער האָבן זיי דאָך געוווּסט, אַז די אחריות און די שטראָף וועט פאַלן אויף דײַנע מענטשן. אַז דו וועסט דײַנע שקלאַפן אַליין אונטערזאָגן דעם געדאַנק וועגן שדים, וועלן זיי באַלד באַשטעטיקן, אַז זיי האָבן דאָס מיט די אייגענע אויגן געזען, ווײַל דאָס וועט פון זיי אַראָפּנעמען די שולד... פרעג אויף צופלייס איינעם פון זיי, צי ער האָט נישט געזען, ווי ליגיע איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן אינדערלופטן, וועט ער דיר גלייך שווערן בײַ צעזאַרס פאַנצער, אַז ס'איז אַזוי געווען.

ויניציוש, וועלכער איז טאַקע אויך געווען אַבערגלויביש, האָט פּלוצלינג אומרויִק אַ קוק געטאָן אויף פּעטראָניוסן.

— אויב אורסוס האָט נישט געקענט האָבן קיין מענטש צו

הילף און אַליין איז ער אויך נישט געווען בכוח דאָס צו טון. טאָ ווער האָט זי טאַקע אָפּגעשלאָגן?

פּעטראָניוס אָבער האָט זיך צעלאַכט.

— זעסטו — האָט ער געזאָגט — אַז זיי וועלן גלייבן, אַז אפילו די גלייבטע שוין אויך באַלד אין דעם. אַזוי איז שוין אונדזער וועלט, וועלכע שפּאַסט פון די געטער. זיי וועלן באַשמיטט גלייבן און וועלן זי נישט זוכן, און מיר וועלן זי דערווייל באַהאַלטן ערגעץ ווייט פון שטאָט. אין איינער פון מיינע, אָדער דיינע ווילעס.

— אָבער דאָך, ווער האָט איר געקענט העלפן אַנטלויפן?

— אירע מיטגלויביקע. — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

— וואָס פאַר א מיטגלויביקע? צו וואָס פאַר אַ געטער דינט זי דען? איך וואָלט דאָך דאָס געדאַרפט וויסן בעסער פאַר דיר.

— כמעט יעדער פרוי אין רוים דינט צו אַנדערע געטער. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז פּאָמפּאָניע האָט זי געלערנט דינען צום זעלבן גאָט, צו וועלכן זי אַליין דינט, אָבער וועלכן גאָט, ווייס איך אַליין נישט. איין זאַך איז זיכער, אַז קיינער האָט זי נישט געזען אין קיין איינעם פון אונדזערע טעמפּלען ברענגען קרבנות צו אַ וועלכן ס'איז פון אונדזערע געטער. מ'האָט זי אפילו געהאַט באַשולדיקט, אַז זי איז אַ קריסטין. אָבער דאָס איז אוממעגלעך. דאָס הויז-געריכט האָט זי ריינגעוואַשן פון דעם חשד. וועגן די קריסטן דערציילט מען, אַז נישט נאָר, וואָס זיי דינען צו אַן אייזל-קאָפּ, נאָר אַז זיי זענען שונאים פון דער גאַנצער מענטשהייט און זיי טון אָפּ די שרעקלעכסטע מעשים. פּאָמפּאָניע קען דעריבער נישט זיין קיין קריסטין, ווייל איר זיטלעכקייט איז דאָך באַקאַנט און אַ פיינטין פון דער מענטשהייט וואָלט נישט אַזוי באַהאַנדלט קיין שקלאַפן, ווי זי.

— פון קיין שום הויז באַגייט מען זיך נישט אַזוי מיט די שקלאַפן, ווי ביי די אוילוסעס. — האָט אים וויניציוש איבערגעריסן.

— זעסטו שוין. פּאָמפּאָניע האָט עפּעס אַמאָל דערמאָנט פאַר

מיר װעבן אַ גאָט, װעלכער איז איינער, אַלמעכטיק און באַרעמהאַר־ציק. װוּ זי האָט אַהינגעטון אַלע איבעריקע געטער, דאָס איז שוין איר זאַך. נאָר גענוג, אַז דערדאָזיקער לאָגאָס אירער װאָלט גאָר נישט געװען קיין אַלמעכטיקער, פּאַרקערט, ער װאָלט נאָך געװען זייער אַ נישטיקער גאָט, װען ער זאָל מער נישט האָבן, װי נאָר צװיי גלױביקע, ס׳הייסט: פּאָמפּאָניען און ליגיען, מיט אַ צוגאָב דעם ליביער אורסוס. זיי מוזן דאָך זיין מער די מיטגלױביקע זייערע, און זיי טאַקע האָבן דאָס ליגיען געגעבן הילף.

— דערדאָזיקער גלױבן הייסט מוחל זיין — האָט װיניציוס געזאָגט. — ביי אַקטען האָב איך זיך באַגעגנט מיט פּאָמפּאָניען, האָט זי מיר געזאָגט: „זאָל דיר גאָט מוחל זיין די עװלה, װעלכע דו האָסט אונדז און ליגיען געטון“.

— װייזט אויס, אַז זייער גאָט איז עפּעס אַזאַ „קוראַטאָר“, אַ בעל רחמנותדיקער. האַ! זאָל ער זשע טאַקע דיר מוחל זיין, און אַלס צייכן פון מחילה זאָל ער דיר אומקערן דאָס מיידל.

— כ׳װאָלט גלייך מאָרגן צו אים מקריב געװען אַ העקאַטאָמב. כ׳װיל נישט קיין עסן, קיין בעדער, קיין שלאָף. כ׳װעל זיך אָנקליידן אין טונקעלע לאַצערנע און כ׳װעל נעמען װאַנדערן איבער דער שטאָט. אפשר װעט מיר איבערגעטוענערהייט געלונגען זי צו געפינען. כ׳בין קראַנק!

פּעטראָניוס האָט אויף אים אַקוק געטון מיט אַ געװיסן רחמנות. ער האָט װירקלעך געהאַט בלוי אונטער די אויגן, די אַפּלען האָבן ביי אים געגליט, די באָרד, װעלכע ער האָט אינדערפרי נישט געגאָלט, האָט אַרומגענומען זיינע בולטע קינבאַקן מיט אַ טונקעלן זוים. די האָר זענען געװען צעשױבערט און ער האָט באמת אויסגעזען, װי אַ קראַנקער. איראַס און די גאָלדהאָריקע עניצע האָבן אויך אויף אים געקוקט מיטפילנדיק, אָבער ער האָט זיי אפילו װי נישט באַמערקט. זיי האָבן ביידע, ער און פּעטראָניוס, אַזױ נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם ביניין פון די שקלאַפינס, װי זיי װאָלטן נישט געלייגט קיין אַכט אויף הינט, װאָס פּלאָנטערן זיך אַרום.

— האָסט היץ. — האָט פּעטראָניוס געזאָגט.

— יאָ.

— אַלזאָ, הער מיך אויס... כ'ווייס נישט, וואָס אַ רופא וואָלט דיר פאַרשריבן, נאָר כ'ווייס וואָס איך אויף דיין אָרט וואָלט געטון... אָט, ביז וואַנען יענע וועט געפינען ווערן, וואָלט איך דערווייל ביי אַן אַנדערע געזוכט דאָס, וואָס פעלט מיר צוזאַמען מיט יענער. כ'האָב אין דיין ווילע געזען זעלטענע קערפּער. לייקן נישט... כ'ווייס גוט, וואָס עס הייסט ליבע און כ'ווייס, אַז ווען מען גלוסט איינע, קען קיין אַנדערע זי נישט פאַרטרעטן. אָבער אין אַ שיינער שקלאַפין קען מען דאָך געפינען כאָטש אַ צוויי-שעהדיקן פאַרגעניגן...

— כ'וויל נישט! — האָט וויניציוש געענטפערט.

פעטראָניוס אָבער, וועלכער איז ווירקלעך געווען צו אים צוגעבונדן און וועלכער האָט אמתדיק געוואָלט לינדערן אים זיינע ליידן, האָט גענומען טראַכטן, ווי אַזוי דאָס צו טון.

— אפשר האָבן דיינע שקלאַפינס ביי דיר אין די אויגן נישט דעם רייץ פון פרישס — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — אָבער (דאַביי האָט ער גענומען כסדר באַטראַכטן, דאָ עניצען, און דאָ איראַסן און ענדלעך, האָט ער אַ-ויפגעלייגט זיין האַנט אויף די היפטן פון דער גאָלדהאָריקער גריכין.) באַטראַכט נאָר די-דאָזיקע כאַריטין. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער יונגער פאָנטעוס קאַפּיטאָן מיר געוואָלט געבן פאַר איר דריי וווּנדערלעכע יונגלעך פון קלאַזאָמענע, וואָרים קיין שענערן קערפּער האָט, דאַכט זיך, סקאָפּאַס גופא אויך נישט געשאַפן. כ'פאַרשטיי אַליין נישט, פאַרוואָס כ'בין ביז איצט געווען גלייכגילטיק צו איר, כריזאָטעמיס איז דאָך פאַר מיר קיין מניעה נישט געווען! איצט אָבער שענק איך זי דיר, נעם זי דיר!

די גאָלדהאָריקע עניצע איז, הערנדיק דאָס, אין איין סעקונדע בלייך געוואָרן, ווי קאַלך, און קוקנדיק מיט איבערגעשראָקענע אויגן אויף וויניציושן, האָט זי, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, געוואַרט אויף זיין ענטפער.

ער אָבער האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטון און, דריקנדיק זיך מיט די הענט די שלעפן, האָט ער גענומען רעדן שנעל, ווי

אַ מענטש, וועלכן עס צערט אַ קראַנקהייט, וויל נישט הערן פון עפּעס אַנדערש:

— ניין! ניין!... איך דאַרף זי נישט! איך דאַרף נישט קיין אַנדערע... כ'דאַנק דיר, אָבער כ'וויל נישט! איך גיי זוכן יענע איבער דער שטאָט, הייס מיר געבן אַ גאַלישע לאַצערנע מיט אַ קאַפּטור. כ'וועל זיך לאָזן אויף יענער זייט טיבער... ווען כ'זאָל כאָטש קענען זען אורסון!...

און ער איז געשווינד אַרויס. און פּעטראָניוס, זעענדיק, אַז ער קען באמת נישט איינזיצן, האָט ער אים שוין נישט געפּרווט איינהאַלטן. האַלטנדיק אָבער וויניציוסעס אָפּזאָג פאַר אַ מאָמענטאַלן פאַריבערגייענדן ווידערווילן צו אַנדערע פרויען אויסער ליגיען און נישט ווילנדיק, אַז זיין גרויסמוט זאָל צו נישט ווערן, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו דער שקלאַפין, געזאָגט:

— עוניצע, וואַסט זיך אויסבאָדן, אָנפּערפומירן און אָנטון, דערנאָך וועסטו אַוועקגיין צו וויניציושן אין הויז.

זי אָבער האָט זיך געוואָרפן פאַר אים אויף די קני און מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ, האָט זי אים גענומען בעטן, ער זאָל זי נישט דערווייטערן פון זיין הויז. זי וויל נישט גיין צו וויניציושן און וויל ליבער דאָ טראָגן האָלץ אין היפּאָקאַוסטום, איידער דאָרט צו זיין די עלטסטע איבער אַלע דינער. זי וויל נישט! זי קען נישט! און זי בעט אים, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף איר. זאָל ער זי הייסן יעדן טאָג שמייסן, אַבי נישט פונדאַנען אַוועקשיקן.

און ציטערנדיק ווי אַ בלאַט פון מורא און אויפרעגונג, האָט זי צו אים די הענט אויסגעצויגן, ער אָבער האָט זי אַ פאַרבליפטער אויסגעהערט. אַ שקלאַפין, וועלכע דערוואַגט זיך בעטן, צו באַפרייען זי פון אויספירן אַ באַפעל, וועלכע זאָגט: „כ'וויל נישט און כ'קען נישט", איז געווען אַזוי אומדערהערט אין רוים, אַז פּעטראָניוס האָט אין ערשטן אויגנבליק זיינע אויערן נישט געוואָלט גלייבן. ענדלעך האָט ער צונויפגעצויגן די ברעמען. ער איז געווען צופיל ראַפינירט אום צו זיין ברוטאַל. זיינע שקלאַפן האָבן, שפּייזעכלעך, אין הינזיכט פון צעלאָזנקייט, געהאַט פיל מער פריי-

הייט ווי אַנדערע, מיט איין באַדינג, זיי זאָלן פּינקטלעך דערפילן זייער אַרבעט און דעם האַרס ווילן אַכטן ווי גאָטס. אין פאַל פון נישט דערפילן דידאָזיקע צוויי פליכטן האָט ער אויך געקענט באַשטראָפן לויט די אָנגענומענע מנהגים. נאָר אַזוי ווי ער האָט אָבער בכלל נישט געליטן קיין קעגנשטעלן זיך און קיין שום זאַך, וואָס האָט אים געשטערט זיין רו, האָט ער אַליין, קוקנדיק אַ ווייַלע אויף דער קניענדיקער, געזאָגט:

— רוף מיר אַריין טערעזיאַשן און קום דאָ צוריק מיט אים צוזאַמע.

עניצע איז אויפגעשטאַנען אַ ציטערנדיקע מיט טרערן אין די אויגן און איז אַרויסגעגאַנגען, אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט דעם אויפזעער איבערן אַטריום, דעם קרעטאַנער טערעזיאַש.

— נעם עניצען — האָט אים פּעטראָניוס געזאָגט — און גיב איר צוואַנציק שמיץ, אָבער אַזוי, אַז די הויט זאָל נישט פאַרדאָרבן ווערן.

דאָס זאָגנדיק איז ער אַוועקגעגאַנגען אין ביבליאָטעק און, זעצנדיק זיך צום טיש פון ראָזן מאַרמאָר, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן איבער זיין „דאָס פעסטמאָל ביי טרימאַלכיאָן”.

אָבער ליגיעס אַנטלויפן און די קראַנקהייט פון דער קליינער אויגוסטין האָבן אים צופיל צעשטרייט די געדאַנקען, אַזוי, אַז ער האָט נישט געקענט לאַנג אַרבעטן. איבערהויפּט איז די קראַנקהייט געווען אַ וויכטיק געשעעניש. פּעטראָניוסן איז איינגעפאַלן, אַז אויב דער צעזאַר וועט גלייבן, דאָס ליגיע האָט פאַרכּישופט די קליינע אויגוסטין, קען די אַחריות פאַלן אויף אים אויך, ווייל דאָס מיידל איז דאָך אַריינגעבראַכט געוואָרן אין פּאַלאַץ אויף זיין בקשה. ער האָט אָבער גערעכנט, אַז ביים ערשטן מאָל זען זיך מיטן צעזאַר, וועט ער שוין אים ווי ס׳איז דערקלערן דעם גאַנצן אומזין פון אַזאַ גלויבן, אַ ביסל האָט ער אויך גערעכנט אויף אַ געוויסער שוואַכקייט, וועלכע פּאָפּעאַ האָט צו אים געפילט, אמת, זי האָט זיך באמת דאָס צו באַהאַלטן, אָבער נישט אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל זיך נישט קענען אָנשטויסן. אין אַ

ווײלע אַרום האָט ער שוין אַליין געהײבן מיט די אַקסלען איבער זיין מורא און ער האָט באַשלאָסן אַרײנגיין אין טריקליניום יפּעס עסן און דערנאָך זיך הייסן נאָכאַמאָל אַוועקטראָגן אין פּאַלאַץ, שפּעטער אויפן מאַרס-פעלד און ענדלעך צו כריזאָטעמיסן.

אָבער גייענדיק צום טריקליניום האָט ער, ביים איינגאַנג אין קאָרידאָר, וועלכער איז באַשטימט פאַר דער דינערשאַפט, צווישן אַנדערע שקלאַפן געזען שטיין ביי דער וואַנט די שלאַנקע געשטאַלט פון עניצען און פאַרגעסנדיק, אַז ער האָט טערעזיאַשן קיין אַנדערן באַפעל ווי אויסער שמייסן זי נישט געגעבן, האָט ער צוגעפגעצויגן די ברעמען און געני‍מען זוכן אים מיט די אויגן.

און נישט זעענדיק אים צווישן דער דינערשאַפט, האָט ער זיך געווענדט צו עניצען:

— האָסט באַקומען שמיץ?

זי האָט זיך דאָס צווייטע מאָל געוואָרפן צו זיינע פיס, צוגעפרעסט אַ ווײלע דעם זוים פון זיין טאָגע צו אירע ליפן, דערנאָך האָט זי געענטפערט:

— אָ, יאָ, האַר! כ'האָב באַקומען! אָ, יאָ, האַר!...

אין איר שטימע האָט געקלונגען פרייד און דאַנקבאַרקייט. זי האָט, ווייזט אויס, גערעכנט, אַז די שמיץ פאַרטרעטן דאָס אַוועקשיקן זי, און אַז זי וועט שוין איצט בלייבן דאָ אין הויז. פּעטראָניוס, וועלכער האָט דאָס פאַרשטאַנען, איז איבערראַשט געווען פון דעם ליידנשאַפטלעכן ווידערשטאַנד פון דער שקלאַפין, אָבער ער איז געווען צופיל געניטער קענער פון מענטשלעכער נשמה אום נישט אָנצושטויסן זיך, אַז נאָר ליבע קען זיין די סיבה פון אַזאַ ווידערשטאַנד.

— האָסט דאָ אַ געליבטן אין הויז: — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע בלויע, טרערן-פולע אויגן און האָט שטיל, קוים צו דערהערן, געענטפערט:

— יאָ, האַר!...

און מיט די אויגן, מיט די פאַרוואָרפענע גאָלדענע האָר אַהינטער, מיט מורא און האָפנונג אויפן געזיכט, איז זי געווען אַזוי שיין, האָט זי געקוקט אויף אים אַזוי בעטנדיק, אַז פּעטראָניוס, וועלכער האָט אַלס פילאָזאָף אַליין געפּרעדיקט די מאַכט פון

דער ליבע און אַלס עסטעט געאַכט אַלץ. וואָס איז שיין, האָט איצט געפילט צו איר אַ מין רחמנות.

— וועלכער פון זיי איז ריין געליבטער? — האָט ער געפרעגט, ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף די צרומיקע שקלאַפן.

ער האָט דערויף קיין ענטפער נישט באַקומען, עניצע האָט נאָר געבויגן איר געזיכט ביז צו זיינע טריט און איז אַזוי פאַרבליבן אומבאַוועגלעך

פעטראָניוס האָט אָנגעקוקט די שקלאַפן, צווישן וועלכע עס זענען געווען פיל געראָטענע יונגען, ער האָט אָבער פון קיינעמס געזיכט גאָרנישט געקענט אַראָפּלעזן, דערפאַר אָבער איז ביי אַלעמען געווען עפּעס אַן אויסטערליש שמייכעלע אויף די פּנימער; דערנאָך האָט ער נאָך אַ ווײַלע געקוקט אויף עניצען, וועלכע איז געלעגן ביי זיינע פיס און איז שווייגנדיק אַוועק אין טריקליניום.

נאָכן מאָלצייט האָט ער זיך געהייסן אַוועקטראָגן אין פּאַלאַץ, דערנאָך צו כריזאָטעמיסן, ביי וועלכער ער האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט אינדערנאַכט. אַהיימקומענדיק האָט ער געהייסן אַריינרופן טערעזיאַשן.

— צי האָט עניצע באַקומען שמיץ? — האָט ער אים געפרעגט.

— יאָ, האַר. האָסט אָבער נישט דערלויבט צעבלוטיקן די הויט.

— צי האָב איך דיר נישט געגעבן נאָך אַ באַפעל וועגן איר?

— ניין, האַר — האָט דער „אַטריענסיס" אומרויִק געענטפערט.

— איז גוט. וועלכער פון די שקלאַפן איז איר געליבטער?

— קיינער נישט, האַר.

— וואָס ווייסטו וועגן איר?

טערעזיאַש האָט מיט עטוואָס אַן אומזיכערער שטים גענומען דערציילן:

— עניצע פאַרלאָזט קיינמאָל נישט ביינאַכט דעם קוביקו-

לום, ווו זי שלאָפט מיט דער אַלטער אַקריזיאַנאַן און מיט איפי־דאָן און נאָך דיין באָדן זיך, האַר, בלייבט זי קיינמאָל נישט אי־בער אין באָד־צימער... די איבעריקע שקלאַפינס לאָכן פון איר און רופן זי דיאַנע.

— גזנוג — האָט פעטראָניוס געזאָגט. — מיין קרוב, ווי־ניציוש, וועמען כ'האָב היינט אינדערפרי געשענקט עוניצען, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר, זי וועט, אַלזאָ, דאָ בלייבן. קענסט גיין.

— צי מעג איך נאָך עפעס זאָגן וועגן עוניצען, האַר?

— כ'האָב דיך געהייסן זאָגן אַלץ, וואָס דו ווייסט.

— די גאַנצע „פאַמיליאַ", האַר, רעדט וועגן דעם אַנטלויפן פון אַ מיידל, וועלכע האָט געזאָלט אַנקומען אין הויז פונם גרויס־מוטיקן וויניציוש. נאָך דיין אַוועקגיין איז עוניצע געקומען צו מיר און האָט מיר געזאָגט, אַז זי קען אַ מענטש, וועלכער וועט זי קע־נען אויפזוכן.

— אַ! — האָט פעטראָניוס געזאָגט — ווער איז דאָס דער מענטש?

— איך קען אים נישט, האַר, כ'האָב אָבער גערעכנט, אַז כ'דאַרף דיר וועגן דעם מעלדן.

— גוט. זאָל דער מענטש מאָרגן דאָ וואַרטן אויף דעם טריבון, וועלכן דו וועסט מאָרגן אין מיין נאָמען בעטן, ער זאָל באַלד אינדערפרי צו מיר קומען.

דער „אַטריענסיס" האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס.

פעטראָניוס האָט נישט ווילנדיק גענומען טראַכטן וועגן עוני־צען. פריער איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז די יונגע שקלאַפין וויל, אַז וויניציוש זאָל געפינען ליגיען, כדי זי זאָל נישט דאַרפן זי פאַרטרעטן. שפעטער אָבער איז אים איינגעפאַלן, אַז יענער מענטש, וועלכן עוניצע רעקאָמענדירט, איז אפשר איר געליבטער, און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים אומדערוואַרט געערגערט. ער האָט אפילו געהאַט אַ לייכט מיטל צו דערוויסן זיך דעם אמת, ס'איז גענוג געווען אַריינצורופן עוניצען, אָבער עס איז שוין גע־ווען זייער שפעט און פעטראָניוס האָט זיך געפילט דערשעפט נאָך דעם לאַנגן ווילן ביי כריזאָטעמיסן און ער האָט נייטיק באַ־

דאַרפֿן שלאָפֿן. פֿונדעסטוועגן, גייענדיק אין קוביקולום, האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט היינט דערזען ביי כריזאָסטאָ־פּיסן קנייטשן ביי די אויגן־ווינקלען. ער האָט אויך געטראַכט אַז וועגן איר שיינקייט רעדט מען מער, ווי עס איז אין אמתן, און, אַז פּעטראָניוס קאַפּיטאָן, וועלכער האָט אים אָנגעבאָטן דריי יינגלעך פֿון קלאַזאָמענע פֿאַר עניצען, האָט זי פֿונדעסטוועגן צו ביליק געהאַלטן קויפֿן.

XIII.

איפּצומאָרגנס האָט פּעטראָניוס קוים זיך באַוויזן אָנצוטון אין אוּנקטאָריום, אַלס וויניציוש, וועמען טערעזיאַש האָט געלאָזט רופן, איז אַריינגעקומען. ער האָט געוווסט, אַז עס איז נאָך קיין שום ידיעה נישט געקומען פון די טויערן און אָנשטאָט דאָס זאָל אים פרייען, אַלס אַ סימן, דאָס ליגיע געפינט זיך נאָך אין שטאָט, האָט עס אים נאָך מער דערשלאָגן, ווייל עס איז אים איינגע- פאַלן, אַז אורסוס האָט דאָך זי געקענט אַרויספירן באַלד נאָכן אָנפאַל, אַלזאָ, נאָך פריער, איידער פּעטראָניוסעס שקלאַפן האָבן אָנגעהויבן היטן די טויערן. אמת, אַז אום האַרבסט, ווען די טעג זײַנען קורצע, פאַרמאַכט מען זיי גאַנץ פרי, אָבער מען עפנט זיי אויף פאַר די רייזנדע, וועלכע זײַנען זייער פיל פאַרהאַן, אויסער- דעם קען מען זיך אַרויסבאַקומען איבער די מויערן אויך מיט אַנדערע מיטלען, וועגן וועלכע צ. ב. ש. די שקלאַפן, וועלכע ווילן אַנטלויפן פון שטאָט, ווייסן גאַנץ גוט. וויניציוש האָט אַפילו אַרויס- געשיקט זיינע מענטשן אויף אַלע וועגן, וועלכע פירן אויף די

פּראָווינצן, צו די ווינקלען און אין די קלענערע שטעט מיט מעלדונגען וועגן די אַנטלאָפענע שקלאַפן, מיט אַ גענויע באַשרײַבונג פון אור־סוסן און ליגיען און אָנגעגעבן אַ באַלוינונג פאַר כאַפּן זיי. ס'איז אָבער געווען אַ גרויסער ספק, צי נאָך דעם אַלעם וועט זיך אײַנגעבן זיי צו כאַפּן; און אויב אפילו יאָ, צי די אָרטיקע מאַכטן וועלן האָבן דאָס רעכט זיי צו פאַרהאַלטן אויף וויניציושס פּערזענלעכער פאָדערונג, וועלכע איז נישט באַשטעטיקט דורכן פּרעטאָר, אויף אַזאַ באַשטעטיקונג איז שוין אָבער קיין צײַט נישט געווען. פון זײַן זײַט, האָט זי וויניציוש נעכטן אַ גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט, פאַרקליידט פאַר אַ שקלאַף, איבער אַלע געסלעך פון שטאָט, ער האָט אָבער נישט געפינען דעם מינדסטן שפּור, די מינדסטע אָנווײַזונג. ער האָט אפילו באַגעגנט אוילוסעס מענטשן, אָבער יענע האָבן, דאַכט זיך, אויך עפּעס געזוכט. און דאָס האָט אים נאָך מער איבערצײַגט, אַז די אוילוסעס האָבן זי נישט אָפּגעשלאָגן און אַז זיי ווייסן אויך נישט, וווּ זי געפינט זיך.

דעריבער, ווען טערעזיאַש האָט אים געמאָלדן, אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש, וועלכער נעמט זיך אונטער זי צו געפינען, האָט ער וואָס שנעלער געאײַלט צו פּעטראָניוסן און קוים באַגריסנדיק זיך מיט אים, האָט ער גלײַך גענומען זיך פֿרעגן וועגן דעם מענטש.

— מיר וועלן אים באַלד זען — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — ער איז אַ באַקאַנטער עניצעס, וועלכע וועט באַלד אַרײַנקומען אײַנלייגן די פאַלדן פון מײַן טאָגע, זי וועט אונדז אויך געבן גענויערע ידיעות וועגן אים.

— די, וועלכע דו האָסט מיר נעכטן געוואָלט שענקען?

— די, פון וועלכער דו האָסט זיך נעכטן אָפּגעזאָגט, פאַר וועלכן איך בין דיר, איבעריקנס, זייער דאַנקבאַר, ווײַל זי איז די בעסטע „וועסטיפּליקאַ" אין גאַנץ רוים.

און טאַקע באַלד, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ענדיקן רעדן, איז די „וועסטיפּליקאַ" אַרײַנגעקומען און געמענדיק די טאָגע, וועלכע איז געלעגן אויף אַ העלפאַנט־ביין־געדעקטער שטול, האָט זי זי צעשפּרייט אום צו פאַרוואַרפן זי אויף פּעטראָני-

יוסעס אַקסלען, איר געזיכט איז געווען לויטער, שטיל און די אויגן האָט איר געשטראַלט פרייד.

פּעטראָניוס האָט אַ קוק געטון אויף איר און זי האָט זיך אים אויסגעוויזן זייער אַ שיינע. אין אַ מינוט אַרום, ווען זי האָט אים שוין געהאַט איינגעהילט אין דער טאָגע און גענומען גלייכלייגן די פאַלדן, אַראָפּבייגנדיק זיך אָפּט צוליב דעם, האָט ער דערזען, אַז אירע אָרעמס האָבן אַ פּרעכטיקן קאָליר פון ווייסע רויזן און איר ברוסט און פּלייצעס אַ לויטערן שיין פון פּערל-שטאָף, אָדער אַלבאַסטער.

— עניצע — האָט ער געזאָגט — צי איז דער מענטש, וועמען דו האָסט נעכטן געזאָגט צו רופן, געקומען?

— ער איז געקומען, האַר.

— ווי הייסט ער?

— כילאָן כילאָנידעס, האַר.

— ווער איז ער פאַר איינער?

— א רופא, אַ חכם און אַ טרעפער, וועלכער קען לעזן דאָס געשטעלטע מזל און פאָריסזאָגן די צוקונפט.

— ער האָט דיר אויך פאָרויסגעזאָגט דיין צוקונפט?

עניצע האָט זיך פאַררייטלט ביז איבער די אויערן און האַלדז.

— יאָ, האַר.

— וואָס האָט ער דיר פאָרויסגעזאָגט.

— אַז עס איז מיר באַשערט ווייטיק און גליק.

— ווייטיק האָסטו נעכטן געהאַט פון טערעזיאַשס האַנט, דאַרף דאָך אַלזאָ קומען דאָס גליק.

— עס איז שוין געקומען, האַר.

— וואָס פאַר אַ גליק?

זי האָט שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

— כ׳בין דאָ איבערגעבליבן.

פּעטראָניוס האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר גאָלדהאָריקן קאָפּ.

— האָסט היינט גוט איינגעלייגט די פֿאַלדן און כ'בין צופֿרידן פֿון דיר, עניצע.

איר אָבער זעענען פֿון דער באַרירונג די אויגן פֿאַרבלענדט געוואָרן מחמת גליק און איר ברוסט האָט זיך האַסטיק גענומען הייבן.

פּעטראָניוס און וויניציוש זענען אַריין אין אַטריום, וווּ עס האָט אויף זיי שוין געוואַרט כילאָן כילאָנידעס, וועלכער האָט זיי דערזען און זיך טיף פֿאַרנייגט.

פּעטראָניוס האָט איצט לייכט געשמייכלט ביים געדאַנק וועגן דעם חשד, וועלכן ער האָט געכטן געהאַט, אַז דערדאָזיקער מענטש איז אפשר עניצעס אַ געליבטער. דער מענטש, וועלכער איז איצט געשטאַנען פֿאַר זיי, האָט נישט געקענט זיין קיינעמס קיין געליבטער, אין דעמדאָזיקן משונהדיקן געשטאַלט איז געווען עפּעס אַ ־ נידערטרעכטיקס, אַ קאָמישס. ער איז נישט געווען אַלט. אין זיין פֿאַרוואַרלאָזטער באָרד און געקרייזלטע צעשויבערטע האָר פֿון פֿאָרנט האָט זיך באַמערקט אַ גרויסע האָר. דער בויך איז ביי אים געווען איינגעפֿאַלן, דער רוקן איינגעהויקערט אַזוי, אַז אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך געדוכטן, דאָס ער איז אַ הויקער און איבער דעמדאָזיקן הויקער האָט אַרויסגעשטאַרט אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ מאַלפּע פּנים, אין וועלכן עס איז אויך געווען פֿיל פֿוקסישעס, און אַן אַדורכדרינגע ענדיקער בליק. די געלע הויט פֿון זיין געזיכט איז געווען געשפּרינקלט מיט קרעצלעך און די נאָז זיינע, וועלכע איז געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט זיי, האָט עדות געזאָגט דערויף, דאָס ער האָט נישט פֿיינט דעם ביינערן טראָפּן. זיין פֿאַרוואָרלאָזטע קליידונג, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון אַ טונקעלן טוניק, געוועבט פֿון ציגן־האָר, און פֿון אויך אַזאַ צעפֿליקטן מאַנטל, האָט געוויזן אויף אמתער אָדער געמאַכטער אָרעמקייט. פּעטראָניוסן איז געקומען אויפֿן זינען, זעענדיק אים, האָמערס טערזיטעס און ענטפֿערנדיק מיט אַ האַנט־נייג אויף זיין באַגריסונג, האָט ער געזאָגט:

— זיי געגריסט, געטלעכער טערזיטעס! וואָס מאַכן דיינע ביילן, וועלכע אוליס ס האָט דיר אונטער טראָיאַ געמאַכט און וואָס מאַכט ער אַליין אויף די עליזעישע פֿעלדער?

— גרויסער האַר — האָט כילאָן כילאַנידעס געענטפערט — דער קליגסטער פון די טויטע, אוליסעס, שיקט איבער דורך מיר, דעם קליגסטן פון די לעבעדיקע, פּעטראָניוסן, אַ גרוס און אַ בקשה, ער זאָל פאַרדעקן מײַנע ביילן מיט אַ נײַעם מאַנטל.

— בײַ העקאַט טריפאָרמיס! — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן — דער ענטפער איז ווערט אַ מאַנטל?...

אָבער דער ווײַטערדיקער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם אומגעדולדיקן וויניציוש, וועלכער האָט גלײַך געפרעגט:

— צי ווייסטו קלאָר, וואָס דו נעמסט זיך אונטער?

— אין דער צײַט ווען צווײַ „פאַמיליאַס" פון צווײַ גרויס-אַרטיקע הײַזער רעדן נישט פון גאָרנישט אַנדערש, און נאָך זיי רעדט האַלב רוים דערפון, איז נישט שווער דאָס צו וויסן — האָט כילאָן געענטפערט. — נעכטן באַנאַכט האָט מען אָפּגעשלאָגן אַ מיידל מיטן נאָמען ליגיע, אָדער ריכטיקער קאַלינאַ, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן בײַ אויליוס פּלויציוס אין הויז און וועלכע, דײַנע שקלאַפן, אָ האַר, האָבן איבערגעפירט פון צעזאַרס פּאַלאַץ צו דײַן „אינסול", און איך נעם זיך אונטער אויסצוגעפינען זי אין שטאָט, אָדער אויב זי האָט שוין פאַרלאָזט די שטאָט, וואָס ס'איז גרײַלעך געמאָלט, אָנצוווײַזן דיר, איידלמוטיקער טריבון, וווהין זי איז אַנטלאָפן און ווו זי איז פאַרבאָרגן.

— גוט — האָט וויניציוש, וועמען ס'איז געפעלן געוואָרן די קלאָרקייט פון ענטפער, געזאָגט — וואָס פאַר אַ מיטלען האָסטו דערצו?

כילאָן האָט כיטרע אַ שמייכל געטון;

— מיטלען האָסטו, האַר. איך האָב בלויז שכל.

פּעטראָניוס האָט אויך אַ שמייכל געטון, דען ער איז אינגאַנצן צופרידן געווען פון זײַן גאַסט.

— דערדאָזיקער איז מסוגל אויסצוזוכן דאָס מיידל — האָט ער אַ טראַכט געטון.

דערווייל האָט וויניציוש צונויפגעצויגן זײַנע צונויפגעוואַקסענע ברעמען און געזאָגט:

— שלעפער דו, אויב דו נאַרסט מיך נאָר צוליב פאַרדינסט, וועל איך דיך הייסן ממית׳ מיט שטעקנס.

— איך בין אַ פילאָזאָף, האַר, און אַ פילאָזאָף קען נישט זיין גיריק אויף קיין געלט, איבערהויפּט אויף אַזאַ געלט, ווי דו זאָגסט גרויסמוטיק צו.

— אַך, דו ביסט אַ פילאָזאָף? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט — עניצע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ רופא און אַ טרעפער. פונוואַנען קענסטו עניצען?

— זי איז געקומען צו מיר נאָך אַן עצה, דען מיין רום איז דערגאַנגען צו אירע אויערן.

— וואָס פאַר אַן עצה האָט זי געוואָלט?

— צו ליבע, האַר. זי האָט זיך געוואָלט אויסהיילן פון האָפנונגסלאָזער ליבע.

— און האָסט זי אויסגעהיילט?

— כ׳האָב נאָך מער געטון, האַר, כ׳האָב איר געגעבן אַ קמיע, וועלכע פאַרזיכערט צו ווערן צוריקגעליבט. אין פּאַפאָס, אויפן ציפּערן-אינדזל, איז פאַראַן אַ טעמפּל, אַ האַר, אין וועלכן עס איז באַהאַלטן ווענעראַס גאַרטל... האָב איך איר געגעבן צוויי פעדעם פון דער גאַרטל פאַרמאַכט אין אַ מאַנדל-שאָל.

— און האָסט זיך געהייסן דערפאַר גוט באַצאָלן?

— פאַר קעגנליבע קען מען קיינמאָל נישט גענוג באַצאָלן און אַזוי ווי עס פעלן מיר צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט קלויב איך געלט אויף צו קויפן זיך אַ שקלאַף-סקריבע, וועלכער זאָל מיר פאַרשרייבן מיינע געדאַנקען און פאַראייביקן מיין לערע פאַר דער וועלט.

— צו וועלכער שול געהערסטו, געטלעכער חכם?

— כ׳בין אַ ציניק, האַר, ווייל כ׳האָב אַ צעריסענעם מאַנטל, כ׳בין אַ סטאָיקער, ווייל כ׳פאַרטראָג געדולדיק מיין נויט און כ׳בין אַ פעריפּאַטעטיק, ווייל נישט פאַרמאָגנדיק קיין לעקטיקע, גיי איך צופוס פון ווייַנשענק צו ווייַנשענק און איבערן וועג לערן איך די יעניקע, וועלכע זאָגן מיר צו צו באַצאָלן פאַר אַ קרוג וויין.

— אוןביים קרוג ווערסטו אַ רעטער?

— העראַקליט האָט געזאָגט: „אַלץ פליסט“, און צי דען קענסטו לייקענען, האַר, אַז וויין איז אַ פליסיקייט?

— ער האָט אויך געלערנט, אַז פייער איז — גאָטהייט, און די גאָטהייט פלאַמט איצט אויף דיין נאָז.

— און דער געטלעכער דיאָגענעס האָט אונדז געלערנט, אַז דער מהות פון אַלע זאַכן איז לופט; און וואָס וואַרעמער די לופט איז, אַלץ בעסערע זאַכן בילדעט זי; און פון גאָר דער וואַרעמסטער לופט אַנטשטייען די נשמות פון געלערטע. און אַזוי ווי האַרבסט-צייט הייבט אָן קאַלט ווערן, ערגאָ, דאַרף אַן אמתער חכם דערוואַרעמען זיין נשמה מיט וויין... וואַרים, דו קענסט דאָך אויך נישט לייקענען, האַר, אַז אפילו דער דינסטער קרוג פון לעבן קאַפּאַ, אָדער טעלעזי, מאַכט וואַרעם אין אַלע ביינער פון נישטיקן מענטשלעכן קערפּער.

— וווּ איז דיין פאָטערלאַנד, כּילאָן כּילאָנידעס?

— ביי פּאָנט-אוקסין. איך שטאַם פון מעזעמבריאַ.

— כּילאָן, ביסט גרויס!

— און באַרימט! — האָט דער חכם מעלאַנכאָליש צוגעגעבן.

וויניציוש איז אָבער ווידער אומגעדולדיק געוואָרן. צוליב דער האָפענונג, וועלכע האָט איצט פאַר אים אַ שיין געטון, האָט ער געוואָלט, אַז כּילאָן זאָל שוין אָנהייבן עפּעס טון און דער גאַנצער שמועס האָט זיך אים אויסגעוויזן נאָר, ווי אַן איבעריקער צייט-פאַרליר, צוליב וועלכן ער איז בייז געווען אויף פּעטראָניוסן.

— ווען הייבסטו אָן דאָס זוכן? — האָט ער, ווענדנדיק זיך צום גריך, געפרעגט.

— כ'האָב עס שוין אָנגעהויבן — האָט כּילאָן געענטפערט — און אין דער צייט, ווען איך שטיי דאָ און ענטפער אויף דיינע העפלעכע שאלות, זוך איך אויך. האָב נאָר צוטרויען, איידעלער טריבון, און וויסן זאָלסטו, אַז ווען עס זאָל דיר פאַרלוירן ווערן אַ בענדל פון שיך, וואָלט איך זיך אונטערגענומען עס אויפצוזוכן,

אָדער לכל הפחות דעם, וועלכער האָט עס אויף דער גאַס אויפגעהויבן.

— צי האָסטו שוין חען וועמען געדינט מיט אַזעלכע זאַכן? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

דער גריך האָט הויך געגלאָצט מיט די אויגן.

— צו נידעריק שעצט מען היינט די זיטלעכקייט און די חכמה, אַז אפילו אַ פילאָזאָף זאָל נישט געצווּנגען זיין צו זוכן זיך אַנדערע מיטלען צום לעבן.

— וואָס פאַר אַ מיטלען זענען דיינע?

— וויסן אַלץ און דינען מיט נייעסן די, וועלכע פאַרלאַנגען עס.

— און וועלכע באַצאָלן דערפאַר?

— אַך, האַר, כ'מוז מיר קויפן אַ שרייבער, אויב נישט, וועט מיין חכמה שטאַרבן מיט מיר צוזאַמען.

— אויב דו האָסט נאָך ביז היינט נישט אָנגעקליבן געלט אויף אַ גאַנצן מאַנטל, מוזן דיינע פאַרדינסטן זיין זייער נישט קיין געהויבענע.

— די באַשיידנהייט שטערט מיר זיי אויסצונוצן. אָבער דערמאַן זיך, האַר, אַז היינט איז שוין נישטאָ אַזעלכע גוטע לייט, ווי ס'איז אַמאָל געווען און וועמען ס'איז אַזוי ליב געווען צו באַשיטן מיט גאָלד אַ פאַרדינסט, ווי אַראָפּצושלינגען אַן אויסטער פון פוטעאָלאַ. נישט מיינע פאַרדינסטן זענען קליינע, נאָר די מענטשלעכע דאַנקלעכקייט איז קליין. אַז עס אַנטלויפט אַמאָל אַ טייערער שקלאַף, ווער זוכט אים אויף, אויב נישט מיין פאָטערס איינציקער זון? אַז אויף די מויערן באַווייזן זיך בייזוויליקע אויפשריפטן אויף דער געטלעכער פאָפּעאַן, ווער ווייזט אָן אויף די שולדיקע? ווער קריגט אַרויס פון די בוכהענדלער די לידער אויפן צעזאַר? ווער גיט איבער, וואָס עס ווערט גערעדט אין די הייזער פון די סענאַטאָרן און ריטער? מיט וועמען שיקט מען איבער בריוו, וועלכע מען וויל די שקלאַפן נישט געטרויען? ווער האָרכט אונטער בייעס אונטער די טירן פון די פריזירער? פאַר וועמען האָבן די שענקער און די בעקער נישט קיין סודות? צו וועמען האָבן די שקלאַפן

צוטרי? ווער קען אדורכקוקן יעדעס הויז דורך און דורך פון אָב־ריום ביזן גאָרטן? ווער קען אַלע געסלעך, הינטערגעסלעך, באַהעלטעניש? ווער חייסט, וואָס מ׳רעדט אין די טערמען, אין צירק, אויף די מערק, אין די גליאַדאַטאָרן־שולן, אין די ווערקשטאַטן, ביי די שקלאַפן־הענדלער און אפילו אין די אָרענאַריען?...

— ביי די געטער! גענוג, איידעלער חכם! — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן — מיר וועלן דאָך דערטרינקען ווערן אין דיינע פאַרדינסטן, זיטן, חכמה און שפּראַך. גענוג! מיר האָבן געוואָלט וויסן, ווער דו ביסט, און מיר ווייסן שוין!

וויניציוש אָבער איז צופרידן געווען, ווייל ער האָט זיך געטראַכט אַז דערדאָזיקער מענטש וועט, ווי אַ שפּור־הונט, וועלכער איז איינמאָל געקומען אויף אַ שפּור, נישט אָפּשטיין, ביז ער וועט אויסגעפינען דאָס באַהעלטעניש.

— גוט — האָט ער געזאָגט — צי דאַרפסטו פּפעס אָנ־הייזונגען?

— כ׳דאַרף געווער.

— וואָס פאַר אַ געווער? — האָט וויניציוש געפרעגט.

דער גריך האָט אונטערגעשטעלט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער געמאַכט אַ זשעסט פון געלט ציילן.

— אַזעלכע צייטן זענען שוין היינט, האַר — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ.

— וועסטו, הייסט עס, זיין אַן אייזל — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — וועלכער נעמט איין אַ פעסטונג מיט דער הילף פון זעק גאָלד.

— איך בין בלויז אַן אָרימער פילאָזאָף, האַר — האָט כילאָן עניוותדיק געזאָגט — און גאָלד האָט איר.

וויניציוש האָט אים אַ וואַרף געטון אַ בייטל, וועלכן דער גריך האָט אונטערגעכאַפּט אינדערלופטן, כאָטש עס האָט אים געפעלט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט.

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— האַר, כ׳ווייס שוין איצט מער, ווי דו ריכסט זיך. כ׳בין נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. כ׳ווייס, אַז נישט די אוילו־

סעס האָבן צוגערויבט דאָס מיידל, וואָרים כ׳האָב שוין געדעדט מיט זייערע דינסט-לייט. כ׳ווייס, אַז זי איז נישטאָ אין פּאַלאַטין, ווי אַלע זענען פאַרנומען מיט דער קראַנקהייט פון דער קליינער אויגוסטין און כ׳ווייס אפשר אויך, פאַרוואָס איר ווילט גלייכער זוכן דאָס מיידל מיט מיין הילף, איידער מיט דער הילף פון די וויגילן און דעם צעזאַרס זעלנער. כ׳ווייס, אַז צוגעהאָלפן איר אַנטלויפן האָט אַ דינער, וועלכער שטאַמט פון דעמזעלבן לאַנד, וואָס זי. קיין הילף פון שקלאַפן האָט ער נישט געקענט באַקומען, וואָרים די שקלאַפן, וועלכע האַלטן זיך אַלע איינס, וואָלטן אים נישט צוגעהאָלפן לרעות דיינע שקלאַפן. אים האָבן נאָר געקענט העלפן זיינע גלויבנס-אָנהענגער...

— הער, וויניציוש — האָט פּעטראָניוס אים איבערגעריסן — צי האָב איך דיר נישט פונקט דאָס זעלבע געזאָגט.

— דאָס איז אַ כבוד פאַר מיר — האָט כילאָן געזאָגט. — דאָס מיידל, האַר, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך ווידער צו וויניציושן — דינט געוויס צום זעלבן גאָט, וואָס די איידלסטע פון אַלע רוימעריננס, די עכטע מאַטראָנאַ סטאַלאַטאַ, פּאָמפּאָניע. כ׳האָב אויך געהערט וועגן דעם, אַז פּאָמפּאָניע איז געמשפּט געוואָרן אין איר הויז פאַר גלויבן עפּעס אין פרעמדע געטער, כ׳האָב אָבער נישט געקענט זיך דערוויסן פון אירע דינער, וואָס פאַר אַ געטער דאָס זענען און ווי אַזוי מ׳רופט זייערע גלויבנס-אָנהענגער. ווען איך וואָלט דאָס געוווּסט, וואָלט איך צו זיי אַוועק, וואָלט געוואָרן דער פרומסטער צווישן זיי און וואָלט מיר דערוואָרבן זייער צו-טרוי. אָבער דו, האַר, וועלכער האָסט, ווי איך ווייס, אויך פאַר-בראַכט היפּשע עטלעכע טעג אין הויז פונעם איידעלען פּלויציוס, צי קענסטו מיר געבן וועגן דעם עפּעס אַ ידיעה?

— ניין — האָט וויניציוש געענטפערט.

— איר האָט מיך אויסגעפרעגט פיל פאַרשידענע זאַכן, איידעלע האַרן, און איך האָב געענטפערט אויף אַלע אייערע שאלות, דערלויבט זשע מיר אויך עפּעס צו פרעגן. צי האָסטו נישט געזען, גרויסמוטיקער טריבון, קיין שום געצלעך, קיין שום קרבנות, צייכנס, קמיעות אויף פּאָמפּאָניען, אָדער אויף דער געט-

לעכער ליגיען? צי האסטו נישט געזען, אז זיי זאלן צייכענען צווישן זיך אזעלכע סימנים, פארשטענדלעכע נאר פאר זיי?

— סימנים?... ווארט נאר!... יא! איך האב איינמאל געזען, ווי ליגיע האט אנגעצייכנט אויפן זאמד א פיש.

— א פיש? אא! אאא! צי האט זי דאס איין מאל געמאכט, צי עטלעכע מאל?

— איין מאל.

— און צי ביסטו זיכער, מיין האר, אז זי האט אנגעצייכנט... א פיש? אא!...

— יא! — האט געענטפערט דער פארינטערעסירטער וויניציוס. — צי ווייסטו, וואס דאס באדייט?

— צי איך ווייס! — האט אויסגערופן כיליאן.

און פארנייגנדיק זיך אלס צייכן פון געזעגענען, האט ער צוגעגעבן:

— זאל די פארטונע אייך צו גלייך באשיינקען מיט אירע אלע רייכטימער, מיינע הויכגעשעצטע הארן.

— הייס זיך געבן דעם מאנטל — האט אים בעזאגט פעטראניוס באם אוועקגיין.

— אוליסעס דאנקט דיר פאר טערסיטעסן — האט געענטפערט דער גריך.

און פארנייגנדיק זיך נאכאמאל, איז ער ארויסגעגאנגען.

— וואס וועסטו זאגן וועגן דעם נאבעלן פילאזאף? — האט פעטראניוס געפרעגט וויניציוסן.

— איך קען זאגן, אז ער וועט ליגיען געפינען! — האט מיט פרייד אויסגערופן וויניציוס — אבער איך וועל זאגן אייך דאס, אז ווען עס וואלט עקזיסטירן א מלוכה פון ארויסדרייען, וואלט ער געקענט זיין קייזער אין דער מלוכה.

— אן צווייפל. איך מוז מיט דעם סטאיקער זיך נענטער בעקענען, נאר דערווייל וועל איך הייסן אויסרויכערן מיט ווייריך נאך אים דעם אטריום.

און כילאָן כילאָנידעס, איינהילנדיק זיך אין זיין נייעם מאַנטל, האָט אונטער זיינע פאַלדן אונטערגעפּאַטשט דעם בייטל גאָלד, וועלכן ער האָט פון וויניציושן באַקומען און געקוויקט זיך מיט דער שווערקייט, ווי אויך מיטן קלאַנג דערפון. גייענדיק געלאַסן און אומקוקנדיק זיך, צי מ'קוקט אים נישט נאָך פון פּעטראָניוסעס הויז, איז ער פאַרביי דעם ליוויער פּאָרטיק און צוקומענדיק צום עק קליוווס ווירביוס, האָט ער פאַרקירעוועט צו סובור.

— מ'דאַרף גיין צו ספּאָרוסן — האָט ער צו זיך געזאָגט — און אויסגיסן אַ ביסל ווייַן פאַר דער פאָרטונאַ. ענדלעך האָב איך געפינען דאָס, וואָס כ'האָב שוין לאַנג געזוכט. דער יונגערמאַן איז אַ היציקער און אַ פרייגעביקער, ווי די גרובן פון ציפּער, און פאַר דער דאָזיקער ליגישער מאָן-קעפּל איז ער גרייט אַוועקצוגעבן אַ האַלב פאַרמעגן. אָט אַזוי, אַזעלכן האָב איך שוין טאָקע לאַנג געזוכט. מ'דאַרף אָבער זיין מיט אים פאָרזיכטיק, וואָרים זיין צונויפצויען די ברעמען זאָגט גאָר קיין גוטס נישט פאַר. אַך! קליינע וועלפעלעך רעגירן היינט איבער דער וועלט!... פאַר דעם פּעטראָניוסן וואָלט איך שוין ווייניק מורא געהאַט. אָ, געטער! גנבה ווערט דאָך היינט בעסער באַלוינט, ווי מעשים טובים. האַ! אַ פיש האָט זי דיר געצייכנט אויפן זאַמד? זאָל איך זיך דערשטיקן מיט אַ שטיקל ציגן-קעזל, אויב איך הייב אָן צו וויסן, וואָס דאָס איז! אָבער איך וועל וויסן! נאָר אַזוי ווי פיש לעבן אין וואַסער, און זוכן אין וואַסער איז דאָך שווערער, ווי אויף דער יבשה, ערגאָ, וועט ער מיר פאַר דעם פיש באַזונדער באַצאָלן. נאָך איין בייטל אַזעלכער און כ'וואָלט שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו וואַרפן מיינע בעטלערישע שמאַטעס און קויפן זיך אַ שקלאַף... און וואָס וואָלסטו נאָך, כילאָן, געזאָגט דערצו, ווען איך וואָלט דיר בעעצהט, זאָלסט דיר קויפן, נישט קיין שקלאַף, נאָר אַ שקלאַפין?... כ'קען דיך! כ'ווייס. אַז דו באַשטייסט אויף דעם!... אויב זי וועט זיין אַזוי שיין, ווי, למשל, עביצע, וועסטו לעבן איר אַליין אויך יינגער ווערן און וועסט נאָך אַ חוץ דעם האָבן פון איר אַן ערלעכע, זיכערע הכנסה. כ'האָב דער אָרימער

שניצען פאַרקויפט צווײ פעדעם פון מײן אַלטן מאַנטל... זי איז זײער נאַריש, אָבער ווען פעטראָניוס וואָלט זי מיר אַוועקגעשענקט, וואָלט איך זי גענומען... יאָ, יאָ, כײלאָן דער זון פון כײלאָן... האָסט נישט קײן פאָטער, נישט קײן מוטער!... ביסט אַ יתום, קויף זשע דיר אַ שקלאַפין, זאָלסט כאָטש האָבן אַ שטיקל נחמה. זי וועט אפילו מוזן האָבן וווּ צו וווינען, וועט איר ווינציוש דינגען אַ דירה, אין וועלכער דו וועסט זיך שוין אויך אַרײַנשטופן ווי עס איז; זי וועט מוזן האָבן וואָס אָנצוטון, וועט שוין ווינציוש באַצאָלן פאַר אירע קלײדער; זי וועט מוזן עסן, נו, וועט ער טאַקע זי שוין שפּײזן. אַך, וואָס פאַר אַ שווער לעבן! ווו זענען שוין די צײַטן, ווען פאַר אַן אָבאָל האָט מען באַקומען אַזוי פיל באָב מיט שמאַלץ, וויפיל עס האָט געקענט אַרײַן אין בײדע הענט, אָדער אַ שטיק ציגן-קישקע געפילט מיט בלוט, אַזוי לאַנג, ווי דער אָרעם פון אַ צוועלף יעריק יונגל!... אָט איז שוין דער גנב, ספּאָרוס! אין שענק איז אַמבעסטן עפּעס געוווּיר צו ווערן.

דאָס זאָגנדיק איז ער אַרײַן אין שענק און האָט זיך געהײסן דערלאַנגע אַ קרוג „טונקעלן“, זעענדיק אָבער דעם ברוגזן קוק פונם בעל-הבית, האָט ער אַרויסבאַקומען עטלעכע גאָלדענע מטבעות פונם בײטל און, אַרויפלײגנדיק זײ אויפן טיש, האָט ער געזאָגט:

— ספּאָרוס, כ'האָב הײַנט געאַרבעט פון פרימאָרגן אָן ביז איבערמיטן טאָג מיט מײן פּײַנט סענעקאָן און אָט וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג.

ספּאָרוסעס קײלעכדיקע אויגן זענען, זעענדיק דאָס געלט, נאָך קײלעכדיקער געוואָרן און באַלד איז לעבן כײלאָנען געשטאַנען אַ קרוג ווײַן און דער לעצטער האָט, אײַנזופּנדיק אַ פינגער אין ווײַן, אויפגעצײכנט אַ פיש אויפן טיש און געזאָגט:

— ווײסט, וואָס דאָס באַדײַט?

— אַ פיש? נו, אַ פיש איז אַ פיש!

— ביסט אַ נאַר, כאָטש דו גיסט צו אַזוי פיל וואַסער צום ווײַן, אַז אַ פיש וואָלט דאָרט קענען לעבן — דאָס איז אַ סימבאָל, וועלכער באַדײַט אויף דער שפּראַך פון די פילאָזאָפן: אַ

שמייכל פון פאָרטונא. ווען דו וואָלסט עס געטראָפן וואָלסטו אפשר אויך געמאַכט פאָרטונא. האָב דרך־ארץ פאַר דער פילאָזאָפיע, זאָג איך דיר, וואָרים אויב ניט, וועל איך זיך אויסזוכן אַן אַנדערע וויין־שענק, וועלכע מיין פערזענלעכער פריינט פעטראָניוס עצהט עס מיר שוין לאַנג צו טאָן.

XIV.

עטלעכע טעג האָט זיך כילאָן איינגאַנצן נישט געוויזן, חיי־ניציוש, וואָס האָט פון דער צייט אָן, וואָס ער איז געוויר געוואָרן פון אַקטען, אַז ליגיע האָט אים ליב געהאַט, נאָך מער געלעכצט זי צו געפינען, האָט איצט אָנגעהויבן זי זוכן אויף אייגענער אחריות, נישט ווילנדיק און נישט קענענדיק אָנקומען נאָך הילף צום צעזאַר, וועלכער איז איצט אין שרעק, צוליב דעם געזונט־צו־שטאַנד פון דער קליינער אויגוסטין.

און עס האָבן נישט געהאָלפן די קרבנות, וועלכע מ׳האָט מקריב געווען אין די טעמפּלען, די תפילות און צערעמאָניעס, ווי אויך די מעדיציניש קונסט און אַלע כּישוף מיטלען, צו וועלכע מ׳האָט זיך, סוף כּל סוף, געכאַפּט. אין אַ וואָך אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבן. אַ טרויער איז געפאַלן אויפן פּאַלאַץ און אויף רוים. דער צעזאַר, וועלכער איז שיִער משוגע געוואָרן פאַר פרייד, ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, איז איצט שיִער פון זינען אַראָפּ אויס פאַרצווייפלונג, און פאַרמאַכנדיק זיך באַזונדער, האָט

ער צווי טעג נישט געוואָלט עסן אפילו, און כאָטש אין פּאַלאַץ האָט געווימלט פון סענאַטאָרן און ריטער, וועלכע זענען געקומען ארויסווייזן זייער טרויער און מיטגעפיל, האָט ער קיינעם נישט געוואָלט זען. דער סענאַט האָט זיך צונויפגעקליבן אויף אַן אויסערגעוויינטלעכער זיצונג, אויף וועלכער דאָס פאַרשטאָרבענע קינד איז דערקלערט געוואָרן אַלס געטין, ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו בויען אַ טעמפּל און באַשטימען פאַר איר אַ ספּעציעלן גייסטלעכן. אויך אין די איבעריקע טעמפּלען האָט מען לכבוד דער פאַרשטאָרבענער מקריב געווען קרבנות, מ'האָט אויסגעגאָסן אירע סטאַטועס פון די טייערסטע מעטאַלן און די לוויה איז געווען אַ גראַנדיעזע פייערלעכקייט, בשעת וועלכער דאָס פאָלק האָט באַוואונדערט דעם געוואַלטיקן אויסדרוק פון טרויער, וועלכן דער צעזאַר האָט ארויסגעוויזן, געוויינט מיט אים צוזאַמען, געשטריקט די הענט נאָך די פאַרשידענע מתנות און דער עיקר געפריידט זיך מיט דער אויסערגעוויינטלעכער פאַרשטעלונג.

פּעטראָניוסן האָט דערדאָזיקער טויט באַאומרויִקט. גאַנץ רוים האָט שוין געוווּסט, אַז פּאָפּעאַ האַלט דאָס געשעעניש פאַר אַ כישוף. עס האָבן זי דערין אונטערגעשטיצט אויך די רופאים, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן באַרעכטיקט זייערע אומזיסטע באַמיונגען, און די גייסטלעכע, וועמענס צערעמאָניעס עס האָבן, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, נישט געהאָלפן, און אָפּשפּרעכער, וועלכע האָבן געציטערט פאַר זייער לעבן; און ענדלעך דאָס פאָלק. פּעטראָניוס איז שוין איצט צופרידן געווען, וואָס ליגיע איז אַנטלאָפן. נאָר אַזוי ווי ער האָט פונדעסטוועגן נישט געווונטשן אוילוסן קיין שלעכטס און זיך און ווינעציושן האָט ער געווונטשן גוטס, דעריבער, ווען מ'האָט שוין אַוועקגענומען דעם ציפּריס, וועלכער איז אַלס צייכן פון טרויער געווען פאַרן פּאַלאַטין, איז ער אַוועק אויף דעם אויפנאַם, וועלכער איז באַשטימט געווען פאַר סענאַטאָרן און אויגוסטינער, כדי זיך צו איבערצייגן, אויף וויפיל נעראָן איז געניייגט צו די קלאָגנען וועגן כישוף און כדי צו פאַרהיטן פאַר די פאָלגן, וואָס קענען פון דעם ארויסקומען.

קענענדיק נעראָנען, האָט ער אפילו גערעכנט, אַז כאָטש

ער גלייבט נישט אין כישוף, וועט ער דאָן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער גלייבט, כדי צו פאַרטומלען זיין אייגענעם שמערץ און, אים צו קענען זיך אין וועמען עס איז נוקם זיין און ענדלעך, כדי נישט צו דערלאָזן צום געדאַנק אַז די געטער הייבן אים אָן שטראָפן פאַר זיינע פאַרברעכנס. פעטראָניוס האָט נישט געגלייבט, אַז דער צעזאָר איז פעיק אמתדיק און טיף צו ליבן אפילו זיין אייגן קינד. כאָטש ער האָט עס הייס געליבט, איז ער פינדויסטוועגן זיכער געווען, אַז ער וועט פאַזירן מיט זיין ווייטיק. און ער האָט טאַקע נישט קיין טעות געהאַט. נעראָן האָט געהאָרכט די טרייסט־ווערטער פון די סענאַטאָרן און ריטער מיט אַ פאַרשטיינערט גע־זיכט, קוקנדיק שטאַר אין איין פונקט; און ס'איז קענטיק געווען אַז אויב ער ליידט אפילו, טראַכט ער אָבער גלייכצייטיק וועגן, דעם, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ליידן מאַכן אויף די אַרומיקע; ער האָט פאָזירט איצט אַלס ניאָבע, געבנדיק אַ בילד פון עלטערן־שמערץ, ווי אַ קאָמעדיאַנט וואָלט עס געטון אויף דער סצענע. ער האָט אפילו נישט געקענט זיין אויסגעהאַלטן אין זיין שווייגנ־דיקן, מכלומרשט פאַרשטיינערטן שמערץ, דען ער האָט יעדע מינוט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געשיט זאַמד אויפן קאָפ און טיילמאָל האָט ער פאַרשטיקט געקרעכצט. דערזעענדיק אָבער פעטראָניוס, האָט ער זיך אַ ריס געטון און האָט מיט אַ טראַגישער שטים געגומען רופן הויך, אַז אַלע זאָלן אים הערן:

— עהעאַ!... דו ביסט אויך שולדיק אין איר טויט! לויט דיין עצה האָט זיך דאָ אַריינבאַקומען דער שלעכטער גייסט, וועלכער האָט מיט איין בליק אויסגעזויגן דאָס לעבן פון איר ברוסט... וויי מיר! גלייכער וואָלטן מיינע אויגן מער נישט געזען דאָס ליכט פון העליאָסן.. וויי מיר! עהעאַ! עהעאַ!...

און אויפהייבנדיק וואָס אַמאָל העכער זיין שטים, האָט ער אָנגעהויבן פאַרצווייפלט שרייען, פעטראָניוס אָבער האָט, כּהרף עין, באַשלאָסן צו שטעלן אַלץ אין קאָן, און אויסציענדיק די האַנט, האָט ער שנעל אַ ריס אַראָפ געטון דאָס זיידענע טיכל, וועלכעס נעראָן האָט שטענדיק געטראָגן אויפן האַלדז און עס אים אַרויפגעלייגט אויפן מויל.

— הצר! — האָט ער ערנסט אויסגערופן — פאַרבריען רוים און די גאַנצע וועלט פאַר צער, נאָר לאָז אונדז איבער דיין שטים!

אַלע זענען נשתומם געוואָרן, אויך נעראָן אַליין איז פאַרבליפּט געוואָרן, בלויז פּעטראָניוס איז געבליבן קאַלטבלוטיק. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס ער טוט. ער האָט דאָך גוט געדענקט, אַז טערפּנאָס און דיאָדאָר האָבן, כדי צו פאַרהיטן, אַז זי זאָל נישט באַשעדיקט ווערן, באַקומען פּשוט אַ באַפעל, צו פאַרשטאָפּן דעם צעזאַר דאָס מויל, ווען ער וועט צו הויך אויפהייבן די שטימע.

— צעזאַר — האָט ער ווייטער גערעדט, מיט דעמזעלבן ערנסט און אומעט, — מיר האָבן געליטן אַזאַ מוראדיקן שאָדן, זאָל אונדז כאָטש דערדאָזיקער אוצר פון טרייסט בלייבן!

נעראָנס געזיכט האָט אַ ציטער געטון און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אים אָנגעהויבן גיסן טרערן פון די אויגן, פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן פּעטראָניוסעס אַקסל און, אַרלייגנדיק דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, האָט ער יאָמערנדיק גערעדט:

— דו איינער האָסט געדענקט וועגן דעם, קיינער נישט, נאָר דו! פּעטראָניוס! דו איינער!

טיגעליגוס איז געל געוואָרן פון קנאה — און פּעטראָניוס האָט ווייטער גערעדט:

— פאָר אין אַנציום! דאָרט איז זי אויף דער וועלט געקומען, דאָרט ביסטו באַגליקט געוואָרן, דאָרט וועסטו אויך אַ טרייסט געפינען. זאָל דיין געטלעכער האַלדז זיך דערפרישן מיט דער ים-לופט, זאָל דיין ברוסט אָטעמען מיט דער געזאַלצענער פייכטקייט. מיר, געטרייע, וועלן דיר אומעטום נאָכגיין, און בשעת מיר וועלן דיין ווייטיק שטילן מיט אונדזער פריינטשאַפט, וועסטו אונדז דערוויגן מיט דיין געזאַנג.

— יאָ! — האָט נעראָן טרויעריק געענטפערט — כ'וועל אָנשרייבן אַ הימן לכבוד איר, כ'וועל פאַרפאַסן צו אים מוזיק.

— און דערנאָך וועסטו פאָרן נאָך וואַרעמער זון קיין באַיאַ.

— דערגאַך אויף אָפּרו אין גריכנלאַנד.

— אינם געבורטס-לאַנד פון פּאָעזיע און געזאַנג!

און די האַרטע, פינסטערע שטימונג איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן, ווי עס פאַרשווינדן די וואָלקנס, וועלכע פאַרדעקן די זון. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס, מכלומרשט נאָך אַן אומעטיקס, אָבער שוין פיל מיט פּלענער אויף להבא, וועגן רייזעס, קינסטלערישע אַרויסטרעטונגען און אפילו אויפנאַמען, וואָס האָבן זיך שוין פאַרויסגעזען צוליב דעם קונפטיקן אָנקומען פון דעם אַרמענישן קעניג טירידאַט. טיגעלינוס האָט אפילו נאָך איינמאָל געפּרוווט דערמאָנען וועגן כישוף, אָבער פּעטראָניוס, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרצוג, האָט צו אים העזהדיק געזאָגט:

— טיגעלינוס, צי רעכנסטו, אַז כישוף קען שאַטן די געטער אויך?

— דער צעזאַר אַליין האָט גערעדט וועגן כישוף. — האָט דער הויף־מאַן געענטפערט.

— דער שמערץ האָט גערעדט, נישט דער צעזאַר, אָבער דו, וואָס איז דיין מיינונג וועגן דעם?

— די געטער זענען צו מעכטיק, אום כישוף זאָל זיי קענען שאַטן.

— האָסטו אַלזאָ בדעה צו לייקענען אין דער געטלעכקייט פונעם צעזאַר און זיין הויזגעזינט?

— פּעראַקטום עסט! — האָט עפּריוס מאַרצעלוס, וועלכער איז דערלעבן געשטאַנען, אַ זאָג געטאָן דעם אויסרוף פון המון, ווען אַ גלאַדיאַטאָר אויף דער אַרענע באַקומט מיט איינמאָל אַזאַ טויט־קלאַפּ, אַז מען דאַרף אים שוין נישט דערשלאָגן.

טיגעלינוס האָט דערשטיקט אין זיך דעם כעס. צווישן אים און פּעטראָניוסן האָט זיך שוין לאַנג געפירט אַ קאָנקורענץ בנוגע נעראָנען. און טיגעלינוס האָט געהאַט תמיד פאַרצוג דערפאַר, וואָס פאַר אים האָט נעראָן ווייניקער, אָדער ריכטיקער, גאָרנישט בעשעמט זיך, ביז פּעטראָניוס האָט, וויפיל מאָל זיי האָבן זיך באַגעגנט, אים מנצח געווען מיט זיין פאַרשטאַנד און וויץ.

אַזוי איז אויך איצט געווען. טיגעלינוס איז אַנטשוויגן

געוואָרן און האָט זיך נאָר גוט אין זינען אַריינגענומען די סענאַטאָרן און ריטער, וועלכע האָבן, בשעת פּעטראָניוס איז אַרויף ווייטער אין זאַל אַריין, אים אַרומגערינגלט, דענקענדיק, אַז נאָכדעם, וואָס עס איז דאָ געשען, וועט ער שוין באַשטימט זיין דער ערשטער יועץ פונם צעזאַר.

פּעטראָניוס אָבער איז אַרויס פון פּאַלאַץ און אַוועק צו וויניציוסן, און דערציילנדיק אים די מעשה מיטן צעזאַר און טיגעלינוסן, האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב אָפּגעווענדט די סכנה, נישט נאָר פון אוילוס פּלויציוס און פון פּאָמפּאָניען, און אַגב אויך פון אונדז ביידן, נאָר אין איינוועגס שוין אויך פון ליגיען, וועלכע זיי וועלן שוין נישט זוכן שוין בלויז דערפאַר, וואָס כ'האָב איינגערעדט דער געלבבערדיקער מאַלפּע, ער זאָל אַוועקפאָרן אין אַנציום און פון דאָרט קיין נעאַפּאָליס, אָדער באַיאַע. און ער וועט פאָרן; וואָרים אין רוים האָט ער ביז היינט נישט דערוועגט זיך אַרויסצוטרעטן בפרהסיה אין טעאַטער, איך ווייס אָבער באַשטימט, אַז ער קלייבט זיך שוין לאַנג אַרויסצוטרעטן אין נעאַפּאָליס. ער פאַנטאַזירט אויך וועגן גריכנלאַנד, וווּ ער האָט חשק צו זינגען אין אַלע גרעסערע שטעט און דערנאָך, צוזאַמען מיט אַלע לאָרבער-קרענץ, וועלכע די „גראַעקולי" וועלן אים שענקען, מיט אַ טריומף-פּאַראַד אַריינפאָרן אין רוים. דערווייל וועלן מיר דורך דער צייט אומגעשטערט קענען זוכן ליגיען און זי אויסבאַהאַלטן אויף אַ זיכערן אָרט. נו, וואָס הערט זיך? אונדזער גרויסמוטיקער פילאָזאָף האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געוויזן.

— דיין גרויסמוטיקער פילאָזאָף איז אַ שווינדלער. ער איז נישט בעהצן, ער האָט זיך נישט געוויזן און ער וועט זיך נישט ווייזן!

— איך קען זיך שוין בעסער, אויב נישט אויף זיין ערלעכקייט, איז אויף זיין פאַרשטאַנד. אויב ער האָט נאָר איינמאָל געצאַפּט פון דיין געלט-בייטל, וועט ער שוין נאָכאַמאָל קומען, שוין צוליב דעם, כדי נאָכאַמאָל צו צאַפּן.

— ער מעג זיך היטן, איך זאָל אים קיין בלוט נישט צאַפּן.

— טו דאָס נישט; זיי געדולדיק מיט אים, ביז דו וועסט זיך נישט גרונטלעך איבערצייגן אין זיין שווינדלעריי. גיב אים מער נישט קיין געלט, נאָר דערפאַר זאָג אים צו אַ הויכע באַלוינונג, אויב ער וועט דיר ברענגען אַ זיכערע ידיעה. צי האָסטו בדעה אַליין אויך עפּעס צו טון?

— צוויי מיינע באַפרייטע שקלאַפן, נימפידיוס און דעמאַס, בראש פון זעכציק מאַן, זוכן זי. דעם פון זיי, וועלכער וועט זי געפינען, האָב איך צוגעזאָגט די פרייהייט. אויסערדעם האָב איך אַרויסגעשיקט מענטשן אויף אַלע וועגן, וועלכע פירן קיין רוים, זיי זאָלן זיך אויספרעגן אין די אכסניות וועגן אַ ליגיער מיט אַ מיידל. אַליין וואַנדער איך זיך טעג און נעכט אַרום איבער דער שטאָט, רעכענענדיק אויף אַ גליקלעכן צופאַל.

— אויב דו וועסט עפּעס נאָר געוווירע ווערן, זאָלסטו מיר געבן צו וויסן, וואָרים כ׳מוז פאָרן אין אַנציום.

— גוט.

— און אויב דו וועסט אַמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפשטייענדיק באַשליסן ביי זיך, אַז ס׳לוינט נישט צוליב איין מיידל אַזוי פיל צו ערגערן זיך און אַזוי זיך אומברענגען, זאָלסטו דאַן קומען אין אַנציום. דאָרט וועט נישט פעלן אי פרויען, אי פאַרגעניגען.

וויניציוש האָט גענומען אַרומשפּרייזן מיט שנעלע טריט. פּעטראָניוס האָט אים אַ צייט באַטראַכט, לסוף האָט ער געזאָגט:

— זאָג מיר ערלעך — נישט ווי קיין היץ־קאָפּ, וועלכער רעדט זיך אַליין עפּעס איין און היצט זיך אַליין אונטער, נאָר ווי אַ פאַרשטענדיקער מענטש, וועלכער ענטפערט זיינעם אַ פריינט: צי דו בענקסט טאַקע תמיד אַלץ נאָך דערדאָזיקער ליגיען?

וויניציוש האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף פּעטראָניוסן אַזוי, ווי ער וואָלט אים פריער קיינמאָל נישט געזען, דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אַרומשפּרייזן. ס׳איז געווען ניכּר, אַז ער באַהערשט דעם אויפברויז אין זיך, לסוף האָבן זיך

זיים פון אייגענער הילפלאָזיקייט, פון צער, כּעס און אומבאַזיגלעכער בענקשאַפט, געשטעלט צוויי טרערן אין די אויגן, וועלכע האָבן צו פּעטראָניוסן געגלעדט דייטלעכער, ווי די קלאָרסטע ווערטער:

נאָכקלערנדיק דעריבער אַ ווײַלע, האָט ער געזאָגט:

— נישט אַטלאַס טראָגט די וועלט אויף איר רוקן, נאָר די פרוי, און טיילמאָל וואַרפט זי זיך מיט דער ערד, ווי מיט אַ באַלן.

— אמת! האָט וויניציוש געזאָגט.

און זיי האָבן זיך שוין געוואָלט געזעגענען. אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט אַ שקלאַף געמאָלדן, אַז כילאָנידעס וואַרט אין פּאָדהויז און בעט, מ׳זאָל אים צולאָזן זיך זען מיט האַר.

וויניציוש האָט אים גלייך געהייסן אַרײַנלאָזן, און פּעטראָניוס האָט אים דערווײַל געזאָגט:

— אַהאַ! כ׳האָב דיר אָבער געזאָגט! ביי הערקולעסן! האַלט זיך רויק. וואָרים אַז ניט, וועט ער איבער דיר הערשן, נישט דו איבער אים.

— גרוס און ערע דעם גרויסמוטיקן, קריגערישן טריבון און אויך דיר, האַר! — האָט כילאָן אויסגערופן, אַרײַנקומענדיק. — זאָל אייער גליק זיין אַזוי, ווי אייער רום; און אייער רום זאָל זיך צעגיין איבער דער גאַנצער וועלט, פון הערקולעסעס זײַלן, ביז דער אַרסאַצידן גרענעץ.

— זיי געגריסט, מחוקק פון מידות און חכמה! — האָט פּעטראָניוס געענטפערט

וויניציוש אָבער האָט מיט אַ געמאַכטע רויקייט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ נייעס ברענגסטו?

— ביים ערשטען מאָל האָב איך דיר געבראַכט, האַר, האָפענונג, איצט ברענג איך דיר די זיכערקייט, אַז דאָס מיידל וועט געוויס געפינען ווערן.

— הייסט עס, אַז דערווייל האָסטו זי נאָך נישט געפינען?

— גאַנץ ריכטיק, האַר, דערפאַר האָב איך זיך דערוווסט, וואָס עס באַדייט דער צייכן, וואָס זי האָט דיר געצייכנט. כ׳ווייס,

ווער עס זענען די מענטשן, וועלכע האָבן זי אָפּגעשלאָגן און כ'ווייס, צווישן וואָס פאַר אַ גלויבנס-אָנהענגער מ'זאָל זי זוכן.

ווינציוש האָט זיך שוין געוואָלט אַ ריס טאָן פון דער שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, אָבער פּעטראָניוס האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און, ווענדנדיק זיך צו כילאָנען, האָט ער געזאָגט:

— רעד ווייטער!

— צי ביסטו גאַנץ זיכער, האַר, אַז דאָס מיידל האָט דיר געצייכנט אויפן זאַמד אַ פיש?

— געוויס — האָט ווינציוש אַ געשריי געטאָן.

— אַלזאָ, איז זי אַ קריסטין און די קריסטן האָבן זי אָפּגעשלאָגן.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן.

— הער אויס, כילאָן — האָט פּעטראָניוס לסוף זיך צו אים אָנגערופן — מײַן שוועסטערן-זון האָט דיר באַשטימט פאַר אויפזוכן דאָס מיידל אַ באַדייטנדיקע סומע געלט, אָבער אַגב נישט קיין קלענערע צאָל שמיץ, אויב דו וועסט אים וועלן נאַרן. אין ערשטן פאַל וועסטו דיר קויפן נישט איינעם, נאָר דרײַ שרײַבער, אין צווייטן פאַל אָבער וועט דיר די פילאָזאָפיע פון אַלע זיבן וועלט חכמים צוזאַמען מיט דײַן אייגענער פילאָזאָפיע נישט קלעקן אויף זאַלב פאַר דײַנע וווּנדן.

— דאָס מיידל איז אַ קריסטין, האַר! — האָט דער גריך אויסגערופן.

— באַטראַכט זיך, כילאָן, דו ביסט נישט קיין נאַר! מיר ווייסן, אַז יוניאַ סילאַנאַ צוזאַמען מיט קאַלוויאַ קריספּינילאַ האָבן באַשולדיקט פּאָמפּאָניע גרעציניען אין אָננעמען דעם קריסטלעכן אַבערגלויבן, אָבער מיר ווייסן אויך אַז דאָס הויז-געריכט האָט זי באַפרייט פון דעם פאַרוואָרף. צי ווילסטו די באַשולדיקונג איצט באַנײַען? צי ווילסטו אונדז איינרעדן, אַז פּאָמפּאָניע און צוזאַמען מיט איר אויך ליגיע קענען געהערן צו די שונאים פון דער מענטשהייט, צו די פאַרסמער פון די פאָנטאַנען און ברונעמס, צו

די דינער פון אַן אייזל-קאָפּ, צו מענטשן, וועלכע מאָרדן קינדער און גיבן זיך אָפּ די שענדלעכסטע אויסגעלאַסנקייטן? באַטראַכט זיך נאָר, כילאָן, צי די טעזע מיט וועלכער דו באַקאַנטסט אונדז, קען זיך נישט אָפּשלאָגן אַלס אַנטי-טעזע אויף דיין אייגענעם רוקן.

כילאָן האָט פונאַנדערגעשפּרייט די הענט אַלס צייכן, אַז דאָס איז נישט זיין שולד. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— האַר! זאָג אַרויס אויף גריכיש דעם פאָלגנדיקן זאַץ: יעזוס קריסטוס, גאָטס זון, גואל.

— גוט. אָט זאָג איך שוין!... נו, איז וואָס?

— איצט נעם די ראשי תיבות פון יעדן וואָרט און שטעל זיי צונויף אַזוי, אַז זיי זאָלן בילדן איין וואָרט.

— פיש! — האָט פּעטראָניוס איבעראַשט אויסגערופן.

— אָט פאַרוואָס אַ פיש איז געוואָרן דער הערב פון די קריסטן — האָט כילאָן שטאָלץ געזאָגט.

עס איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. אין די אויספירונגען פון גריך איז געווען עפּעס אַזאַ איבעראַשנדס, אַז ביידע פריינט האָבן זיך נישט געקענט באַהערשן פון פאַרבליפטקייט.

— וויניציוש — האָט פּעטראָניוס געפרעגט — צי ביסטו זיך נישט טועה, צי האָט דער ליגיער טאַקע געצייכנט אַ פיש?

— ביי אַלע אונטערערדישע געטער, מ'קען דאָך פון זי־גען אַראָפּ! — האָט דער יונגער מענטש ביין אויסגערופן — ווען זי וואָלט מיר אויפגעצייכנט אַ פויגל, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַ פויגל!

— אַלזאָ, איז זי אַ קריסטין! — האָט כילאָן נאָכאַמאָל געזאָגט.

— הייסט דאָס — האָט זיך פּעטראָניוס אָנגערופן — אַז פּאָפּעיע און ליגיע פאַרסמען ברונעמס מאָרדן קינדער, וועלכע זיי כאַפּן אויף דער גאַס און גיבן זיך אָפּ צו אויסגעלאַסנקייטן! אומזין! דו, וויניציוש, ביסט אַ לענגערע צייט געווען ביי זיי אין הויז, איך בין אַ קורצע צייט געווען, אָבער כ'קען גוט, צו גוט

איודוסן, פּאַמפּאַניען און ליגיען אום צו זאָגן: רכילות און אומזין!! אויב אַ פיש איז דער סימבאָל פון די קריסטן, וועלכע ס'איז באמת שווער אָפּצולייקענען, און אויב זיי זענען טאַקע קריס־טינס, דאַן, ביי פּראָזערפּינען! זענען די קריסטן גאָרנישט אַזעל־כע, ווי מיר מיינען.

— דו רעדסט, ווי סאָקראַטעס, האַר — האָט כילאָן געזאָגט. — ווער האָט דען זיך אַמאָל צוגעקוקט צו די קריסטן? ווער ווייסט דען זייער אמונה? בשעת כ'האָב מיט דריי יאָר צוריק געוואַנדערט פון נעאַפּעאָליס דאָ אַהער קיין רוים (אָ, פאַרוואָס בין איך דאָרט נישט געבליבן!) איז אויפן וועג צו מיר צוגעשטאַנען אייגער אַ רופא, מיטן נאָמען גלאַוקאָס, אויף וועלכן מ'האָט געזאָגט, דאָס ער איז אַ קריסט און פונדעסטוועגן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער איז גע־ווען אַ גוטער און איידעלער מענטש.

— און פון דעמדאָזיקן איידעלן מענטש האָסטו זיך עס דערוווּסט, וואָס עס באַדייט אַ פיש?

— ליידער, האַר! אויפן וועג אין אַן איינפאָר־הויז האָט עמעץ דערשטאָכן דעם איידעלן זקן און זיין ווייב מיטן קינד האָבן שקלאַפן־הענדלער אָוועקגעפירט, איך ווידער, פאַרטיידיקנדיק זיי, האָב אָנגעווירן צוויי פינגער. אָבער אַזוי ווי צווישן די קריסטן, זאָגט מען, פעלן נישט קיין ניסים, דעריבער האָף איך, אַז זיי וועלן מיר צוריקוואַקסן.

— ס'טייטש? ביסט דען געוואָרן אַ קריסט?

— פון נעכטן אָן, האַר! פון נעכטן אָן! צוליב דעם פיש טאַקע בין איך דאָס געוואָרן. זע, וואָס פאַר אַ קראַפט אַזאַ פיש האָט! און אין עטלעכע טעג אַרום, וועל איך שוין זיין דער היי־סעסטער פון די הייסעסטע זייערע, כדי זיי זאָלן מיך צולאָזן צו אַלע זייערע געהיימנישן, און ווען איך וועל שוין האָבן אַ צוטריט צו אַלע זייערע געהיימנישן, וועל איך במילא וויסן, ווו דאָס מיידל געפינט זיך. דאַן וועט זיך מיר מיין קריסטנטום אפשר מער לוי־נען, ווי מיין פילאָזאָפיע. כ'האָב אויך אַ נדר געטון צו מערקורן, אַז אויב ער וועט מיר צוהעלפן געפינען דאָס מיידל, שענק איך

אים צווי קעלבער פון איין עלטער און איין גרייס מיט באַזונ־דערע הערנער.

— דערלויבט דיר, אַלזאָ, דיין נעכטיק קריסטנטום און דיין פריערדיקע פילאָזאָפיע צו גלייבן אין מערקורן?

— איך גלייב תמיד אין דעם, אין וואָס עס איז מיר נייטיק צו גלייבן, און דאָס איז מיין פילאָזאָפיע, וועלכע דאַרף איבערהויפּט מערקירן געפעלן. צום אומגליק ווייסט איר דאָך, גנעדיקע הערן, וואָס פאַר אַ בעל־חשד דערדאָזיקער גאָט איז. ער גלייבט נישט אפילו אין די הבטחות פון די ערלעכסטע פילאָזאָפן און וואָלט נאָך אפשר געוואָלט פאָרויס באַקומען די קעלבער אין דער צייט, וואָס דאָס דאַרף קאָסטן אַן אוצר מיט געלט. נישט יעדער איז דאָך סענעקאַ און איך האָב נישט די מיטלען דערצו, אָבער ווען דער גרויסמוטיקער וויניציוש זאָל וועלן אויפן רעכענונג פון דער סומע, וועלכע ער האָט מיר מבטיח געווען... עפּעס...

— קיין איין פרוטה נישט, כילאָן! — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — קיין פרוטה נישט! וויניציוסס גרויסמוט וועט געוויס איבערשטייגן דיינע דערוואַרטונגען, אָבער נאָר ערשט דאַן, ווען ליגיע וועט געפינען ווערן, ס'הייסט, ווען דו וועסט אונדז אָנווייזן, וווּ זי געפינט זיך. מערקורי וועט דיר מוזן געטרויען די צווייקעלבער, כאָטש כ'וווּנדער זיך גאָרנישט, וואָס ער האָט קיין חשק נישט דערצו און איך האַלט אים טאַקע דערפאַר פאַר אַ קלוגן.

— הערט אויס, גנעדיקע הערן. די אַנטדעקונג, וועלכע איך האָב געמאַכט, איז זייער גרויס, וואָרים, כאָטש איך האָב נאָך ביז איצט דאָס מיידל נישט געפונען, האָב איך אָבער אויסגעפונען דעם וועג, אויף וועלכן מ'דאַרף זי זוכן. איר האָט איר צעשיקט באַפרייטע און שקלאַפן איבער דער גאַנצער שטאָט און דער פּראָווינץ און צי האָט אייך ווער פון זיי געגעבן די מינדסטע אָנווייזונג? ניין! איך אייגער האָב אייך דאָס געגעבן. און כ'וועל אייך נאָך מער זאָגן: צווישן אייערע שקלאַפן קענען אויך זיין קריסטן, וועגן וועלכע איר ווייסט גאָרנישט, דען דערדאָזיקער אַבערגלויבן האָט זיך שוין אומעטום פאַרשפּרייט, אין דידאָזיקע לייט, אַנשטאָט

אייך צו העלפן, וועלן זיי נאָך אין אייך פעלשן. ס'טויג אפילו נישט, וואָס זיי זעען מיך דאָ און דעריבער, גנעדיקער פּעטראָניוס, אָלסטו הייסן עניצען שווייגן און דו ווידער, גנעדיקער ווינ־ציוש, לאָז ארויס א קלאַנג, אז איך פאַרקויף דיר א זאַלב, וועלכער פאַרזיכערט די צירק־פערד, וועלכע מ'שמירט דערמיט אָפּ, א נצחון. . .

איך אייבער אליין וועל זוכן און איך אליין וועל זי געפינען, איר האָט נאָר צוטרויען צו מיר און וויסן זאָלט איר, אז אַלץ, וואָס איר וועט מיר פאָרויס געבן, וועט עס מיר נאָר צוגעבן חשק צו דער אַרבעט, ווייל איך וועל זיך כסדר ריכטן אויף נאָך מער און כ'וועל נאָך מער זיכער זיין, אז די צוגעזאָגטע באַלוינונג וועט מיך נישט מיידן. אַך, יאָ! אלס פילאָזאָף פיל איך א פאַראַכטונג צום געלט, כאָטש נישט סענעקאַ און אפילו נישט מוזאָניוס אָדער קאָרנוטוס פאַראַכטן גאָרנישט קיין געלט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן נישט אָנגעווירן קיין צוויי פינגער איינשטעלנדיק זיך פאַר יענעם און וואָס זיי קענען אַליין שרייבן און זייערע נעמען פאַר די קונפטיקע דורות איבערלאָזן. אָבער א חוץ א שקלאַף, וועלכן כ'האָב בדעה צו קויפן און א חוץ מערקורן, וועמען כ'האָב מנדר געווען קעלבער (און איר ווייסט דאָך ווייל, וואָס פאַר א יקרות עס איז אויף פי), ברענגט דאָס זוכן גופא צו גרויסע הוצאות. האָרכט מיך נאָר געדולדיק אויס. אָט האָב איך, אין משך פון דידאָזיקע עטלעכע טעג, באַקומען וואונדן אויף די פיס פון שטענדיקן צרומלויפן. כ'בין אַרומגעגאַנגען איבער אַלע שענקען, כדי צו שמועסן מיט מענטשן, צו די בעקערס, קצבים, צו די אייל־און פיש־הענדלער, כ'האָב אַרומגענישטערט אין אַלע גאַסן און הינטערגעסלעך, כ'בין געווען אין די באַהעלטענישן פון די אַנטלאָפענע שקלאַפן, כ'האָב פאַרשפּילט אפשר הונדערט אַסן אין מאָרע, כ'בין געווען אין די וועשערייען, וואַרשטאַטן און גאַרקיכן, כ'האָב זיך געזען מיט אייזל־טרייבער און שטיין־שני־צער, כ'האָב זיך געזען מיט לייט, וועלכע היילן קראַנקע אויפן פענכער און רייסן צרויס ציין, כ'האָב גערעדט מיט די פאַרקוי־פער פון געטריקנטע פייגן, כ'בין געווען אויף די בית־עלמינס; און ווייסט איר נאָך וואָס דאָס אַלץ? טאָקע צוליב דעם, כדי אומעטום

צו צייכענען אַ פיש און קוקן מענטשן אין די אויגן און הערן, וואָס זיי וועלן אויף דעם צייכן זאָגן. אַ לאַנגע צייט האָב איך גאָרנישט געקענט באַמערקן, ביז אייב אָל האָב איך דערזען אַן אַלטן שקלאַף ביי אַ פאָנטאַן, וועלכער האָט געשעפּט וואַסער מיט עמערס און ווייגט, בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער ווייבט. און אַנידערזעצנדיק זיך מיט אים אויף די טרעפּ פון פאָנטאַן, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן געזאַמלט אַ סעסטריץ צו אַ סעסטריץ, כדי אויסצוקויפן זיין געליבטן זון, אָבער זיין האַר, אייגער פּאַנסי, האָט, דערזעענדיק ביי אים דאָס געלט, אים עס צוגענומען און דעם זון האַלט ער ווייטער אין קנעכטשאַפט. „און דעריבער וויין איך — האָט דער אַלטער געזאָגט — וואָרים כאָטש איך זאָג מיר: זאָל געשען גאָטס רצון! קען איך זיך אָבער דאָך, זינדיקער מענטש, נישט איינהאַלטן פון טרערן". דאַן, האָב איך, ווי עס וואָלט מיר אַ שיין געטון עפּעס אַ פאַרגעפיל, איינגעטונקט אַ פינגער אינם עמער און אויפגעצייכנט אים אַ פיש, דערויף האָט ער געענטפערט: „אויך מיין האָפנונג איז נאָר אין קריסטוסן"! פרעג איך אים: „האָסט מיך דערקענט לויטן צייכן"? האָט ער געענטפערט: „יאָ, און שלום זאָל זיין צו דיר". דאַן האָב איך אים אָנגעהויבן צו ציען פאַר דער צונג און ער נעבעך האָט אַלץ אויסגעפּלוידערט פאַר מיר. זיין האַר, דער דאָזיקער פאַנסי, איז אַליין אַ באַפרייטער פון דעם גרויסן פּאַנסי און שטעלט צו שטיינער איבערן טיבער קיין רוים, וועלכע שקלאַפן און לוין-אַרבעטער לאָדן אויס פון די טראָגוועס און טראָגן זיי באַנאַכט צו די געביידעס, וועלכע מען מויערט, כדי באַטאָג נישט צו שטערן די באַוועגונג אויף די גאַסן. צווישן זיי אַרבעטן פיל קריסטן און אויך זיין זון, און אַזוי ווי דידאָזיקע אַרבעט איז אַ שרעקלעך שווערע, האָט ער אים דעריבער געוואָלט אויסקויפן. פּאַנסי האָט אָבער גלייכער צוגענומען אי דאָס געלט, אי דעם שקלאַף. דאָס זאָגנדיק האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן וויינען, איך ווידער, האָב צוגעמישט צו זיינע טרערן אויך מיינע, וועלכע זענען מיר לייכט אָנגעקומען צוליב מיין גוט האַרץ, ווי אויך צוליב דעם ווייטיק אין די פיס, וואָס כ'האָב באַקומען פון צופיל גיין, און כ'האָב

זיך גענומען באַקלאָגן פאַר אים, אַז קומענדיק מיט עטלעכע טעג צוריק פון נעאַפּאָליס קען איך דאָ נישט קיינעם פון אונדזערע ברידער און כ'ווייס נישט, ווו זיי קומען זיך צונויף, אום מתפּלל זיין צוזאַמען. ער האָט זיך געחידושט, וואָס די קריסטן פון נעאַפּאָליס האָבן מיר נישט מיטגעגעבן קיין בריוו צו די רוימישע ברידער, אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז מ'האָט מיך באַגנבעט אויפן וועג. דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל באַנאַכט קומען צום טייך, און ער וועט מיך שוין באַקענען מיט די ברידער, וועלכע וועלן מיך פירן אין די געבעט־הייזער און צו די עלטסטע, וועלכע פירן אָן מיט דער קריסטלעכער עדה. דאָס דערהערנדיק האָב איך זיך אַזוי דערפרייט, אַז כ'האָב אים געגעבן די סומע, וועלכע ער דאַרף אויף אויסצוקויפן דעם זון, אין דער האָפענונג, אַז דער גרויסמוטיקער וויניציוש וועט עס מיר אומקערן בכפל כפליים...

— כילאָן — האָט אים פּעטראָניוס איבערגעריסן — אין דער געשיכטע דיינער שווימט דער שקר אַרויף, ווי בוימאייל אויפן וואַסער. דו האָסט געבראַכט וויכטיקע ידיעות, דאָס לייקן איך נישט. כ'וועל נאָך אפילו צוגעבן, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער שריט פאָרויס אויפן וועג צו געפינען ליגיען, אָבער דו גיב נישט צו קיין ליגנט צו דיינע נייעסן. ווי הייסט יענער אַלטער, פון וועמען דו האָסט זיך דערוווּסט, אַז די קריסטן דערקענען זיך מיט דער הילף פון אַ פיש?

— עוריציוס, האַר. אַן אָרימער, אומגליקלעכער זקן! ער האָט מיך דערמאָנט אָן דעם רופא גלאַקוס, וועלכן איך האָב פון די רויבער אָפּגעווערט און טאַקע דערפאַר האָב איך אים מיטגעפילט.

— דאָס גלייב איך, אַז דו האָסט זיך מיט אים באַקאַנט און אַז דו האָסט די באַקאַנטשאַפט אויסגענוצט, אָבער קיין געלט האָסטו אים נישט געגעבן. האָסט אים קיין איינציקן אַס נישט געגעבן, פאַרשטייסט! האָסט גאָרנישט געגעבן!

— אָבער כ'האָב אים געהאָלפן טראָגן די עמערס און כ'האָב

װעגן זיין זון געריידט מיטן גרעסטן מיטגעפיל. אמת, גנעדיקער האר! ס'איז גאָרנישט מעגלעך צובאַהאַלטן פאַר פעטראָניוסעס שאַרפזין! אַלזאָ, כ'האָב אים טאַקע נישט געגעבן קיין געלט, אָדער, בעסער געזאָגט, כ'האָב אים יאָ געגעבן, אָבער נאָר אין דער מחשבה, װאָס װען ער װאָלט געװען אַן אמתער פילאָזאָף װאָלט עס פאַר אים גענוג געװען... און געגעבן האָב איך אים דערפאַר, װייל איך האָב אַזאַ עובדה געהאַלטן פאַר זייער נייטיק און נוצלעך צו טון, װאָרים באַרעכן נאָר, גנעדיקער האַר, װי איך װאָלט דערמיט געװינען פאַר מיר אַלע קריסטן, װאָס פאַר אַ צוטריט איך װאָלט צוליב דעם געקריגן צו זיי און װאָס פאַר אַ צוטרוי זיי װאָלטן צו מיר באַקומען.

— אמת, — האָט פעטראָניוס געזאָגט — און דו האָסט דאָס טאַקע באַדאַרפן טון.

— צוליב דעם בין איך דאָך טאַקע דאָ אַהערגעקומען, כדי איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו טון.

פעטראָניוס האָט זיך געװענדט צו װיניציוסן:

— הייס אים אויסציילן פינף טויזנט סעסטריצן, אָבער נאָר אין דער מחשבה...

װיניציוס אָבער האָט געזאָגט:

— איך װעל מיט דיר מיטשיקן אַ יונגל, װעלכער װעט טראָגן די נויטיקע סומע, דו װעסט זאָגן עריציוסן, אַז דאָס יונגל איז דיין שקלאַף און װעסט דעם אַלטן אין דעם יונגלס אויגן אָפּגעבן די סומע. אָבער אַזוי װי דו האָסט דאָך געבראַכט אַ זייער װיכטיקע ידיעה, װעסטו נאָכאַמאָל אַזוי פיל באַקומען פאַר דיין בעטװעגן. קום היינט אין אָװנט נאָך דעם יונגל און נאָכן געלט.

— דאָס הייסט אַן אמתער צעזאַר! — האָט כילאָן אויסגעשריגן. — אָבער זיי מיר אויך מוחל, װאָס איך װעל היינט אין אָװנט קומען בלויז נאָר נאָכן געלט, װייל עריציוס האָט מיר געזאָגט, אַז מ'האָט שוין אויסגעלאָדענט אַלע טראַסװעס און בייטעלן ערשט קומען צו שווימען פון אָסטיען אין עטלעכע טעג אַרום.

שלום זאָל זיין צו אייך! אַזוי געזעגענען זיך קריסטן.. כ'וואָלט מיר קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מ'קען... ניין! שלום זאָל זיין צו אייך! אַזוי געזעגענען זיך קריסטן.. כ'העלף מיר קיפּן אַ שקלאַפין, כ'וויל זאָגן: אַ שקלאַף. פּיש כאַפּט מען איך אַ ווענטקע און קריסטן אויף אַ פּיש. „פּאַקס וואָביסקום! פּאַקס!... פּאַקס!... פּאַקס!...“

XV.

פּעטראָניוס צו וויניציוּשן:

„דורך אַן אָנפאַרטרויעטן שקלאַף שיק איך דיר פון אַנציום דעם בריוו; און כאָטש דיין האַנט איז מער געוווינט צו שפּיז און פאַנצער, פונדעסטוועגן ריכט איך זיך, אַז דו וועסט מיר גלייך דורך דעמזעלבן שליח אָפּענטפערן. כ׳האָב דיך איבערגעלאָזט אויף אַ גוטן וועג און פול מיט האָפענונג. כ׳גלייב אַלזאָ, אַז אָדער דו האָסט שוין דיינע זיסע תאוות באַרויִקט אין ליגיעס אומאַרמונגען, אָדער, אַז דו וועסט זיי באַרויִקן, נאָך איידער דער ריכטיקער ווינטער־שטורם וועט פון שפּיץ סאָראַקטע בלאָזן אויף קאַמפּאַניען. אָ, מיין וויניציוּש! זאָל די גאָלדענע געטין פון ציפּר דיר אַ לערער־רין זיין; דו אָבער זיי אַ לערער דער ליגיעשער מאָרגנרויט, וועלכע אַנטלויפט פאַר דער ליבעס־זון. און געדענק שטענדיק, אַז דער עצם מאַרמאָר, דער טייערסטער אפילו, איז נאָך גאָרנישט און אַז דעם אמתן ווערט באַקומט ער ערשט דאַן, ווען דעם סקולפּ־

טורס האָט פאַרבייט אים אין אַ מייסטער־ווערק. זיי דו אַזאַ סקולפּ־טור, דו, קאַראַסימע! ליבן איז נאָך ווייניק, מ'דאַרף קענען ליבן און קענען לערנען ליב האָבן. לוסט פּילט דאָך דער פּלעבס און אפילו די חיה, דער פיינער מענטש אָבער אָנטשיידט זיך פון זיי דערמיט, וואָס ער פאַרבייט זיין לוסט אין אַן איידעלער קונסט, און ליבנדיק זי, ווייסט ער, האָט ער דאָס פולע באַוווסטזיין פון איר געטלעכן ווערט און דעריבער זעטיקט ער נישט נאָר זיין גוף, נאָר אויך די נשמה זיינע. גאַנץ אָפט, טראַכטנדיק דאָ וועגן דער פוסטקייט, אומזיכערקייט און לאַנגווייל פון אונדזער לעבן, פאַלט מיר איין, אַז דו האָסט אפשר בעסערס אויסגעקליבן און לעבן פון מיר, און אַז נישט דעם צעזאַרס הויף, נאָר קריג און ליבע זענען די צוויי איינציקע זאַכן, צוליב וועלכע ס'איז ווערט גע־בוירן צו ווערן און צו לעבן.

אין מלחמה האָסטו גליקלעך געשפּילט, שפּיל אויך גליקלעך אין ליבע און אויב דו ווילסט וויסן, וואָס עס הערט זיך ביים צעזאַר אין הויף, וועל איך דיר פון צייט צו צייט וועגן דעם שרייבן. מיר פאַרברענגען אַלזאָ אין אַנציום און היטן צו אונדזער געטלע־כע שטימע, מיר פילן כסדר אַ שנאה צו רוים און אויפן ווינטער האָבן מיר בדעה צו פאָרן אין באַיען מיטן ציל אַרויסצוטרעטן עפנטלעך אין נעאַפּאָליס, ווו די איינוווינער, אַלס גריכן, וועלן בעסער וויסן אונדז אָפּצושאַצן, ווי דער וואָלפישער שטאַם, וועל־כער באַוווינט די ברעגן פון טיבער. ס'וועלן זיך דאָ אָנלויפן מענטשן פון באַיען, פּאָמפּעאַ, פון פּוטעאָל, פון קומעאַ, פון סטאַ־ביען, אַפּלאָדיסמענטן און קרענץ וועלן אונדז נישט פעלן און דאָס וועט אונדז אונטערגעבן חשק צו דער געפּלאַנטער רייזע קיין אַכאַי.

און דער אָנדענק פון דער קליינער אויגוסטין? יאָ! מיר באַוויינען זי נאָך אַלץ. מיר זינגען אייגן פאַרפאַסטע הימען אַזוי וווּנדערלעך, אַז די סירענען האָבן זיך אויס קנאה באַהאַלטן אין די טיפע היילן פון אַמפּיטריט. די דעלפינען וואָלטן אונדז שוין דער־פאַר יאָ געהאָרכט, ווען דאָס גערויש פון ים וואָלט זיי דערין נישט געשטערט. אונדזער שמערץ איז נאָך ביז איצט נישט געשטילט, מיר

זייַן אים דעריבער פאַר מענטשן אין אַלערליי געשטאַלטן, וועלכע די סקולפּטור לערנט אונדז, אכטונג געבנדיק דערביי, צי עס קליידט אונדז דער שמערץ און צי די צוקוקער קענען זיך אויף דער שיינקייט. אַך, מייַן טייַערער! מיר וועלן שטאַרבן אַלס קלאַונען און קאָמעדיאַנטן.

אַלע אויגוסטער און אויגוסטערינס געפינען זיך דאָ, נישט רעפּעטענדיק די פינף הונדערט אייזלען, וואָס פּאָפּעאַ באָדט זיך אין זייער מילך און די צענטויזנט דינסט-לייט. עס איז טיילמאָל פריילעך אויך. קאַלוויאַ קריספּינילאַ עלטערט זיך שוין, מ׳שמועסט, אַז זי האָט געבעטן פּאָפּעאַן, זי זאָל איר דערלויבן זיך באָדן נאָך איר אין דער אייזל-מילך. ניגידיאַ האָט באַקומען אַ פּאַטש פון לוקאַנען, ווייל ער איז זי חושד אין באַציִונגען מיט אַ גלאַדיאַטאָר. ספּאָרוס האָט פאַרשפּילט ס׳ווייב אין ביינער-שפּיל מיט סענעציאָנען. טאָרקוואַטוס סילאַנוס האָט מיר פאָרגעשלאָגן פאַר עניצען פיר קאַשטאַנען-פערד, וועלכע וועלן דאָס יאָר באַשימט געווינען דעם ווענט אין צירק. כ׳האָב נישט געוואָלט! און דיר דאַנק איך אויך, וואָס דו האָסט זי נישט געוואָלט. וואָס שייך טאָרקוואַט סילאַנען פאַלט אים נעבעך גאָרנישט איין, דעם אומגליקלעכן, אַז ער איז שוין מער מת, ווי מענטש. זייַן טויט איז שוין אַ באַשטימטע זאַך. און ווייסטו, וואָס זייַן שולד איז? דאָס, וואָס ער איז אַן אוראייניקל פון געטליכן אויגוסט. עס איז שוין פאַר אים קיין רעטונג נישט פאַראַן. אוי איז שוין אונדזער וועלט!

ווי דו ווייסט שוין האָבן מיר זיך דאָ גערעכט אויף טירידאַטן, דערווייל האָט וואָלאָגעזעס צוגעשיקט אַ סקאַנדאַליעזן בריוו: אזוי ווי ער האָט איינגענומען אַרמעניען, בעט ער, מ׳זאָל עס אים דערלויבן אָפּהאַלטן טירידאַטן, וואָרים אויב נישט, וועט ער עס סיי ווי נישט אָפּגעבן. פּשוט חוזק! אַלזאָ מיר האָבן באַשלאָסן מלחמה. קאָרבולאָן וועט באַקומען אַזאַ מאַכט, ווי פּאָמפּעיוס דער גרויסער האָט געהאַט, בשעת דער מלחמה מיט די ים-רויבער. עס איז פונדעסטוועגן געווען אַ מאָמענט, ווען נעראָן האָט זיך געוואַקלט: ער האָט, אַפּנים, מורא פאַר דעם רום, וואָס קאָרבולאָן קען באַקומען, אויב ער וועט זיגן. מ׳האָט אפילו געקלערט

איבערצוגעבן די הויפּט-אָנפירונג אונדזער אוילוסן, אָבער פּאָפּאַ איז געווען דאַקעגן, דען פּאָמפּאָניע גרעציניעס צניעות לאָזט זי נישט רוען.

וואַטיניוס האָט אונדז מבטיח געווען איינצואָרדנען עפּעס אויסערגעוויינטלעכע גלאַדיאַטאָרן-קאַמפן אין בענעווענט. זע זשע, צו וואָס שיסטער קענען דערגיין אין אונדזערע צייטן, נישט קוקנדיק אויף דעם שפּריך-וואָרט: „נע סוטאָר סופּראַ קרעפּידאַם"! חיטעליוס איז אַן אייניקל פון אַ שוסטער און וואַטיניוס איז שוין אַ לייבלעכער זון! ער האָט נאָך אפשר אַליין געבייט שיך! היסטאָריאַ אַליטורוס האָט נעכטן זעלטן שיין פאָרגעשטעלט עדיפּאַן. כ'האָב אים, אַלס אַ ייִד, געפרעגט, צי קריסטן און ייִדן זענען איינס און דאָס זעלבע? האָט ער מיר געענטפערט, אַז ייִדן האָבן שוין אַן אַלטע רעליגיע און די קריסטן זענען נאָר אַ נייע סעקטע, וועלכע איז ערשט נישט לאַנג אויפגעקומען אין יהודה, אין טיבעריוסעס צייטן האָט מען דאָרט געקרייציקט עפּעס אַ געוויסן מענטש, וועמענס אָנהענגער עס מערן זיך פון טאָג צו טאָג, האַלטנדיק אים פאַר אַ גאָט, דאַכט זיך, אַז זיי אָנערקענען נישט קיין שום אַנדערע געטער, איבערהויפּט אונדזערע, כ'ווייס נישט, וואָס עס וואָלט זיי געשאַדט אויך אַנדערע צו אָנערקענען.

טיגעליגוס איז מיר שוין אַן אָפענער שונא. ביז איצט קען ער מיך אַלץ נישט איינבייסן. ער שטייט אָבער דאָך מיט איין זאַך העכער פאַר מיר, אַט דערמיט, וואָס ער זאָרגט זיך מער פאַר זיין לעבן און וואָס ער איז אַ גרעסערער שאַרלאַטאַן פאַר מיר, וועלכעס מאַכט אים גאָנט צו דער געלער באָרד. דידאָזיקע צוויי לייט וועלן זיך פרי׳ער אָדער שפּעטער פאַרשטיין איינער דעם צווייטן און דאַן וועט קומען אויף מיר די ריי. ווען דאָס וועט געשען, ווייס איך נישט. אָבער אַזוי ווי פאַרקומען מוז עס דאָך, איז מיר דעריבער נישט קיין נפקא מינה ווען. דערווייל דאַרף מען זיך ווײַלן. דאָס לעבן גופא וואָלט נישט שלעכט געווען, ווען נישט די געלע באָרד. אַ דאַנק אים פילט מען אַמאָל צו זיך זעלבסט אַן עקל. אומזיסט רעדט מען זיך איין, אַז דאָס יאָגן זיך נאָך זיינע חסדים, איז אַ מין צירק-געווען, אַ מין שפּיל, אַ מין פּרווון זיך

די כוחות, אַז מיר ווילן זיגן צוליב אייגנליבע. אָפּט טייטש איך עס מיר טאַקע אַזוי אויס, און דאָך דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז איך בין אייגנטלעך אַזאַ מין כילאָן, אַז איך בין מיט גאָרנישט בעסער פאַר אים. ווען דו ווייסט אים שוין נישט דאַרפן, שיק אים מיר אַהער. כ'האָב ליב באַקומען זיין שאַפנדיקע שפּראַך. גריס אין מיין נאָמען דיין געטלעכע קריסטין, אָדער בעסער געזאָגט, בעט זי אין מיין נאָמען, זי זאָל נישט זיין פאַר דיר קיין פיש. מאַך מיך וויסן וועגן דיין געזונט, וועגן דיין ליבע, קען ליבן, לערן אויס ליב האָבן און זיי געזעגנט".

מ. צ. וויניציוש צו פּעטראָניוסן:

„ליגיע איז נאָך אַלץ נישטאָ! ווען נישט די האָפענונג, אַז כ'וועל זי געפינען וואָלסטו פון מיר קיין ענטפער נישט באַקומען, ווייל ווען דאָס לעבן שטייט אין קאָן, ווילט זיך נישט שרייבן. כ'האָב זיך געוואָלט איבערצייגן, צי כילאָן נאַרט מיך נישט און אין דער נאַכט, ווען ער איז געקומען נאָך געלט פאַר עריציוסן, האָב איך זיך איינגעהילט אין אַ זעלנערישן מאַנטל און בין אים און דעם יונגל, וועלכן כ'האָב מיטגעשיקט, נאָכגעגאַנגען אומבאַמערקט. ווען זיי זענען געקומען אויפן אָרט האָב איך זיך באַהאַלטן הינטערן פאָרט-זייל און זיי באָכגעפאָרשט פונדערווייטנס, און כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז עריציוס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פּערזאָן. אונטן ביים טייך, האָבן עטלעכע צענדליק מענטשן ביים ליכט פון שטורקאַצן אויסגעלאָדען שטיינער פון אַ גרויסער באַרקע און אויסגעלייגט זיי ביים ברעג. כ'האָב געזען, ווי כילאָן איז צו זיי צוגעגאַנגען און האָט עפּעס אָנגעהויבן רעדן מיט אַ זקן, וועלכער איז אים אין אוויילע אַרום געפאַלן צו די פיס. אַנדערע האָבן זיי אַרומגערינגלט, אויסשרייענדיק יעדעס מאָל

פון פאַרוואונדערונג. כ'האָב אַליין געזען, ווי דאָס יונגל האָט אוועקגעגעבן דעם בייטל מיט געלט עריציוסן, וועלכער האָט גלייך גענומען מתפּלל זיין מיט אויפגעהויבענע הענט אינדערהייך און לויבן אים האָט אַנידערגעקניט נאָך עפּעס אַ צווייטער, אַפּנים זיין זון. כילאַן האָט נאָך עפּעס גערעדט, וואָס כ'האָב נישט געקענט דערהערן און האָט גענומען בענטשן די צוויי קניענדיקע, ווי אויך די איבעריקע, מאַכנדיק אינדערלופטן צייכנס אין דער פאָרם פון אַ קרייץ, וועלכן זיי פאַרגעטערן אַפּנים, ווייל אַלע האָבן זיך געבוקט. עס האָט מיך גענומען אַ חשק צוצוגיין צו זיי און צו זאָגן דריי אַזעלכע ביטלן מיט געלט דעם, וואָס וועט מיר אַרויסגעבן ליגיען. אָבער כ'האָב מורא געהאַט, כ'זאָל נישט דערמיט קאַליע מאַכן כילאַנען זיין אונטערנעמונג, און נאָך אַ ווײלע באַטראַכטן זיך, בין איך אַוועקגעגאַנגען.

דאָס איז געשען אַן ערך פון אַ צוועלף טעג נאָך דיין אוועקפאָרן. פון דאַן אָן איז ער שוין ביי מיר געווען עטלעכע מאָל. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער האָט גרויס אַכטונג געוווּנען צווישן די קריסטן. ער זאָגט, אַז אויב ער האָט נאָך ביז איצט נישט געפינען ליגיען איז עס דערפאַר, ווייל זיי זענען שוין אַ געוואַלטיק גרויסע צאָל אין בלויז רוים. דעריבער קענען זיי זיך נישט אַלע אייבער דעם אַנדערן און קענען נישט וויסן אַלץ, וואָס עס קומט צווישן זיי פאָר. זיי זענען אויך זייער פאָרזיכטיק — און רעדן ווייניק, ער אָבער פאַרזיכערט מיר, אַז קוים וועט ער זיך נאָר דערשלאָגן צו זייערע עלטסטע, וועלכע רופן זיך פּרעזביטריען, וועט ער שוין פון זיי אַלע סודות אַרויסבאַקומען. מיט עטלעכע האָט ער זיך שוין באַקאַנט און האָט זיי געפּרוּווט אויספרעגן, אָבער זיי זענען פאָרזיכטיק, כדי מיט זיין אייליקייט נישט צו ציען אויף זיך קיין חשד און דורך דעם שווערער מאַכן די אַרבעט. און כאָטש עס איז שווער צו וואַרטן, כאָטש עס פעלט מיר אויס געדולד, פיל איך אָבער, אַז ער איז גערעכט, און איך וואַרט.

ער האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז זיי האָבן בשותּפותע געבעטערטער ס'רוב הינטער די שטאָט־טויערן, אין פּוסטע הייזער און אפילו אין די אַרענאַריען. דאָרט לויבן זיי קריסטוסן, זינגען און

פּיערן. אַזעלכע ערטער זענען דאָ פּיל. כילאַן איז זיך משער, אַז ליגיע קומט ספּעציעל אין אַנדערע ערטער וואָס פּאַמפּאַציע, בדי די לעצטע זאָלן, אין פאַל פון אַ געריכט אָדער אַן אויספאַרשנג, קענען דרייסט שווערן, אַז זיי ווייסן נישט, ווו זי געפינט זיך. עס קען זיין, אַז די פּעספּיטעריען האָבן איר דאָס געעצאַט זיין אַזוי פּאָרזיכטיק. ווען כילאַן וועט זיך דערוויסן פון דידאָזיקע ערטער וועל איך מיט אים דאָרט אַהינגיין און אויב די געטער וועלן מיר דערלויבן זען ליגיען, שווער איך דיר ביי יופּיטערן, אַז דאָס מאָל וועט זי שוין נישט אַרויסמאַכן זיך פון מיינע הענט.

איך טראַכט שטענדיק וועגן די געבעט-ערטער. כילאַן וויל נישט, כ׳זאָל מיט אים דאָרט אַהין מיטגיין. ער האָט מורא. אָבער איך קען נישט איינזיצן אינדערהיים. כ׳וועל זי גלייך דערקענען, אפילו איבערגעטוענערהייט אָדער אונטער אַ שלייער. זיי קומען זיך דאָרט צונויף באַנאַכט, אָבער איך וועל זי באַנאַכט אויך דערקענען. איך וועל אומעטום דערקענען איר שטים און אירע באַוועגונגען. איך וועל אַליין אַהינגיין איבערגעטוענערהייט און וועל אַכטונג געבן אויף יעדן, וועלכער וועט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין. כ׳טראַכט שטענדיק וועגן איר, כ׳וועל זי אַלזאָ באַשטימט דערקענען, כילאַן דאַרף מאָרגן קומען, וועלן מיר גיין. כ׳וועל מיט זיך נעמען וואָפן. עטלעכע שקלאַפן מיינע, וועלכע כ׳האָב אַרויסגעשיקט אויף דער פּראָווינץ, זענען שוין צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. אָבער כ׳בין איצט זיכער, אַז זי געפינט זיך אין שטאָט און אפשר נאָך גאָרנישט ווייט. כ׳האָב אַליין באַזוכט פיל הייזער מיטן אויסרייד צו דינגען אַ דירה. ביי מיר וועט איר הונדערט מאָל בעסער זיין, וואָרים דאָרט לעבן זיי אַלע אין שרעקלעכער אָרימקייט. איך וועל דאָך איר גאָרנישט קאַרגן. דו שרייבסט מיר, אַז איך האָב גוט אויסגעוויילט אין לעבן, איך האָב זיך גאָר אויסגעוויילט זאָרג און קרענקונג. מיר וועלן פריִער זיין אין די געבעט-הייזער, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט, דערנאָך הינטער די שטאָט-מויערן. די האָפנונג ריכט זיך יעדן טאָג אויף עפּעס, אַנדערש וואָלט אוממעגלעך געווען צו לעבן. דו זאָגסט,

אַז מ'דאַרף קענען ליבן, אויך איך האָב געוווּסט, ווי צו רעדן מיט ליגיען וועגן ליבע, אָבער איצט בענק איך נאָר, וואָרט איך נאָר אויף כילאָנען און אינדערהיים איז מיר אומדערטרעגלעך. זיי געזעגנט".

XVI.

כילאָן האָט זיך כּוּנדעסוועגן אַ לאַנגע צייט נישט געוויזן, אַזוי, אַז חיניציוש האָט שוין ענדלעך נישט געוווסט, וואָס צו קלערן. אומזיסט פלעגט ער זיך אַליין זאָגן, אַז אום דאָס זוכן זאָל פירן צום ציל, מוז עס צוגיין נישט געאיילט. דאָס בלוט אין אים, זיין האַסטיקע נאַטור האָבן רעוואָלטירט קעגן דער שטים פון פאַרשטאַנד. גאָרנישט טון, וואַרטן, זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, האָט אַזוי נישט געשטימט מיט זיין כאַראַקטער, אַז ער האָט בשום אופן נישט געקענט מושווה ווערן דערמיט. דאָס, וואָס ער פלעגט אַרומלויפן איבער אַלע הינטערגעסלעך פון שטאָט אין אַ טונקעלן שקלאַפן-מאַנטל, האָט אים נישט געקענט באַרויקן שוין דערפאַר, וואָס עס איז סוף כּל סוף געווען אָן רעזולטאַט און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער באַרט נאָר דערמיט זיך אַליין. זיינע באַפרייטע שקלאַפן, דורכגעטריבענע מענטשן, וועמען ער האָט געהייסן אויף אייגענער אחריות זוכן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פיל וויניקער פעיִק, ווי כילאָן. אגב איז צוזאַמען מיט דער ליבע צו ליגיען אין אים אַנטשטאַנען די פאַרביסנקייט פון אַ

שפּילער, וועלכער וויל געווינען. ווינציוש איז תמיד געווען אַזעלכער. פון די פריִעסטע יאָרן אָן פלעגט ער אויספירן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, מיט דער לײַדנשאַפט פון אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט נישט, אַז עס קען זיך אַמאָל עפּעס נישט אײַנגעבן און אַז מ'דאַרף זיך אַמאָל פון עפּעס אָפּזאָגן. די מיליטערישע דיסציפּלין האָט אפילו אויף אַ צייט באַצוימט זײַן מוטוויליקייט, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי אים אויך צוגעוויינט דערצו, אַז יעדער באַפעל, וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן אַ נידעריקערן פון זיך, האָט געמוזט דערפילט ווערן. אויסערדעם האָט דאָס לאַנגע פאַרברענגען זײַנס אין מזרח צווישן דערשלאָגענע מענטשן, וועלכע זענען צוגעוווינט צו שקלאַפישער געהאָרכזאַמקייט, אין אים נאָך מער באַפעסטיקט די מיינונג, אַז פאַר זײַן „כ'וויל" איז קיין גרענעץ נישט פאַרהאַן. איצט איז אַלזאָ אויך שווער געקרענקט געווען זײַן אייגנליבע. אויך איז אין די אַלע שטערונגען, אין דעם ווידערשטאַנד און אין ליגיעס אַנטלויפן גופא געווען פאַר אים עפּעס אומבאַגרײַפלעכס, עפּעס אַ רעטעניש, איבער וועלכן ער האָט זיך שמערצלעך געבראָכן דעם קאָפּ. ער האָט געפילט, אַז ס'איז אמת, וואָס אַקטע האָט געזאָגט, אַז ליגיע איז צו אים נישט גלײַכגילטיק. נאָר אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט זי אויסגעוויילט אַ וואַנדער־לעבן און נויט, איידער זײַן ליבע און זײַנע צערטלעכקייטן, איידער צו פאַרברענגען אין זײַן פּרעכטיק הויז? קיין ענטפער אויף דער קשיא האָט ער נישט געקענט געפינען, ער האָט אָבער גאַנץ מטושטש געפילט, אַז צווישן אים און ליגיען און צווישן זייערע באַגריפן, אַז צווישן זײַנע און פּעטראָניוסעס וועלט און דער וועלט פון ליגיע און פּאָמפּאָניע גרעצינען איז פאַרהאַן עפּעס אַן אונטערשייד, עפּעס אַ קעגנזאַץ, טיף, ווי דער תהום, וועלכעס איז אוממעגלעך צו פאַרשיטן און אויסגלײַכן. דאַן האָט איר אויסגעוויזן, אַז ליגיע איז שוין פאַר אים פאַרפאַלן און בײַ דעם געדאַנק האָט ער פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל גלײַכגעוויכט, וועלכעס פּעטראָניוס האָט זיך באַמיט אין אים צו דערהאַלטן.

עס זענען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי ער האָט ליגיען ליב, אָדער פײַנט, ער האָט נאָר געפילט דאָס

ער מוז זי געפינען און אז ער וואָלט ליבערשט געוואָלט די ערד זאָל אים איינשלינגען, איידער ער זאָל זי מער נישט זען און נישט באַזיצן זי.

מיט דער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע האָט ער זי טיילמאָל אַזוי קלאָר געזען, ווי זי וואָלט דאָ פאַר אים געשטאַנען; ער האָט זיך דערמאָנט יעדעס וואָרט, וועלכעס ער האָט צו איר גע-רעדט, אָדער וועלכעס ער האָט פון איר געהערט. ער האָט זי גע-פילט נאָנט, ער האָט זי געפילט אויף זיין ברוסט, אין זיינע אָרעמס און אַ הייסער באַגער האָט אים גלוטיג אַרומגענומען. ער האָט זי געליבט און געלעכצט נאָך איר. און דערמאָנענדיק זיך, אַז זי האָט אים אויך געליבט און אַז זי האָט געקענט גוטוויליק דערפילן אַלץ, וואָס ער וואָלט פאַרלאַנגט פון איר, האָט אים אַרומגענומען אַ שווערע גרענעצלאָזע חרטה און אַ הייס געפיל, ווי אַ ברייטע כוואַליע, האָט אים דאָס האַרץ פאַרגאָסן. ער האָט אָבער אויך געהאַט מאָמענטן, ווען ער איז בלאָס געוואָרן פאַר כעס און ער האָט זיך געקוויקט מיט די געדאַנקען וועגן די באַליידיקונגען און די ענוים, וועלכע ער וועט איר אָנטון, ווען ער וועט זי גע-פינען, ער האָט זי געוואָלט נישט נאָר האָבן, נאָר האָבן זי אַלס צעטרעטענע שקלאַפין, און דערזעלבער מינוט האָט ער אויך גע-פילט דאָס, ווען מען הייסט אים אויסקלויבן: אָדער זיין איר שקלאַף, אָדער זי שוין מער קיינמאָל נישט זען, וואָלט ער גלייכער געוואָלט זיין איר שקלאַף. עס זענען געווען טעג, ווען ער האָט געטראַכט וועגן די צייכנס, וועלכע די בייטש וועט איבערלאָזן אויף איר ראָזן קערפער און גלייכצייטיק וואָלט ער אויך געוואָלט קושן דידאָזיקע צייכנס. ער פלעגט טיילמאָל אויך אַ טראַכט טון, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער זאָל זי קענען דערהרגענען.

פון אָט דעם איבערלעכן קאַמף, פון דעם מאַטערן זיך, אומ-זיכערקייט און קרענקונג האָט ער פאַרלוירן דאָס געזונט און אפילו אויך זיין שיינקייט. ער איז אויך געוואָרן אַן אומבאַרעכנטער אכזריותדיקער האַר צווישן זיינע שקלאַפן. די שקלאַפן און אפילו די באַפרייטע פלעגן צו אים צוגיין מיט ציטערניש און ווען ס'האָבן זיך נאָך אויף זיי אָנגעהויבן שיטן האַרטהערציקע, אומגעריכטע

שטראָפן אָן שום גרונט, האָבן זיי אים אין געהיים פײַנט געקריגן. ער ווידער, פילנדיק דאָס און פילנדיק זיין אַליינקייט, האָט פון זיי נאָך מער נקמה גענומען. נאָר מיט איין כילאָבען איז ער איצט געווען איינגעהאַלטן, אויס מורא, ער זאָל נישט אָפּזאָגן זיך פון שכן, און יענער ווידער, באַמערקנדיק דאָס, האָט ער אים גענומען באַהערשן און אַלץ מער איבערטרייבן אין זיינע פאָדערונגען. פריִער האָט ער יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, פאַרזיכערט וויניציושן, אַז אַלץ וועט לייכט און שנעל צוגיין. איצט האָט ער אַליין אָנגעהויבן אויסגעפינען שוועריקייטן און נישט אויפהערנדיק פונדעסטוועגן פאַרזיכערן פאַרן גוטן רעזולטאַט פון זיין זוכן, האָט ער אָבער אויך נישט געלייקנט, אַז דאָס מוז נאָך גענוג לאַנג דויערן.

ענדלעך, נאָך לאַנגע טעג דערוואַרטן, איז ער געקומען מיט אַזאַ פינסטער געזיכט, אַז דער יונגערמאַן איז בלייך געוואָרן אים דערזעענדיק און, צושפּרינגענדיק צו אים, האָט ער אים קוים געקענט פרעגן:

— זי איז נישטאָ צווישן די קריסטן?

— זי איז יאָ דאָ, האַר — האָט כילאָן געענטפערט. — נאָר כ'האָב צווישן זיי באַגעגנט גלויקוסן, דעם רופא.

— וואָס מיינסטו דערמיט און וואָס איז דאָס פאַר איינער?

— האָסטו דען, זע איך, האַר, פאַרגעסן וועגן דעם אַלטיטשקן, מיט וועלכן כ'האָב צוזאַמען געוואַנדערט פון נעאַפּאָליס קיין רוים און צוליב וועלכן כ'האָב אָנגעווירן צוויי פינגער אָפּווערנדיק אים, וואָס פון דאַן אָן קען איך שוין קיין פעדער נישט האַלטן אין דער האַנט. די רויבער, וועלכע האָבן צוגערויבט זיין פרוי און קינדער, האָבן אים דערשטאָכן מיט אַ מעסער. איך האָב אים איבערגעלאָזט אַ גוססדיקן אין דער אכסניה הינטער מינטורנאַ און כ'האָב אים אַ לאַנגע צייט באַוויינט! אַ שאָד! כ'בין געוויר געוואָרן, אַז ער לעבט ביז איצט און ער געהערט צו דער קריסטלעכער עדה אין רוים.

וויניציוש, וועלכער האָט נישט געקענט תופס זיין אין וואָס עס גייט, האָט זיך נאָר משער געווען, אַז דערדאָזיקער גלויקוס

אין עפעס אַ מגיעה אינם געפינען ליגיען, ער האָט דעריבער דער־שטיקט אין זיך דעם כעס, וועלכער האָט געברויזט אין אים, און האָט געזאָגט:

— אויב דו האָסט אים, דאַרף ער דאָך דיר זיין דאַנקבאַר און דיר העלפן.

— אָך, איידעלער טריבון! אפילו די געטער זענען ניט שטענדיק דאַנקבאַר, הייגט זשע נאָך מענטשן. געוויס! ער דאַרף מיר זיין דאַנקבאַר. צום אומגליק איז דאָס אַ זקן מיט אַ שוואַכן פאַרשטאַנד, וועלכער איז שוין פאַרנעפּלט פון עלטער און זאָרג, און דעריבער איז ער מיר ניט נאָר ניט דאַנקבאַר, נאָר, ווי כ'בין געוויר געוואָרן טאַקע פון זיינע מיטגלויביקע, באַשולדיקט ער מיך, אַז איך האָב דאָס אונטערגעשטעלט די רויבער און אַז איך בין שולדיק אין זיין אומגליק. דאָס האָב איך שכר פאַר מיי־נע צוויי פינגער!

— כ'בין זיכער, אויסוואורף, אַז ס'איז אמת, וואָס ער זאָגט! — האָט וויניציוש געזאָגט.

— אויב אַזוי, ווייסטו דאָך מער פאַר אים. — האָט כילאָן שטאַלץ געענטפערט — ער איז זיך נאָר בלויז משער, אַז עס איז אַזוי געווען, וועלכעס וואָלט אים פונדעסטוועגן ניט געשטערט צו רופן די קריסטן צו הילף און אומברחמנותדיק נוקם זיין זיך אין מיר. ער וואָלט עס בלי ספק געטון, און אַלע וואָלטן אים אויך בלי ספק צוגעהאָלפן. צום גליק, ווייסט ער אָבער ניט מיין נאָמען, און אין געבעט־הויז, וו מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער מיך ניט דערזען. איך אָבער האָב אים באַלד דערקענט און אין ערשטן אויגנ־בליק האָב איך זיך אים געוואָלט וואַרפן אויפן האַלדז. איך האָב זיך נאָר אָפּגעהאַלטן צוליב מיין פאַרזיכטיקייט און מיין געוווינהייט צו איבערלייגן זיך יעדן טריט, וואָס כ'האָב בדעה צו טון. נאָכן אַרויסגיין פון געבעט־הויז האָב איך זיך אַלזאָ אָנגעהויבן אויס־פרעגן וועגן אים, און די, וועלכע קענען אים, האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מענטש אָן וועלכן אַ וועג־חבר פון נעאַפּאָליס האָט בע־פעלשט. . . אַנדערש וואָלט איך דאָך ניט געוווּסט, אַז ער דער־ציילט אַזוי.

— וואָס גייט דאָס אַלץ מיך אָן! זאָג, וואָס דו האָסט געטאָן אין געבעט-הויז.

— דיך גייט עס נישט אָן, האַר, אָבער מיך גייט עס אָן אַזוי פיל, ווי מיין אייגענע הויט. און אַזוי ווי איך וויל, אַז מיין לערע זאָל מיך איבערלעבן, וועל איך זיך גלייכער אָפּזאָגן פון דער באַלוינונג, וועלכע דו האָסט מיר צוגעזאָגט, איידער איינצושטעלן דאָס לעבן צוליב דעם נישטיקן מאַמאָן אָן וועלכן, איך, אַלס אמתער פילאָזאָף, וועל אויך קענען לעבן און זוכן דעם געטלעכן אמת.

ווינציוש אָבער איז צוגעטרעטן צו אים מיט אַ פאַרכטלעך-געזיכט און האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים אַרויסגערעדט:

— און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז פון גלויקוסעס האַנט וועט דיך גיכער טרעפן דער טויט, ווי פון מיינער? פונוואַנען ווייסטו, הונט, צי כ'וועל דיך נישט באַלד באַגראָבן אין מיין גאָרטן?

כילאָן, וועלכער איז געווען אַ פּחדן, האָט אַ קוק געטון אויף ווינציושן און אין אויגנבליק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז נאָך איין נישט פאַרזיכטיק וואָרט און ער איז פאַרלוירן אָן רעטונג.

— כ'וועל זי זוכן, האַר, און כ'וועל זי געפינען! — האָט ער שנעל אויסגערופן.

עס איז שטיל געוואָרן און מען האָט נאָר געהערט ווינציושס שנעלע אָטעמען און דאָס ווייטע געזאַנג פון די שקלאַפן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין גאָרטן.

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען דער גריך האָט באַמערקט, אַז דער יונגער פאַטריציער האָט זיך שוין עטוואָס באַרויקט, האָט ער גענומען רעדן:

— דער טויט איז פאַרביי מיר, אָבער איך האָב אויף אים געקוקט אַזוי רויק, ווי סאָקראַטעס. ניין, האַר! איך האָב נישט געמיינט זיך אָפּצוזאָגן פון זוכן דאָס מיידל, כ'האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס זוכן זי איז פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר פאַר מיר. דו האָסט אַמאָל געצווייפלט אויך אין דעם, אַז עס עקזיסטירט אַן עריציוס און כאָטש דו האָסט זיך מיט דיינע אייגענע אויגן אי-

בּאַרצײַגט, אַז מײַן פֿאָטערס זון לײַקנט נישט, ביסטו מיך איצט משה, אַז כ'האָב אױסגעטראַכט װעגן גלױקוסן, לײדער! װען ער זאָל באַר טאַקע זײַן אַן אױסגעטראַכטע פֿיגור, װען איך זאָל קענען גאַנץ רויִק זיך ארומדרײען צװישן די קריסטן אַזױ װי פֿריִער, װאָלט איך אַװעקגעגעבן דערפֿאַר מײַן אײנציקע אַלטע שקלאַפֿין, װעלכע כ'האָב מיר מיט דרײַ טעג צוריק געקױפֿט, כּדי עס זאָל װער האָבן השגחה אויף מײַן עלטער און אויף מײַן מום. אָבער גלױקוס לעבט, האַר, און װען ער זאָל מיך אײנמאָל דערזען, װאָלסטו מיך שױן מער קײנמאָל נישט געזען און װער װאָלט דיר דאַן געפֿונען דאָס מײדל.

ער איז אַנטשװיגן געװאָרן און האָט גענומען װישן זיך די טרערן, דערנאָך האָט ער װײַטער גערעדט:

— אָבער כּל זמן גלױקוס לעבט, װי קען איך זי זוכן, אַז יעדע רגע קען איך זיך מיט אים צונױפֿטרעפֿן, און טרעף איך זיך מיט אים צונויף, בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער און צוזאַמען מיט מיר װעט פֿאַרפֿאַלן װערן מײַן זוכעניש.

— װאָס זשע װילסטו דערמיט זאָגן? װאָס פֿאַר אַן עצה איז פֿאַראַן? און װאָס רעכנסטו צו טון? — האָט װיניציוש געפֿרעגט.

— אַריסטאָטעלעס, האַר, לערנט אונדז, אַז מ'דאַרף אָפּפֿערן מיט די קלענערע זאַכן פֿאַר די גרעסערע און דער קעניג פּריאַם פֿלעגט תּמיד זאָגן, אַז די עלטער איז באַר אַ שװערע משׂא. און אָט טאַקע דידאָזיקע משׂא פֿון עלטקײט און נױט, דריקט שױן לאַנג אויף גלױקוסן אַזױ אומבּרחמנותדיק, אַז דער טױט װאָלט פֿאַר אים באַר געװען אַ טובֿה. און װאָס איז דען דער טױט, לױט סענעקאַן, אױב נישט קײן מלאך הגואל?...

— קאָמעדיאַנטישע שטיק קענסטו דיר מאַכן מיט פּעטראָנייוסן, נישט מיט מיר און זאָג, װאָס דו װילסט?

— אױב מאָראַל איז קאָמעדיאַנטיש, זאָלן זשע די געטער געבן, איך זאָל אײביק בלײַבן אַ קאָמעדיאַנט. כ'װיל, האַר, אָפּרוימען גלױקוסן, װאָרים כּל זמן ער לעבט, איז מײַן לעבן און מײַן אַרבעט פֿסדר אין סכּנה.

— דינג זשע אַלזאָ מענטשן, וועלכע וועלן אים מיט שטע־קענער דערמאָנען, איך וועל זיי באַצאָלן.

— זיי וועלן פֿון דיר, האַר, געלט צאַפּן און וועלן נאָך דערנאָך דיין סוד אויסנוצן. אויסוואורפן זענען אין רוים דאָ אַזוי פֿיל, וויפיל זאַמדעלעך אויף דער ערד, האָסט אָבער קיין השגה נישט, ווי טייער זיי הייסן זיך באַצאָלן, אַז אַן אָרנטלעכער מענטש דאַרף אַמאָל האָבן זייער נידערטרעכטיקייט. ניין! איידעלער טריבון! און טאָמער ייִעלן די ווינגלן כאַפּן די מערדער ביים מאָרד? וועלן זיי דאָך געוויס אויסגעבן, ווער עס האָט זיי געדונגען און וועסט נאָך האָבן אַן עסק אויף זיך. אויף מיר וועלן זיי אָבער נישט אָנווייזן, ווייל איך וועל זיי מיין נאָמען נישט זאָגן. דו טוסט שלעכט, וואָס דו טרויעסט מיר נישט, וואָרים שוין נישט רעדנדיק וועגן מיין ערלעכקייט, דאַרפסטו נאָך אויך געדענקען, אַז דאָ גייט עס וועגן נאָך צוויי זאַכן: וועגן מיין אייגענע הויט און וועגן דער באַלוינונג, וועלכע דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

— וויפיל דאַרפסטו?

— כ'דאַרף טויזנט סעסטריצן, וואָרים דאַרפסט, האַר, נעמען אין אַכט, אַז איך מוז אויסזוכן ערלעכע אויסוואורפן, אַזעלכע, וואָס זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן צוזאַמען מיטן אויפגאָב, וואָס כ'וועל זיי פריִער געבן. פאַר גוטע אַרבעט, מוז מען גוט צאָלן! מיר וואָלט אויך צונוץ געקומען עפעס געלט אויף אָפּצווישן די טרערן, וועלכע איך פאַרגיס פון רחמנות צו גלויקוסן, די געטער זענען מיינע עדות, ווי ליב איך האָב אים געהאַט. אויב איך וועל היינט באַקומען טויזנט סעסטריצן, וועט זיין נשמה אין צוויי טעג אַרום שוין זיין אין האַדעס און דאָרט, אויב די נשמות האָבן אַ זכרון און די פֿעיִקייט צו דענקען, וועט ער ערשט אייגזען, ווי ליב איך האָב אים געהאַט. מענטשן וועל איך נאָך היינט האָבן און כ'וועל זיי זאָגן, אַז פון מאָרגנדיקן אָוונט אָן וועל איך זיי פאַר יעדן טאָג, וואָס גלויקוס וועט לעבן, אָפּשלאָגן צו הונדערט סעסטריצן. אויסערדעם האָב איך נאָך עפעס אַן המצאה, וועלכע וועט, דאַכט זיך, זיין אויסגעצייכנט.

וויניציוש האָט אים נאָך אַן איבעריק מאָל צוגעזאָגט די

בעהעריקע טומע, אָבער ער האָט אים פאַרבאָטן צו רעדן מער וועגן גליקן און ער האָט אים בעסער גענומען פרעגן מיט וואָס פאַר אַ נייעס ער איז געקומען, ווי ער איז ביז איצט געווען און וואָס ער האָט אַנטדעקט. כילאָן האָט אים אָבער קיין סך נייעס נישט געהאַט מיטצוטיילן. ער איז געווען אין נאָך צוויי געבעט־הייזער און פלייסיק זיך צוגעקוקט צו אַלע, איבערהויפּט צו פרויען, אָבער ער האָט נישט באַמערקט קיין שום פרוי, וועלכע זאָל ענלעך זיין אויף ליגיען. די קריסטן אָבער באַטראַכטן אים פאַר אַן אייגענעם און פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט עריציוסן געגעבן געלט אויסצוקויפן דעם זון, שעצן זיי אים אַלס אַ מענטש, וועלכער גייט אין די דרכים פון „קריסטוס”. ער איז פון זיי אויך געוואויר געוואָרן, אַז אייבער, אַ הייליקער מאַן, אַ געוויסער פּוילוס פון תרשיש געפינט זיך איצטער אין רוים אין תפיסה צוליב אַ מסירה, וועלכע, די יידן האָבן אויף אים אָנגעגעבן און ער האָט באַשלאָסן זיך מיט אים צו באַקענען. נאָר גאָר צופרידן איז ער פון אַן אַנדערע ידיעה, אַז דער העכסטער גייסטלעכער פון דער גאַנצער סעקטע, וועלכער איז געווען קריסטוסעס תלמיד און וועמען קריסטוס האָט אַנפאַרטרויט די אָנפירונג מיט אַלע קריסטן פון דער גאַנצער וועלט, ווערט יעדע סעקונדע דערוואַרט אין רוים. אַלע קריסטן וועלן אים, באַטירלעך, וועלן זען און הערן זיינע רייד. עס וועלן פאַר־קומען גרויסע פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע אויך ער, כילאָן, וועט זיין, און וואָס נאָך מער, אַזוי ווי אין המון איז זיך לייכט צו באַהאַלטן, וועט ער אַלזאָ וויניציושן אויך אַהינפירן, דאַן וועלן זיי שוין באַשטימט געפינען ליגיען. אויב גלויקוס וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערן אָפּגערוימט, וועט עס אפילו נישט זיין פאַרבונדן מיט קיין גרויס געפאַר. די קריסטן אַליין וואָלטן זיך אפילו אויך נוקם געווען, נאָר בכלל זענען זיי זייער רויקע מענטשן.

דאָ האָט כילאָן פאַרחידושט גענומען דערציילן, דאָס ער האָט קיינמאָל נישט באַמערקט, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אויסגעלאַסנהייט, זיי זאָלן פאַרסמען ברונעמס און פאָנטאַנען, אַז זיי זאָלן זיין פיינט פון דער מענטשהייט, זיי זאָלן פאַרגעטערן אַן אייזל, אָדער זיי זאָלן עסן פלייש פון קליינע קינדער, ניין! ער האָט

וואָס נישט געזען. מסתמא וועלן זיך צווישן זיי אויך געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלן פאַר געלט אָפּרוימען גלויקען, אָבער זייער לערע, אויף וויפיל אים איז באַקאַנט, רעדט נישט צו אַ קיין שום רציחה, פאַרקערט, זי הייסט נאָך מוחל זיין עוולות.

וויניציוש האָט זיך טאַקע דערמאַנט, וואָס פּאָמפּאָניע גרע-ציניע האָט אים אַמאָל ביי אַקטען געזאָגט, און אין אַלגעמיין האָט ער כילאָנס רייד מיט פאַרגעניגן געהערט. כאָטש ער האָט שוין צו ליגיען געפילט אַ געוויסע שנאה, דאָך האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט, הערנדיק, אַז די לערע, וועלכע זי און פּאָמפּאָניע גרעציניע אָנערקענען, איז נישט קיין פאַרברעכערישע, נישט קיין שמוציקע. פונדעסטוועגן האָט ער אומקלאָר געפילט, אַז טאַקע דידאָזיקע לערע קריסטוסעס האָט דאָס גורל געווען דעם תהום צווישן אים און ליגיען, ער האָט דעריבער גלייכצייטיק אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר דערדאָזיקער לערע און פיינט קריגן זי.

XVII.

כילאַן האָט אמתדיק געוואָלט אָפּרוימען גלויקוסן, וועלכער איז, נישט קוקנדיק אויף זיין זקנה, דאָך נאָך געווען אַ גאַנץ פעסטער אַלטיטשקער. אין דעם, וואָס כילאָ האָט דערציילט וויניציושן, איז געווען אַ גרויסער טייל אמת. ער איז טאַקע אַמאָל געווען באַקאַנט מיט גלויקוסן, ער האָט אָן אים געפעלשט, פאַר־קויפט אים צו רויבער, האָט אים באַרויבט זיין הויזגעזינט, זיין פאַרמעגן און געלאָזט אים דערמאָרדן. די דערינערונג וועגן די אַלע מעשים האָט ער אָבער גאַנץ לייכט אריבערגעטראָגן, ווייל ער האָט גלויקוסן איבערגעלאָזט אַ גוססדיקן נישט אין דער אכסניה, נאָר אינמיטן פעלד הינטער מינטורנאַ. ער האָט דאָן נאָר איין זאַך נישט פאָרויסגעזען, אַז גלויקוס וועט זיך אויסהיילן פון זיינע ווונדן און וועט קומען קיין רוים. דעריבער, ווען ער האָט אים דערזען אין געבעט־הויז, האָט ער זיך באמת דערשראָקן און אין ערשטן אויגנבליק האָט ער טאַקע געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זוכן ליגיען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט אים וויניציוש נאָך

מער איבערגעשראָקן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז אויסקלייבן צווישן דער מורא פאַר גלויקסן און דער נקמה פון דעם מעכטיקן פּאַטריציער, וועלכן עס וואָלט זיכער צו הילף געקומען דער צווייטער גאָך גרעסערער פּעטראָציוס. דעריבער האָט כ׳לאָן אויפגעהערט וואַקלען זיך. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ס׳איז גלייכער צו האָבן קלייגע שונאים, ווי גרויסע, און כאָטש זיין פחדנישע נאַטור האָט געציטערט פאַר בלוטיקע געשעענישן, פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט פאַר ביטיק צו דערהרגענען גלויקסן דורך פרעמדע הענט.

איצט איז אים געגאַנגען נאָר וועגן מענטשן. דערצו, אין זיין המצאה, וועגן וועלכער ער האָט פריער דערמאַנט פאַר ווי־ציוישן, איז טאַקע געווען בנוגע דעם. פאַרברענגענדיק גאַנץ אָפט די נעכט אין די ווייַנשענקן, וווּ ער פלעגט געכטיקן צווישן מענטשן אָן אהיים, אָן ערע, און אָן גלויבן, האָט ער לייכט געקענט געפינען אַזעלכע, וועלכע וואָלטן זיך יעדער אַרבעט אַנטער־גענומען, אָבער נאָך לייכטער אַזעלכע, וועלכע דערשפּירנדיק ביי אים געלט, וואָלטן זיי די אַרבעט אָנגעהויבן מיט אים גופא, אָדער נעמענדיק אָן אויפגאַב, וואָלטן זיי ביי אים אַרויסגעצויגן דאָס גאַנצע געלט, שרעקנדיק אים איבערצוגעבן די וויגילן אין די הענט. איבעריקנס, האָט כ׳לאָן פון אַ געוויסער צייט צוריק געפילט אַן עקל צו דער מאַסע, צו די שמוציקע און שרעקלעכע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך געגעסטיקט אין די פאַרדעכטיקסטע הייזער איף סובור אָדער אין יענער זייט טיבר. מעסטנדיק אַלץ מיט זיין מאָס און נישט קענענדיק גרונטלעך נישט די קריסטן, נישט זייער לערע, האָט ער גערעכנט, אַז ער וועט צווישן זיי אויך געפינען אַזעלכע לייט, ווי ער דאַרף; און אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויסגעוויזן ערלעכער, ווי אַנדערע, האָט ער באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו זיי און די זאַך אַזוי פאָרשטעלן, אַז זיי זאָלן זיך אונטערנעמען עס אויסצופירן נישט פאַר געלט, נאָר לשם מצוה.

צו דעם צוועק איז ער אין אָוונט אַוועק צו עריציוסן, וויסנדיק, אַז ער איז אים מיטן גאַנצן האַרץ איבערגעגעבן און, אַז ער וועט אַלץ טון, כדי אים צו העלפן. נור אַזוי ווי ער איז פון דער נאַטור

געווען געגוג פאַרזיכטיק, האָט ער אפילו נישט געקלערט אים אַנצופאַרטרויען זייגע אמתע צילן, וועלכע וואָלטן געווען אַן אָפּענער ווידערשפּרוך מיט דעם אַלטנס גלויבן, מיט זיין זיטלעכקייט און גאָטספאָרכטיקייט. ער האָט געוואָלט האָבן מענטשן, וועלכע זאָלן זיין גרייט אויף אַלעם, און צוזאַמען מיט זיי ערשט איינאָרדנען די זאַך אַזוי, אַז זיי זאָלן געגרייט זיין צוליב זיך אַליין צו האַלטן דעם ענין בסוד.

אויסקויפנדיק זיין זון, האָט דער אַלטער עריציוס אָפּגעדונגען איינס פון די קליינע קרעמלעך, וועלכע זענען דאָ לרוב אויף סירקוס מאַרקסימוס, אויף צו פאַרקויפן דערין איילבירטן, באָב, אומגזויערט טייג און וואַסער מיט האָניק פאַר די צושויער, וועלכע קומען אויף די וועט-געיעגן. כילאָן האָט אים געטראָפן אינדערהיים, איינאָרדנענדיק דאָס קרעמל, און באַגריסנדיק אים אין נאָמען פון קריסטוסן, האָט ער גענומען רעדן וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז דאָ אַהערגעקומען. טוענדיק זיי אַ טובה, האָט ער גערעכנט, אַז זיי וועלן אים מיט דאַנקבאַרקייט אָפּדינען. ער דאַרף האָבן צוויי, אָדער דריי שטאַרקע און דרייסטע מענטשן, וועלכע זאָלן צונישט מאַכן די סכנה, וועלכע הענגט נישט נאָר איבער אים, נאָר אויך איבער אַלע קריסטן. ער איז אמת זייער אָרים, וואָרים ער האָט עריציוסן אַוועקגעגעבן כמעט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. פונדעסטוועגן וואָלט ער אַזעלכע מענטשן באַצאָלט פאַר זייער טרחה, נאָר מיטן תנאי, זיי זאָלן צו אים צוטרוי האָבן און אויספירן אַלץ, וואָס ער וועט זיי נאָר הייסן.

עריציוס און זיין זון, קוואַרטוס, האָבן אים, אַלס זייער בעל טובה, אויסגעהערט שיער נישט אויף די קני. ביידע האָבן אים דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו טון אַלץ, וואָס ער וועט פון זיי פאַרלאַנגען, דען זיי זענען זיכער, אַז אַזאַ הייליקער מאַן, ווי ער, וועט נישט פאַרלאַנגען אַזעלכע מעשים, וועלכע זענען דערווידער קריסטוסעס לערע.

כילאָן האָט איינגעשטימט, אַז ס'איז טאַקע אַזוי און פאַר-

גלאָצנדיק די אויגן אינדערהייך, האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז ער איז מתפּלל. אינדערזאַמתן אָבער, האָט ער גאָר געטראַכט, צי עס וועט אים גלינגען אָנצונעמען זייער דינסט, וועלכעס האָלט אים געקענט איינבריינגען די טויזנט סעסטריצן. אָבער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָט ער עס אָפּגעוואָרפן. עריציוס איז געווען צו אַלט, אפשר נישט אַזוי פון יאָרן, ווי אויסגעמאַטערט פון זאָרג און שלאָפקייטן. קוואַרטוס איז קוים אַלט געווען זעכציק יאָר. כי־לאָן האָט באַדאַרפן פלינקע און קודם כל קרעפטיקע מענטשן. און וואָס שייך די טויזנט סעסטריצן האָט ער געהאָפט, אַז אַ דאַנק דער המציאה, אויף וועלכער ער איז געפאַלן, וועט ער יעדנפאַלס אַ גרויסע טייל פון דער סומע זיך איינבריינגען.

זיי האָבן אַ צייט זיך געבעטן בײַ אים, אָבער ווען ער האָט זיי אַנטשיידן אָפּגעזאָגט, זענען זיי אָפּגעשטאַנען. און קוואַרטוס האָט דאַן געזאָגט:

— ביים בעקער דעמאָס אַרבעטן ביי דער תבואה שקלאַפן און לוין־מענטשן. איינער פון די לוין־מענטשן איז אַזאַ גבור, אַז ער וואָלט געקענט באַשטיין נישט נאָר פאַר אַנדערע צוויי, נאָר אפילו פאַר פיר, וואָרים כ'האָב אַליין געזען, ווי ער האָט אויפגעהויבן אַזעלכע שטיינער, וועלכע פיר מענטשן האָבן נישט געקענט פון אָרט רירן.

— אויב דאָס איז אַ גאָטספאַרכטיקער מענטש, וועלכער איז פעיק מקריב צו זיין זיך פאַר זיינע ברידער, באַקען זשע מיך מיט אים — האָט כילאָן געזאָגט.

— ער איז אַ קריסט, האַר, — האָט קוואַרטוס געענטפערט — ביי דעמאָסן אַרבעטן כמעט בלויז קריסטן. עס זענען דאָרט פאַראַן נאַכט־אַרבעטער און טאָג־אַרבעטער און יענער טאָקע געהערט צו די נאַכט־אַרבעטער. ווען מיר זאָלן איצט אַהינגיין, וואָלטן מיר זיי געטראָפן ביים אָוונט־ברויט און מיר וואָלטן געקענט פריי זיך דורכשמועסן מיט אים. דעמאָס וווינט לעבן עמפּאָריום

כילאָן האָט גערן מסכים געווען. עמפּאָריום האָט זיך געפונען צופוסנס פון עווענטיניער באַרג, ס'הייסט, נישט ווייט פון

גרויסן צירק. מ'האָט געקענט גיין, נישט אַרומגייענדיק דעם באַרג לענגויס דעם טייך, דורך פּאַרטיקיס עמיליאַ, דורך וואַנען עס איז נאָך בענטער געווען.

— כ'בין שוין זייער אַלט — האָט כילאָן געזאָגט, ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אונטער די קאָלאָנאַדן — און כ'האָב טיילמאָל אַ שוואַכן זכרון. יאָ! אונדזער קריסטוס איז דאָך אויסגעגעבן געוואָרן דורך איינעם פון זיינע תּלמידים! אָבער דעם נאָמען פונעם מסור קען איך זיך גראָד איצט נישט דערמאָנען...

— יהודה. האַר, דער, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָנגען. — האָט קוואַרטוס געענטפערט, וווּנדערנדיק זיך אייגנטלעך עטוואָס, ווי אַזוי מ'קען דעמדאָזיקן נאָמען נישט געדענקען.

— אַך, יאָ, יהודה! כ'דאַנק דיר — האָט כילאָן געענטפערט.

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. צוקומענדיק צום עמפּאָריום, וועלכעס איז שוין געווען פאַרמאַכט, האָבן זיי אויסגעמיטן און אַרומגייענדיק אַרום די שפּייכלער. פון וואַנען מ'פלעגט טיילן דעם פאָלק תּבואה, האָבן זיי אַרונטערגעדרייט לינקס צו די הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגויס ווי אַ אָסטיענסיס, ביז צום בערגל טעסטאַציוס און פאַרום פּיסטאַריום. דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הילצערן הייזל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פון קערנער. קוואַרטוס איז אַריין אינעווייניק. און כילאָן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו ווייזן זיך פאַר אַ גרעסערע מאַסע און וועלכער האָט כסדר מורא געהאַט, אַז עפּעס אַ פּאַטום זאָל אים נישט צונויפפירן מיט גלויקוסן, דעם רופא, איז געבליבן וואַרטן אינדרויסן.

— כ'וואָלט שוין געוואָלט זען דעם הערקולעסן, וועלכער דינט אַלס מילנער-יונג — האָט ער זיך געטראַכט, קוקנדיק אויף דער העלער לבנה — אויב ער איז אַן אויסוואורף און אַ קלוגער יונג, וועט ער מיך דאַרפן עפּעס קאָסטן, אויב אָבער ער איז אַ פרומער קריסט און אַ נאַר, וועט ער מיר מוזן טון צולֿיב. וואָס איך וועל פאַרלאַנגען בחנם.

דערווייל איז קוואַרטוס צוריק אַרויסגעקומען מיט נאָך איי־נעם, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טוניק, וואָס רופט זיך „עקסאָמיס", און וועלכער איז געמאַכט אַזוי, אַז דער רעכטער אָרעם און די רעכטע ברוסט בלייבן נאַקעט. אַזעלכע בגדים, ספּעציעל, כּדי צו קענען פריי באַוועגן זיך, האָבן ס'רוב געטראָגן די אַרבע־טער. כילאָן האָט אַ קוק טוענדיק אויף דעם גאַסט, צופרידן אָפּ־געאָטעמט. ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געזען אַזאַ אָרעם און אַזאַ ברוסט.

— האַר — האָט קוואַרטוס געזאָגט — אָט איז דער ברו־דער. וועלכן דו האָסט געוואָלט זען.

— זאָל דער פרידן פון קריסטוס זיין מיט דיר — האָט כילאָן זיך אָפּגערופן — און דו, קוואַרטוס, זאָג דעם ברודער, צי מ'קען האָבן גלויבן אין צוטרויען צו מיר, און דערנאָך גיי דיר אין גאָטס נאָמען אַהיים, וואָרים ס'איז נישט גלייך זאָלסט דיין בכבודיקן פאָטער לאָזן אַליין.

— דאָס איז — האָט קוואַרטוס געזאָגט — אַ הייליקער מאַן, וועלכער האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אָפּגעגעבן, אום מיך, אַ ווילד פרעמדן, אויסצוקויפן פון שקלאַפעריי. זאָל אים אונדזער האַר, דער גואל, דערפאַר אויף יענער וועלט באַלוינען.

דער ריז האָט, דערהערנדיק דאָס, זיך אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטון כילאָנען אין דער האַנט.

— ווי הייסטו, ברודער? — האָט דער גריך געפרעגט.

— מיין טויף־נאָמען, פאָטער, איז אורבאַן.

— אורבאַן, ברודער מיינער, האָסטו געגוג צייט אום זיך מיט מיר פריי דורכצושמועסן?

— אונדזער אַרבעט הייבט זיך אָן האַלבע נאַכט און איצט קאָכט מען ערשט פאַר אונדז אָונט־ברויט.

— איז אַלזאָ דאָ גענוג צייט. מיר וועלן גיין צום טייך און דאָרט וועסטו מיינע רייד פאַרנעמען.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און האָבן זיך געזעצט אויפן שטיי־

בערנעם גרעג אין דער שטילקייט, וועלכע איז נאָר געשטערט געוואָרן דורכן ווייטן גערויש פון דער מל און פון פלעסקען פון די כוואַליעס אונטן אין טייך. דאָרט האָט זיך כילאָן איינגעקוקט אינם געזיכט פונם אַרבעטער, וועלכעס איז, נישט קוקנדיק אויפן עצוואַס פינסטערן און אומעטיקן אויסדרוק, וועלכן אַלע באַרבאַרן, וואָס לעבן אין רוים, האָבן געהאַט אויפן געזיכט, דאָך געווען, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, גוטהאַרציק און אָפן.

— יאָ! — האָט ער זיך געטראַכט — דאָס איז אַ גוטער און נאַרישער מענטש, וועלכער וועט מיר בחנם דערהרגענען גלויקוסן.

דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— אורבאַן, האָסטו ליב קריסטוסן?

— כ'ליב אים מיט לייב און זעל — האָט דער אַרבעטער געענטפערט.

— און די ברידער און שוועסטער דיינע, און די אַלע וועלכע האָבן דיך געלערנט דעם אמת און דעם גלויבן אין קריסטוסן?

— כ'האָב זיי אויך ליב, פאַטער.

— זאָל זשע פרידן זיין מיט דיר.

— אויך מיט דיר פאַטער.

עס איז ווידער שטיל געוואָרן, נאָר וואָס פון ווייטן האָבן גערוישט די קערנער אין מיל, און אונטן האָט געמורמלט דער טייך.

כילאָן האָט זיך פאַרקוקט אויף דער העלער שיין פון דער לבנה און מיט אַ געלאַסענער, פאַרשטיקטער שטים האָט ער גענומען רעדן וועגן קריסטוסעס טויט. ער האָט גערעדט, ווי צו זיך אַליין, ווי אורבאַן וואָלט דאָ גאָרנישט געווען לעבן אים, ווי ער וואָלט אויפגעוועקט אין זיך די זכרונות וועגן יענעם טויט, אָדער ווי ער וואָלט דעם סוד פונם דאָזיקן טויט פאַרטרויט דער שלאָפנדער שטאָט, עס איז אין דעם געווען עפּעס רירנדיקס און אויך

פייערלעכס, דער אַרבעטער האָט געוויינט און ווען כילאָן האָט גענומען קרעכצן און באַדויערן דאָס, וואָס אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט פון גואל איז נישט געווען קיינער, וועמען עס זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן, אויב נישט קעגן קרייציקן, איז כאָטש קעגן דעם אָפּשפּעטן פון די זעלנער און פון די יידן, דאַן האָבן זיך דעם באַרבאַרס העזהדיקע פויסטן גענומען ביילן פון צער און פאַרשטיקטן כעס. דער טויט האָט אין אים דערוועקט נאָר רחמנות. אָבער ביים געדאַנק וועגן דעם המון, וועלכער האָט געשפּאָט און געלאַכט פון דעם צום קרייץ צוגעשלאָגענעם שעפּעלע, האָט זיך אין אים געבונטעוועט זיין רויע נאַטור און געוועקט אין אים אַ ווילדן חשק פון נקמה.

און פּלוצלינג האָט כילאָן אַ פרעג געטון:

— אורבאַן, ווייסטו, ווער עס איז געווען יהודה איש קריות?

— כ'ווייס, כ'ווייס! אָבער ער האָט זיך אויפגעהאָנגען — האָט דער אַרבעטער אויסגערופן.

און אין זיין קול איז געווען עפּעס ווי אַ באַדויערן, וואָס דער בוגד האָט זיך שוין אַליין באַשטראָפט און ער וועט שוין נישט קענען אַריינפאַלן צו אים אין די הענט.

כילאָן האָט דערווייל ווייטער גערעדט:

— און ווען ער וואָלט זיך נישט געווען אויפגעהאָנגען און וועלכער עס איז קריסט וואָלט אים באַגעגנט אויף דער יבשה אָדער אויפן ים, צי וואָלט ער זיך נישט באַדאַרפט נוקם זיין פאַר די ליידן, פאַר דעם בלוט און טויט פונם גואל?

— ווער וואָלט דען געקענט זיך נישט נוקם זיין, פאָטער?

— פריד צו דיר, טרייער דינער פון שעפּעלע. יאָ! אייגענע עוולות מעג מען מוחל זיין, ווער אָבער האָט רעכט מוחל צו זיין גאָטס עוולות? און אַזוי ווי אַ שלאַנג געבוירט אַ שלאַנג, אַזוי ווי שלעכטס געבוירט שלעכטס און אַזוי ווי בגידה געבוירט בגידה, אַזוי האָט דער גיפט פון יהודה געבוירן אַ צווייטן בוגד און אַזוי ווי יענער האָט דעם גואל אַרויסגעגעבן צו די יידן און די רוימישע זעלנער,

אזוי וויל דער, וועלכער האַלט זיך אויף צווישן אונדז, אַרויס־געבן זיינע שפּעפּלעך צו די וועלף און אויב קיינער וועט נישט אַליין צו נישט מאַכן די מסירה, אויב קיינער וועט נישט, כּל זמן ס'איז נאָך צייט, אָפּהאַקן דעם שלאַנג דעם קאָפּ, וועלן מיר אַלע אומ־קומען און צוזאַמען מיט אונדז וועט אונטערגיין אויך דער כּבוד, פונם שעפּעלע.

דער אַרבעטער האָט געקוקט אויף אים געוו אַלטיק אומרויק ווי ער וואָלט נישט קלאָר פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער הערט. דער גריך אָבער האָט, באַדעקנדיק זיך דעם קאָפּ מיט אַ בּרעג מאַנטל, גענומען אָן אויפהער איבערחזרן מיט אַ שטים, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס:

— ווי אייך דיבּער פון אמתן גאָט, ווי צו אייך קריסטן און קריסטינס!

און ווידער איז שטיל געוואָרן, ווידער האָט מען נאָר גע־הערט דאָס ווייטע גערויש פון דער מיל, דאָס טויבע געזאַנג פון די מילנער און דאָס רוישן פון טייך.

— פּאַטער — האָט ענדלעך דער אַרבעטער זיך אָפּגע־רופן — ווער איז דער בוגד?

כילאָן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווער איז דער בוגד? אַ זון פון יהודה, אַ זון פון זיין גיפט, וועלכער גיט זיך אָן פאַר אַ קריסט און קומט אין די געבעט־הייזער נאָר צוליב דעם, כּדי צו מסרן די ברידער פאַרן צעזאַר, אַז זיי ווילן נישט אָנערקענען דעם צעזאַר אַלס אַ ג ט, אַז זיי פאַרסמן די פאָנטאַנען, מאָרדן קינדער און ווילן חרוב מאַכן די שטאָט אַזוי, אַז עס זאָל קיין שטיין אויף קיין שטיין נישט בלייבן. אָט דאַרף שוין אין עטלע־כע טעג אַרום זיין אַ באַפעל צו די פּרעטאָריאַנער, זיי זאָלן פאַנ־גען אַלע זקנים, פרויען און קינדער און אויסקוילן זיי, ווי מ'האָט אויסגעקוילעט די גאַנצע „פאַמיליאַ" פון פּעדאַניוס סעקונדאַ. און דאָס אַלץ איז די אַרבעט פון דעמדאָזיקן צווייטן יהודה. נאָר אויב דעם ערשטן האָט קיינער נישט באַשטראָפט, אויב קיינער האָט זיך אָן אים נישט נוקם געווען, אויב קיינער האָט קריסטוסן נישט אָפּגעוועדט

אין דער שעה פון פיין, ווער זשע אָבער וועט וועלן דעמדאָזיקן באַשטראָפן, ווער וועט פּאַרטיליקן די שלאַנג, איידער דער צעזאַר וועט איר מסירה אויסהערן, ווער וועט זי אָפּרוימען, ווער וועט פּאַרהיטן פון אונטערגאַנג די ברידער אונדזערע און דעם גלויבן אין קריסטוסן?

און אורבאַן, וועלכער איז ביז איצט געזעסן אויף דער שטיינערנער באַנק, איז האַסטיק אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— איך וועל דאָס טון, פּאַטער.

כילאָן איז אויך אויפגעשטאַנען, אַ ווײַלע האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם אַרבעטערס געזיכט, וועלכעס איז באַלויכטן געווען מיט דער שיין פון דער לבנה, דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן זיין האַנט און געלאָזן זי אַרויפגעלייגט דעם אַרבעטער אויפן קאָפּ.

— ביי צווישן די קריסטן — האָט ער פּייערלעך געזאָגט — ביי אין די געבעט-הייזער און פרעג זיך ביי די ברודער אויף גלויקוס דעם רופא און ווען מ'וועט דיר אים אָנווייזן, דאַן, אין נאָמען פון קריסטוס, ממית!...

— גלויקוס?... — האָט דער אַרבעטער איבערגעזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַרייננעמען גוט אין זינען דעמדאָזיקן נאָמען.

— קענסט אים דען?

— ניין, כ'קען אים נישט. אין רוים איז דאָ טויזנטער קריסטן און נישט אַלע קענען זיך איינער דעם צווייטן. נאָר מאָרגן בײַנאַכט וועלן זיך אין אָסטריאַנום פאַרזאַמלען אַלע ברידער און שוועסטער ביז צו איין נפש, דען עס איז דאָ געקומען צו אונדז דער גרויסער אַפּאָסטאָל קריסטוסעס, וועלכער וועט דאָרט פאַר אונדז רעדן און דאָרט וועלן מיר שוין די ברידער אָנווייזן אויף גלויקוסן.

— אין אָסטריאַנום? — האָט כילאָן געפרעגט — דאָס איז דאָך הינטער די שטאָט-טויערן. אַלע ברידער און שוועסטער בײַנאַכט? אונטער די טויערן אין אָסטריאַנום?

— יאָ, פּאַטער. דאָרט איז אונדזער בית-עלמין, צווישן וויאַ

סאַלאַריאַ און נאַמענטאַנאַ. ווייסטו דען נישט, אַז דאָרט וועט רעדן דער גרויסער אַפּאָסטאָל?

— כ׳בין צוויי טעג נישט געווען אינדערהיים, האָב איך דעריבער נישט באַקומען זיין בריוו און ווו עס געפינט זיך אַסטריאַנום האָב איך נישט געוווסט דערפאַר, ווייל איך בין ערשט נישט לאַנג דאָ אַהערגעקומען פון קאָרינט, ווו איך פיר אָן מיט דער קריסטלעכער עדה... אָבער האָסט רעכט! און אויב קריסטוס האָט יאָ אויף דיר זיין גייסט בעשיקט, וועסטו טאַקע באַנאַכט, מיין זון, גיין אין אַסטריאַנום, דאָרט וועסטו צווישן די ברידער געפינען גלויקוסן און וועסט אים צוריקצווועגס אין שטאָט אַריין דערהרגענען, דאָס וועט זיין אַ מחילה פאַר דיינע אַלע זינד. און איצט זאָל פרידן זיין מיט דיר...

— פאָטער..

— כ׳הער, דינער פונם שעפעלע.

אויפן אַרבעטערס געזיכט איז ניכר געווען, אַז ער איז אין פאַרלעגנהייט. אָט ערשט נישט לאַנג צוריק האָט ער דערהרגעט אַ מענטש און אפשר צוויי. קריסטוסעס גלויבן אָבער פאַרווערט דאָך צו דערהרגענען ער האָט זיי אפילו נישט דערהרגעט פאַר זיין אייגענער פאַרטיידיקונג, וואָרים דאָס טאָר מען אויך נישט. ער האָט נישט דערהרגעט, ווי קריסטוס איז אים ליב, צוליב רויב... דער בישאָף אַליין האָט אים געגעבן ברידער צו הילף. אָבער דערהרגענען האָט ער נישט דערלויבט און ער האָט נישט, ווילנדיק דערהרגעט, דען גאָט האָט אים געשטראָפט מיט צופיל כח... און איצט האָט ער שווער חרטה... אַנדערע זינגען ביי דער אַרבעט און ער, אומגליקלעכער, קלערט נאָר וועגן זיין זינד, וועגן דעם שעפעלע... וויפיל ער האָט שוין מתפלל געווען, געווייגט! וויפיל ער האָט שוין דאָס שעפעלע איבערגעבעטן! און ער פילט, אַז דאָס איז נאָך אַלץ קיין תשובה נישט... און אָט האָט ער איצט צוגעזאָגט ווידער צו דערהרגענען אַ בוגד... און ס׳איז גוט אַזוי! ווייל נאָר אייגענע עוולות מעג מען מוחל זיין, ער וועט אים דעריבער דערהרגענען אפילו אין די אויגן פון אַלע ברידער און שוועסטער, וועלכע וועלן מאָרגן זיין אין אַסטריאַנום,

נאָר פונדעסטוועגן וואָלט גלויקוס פריִער באַדאַרפט געמשפט ווערן דורך די עלטסטע ברידער, דורכן בישאָף, אָדער דורכן אַפּאָסטאָל, דערהרגענען איז נישט קיין שווערע זאַך און אַ בוגד דערהרגענען איז נאָך פאַרקערט זייער ליב, ווי למשל דערהרגענען אַ וואָלף, אָדער אַ בער, דאָך טאָמער וועט גלויקוס אומשולדיק אומקומען? ווי קען ער אויף זיין געוויסן נעמען אַ נייע רציחה, אַ נייע זינד און אַ נייע באַליידיקונג פאַרן שעפעלע?

— אויף אַ משפט איז שוין קיין צייט נישטאָ, מיין זון — האָט כילאָן געענטפערט — ווייל דער בוגד וועט גלייך פון אָסטיאַנום איילן קיין אַנציום, אָדער ער וועט זיך באַהאַלטן אין הויז פון באַוווסטן פאַטריציִער, וועמען ער דינט. אָבער איך וועל דיר געבן אַ צייכן, וואָס אַז דו וועסט אים נאָכן טויטן גלויקוסן ווייזן, וועט אי דער בישאָף, אי דער גרויסער אַפּאָסטאָל דיך בענטשן פאַר דיין עובדה.

דאָס זאָגנדיק האָט ער אַרויסגענומען אַ מטבע, דערנאָך האָט ער גענומען זוכן ביי זיך אונטערן גאַרטל אַ מעסער און געפינענדיק עס, האָט ער אויסגעקראַצט אויף דער סעסטערציע מיטן שפּיץ מעסער אַ צלם און געגעבן עס דעם אַרבעטער.

— אָט איז דער אורטייל אויף גלויקוסן און אַ צייכן פאַר דיר. אַז דו וועסט עס נאָכן טויטן גלויקוסן ווייזן דעם בישאָף, וועט ער דיר מוחל זיין אויך יענע רציחה, וועלכע דו האָסט נישט ווילנדיק געטון.

דער אַרבעטער האָט קענען זיין ווילן אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער מטבע, האָבנדיק אָבער פונדעסטוועגן פריש אין זכרון דעם ערשטן מאָרד, האָט ער זיך עפּעס ווי געשראָקן.

— פאָטער — האָט ער זיך רחמים געבעטן — נעמסטו אויף דיין געוויסן די רציחה און האָסטו דען אַליין געהערט גלויקוסן פאַרמסרן די ברידער?

כילאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז געבן עפּעס באַווייזן, אַז ס'איז נייטיק צו ברענגען עפּעס אַ נאָמען, וואָרים אַז נישט וועט זיך אַריינכאַפּן עפּעס אַ ספק ביים ריז אין האַרץ. און

פּלוצלינג האָט אויפגעבליצט אַ גליקלעכער געדאַנק ביי אים אין מוח.

— הער, אורבאַן — האָט ער געזאָגט — איך וווין אין קאָרינט, אָבער שטאַמען שטאַם איך פֿון קאָס, און דאָ אין רוים דערצי איך אין קריסטוסעס לערע אייבע אַ דינסט־מיידל פֿון מיין היימאַט, מיטן נאָמען עניצע. זי דינט אַלס „וועסטיפליקאַ" אין הויז פֿון צעזאַרס אַ פריינט, אַ געוויסן פעטראַניוס. אַלזאָ האָב איך אין דעמדאָזיקן הויז געהערט, ווי גלויקוס האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגעבן אַלע קריסטן און אַ חוץ דעם האָט ער אַן אַנדערן יועץ פֿון צעזאַר, וויניציוּשן, צוגעזאָגט אויסצוזוכן צווישן די קריסטן אַ מיידל...

ביי די ווערטער האָט ער איבערגעריסן און איבעראַשט אַ קוק געטון אויפֿן אַרבעטער, וועמענס אויגן עס האָבן פּלוצלינג אויפגעבליט, ווי ביי אַ חיה און דאָס געזיכט האָט באַקומען אַ מוראדיק צאָרנדיק אויסזען.

— וואָס איז דיר? — האָט כילאָן כמעט מיט שרעק געפרעגט.

— גאָרנישט, פאָטער. מאָרגן דערהרגע איך גלויקוסן!...

דער גריך אָבער איז שטיל געבליבן; און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער, בעמענדיק דעם אַרבעטער פאַרן אָרעם, אים אויסגעדרייט אַזוי, אַז דאָס ליכט פֿון דער לבנה זאָל אים פאַלן גלייך אויפן געזיכט און גענומען אויפמערקזאַם זיך איינקוקן אין אים. ס'איז ניכּר געווען, אַז ער וואַקלט זיך, צי ער זאָל אים ווייטער פרעגן און אַרויסבאַקומען פֿון אים אַלץ, צי ער זאָל דערווייל צורו לאָזן און זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס ער איז שוין געוויר געוואָרן, אָדער זיך אָנגעשטויסן.

סוף כל סוף אָבער האָט די איינגעבוירענע פאָרזיכטיקייט אין אים גובר געווען, ער האָט איינמאָל און ס'צווייטע מאָל טיף אָפּגעזיפֿצט, דערנאָך האָט ער ווידער, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט דעם אַרבעטער אויפֿן קאָפּ, אים מיט אַ פייערלעכער און דייטלעכער שטים געפרעגט.

— בײם הײליקן טױפן האָט מען דאָך דיך דעם נאָמען אורבאַן בעגעבן?

— אַזוי איז פאָטער.

— זאָל זשע פרידן זײן מיט דיר, אורבאַן!

XVIII.

פעטראַניוס צו װיניציױשן

„ס'איז שלעכט מיט דיר, קאַראַסימע! װענוס האָט דיר, זע איך, צעמישט די געדאַנקען, אָפּגענומען בײַ דיר דעם פאַרשטאַנד, דעם זכרון און די פֿעיִקײט צו דענקען װעגן עפּעס אַנדערש, װי ליבע. לעז אַלײן אַמאָל דורך דײַן ענטפֿער אױף מײַן בריװ, װעסטו זען, װי דײַן געדאַנק איז איצט גלײַכגילטיק צו אַלעם, װאָס איז נישט ליגיע, װי ער איז נאָר מיט איר פֿאַרפֿולט, װי ער שפּרינגט אַלץ אָן אױפֿהער צוריק צו איר און לױערט אַרום און אַרום איר, װי אַ שפּאַרבער אַרום זײַן דערשמעקטן רױב. בײַ פּאָלוקסן! געפֿין זי שױן װאָס גיכער; װאָרים אױב נישט, װעסטו, אױף װיפֿיל דאָס פֿײַער װעט נישט פֿון דיר לאָזן אַש, פֿאַרביטן װערן אין אַ עגיפּטישן ספֿינקס, װעלכער, פֿאַרליבנדיק זיך, װי מ'דערצײלט, אין דער בלאַסער איזיס, איז ער טױב און גלײַכגילטיק געװאָרן צו אַלעם און ער װאַרט נאָר אױף דער נאַכט, אום צו קענען זיך אײַנקוקן אין זײַן געליבטער מיט די שטײנערנע אױגן.

„לויף דיר אין די אָוונטן אַרום איבער דער שטאָט פאַרי-
קליידטערהייט, באַזונדער אפילו מיט דיין פילאָזאָף די קריסטלעכע
בעבעט-הייזער. אַלץ, וואָס גיט האָפנונג און פאַרגעסט די צייט
האָט אַ ווערט. נאָר צוליב מיר טו איין זאַך: אָט דער אורסוס,
ליגיעס שקלאַף, איז אַפנים אַן אויסערגעוויינטלעכער גבור. זאָלסט
דיר דעריבער דינגען קראָטאָנען און מאַכט אַלע דריי צוזאַמען
דעם שפּאַציר. אַזוי וועט עס זיין זיכערער און קלוגער. די קריסטן,
אויך פּאָמפּאָניע גרעצינע און ליגיע געהערן צו זיי, זענען זיכער
נישט אַזעלכע אויסוואורפן, ווי אַלע זאָגן אויף זיי, פונדעסטוועגן
האָבן זיי ביים צוריבן ליגיען באַוויזן, אַז ווען עס גייט וועגן אַ
שעפעלע פון זייער סטאַדע מאַכן זיי קיין שפּאַס נישט. כ'ווייס, אַז
ווען דו וועסט דערזען ליגיען, וועסטו זיך נישט קענען איינהאַלטן
און וועסט זי גלייך וועלן צונעמען, ווי אַזוי זשע וועסטו דאָס מיט כי-
לאָנען אליין קענען טון? קראָטאָן אָבער וועט זיך אַן עצה טון,
ווען אפילו צען אַזעלכע ליגיער, ווי יענער אורסוס, וועלן זי אָפּ-
ווערן. לאָז דיך נישט אויסנוצן פון כילאָנען, קראָטאָנען אָבער שפּאָר
נישט קיין געלט. פון אַלע עצות, וואָס כ'קען דיר געבן, איז די
די בעסטע.

„דאָ האָט מען שוין אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער קליי-
נער אויגוסטין און וועגן דעם, אַז זי איז געשטאָרבן פון כישוף.
פּאָפּעאַ דערמאָנט נאָך אַמאָל וועגן דעם, אָבער דער צעזאַר האָט
אַ פאַרנומענעם קאָפּ מיט עפּעס אַנדערש, איבעריקנס, אויב ס'איז
אמת, אַז דיוואַ אויגוסטאַ איז שוין ווייטער שוואַנגער, וועט דער
אָנדענק פון יענעם קינד ביי איר אויך פאַרגעסן ווערן. מיר זע-
נען שוין העכער צען טעג אין נעאַפּאָליס, אָדער ריכטיקער, אין
באַיאַע. ווען דו וואָלסט געקענט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש אויך,
וואָלט דער עכאָ פון אונדזער פאַרברעכן דאָ זיך אָפּגעשלאָגן
אין דיינע אויערן, וואָרים גאַנץ רוים רעדט זיכער נישט וועגן
עפּעס אַנדערש. מיר זענען אַלזאָ דאַן געקומען גלייך קיין באַיאַע,
וווּ קודם כּל זענען אונדז באַפאַלן די זכרונות וועגן דער מוטער
און חרטה-געפילן, אָבער, ווייסטו, צי וואָס „אַהענאָבאַרבוס" איז
שוין דערגאַנגען? שטעל דיר פאָר, אַז אפילו דער מוטער-מאָרד

פײַנער איז שוין פֿאַר אים אַ טעמע פֿאַר לידער און אַ מאַטעריאַל צו שפּילן פּאַיאַציש־טראַגישע סצענעס. פֿריִער פֿלעגט ער האָבן אויף אַזוי פֿיל אמתע חרטה־געפֿילן, אויף וויפֿיל ער איז אַ פּחדן. איצט אָבער, איבערצייגנדיק זיך, אַז די וועלט ליגט ווי פֿריִער אונטער זײַנע פֿיס און קיין שום גאָט האָט זיך אָן אים נישט נוקם געווען, מאַכט ער נאָר בלויז אָנשטעלן, כּדי צו וועקן בײַ־מענטשן מיטגעפֿיל צו זײַן גורל. טײלמאָל כאַפּט ער זיך אויף בײַנאַכט, זאָגנדיק, אַז די פֿוריעס יאָגן זיך נאָך אים. ער וועקט אונדז אויף, באַטראַכט זיך אַליין, נעמט אָן אַ פּאָזע פֿון אַ קאָמעדיאַנט און נאָך פֿון אַ שלעכטן קאָמעדיאַנט, וועלכער שפּילט די ראָל פֿון אָרעסטאַ, דעקלאַמירט שירים און קוקט, צי מיר אַלע באַוווּנדערן אים. און מיר, נאַטירלעך, באַוווּנדערן אים! און אָנשטאָט צו זאָגן אים: גיי שלאָפֿן, פּאַיאַץ! נעמען מיר אויך אַ טראַגישן טאָן און מיר באַשיצן דעם גרויסן קינסטלער פֿאַר די פֿוריעס. בײַ קאַסטאָר! דאָס האָסטו שוין יאָ געמוזט הערן, אַז ער איז שוין עפֿנטלעך אַרויסגעטרעטן אין נעאַפּאָליס. מ׳האָט צונויפֿגעטריבן אַלע שנאָרער פֿון גאַנץ נעאַפּאָליס און פֿון די אַרומיקע שטעט, וועלכע האָבן אָנגעפֿילט די אַרענע מיט אַזעלכע שרעקלעכע ריחות פֿון קנאָבל און שווייס, אַז כ׳האָב געדאַנקט די געטער, וואָס אָנשטאָט צו זיצן מיט אַלע אויגוסטיאַנער צוזאַמען אין די ערשטע רייען, האָב איך זיך גאָר געפֿינען מיט אַהענאָבאַרבוסן אונטער דער סצענע. און וועסט מיר גלייבן, אַז ער האָט זיך געשראָקן? ער האָט זיך אויף אַן אמת געשראָקן! ער האָט גענומען [illegible]יך האַנט און אַרויפֿגעלייגט אויף זײַן האַרץ, וועלכעס האָט שטאַרק געקלאַפּט. דער אָטעם איז בײַ אים געווען אָפּגעהאַקט און אין דער סעקונדע, ווען ער האָט באַדאַרפֿן אַרויסגיין אויף דער סצענע, איז ער בלייך געוואָרן, ווי פּאַרמעט, און דער שטערן איז אים באַדעקט געוואָרן מיט טראָפּנס שווייס, און דאָס ערשטע האָט ער נאָך געוווּסט, אַז אין אַלע רייען זיצן פּרעטאָריאַנער מיט שטעקנס אין די הענט, מיט וועלכע זיי דאַרפֿן, אין פֿאַל ווען ס׳וועט נייטיק זײַן, וועקן די באַגײַסטערונג. אָבער דאָס איז נישט נייטיק געווען, די אָרעסטע סטאַדע מאַלפּעס פֿון אַרום קאַרטאַגינע וואָלטן נישט

געקענט אזא ליארם מאכן, ווי יענץ פעבל. כ'זאג דיר, דער ריח פון קנאבל האט אזש דערגרייכט ביז הינטער דער סצענע, נערא אבער האט זיך געניגט, געדריקט די הענט צום הארץ, געשיקט לופט-קושן און געווייגט, דערנאך איז ער ווי א באזויפענער אריינגעפאלן צו אונדז, וועלכע האבן אויף אים געווארט הינטער דער סצענע און גערופן: „וואס פאר א ווערט האבן אלע טריומפן קעגן דעם טריומף“? און דאס פעבל דארט האט דערווייל געליארעמט און געפאטשט, ווילדיק, אז זיי וועלן זיך אויספאטשן חסדים, מתנות, סעודות, גורל-צעטלעך און נייע פארשטעלונגען פון צעזא-פאיאץ. איך ווונדער זיך גארנישט אויף זיי, וואס זיי האבן אזוי געפאטשט, ווארים אזעלכעס איז נאך טאקע קיינמאל נישט געזען געווארן. ער אבער האט אלע מינוט אויסגערופן: „אט, וואס די גריכן זענען! אט וואס די גריכן זענען“! און ווי מיר דאכט זיך, איז זיין שנאה צו רוים פון יענער מינוט אן נאך שטארקער געווארן. אויסערדעם זענען קיין רוים ארויסגעשיקט געווארן ספעציעלע שלוחים מיט דער ידיעה וועגן דעם טריומף און מיר ריכטן זיך די טעג אויף אדאנק-אדרעס פונם סענאט.

באלד נאך געראנס ערשטן ארויסטריט איז דא געשען א ווונדערלעכער פארפאל: דאס טעאטער איז אומגעריכט איינגעפאלן, אבער דאן, ווען דער גאנצער עולם איז שוין געהאט ארויס. איך בין געווען אויפן ארט פון פארפאל און כ'האב נישט געזען, מ'זאל כאטש איין געהרגעטן ארויסנעמען פון אונטער די חורבות. פיל אפילו פון די גריכן קוקן דערויף, ווי אויף א באווייז פון די געטערס פאר דער גרינגשעצונג פון דער צעזארישער מאכט, ער אבער האלט פארקערט, אז דאס איז געווען א חסד פון די געטער, וועלכע האבן, ווייזט אויס, השגחה איבער זיין קונסט און איבער די, וועלכע הערן אים. און ממילא קומט דאך שוין גרויסע קרבנות אין אלע טעמפלען און גרויסע דאנק-צערעמאניעס און א נייער חשק צו פארן קיין אכאי. מיט עטלעכע טעג צוריק האט ער מיר פונדעסטוועגן געזאגט, אז ער איז אומרויק, וואס דאס רוימישע פאלק וועט זאגן צו דעם און צי זיי וועלן נישט אומגעדולדיק ווערן פון ליבע צו אים, ווי אויך צוליב דעם ברויט און די פארשטעלונגען, וועלכע זיי

וועלן היזק האָבן אין פאַל, ווען ער וועט זיך אַ לעבנעדע צייט פאַרזוימען.

„פונדעסטוועגן פאָרן מיר קיין בענעוועגט באַקוקן דעם שוס־טעריישן געשמאַק, מיט וועלכן וואַטיניוס צייכנט זיך אויס, און פון דאָרטן, אונטער דער השגחה פון העלענעס געטלעכע ברידער, קיין גריכנלאַנד. וואָס איז נוגע מיר, האָב איך באַמערקט איין זאַך, אַז ווען מ׳איז צווישן משוגעים, ווערט מען אויך משוגע, און נאָך מער, מ׳געפינט אַ געוויסן רייץ אין דעם משוגעת. גריכנלאַנד און די רייזע אין באַגלייטונג פון טויזנט ציטרען, די באַקכאַנטישע טריומף־פּראָצעסיע מיט נימפן און באַכאַנטינס אין קרענץ פון מירטן־גרינס, וויינשטאָק־בלעטער און ספּעקט־ליליען, מיט וועגנס געשפּאַנט מיט טיגריסן, די בלומען, קרענץ, אויסרופן: עוואָע! מוזיק, פּאָעזיע, העלאַדע, דאָס איז אַלץ אויסגעצייכנט, מיר אָבער האָבן נאָך דרייסטערע פּלענער. עס ווילט זיך אונדז באַשאַפן אַ מין אָריענטאַליש לעגענדאַרישע מדינה, אַ קעניגרייך פון פּאַלמען, זון, פּאָעזיע און אַ ווירקלעכקייט פאַרביטן אין אַ חלום און אין איין לעבנס־פרייד. מיר ווילן פאַרגעסן אָן רוים, און איבערטראָגן דעם צענטר פון דער וועלט ערגעץ צווישן גריכנלאַנד, אַזיע און עגיפּטן, לעבן מיט אַ לעבן נישט פון מענטשן, נאָר פון געטער, נישט וויסן פון אַלטעגלעכקייט, אַרומבלאָנדזשען אין גאָלדענע זעגל־שיפלעך אונטערן שאָטן פון פּורפּור־זעגלען איבערן אַרכי־פּעלאַג, פאַרקערפּערן אין זיך אַליין אַפּאָלאָן, אָזיריס און בעל, רויטלען זיך אין מאָרגן־רויט, גאָלדן זיך אין זון, זילבערן זיך אין לבנה־שיין, הערשן, זינגען, טרוימען... און ווייסט מיר גלייבן, אַז איך, וועלכער האָב נאָך פאַר איין סעסטערצע שכל און פאַר איין אַס קריטיק, לאָז זיך אויך מיטרייסן דערפאַר, ווייל אויב זיי זענען אוממעגלעך, זענען זיי דערפאַר גרויס און אומגעווייטלעך... אַזאַ לעגענדאַרע מדינה, וואָלט געווען עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס וואָלט אין לאַנגע, לאַנגע דורות אַרום זיך אויסגעוויזן מענטשן ווי אַ חלום.

„אויף וויפיל וועגוס נעמט נישט אָן דאָס געשטאַלט פון אַזאַ ליג־יע, אָדער באַטש פון אַזאַ שקלאַפין, ווי עוניצע, און אויף וויפיל דאָס

לעבן ווערט נישט פאַרשענערט פון דער קונסט, איז עס דאָך אַן פאַר זיך פוסט און עס האָט אָפּט דאָס געזיכט פון אַ מאַלפּע, אָבער דער געלבערדיקער וועט נישט פאַרווירקלעכן זיינע איינפאַלן שוין דערפאַר, וואָס אין אַזאַ קעניגרייך פון פּאָעזיע און אָריענט טאָר נישט זיין קיין אָרט פאַר מסירה, נידערטרעכטיקייט און טויט און אין אים זיצט, אונטער דער מאַסקע פון אַ דיכטער, אַ געמיינער קאָמעדיאַנט, אַ נאַרישער בעל-עגלה און אַ פלאַכער טיראַן. דער-ווייל רוימען מיר אָפּ יעדן, ווער עס שטערט אונדז אין עפּעס. דער אָרימער טאַרקוואַטוס סילאַנוס איז שוין אַ שאָטן. ער האָט זיך מיט עטלעכע טעג צוריק איבערגעשניטן די אָדערן. לעקאַנוס און ליציניוס נעמען מיט מורא אָן דעם קאָנסולאַט. דעם אַלטן טראַזעאַס וועט שוין דער טויט נישט אויסמיידן דערפאַר, וואָס ער האָט די דרייסטקייט צו זיין ערלעך. טיגעליגוס קען ביז איצט נישט אויס-פועלן פאַר מיר קיין באַפעל, כ'זאָל זיך די אָדערן איבערשניידן. דערווייל בין איך נאָך נייטיק, נישט נאָר אַלס „עלעגאַנטיאַע אַר-ביטער", נאָר אויך אַלס אַ מענטש, אָן וועמענס עצות און געשמאַק די רייזע קיין אַכאַי וואָלט זיך נישט איינגעגעבן. נישט איינמאָל אָבער טראַכט איך, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט זיך דאָס אויך ענדיקן, און ווייסטו, וואָס מיך אַרט דאַמאָלס: נאָר דאָס דער געלבערדיקער זאָל נישט באַקומען מיין מורענעם בעכער, וועלכן דו קענסט און באַוווּנדערסט. אויב דו וועסט זיין ביי מיין טויט, וועל איך אים דיר אָפּגעבן און אויב דו וועסט זיין וויט, וועל איך אים צעברעכן. דערווייל אָבער האָבן מיר פאַר זיך נאָך דעם שוסטער בענעווענט, דאָס אָלימפּישע גריכנלאַנד און דאָס פּאַטום, וועלכעס צייכנט יעדן אָן זיין פאַרבאָרגענעם אומבאַקאַנטן וועג.

„זיי געזונט און דינג דיר קראָטאָנען, אויב נישט, וועט מען דיר דאָס צווייטע מאָל אַרויסרייסן ליגיען. ווען כילאָנידעס וועט דיר שוין נישט נייטיק זיין, זאָלסטו אים שיקן צו מיר, ווו איך זאָל נאָר נישט זיין. אפשר וועל איך נאָך פון אים מאַכן אַ צווייטן וואַטיניוס און ס'איז מעגלעך, אַז די קאָנסולן און סענאַ-טאָרן וועלן נאָך ציטערן פאַר אים, ווי זיי ציטערן פאַר יענעם ריטער מיט דער דראַטווע. ס'איז ווערט צו דערלעבן אַזאַ סצענע.

ווען דו ווערסט צוריקגעקומען ליגיען, זאָלסטו מיר געבן צו וויסן, כדי כ׳זאָל מקריב זיין פאַר אייערטוועגן א פאָר שוואַבען און א פאָר טויבן אין היגן קײלעכדיקן וועגערא טעמפל. כ׳האָב וועגן זע־ זען אין חלום ליגיען אויף דיין שויס, ווי זי ציט זיך נאָך דיינע קישן, באַמי זיך, אַז דאָס זאָל זיין אַ נביאות. זאָלן אויף דיין הימל גישט זיין קיין וואָלקנס, און אויב זיי וועלן יאָ זיין, זאָלן זיי האָבן דעם קאָליר און דעם ריח פון רויזן. זיי געזונט און גע־ זעגנט!

XIX.

חיניציוש האָט קוים באַזיין צו ענדיקן לעזן, ווי אין ביב־
ליאָטעק האָט זיך שטיל און אומגעמעלדעט אַריינגערוקט כילאַן,
דען די דינערשאַפט האָט געהאַט אַ באַפעל אים אַריינצולאָזן אומ־
געשטערט צו יעדער צייט באַטאָג און באַנאַכט.

— זאָל די געטלעכע מוטער פון דיין גרויסן פאָטער עבע־
אַש — האָט ער אויסגערופן — זיין צו דיר, האַר, אַזוי גנעדיק,
ווי דער געטלעכער זון פון מאַי איז געווען צו מיר גנעדיק.

— וואָס איז? ... — האָט וויניציוש געפרעגט, אַ הייב טוע־
דיק זיך פון טיש, ביי וועלכן ער איז געזעסן.

כילאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— עורעקאַ!

דער יונגער פּאַטריציער איז אַזוי פאַרבליפט געבליבן, אַז ער
האָט אַ לענגערע צייט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— האָסט זי געזען? — האָט ער ענדלעך געפרעגט.

— כ׳האָב געזען אורסוסן, האַר, און כ׳האָב גערעדט מיט
אים.

— און דו ווייסט, ווו זיי האַלטן זיך אויף?

— ניין, האַר, אַן אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט בלויז צוליב אייגנליבע געגעבן דעם ליגיער צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט וועד ער איז, אַן אַנדערער וואָלט דווקא געוואָלט אים אויספאָרשן ווו ער וווינט און וואָלט צוליב דעם באַקומען, אָדער אַזאַ קלאַפּ מיט אַ פויסט, נאָך וועלכן אַלע ערדישע עניבים וואָלטן אים שוין געוואָרן גלייכגילטיק, אָדער ער וואָלט דערוועקט אַ חשד ביים ר״ז און וואָלט אַזוי נאָך גורם געווען, אַז מ׳וואָלט נאָך די זעלבע נאַכט געזוכט פאַר דעם מיידל אַן אַנדערע באַהעלטעניש. איך אָבער, האַר, האָב דאָס נישט געטון. פאַר מיר איז גאַנץ גענוג, אַז איך ווייס, דאָס אורסוס אַרבעט נישט ווייט פון עמפאָריום ביי אַ מילבער, וועלכער הייסט דעמאַס, אַזוי ווי דיין באַפרייטער, און גענוג איז עס פאַר מיר דערפאַר, ווייל אַצינד קען שוין דער ערשטער בעסטער געטרייער שקלאַף דיינער אים נאָכגיין אינדערפרי, ווען ער גייט פון דער אַרבעט און אויסשפירן זייער באַהעלטעניש. איך ברענג דיר, האַר, נאָר די זיכערקייט, אַז אויב אורסוס געפינט זיך דאָ, איז די געטלעכע ליגיע געוויס אויך אין רוים, און צווייטנס קען איך דיר מודיע זיין, אַז היינט באַנאַכט וועט זי, כמעט אויף זיכער, זיין אין אָסטריאַנום...

— אין אָסטריאַנום? ווו איז דאָס? — האָט וויניציוש איבערגעריסן, ווילנדיק, ווייזט אויס, גלייך דאָרט אַהינלויפן.

— דאָס אַלטע היפּאָגעאום צווישן וויאַ סאַלאַריאַ און נאָמענטאַנאַ. יענער פּאָנטיפעקט מאַקסימוס פון די קריסטן, וועגן וועלכן כ׳האָב דיר שוין איינמאָל דערמאַנט, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געריכט ערשט שפּעטער, איז שוין געקומען צופאָרן און היינט באַנאַכט וועט ער טויפן און רעדן אויף דעם בית־עלמין. זיי באַהאַלטן זיך מיט זייער לערער. וואָרים כאָטש עס איז נאָך ביז איצט נישטאָ קיין שום עדיקט, וועלכער זאָל פאַרווערן זייער לערע, האָט זיי אָבער דאָס פאָלק פיינט און זיי מוזן דעריבער זיין פאָרזיכטיק. אורסוס אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע ביז איין נפש וועלן זיך היינט פאַרזאַמלען אין אָסטריאַנום, וואָרים יעדער וויל זען און הערן דעם, וועלכער איז געווען דער ערשטער תלמיד קריסטוסעס.

און וועמען זיי רופן דער שליח. און אַזוי ווי ביי זיי קומען די פרויען צוזאַמען מיט די מענער אין די געבעט־הייזער, דעריבער קען זיין, אַז נאָר איין פּאַמפּאַניע וועט אפשר נישט זיין, ווייל זי וואָלט נישט געקענט זאָגן אוילוסן, וועלכער האָלט נאָך פון די אַלטע געטער, פאַרוואָס זי גייט אַוועק באַנאַכט פונדערהיים. ליגיע אָבער, אָ, האַר, וועלכע געפינט זיך אונטערן שוץ פון אורסוסן און די עלטסטע פון דער עדה, וועט, בלי ספק, קומען צוגלייך מיט אַלע פרויען.

ווינביציוש, וועלכער האָט ביז איצט געלעבט ווי אין היץ, געווערט בלויז מיט דער האָפנונג, האָט זיך איצט, ווען די האָפנונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַרווירקלעכט, דערפילט אַזוי שוואַך, ווי עס פילט זיך אַ מענטש, וועלכער געפינט זיך נאָך אַ לאַנגער שרעקלעכער רייזע שוין ביים ציל. כילאָן האָט דאָס באַמערקט און האָט באַשלאָסן דאָס אויסצונוצן:

— די טויערן ווערן וואָס אַן אמת געהיט דורך דיינע מענטשן און די קריסטן ווייסן געוויס פון דעם, אָבער זיי דאַרפן נישט די טויערן. דער טיבער דאַרף זיי אויך נישט, און כאָטש פון טייך ביז צו יענעם וועג איז זייער ווייט, איז פונדעסטוועגן ווערט צו גיין אַן איבעריק שטיק וועג, אום צו זען דעם „גרויסן אַפּאָסטאָל“, איבעריקנס קענען זיי האָבן טויזנטער וועגן אויף אַרויסצובאַקומען זיך הינטער די שטאָט־מויערן און זיי האָבן עס טאַקע. אין אָס־טריאַנום וועסטו, האַר, געפינען ליגיען, און ווען אפילו זי וועט דאָרט נישט זיין, וואָס עס איז מיר שווער צו גלייבן, וועט אָבער אורסוס געוויס זיין, וואָרים ער האָט מיר צוגעזאָגט צו טויטן גלוי־קוסן. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער וועט דאָרט זיין און וועט אים דערהרגענען, הערסט, הויכער טריבון? אַלזאָ, וועסטו אָדער אים נאָכגיין און וועסט זיך אַזוי אַרום דערוויסן, וווּ ליגיע וווינט, אָדער דו וועסט הייסן דיינע מענטשן זיי זאָלן אים כאַפּן אַלס מערדער און האָבנדיק אים אין דער האַנט וועסטו שוין פון אים אַרויסבאַקומען, וווּ ער האָט באַהאַלטן ליגיען. איך האָב מיינס געטון! אַן אַנדערער, אָ, האַר! וואָלט דיר דערציילט, אַז ער האָט אויסגעטרונקען מיט אורסוסן צען קאַנטאַרן גוטן וויין, איידער ער

האָט פון אים צוריקבאַקומען דעם סוד, און אַנדערער וואָלט דיר געזאָגט, אַז ער האָט ביי אים פאַרשפּילט טויזנט סעסטערצעס אין „סקריפּטע דואָדעסים", אָדער אַז ער האָט ביי אים די ידיעה געקויפט פאַר צוויי טויזנט... כ'ווייס, אַז דו וואָלסט דאָס מיר צוריקגעגעבן בכפל־כפלים. אָבער כ'וויל פונדעסטוועגן איינמאָל אין לעבן, כ'וויל, ווי אַלע מאָל אין מיין לעבן, זיין ערלעך, וואָרים כ'האָף, אַז דיין גרויסמוטיקייט וועט, ווי דער גרויסמוטיקער פּעטראָניוס האָט געזאָגט, איבערשטייגן אַלע מיינע הוצאות און האָפנונגען.

ווינוציוס אָבער, וועלכער איז געווען אַ זעלנער, געוווינט אין יעדן פאַל נישט נאָר צו טראַכטן, נאָר אויך גלייך צו טאָן, האָט איצט גלייך באַהערשט זיין מאָמענטאַלע שוואַכקייט און האָט געזאָגט:

— וועסט זיך נישט אָפּנאַרן אין מיין גרויסמוטיקייט, פעטער, אָבער וועסטו מיט מיר גיין אין אָסטריאַנום.

— איך, אין אָסטריאַנום? — האָט כילאָן, וועלכער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק דאָרטן אַהינצוגיין, געפרעגט. — איך, איידעלער טריבון, האָב דיר נאָר צוגעזאָגט אָנצוווייזן ליגיען, אָבער נישט זי צוצערויבן... באַטראַכט נאָר, וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן, ווען דער ליגישער בער, וואָלט צערייסנדיק גלויקוסן, גלייכצייטיק איינגעזען, אַז עס איז נישט געווען קיין גרויסער יושר אים צוצערייסן? צי וואָלט ער דען מיך נישט געהאַלטן פאַר דעם שולדיקן אינם באַגאַנגענעם מאָרד? (וואָס עס וואָלט, באַטירלעך, נישט ריכטיק געווען.) געדענק, האַר, אַז וואָס אַ גרעסערער פילאָזאָף איינער איז, אַלץ שווערער איז אים צו ענטפערן אויף נאַרישע קשיות פון פשוטע לייט, וואָס־זשע וואָלט איך אים געענטפערט, ווען ער זאָל מיך פרעגן, פאַרוואָס איך האָב באַשולדיקט גלויקוסן, דעם רופא? אויב אָבער דו ביסט מיך חושד, אַז איך נאַר דיך, קען איך דיר זאָגן: באַצאָל מיר ערשט דאַן, ווען איך וועל דיר אָנווייזן דאָס הויז, אין וועלכן ליגיע וווינט, לעת־עתה אָבער וויז מיר נאָר אַ קליינעם טייל פון דיין פזרנות, כדי, אַז ווען דיך, אַ, האַר, (זאָלן אַלע געטער שומר ומציל זיין) וועט

אפשר טרעפן עפעס אן אומגליק. זאל איך נישט בלייבן אינגאנצן אן שכר. דיין הארץ וואלט דאס קיינמאל נישט אויסגעהאלטן.

וויניציוש איז צוגעגאנגען צום קאסטן, וועלכער איז געשטאנען איך א מארמארנעם פאסטומענט, וועלכן מ׳רופט „ארקא״, און ארויסנעמענדיק פון דארט א בייטל, האט ער עס א וואָרף געטון כילאָנען.

— דאס זענען „סקרופולן״ — האט ער געזאגט — ווען ליגיע וועט זיין ביי מיר אין הויז, וועסטו באקומען אזא פולן בייטל מיט אורעאוסן *).

— יאוויש !! — האט כילאן אויסגערופן.

וויניציוש אבער האט צונויפגעצויגן די ברעמען.

— וועסט דא באקומען עסן, דערנאך וועסטו זיך צולייגן אפרוען. ביזן אוונט וועסטו נישט ארויס פונדאנען און ווען עס וועט נאכט ווערן וועסטו גיין מיט מיר צוזאמען אין אסטריאנום.

א ווײַלע האט זיך ביים גריך אויפן געזיכט באוויזן שרעק און א וואקלען זיך, באלד אבער האט ער זיך בארויקט און געזאגט :

— ווער קען זיך דיר קעגנשטעלן, הער! נעם צו דידאזיקע סערטערער אלס א גוטע נביאות, אזוי ווי אונדזער גרויסער העלד האט אין זאמאנס טעמפעל אנגענומען אזעלכע ענלעכע ווערטער. וואס שייך מיר וועגט די שוועריקייט פון דידאזיקע סקריפולן איבער (דא האט ער א טרייסל געטון מיטן בייטל), שוין נישט רעדנדיק וועגן דיין געזעלשאפט, וועלכע איז פאר מיר א גליק און א גענוס מיין...

וויניציוש אבער האט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן און האט אים גענומען אויספרעגן די פרטים פון זיין שמועס מיט אור-

---

*) סקרופולן זענען קליינע גאלדענע מטבעות, א דריטהלק פון א גאלדענעם דינר, וואס ווערט גערופן אורעאוס.

פוסן. און אין זאַך האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן: דאָס הייסט אָדער ליגיעס באַהעלטעניש וועט נאָך היינט באַנאַכט אויסגעפינען ווערן, אָדער מ'וועט זי אַליין קענען כאַפּן צוריקגייענדיק פון אַסטריאַנוס. און ביי דעם געדאַנק האָט וויניציוש דערפילט אַן אומגעהייערע פרייד. איצט, ווען ער איז שוין כמעט זיכער געווען, אַז ער וועט ליגיען צוריק האָבן, איז דער כעס און די פאַרביטערונג קעגן איר פאַרשוואונדן. פאַר דער איצטיקער פרייד זייבער האָט ער איר מוחל געווען אַלע אירע חטאים. ער האָט נאָר וועגן איר געטראַכט, ווי וועגן אַ טייערעס און באַגערטעס וועזן און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט באַדאַרפט צוריקקומען פון אַ וויטער רייזע. ער האָט חשק געהאַט צו רופן די שקלאַפן און הייסן זיי אויספוצן דאָס הויז מיט גירלאַנדן. ער האָט איצט אפילו נישט געהאַט קיין פאַרדרוס אויף אורסוסן. ער איז גרייט געווען איצט אַלץ און אַלעמען מוחל צו זיין. כילאָן, צו וועמען ער האָט ביז איצט, נישט קוקנדיק אויף די נוצן, וועלכע ער האָט אים געבראַכט, געפילט אַן עקל, האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן אַלס אַ יווילער און גלייכצייטיק אויך אומגעוויינטלעכער מענטש. דאָס גאַנצע הויז האָט איצט געשטראַלט, די אויגן האָבן אים געשטראַלט און דאָס געזיכט האָט אים געשטראַלט. ער האָט איצט אויפסניי דערפילט יוגנט אין לעבנס-גענוס. די פריערדיקע פינסטערע ליידן האָבן אים גאָרנישט אַזוי פיל געזאָגט, ווי ער האָט ליב ליגיען. ער האָט עס ערשט דערפילט איצט, ווען ער האָט זיך שוין געריכט זי צו האָבן. דער באַגער נאָך איר האָט זיך אין אים דערוועקט, ווי עס וועקט זיך פרילינגס-צייט די ערד אונטער דער מילדקייט פון דער זון. זיין לוסט איז אָבער איצט געווען ווייניקער בלינד און ווילד, נאָר מער פריידיק און האַרציק. ער האָט איצט געפילט אין זיך אַ געוואַלטיקע ענערגיע און ער איז איבערצייגט געווען, אַז קוים וועט ער נאָר זעען ליגיען מיט זיינע אייגענע אויגן, וועט שוין קיינער זי אים נישט צונעמען, נישט די קריסטן פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמען און אפילו נישט דער צעזאַר אַליין.

כילאָן אָבער, דרייסט ווערנדיק צוליב וויניציושס גוטסק

שטימונג, האָט געגומען אַ וואָרט און אָנגעהויבן געבן עצות. לויט אים דאַרף מען נאָך די זאַך נישט באַטראַכטן אַלס געוווּנען און ס'איז נאָך נייטיק צו זיין זייער פאָרזיכטיק, ווען נישט, קען נאָך די גאַנצע אַרבעט צונישט ווערן. ער האָט אויך באַשווירן וויניצ־יושן, ער זאָל ליגיען נישט כאַפּן גלייך פון אָסטריאַנום. זיי וועלן דאַרפן דאָרטן אַהינגיין אין קאַפּטורן אויפן קאָפּ, מיט פאַרדעקטע פּנימער און באַגנוגענען זיך מיט בלויז צוקוקן זיך צו אַלע בייזיטע־דיקע. ערשט ווען זייוועלן דערזען ליגיען, וועט אַמבעסטן זיין איר פונדערווייטנס באַזכגיין זעען, אין וועלכן הויז זי איז אַריין און צומאָרגנס פאַרטאָג אַרומרינגלען דאָס הויז מיט שטאַרקע קרעפטן פון שקלאַפן און אין מיטן העלן טאָג זי צונעמען. און אַזוי ווי זי איז אַן ערבותניצע און געהערט צום צעזאַר, דעריבער קען מען מיט דעם אַקט זיין גאַנץ רויק פאַרן געזעץ. אין פאַל ווען זיי וועלן זי נישט געפינען אין אָסטריאַנום, וועלן זיי באַזכגיין אַר־סוסן און דער רעזולטאַט וועט זיין דערוועלבער. צום בית־עלמין קע־נען זיי מיט קיין גרעסערער צאָל מענטשן נישט גיין, ווייל זיי האָלטן לייכט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און דאַן וואָלטן די קריסטן נאָר באַדאַרפן פאַרלעשן אַלע פייערן, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטון ביים ערשטן מאָל צורויבן ליגיען, און צע־שפּרייטן זיך, אָדער אין דער פינסטערניש באַהאַלטן זיך אין די באַהעלטעני־שן פון וועלכע נאָר זיי אַליין ווייסן. אָנשטאָט דעם אָבער דאַרף מען זיך גוט באַוואָפענען און נאָך בעסער וועט זיין אַ צוויי זיכערע שטאַרקע מענטשן, כדי צו קענען זיך אָפּוערן ווען ס'וועט נייטיק זיין.

וויניציוש האָט מיט אים אינגאַנצן מסכים געווען און, דער־מאָנענדיק זיך אויך גלייכצייטיק פעטראָניוסעס עצה, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו די שקלאַפן, זיי זאָלן אים דאָ אַהערשיקן קראָטאָגען. כילאָן, וועלכער האָט אַלעמען אין רוים געקענט, האָט זיך זייער דערפרייט הערנדיק דעם נאָמען פונם באַרימטן אַטלעט, וועמענס איבערמענטשלעכן כח ער האָט שוין נישט איינמאָל באַוווּנדערט אין צירק און ער האָט איצט דערקלערט, אַז ער וועט טאַקע מיטגיין אין אָסטריאַנום.

מיט קראַטאַנס הילף, האָט זיך אים אויסגעוויזן, וועט אים דעם בייטל מיט די גרויסע אַורעאוסן לייכטער זיין צו באַקומען.

ער האָט זיך אַלזאָ אין אַ גוטער שטימונג געזעצט צום טיש, צו וועלכן דער עלטסטער איבערן אַטריום האָט אים אין אַ געוויסער צייט אַרום גערופן, און בשעתן עסן האָט ער די שקלאַפן דערווייל דערציילט, וואָס פאַר אַ גוטע זאַלב ער האָט זייער האַר פאַרקויפט, מיט וועלכער עס איז גענוג איינמאָל אַנצושמירן דעם ערגסטן פערד די קלאָען, לאָזט עס ווייט הינטער זיך אַלע איבעריקע פערד. איינער אַ קריסט האָט אים אויסגעלערנט צוגרייטן דידאָזיקע זאַלב, וואָרים די עלטערע קריסטן קענען מער כּישוף און ניסים, ווי אפילו די טעסאַליער. כאָטש טעסאַליע שמט מ׳ט אירע מכשפות. די קריסטן האָבן צו אים גרויס צוטרויען און פאַרוואָס זיי האָבן צו אים אַזאַ צוטרויען קען לייכט פאַרשטיין יעדער, ווער עס פאַרשטייט נאָר, וואָס עס באַדייט אַ פיש. דאָס זאָגנדיק האָט ער פלייסיק געקוקט די שקלאַפן אין די געזיכטער, האָפנדיק צו באַמערקן אין וועמען פון זיי אַ קריסט און איבערגעבן עס וויניציושן. אָבער נישט באַמערקנדיק גאָרנישט האָט ער גענומען עסן און טרינקען אָן אַ מאָס, נישט קאַרגנדיק קיין שבח׳ים דעם קוכער און פאַרזיכערנדיק אים, אַז ער וועט זיך באַמיִען אים אויסצוקויפן פון וויניציושן.

זיין גוטע שטימונג איז נאָר געשטערט געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז ער וועט בײַנאַכט דאַרפן מיטגיין אין אַסטריאַנום. ער האָט זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס זיי וועלן גיין איבערגעטוענערהייט, אין דער פינסטער און אין דער באַגלייטונג פון צוויי מענטשן, פון וועלכע איינ׳ר איז אַלס אַטלעט דער ליבלינג פון גאַנץ רוים, און דער צווייטער איז אַ פאַטריצי׳ער און אַ הויכער מיליטער־מאַן. „ווען זיי זאָלן אפילו וויניציושן דערקענען — האָט ער זיך געטראַכט — וועלן זיי אויך נישט האָבן די העזה אויפצוהייבן אויף אים אַ האַנט. און וואָס שייך מי׳ר וועלן זיי באמת זיין גרויסע חכמים, אויב זיי וועלן זען אפילו נאָר די שפּיץ נאָז מיי׳ע".

דערנאָך האָט ער זיך גענומען דערמאָנען זיין שמועס מיט דעם אַרבעטער און דאָס האָט אים געגעבן נייעם בטחון. ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז יענער אַרבעטער איז טאַקע אורסוס. ער האָט געוווּסט פון וויניציוּשס דערציילונגען און פון די, וועלכע האָבן ליגיען איבערגעפירט פון צעזאַרס פּאַלאַץ, וועגן דער איבערנאַטירלעכער קראַפט פון דעם מענטש. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס אויספרעגנדיק עריציוסן וועגן אומגעוויינטלעך שטאַרקע מענטשן, האָבן זיי אים אָנגעוויזן אורסוסן. איצט ווייטער, ווי ער איז צעמישט און אויפגערעגט געוואָרן, מען ער ה.ט דערמאָנט ליגיען און וויניציוּשן, און דאָס איז בלי ספק אַ באַווייז, אַז דידאָזיקע מענטשן גייען אים באַזונדערס אָן. דער אַרבעטער האָט אויך גערעדט וועגן חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט דערמאָרדעט אַ מענטשן און אורסוס האָט דאָך טאַקע דערהרגעט אַטאַצינען; ענדלעך שטימט דעם אַרבעטערס אויסזען אינגאַנצן מיט דער שילדערונג, ווי וויניציוּש האָט געשילדערט אורסוסן. נאָר וואָס דער געענדערטער נאָמען האָט געקענט וועקן אַ שטיקל ספק. כילאָן האָט אָבער געוווּסט, אַז די קריסטן נעמען אָן אַ נייעם נאָמען ביים טויפן זיך.

— אויב אורסוס וועט דערהרגענען גלויקוסן — האָט זיך כילאָן געטראַכט — וועט גאָר גוט זיין, אויב אָבער ער וועט אים נישט דערהרגענען, וועט עס אויך זיין אַ גוטער סימן, וואָרים דאָס וועט זיין אַ באַווייז, ווי שווער עס איז פאַר אַ קריסט אַ רציחה. כ'האָב דאָך דעם גלויקוסן פאָרגעשטעלט אַלס אַ לייבלעכן זון פון יהודהן און אַלס מסור פון אַלע קריסטן, כ'האָב גערעדט מיט אַזוי פיל געפיל, אַז אַ שטיין וואָלט גערירט געוואָרן און וואָלט גערן אַראָפּגעפאַלן אויף גלויקוסעס קאָפּ און דאָך איז מיר קוים געלונגען צו ווירקן אויף דעם ליגיעשן בער, ער זאָל מיר צוזאָגן צו לייגן אויף גלויקוסן זיין לאַפּע... ער האָט זיך געוואַקלט, ר'האָט נישט געוואָלט, און האָט מיר דערציילט וועגן זיינע ליידן און חרטה. ווייזט אויס, אַז ביי זיי גייט דאָס נישט... אייגענע עוולות דאַרף מען מוחל זיין, פאַר פרעמדע טאָר מען זיך אויך נישט נוקם זיין, ערגאָ, באַטראַכט זיך נאָר, כילאָן, וואָס האָסטו מורא

זו האָבן? גליקוס טאָר זיך נישט נוקם זיין אָן דיר... אויב אור-
סוס וועט נישט דערהרגענען גליקוסן פאַר אַזאַ שווערן פאַרב־ך, ווי
פאַרמסרן אַלע קריסטן, וועט ער דיך געוויס נישט דערהרגענען
פאַר אַזאַ קליין פאַרברעך, ווי בגידה אין איין איינציקן קריסט.
איבעריקנס, אַזוי ווי כ׳וויל נאָר דעמדאָזיקן היציקן זכר אַגוויזן
דאָס אָרט פון יענער יפיפיה, וועל איך אָפּוואַשן די הענט פון
אַלעם און וועל מיך צוריק איבערטראָגן קיין נעאַפּאָליס. די קריסטן
רעדן טאַקע שטענדיק וועגן אָפּוואַשן די הענט, דאָס איז, ווייזט
אויס, אַ מיטל צו פאַרענדיקן אַלע געשעפטן, וועלכע מ׳האָט מיט
זיי. וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן דידאָזיקע קריסטן זענען און
האָבן אַזאַ שלעכטן שם ביי מענטשן! אָ, געטער! אַזאַ יושר איז
אויף דער וועלט. פונדעסטוועגן האָב איך ליב דעמדאָזיקן גלויבן
דערפאַר, וואָס ער דערלויבט נישט צו הרגענען. אָבער, אויב ער
דערלויבט נישט צו הרגענען, דערלויבט ער דאָך זיכער אויך נישט
צו גנבענען, נישט צו שווינדלען, נישט פאַלש עדות זאָגן, כ׳קען
דעריבער נישט זאָגן, אַז דערדאָזיקער גלויבן זאָל זיין אַ באַקוועמער.
ער לערנט, זע איך, נישט נאָר ערלעך צו שטאַרבן, ווי די
סטאָיקער לערנען, נאָר אויך ערלעך צו לעבן. אויב כ׳וועל אַמאָל
רייך ווערן און כ׳וועל האָבן כאָטש אַזאַ הויז, ווי דאָס דאָ און
אַזוי פיל שקלאַפן, וועל איך אפשר ווערן אַ קריסט אויף אַזוי
לאַנג, ווי עס וועט זיך מיר לוינען. וואָרים אַ רייכער קען זיך אויף
אַלץ דערלויבן, אפילו אויף ערלעכקייט אויך... יאָ! דאָס איז אַ
גלויבן פאַר רייכע, און דעריבער פאַרשטיי איך טאַקע נישט, פונוואַ-
נען עס דערנעמט זיך צו זיי אַזוי פיל אָרימעלייט. וואָס ווילן זיי
האָבן דערפון און פאַרוואָס לאָזן זיי זיך בונדן די הענט מיט דער
ערלעכקייט? כ׳מוז זיך אַמאָל איבער דעם פאַרטראַכטן, דערוויי
אָבער, אַ דאַנק דיר, הערמאַס, וואָס האָסט מיר געהאָלפן געפינען
דאָסדאָזיקע חיהלע... אָבער אויב דו האָסט עס געטון צוליב די
צוויי יונגע קעלבער מיט באַגילדעטע הערנער, וועלכע כ׳האָב דיר
מנדר געווען, דערקען איך דיך שוין, בא־ת, נישט. שעם זיך,
אַרגאָ־מערדער? אַזאַ קלוגער גאָט זאָל נישט פריער פאַרשטיין,
אַז ער וועט געווינען באַקומען! כ׳שענק דיר דערפאַר מיין דאַנק-

לעכקייט און אויב דו ווילסט גלייכער איידער מיין דאנקלעכקייט צוויי קעלבער, דאן ביסטו אליין דאס דריטע קאלב, און וואלסט ניכער באדארפן זיין א פאסטוך, נישט קיין גאט. היט זיך, אז איך אלס פילאזאף, זאל נישט אויפווייזן אלעמען, אז דו עקזיסטירסט גארנישט און דאן וועט דיר קיינער קיין קרבנות נישט ברענגען. מיט פילאזאפן איז גלייכער צו לעבן בשלום.

און אזוי שמועסנדיק מיט זיך אין מיט הערמעסן, האט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער באנק, האט זיך אונטערגעלייגט דעם מאנטל צוקאפנס, און ווען די שקלאפן האבן אראפגערוימט די כלים פון טיש, איז ער אנטשלאפן געווארן. ער האט זיך אויפגעכאפט, אדער ריכטיקער, מ׳האט אים אויפגעוועקט ערשט ווען קראטאן איז געקומען. דאן איז ער אריין אין אטריום און מיט פארגעניגן האט ער זיך גענומען צוקוקן צו דער מעכטיקער פיגור פונם אטלעטן-לערער, דעם עקס-גלאדיאטאר, וועלכער האט מיט זיין ריזן-קערפער שיער נישט אויסגעפילט דעם גאנצן אטריום. קראטאן איז שוין געהאט מושחה געווארן וועגן פרייז און ער האט גראד געזאגט צו וויניציושן:

— ביי הערקולעס! ס׳איז נאך גוט, האר, וואס דו האסט געשיקט נאך מיר, ווארים מארגן פאר איך אוועק קיין בענעווענט, וווהין דער איידעלער וואטיניוס האט מיך פארבעטן צו ראנגלען זיך דארט פארן צעזאר מיט א געוויסן סיפאקס, דעם שטארקסטן נעגר, וועלכן אפריקא האט ווען געהאט. שטעלסט דיר פאר, האר, ווי זיין חוט-השדרה וועט קנאקן אין מיינע ארעמס, אבער א חוץ דעם וועל איך אים נאך צעשמעטערן מיט דער פויסט זיין שווארצן קינבאק.

— ביי פאלוקסן! — האט וויניציוש געענטפערט — כ׳בין זיכער, קראטאן, אז דו וועסט אזוי טון.

— און וועסט זייער גוט טון — האט כילאן צוגעגעבן. — געוויס!... א חוץ דעם, זאלסטו אים נאך טאקע צעשמעטערן דעם קינבאק! דאס איז זייער א גוטער געדאנק און א פאסנדיקע עובדה פאר דיר. כ׳בין זיך גרייט צו וועטן, אז דו וועסט אים צעשמעטערן דעם קינבאק. דערווייל, מיין ליבער הערקולעס, שמיר

דיר אויס די מוסקולן מיט בוימאייל און זע זיך אַ ביסל צו, דען דו וועסט האָבן אַן עסק, דאַכט זיך, מיט אַן אמתן קאָקאָס, דער מענטש, וועלכער היט דאָס מיידל, וועלכעס וויניציוש וויל האָבן, האָט, אַפּנים, אַ ריזיקן כוח.

כילאָן האָט דאָס נאָר גלאַט אַזוי זיך געזאָגט, כדי צו־וועקן די אַמביציע ביי קראָטאָנען, וויניציוש אָבער האָט געזאָגט:

— ס'איז אמת, איך האָב עס נישט געזען, נאָר מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער נעמט אָן אַ ווילדן אָקס פאַר די הערנער, קען ער אים שלעפּן, וווהין ער וויל.

— אוי! — האָט כילאָן אויסגערופן, נישט פאַרשטעלנדיק זיך, אַז אורסוס זאָל זיין אַזוי שטאַרק.

קראָטאָן אָבער האָט מיט פאַראַכטונג זיך צעלאַכט.

— כ'נעם זיך אונטער, געשעצטער הער — האָט ער געזאָגט — מיט דער ייבער האַנט צו כאַפּן, ווען דו וועסט מיך נאָר הייסן און מיט אַט דער צווייטער צו ווערן זיך קעגן אַזעלכע זיבן ליגיער און ברענגען דיר דאָס מיידל דאַ אַהער, ווען אפילו אַלע קריסטן פון גאַנץ רוים זאָלן זיך נאָך מיר יאָגן, ווי די קאַלאַברישער וועלף. אויב איך וועל דאָס נישט קענען אויספירן, וועל איך מיר דערלויבן צוגעבן שמיץ אויף אַט דעם אימפּלוויום.

— לאָז אים דאָס נישט טון, האַר! — האָט כילאָן אויסגערופן. — מ'וועט אָנהייבן וואַרפן אין אונדז מיט שטיינער און וואָס וועט דאַן העלפן זיין כוח? צי איז דען נישט גלייכער צוצונעמען דאָס מיידל פון שטוב אַרויס און נישט איינשטעלן זי און זיך אין אַ סכנה?

— ס'איז אמת, קראָטאָן — האָט וויניציוש געזאָגט.

— דיין געלט — דיין דעה! נאָר געדענק, האַר, אַז מאָרגן פאָר איך קיין בענעווענט.

— כ'האָב פינפהונדערט שקלאַפן בלויז אין שטאָט — האָט וויניציוש געענטפערט.

דערנאָך האָט ער געגעבן אַ צייכן, זיי זאָלן אַוועקגיין און אַליין איז ער אַריין אין ביבליאָטעק און, אַנידערזעצנדיק זיך, האָט ער אָנגעשריבן צו פּעטראָניוסן די ווייטערדיקע ווערטער:

> „כילאָן האָט געפונען ליגיען. הייַנט בייַנאַכט גיי איך מיט אים און מיט קראָטאָנען אין אָסטריאַנום און וועל זיי גלייך פון אָרט, אָדער צומאָרגנס פון דערהיים צו כאַפּן. זאָלן אַלע געטער זיין צו דיר לייטזעליק. זיי געזונט, קאַראַסימע, פון פרייד קען איך מער ניט שרייבן".

און אָפּקלייַבנדיק דעם „סטיל" האָט ער גענומען מיט שנעלע טריט אַרומשפּרייזן, דען אויסער דער פרייד, וועלכע האָט זיין גאַנץ האַרץ פאַרפולט, האָט אים נאָך אויך געצערט אַן איבערלעבע היץ. ער האָט זיך געטראַכט: מאָרגן וועט ליגיע זיין דאָ אין דעם הויז. ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי ער וועט זיך מיט איר באַגיין, אָבער געפילט האָט ער, אַז אויב זי וועט אים וועלן ליבן, וועט ער זיין גרייט איר דינער צו זיין. ער האָט זיך דערמאָנט אַקטעס ווערטער, אַז ער איז געליבט געווען און ער איז טיף גערירט געוואָרן דערפון. וועט ער באַר, הייסט עס, דאַרפן גובר זיין אין איר די מיידלישע בושה און עפּעס דאָרט קריסטלעכע פאַרבאָטן. אויב אַזוי, איז עס שוין זיכער, אַז קוים וועט זיך ליגיע באַר געפונען אין זיין הויז און וועט זיך אויך אונטערגעבן מיט גוטן אָדער בגעוואַלט, דאַן וועט זי מוזן זיך זאָגן „פאַרפאַלן"! דערנאָך וועט זי שוין ביסלעכווייז ווערן מילדער און ליבנדיקער.

כילאָנס אַריינקומען האָט אים אָבער איבערגעריסן די זיסע געדאַנקען.

— האַר, — האָט כילאָן געזאָגט — אָט וואָס נאָך עס איז מיר אייַנגעפאַלן: און אפשר האָבן די קריסטן צייכנס, אַזעלכע געוויסע „טעסערן", אָן וועלכע מ'לאָזט קיינעם נישט אַריין אין אָסטריאַנום? כ'ווייס, אַז אין די געבעט-הייזער זייערע איז טאַקע

אַזוי, איך האָב טאַקע פון ערִיציוסן באַקומען אַזאַ טעסערע; דער־לויבּ זשע מיר, האַר, גיין צו אים געבוי אויספּרעגן זיך און פאַרזען זיך מיט אַזעלכע צייכנס, אויבּ עס וועט אונדז נייטיק זיין.

— זייער גוט, געערטער חכם — האָט וויניציוש פרייליך געענטפערט — רעדסט, ווי אַ מיושבדיקער מענטש, און ביסט ווערט, מ׳זאָל דיך דערפאַר לויבּן. גיי זשע דיר אַלזאָ צו עריציוסן, אָדער טוהין דו ווילסט נאָר אַליין, אָבער פאַר זיכערקייט וועגן, וועסטו דאָ אָט אויף דעם טיש איבּערלאָזן דעם בייטל, וועלכן דו האָסט באַקומען.

כילאָן, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט גערן געשיידט מיט געלט, האָט זיך איצט פאַרקרומט, דאָך האָט ער געטון, ווי מ׳האָט אים געהייסן און איז אַוועקגעגאַנגען. פון קאַרין ביזן צירק, ווו עריציוסעס קרעמעל האָט זיך געפונען, איז נישט געווען זייער ווייט, ער איז דעריבער נישט שפּעט צוריקגעקומען.

— אָט זענען די צייכנס, האַר. אָן דעם וואָלט מען אונדז נישט אַריינגעלאָזט. כ׳האָב זיך אויך גוט אויסגעפרעגט וועגן וועג און עריציוסן האָב איך געזאָגט, אַז די צייכנס דאַרף איך נאָר פאַר מיינע פריינט און אַז אַליין וועל איך נישט קומען, ווייל פאַר מיר, אַלטיטשקן, איז עס צו ווייט צו גיין און אויסערדעם וועל איך זיך מאָרגן זען מיטן גרויסן אַפּאָסטאָל, וועלכער וועט פאַר מיר איבּערזאָגן די וויכטיקסטע זאַצן פון זיין רעדע.

— דו וועסט נישט זיין? דו מוזסט גיין! — האָט וויניציוש אויסגערופן.

— כ׳ווייס, אַז כ׳מוז, אָבער איך וועל דאָך גיין מיט אַ גוט פאַרדעקטן קאָפּ און איך עצה אייך דאָס זעלבּע צו טון, וואָרים אַז נישט, קענען מיר נאָך איבּערשרעקן די פייגל.

און באַלד האָבן זיי זיך גענומען גרייטן אין וועג. דען דער בין־השמשות איז שוין צוגעפאַלן. זיי האָבן גענומען גאַלישע מאַנטלען מיט קאַפּטורן און לאַמטערנעס. וויניציוש האָט נאָך אוי־פגעדעם זיך און די באַגלייטער באַוואָפנט מיט קורצע קרומע מע־

סערס. כילאָן האָט אָנגעטון אַ פּערוק, וועלכן ער האָט געקויפט צוריקגעייעבריק פון עריציאָסן און זיי זענען אַרויס, איילנדיק זיך, כדי נאָך צו באַווייזן קומען צום באַמונטאַנער טויער, איידער עס ווערט פאַרמאַכט.

XX.

זיי זענען געגאַנגען דורך וויקוס פּאַטריציוס לענגאויס דעם חימינאַל, צום אַמאַליקן ווימינאַלן-טויער, לעבן דעם גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן דיאָקלעציאַן האָט שפּעטער געלאָזט אויפבויען פּרעכ־טיקע בעדער. זיי זענען פאַרביי די חירבות פון סערוויוס טוליו־סעס מויער און שוין דורך נאָך מער פּוסטע ערטער זענען זיי צוגעקו־מען צום באָמענטאַנער וועג, דאָרט, אַרונטערדרייענדיק זיך אויף לינקס אין דער ריכטונג צו סאַלאַריאַ, זענען זיי אויסגעקומען צווישן געבערג פול מיט זאַמד-גרובן און ווו נישט ווו מיט קברים. דערווייל איז שוין אינגאַנצן פינסטער געוואָרן און אזוי ווי די לבנה איז נאָך נישט געהאַט אויפגעגאַנגען, וואָלט זיי געווען שווער אָנגע־קומען צו טרעפן דעם וועג, ווען נישט דאָס, וואָס די קריסטן אַליין האָבן זיי דעם וועג געוויזן, ווי כילאָן האָט עס פאָרויסגע־זאָגט. און באמת האָט מען אויף רעכטס און לינקס און פאָרויס געזען טונקעלע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך פאָרזיכטיק געצויגן

צו די זאַמדיקע טאָלן. טייל פֿון די געשטאַלטן האָבן געטראָגן לאַמטערנדלעך, פֿאַרהילנדיק זיי ווי ווייט מעגלעך מיט די מאַנטלען, אַנדערע, וועלכע האָבן געקענט דעם וועג, זענען געגאַנגען אין דער פֿינסטער. וויניציוּשס געניטע זעלבערישע אויגן האָבן אין דער פֿינסטער געקענט אונטערשיידן לויט די באַוועגונגען יינגעלייט פֿון אַלטע, וועלכע האָבן זיך געשלעפּט מיט שטעקנס, און פֿון פֿרויען, ארומגעהילט אין לאַנגע סטאָלעס.

די ווייניקע דורכגייער און די דאָרפֿסלייט, וועלכע זענען געפֿאָרן פֿון שטאָט, האָבן, ווײַזט אויס, אָנגענומען די דאָזיקע נאַכט־וואַנדערער פֿאַר אַרבעטער, וועלכע גייען צו די אַרענאַריעס, אָדער פֿאַר קברים־לייט, וועמענס מיטגלידער עס פֿלעגן טיילמאָל איינאָרדענען צערעמאָניאַלע בעלער בײַנאַכט. אָבער וואָס ווייטער די יונגער פּאַטריציער און זײַנע באַגלייטער זענען געקומען, אַלץ מער מענטשן און אַלץ מער לאַמטערנדלעך האָבן גענומען לייכטן ארום זיי. טייל פֿון זיי האָבן גאַנץ שטיל געצויגן ניגונים, וועלכע זענען, ווי וויניציוּשן האָט זיך געדוכט, געווען פֿיל מיט בענקשאַפֿט. טיילמאָל האָט זײַן אויער אויפֿגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער אָדער פֿראַזן פֿון די לידער, ווי: „שטיי אויף, דו וועלכער שלאָפֿסט" אָדער: „שטיי אויף פֿון צווישן די טויטע". טיילמאָל האָט מען נאָר געהערט קריסטוסעס נאָמען פֿון די מענער און פֿרויען. וויניציוּש האָט אָבער ווייניקער אַכט געלייגט אויף די ווערטער, דען ער האָט איצט געטראַכט, צי איינע פֿון די פֿינסטערע געשטאַלטן איז נישט אמאָל ליגיע. טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרבײַגייענדיק געזאָגט: „פֿרידן צו אײַך"! אָדער „געלויבט איז קריסטוס"! און ער איז אומרויִק געוואָרן און ס'האַרץ האָט אין אים גענומען שנעלער שלאָגן. וואָרים אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט ליגיעס שטים ענלעכע געשטאַלטן, אָדער ענלעכע באַוועגונגען האָבן אים אין דער פֿינסטערניש כסדר גענאַרט, ערשט אײַנזעענדיק עטלעכע מאָל זײַן טעות, האָט ער אויפֿגעהערט טרויען זײַנע אויגן.

און דאָך האָט זיך אים דער וועג אויסגעוויזן זייער לאַנג. ער האָט זייער גוט געקענט די געגנט, נאָר אין דער פֿינסטער האָט ער נישט געקענט דערקענען ווו ער געפֿינט זיך. יעדער מינוט האָבן

זיי אַנגעטראָפן דאָ אויף שמאָלע דורכגענג, דאָ אויף שטיקער פון מויערן, דאָ אויף קליינע געביידעלעך, וועלכע ער האָט נישט דערקענט. סוף כּל סוף האָט זיך פון הינטער די דיקע וואָלקנס באַוויזן אַ ברעג לבנה, וועלכע האָט די געגנט אַרום באַלויכטן בעסער, ווי די נוטנע לאַמטערנדלעך. פונדערווייטנס האָט ענדלעך גענומען עפּעס בלישטשען, ווי אַ ווייטער פלאַם פון אַ שטורקאַץ. וויניציוש האָט זיך אָנגעבויגן צו כילאָנען און געפרעגט, צי דאָס איז אָסטריאַנום.

אָבער כילאָן, אויף וועמען די נאַכט, די ווייטקייט פון שטאָט און די דאָזיקע געשטאַלטן, ענלעך צו רוחות, האָבן, ווייזט אויס, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, האָט מיט אַ ביסל אַן אומזיכערע שטים געענטפערט:

— כ'ווייס נישט, האַר, כ'בין קיינמאָל אין אָסטריאַנום נישט געווען. נאָר זיי האָבן געמעגט לויבן קריסטוסן אַ ביסל נענטער פון שטאָט.

און אין אַ מינוט אַרום, פילנדיק, אַז ער מוז עפּעס רעדן און אָננעמען זיך מיט מוט, האָט ער צוגעגעבן:

— זיי קומען זיך צונויף, ווי די מערדער. איך ווייס דאָך אָבער, אַז זיי איז נישט דערלויבט קיין רציחות, סיידן דער ליגיער האָט מיך שענדלעך גענאַרט.

וויניציוש אָבער, וועלכער האָט כּסדר געטראַכט וועגן ליגיען, האָט זיך אויך געחידושט איבער דער גענויקייט און סודותפולקייט, מיט וועלכער די אָנהענגער פון דעם גלויבן קומען זיך צונויף אום צו הערן זייער העכסטן גייסטלעכן, און ער האָט געזאָגט:

— אַזוי ווי אַלע גלויבנס, אַזוי האָט אויך דער דאָזיקער גלויבן פיל מאַמינים צווישן אונדז, די קריסטן זענען דאָך אָבער אַ יידישע סעקטע, פאַר וואָס זשע קומען זיי זיך דאָ צונויף, ווען זיי האָבן אַ יידישן טעמפּל הינטערן טיבער, וווּ די יידן זענען אינמיטן העלן טאָג מקריב קרבנות.

— ניין, האַר, די יידן זענען גאָר זייערע פאַרביסענע שונאים. כ'האָב געהערט, אַז שוין פאַרן הייַנטיגן צעזאַר איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן זיי און די יידן. דעם צעזאַר

קלוידיוס זענען אַזוי נמאס געוואָרן די קריגערייען, אַז ער האָט
אַרויסגעטריבן אַלע ייִדן, היינט אָבער איז דער עדיקט אָפּגעשאַפט,
די קריסטן היטן זיך פונדעסטוועגן פאַר די ייִדן און פאַר דער
באַפעלקערונג, וועלכע באַשולדיקט זיי, ווי דיר איז באַקאַנט, אין
בלוטדורשטיקייט און האָט זיי פיינט.

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, דערנאָך האָט כילאָן
וועלכער האָט זיך, וואָס מער זיי האָבן זיך דערווייטערט פון
שטאָט, אַלץ מער געשראָקן, געזאָגט:

— צוריקגייענדיק פון עריציוס, האָב איך געקויפט אַ פּס-
רוק און אין די נאָזלעכער האָב איך זיך אַריינגעזעצט צוויי אַר-
בעס, זיי וועלן מיך נישט דערקענען, אָבער ווען זיי וועלן מיך
אפילו יאָ דערקענען, וועלן זיי מיך אויך נישט דערהרגענען. זיי זע-
נען גאָרנישט קיין שלעכטע מענטשן! זיי זענען אפילו ערלעכע
לייט, וועלכע איך ליב און שעץ.

— רום זיי נאָר נישט פריצייטיק — האָט וויניציוש גע-
זאָגט.

זיי זענען איצט אַריין אין אַ שמאָלן טאָל, וועלכער איז
פאַרמאַכט געווען פון צוויי זייטן, ווי אַ שוץ-גרובן, איבער וועלכן
עס איז אויף איין אָרט געווען אַריבערגעוואָרפן אַן אַקוועדוקט.
דערווייל איז די לבנה אַרויס פון אונטער די וואָלקנס און זיי
האָבן ביים סוף טאָל דערזען אַ וואַנט, וועלכע איז געדיכט באַדעקט
געווען מיט בלישטש, וואָס האָט זיך געזילבערט אין שיין פון דער
לבנה. דאָס איז געווען אָסטריאַנום.

וויניציוש האָט אָנגעהויבן דאָס האַרץ צו קלאַפּן האַס-
טיקער.

ביים טויער האָבן צוויי פאָסאָרן אָפּגענומען די צייכנס. אין
אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שוין וויניציוש מיט זיינע באַגלייטער גע-
פינען אויף אַ גערוימען פלאַץ, אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט
אַ מויער. דאָ נישט ווו זענען דאָ געשטאַנען באַזונדערע מצבות.
אין סאַמע מיטן האָט זיך געפינען דאָס אייגנטלעכע היפּאָגעאום,
אָדער די קריפּטע, וואָס איר אונטערשטער טייל האָט זיך געפי-
נען אונטער דער ערד, ווו עס זענען געווען די קברים, פאַרן

אַריינגאַנג אין היפּאָגעאום האָט גערוישט אַ פֿאָנטאַן. עס איז אָבער
קענטיק געווען, אַז אין היפּאָגעאום גופא וועט נישט קענען אַריין-
קיין צו גרויסער עולם. וויניציוש האָט דעריבער זיך משער גע-
ווען, אַז די צערעמאָניע וועט פֿאָרקומען אונטערן פֿרייען הימל
אויפֿן פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָט זיך שוין געהאַט צונויפֿגעקליבן
אַ זייער גרויסער עולם. ווי ווייט דער בליק האָט געקענט גרייכן,
האָבן געפֿינקלט לאַמטערנדלעך. פֿיל אָבער פֿונעם עולם זענען גע-
קומען אָן שום ליכט. אויסער עטלעכע, וועלכע האָבן געהאַט אָפּ-
געדעקטע קעפּ, האָבן אַלע, אויס מורא פֿאַר מוסרים, צי פֿון קעלט,
געטראָגן קאַפּטורן. אויף די קעפּ, און דער יונגער פּאַטריציער האָט
שוין מיט שרעק זיך געטראַכט, אַז אויב זיי וועלן אַזוי שוין
בלייבן ביזן סוף, וועט ער צווישן דעמדאָזיקן עולם ביי דער
שוואַכער ליכט נישט דערקענען ליגיען.

אָבער פּלוצלינג האָבן לעבן דער קריפּטע אויפֿגעפֿלאַמט
עטלעכע פּעך-פֿאַקלען. עס איז געוואָרן ליכטיקער. דער עולם
האָט אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבן זינגען. פֿריער שטיל, דער-
נאָך וואָס אַמאָל העכער עפּעס אַ וווּנדערלעכן הימן. וויניציוש
האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געהערט אַזאַ ליד. די זעלבע בענק-
שאַפֿט, וועלכע ער האָט באַמערקט אין דעם זינגען פֿון די איינצל-
נע וואַנדערער בשעתן אַהערגיין צום בית-עלמין, האָט זיך איצט
פֿיל דײַטלעכער און מעכטיקער געהערט אין דעמדאָזיקן הימן, וועל-
כער איז צום סוף געוואָרן אַזוי רירנדיק און געוואַלטיק, פּונקט
ווי דער גאַנצער בית-עלמין, די בערגלעך, די טאָלן און די געגנט
אַרום וואָלטן צוזאַמען מיט די מענטשן מיטגעבענקט. עס האָט
זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז עס איז עפּעס אין דעם פֿאַראַן אַ
רופֿן צו דער נאַכט, עפּעס אַ תחנונימדיק בעטן נאָך הילף פֿאַר
בלאָנדזשענדיקע אין דער פֿינסטער. עס האָט זיך געדוכטן, אַז די
אַלע אויפֿגעהויבענע קעפּ זעען עפּעס דאָרט ווייט, הויך, און רופֿן
עס, עס זאָל אַראָפּנידערן. ווען דאָס ליד איז אַנטשוויגן געוואָרן,
איז איינגעטרעטן אַ ווײַלע פֿון דערוואַרטונג, וועלכע האָט אַלעמען
אַזוי דורכגעדרונגען, אַז אויך וויניציוש און זײַנע באַגלייטער האָבן
נישט-ווילנדיק אַרויפֿגעקוקט צו די שטערן, ווי זיי וואָלטן זיך גע-

ריכט, אַז עס וועט באַלד געשען עפּעס אומגעוויינטלעכס און אַז עס דאַרף טאַקע ווער אַראָפּנידערן.

וויניציוש האָט אין קליין־אַזיע, אין עגיפּטן און אין רוים צופּא שוין געזען די פֿאַרשידנסטע טעמפּלען, זיך באַקאַנט מיט פֿיל אמונות און געהערט פֿיל לידער, דאָ אָבער האָט ער צום ערשטן מאָל געזען מענטשן, וועלכע רופֿן צו דער געטלעכקייט מיט לידער, נישט ווייל זיי ווילן יוצא זיין עפּעס אַ ריטואַל, נאָר פֿון טיפֿן האַרץ, מיט אַזאַ אָפֿענער בענקשאַפֿט נאָך דער געטלעכקייט, ווי עס קענען נאָר פֿילן קינדער נאָך אַ פֿאָטער אָדער נאָך אַ מוטער. מ׳האָט באַדאַרפֿט זיין בלינד, אום נישט צו זען, אַז די דאָזיקע מענטשן ערן נישט נאָר זייער גאָט, נאָר זיי האָבן אים אויך ליב מיט דער גאַנצער נשמה זייערער. און דאָס האָט וויניציוש נאָך ביז איצט אין ערגעץ נישט באַגעגנט אין קיין שום גלויבנס, אין קיין שום טעמפּלען, וואָרים אין רוים און אין גריכנלאַנד האָבן די, וועלכע האָבן נאָך אָפּגעגעבן כּבֿוד צו די געטער, דאָס געטון נאָר צוליב חנופֿה צו זיי, כּדי צובאַקומען פֿון זיי הילף, אָדער אויס מורא, אָבער עס איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן זיי ליב צו האָבן.

און כאָטש זיינע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנומען מיט ליגיען און מיטן אויסקוקן זי צווישן עולם, האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט געקענט נישט זען די אַלע וווּנדערלעכע און אויסערגעוויינטלעכע זאַכן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אַרום אים. דערווייל האָט מען דאָרט צוגעוואָרפֿן נאָך עטלעכע פֿלאַקערס צום שייטער, וועלכער האָט מיט אַ רויט ליכט באַגאָסן דעם בית־עלמין און פֿאַרטונקלט דעם שיין פֿון די לאַמטערנדלעך, און אין דערזעלבער מינוט איז פֿון היפּאָגעאום אַרויסגעקומען אַ זקן אָנגעטון אין אַ מאַנטל מיט אַ קאַפּטור, אָבער מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ און איז אַרויף אויף אַ שטיין, וועלכער איז געלעגן לעבן שייטער.

די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטון דערזעענדיק אים. לעבן וויניציושן האָבן עטלעכע שטימען גענומען שעפּטשען: „פּעטרוס! פּעטרוס!...” טייל האָבן אַנידערגעקניט, אַנדערע האָבן אויסגעצויגן צו אים די הענט. עס איז איינגעטרעטן אַזאַ טיפֿע שטילקייט,

אַז עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון יעדן שטיקעלע ברענענדיקן קויל, וועלכעס איז אַראָפּגעפאַלן פונם שייטער, דאָס ווייטע גערויש פון די רעדער אויפן נאָמענטאַנער וועג און דאָס גערויש פונם ווינט צווישן די עטלעכע ביימער, וואָס לעבן בית־עלמין.

כילאָן האָט זיך אָנגעבויגן צו וויניציושן און האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— דאָס איז ער! דער ערשטער תּלמיד קריסטוסעס, אַ פישער!

און דער זקן האָט אויפגעהויבן זיינע הענט אינדערהייך און געמאַכט דעם צייכן פון אַ צלם איבער די קעפּ פונם עולם, וועלכע זענען איצט אַלע געפאַלן אויף די קניען. וויניציוש און זיינע באַגלייטער, נישט וועלנדיק זיך אויסגעבן, האָבן אויך דאָס זעלבע געטון. דער יונגער פּאַטריציער האָט אין פלוג אַליין זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג פון זיינע איינדרוקן, וואָרים עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז דידאָזיקע געשטאַלט פונם זקן, וועלכן ער זעט דאָ פאַר זיך, איז אי צו פּשוט און אי אויסערגעוויינלעך און וואָס נאָך מער, אַז דידאָזיקע אויסערגעוויינטלעכקייט שלאָגט טאַקע פון דער פּשוטקייט. דער זקן האָט נישט געהאַט נישט קיין מיטרע אויפן קאָפּ, נישט קיין דאָמב־קראַנץ אויף די שלעפן, נישט קיין פּאַלמע אין דער האַנט, נישט קיין גאָלדענעם טאָוועל אויף דער ברוסט, נישט קיין ווייסע, אָדער מיט שטערנס באַפּוצטע בגדים, וועלכע די גייסטלעכע פון מורח, פון מצרים, פון גריכנלאַנד, אָדער די רוימישע פלאַמענער פלעגן טראָגן. און ווידער אַמאָל איז ער בשתּומם געוואָרן פון דעמזעלבן אונטערשייד, וועלכן ער האָט געפילט, בשעת ער האָט געהערט די קריסטלעכע לידער, וואָרים אויך דערדאָזיקער „פישער" האָט נישט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ כהן־גדול, וועלכער קען די גויטיקע צערעמאָניעס, נאָר ווי אַ פּשוטער עלטערער, זייער אָנגעזעענער עדות, וועלכער קומט פון מרחקים דערציילן אַן אמת, וועלכן ער האָט געזען, וועלכן ער האָט געפילט און אין וועלכן ער גלייבט, ווי ער גלייבט אין דער ממשותדיקייט און ליב באַקומען טאַקע דערפאַר, ווייל ער גלייבט דערין, אין זיין פּנים איז געווען אַזאַ פעסטע באַקענונג, וועלכע

נאָר דער אמת אַליין קען האָבן און וויניציוש, וועלכער האָט זיך,
אַלס סקעפּטיקער, נישט געלאָזט משפּיע זיין פון זיין הדרת-הכבודי-
קייט, איז פונדעסטוועגן מיטגעריסן געוואָרן פון דער שטאַרקער
נייגיריקייט, וואָס אַזוינס וועט דאָס דער חבר פונם סודות-פולן
„קריסטוס" זאָגן און וואָס פאַר אַ לערע איז עס דאָך די, וואָס פּאָמ-
פּאָניע גרעציניע און ליגיע גלייבן

דערווייל האָט פּעטרוס גענומען רעדן, און גערעדט האָט ער
אין אָנהייב, ווי אַ פּאָטער, וועלכער דערמאָנט זיינע קינדער און
לערנט זיי, ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט. ער האָט זיי גע-
לערנט זיך אָפּצוזאָגן פון מותרות און תענוגים, זיי זאָלן ליבן די אָרים-
קייט, די מידות-ריינקייט, דעם אמת, זיי זאָלן געדולדיק איבער-
טראָגן עוולות און פּיין, זיי זאָלן האָרכן די עלטסטע און די מאַכט,
זיי זאָלן נישט זיין קיין מוסרים, קיין שווינדלער, קיין לשון-
הרעניקעס און לסוף, זיי זאָלן זיין איינער פאַר דעם צווייטן און
אפילו פאַר די געצנדינער אַ ביישפּיל. וויניציוש, פאַר וועמען גוט האָט
געהייסן אַלץ, וואָס האָט אים געקענט צוריקגעבן ליגיען, און שלעכט
אַלץ, וואָס האָט געשטערט דערצו — איז אויפגעבראַכט געוואָרן
צוליב דידאָזיקע רייד, וואָרים עס האָט זיך אים געדוכט, אַז
לערנענדיק ריינקייט און קאַמף מיט די תאוות, דערוועגט זיך דער
אַלטער דערמיט נישט נאָר צו פאַראַכטן זיין ליבע, נאָר ער שטויסט
זי אויך אָפּ פון אים און באַפעסטיקט אין איר דאָס קעגנשטעלן
זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב זי איז דאָ פאַרהאַן צווישן
די פאַרזאַמלטע און האָרכט דידאָזיקע ווערטער און נעמט זיך
זיי צום האַרצן, מוז זי אין דער איצטיקער מינוט טראַכטן וועגן
אים, וויניציושן, ווי אַ שונא פון איר גלויבן און ווי וועגן אַ נידע-
ריקן מענטש.

ביי דעמדאָזיקן געדאַנק איז ער אין כעס געוואָרן: „וואָס
זשע פאַר אַ נייעס הער איך דאָ, האָט ער זיך געטראַכט, שוין זשע
אַל דאָס זיין יענע פאַרבאָרגענע לערע? האָט דאָך דאָס שוין
יעדער געוווּסט און יעדער געהערט. אָרימקייט און באַגנוגענען
זיך מיט ווייניק — לערנען דאָך אויך די ציניקער און רעכטפאַר-
טיקייט האָט דאָך אויך סאָקראַטעס געלערנט, ווי אַן אַלטע און

גוטע זאַך. דער ערשטער בעסטער סטאָיק אפילו אַזעלכער ווי סענעקאַ, וועלכער פאַרמאָגט פינף הונדערט ציטרין-טישן, לויבט דאָך אויך די איינגעהאַלטנקייט, דעם אמת, די געדולדיקייט ביי שטערונגען, די אויסגעהאַלטנקייט אין אומגליק, און דאָס אַלץ איז שוין ווי פאַרלעגענע תבואה, וועלכע די מייז עסן און מענטשן עסן עס שוין נישט, ווייל עס איז פאַרדומפּן פון אַלטקייט". און צוזאַמען מיטן כעס האָט ער אויך דערפילט אַ געפּלעפּטקייט, דען ער האָט זיך געריכט צו דערגיין דאָ עפּעס אומבאַקאַנטע כישוף-סודות, אָדער, לכל הפחות, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט דאָ הערן אַ וווּנדערלעכן רעטאָר, אַנשטאָט דעם, הערט ער גאָר זייער פּשוטע ווערטער אָן שום באַפּוצונג. עס האָט אים נאָר געחידושט די שטילקייט אַרום און די פאַרטיפונג, מיט וועלכער דער עולם האָט זיך איינגעהערט.

דער זקן האָט אָבער דערווייל ווייטער גערעדט צו דעם עולם, אַז זיי דאַרפן זיין גוטע, שטילע, גערעכטע, אָרימע און ריינע, נישט כדי צו לעבן רויק, נאָר כדי נאָכן טויט צו לעבן אייביק אין קריסטוסן, אין אַזאַ לויטערקייט, אין אַזאַ דערהויבנקייט, פרישקייט און שמחה, פון וועלכן קיינער אויף דער ערד קען קיין השגה נישט האָבן. און דאָ האָט וויניציוס, כאָטש ער האָט מיט אַ מינוט פריער געפילט אַ ווידערווילן, נישט געקענט נישט באַמערקן, אַז עס איז פאַראַנען אַן אונטערשייד צווישן דער לערע פון דעם זקן און צווישן דעם, וואָס עס פּרעדיקן די ציניקער, די סטאָיקער, אָדער אַנדערע פילאָזאָפן, יענע פּרעדיקן גוטקייט און רעכטפאַרטיקייט, ווי אַ פאַרנונפטיקע און נוצלעכע זאַך אין לעבן, דער דאָזיקער אָבער זאָגט דערפאַר צו אומשטערבלעכקייט און דערצו נאָך נישט עפּעס אַ נישטיקע אומשטערבלעכקייט אונטער דער ערד אין לאַנגווייל, פּוסטקייט, נישטיקייט, נאָר אַ פּרעכטיקע, ענלעך כמעט צום לעבן פון די געטער. און ער רעדט דערפון, ווי וועגן אַ גאַנץ זיכערע זאַך, ביי אַזאַ גלויבן באַקומט שוין טאַקע די רעכטפאַרטיקייט אַ ווערט אָן אַ גרענעץ און די ליידן אין לעבן ווערן געוואַלטיק נישטיק, ווייל ליידן צייטווייליק צוליב אַן אומענדלעכן גליק איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי ליידן

נאָר צוליב דעם, ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט.

דער אַלטער האָט אָבער ווייטער גערעדט, אַז מען דאַרף ליבן דעם עצם רעכטפאַרטיקייט און אמת, ווייל דאָס העכסטע גוטס און די וואָרהאַפטיקסטע רעכטפאַרטיקייט אַליין, איז גאָט. דעריבער, ווער עס ליבט דאָס, דער ליבט גאָט און ווערט דאַדורך גאָטס געליבטע קינד.

וויניציוש האָט דאָס נישט רעכט פאַרשטאַנען, ער האָט אָבער שוין לאַנג געוווּסט פון די ווערטער, וועלכע פאָמפּאָניע גרעצינע האָט געזאָגט צו פּעטראָניוסן, אַז דערדאָזיקער גאָט איז לויט די קריסטן אַן איין און איינציקער און אַלמעכטיקער, הערנדיק דעריבער איצט, אַז ער איז אויך דער אַלגוטער און אַלגערעכטער, האָט ער נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם גאָט וואָלטן יאָוויש, סאַטורן, אַפּאָלאָ, יונאָ, וועסטאַ און ווענוס אויסגעזען, ווי עפּעס אַ נישטיקע, פראַלערישע כאַליאַסטרע, וועלכע ווילדעווען אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער. אָבער נאָך מער איבעראַשט איז ער געוואָרן, ווען דער אַלטער האָט גענומען רעדן, אַז גאָט איז אויך די אַבסאָלוטע ליבע און דעריבער, ווער עס ליבט מענטשן איז דאַדורך מקיים זיין געבאָט. עס איז אָבער נישט גענוג ליב צו האָבן מענטשן פון אייגענעם פאָלק, וואָרים דער גאָט־מענטש האָט פאַר אַלעמענס וועגן זיין בלוט פאַרגאָסן און אויך צווישן די געצנדינער האָט ער זיינע אויסדערוויילטע געפינען, ווי קאָרנעליוס דער צענטוריאָן, און נישט גענוג איז צו ליבן די, וועלכע טון אונדז גוטס, וואָרים קריסטוס האָט מוחל געווען אויך די יידן, וועלכע האָבן אים צום טויט אַרויסגעגעבן און די רוימישע זעלנער, וועלכע האָבן אים צום צלם צוגעשלאָגן, מ׳דאַרף ליבן די, וועלכע האָבן אונדז שלעכטס געטון, נישט נאָר מוחל זיין, נאָר אויך ליב האָבן און באַצאָלן זיי מיט גוטס פאַר שלעכטס; און נישט גענוג איז צו ליבן גוטע מענטשן, נאָר מ׳דאַרף אויך ליבן די שלעכטע, וואָרים נאָר מיט ליבע קען מען פון זיי דאָס שלעכטס אויסרייסן!

כילאָן האָט ביי די ווערטער אַ טראַכט געטון, אַז זיין גאַנצע אַרבעט גייט איצט פאַרלוירן און אַז אורסוס וועט קיינמאָל נישט דערוועגן זיך צודערהרגענען גלויקוסן, נישט אין דער נאַכט, נישט אין קיין שום אַנדערע נאַכט. ער האָט אָבער באַלד זיך געטרייסט מיט אַן אַנדערן אויספיר, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם אַלטנס לערע: דהיי נו, אַז גלויקוס וועט אים אויך נישט דערהרגענען, ווען ער וועט אים אפילו געפינען און דערקענען. וויניציוש ווידער האָט שוין נישט געטראַכט, אַז אין אַלטנס רייד איז קיין שום נייעס נישטאָ, נאָר ער האָט אין פאַרבליפונג זיך אַליין געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט? וואָס איז דאָס פאַר אַ גלויבן? און וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס? אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, האָט אים פשוט נישט געקענט אַריין אין קאָפּ. דאָס איז פאַר אים געווען עפּעס אַן אומדערהערטע נייע וועלט פון באַגריפן. ער האָט געפילט, אַז ווען ער זאָל, למשל, וועלן לעבן לויט דער לערע, האָלט ער געמוזט וואַרפן אויפן פייער זיין גאַנצן אופן פון דענקען, זיינע געוווינהייטן, זיין כאַראַקטער, זיין ביז איצטיקע נאַטור, אַלץ פאַרברענען אויף אַש, און אָננעמען זיך מיט אַ גאַנץ אַנדער לעבן, מיט אַ גאַנץ נייער נשמה. די לערע, וועלכע הייסט אים ליבן די פאַרטן, סיריער, גריכן, עגיפּטער, גאַלען און בריטאַנער, מוחל זיין די שונאים, צאָלן זיי מיט גוטס פאַר שלעכטס און ליבן זיי, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ משוגעת, גלייכצייטיק האָט ער אָבער אויך געהאַט דאָס געפיל, אַז טאַקע אין דעמדאָזיקן משוגעת איז פאַרהאַן עפּעס, וואָס איז מעכטיקער, ווי אַלע ביז איצטיקע פילאָזאָפיעס. ער האָט געקלערט, אַז צוליב דעם אומזין פון דערדאָזיקער לערע איז זי אומאויספירלעך און צוליב איר אומאויספירלעכקייט איז זי געטלעך. ער האָט זי אָפּגעוואָרפן ביי זיך אין האַרץ, אָבער געפילט האָט ער, אַז עס טראָגט זיך פון איר, ווי פון אַ בלומען־פעלד, עפּעס אַזאַ פאַרש כורנדיקער ריח, וועלכער מאַכט פאַרגעסן, ווי אין לאָטאָפאַגן לאַנד, אָן אַלעם און לאָזט נאָר איבער אַ בענקשאַפט נאָך זיך. עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז די לערע האָט אין זיך קיין שום ממשות נישט און גלייכצייטיק אויך, אַז די ממשותדי-

קייט איז אַקעגן איר אַזוי גידעריק, אַז עס לויבט זיך נישט צו פֿאַרטראַכטן דעריבער. עס האָבן אים אַרומגערינגלט עפּעס אַזעלכע וועלטן, פֿון וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געטראַכט, עפּעס אומגעהייערס, עפּעס כמאַרעס.

דער דאָזיקער בית־עלמין האָט אָנגעהויבן מאַכן אויף אים דעם איינדרוק פֿון אַ זאַמל־אָרט פֿון משוגעים, אָבער אויך פֿון אַ שרעקלעך, סודותדיק אָרט, ווו עס ווערט, ווי אויף אַ מיסטיש געלעגער, געבוירן עפּעס, וואָס איז נאָך ביז הייגט אויף דער וועלט נישט געווען. ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס דער אַלטער האָט פֿון דער ערשטער מינוט אָן גערעדט וועגן לעבן, אמת, ליבע, גאָט. און זיינע געדאַנקען זענען פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון גלאַנץ, ווי די אויגן ווערן פֿאַרבלענדט פֿון בליצן, וועלכע קומען אומאויפֿהערלעך איינער נאָכן אַנדערן. ווי אַלע מענטשן, וועמען ס'לעבן איז פֿאַרביטן געוואָרן אין איין ליידנשאַפֿט, האָט ער וועגן דעם אַלעם געטראַכט נאָר דורך די ברילן פֿון זיין ליבע צו ליגיען און ביים ליכט פֿון די דאָזיקע בליצן האָט ער קלאָר דערזען איין זאַך: אַז אויב ליגיע איז דאָ פֿאַרהאַן אויפֿן בית־עלמין, אויב זי אָנערקענט די לערע, הערט און פֿילט דאָס אַלץ, וועט זי קיינמאָל נישט ווערן זיין געליבטע.

ער האָט איצט צום ערשטן מאָל, זייט ער האָט זי דערקענט ביי אוילוסן אין הויז, דערפֿילט, אַז ווען ער זאָל זי איצט געפֿינען, וועט ער זי דאָך נישט האָבן. קיינמאָל ביז איצט איז אים נאָך עפּעס ענלעכס נישט איינגעפֿאַלן און אפֿילו איצט האָט ער זיך נישט געקענט קיין רעכענונג דערפֿון אָפּגעבן. וואָרים ער האָט דאָס נישט אַזוי ווייט קלאָר פֿאַרשטאַנען, ווי ער האָט געהאַט אַ מטושטש געפֿיל פֿון עפּעס אַן אומגעהייערע אבידה, פֿון עפּעס אַן אומגליק. ער האָט דערפֿילט אַן אומרויִקייט, וועלכעס איז באַלד פֿאַרביטן געוואָרן אין אַ שטורם פֿון צאָרן קעגן די קריסטן בכלל און קעגן דעם זקן בפֿרט, דעם דאָזיקער פֿישער, וועלכן ער האָט אין ערשטן אויגנבליק באַטראַכט אַלס פּשוטן מענטש, האָט איצט אויף אים אָנגעוואָרפֿן כמעט אַ מורא, עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער איז עפּעס אַ סודותפֿולער פּאַטום.

וועלכער דאָרף אומפּאַרמיידלעך און טראַגיש אַנטשיידן זיין גורל.

דער פּראָפֿעסאָר האָט ווידער אומבאַמערקט צוגעלייגט עטלעכע [בל]אָקערן צום פֿייער אויפֿן שייטער, דער ווינט האָט אויפֿגעהערט צו רוישן אין די ביימער, דער פֿלאַם האָט זיך מיט אַ גלייכן, שלאַנקן שפּיץ געהויבן צו די פֿינקלענדיקע שטערן אויפֿן לויטערן [ה]ימל און דער אַלטער, דערמאָנענדיק וועגן קריסטוסעס טויט, האָט איצט גענומען נאָר וועגן אים רעדן. אַלע האָבן דעם אָטעם [פֿ]אַרהאַלטן און די שטילקייט איז געוואָרן נאָך גרעסער ווי פֿריער, אַזוי, אַז מ'האָט כמעט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פֿון די הערצער. דערדאַזיקער מאָן האָט געזען! און דערציילט האָט ער, ווי איינער, וועמען יעדע רגע האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אַזוי, אַז ווען ער פֿאַרמאַכט אפֿילו די אויגן זעט ער נאָך אַלץ. ער האָט דעריבער דערציילט, ווי צוריקקומענדיק פֿון צלם איז ער מיט יוחנן געזעסן צוויי טעג מיט צוויי נעכט אין בין־השמשות, נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפֿן, אין פּיין, אין באַדויערן, אין שרעק, אין ספֿק, די קעפּ אין די הענט, טראַכטנדיק, אַז ער איז געשטאָרבן. און שוין איז דער דריטער טאָג אָנגעקומען, דער מאָרגנשיין האָט זיך שוין אויף די מויערן געבלייכט און זיי ביידע, ער מיט יוחנן, זענען נאָך אַלץ אַזוי געזעסן אונטער דער [וו]אַנט אָן הילף, אָן האָפֿנונג. און ווי דער שלאָף איז נאָר אויף זיי אָנגעפֿאַלן (וואָרים די נאַכט פֿון די ליידן זענען זיי אויך נישט געשלאָפֿן), האָבן זיי זיך צוריק אויפֿגעכאַפּט און גענומען אויפֿסניי קלאָגן ביז, ווען די זון איז נאָר געהאַט אויפֿגעגאַנגען, איז מרים פֿון מגדול אַריינגעפֿאַלן אָן אָטעם, מיט צעלאָזטע האָר און מיט אַ געשריי: „דער האַר איז גענומען געוואָרן“! און זיי, דערהערנדיק דאָס, האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט און גענומען לויפֿן צו יענעם אָרט. אָבער יוחנן, וועלכער איז געווען יינגער, איז דער ערשטער געקומען צולויפֿן און האָט דערזען דעם ליידיקן גרוב, און האָט נישט דערוועגט זיך אַריינצוגיין. ערשט ווען זיי זענען אַלע דריי [געווע]ן ביי דעם מויל פֿון גרוב, איז ער, דער דאָ, האָט דער[צ]יילט זיי דאָס, אַריין אין גרוב און האָט דערזען אויף אַ

שטיין דאָס טוך און די וויקל־שנורן, אָבער דער גוף איז נישט געווען.

איז אויף זיי געפאַלן אַ גרויסע שרעק, דען זיי האָבן געמיינט, אַז די כּהנים האָבן צוגענומען קריסטוסן און זיי זענען ביידע אַהיימגעגאַנגען אין נאָך גרעסערע ליידן. דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך תּלמידים און האָבן אויפגעהויבן אַ יאָמער, דאָ אַלע צוזאַמען, כּדי דער עלטסטער פון דער הייל זאָל זיי דערהערן, און דאָ איינער נאָכן אַנדערן. דאָס האַרץ איז אין זיי אָפּגעשטאָרבן, דען זיי האָבן געהאָפט, אַז דער האַר האָט געזאָלט אָפּלייזן ישׂראלן, און אָט איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי ער איז געשטאָרבן, און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער פאָטער האָט פאַרלאָזט דעם זון זיינעם, און שוין בעסער וואָלטן זיי געוואָלט נישט דערלעבן דעמדאָזיקן טאָג און שטאַרבן, אַזוי שווער האָט דאָס זיי צוגעדריקט.

די זכרונות פון דידאָזיקע שווערע מינוטן האָבן נאָך איצט אַרויסגערופן ביים זקן פון די אויגן צוויי טרערן, וועלכע מ׳האָט ביים שיין פון פייער גוט געקענט זען אַראָפּרינען איבער דער גרויער באָרד. דער אַלטער גאָלער קאָפּ האָט זיך אים גענומען טרייסלען און די שטים איז אים אין דער ברוסט פאַרשטיקט געוואָרן. וויניציוש האָט ביי זיך אין האַרץ געטראַכט: „דערדאָזיקער מענטש זאָגט דעם אמת און וויינט איבער אים". און די צוהערער מיט די פּשוטע הערצער האָט אויך דער צער געשטיקט ביים האַלדז. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געהערט וועגן די ענויים פון קריסטוסן און זיי האָבן געוווּסט, אַז נאָכן טרויער וועט קומען די פרייד, אָבער אַזוי ווי דאָס האָט דאָך דערציילט דער אַפּאָסטאָל, וועלכער האָט אַליין געזען, האָבן זיי אונטער דעם איינדרוק פאַרבראָכן די הענט, זיפצנדיק, אָדער קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן.

אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַרויקט, וואָרים דער חשק ווייטער צו הערן האָט גובר געווען. דער זקן האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט בעסער פאָרשטעלן די פאַרגאַנגענע זאַכן און ער האָט ווייטער גערעדט:

„ווי זיי האָבן אזוי געקלאָגט איז ווידער אַרײַנגעפאַלן מרים פון מגדול, רופנדיק, אַז זי האָט געזען דעם האַר. זי האָט אים נישט געקענט דערקענען מחמת דער גרויסער ליכטיקייט, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז דער גערטנער, אָבער ער האָט געזאָגט: „מרים"! דאַן האָט זי אויסגעשריגן: „רבינו"! און זי איז אים געפאַלן צו די פיס, דאָ האָט ער זי געהייסן גיין צו די תלמידים און דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן. זיי אָבער, די תלמידים, האָבן איר נישט געגלייבט, און ווען זי האָט געווייַנט פון פרייד, האָבן טייל זי געטריבן און אַנדערע האָבן געמיינט, אַז פון צער איז זי פון זינען אַראָפּ, וואָרים זי האָט אויך געזאָגט, דאָס זי האָט אין קבר געזען אויך מלאָכים, אָבער זיי האָבן, קומענדיק דאָס צווייטע מאָל צולויפן, געזען דעם גרוב ליידיק. שפּעטער אין אָוונט איז קלעאָפּאַס, דער דאָ איז מיט נאָך אַנדערע געגאַנגען קיין עממאוס און געשווינד צוריקגעקומען און געזאָגט: „דער האַר איז באמת תחית-המתים אויפגעשטאַנען". און זיי האָבן זיך גענומען שטויסן הינטער די פאַרמאַכטע טירן אויס מורא פאַר די ייִדן. און פּלוצ-לינג... איז ער געשטאַנען צווישן זיי, כאָטש עס האָט זיך נישט געהערט די טיר עפענען, און ווען זיי האָבן אויפגעשוידערט, האָט האָט ער צו זיי געזאָגט: „פרידן צו אייך".

• • • • • • • • • •

„און איך האָב אים געזען, ווי אַלע האָבן אים געזען, און ער איז געווען, ווי אַ ליכטיקייט און ווי דאָס גליק פון אונדזערע הערצער, דען מיר האָבן געגלייבט, אַז ער איז תחית-המתים אויפ-געשטאַנען און אַז די ימים וועלן אויסגעטריקנט ווערן, די בערג אין שטויב אומגעקערט ווערן, באָר זיין לויב וועט נישט פאַר-גיין".

• • • • • • • • • •

„און ווען עס זענען אַכט טעג פאַרגאַנגען האָט טאָמאַס די-דימוס אַרײַנגעלייגט די פינגער אין זיינע וווּנדן און האָט די זייט זיינע אָנגערירט און דערנאָך איז ער אים געפאַלן צו די פיס און

נערופן: „האר מײַנער און גאָט מײַנער"! דער דאָ האָט אים גע־ענטפערט: „ווײַל דו האָסט מיך געזען — גלײבסטו. געבענטשט זענען די, וועלכע האָבן נישט געזען און גלײבן". און מיר האָבן די ווערטער געהערט און אונדזערע אויגן האָבן געקוקט אויף אים, דען ער איז געווען צווישן אונדז".

וויניציוש האָט געהערט און עס איז מיט אים עפּעס וווּנ־דערלעכעס פּאָרגעקומען. ער האָט אויף אַ מינוט פאַרגעסן, וווּ ער געפינט זיך, ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן יעדן חוש פאַר דער ממשותדיקייט, יעדער מאָס און שכל הישר. ער איז געבליבן שטײן פאַר צוויי אַבסורדן: עס איז אים אוממעגלעך געווען צו גלײבן אין דעם, וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט, אָבער געפילט האָט ער, אַז מ'דאַרף זײַן בליבד און גײן קעגן אײגענעם שכל אום אויף אײן מינוט צו דערלאָזן, אַז אָט דער מענטש, וועלכער זאָגט: „כ'האָב געזען", רעדט ליגנט. אין זײַן גערירטקייט, אין זײַנע טרערן, אין זײַן גאַנצער געשטאַלט און אין די פּרטים פון די פּאַ־סירונגען, וועלכע ער האָט דערציילט, איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט יעדן חשד. מאָמענטנווײַז האָט זיך וויניציושן אויסגעדוכטן, אַז דאָס אַלץ חלומט זיך אים. אַרום האָט ער אָבער געזען דעם אײַנגעשטילטן עולם; ער האָט געפילט דעם רויך פון די לאַנטערנדלעך, אַ ביסל ווײַטער האָט געפלאַקערט דער שײַטער און דערלעבן אויף אַ שטײן שטייט אַ מאַן, אַ זקן, וועל־כער איז שוין נאָענט צום קבר, דער קאָפּ טרײַסלט זיך אים און ער זאָגט: „איך האָב געזען"!

און ער האָט זײ ווײַטער דערציילט אַלץ, ביז קריסטוסעס אויפגײן אין הימל אַרײַן. טײלמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל ער האָט גערעדט זײער בפּרטיות, נאָר מ'האָט געפילט, אַז יעדער קלײניקײט האָט זיך אים גוט אײַנגעקריצט אין זכרון. די צוהערער זענען מיטגעריסן געוואָרן. זײ האָבן אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּטורן פון די קעפּ, כדי בעסער צו הערן, כדי נישט צו פאַר־לירן קײן אײן וואָרט פון די רייד, וועלכע זענען פאַר זײ הייליק געווען. עס האָט זיך זײ אויסגעדוכטן, אַז עפּעס אַן איבערנאַטיר־לעכע קראַפט טראָגט זײ איבער קײן גליל, אַז זײ שפּאַצירן צו־

זאַמען מיט די תּלמידים איבער די דאָרטיקע מעלדלעך און בערגעס, אַז דערדאָזיקער בית־עלמין ווערט פאַרוואַנדלט אין ים־טבריא, און אויפן ברעג אין מאָרגן־נעפּל שטייט קריסטוס אַזוי, ווי ער איז געשטאַנען דאַן, ווען יוחנן האָט אויסגערופן, דערזעענדיק אים פון שיפל: „דער האַר איז דאָ"! און פעטרוס האָט זיך געוואָרפן אין וואַסער שווימען, כדי וואָס פריער צוצופאַלן צו די ליבע פיס זיינע. אויף אַלעמענס פנימער איז געווען צו דערקענען אַ פאַרגעסן זיך אָן לעבן, אָן גליק, אָן באַגייסטערונג, אָן סוף און אָן אומגעהייערע ליבע. ס'איז קענטיק געווען, אַז אין דער צייט פון פעטרוסעס לאַנגע דערציילונג האָבן פיל פון זיי געהאַט וויזיעס, און ווען ער האָט גענומען דערציילן, ווי אין מאָמענט פון אויפשטייגן אין הימל אַריין האָבן זיך די וואָלקנס גענומען שפּרייטן אונטער דעם גואלס פיס און פאַרשטעלן אים פאַר די אויגן פון די אַפּאָסטאָלן, האָבן אַלעמענס קעפּ נישט ווילנדיק זיך אויפגעהויבן צום הימל און עס איז איינגעטרעטן אַ מינוט פון דערוואַרטונג, ווי די אַלע מענטשן וואָלטן זיך געריכט אים נאָכאַמאָל צו זען, אָדער ווי זיי וואָלטן דערוואַרט, ער זאָל ווידער נידערן פון די ברייטע הימלען, כדי צו זען, ווי דער אַלטער אַפּאָסטאָל פיטערט די שעפעלעך, וועלכע זענען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן און בענטשן אים מיט זיין סטאַדע.

פאַר דידאָזיקע מענטשן האָט איצט נישט עקזיסטירט, נישט רום, נישט קיין משוגענער צעזאַר, נישט קיין טעמפּלען, קיין געטער, קיין געצבדינער, עס איז נאָר געווען איין קריסטוס, וועלכער האָט אויסגעפילט די ערד, די ימים, דעם הימל, די וועלט.

אין די ווייטע הייזער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער לענג פון נאָמענטאַנער וועג, האָבן די הענער גענומען קרייען, אָנזאָגנדיק האַלבע נאַכט. אין דערזעלבער רגע האָט כילאָן אַ צי געטון וויניציושן פאַר אַ ברעג מאַנטל און אים איינגערוימט:

— האַר, דאָרט, נישט ווייט פון זקן, זע איך אורבאַנען און ליגיען אים עפּעס אַ מיידל.

וויניציוש האָט אַ צאַפּ׳ געטון, ווי פון שלאָף, און אומקערב־
דיק זיך אין דער ריכטונג, וו דער גריך האָט אים געוויזן, האָט
ער דערזעען ליגיען.

XXI.

דער יינגער פּאַטריציער האָט אויפגעציטערט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט דערזעענדיק זי. ער האָט פאַרגעסן וועגן דעם עולם, וועגן זקן, וועגן זיין אייגענער איבעראַשונג צוליב די אַלע אומבאַגרייפלעכע זאַכן, וועלכע ער האָט דאָ געהערט, און ער האָט נאָר זי געזעען. סוף כּל סוף, נאָך אַלע אָנשטרענגונגען, נאָך די לאַנגע טעג אומרויִקייט, נאָגעניש און זאָרג, האָט ער זי געפונען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער בולט געפילט, אַז די פרייד קען אַזוי אַ שלאָג טון צו דער ברוסט, ווי אַ ווילדע חיה און צודריקן זי ביז צום פאַרלירן דעם אָטעם. ער, וועלכער האָט ביז איצט געמיינט, אַז „פאָרטונאַ” האָט אַ מין חוב אַלע זיינע פאַרלאַנגען צו דערפילן, האָט איצט קוים זיינע אייגענע אויגן און זיין איינן גליק געגלייבט. ווען נישט טאַקע דידאָזיקע אומזיכערקייט, וואָלט זיין היציקע נאַטור אים נאָך געקענט שטויסן צו עפּעס אַן אומבאַרעכנטן שריט, אָבער ער האָט פריִער געוואָלט זיכער זיין, צי דאָס איז נישט זויך אײנס פון די וואונדער, מיט וועלכע ער

האָט איצט פֿול געהאַט דעם קאָפּ, און צי ער חלומט נישט. אָבער עס איז קיין שום ספק נישט געווען: ער האָט געקוקט אויף ליגיען, און נאָר אַ שטח פֿון עטלעכע טריט אײַנגאַנצן האָט אים אָפּגעטיילט פֿון איר. זי איז געשטאַנען אויפֿן ליכטיקן אָרט, לעבן פֿייער, אַזוי, אַז ער האָט געקענט אָנזעטיקן זײַן בליק מיט איר, וויפֿיל ער האָט געוואָלט. דער קאַסטור האָט זיך איר אַראָפּגערוקט פֿון קאָפּ, די האָר צעשאָטן, דאָס מויל עטוואָס געעפֿנט, די אויגן קאַפּויר געהויבן צום אַפּאָסטאָל, דאָס פּנים פֿאַרטיפֿט און באַגײַסטערט. אין דעם מאַנטל פֿון טונקלן וואָל איז זי געווען אָנגעטון, ווי אַ מיידל פֿון פֿאָלק. וויניציוש האָט זי אָבער נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין שענערע, און נישט קוקנדיק אויף זײַן גאַנצער פֿאַרווירטקייט איז ער דאָך פֿאַרבליפֿט געוואָרן פֿון דער סתּירה, וועלכע האָט זיך געוואָרפֿן אין די צווישן אירע כמעט שקלאַפֿישע קליידער און איר פּרעכטיק פּאַטריציִער קעפּל. אַ מעכטיק געפֿיל פֿון ליבע צוזאַמען מיט אַזאַ וווּנדערלעכע בענקשאַפֿט, ערפֿורכט, אַכטונג און לוסט איז אים ווי אַ פֿלאַם אַדורך איבערן גאַנצן קערפּער. ער האָט געפֿילט דעם גענוס, וואָס דאָס קוקן אויף איר האָט אים פֿאַרשאַפֿט. און ער האָט זיך געקוויקט מיט איר, ווי מיט פֿריש וואַסער נאָך אַ לאַנגן דורשט. שטייענדיק לעבן ריזיקן ליגיער האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער, ווי זי איז פֿריִער געווען, כמעט ווי אַ קינד; ער האָט אויך באַמערקט, אַז זי איז אָפּגעצערט געוואָרן. איר הויט איז געוואָרן כמעט דורכזעעוודיק; זי האָט אויף אים געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי אַ בלום, ווי אַ נשמה. און דערפֿאַר טאַקע האָט ער נאָך מער געגאַרט צו באַזיצן אָט דאָס נפֿש, וועלכעס איז אַזוי אַנדערש פֿון די אַלע פֿרויען, וועלכע ער האָט ווען עס איז געזען, אָדער געהאַט אין מזרח, אָדער אין רוים. ער האָט געפֿילט, אַז ער וואָלט פֿאַר איר איינער אַוועקגעגעבן אַלע יענע, און צוזאַמען מיט זיי רוים און די גאַנצע וועלט צו.

ער וואָלט אַזוי אומאויפֿהערלעך געקוקט און פֿאַרגעסן זיך, ווען כילאָן וואָלט אים נישט אַ שלעפּ געטון בײַ אַ ברעג מאַנטל מורא האָבנדיק, ער זאָל נישט טון עפּעס, וואָס וואָלט זיי געקענט ברענגען אין געפֿאַר. די קריסטן האָבן דערווײַל אָנגעהויבן תּפֿילה

צו טון און צו זינגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ הילך געטון „סאַ-ראַנאַטאַ“, און דערנאָך האָט דער גרויסער אַפּאָסטאָל גענומען טויפן מיט וואַסער פֿון פֿאָנטאַן די, וועלכע די פּרעסביטעריען האָבן פֿאַרגעשטעלט אַלס צוגענומענע גרייט צום טויפן. וויניציוש האָט זיך געדוכטן, אַז דידאָזיקע נאַכט וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן. ער האָט שוין געוואָלט וואָס פֿריִער באַגיין ליגיען און פֿון וועג אָדער פֿון איר הויז צוכאַפּן זי.

ענדלעך האָבן עטלעכע שוין גענומען פֿאַרלאָזן דעם בית-עלמין. כילאָן האָט דאַן אים אײַנגערוימט:

— לאָמיר אַרויסגיין, האַר, פֿאַרן טויער, וואָרים מיר האָבן נישט אַראָפּגענומען די קאַפּטורן און מענטשן קוקן אויף אונדז.

עס איז טאַקע אַזוי געווען, בשעת אַלע האָבן אַראָפּגערוקט די קאַפּטורן פֿון די קעפּ, ווען דער אַפּאָסטאָל האָט גערעדט, האָבן זיי באַר אַליין דאָס נישט געטון. כילנאָס עצה האָט זיך אַרויס-געוויזן אויך פֿאַר מער פּראַקטיש. שטייענדיק בײַם טויער האָבן זיי בעקענט גוט באַמערקן אַלע, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען. אור-סוסן איז אויך נישט שווער געווען צו דערקענען לויט זײַן וווּקס און געשטאַלט.

— לאָמיר זיי נאָכגיין — האָט כילאָן געזאָגט — מיר וועלן זען, אין וועלכן הויז זיי גייען אַרײַן און מאָרגן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, נאָך הײַנט, וועסטו, האַר, אַרומרינגלען אַלע אײַנגענג צו דעם הויז מיט שקלאַפֿן און וועסט זי דיר צונע-מען.

— ניין! — האָט וויניציוש געענטפֿערט.

— וואָס ווילסטו טון, האַר?

— מיר וועלן איר נאָכגיין ביז אין שטוב אַרײַן און מיר וועלן זי גלײַך כאַפּן: דו האָסט זיך דאָך דאָס אונטערגענומען, יאָ, קראָטאָן?

— געוויס — האָט דער אַטלעט געענטפֿערט — און איך גיב זיך דיר, האַר, אָפּ אַלס שקלאַף, אויב איך וועל דערמאָזיק בופֿלאָקס, וועלכער היט זי, נישט צעברעכן דעם רוקן-ביין.

כילאָן האָט זיי אָבער גענומען אָפּרעדן דערפֿון און באַ-

שװירן בײַ אַלע געטער, זײ זאָלן דאָס נישט טון, קרעטאָן איז דאָך גאָר געדונגען אַלס שוץ אין פאַל, װען מ׳װעט זײ דערקענען, אָבער נישט אום צוכאַפּן זי. מאַכנדיק דעם אָנפאַל אין צװײען גאַר, שטעלן זײ זיך אין געפאַר געטויט צו װערן און, װאָס גאָך מער, זײ קענען זי גאָכאַמאָל פאַרלירן, דען זי װעט זיך איצט באַהאַלטן ערגעץ אַנדערש, אָדער זי װעט פאַרלאָזן רוים. װאָס װעלן זײ דאַן טון? פאַרװאָס נישט גײן אויף זיכער, נאָך װאָס אײַנשטעלן זיך אין געפאַר און די גאַנצע אונטערנעמונג צונישט צומאַכן?

װיניציוש, נישט קוקנדיק דערויף, װאָס ער האָט זיך מיט אַלע קרעפטן קוים אײַנגעהאַלטן נישט גלײַך צו כאַפּן ליגיען אין זײַנע אָרעמס נאָך דאָרט אויפן בית-עלמין, האָט ער דאָך איצט בע-פילט, אַז דער גריך האָט רעכט און ער װאָלט אים אפשר אויך געפאָלגט, װען נישט קראָטאָן, װעמען עס איז געגאַנגען װעגן דער באַלוינונג פאַר אויסצײַכענען זיך.

— באַפעל, האַר, דעם אַלטן באָק צו שװײַגן — האָט ער געזאָגט — אָדער דערלויב מיר אַראָפּצולאָזן מײַן פויסט אויף זײַן קאָפּ. אײנמאָל זענען אויף מיר אין אַן אײַנפּאַר-הויז אין בוקסנטום, װוּהין לוציוס סאַטורנינוס האָט מיך אַרויסגעפאָ-דערט אויף די דאָרטיקע פאַרװײַלונגען, אָנגעפאַלן זיבן שיכּורע גלאַדיאַטאָרן און קײנער פון זײ איז נישט אַרויס מיט גאַנצע ריפּן. כ׳זאָג נישט, אַז מיר װעלן זי שוין איצט כאַפּן פון צװישן עולם, זײ װאָלטן אונדז געװאָרפן שטײנער אונטער די פיס, אָבער אַזוי װי זי װעט גאָר זײַן אינדערהײם, נעם איך זי גלײַך און ברענג זי דיר, װוּהין דו װילסט גאָר אַלײן.

װיניציוש האָט זיך דערפרײט, הערנדיק דידאָזיקע װערטער, און ער האָט געזאָגט:

— אַזוי בלײַבט עס, בײַ הערקולעסן! מאָרגן קענען מיר זי, צופעליק, נישט טרעפן אינדערהײם, און קוים װעלן מיר זײ אײנמאָל אַליאַרמירן, װעלן זײ זי שוין זיכער באַהאַלטן ערגעץ אַנ-דערש.

— דער ליגיער איז, דאַכט זיך מיר, צו שטאַרק — האָט כילאָן געקרעכצט.

— מ'הייסט דאָך נישט דיך אים צוהאַלטן די הענט — האָט קראָטאָן נעענטפערט.

עס איז זיי אָבער לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן, די הענער האָבן שוין געקרייעט אויף טאָג, ווען זיי האָבן דערזען אורסוסן אַרויסגיין פון טויער און נאָך אים ליגיען. נאָך עטלעכע פערזאָן זענען צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען. כילאָנען האָט זיך געדוכטן, אַז ער דערקענט צווישן זיי דעם גרויס־אַפּאָסטאָל, לעבן אים איז גע־גאַנגען נאָך עפּעס אַן אַלטער מאַן פיל נידעריקער פון אים, צוויי שוין נישט קיין יונגע פרויען און אַ יונגל, וועלכער האָט צוגע־לויכטן מיט אַ לאַמטערן. נאָך דער גרופּע איז נאָכגעגאַנגען אַן עולם פון אַ צוויי הונדערט מאַן. וויניציוש, כילאָן און קראָטאָן האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעמדאָזיקן עולם.

— אַזוי, האַר, — האָט כילאָן געזאָגט — דיין מיידל גע־פינט זיך אונטער אַ מעכטיקער שוץ. דאָס איז ער מיט איר, דער גרויס־אַפּאָסטאָל! וואָרים זע, ווי מענטשן פאַלן פאַר אים אויף די קני.

און באמת האָבן מענטשן כסדר אַנידערגעקניט, אָבער ווי־ניציוש האָט נישט געקוקט אויף זיי. נישט צפּלאָזנדיק ליגיען אויף קיין איין מינוט פון אויג, האָט ער כסדר געטראַכט וועגן אָנעקרויבן זי און צוגעוויינענדיק זיך אין קריג צו אַלערליי כיט־רע שפּיצלעך, האָט ער איצט ביי זיך אין קאָפּ מיט אַ זעלבערי־שער געניויקייט צונויפגעשטעלט דעם גאַנצן פּלאַן פונם אָנפאַל. ער האָט געפילט, אַז דער שריט, אויף וועלכן ער באַשליסט זיך, איז זייער אַ דרייסטער, ער האָט אָבער אויך געוווסט, אַז אַלע דרייסטע אָנפאַלן ענדיקן זיך מיט נצחון.

דער וועג איז געווען זייער לאַנג, ער האָט אַלזאָ צייט געהאַט צו טראַכטן דעריבער, וואָס פאַר אַ תהום די ווונדערלעכע לערע, וועלכע זי אָנערקענט, האָט אויסגעגראָבן צווישן אים און ליגיען. איצט האָט ער פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס עס איז פריער געשען און פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. ער איז געווען גענוג

פאַרנונפטיק דערצו. ביז איצט האָט ער טאַקע ליגיען נישט גע־קענט. ער האָט אין איר נאָר געזען דאָס שענסטע מיידל, צו וועלכער ער האָט געגלוסט מיט אַלע זיינע חושים, איצט ערשט האָט ער איינגעזען, אַז דידאָזיקע לערע האָט פון איר געמאַכט אַן אַנדערע פון אַלע פרויען און אַז די האָפנונג, דאָס ער וועט זי אויך צוציען מיט ליידנשאַפט, רייכטום, תענוגים, איז אַ פוסטע איינרעדעניש. ער האָט ענדלעך שוין פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער מיט פעטראָניוסן צוזאַמען האָבן פריער נישט פאַרשטאַנען, אַז דערדאָזיקער נייער גלויבן האָט איינגעפלאַנצט אין דער נשמה עפּעס, וואָס איז גאַנץ אומבאַקאַנט פאַר דער וועלט אין וועלכער ער לעבט, און אַז ווען ליגיע זאָל אים אַפילו ליב האָבן וועט זי אויך זיך אָפּזאָגן פון אירע קריסטלעכע אמתן, אַז אויב עס עקזי־סטירט אַפילו פאַר איר פאַרגעניגן, איז עס אויך אַן אַנדער פאַר־גניגן ווי דאָס, נאָך וועלכן ער און פעטראָניוס, דעם צעזאַרס הויף און גאַנץ רוים יאָגן זיך. אַלע אַנדערע פרויען, וועלכע ער האָט געקענט, קענען ווערן זיינע געליבטע, אַ קריסטין אָבער קען נאָר זיין זיין קרבן.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער געפילט אַ טיפן ווייטיק און כעס, און גלייכצייטיק אויך, אַז זיין כעס איז אַן אָנמעכטי־קער. אַנפאַלן אויף ליגיען איז פאַר אים געווען אַ זייער לייכטע און זיכערע זאַך, ער איז אָבער אויך געווען זיכער, אַז אַנטקעגן איר גלויבן איז ער גופא, זיין העלדישקייט, זיין מאַכט גאַרנישט ווערט און אַז דעמדאָזקן גלויבן וועט ער שוין נישט גובר זיין. און אַזוי האָט דערדאָזיקער רוימישער מיליטער־טריבון, וועלכער איז איבערצייגט געווען, אַז די שווערד און די פויסט, מיט וועלכע ער האָט די וועלט באַהערשט, וועט שוין שטענדיק הערשן, צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען, אַז אויסער דערדאָזיקער קראַפט קען נאָך עפּעס אויך זיין, ער האָט אַלזאָ איבעראַשט, זיך זעלבסט גע־פרעגט: וואָס איז עס אַזעלכעס?

און ער האָט נישט געקענט געבן קיין קלאָרן ענטפער דע־רויף. פאַרן דמיון זענען אים נאָר פאַרביי די בילדער פונם בית־עלמין. דער עולם, ליגיע איינגאַנצן אַ פאַרטיפטע אין די רייד

פונם זקן, וועלכער האָט דערציילט וועגן די ג״ען, טויט און תחית־המתים פונם גאָט־מענטש, דער דאָ האָט אויסגעלייזט די וועלט און צוגעזאָגט איר גליק אויף יענער זייט סטיקס.

און טראַכטנדיק וועגן דעם איז ביי אים אין קאָפּ געוואָרן אַ כאַאָס.

פון דעמדאָזיקן תהו־ובוהו האָט ער זיך אויפגעכאַפּט דורך כילאָנס מתרעם זיין אויף זיין גורל: ער האָט דאָך גאָר באַדאַרפט אויפזוכן ליגיען, וועלכעס ער האָט טאַקע, איינשטעלנדיק זיך דאָס לעבן, אויסגעפירט און זי געפונען. וואָס זשע וויל מען נאָך פון אים? צי האָט ער זיך דען אונטערגענומען זי צוצערייבן און ווער וואָלט גאָר אַזעלכעס פאַרלאַנגט פון אַ קריפּל, וועלכן עס פעלן צוויי פינגער, פון אַן אַלטן מאַן, וועלכער לעבט זיך מיט זיינע מחשבות, לערע און מאָראַל? וואָס וועט זיין, אויב אַזאַ גרויסער מאַן ווי וויניציוש וועט פאַרוווּנדעט ווערן בשעתן אָנפאַל אויף ליגיען? געוויס דאַרפן די געטער באַשיצן די אויסדערוויילטע, אָבער צי געשען דען נישט אַזעלכע זאַכן, פונקט ווי די געטער וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש אָנשטאָט צו זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? פאָרטונאַ האָט, ווי באַקאַנט, פאַרבונדענע אויגן, דעריבער זעט זי נישט באַטאָג, היינט זשע באַנאַכט. און זאָל עפּעס געשען, זאָל דער ליגיער בער וואַרפן אויפן איידעלן וויניציוש אַ מילשטיין, אַ פעסל וויין, אָדער נאָך ערגער, אַ פעסל וואַסער, ווער וועט דען ערוב זיין, דאָס אויפן אָרימען כילאָן וועט נישט אָנשטאָט אַ באַלוינונג פאַלן די אחריות? אַ חוץ דעם האָט ער, דער אָרימער געלערנטער, זיך אַזוי צוגעבונדן צום איידעלן וויניציוש, ווי אַריסטאָטעלעס צו אלכסנדר מוקדון און ווען דער גרויסמוטיקער וויניציוש וואָלט אים, לכל הפּחות, געוואָלט געבן דעמדאָזיקן געלט־בייטל, וועלכן ער האָט פאַרשטעקט ביי זיך אונטערן גאַרטל פאַרן אַוועקגיין, וואָלט ער, כילאָן, געקענט, אין פאַל פון אַן אומגליק, באַלד רופן הילף, אָדער איבערקויפן אפילו די קריסטן אַליין. אָ, פאַרוואָס וויל מען נישט פאָלגן די עצות פון אַ קלוגן, מיושבן, דערפאַרענעם זקן?

וויניציוש האָט, הערנדיק דאָס, אָפּערגענומען דעם געלט־

בייטל פון אונטערן גאַרטל און האָט עס פון צווישן די פינגער
אַ וואָרף געטון כילאַנגען:

— האָסטו און שווייג.

דער גריך האָט דערפילט, אַז דער בייטל איז נישקשה
שווער און ער איז מוטיק געוואָרן.

— מיין גאַנצע טרייסט איז גאָר דאָס — האָט ער געזאָגט —
וואָס הערקולוס און טעזעוס האָבן נאָך שווערערע זאַכן אויפגעטון,
וואָס זשע איז מיין פערזענלעכער, גאַנטסטער פריינט, קראַטאָן,
אויב נישט קיין הערקולעס? דיך, חשובער טריבון, וועל איך גאָר-
נישט אָנרופן האַלב-גאָט, וואָרים דו ביסט אַ גאַנצער גאָט און
וועסט זיכער אויך אויף ווייטער נישט פאַרגעסן דיין אָרימען, אָבער
טרייען דינער, און וועסט זיך פון צייט צו צייט אָרומקוקן אויף
זיין גויט, וואָרים אַליין, קוים פאַרטיפט ער זיך גאָר אין די בי-
כער, האָט ער שוין דאַן מער גאָרנישט אין זין... עפעס דאָרט
אַן עטלעכע שפּאַן גאָרטן מיט אַ הייזל און, לכל הפחות, אַ קליי-
נעם פאָרטיק צו, אויף צורוען אין שאָטן אום זומער, וואָלט
געווען זייער אַ שיינע מתנה פאַר מיר פון אַזאַ פירן ווי דו ביסט.
דערווייל וועל איך פונוויטנס באַווונדערן אייערע העלדישע מעשים,
כ'וועל בעטן יאָווישן, ער זאָל אייך העלפן. אין פאַל ווען ס'וועט
גייטיק זיין, וועל איך מאַכן אַזאַ ליאַרם, אַז האַלב רוים וועט זיך
אויפכאַפּן און קומען אייך צו הילף. וואָס פאַר אַ שלעכטער און
קרומער וועג דאָ איז! דער אייל האָט זיך מיר שוין אויסגעבערענט
אין לאַמטערן און ווען קראַטאָן, וועלכער איז אַזוי גוט ווי שטאַרק,
וואָלט מיך געוואָלט נעמען אויף די הענט און צוטראָגן ביז צום
טויער, וואָלט ער זיך נאָך פר?ער דערוואוסט, צי ער וועט דער-
טראָגן דאָס מיידל, צווייטנס, וואָלט ער דערמיט געטון ווי ענ-
אַש, און דריטנס וואָלט ער דערמיט געפינען חן ביי אַלע ערלע-
כע געטער אויף אַזוי פיל, אַז ער וואָלט שוין געמעגט זיכער זיין
אין נצחון פון דער אונטערנעמונג.

— כ'וואָלט שוין גלייכער געוואָלט טראָגן אַ שעפּסענע נבלה,
וועלכע איז נאָך מיט אַ חודש צוריק געפגרט פון ק״עך — האָט
דער אַטלעט געענטפערט — גאָר אויב דו וועסט מיר אָוועקגעבן

דעמדאָזיקן בייטל, וועלכן דער חשובער טריבון האָט דיר צוגע־וואָרפן, וועל איך דיך צוטראָגן ביז צום טויער.

— זאָל זיך דיר דער גרויסער פינגער פון פוס אויס־ברעכן! — האָט דער גריך געענטפערט — אַזוי האָסטו געגאָסן פון די רייד סונם בכבודיקן זקן, וועלכער האָט אונדז ערשט גע־לערנט, אַז אָרימקייט און רחמנות זענען צוויי אומצעשיידלעכע מדות? צי האָט ער דיר נישט אָנגעזאָגט, דו זאָלסט מיך ליב האָבן? כ'זע שוין, אַז כ'וועל פון דיר אפילו קיין פשוטן קריסט שוין נישט מאַכן, און אַז די זון וועט גיכער אַדורכדרינגען דורך די טויערן פון מאַמערטינער געפענגעניש, איידער דער אמת דורך דיין היפּאָפּאָטאַמען קאָפּ־שאַרבן.

און קראָטאָן, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ חיהשן כוח, דער־פאַר אָבער קיין איין מענטשלעך געפיל נישט, האָט געענטפערט:

— זאָרג זיך נישט, כ'וועל שוין קיין קריסט נישט ווערן, פ'וויל נישט פאַרלירן מיין שטיקל ברויט!

— אַזוי, ווען דו וואָלסט אָבער געהאַט די עלעמענטאַרסטע ידיעות פון פילאָזאָפיע, וואָלסטו דאָך געוווּסט, אַז גאָלד איז ניש־טיק!

— דו קום צו מיר מיט דיין פילאָזאָפיע און איך וועל דיר געבן איין שטויס מיטן קאָפּ אין בויך, וועלן מיר זען, ווער עס וועט געווינען.

— דאָס זעלבע וואָלט דאָך אַן אָקס געקענט זאָגן צו אַריס־טאָטעלעסן — האָט כילאָן געענטפערט.

איבדרויסן האָט שוין געטאָגט. דער ערשטער מאָרגן־שימער האָט זיך שוין געבלייכט אויף די שפּיצן מויערן. די ביימער ביים וועג, די הייזלעך און די שיטער צעוואָרפענע מצבות האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסטוקן פון שאָטן. דער וועג איז שוין נישט געווען לער. די הענדלער פון גרינוואַרג האָבן שוין געאיילט צום עפענען די טויערן, פירנדיק אייזלען און מויל־אייזלען באַלאָדנט מיט ערד־פרוכטן, ווו נישט ווו האָבן געסקריפּעט וועגן, אויף וועלכע מ'האָט געפירט פלייש. אויפן וועג און איןביידע זייטן איז האַרט צו דער ערד געלעגן אַ לייכטער נעפל, אַנזאָגנדיק אַ שיין וועטער.

די מענטשן, וועלכע מ'האָט געזען אַ ביסל פֿון דערווייטנס, האָבן אין דעם גאַנצן אויסגעזען, ווי רוחות. וויניציוש האָט זיך אומאויפהערלעך איינגעקוקט אין ליגיעס שלאַנקער געשטאַלט, וועלכעס האָט זיך אַלץ מער און מער געזילבערט, וואָס מער דער מאָרגנשיין איז העלער געוואָרן.

— האַר — האָט כילאָן געזאָגט — איך וואָלט דיך באַליידיקט, ווען איך זאָל אַפילו טראַכטן, אַז דיין גרויסמוטיקייט וועט זיך אַ מאָל ענדיקן, נאָר איצט, ווען דו האָסט מיר שוין באַצאָלט, קענסטו מיך שוין נישט חושד זיין, אַז איך רעד נאָר צוליב מיין טובה וועגן. אַלזאָ עצה איך דיר נאָכאַמאָל, אַז אַזוי ווי דו וועסט נאָר זען ווו ליגיע וווינט, זאָלסטו זיך גלייך אומקערן נאָך שקלאַפן און נאָך אַ לעקטיקע און זאָלסט נישט האָרכן דידאָזיקע העלפאַנטנאָז, קראָטאָנען, וועלכער האָט זיך נאָר צוליב דעם אונטערגענומען צו ברענגען דיר דאָס מיידל, כדי אויסצוקוועטשן דיין געלטבייטל, ווי אַ קעזן־זעקל.

— ס'קומט דיר ביי מיר אַ קלאַפּ צווישן די רוקן־ביינער, ס'הייסט, אַז דו ביסט אַ פֿאַרפֿאַלענער — האָט קראָטאָן געזאָגט.

— און דיר קומט ביי מיר אַ דיאַטע קעפּאַלאָנער וויין, דאָס הייסט, אַז כ'וועל זיין געזונט און שטאַרק — האָט כילאָן געענטפֿערט.

וויניציוש האָט גאָרנישט געענטפֿערט, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום טויער, ווו זיי האָבן מיטאַמאָל עפּעס וווּנדערלעכס דערזען: בשעת דער אַפּאָסטאָל איז דורכגעגאַנגען דורכן טויער האָבן צוויי זעלנער פֿון דער וואַך אַנידערגעקניט און דער אַפּאָסטאָל האָט אַ ווײַלע געהאַלטן זיינע הענט אויף זייערע אייזערנע העלמען און דערנאָך האָט ער געמאַכט איבער זייערע קעפּ דעם צייכן פֿון אַ קרייץ. דעם יונגען פּאַטריציער איז קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן, אַז אויך צווישן די זעלנער זענען שוין דאָ קריסטן, און דערשטוינט האָט ער געטראַכט, אַז אַזוי ווי אין אַ ברענענדיקער שטאָט כאַפּט דאָס אַרום אַלץ נייע הייזער, אַזוי, ווייזט אויס, כאַפּט דערדאָזיקער גלויבן אַרום מיט יעדן טאָג אַלץ מער מענטשן

און ער פאַרשפּרייט זיך מיט אַ געוואַלטיקער קראַפּט. דערדאָזי־
קער פּאַקט האָט אים אויך איבערראַשט וואָס צעבאַלאַנגט ליגיען,
דען ער האָט זיך איבערצייגט, דאָס ווען זי וואָלט וועלן
אנטלויפן, וואָלט די וואַך אַליין איר צוגעהאָלפן דערצו. ער
האָט דעריבער איצט געדאַנקט אַלע געטער, וואָס עס איז אַזוי
ניט געשען.

אַריבערקומענדיק די פּוסטע ערטער, וועלכע געפינען זיך
פון יענער זייט מויער, האָבן זיך די גרופּעס קריסטן גענומען
פונאַנדערגיין. איצט האָבן זיי שוין געמוזט נאָכגיין ליגיען נאָכ־
מער פונדערווייטנס און פאָרזיכטיקער, כדי ניט צוציען אויף
זיך די אויפמערקזאַמקייט. כילאָן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן קלאָגן
אויף זיינע ווונדן און אויף זיין שטעכעניש אין די פיס און איז
אַלץ מער היצטערשטעליק געבליבן, קענען וואָס וויניציוש האָט
גאָרניט געהאַט, רעכענענדיק, אַז איצט איז אים שוין דער פּחד־
נישער און אומגעשיקטער גריך גאָרניט נייטיק. ער וואָלט אים
אפילו דערלויבט אַוועקצוגיין. דעם איידעלן חכם אָבער האָט
אפילו פון איין זייט די איבערלייגונג צוריקגעהאַלטן, פון דער־
צווייטער זייט אָבער האָט אים, ווייזט אויס, די נייגיריקייט גע
שטויסן כסדר נאָכצוגיין און טיילמאָל אפילו צוצוגיין און זאָגן
זיי זיינע עצות און אויך אויפמערקזאַם מאַכן זיי, אַז דער אַלטער,
וועלכער באַגלייט דעם אַפּאָסטאָל, ווייזט אים אויס צו זיין גלוי־
קוס, ווען ניט דאָס, וואָס ער איז אַ ביסל צו נידעריק.

זיי זענען פונדעסטוועגן געווען לאַנג געגאַנגען ביז זיי זענען
געקומען אויף יענער זייט טיבער. די זון האָט שוין באַלד געזאָלט
אויפגיין, ווי די גרופּע, מיט וועלכער ליגיע איז געגאַנגען, האָט
זיך צעטיילט אויף צוויי. דער אַפּאָסטאָל, די אַלטע פרוי און דאָס
יונגל זענען אַוועק לענגויס דעם אויבערשטן לויף פון טייך און
דער נידעריקער אַלטער, אורסוס און ליגיע זענען אַריין אין
שמאָלן וויקוס און, אַפּגייענדיק נאָך אַ הונדערט טריט, זענען זיי
אַריין אין אַ הויז אין וועלכן עס האָבן זיך געפינען צוויי געוועל־
בער איינס מיט אייל און דאָס צווייטע מיט פייגל.

כילאָן, וועלכער איז געגאַנגען אַ פופציק טריט הינטער זיי,

אין פלוצלינג געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט, און צודריקנדיק זיך צו א מויער, האט ער גענומען מיט פארשידענע צייכנס רופן זיי, זיי זאלן זיך אומקערן צו אים.

זיי האבן טאקע אזוי געטון, ווארים זיי האבן געוואלט פריער צוזאמען זיך באטראכטן.

— גיי — האט וויניציוש צו אים געזאגט — און זע, צי דאס הויז האט נישט אמאל א צווייטן ארויסגאנג אויף אן אנדערער גאס ארויס!

כילאן איז גלייך, נישט קוקנדיק, וואס ער האט זיך פריער באקלאגט אויף ווונדן אין די פיס, אזוי פלינק אוועקגעלאפן, ווי ער וואלט געהאט מערקוריס פליגל ביי די קנעכל, און אין א ווייל ערום איז ער צוריקגעקומען.

— ניין — האט ער געזאגט — ס'איז נישט מער פאראן, ווי איין ארויסגאנג.

דערנאך האט ער צונויפגעלייגט די הענט:

— ביי יופיטער, אפאלאן, וועסטא, קיבעלא, איזיס, און אזיריס, ביי מיטרא, בעל און אלע געטער פון מזרח און מערב, באשווער איך דיך, הער, זאג זיך אפ פון דעם פלאן... הארך מיך...

אבער פלוצלינג האט ער אפגעהאקט דערזעענדיק, ווי וויניציוש איז גלייך געווארן פון איבערלעבטער אויפרעגונג, די אויגן האבן ביי אים געפינקלט, ווי ביי א וואלף. ס'איז גענוג געווען א קוק צו טון אויף אים אום איינצוזען, אז קיין שום זאך אויף דער וועלט וועט אים איצט נישט אפהאלטן. קראטאן האט גענומען אריינציען אטעם אין זיין הערקולעס-ברוסט און דרייען מיט זיין אומאנטוויקלטן קאפ שארבן אין ביידע זייטן, ווי א פארשפארטער בער אין א שטייג. אויף זיין געזיכט אבער איז נישט געווען צו באמערקן די מינדסטע אומרויקייט.

— איך וועל אריינגיין דער ערשטער! — האט ער געזאגט.

— וועסט אריינגיין מיט מיר צוזאמען! — האט וויניציוש באפעלנדיק געזאגט.

און אין אַ ווײלע צרום זענען זיי ביידע פאַרשווונדן אין דונקעלן פאַרהויז.

כילאָן איז אָפּגעשפּרינגען צום עק פון באַנטסטן געסל, און צרויסקוקנדיק פון הינטער אַ מויער, האָט ער גענומען אָפּוואַרטן אום צו זען, וואָס דאָ וועט געשען.

XXII.

ערשט אין פאָדערהויז האָט וויניציוש איינגעזען די גאַנצע שוועריקייט פון דערדאָזיקער אונטערנעמונג. דאָס הויז איז געווען זייער אַ גרויס פון עטלעכע שטאָק אײנס פון די הייזער, וועלכע ווערן אין רוים געבויט אין די טויזנטער אויף צו פאַרדינגען דירות. געוויינטלעך זענען אַזעלכע הייזער געבויט געוואָרן אויף דער גיך, זייער אָפּגעלאָזט, אַזוי, אַז עס איז נישט געווען דאָס יאָר, אַז עטלעכע הייזער אַזעלכע זאָלן נישט איינפאַלן די איינוווי־נער אויף די קעפּ. דאָס זענען געווען עכטע בינשטאָקן זייער הויכע און זייער שמאָלע, פול מיט קעמערלעך און ווינקעלעך, אין וועלכע ס׳האָט זיך געשטיקט די אָרימע באַפעלקערונג. אין שטאָט, אין וועלכער פיל געסלעך פלעגן לחלוטין קיין נעמען נישט האָבן, האָבן דידאָזיקע הייזער נישט געהאַט קיין נומערן. די איינגע־טימער פון די הייזער פלעגן אויפמאָנען דאָס דירה-געלט דורך די שקלאַפן זייערע. די לעצטע ווידער, נישט מחויב זייענדיק אויפצו־געבן דער שטאָטישער מאַכט די נעמען פון די איינוווינער, האָבן

ווי אָפט אַליין נישט געקענט זיי. דערפרעגן זיך אויף עמעצן אין אַזאַ הויז איז אָפט געווען איינס פון די שווערסטע זאַכן, דערצו נאָך, אַז קיין הויז־וועכטער פלעגן דאָרט נישט זיין.

דורך דעם לאַנגן פּאָדערהויז זענען זיי אַרויסגעקומען אויף אַ שמאָל פון אַלע פיר זייטן פאַרמויערט הייפל, אַ מין בשותּפותדיקער אַטריום פאַרן גאַנצן הויז, אין סאַמע מיטן האָט זיך געפונען אַ פאָנטאַן, פונוואַנען דאָס וואַסער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטיינערנעם בעקן, וועלכער איז געווען איינגעמויערט אין דער ערד, ביי אַלע ווענט האָבן זיך געצויגן אויסערלעכע טרעפּ, טיילווייז שטיינערנע, טיילווייז הילצערנע, צו לאַנגע גאַניקעס דורך וועלכע מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין די וווינונגען. גאָר אונטן האָבן זיך אויך געפונען וווינונגען, טייל מיט הילצערנע טירן און טייל אָפּגעטיילט פון הויף נאָר מיט וואָלענע, ס׳רוב צעריסענע פאָרהאַנגען.

ס׳איז נאָך געווען זייער פרי און אויפן הויף איז נאָך קיין לעבעדיק נפש נישט געווען, אַלע זענען נאָך, ווייזט אויס, געשלאָפן, אויסער די וועלכע זענען ערשט צוריקגעקומען פון אָסטריאַנום.

— וואָס הייבן מיר איצט אָן צו טון, האַר? — האָט קראָטאָן געפרעגט, אָפּשטעלנדיק זיך.

— לאָמיר דאָ וואַרטן, אפשר וועט ווער אַרויסקומען — האָט וויניציוש געענטפערט. — קיינער דאַרף אונדז דאָ אויפן הויף נישט זען.

איצט ערשט האָט ער געטראַכט, אַז כילאָנס עצה איז געווען זייער פּראַקטיש. ווען ער וואָלט דאָ געהאַט אַן עטלעכע צענדליק שקלאַפן, וואָלט ער געקענט באַוואַכן דאָס טויער, וועלכעס איז, ווייזט אויס, דער איינציקער אַרויסגאַנג און אַדורכזוכן אַלע וווינונגען, אַזוי אָבער מוז ער מיטן ערשטן מאָל גלייך אַריינטרעפן צו ליגיען, וואָרים אַז נישט, קענען די קריסטן, וועלכע זענען דאָ געוויס גענוג פאַרהאַן, איר אָנזאָגן, אַז מ׳זוכט זי, צוליב דעם זעלבן טעם איז אויך געווען געפערלעך אויסצופרעגן זיך ביי פרעמדע מענטשן. וויניציוש האָט שוין אַ ווײַלע אַ קלער געטאָן, צי ער זאָל זיך נישט אומקערן נאָך שקלאַפן, אין דערזעלבער סעקונדע אָבער

איז פון הינטער אַ פאָרהאַנג, וועלכע האָט פאַרשטעלט איינע פון די וווינונגען, אַרויסגעקומען אַ מענטש מיט אַ זיפּ אין דער האַנט און איז צוגעגאַנגען צום פאָנטאַן.

ווינציוש האָט גלייך דערקענט אורסוסן.

— דאָס איז דער ליגיער! — האָט ער אַרויסגעשעפּשעט.

— צי זאָל איך אים שוין איצט צעברעכן די ביינער?

— וואַרט צו.

אורסוס האָט זיי נישט דערזען, דען זיי זענען געשטאַנען אין דער טונקלקייט פונם פאָדערהויז, און ער האָט גאַנץ רויִק געשווענקט אין וואַסער דאָס גרינס, וועלכעס ער האָט געהאַט אין זיפּ. ווייזט אויס, אַז נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאַרברענגען אויפן בית־עלמין, האָט ער איצט געהאַט בדעה צוצוגרייטן פרישטיק. ענדיקנדיק אין אַ ווײַלע אַרום די אַרבעט, האָט ער גענומען די גאַנצע זיפּ און איז צוזאַמען מיט איר פאַרשווּונדן הינטער דער פאָרהאַנג. קראָטאָן און ווינציוש זענען גלייך נאָך אים רעכענענדיק, אַז זיי וועלן גלייך אַרײַן אין ליגיעס צימער.

זיי זענען דעריבער שטאַרק פאַרחידושט געוואָרן דערזעענדיק, אַז אונטער דער פאָרהאַנג איז נישט קיין הויבינג, נאָר אַ צווייטער טונקעלער קאָרידאָר, ווו מ'האָט אין הינטערגרונט געזען אַ קליין גערטנדל פון עטלעכע ציפּרעס־ביימער, עטלעכע מירטן־קוסטעס און אַ קליין הייזל, וועלכעס איז געווען צוגעשטעלט צו אַ בלינדער הינטערשטער וואַנט פון אַ צווייט הויז.

ביידע האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז פאַר זיי אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט. אויפן בשותּפותדיקן הויף האָט געקענט ווערן אַן אויפגעלויף פון די איינוווינער, די אָפּגעזונדערטקייט אָבער פון דעם הייזל האָט זיי פיל לייכטער געמאַכט זייער עובֿדה. זיי וועלן זיך שנעל אָפּפאַרטיקן מיט די אָפּוועוער. ס'הייסט אייגנטלעך מיט אורסוסן, דערנאָך וועלן זיי מיט דער צוגערויבטער ליגיען אויך שנעל אַדורך די גאַס און דאָרט וועלן זיי זיך שוין אַן עצה געבן. ווי ס'ווייזט אויס, וועט זיי קיינער נישט אָפּשטעלן און אויב אפילו יאָ, וועלן זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַן אַנ-

טלאָפּענע ערבותניצע פון צעזאַר, און גאָר אין ערגסטן פאַל װעט װיניציוש זיך אויסגעבן װער ער איז און װעט בעטן די װיגילן צו הילף.

אורסוס איז שוין כמעט געװען לעבן הייזל, װען ער האָט דערהערט טריט הינטער זיך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און דערזעענדיק די צװײ מענטשן, האָט ער אַנידערגעלייגט די זיפּ אויף דער באַלוסטראַדע און האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי.

— װאָס זוכט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— דיך! — האָט װיניציוש געענטפערט.

און װענדנדיק זיך צו קראָטאָנען, האָט ער שנעל אויסגערופן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

— שלאָג!

קראָטאָן האָט זיך אַ װאָרף געטון, װי אַ טיגער און אין איין מינוט, איידער דער ליגיער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, האָט ער אים אַ כאַפּ געטון אין זיינע שטאָלענע אָרעמס.

װיניציוש װידער איז צופיל זיכער געװען אין קראָטאָנס איבערמענטשלעכן כח, אום ער זאָל װאַרטן אויף דער ענדע פונם קאַמף, און, לאָזנדיק זיי, איז ער צוגעשפּרינגען צו דער טיר פונם הייזל, און אַ שטויס טוענדיק זי, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב טונקעלער שטוב, װעלכע איז געװען באַלויכטן גאָר דורכן פייער, װעלכעס האָט געברענט אויפן קוימען, דער אָפּשיין פון דעמדאָזיקן פייער איז געפאַלן ליגיען גלייך אויפן געזיכט. די צװייטע פּערזאָן, װעלכע איז געזעסן לעבן פייער, איז געװען יענער אַלטער, װעלכער איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן מיידל און מיט אורסוסן אויפן װעג פון אָסטריאַנום.

װיניציוש איז אַריינגעפאַלן אַזוי האַסטיק, אַז איידער ליגיע האָט באַװיזן זיך אַרומצוקוקן האָט ער זי שוין געכאַפּט אין דער העלפט און, אויפהייבנדיק זי הויך, האָט ער זיך געװאָרפן צוריק צו דער טיר. דער אַלטער האָט אפילו באַװיזן אים צו פאַרשטעלן דעם װעג, אָבער ער האָט, צודריקנדיק דאָס מיידל מיט איין האַנט צו דער ברוסט, מיט דער צװייטער פרייער האַנט אים אַ שליידער אַװעק געטון. דער קאַפּטור האָט זיך אים אַראָפּגע-

רוקט פונם קאָפּ און דאַן, דערזעענדיק דאָסדאָזיקע באַקאַנטע און אין דער מינוט שרעקלעכע געזיכט, איז ליגיען פאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן פאַר שרעק, און דאָס קול איז איר אָפּגעשטאָרבן אין האַלדז. זי האָט געוואָלט רופן נאָך הילף און האָט נישט געקענט. אומזיסט אויך האָט זי געוואָלט זיך קלאַמערן אָן דער רעם פון דער טיר, כדי נישט צולאָזן זיך טראָגן, אירע פינגער האָבן זיך אָבער אַראָפּגעגליטשט פון דעם גלאַטיקן שטיין און זי וואָלט געווען פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, ווען נישט אַ שרעקלעך בילד, וואָס זי האָט דערזען, ווען וויניציוש איז מיט איר אַרויס אין גאָרטן.

אורסוס האָט אין זײַנע אָרעמס געהאַלטן עפּעס אַ מענטשן אינגאַנצן אַריבערגעבראָכן אַהינטער מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און אַ פאַרבלוטיקט מויל. דערזעענדיק זיי, האָט ער נאָכאַמאָל אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין דעם פאַרוואָרפענעם קאָפּ און אין איין אויגנבליק איז ער, ווי אַ צעווילדעוועטע חיה שוין געווען בײַ וויניציושן.

— דער טויט! — איז דעם יונגן פּאַטריציער אַדורך דורכן קאָפּ.

דערנאָך האָט ער, ווי אין חלום, געהערט ליגיעס געשריי: „טויט נישט”! און באַלד דערויף האָט ער געפילט, ווי עפּעס האָט אים ווי אַ דונער פונאַנדערגעקלאַמערט די הענט, מיט וועלכע ער האָט אַרומגעהאַלטן ליגיען, ענדלעך האָט די ערד זיך אַ דריי געטון אונטער אים און עס איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

• • • • • • • • • •

פילאָן האָט דערווײַל געוואַרט הינטער דער מויער אין עק גאַס צו זען, וואָס דאָ וועט ווערן, ווײַל די נײַגיריקייט האָט זיך געראַנגלט אין אים מיט דער שרעק. ער האָט געטראַכט, אַז אויב עס וועט זיי געלונגען צוצערײַבן ליגיען, וועט אים זייער גוט זײַן בײַ וויניציושן. פאַר אורבאַנען האָט ער זיך נישט געשראָקן, ווײַל ער איז אויך זיכער געווען, אַז קראָטאָן וועט אים דערהרגענען

און אויב ווידער די קריסטן, אָדער אַנדערע מענטשן וועלן שטעלן וויניציושן אַ ווידערשטאַנד און עס וועט ווערן אַן אויפלויף אויף די איצט נאָך פּוסטע גאַסן, דאַן וועט וויניציוש זיך פאַר זיי פאַרשטעלן אַלס פאַרשטייער פון דער מאַכט, אַלס אויספירער פון צעזאַרס ווילן און אין צארגסטן פאַל וועט ער, כילאָן, אַרויסרופן די ווגילן צו הילף וויניציושן קעגן דער גאַסן-כאַליאַסטרע און דערמיט וועט ער זיך פאַרדינען נייע חסדים ביי אים. אין זיך האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן וויניציושס שריט פאַר אומבאַרעכנט, נאָר בעמענדיק אין אַכט קראָטאָנס שרעקלעכן כח, האָט ער געקלערט, אַז עס וועט זיך זיי אפשר איינגעבן. „אויב עס וועט האַלטן שלעכט מיט זיי, וועט דער טריבון אַליין טראָגן דאָס מיידל און קראָטאָן וועט אים פריי מאַכן דעם וועג". עס האָט עפּעס צו לאַנג געדויערט, די שטילקייט פון פאָדערהויז, וווּהין ער האָט כסדר געקוקט, האָט אים עפּעס באַאומרואיקט.

— אויב זיי וועלן נישט גלייך אַרייַנטרעפן צו איר אין דער באַהעלטעניש און זיי וועלן אָנמאַכן אַ טומל, וועלן זיי זי צוריק פאַרלירן.

דער דאָזיקער געדאַנק איז אים פונדעסטוועגן גאָרנישט אַזוי אומאָנגענעם געווען, וואָרים ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם פאַל וועט ער ווידער בייטיק זיין וויניציושן און ער וועט ווידער קענען פון אים אַרויסקוועטשן אַ גרויסע סומע סעסטערצן.

— האָט זיי זאָלן נישט מאַכן — האָט ער געטראַכט — איז עס אַלץ פאַר מיין טובה, כאָטש קיינער וועט זיך דאָס נישט אָנשטויסן... געטער, אָ געטער, לאָזט מיך נאָר...

פּלוצלינג אָבער האָט ער אָפּגעהאַקט, דען עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז עס האָט זיך ווער אַרויסגעבויגן פון פאָדערהויז, צודריקנדיק זיך אַלזאָ צו דער וואַנט, האָט ער מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם גענומען זיך גוט צוקוקן.

און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט, פון הויז האָט זיך טאַקע אַרויסגעבויגן עפּעס אַ קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער איז דער קאָפּ צוריק פֿאַרשוווּנדן.

— דאָס מוז זײַן וויניציוש, אָדער קראָטאָן — האָט כילאָן געטראַכט — אָבער אויב זיי זעבען אַנגעפּאַלן אויפֿן מיידל, טאָ פֿאַרוואָס שרײַט זי נישט און צו וואָס קוקן זיי עפּעס אַרויס אויף דער גאַס? מענטשן וועלן זיי סיי ווי סיי שוין באַגעגענען, וואָרים איידער זיי וועלן קומען ביז קאַרינעץ, וועט שוין זײַן אַ גרויסע אַ חתונה אין שטאָט. וואָס איז דאָס!? ביי אַלע אומשטערבלעכע געטער!...

און מיטאַמאָל האָבן זיך אים די לעצטע האָר אויפֿן קאָפּ קאַפּויר געשטעלט.

פונם הויז האָט זיך אורסוס באַוויזן מיט קראָטאָנס קערפּער אַריבערגעוואָרפֿן איבערן אַקסל און גאַכאַמאָל אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער גענומען לויפן מיטן קערפּער איבער דער ליידיקער גאַס צום טײַך צו.

כילאָן איז אַזוי צוגעקלעפּט געוואָרן צו דער וואַנט, ווי אַ שטיקל טינק.

— כ'בין פֿאַרלוירן, אויב ער וועט מיך דערזען! — האָט ער אַ טראַכט געטון.

אורסוס איז אָבער געשווינד פֿאַרביי דעם עק גאַס און איז פֿאַרשווונדן הינטערן צווייטן הויז. איצט האָט כילאָן גאָרנישט וואַרטנדיק גענומען לויפן אַריין אין קעגנאיבערדיקן געסל, טרייסלענדיק מיט די ציין פֿאַר שרעק מיט אַזאַ פֿלינקייט, וואָס וואָלט אפילו ביי אַ יונגנמאַן אַ חידוש געווען.

— אויב ער וועט, אומקערנדיק זיך, מיך דערזען פֿונדערווייטנס, וועט ער מיך אָניאָגן און דערהרגענען — האָט ער געטראַכט. — ראַטעווע מיך צעוס, ראַטעווע אַפּאָלאָן, ראַטעווע הערמעס, ראַטעווע גאָט פֿון די קריסטן! כ'וועל אַוועק פֿון רוים, כ'וועל זיך אומקערן קיין מעזעמבריען, נאָר זייט מיך מציל פֿון די הענט פֿון דעמדאָזיקן דעמאָן.

אין דער מינוט האָט זיך אים באמת אויסגעוויזן, דאָס דערדאָזיקער ליגיער, וועלכער האָט געקענט דערהרגענען קראָטאָנען, איז עפּעס אַן איבערמענטשלעך באַשעפֿעניש. לויפֿנדיק, האָט ער

געטראַכט, אַז ער איז אפשר אַ גאָט, וועלכער האָט אויף זיך גע־נומען די געשטאַלט פון אַ באַרבאַר. אין דערדאָזיקער מינוט האָט ער בעגלייבט אין אַלע געטער פון דער וועלט און אין אַלע מיטן, פון וועלכע ער פלעגט געווייגטלעך אָפּלאַכן. עס איז אים אויך איינגעפאַלן, אַז קראַטאָנען האָט אפשר דער גאָט פון די קריסטן דערהרגעט און די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אים ווידער קאַפּויר־געשטעלט ביים געדאַנק, דאָס ער האָט איינגעריסן מיט אַזאַ מאַכט.

ערשט ווען ער איז שוין געהאַט דורכגעלאָפן עטלעכע געס־לעך און ער האָט שוין געזען עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, אים אַנטקעגן קומען, האָט ער זיך אַ ביסל בארויקט. ער איז שוין געבליבן אָן כוחות, ער האָט זיך אַלזאָ אַנידערגעזעצט אויף אַ שוועל פון הויז און האָט מיט אַ ברעג מאַנטל גענומען זיך אָפּווישן דעם שווייס פון שטערן.

— כ׳בין שוין אַלט און כ׳דאַרף האָבן רו — האָט ער גע־טראַכט.

די מענטשן, וועלכע זענען אים אַנטקעגן געקומען, זענען אַריין אין עפּעס אַ זייטיק געסל און ווידער איז אַרום אים פּוסט געוואָרן, די שטאָט איז נאָך געשלאָפן. אין די פרימאָרגנס פלעגט זיך די באַוועגונג אָנהייבן פריער אין די רייכע קוואַרטאַלן, ווו די שקלאַפן פון די רייכע הייזער פלעגן מוזן אויפשטיין מיטן טאָג צוגלייך, אין די גאַסן אָבער, ווו עס האָט געוווינט די פרייע און פּאַראַזיטישע באַפעלקערונג, וועלכע פלעגט גענערט ווערן אויפן רעכענונג פון דער מלוכה, איז מען, איבערהויפּט ווינ־טער־צייט, שפּעט אויפגעשטאַנען. זיצנדיק אַזוי אַ שטיקל צייט אויף דער שוועל, האָט כילאָן דערפילט אַן אַדורכדרינגענדיקע קעלט, ער איז אַלזאָ אויפגעשטאַנען, און איבערצייגנדיק זיך, אַז ער האָט נישט פאַרלוירן דעם בייטל מיט געלט, וועלכן ער האָט באַקומען פון וויניציוּשן, איז ער שוין מיט געלאַסענערע טריט אַוועק אין דער ריכטונג פון טייך.

— אפשר וועל איך דאָרט דערזען קראַטאָנס קערפּער — האָט ער זיך געטראַכט. — אָ, געטער! דערדאָזיקער ליגיער,

אויב ער איז אַ מענטש, קען ער דאָך אין איין יאָר פאַרדינען מיליאָנען סעסטערציען, חזרים ווער דען וועט אים מנצח זיין? אויב ער האָט באַוויזן צודערשטיקן קראָטאָנען, ווי אַ הינטעלע אַ קליינס? פאַר יעדן אַרויסטריט אויף דער אַרענע, וואָלט ער דאָך באַקומען אַזוי פיל געלד, ווי פיל ער אַליין וועגט. ער וועט שוין טאַקע היטן דאָס מיידל בעסער, ווי דער שר פון גיהנום אַליין, נאָר לאָז אים טאַקע דאָס גיהנום איינשלינגען! כ'וויל גאָרנישט האָבן מיט אים צו טון. ער איז צו גרויס אויסגעוואַקסן פאַר מיינע וועגן. אָבער וואָס הייבט מען איצט אָן צו טון? עס איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך. אויב ער האָט אַזאַ קראָטאָגען צעבראָכן די ביינער, מוז שוין אוודאי וויניציוס בשמה אויך אַרומפליען איבער יענעם פאַרשאָלטענעם הויז וואַרטנדיק אויף קבורה. ביי קאַסטאָרן! דאָס איז דאָך עפּעס אַ פּאַטריציער, דעם צעזאַרס פריינט, פּעטראָניוסעס אַ קרוב, אַ באַרימטער האַר אין גאַנץ רוים און אַ מיליטער־טריבון. זיין טויט וועט זיי גלאַטיק נישט אָפּגיין... און אפשר זאָל איך טאַקע גלייך אַוועק מודיע זיין די פּרעטאָריאַנער, אָדער די וויגילן?...

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און האָט גענומען זיך באַקלערן, אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער געזאָגט:

— ווי מיר! ווער האָט אים דען אַריינגעפירט אין דעמדאָזיקן הויז, אויב נישט איך!... זיינע באַפרייטע און שקלאַפן ווייסן דאָך, דאָס איך פלעג צו אים אַריינקומען און טייל פון זיי ווייסן אפילו צוליב וואָס. וואָס וועט זיין, אויב מ'וועט מיך חושד זיין, אַז איך האָב אים אויף צופלייס פאַרנאַרט אין דעמדאָזיקן הויז, ווו דער טויט האָט אויף אים געוואַרט? און אפילו עס וועט זיך דערנאָך אין געריכט אויסווייזן, אַז איך האָב קיין שלעכטן מיין נישט געהאַט, וועלן זיי אויך זאָגן, אַז איך בין אָבער די סיבה פון זיין טויט... און דאָס איז דאָך עפּעס אַ פּאַטריציער, דעריבער וועט עס מיר יעדנפאַלס גלאַטיק נישט אָפּגיין. אָבער ווען איך זאָל ווידער שטילערהייט פאַרלאָזן רוים און איבערטראָגן זיך ערגעץ ווייט פונדאַנען, וואָלט איך דערמיט נאָך אַ גרעסערן חשד געצויגן אויף זיך.

אַזוי צי אַזוי איז ביטער. ס'גייט נאָר אין דעם אויסצו־קלויבן דאָס קלענערע בייז. רוים איז אַ ריזיקע שטאָט און דאָך האָט כילאָן געפילט, אַז עס קען אים דאָ אפשר צו ענג זיין. אַן אַנדערער, נישט כילאָן, וואָלט טאַקע געקענט גלייך אַוועק צום פּרעפעקט פון די וויגילן, דערציילן אים, וואָס עס איז געשען, און ווען עס זאָל אפילו פאַלן אויף אים עפּעס אַ חשד, רויק וואַרטן אויף אַן אויספאָרשונג. כילאָנס גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אָבער איז געווען אַזעלכע, אַז יעדער נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיטן שטאָט־פּרעפעקט, אָדער מיטן וויגילן־פּרעפעקט וואָלט אויף אים געקענט ברענגען ערגסטע צרות און גלייכצייטיק אויך באַפעסטיקן יעדן חשד אויף אים, וואָס וואָלט די באַאַמטע געקומען אין קאָפּ.

אַנטלויפן ווידער וואָלט בעדייטן, באַפעסטיקן ביי פּעטראָניוסן די מיינונג, אַז וויניציוש איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיין בגידה. און פּעטראָניוס איז אַ מעכטיקער מאַן, וועלכער קען האָבן צו זיין באַפעל די פּאָליציי פון גאַנצן לאַנד און ער וואָלט זיכער זיך באַמיט אויסצוגעפינען די שולדיקע אפילו אין עק וועלט. פונדעסטוועגן איז כילאָנען איינגעפאַלן אפשר גאָר גלייך אַוועק צו אים און דערציילן אים אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט. יאָ! דאָס איז דער בעסטער אויסוועג. פּעטראָניוס איז אַ רויִקער מענטש און כילאָן קען כאָטש זיכער זיין, אַז ער וועט אים אויסהערן ביזן סוף. פּעטראָניוס, וועלכער קען די גאַנצע געשיכטע פון אָנהייב אָן, וועט אויך גיכער גלייבן אין כילאָנס אומשולדיקייט, ווי דער פּרעפעקט.

אָבער אום כדי צו ווענדן זיך צו פּעטראָניוסן, מוז ער פריער וויסן אויף קלאָר, וואָס עס איז מיט וויניציושן געשען, און דאָס האָט ער, כילאָן, דאָך נישט געוווּסט. ער האָט טאַקע געזען דעם ליגיער זיך אַרויסגנבענען מיט קראָטאָנס קערפּער צום טייך, אָבער גאָרנישט מער. ס'איז מעגלעך, אַז וויניציוש איז טויט, אָבער ער קען דאָך אויך זיין נאָר בלויז פאַרוואונדעט אָדער געפאַנגען. איצט ערשט איז כילאָנען איינגעפאַלן, אַז די קריסטן וואָלטן זיכער נישט דערוועגט זיך צו דערהרגענען אַזאַ מעכטיקן מאַן, אַן אויגוסטיאַנער און אַ הויכן מיליטער־טריבון,

וואָריב אַזאַ מעשה וואָלט געקענט ברענגען אויף זיי גרויסע רדיפות, גיכער האָבן זיי אים גאָר מיט געוואָלט פאַרהאַלטן, כדי צו געב- ליגיען צייט אויף צובאַהאַלטן זיך ערגעץ אַנדערש.

דידאָזיקע חברה האָט כילאָגען באַרויִקט.

— אויב דערדאָזיקער ליגיער שור-הבר האָט אים גאָר נישט צעריסן אין דער ערשטער מינוט פון רציחה, דאַן לעבט ער געוויס, און אויב ער לעבט, וועט ער דאָך אַליין זיין אַן עדות, אַז איך האָב אין אים נישט בוגד געווען און דאַן, איז נישט גאָר, וואָס עס דראָט מיך גאָרנישט, גאָר (אַ הערמעס, מעגסט ווידער רעכענען אויף צוויי קעלבלעך!) עס עפנט זיך פאַר מיר אַ נייע וועלט... כ'קען געבן צווויסן איינעם פון זיינע באַפרייטע, ווו ער זאָל זוכן זיין האַר און צי ער וועט אַוועק צום פּרעפעקט, צי נישט, דאָס איז שוין זיין זאַך, אַבי איך וועל נישט אַוועק צו אים... איך קען אויך אַוועק צו פעטראָניוסן און האָפן אויף אַ באַלויינונג... כ'האָב פריִער געזוכט ליגיען, וועל איך איצט זוכן וויניציושן, דערנאָך ווידער ליגיען... פריִער מוז איך דאָך אָבער דערגיין, צי ער לעבט, צי ער איז געהרגעט.

דאָ איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט געקענט באַנאַכט אַוועק צום בעקער דעמאַס און פרעגן וועגן דעם אורסוסן. דעמדאָזיקן געדאַנק האָט ער אָבער באַלד פאַרוואָרפן. ער האָט גלייכער געוואָלט נישט האָבן צו טון מיט אורסוסן. ער האָט געהאַט אויך אַ זיכערן גרונט צו גלייבן, דאָס אַזוי ווי אורסוס האָט נישט דערהרגעט גלויקוסן, האָט אים אפנים איינער פון די עלטערע קריסטן, פאַר וועמען ער האָט זיך פאַרטרויט, וואָס ער האָט בדעה צו טון, געוואָרנט, אַז דאָס איז אַ שמוציקער ענין, און אַז מסתּמא האָט אים עפּעס אַ שפּיאָן דערצו אָנגערעדט. איבעריקנס, ביים בלויזן געדאַנק וועגן אורסוסן, איז כילאָגען אַדורך אַ שוידער דורך די ביינער. אַנשטאָט דעם האָט ער אָבער גערעכנט אין אָוונט צו שיקן עריציוסן אין יענעם הויז פונם פאַרפאַל נאָך ידיעות, דערווייל אָבער האָט ער געפילט, אַז ער מוז עפּעס עסן, אויסבאָדן זיך און אָפּרוען. די נאַכט, וואָס ער איז נישט געשלאָפן,

דיר חעג קיין אַסטריאַנים און דאָס אַנטלויפן פון יענער זייט טיבער האָט אים טאַקע שרעקלעך אויסגעמאַטערט.

איין זאַך נאָר האָט אים וואָרעם געטרייסט, דאָס חאָס ער האָט ביי זיך צוויי געלט־בייטלען: איינעם, חעלכן וויניציוש האָט אים נאָך אינדערהיים געגעבן און דעם צווייטן, וועלכן ער האָט אים אויפן וועג, צוריקגייענדיק פון בית־עלמין, צוגעחאַרפן. אין אַ דאַנק טאַקע דערדאָזיקער שמחה און אויך צוליב די אַלע לעצטע איבערלעבענישן זיינע, האָט ער באַשלאָסן זיך גוט אָנצועסן און גוט אָנצוטרינקען מיט בעסערן ווייַן ווי אַלעמאָל.

און ווען מ'האָט ענדלעך געעפנט די חיין־שענק, האָט ער זיך טאַקע אַזוי צוגעכאַפּט צום עסן, אַז ער האָט לחלוטין פאַרגעסן וועגן באָדן זיך ער האָט זיך קודם כל געוואָלט אויסשלאָפן, אָבער דער שלאָף האָט אים דערנאָך אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זיך וואַקלענדיק קוים אַהיימגעשלעפּט אין זיין וווינונג אויף סובור, וווּ עס האָט אויף אים געוואַרט די שקלאַפין, וועלכע ער האָט זיך געקויפט פאַר וויניציושס געלט.

און דאָרט, אַריינגייענדיק אין דעם קוביקולום, וווּ עס איז פינסטער געווען ווי אין אַ קבר, האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער און איז כהרף עין איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט, אָדער ריכטיקער, אויפגעוועקט האָט אים זיין שקלאַפין ערשט אין אָוונט, רופנדיק אים, ער זאָל אויפשטיין, ווייל איינער עפּעס אַ מענטש זוכט אים און וויל זיך מיט אים זען וועגן אַ וויכטיק ענין.

דער ניכטערער כילאָן איז אין איין מינוט צו זיך געקומען. ער האָט געשווינד אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל מיטן קאַפּטור און, הייסנדיק דער שקלאַפין זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט, האָט ער פריער פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט אינדרויסן.

און ער איז פאַרציטערט געוואָרן! דורך דער טיר פון קוביקולום האָט ער דערזען דאָס ריזיקע געשטאַלט פון אורסוסן.

ער האָט דערפילט, אַז די פיס און דער קאָפּ ווערן אים קאַלט ווי אייז, ס'האַרץ האָט אין אים אויפגעהערט צו שלאָגן, איבערן רוקן איז אים אַדורך, ווי מחנות מוראַשקעס... אַ צייט האָט

ער נישט געקענט ס'מויל עפענען. דערנאָך אָבער האָט ער, קלאָפּנ-
דיק מיט די ציין, געזאָגט, אָדער גיכער אַרויסגעקריכצט:

— סיראָ! איך בין נישטאָ... כ'קען גאָרנישט... דערמאָ-
ניקן... גוטן מענטש...

— כ'האָב אים שוין געזאָגט, אז דו ביסט דאָ און אז דו
שלאָפסט, האַר — האָט דאָס מיידל געענטפערט — און ער האָט
פאַרלאַנגט, איך זאָל דיך אויפוועקן...

— אָ, געטער!... כ'וועל דיך הייסן...

אָבער אורסוס, וועלכער איז דערווייל אומגעדולדיק געוואָרן,
איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קוביקולום און, אַראָפּבייגנדיק
זיך, האָט ער אַריינגעשטעקט אינעווייניק דעם קאָפּ.

— כילאָן כילאָנידעס! — האָט ער געזאָגט.

— פּאַקס טעקום! פּאַקס, פּאַקס! — האָט כילאָן געענט-
פערט. — אָ, דו בעסטער פון די קריסטן! יאָ, איך בין כילאָן,
אָבער דו האָסט אַ טעות... איך קען דיך נישט!

— כילאָן כילאָנידעס — האָט אורסוס נאָכאַמאָל געזאָגט —
דיין האַר, וויניציוס, רופט דיך, דו זאָלסט שוין צוזאַמען מיט
מיר צו אים אַהינקומען.

סוף פון דער צווייטער טייל.

העבריק שענקעוויטש

קוואָ וואַדיס

(QUO VADIS)

ייִדיש : יצחק דייטשער

פ א ר ל א ג ב ז ש א ז א
ו ו א ר ש ע   1 9 2 8

Printed in Poland

„QUO VADIS" Sienkiewicza.
Wydawnictwo Brzoza, Warszawa 1928.
Druk. Lewin-Epstein, Warszawa, Pawia 38.

דריטע טייל

XXIII.

חיניציוש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקלעכן חייסיק. אין ערשטן אויגנבליק האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, וווּ ער געפינט זיך און וואָס מיט אים איז. אין קאָפּ האָט אים געררישט, די אויגן פאַרנעפּלט. ביסלעכווייז אָבער איז ער צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, און ענדלעך האָט ער דורך דעם נעפּל דערזען איבער זיך דריי אָנגעבויגענע מענטשן. צוויי פון זיי האָט ער דערקענט: איינער איז געווען אורסוס, דער צווייטער — דער אַלטער, וועלכן ער האָט אומגעשליידערט אַוועקטראָגנדיק ליגיען. דער דריטער, אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער, האָט געהאַלטן זיין לינקע האַנט און, טאַפּנדיק זי לענגויס פון עלנבויגן ביז צום אָרעם און אַקסל-ביין, האָט ער אים גורם געווען אַזאַ שרעקלעכן חייסיק, אַז וויניציוש, וועלכער האָט געמיינט, אַז דאָס פירט מען עס איבער אים אויס אַזאַ נקמה, האָט דורך זיינע צוזאַמענגעקריצטע ציין אַרויסגעקרעכצט:

— דערהרגעט מיך.

אָבער זיי האָבן גאָר קיין אכט נישט געלייגט אויף זיינע ווערטער, ווי זיי וואָלטן נישט געהערט, אָדער ווי זיי וואָלטן עס גערעכנט פאַר אַ געוויינטלעכן קרעכץ פון אַ קראַנקן. אורסוס מיט זיין פאַרזאָרגט און גלייכצייטיק פאָרכטלעך באַרבאַריש געזיכט, האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ פּאַק ווייסע שטיקער לייוונט, צע־ריסענע אויף לאַנגע פּאַסן, דער אַלטער ווידער האָט געזאָגט צו דעם מענטש, וועלכער האָט ווינציזשן געפּרעסט דעם אָרעם:

— גלויקוס, ביסטו זיכער, אַז די ווונד אין קאָפּ איז נישט שטערבלעך?

— כ'חיים געוויס, ליבער קריספּוס — האָט גלויקוס גע־ענטפערט — ווען כ'האָב אַלס שקלאַף געדינט אין פּלאַט און דער־נאָך, ווען כ'האָב געוווינט אין נעאַפּאָליס, איז מיר אויסגעקומען פיל ווונדן צו היילן און פונם געלט, וואָס כ'האָב דערפון פאַר־דינט, האָב איך ענדלעך זיך און מיין הויזגעזינט אויסגעלייזט פון שקלאַפעריי... די ווונד אין קאָפּ איז אַ לייכטע. ווען דער (ער האָט געוויזן מיטן קאָפּ אויף אור סוסן), האָט ביי אים צוגענומען דאָס מיידל און אַרויפגעשלידערט אים אויף דער וואַנט, האָט ער, ווייזט אויס, זיך פאַרשטעלט דעם קאָפּ מיט דער האַנט, וועלכע ער האָט צוליב דעם אויסגעלענקט און צעבראָכן, אָבער דערפאַר האָט ער געראַטעוועט דעם קאָפּ — און דאָס לעבן.

— דו האָסט שוין נישט איינעם פון די ברידער געהאָט אונטער דיין השגחה — האָט קריספּוס געזאָגט — און דו ביסט באַרימט אַלס אַ געניטער רופא! דעריבער טאַקע האָב איך אור־סוסן געשיקט נאָך דיר.

— און אויפן וועג האָט ער מיר דערציילט, אַז נאָך נעכטן איז ער גרייט געווען מיך צו דערהרגענען.

— אָבער נאָך פריִער פאַר דיר, האָט ער מיר דערציילט, וואָס ער קלויבט זיך צו טון און איך, וואָס איך קען דיך און דיין ליבע צו קריסטוסן, האָב אים דערקלערט, דאָס נישט דו ביסט דער בוגד, נאָר יענער אומבאַקאַנטער, וועלכער האָט אים געוואָלט צו־רעדן צו דער רציחה.

— דאָס איז געווען אַ בייזער גייסט, אָבער איך האָב אים

אַנגענומען פֿאַר אַ מלאך — האָט אורסוס מיט אַ זיפֿץ גענענטפֿערט.

— וועסט מיר דאָס אַן אַנדערט מאָל דערציילן — האָט גלויקוס געזאָגט — איצט מוזן מיר אין זינען האָבן דעם פֿאַרוווּנדעטן.

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער גענומען אויסגלייכן דעם אָרעם וויניציוּשן, וועלכער האָט כּסדר געחלשט, כאָטש קריספּוס האָט אים נישט אויפֿגעהערט צו באַשפּריצן דאָס פּנים מיט וואַסער. דאָס איז איבעריקנס פֿאַר אים זייער גוט געווען, דען ער האָט צוליב דעם נישט געפֿילט דאָס אויסגלייכן אין די פֿיס, נישט דאָס אַרומבינדן דעם צעבראָכענעם אָרעם, וועלכן גלויקוס האָט אַרייַנגעשטעלט צווישן צוויי אויסגעבויגענע ברעטלעך און דערנאָך שנעל און פֿעסט אַרומגעבונדן, כּדי ער זאָל בלייבן אומבאַוועגלעך.

אָבער נאָך דער אָפּעראַציע איז ער ווידער צו זיך געקומען און ער האָט איבער זיך דערזען ליגיען.

זי איז געשטאַנען האַרט לעבן זיין בעט, האַלטנדיק אַ קופּערן עמערל מיט וואַסער, אין וועלכן גלויקוס האָט פֿון צייט צו צייט איינגעטונקען אַ שוואָם און באַפֿייכט דערמיט זיין קאָפּ.

וויניציוּש האָט געקוקט און האָט זיינע אויגן נישט געגלייבט. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז אין חלום, אָדער פֿון היץ זעט ער דאָסדאָזיקע אים טייערע געשטאַלט — און ערשט נאָך אַ לאַנגע ווילע האָט ער קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— ליגיע...

הערנדיק זיין שטים האָט דאָס עמערל אַ ציטער געטון אין אירע הענט, אָבער זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אירע אומעטיקע אויגן.

— פֿרידן צו דיר! — האָט זי שטיל געענטפֿערט.

און זי איז געשטאַנען פֿאַר אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט פֿאַרויס און מיט אַ געזיכט פֿול רחמנות און צער.

ער אָבער האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנזעטיקן זיין בליק מיט איר אַזוי, אַז ווען ער וועט פֿאַרמאַכן די אויגן זאָל איר בילד נאָך אַלץ שטיין פֿאַר אים. ער האָט גע-

קוקט אויף איר געזיכט, וועלכעס איז בלייכער און מאָגערער געוואָרן דורך דער צייט, אויף די קרייזן פון אירע טונקעלע האָר, אויף איר אָרימען אַרבעטס-קאָסטיום, ער האָט געקוקט אַזוי עקשנות-דיק, אַז איר קלאָר ווייסער שטערן האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען אונטער זיין בליק — ער ווידער האָט זיך געטראַכט וועגן דעם, דאָס ער האָט זי זייער שטאַרק ליב און צווייטנס, אַז די דאָזיקע בלייכקייט און אָרימקייט אירע איז זיין אַרבעט, אַז דאָס האָט ער זי פאַרטריבן פונדערהיים, וו מ'האָט זי ליב געהאַט, וו זי האָט געהאַט פון אַלעם גוטן, און זי אַריינגעטריבן אין דער דאָזיקער עקלדיקער שטוב און אָנגעטון איר דעמדאָזיקן בעטלערישן מאַנטל פון שוואַרצן וואָל.

און אַזוי ווי ער וואָלט דאָך געשטרעבט איר אָנצוטון די טייערסטע גאָלד-קרוינען און דאָס צירונג פון גאַנצער וועלט, האָט אים דעריבער דורכגענומען אַ פאַרווירונג, שרעק, רחמנות — און אַזאַ טיפער צער, דאָס ער וואָלט איר צו די פיס געפאַלן, ווען ער זאָל זיך קענען רירן.

— ליגיע — האָט ער אַרויסגעזאָגט — האָסט נישט געלאָזט מיך טויטן?

און זי האָט אים ליבלעך געענטפערט:

— גאָט זאָל העלפן, דו זאָלסט געזונט ווערן.

פאַר וויניציאַן, וועלכער האָט געפילט די עוולות, וואָס ער האָט איר שוין געטון, און די, וועלכע ער האָט זיך ערשט אויסגעקליבן איר טון, זענען ליגיעס ווערטער געווען אַן אמתער באַלזאַם. ער האָט אין דער מינוט פאַרגעסן, אַז דורך איר מויל קען אין דער מינוט רעדן די קריסטלעכע לערע, ער האָט נאָר געפילט, אַז עס רעדט אַ געליבטע פרוי און אַז אין איר ענטפער איז פאַראַן אַ פערזענלעכע צאַרטקייט און פשוט אַן איבער-מענטשלעכע גוטסקייט, וועלכע רירט אים ביז אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. אַזוי ווי פריִער פון ווייטיק, אַזוי איז ער איצט פון געפיל-איבערפלוס אָנמעכטיק געבליבן. עס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ אָנמעכטיקייט, אַזאַ געוואַלטיקע, אַזאַ אָנגענעמע. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט ערגעץ געפאַלן אין

אַ תהום אַריין, אין דערזעלבער צייט אָבער איז אים אַזוי גוט — איז ער אַזוי גליקלעך. און אין דערדאָזיקער מינוט פון אָנמאַכט האָט ער געפילט, אַז עס שטייט לעבן אים אַ הייליקייט.

דערווייל האָט גלויקוס געענדיקט אַרומוואַשן די ווונד אין זיין קאָפּ און צוגעלייגט אַ זאַלב צום היילן. אורסוס האָט צוגענומען דעם קופּערנעם עמער פון ליגיעס הענט און זי, נעמענדיק אַ בעכער וואַסער געמישט מיט ווייַן, וועלכער איז געשטאַנען גרייט אויפן טיש, האָט עס צוגעטראָגן דעם פאַרווונדעטן צום מויל. ווינוציוש האָט דורשטיק אויסגעטרונקען און ער האָט דערפילט אַ בעהאַלטיקע דערלייכטערונג. נאָך דעם אַרומבינדן די ווונד האָט דער ווייטיק כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט. די ווונדן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפציִען און ער איז פולקום צוריקגעקומען צום באַוואוסטזיין.

— גיב מיר נאָך צו טרינקען — האָט ער געזאָגט.

ליגיע איז אַוועק מיטן ליידיקן בעכער אין דער צווייטער שטוב, דערווייל איז קריספּוס, נאָכדעם ווי ער האָט עפּעס איבערגערעדט מיט גלויקוסן, צוגעגאַנגען צום בעט און געזאָגט:

— ווינוציוש, גאָט האָט דיך נישט געלאָזט טון קיין שלעכטס, און ער האָט דיר געשענקט דאָס לעבן, כדי דו זאָלסט זיך באַדאַכטן. דער, קעגן וועמען דער בשר ודם איז נאָר שטויב — האָט דיך אָן אומבאַוואָפנטן איבערגעגעבן אין אונדזערע הענט; אָבער קריסטוס, אין וועמען מיר גלייבן, האָט אונדז געהייסן ליבן אַפילו אונדזערע שונאים. דעריבער האָבן מיר דיר פאַרבונדן דיינע ווונדן און, ווי ליגיע האָט געזאָגט, מיר וועלן מתפלל זיין, גאָט זאָל דיר אומקערן דאָס געזונט, אָבער לענגער זיין מיט דיר קענען מיר נישט. בלייב זשע דיר בשלום דאָ און באַטראַכט זיך, צי עס איז פּאַסיק פאַר דיר נאָך ווייטער צו רודפן ליגיען, וועלכע דו האָסט באַרויבט פון אַהיים, פון אַ דאַך איבערן קאָפּ און — פון אונדז, וועלכע האָבן דיר אָפּגעצאָלט גוטס פאַר שלעכטס.

— איר ווילט מיך פאַרלאָזן? — האָט ווינוציוש געפרעגט.

— מיר ווילן פאַרלאָזן דאָס הויז, ווו מיר זיינען אין סכנה

געדארפט צו ווערן פון שטאט-פרעפעקט. דיין באגלייטער איז אומגעקומען, און דו, וועלכער ביסט אן אנגעזעענער מאן אין דיין סביבה, ליגסט דא א פארווונדעטער. מיר זעען נישט שולדיק אין דעם, וואס עס איז געשען, אבער די גאנצע שטרענגקייט פון געזעץ וועט זיכער פאלן אויף אונדז...

— פאר קיין רדיפות האט קיין מורא נישט — האט וויניציוש געזאגט — איך וועל אייך באשיצן.

קריספוס האט אים נישט געוואלט ענטפערן, דאס עס גייט זיי נישט בלויז וועגן פרעפעקט און דער פאליציי, נאר, אז זיי האבן צו אים גופא אויך נישט קיין צוטרויען און אז זיי וועלן איצט ליגיען ערגעץ אנדערש אויסבאהאלטן פאר אים.

— האר, — האט ער געזאגט. — דיין רעכטע האנט איז געזונט, אלזא, דא האסטו א טאוועל און א סטיל: שרייב אן צו דיין דינערשאפט, זיי זאלן היינט אווענט קומען מיט א לעקטיקע נאך דיר און זאלן דיך אוועקטראגן אהיים, וווּ עס וועט דיר זיין פיל באקוועמער, ווי אין אונדזער אָרימקייט. מיר וווינען דא ביי אן ארימער אלמנה, וועלכע וועט באלד קומען צוגיין מיט איר זון — און טאקע דאסדאזיקע יונגל וועט אוועקטראגן דיין בריוו, מיר אלע אבער מוזן זיך זוכן אן אנדער באהעלטעניש.

וויניציוש איז בלייך געווארן, ער האט פארשטאנען, אז זיי ווילן איבערצשיידן מיט ליגיען, און אז אויב ער וועט זי איצט ווידער פארלירן, וועט ער זי שוין אבער מער קיינמאל נישט זען... ער האט גוט פארשטאנען, אז צווישן איר און אים זענען פארגעקומען גרויסע געשעענישן, צוליב וועלכע, אויב ער וויל זי האבן, מוז ער פון איצט אן זוכן אנדערע מיטלען, וועגן וועלכע ער האט נאך קיין צייט נישט געהאט צו טראכטן. ער האט אויך פארשטאנען, אז וואס ער זאל דידאזיקע מענטשן נישט זאגן, אפילו ווען ער זאל זיי צושווערן, דאס ער אליין וועט ליגיען צוריקשיקן צו פאמפאניע גרעצינען, האבן זיי א רעכט אים נישט צו גלייבן און זיי וועלן טאקע נישט גלייבן. ווארים ער האט דאך דאס שוין לאנג געקענט טון; האט ער דאך געקענט, אנשטאט צורודפן ליגיען — אוועקגיין צו פאמפאניע גרעציגען און איר צושווערן, דאס ער

זאָגט זיך אָפּ פון זוכן ליגיען, און דאַן וואָלט פּאַמפּאַניע אַליין זי אויפגעזוכט און צוריק אַהיימגענומען. ניין! ער האָט געפילט, אַז קיין שום הבטחות פון זיין זייט וועט זי נישט צוריקהאַלטן און אַז קיין שום פייערלעכע שבועה פון אים וועט נישט אָנגענומען ווערן, נאָך דערצו, אַז נישט זייענדיק קיין קריסט, וואָלט ער זיי נאָר געקענט שווערן סיידן ביי די אומשטערבלעכע געטער, אין וועלכע ער אַליין האָט נישט שטאַרק געגלייבט און וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר בייזע רוחות.

ער האָט אָבער ממש פאַרצווייפלט געשטרעבט, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל נישט זיין, באַקומען דעם צוטרויען פון ליגיען און פון דידאַזיקע באַשיצער אירע, און אויף דערויף האָט ער געמוזט האָבן צייט. עס איז אים אויך געגאַנגען אין דעם, ער זאָל כאָטש נאָך עטלעכע טעג קענען קוקן אויף איר. אַזוי ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, אַזוי האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז אין משך פון די עטלעכע טעג וועט ער אפשר אויסטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אים דערנענטערן צו איר, וועט אים אפשר געלונגען עפּעס גוטס צו זאָגן, וועט אפשר עפּעס גינסטיקעס פאָרקומען.

צונויפנעמענדיק אַלזאָ זיינע אַלע געדאַנקען, האָט ער געזאָגט:

— הערט אויס, קריסטן. נעכטן בין איך צוזאַמען מיט אייך געווען אין אָסטריאַנום און כ'האָב געהערט אייער לערע, אָבער ווען איך וואָלט עס אפילו נישט געהערט, וואָלטן אייערע מעשים מיך אַזוי אויך איבערצייגט, אַז איר זענט ערלעכע און גוטע מענטשן. זאָגט אַלזאָ דער אלמנה, וועלכע וווינט דאָ, אַז זי זאָל דאָ בלייבן אין דעם הויז, איר בלייבט אויך דאָ, און אויך מיר דערלויבט דאָ איבערצובלייבן. זאָל דערדאָזיקער מענטש (ער האָט געוויזן מיט די אויגן אויף גלויקוסן), וועלכער איז אַ רופא, אָדער וועלכער קען לכל הפחות היילן וווּנדן, זאָגן, צי עס איז מעגלעך מיך היינט איבערצוטראָגן, איך בין קראַנק, כ'האָב אַ צעבראָכענעם אָרעם, וועלכער מוז כאָטש עטלעכע טעג ליגן אומבאַוועגלעך. און דעריבער זאָג איך אייך אָפּ, דאָס איך וועל זיך באַין אופן

נישט רירן פון אָרט, סיידן איר וועט מיך מיט געוואַלט אַרויס־טראָגן פונדאַנען.

ער האָט אָפּגעהאַקט, דען עס האָט אים פּאַרפּעלט אָטעם אין זיין צעקלאַפּטער ברוסט. קריספּוס אָבער האָט געזאָגט:

— האַר, קיינער וועט קענען דיר קיין געוואַלט נישט אָנ־ווענדן, נאָר מיר וועלן זיך אָבער פונדאַנען אָפּטראָגן מיטן לעבן.

דערויף האָט דער יינגער פּאַטריציער, וועלכער איז נישט געוווינט געוואָרן צו קיין ווידערשטאַנד, צוויפּגעצויגן די ברעמען און געזאָגט:

— לאָזט מיך אָפּעטעמען.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען רעדן:

— אויף קראַטאָגען, וועלכן אורסוס האָט דערקוועטשט, וועט קיינער זיך נישט פרעגן; ווייל ער האָט גראָד געוואָלט אַרויספאָרן קיין בענעווענט, וווהין וואַטיניוס האָט אים אַרויסגע־פאָדערט, אַלע וועלן דעריבער מיינען, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן. ווען מיר ביידע, איך און קראַטאָן, זענען דאָ אַריין אין דעם הויז, האָט אונדז קיינער נישט געזען, אויסער איינעם, אַ גריך, וועלכער איז צוזאַמען מיט אונדז געווען אין אָסטריאַנום. כ׳וועל אייך זאָגן, וווּ ער וווינט, איר וועט מיר דאָ אים אַהערברענגען און איך וועל אים הייסן שווייגן, דען ער איז מיינס אַ געדונגע־נער מענטש. צו מיר אַהיים וועל איך אָנשרייבן אַ בריוו, אַז איך בין אויך אַרויסגעפאָרן קיין בענעווענט. אין פאַל, אויב דער גריך האָט שוין געגעבן צוויסן דעם פּרעפעקט, וועל איך זאָגן, אַז איך אַליין האָב קראַטאָגען דערהרגעט און אַז דאָס האָט ער מיר צעבראָכן די האַנט. איך וועל אַזוי טון, ביי די שאָטנס פון מיין פאָטער און מוטער! — איר קענט אַלזאָ דאָ רויק בלייבן, דען עס וועט קיין האָר פון אייערע קעפּ נישט געמינערט ווערן. ברענגט מיר שנעל אַהער דעם גריך, וועלכער הייסט כילאָן כילאָנידעס!

— אַלזאָ, האַר, וועט גלויקוס בלייבן ביי דיר — האָט

קריספוס געזאגט. — און צוזאמען מיט דער אלמנה וועלן זיי אשגאה האבן אויף דיר.

וויניציוש האט נאך שטארקער צוגויסגעצויגן די ברעמען.

— פארגעס, אלטינקער, וואס איך וועל דיר זאגן — האט ער געענטפערט — איך דארף דיר זיין זייער דאנקבאר און איך זע, דאס דו ביסט א גוטער און ערנסטלעכער מאן, אבער דו זאגסט מיר נישט אלץ, וואס עס איז ביי דיר אין הארץ. דו האסט מורא, איך זאל נישט הייסן רופן מיינע שקלאפן און הייסן זיי צוזיבנליגיען! נישט אזוי?

— ריכטיק! — האט קריספוס מיט א געוויסער שטרענגקייט געענטפערט.

— נעם זשע אלזא אין אכט, אז איך וועל מיט כילאנען רעדן פאר אייך אין די אויגן, און אז פאר אייך אין די אויגן וועל איך אנשרייבן דעם בריוו אהיים, אז איך בין אוועקגעפארן — און קיין אנדערע שלוחים אויסער אייך וועל איך דאך דא נישט האבן... נעמט דאס אין אכט און רייצט מיך נישט מער.

דא האט ער זיך אויפגערעגט און ס׳פנים איז אים איינגעשרומפן געווארן פאר כעס, דערנאך האט ער ווייטער גענומען רעדן מיט היץ:

— פארשטייסטו דען נישט, אז איך וויל דא דורכויס בלייבן, כדי זי צו זען?... א נאר אפילו וואלט דאס פארשטאנען. אבער מיט געוואלט וועל איך זי שוין מער נישט נעמען... און דיר וועל איך אט וואס זאגן: אויב זי וועט דא נישט איבערבלייבן, וועל איך מיט אט דער געזונטער האנט אראפרייסן זיך די באנדאזשן פונם ארעם, כ׳וועל נישט עסן, נישט טרינקען — און זאל מיין טויט פאלן אויף די קעפ פון דיר און דיינע ברידער. נאך וואס לאזסטו מיך היילן, פארוואס האסטו מיך נישט געהייסן דערהרגענען?

און ער איז בלייך געווארן פון צארן און אנמאכט. ליגיע אבער, וועלכע האט פון צווייטן צימער געהערט דעם גאנצן שמועס און וועלכע איז זיכער געווען, אז וויניציוש וועט טון אלץ,

אזוי ווי ער זאָגט, האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער. זי האָט פאַר קיין שום פאַל נישט געוואָלט זיין טויט. א פאַרוווּנדע-טער און א שוצלאָזער, האָט ער אין איר נאָר געוועקט רחמנות, נישט קיין מורא. פון דער צייט אָן, וואָס זי איז אַנטלאָפֿן, לעבנ-דיק כסדר צווישן מענטשן, וועלכע זענען תמיד פאַרטיפט אין רעליגיעזן עקסטאַז, האָט זי נאָר געטראַכט וועגן קרבנות, וועגן מקריב זיין זיך, וועגן רחמנות אָן א גרענעץ. זי האָט זיך זעלבסט אַזוי פאַרשיכּורט מיטן דאָזיקן נייעם גייסט, אַז דאָס האָט איר פאַרטרעטן די היים, די נאָנטע, דאָס פאַרלוירענע גליק און עס האָט אויך פון איר געמאַכט איינע פון יענע קריסטלעכע מייד-לעך, וועלכע האָבן שפּעטער אָפּגעפרישט די אַלטע וועלט-נשמה. וויניציוש האָט צופיל אָרט פאַרנומען אין איר לעבן, זי האָט צו-פיל געהאַט מיט אים צו טון, אַז זי זאָל קענען פאַרגעסן אָן אים. זי האָט גאַנצע נעכט געטראַכט וועגן אים און זי האָט נישט איינ-מאָל געבעטן גאָט וועגן אַזאַ מאָמענט, ווען גייענדיק נאָך דער שטימע פון איר גלויבן, זאָל זי אים קענען אָפּצאָלן מיט גוטס פאַר שלעכטס, מיט רחמנות פאַר רדיפות, זאָל זי אים איינברעכן, באַקומען פאַר קריסטוסן און רעטן אים. און איצט האָט זיך איר געדוכטן, איז טאַקע אַזאַ מאָמענט געקומען, אַז אירע תפילות זע-נען דערהערט געוואָרן.

זי איז אַלזאָ צוגעגאַנגען צו קריספּוסן מיט א באַגייסטערט געזיכט און האָט גענומען רעדן צו אים, ווי נישט מיט איר שטים:

— קריספּוס, זאָל ער דאָ בלייבן צווישן אונדז און מיר וועלן בלייבן מיט אים, ביז קריסטוס וועט אים אומקערן דאָס גע-זונט.

און דער אַלטער פּרעסביטער, וועלכער איז געווינט געווען אין אַלעם צוזען גאָטס ווילן, האָט, זעענדיק איר עקזאַלטאַציע, א טראַכט געטון, אַז אפשר רעדט דורך איר א העכערע קראַפט, און דערשרעקנדיק זיך אין האַרצן, האָט ער געלאָזט זינקען זיין קאָפּ.

— זאָל געשען, ווי דיין ווילן — האָט ער געזאָגט.

אויף וויניציִושן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, האָט קריספּוסעס מאָמענטאַלע אונטערגעבן זיך געמאַכט אַן איבעראַשנדיקן און געוואַלטיקן איינדרוק. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ליגיע איז דאָ ביי די קריסטן אַ מין סיבילאַ, אָדער אַ גייסטלעכע, וועלכע עס קומט כבוד און בעהאָרכזאַמקייט. און נישט ווילנדיק איז ער אַליין אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעמדאָזיקן ערפורכט. צו דער ליבע, וועלכע ער האָט געפילט, איז איצט נאָך צוגעקומען אַ געוויסער יראת־הכבוד, קעגן וועלכן די ליבע זיינע איז געווען שיִער נישט אַ חוצפה פון זיין זייט. ער האָט אויך באַזין־אופן זיך נישט געקענט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז די באַציִונגען צווישן זיי זענען איצט געענדערט, אַז איצט איז זי נישט אָפּהענגיק פון זיין ווילן, נאָר ער פון איר, אַז ער ליגט איצט אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, אַז ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אַנפאַלערישע, רויבערישע קראַפט און איז אָנשטאָט דעם ווי אַ שוצלאָז קינד אונטער איר השגחה. פאַר זיין שטאָלצער, מוטוויליקער נאַטור וואָלט אַזאַ באַציִונג, פון וועמען עס זאָל נישט זיין צו אים, געווען אַ דערנידערונג — איצט אָבער האָט ער נישט נאָר נישט געפילט קיין דערנידערונג, נאָר ער איז איר נאָך אויך דאַנקבאַר געווען, ווי זיינס אַ האַרין. אַזעלכע געפילן אין אים איז געווען אַזאַ אומדערהערטע זאַך, אַז מיט איין טאָג פריִער וואָלט ער דאָס פשוט נישט געקענט באַגרייפן. די זעלבע געפילן וואָלטן אים נאָך איצט פאַרבליפט, ווען ער וואָלט זיך געקענט רויִק באַקלערן. אָבער ער האָט איצט נישט געפרעגט, פאַרוואָס עס איז אַזוי, גלייך ווי אָס וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ער האָט זיך נאָר געפילט גליקלעך, וואָס ער בלייבט דאָ.

און ער האָט דערפילט צו איר דאַנקבאַרקייט און נאָך עפּעס אַ געפיל, וועלכעס איז פאַר אים געווען אַזוי ניי און אומבאַקאַנט, אַז ער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווי עס אָנצורופן, ווייל עס איז פשוט געווען הכנעה. אָבער דאָס פריִערדיקע אויפרעגן זיך האָט אים אַזוי ווייט דערשעפּט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען, און ער האָט איר געדאַנקט נאָר מיט די אויגן, פון

װעלכע עס האָט בעשטראַלט פרייד, װאָס ער בלייבט בײַ איר און װאָס ער װעט קענען קוקן אױף איר מאָרגן, איבערמאָרגן און אפשר נאָך אַ לענגערע צייט. די פרייד זײַנע איז אים נאָר גע־שטערט געװאָרן צוליב דער מורא, ער זאָל נישט צוריק פאַרלירן דאָס, װאָס ער האָט איצט געװינען, אַזױ, אַז װען ליגיע האָט אים נאָכאַמאָל דערלאַנגט װאַסער און אים האָט זיך דערבײַ שטאַרק פאַרװאָלט אָנכאַפּן איר האַנט, האָט ער מורא געהאַט דאָס צו טאָן — ער, דער זעלבער װיניציוש, װעלכער האָט איבער פעסטמאָל בײַם בעזאַר מיט געװאָלט בעקושט אירע ליפּן, און נאָך איר אַנט־לױפן האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן, אַז ער װעט זי שלעפּן פאַר די האָר אין קוביקולום, אָדער זי הייסן שמײַסן.

XXIV.

ער האָט אָבער אויך מורא געהאַט, אַז עפּעס אַן אומגעבעטענע הילף פון דרויסן זאָל אים נישט צונישט מאַכן זיין פרייד. כילאָן האָט אפשר געגעבן צוויסן דעם פּרעפעקט, אָדער זיינע ליבער וועגן זיין פאַרשוווּנדן, און אין דעם פאַל וועלן די וויגילן מתתמא זיך דאָ אַריינרייס. דורכן קאָפּ איז אים אפילו אַדורך אַ געדאַנק, אַז דאַן וואָלט ער געקענט הייסן נעמען ליגיען און אַוועקפירן אין זיין הויז אַריין, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף נישט און קען נישט אַזוי האַנדלען. ער איז געווען אַ מוט-וויליקער, פאַרשעמטער, גענוג פאַרדאָרבענער מענטש, און אַז ס'איז נייטיק געווען, אויך אַן אומבּרחמנותדיקער, ער איז אָבער דאָך נישט געווען קיין טיגעלינוס, אָדער קיין נעראָן. דאָס זעלבערישע לעבן האָט דאָך נאָך אין אים איבערגעלאָזט אין אַ געוויסער מאָס דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, גלויבן און געוויסן אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, דאָס אַזאַ עובדה וואָלט געווען מיאוס און נידערטרעכטיק. ער וואָלט אפשר פעיק געווען דערצו געוווּנטער-

הייט און בשעת צאָרן, איצט, אין דער מינוט אָבער, איז ע־ געוועזן שוואַך און סענטימענטאַל, אים איז איצט אַלזאָ נאָר געגאַנ־ גען אין דעם, אַז קיינער זאָל זיך נישט שטעלן צווישן אים און ליגיען.

ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג באַמערקט, דאָס פון דער צייט, וואָס ליגיע האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט, פאַרלאַנגט נישט זי גופא, נישט קריספוס קיין שום פאַרזיכערונגען פון אים, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז אין פאַל ווען ס'וועט נייטיק זיין, וועט זיי עפעס אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט באַשיצן. וויניציוש איז אויך שוין גרייט געווען צו גלייבן אין דעם, דען צייט ער האָט אין אַסטריאַנום געהערט די לערע און די דערציילונגען פונם אַפּאָסטאָל, האָט זיך ביי אים אין קאָפּ גענומען פלאָנטערן און פאַרלירן דער אונטערשייד צווישן מעגלעכע און אוממעגלעכע זאַכן. פונדעסטוועגן, באַקלערנדיק זיך אַ ביסל ניכטערער, האָט ער זיי אַליין דערמאַנט, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן גריך און ער האָט ווידער פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אַהערברענגען כילאָנען.

קריספוס האָט איינגעשטימט דערויף, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צושיקן אורסוסן. וויניציוש, וועלכער פלעגט אין די לעצטע טעג פאַר אַסטריאַנום אָפט שיקן זיינע שקלאַפן צו כי־ לאָנען, האָט איצט דעם ליגיער אויפגעגעבן גענוי ווו ער וווינט, און אויפצייכענענדיק דערנאָך עטלעכע ווערטער אויף אַ טאָוועלע, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו קריספוסן, געזאָגט:

— כ'שיק אַ טאָוועלע, ווייל דאָס איז זייער אַ פאַרדעכטיקער און כיטרער מענטש, וועלכער פלעגט אָפט, ווען איך האָב אים געלאָזט רופן צו זיך, הייסן מיינע מענטשן ענטפערן, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים, און געטון האָט ער עס תמיד דערפאַר, ווייל נישט האָבנדיק קיין גוטע ידיעות פאַר מיר, פלעגט ער מורא האָבן פאַר מיין צאָרן.

— זאָל איך אים נאָר געפינען, וועל איך אים שוין אַהער־ ברענגען, צי ער וועט וועלן, צי נישט — האָט אורסוס גענט־ פערט.

און נעמענדיק דעם מאַנטל, איז ער איילנדיק אַרויס.

אויפצוזוכן ווען איז דער רוים, און אבער אין א זאל, ווען דאך דער זייגער...

— טו דאָס נישט, האָרים דו מוזט גיין.

— איך וועל טאַקע גיין, אָבער פון מיין אייגענעם חילק, ווען נישט האַלט מיך קיינער נישט געקענט נייטן, יאָרים איך בין אַ מענטש אַ פרייער און אַ פריינט פונם שטאָט-פּרעפעקט. אַלס פילאָזאָף האָב איך אפילו מיטלען קענען געהאַלט אויך: איך קען פאַרוואַנדלען מענטשן אין ביימער און אין חיות. אָבער איך וועל גיין — כ׳וועל גיין! כ׳וועל נאָר אָנטון אַ וואַרעמערן מאַנטל מיט אַ קאַפּטור, כדי די שקלאַפן פון דער געגנט זאָלן מיך נישט דער-קענען, וואָרים זיי שטעלן מיך כסדר אָפּ אום צו קושן מיר די הענט.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעטון אַן אַנדערן מאַנטל, אויפן קאָפּ האָט ער אַריבערגערוקט אַ גלילשן ברייטן קאַפּטור, מורא האָבנדיק, אַז אורסוס זאָל זיך נישט דערמאָנען זיין פּנים, ווען זיי וועלן אַרויס אויף דער שיין.

— וווהין פירסטו מיך? — האָט ער אויפן וועג געפרעגט אורסוסן.

— אויף יענער זייט טיבער.

— איך בין נישט לאַנג אין רוים און כ׳בין נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען, נאָר מסתמא זענען דאָרט אויך פאַראַן גוטע מענטשן.

דער נאַיווער אורסוס אָבער, וועלכער האָט אַליין געהערט, ווי ווינציוש האָט געזאָגט, אַז דער גריך איז מיט אים געווען אויפן בית-עלמין אין אָסטריאַנום און אַז ער האָט דערנאָך געזען, ווי ער מיט קראָטאָנען זענען אַריין צו זיי אין הויז, האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט אַ ווייַלע און געזאָגט:

— זאָג נישט קיין ליגנט, אַלטער, וואָרים דו ביסט היינט געווען מיט ווינציושן אין אָסטריאַנום און פאַר אונדזער טיר.

— אַך — האָט כילאָן געזאָגט — אייער הויז געפינט זיך דאָס אויף יענער זייט טיבער? כ׳בין נישט לאַנג אין רוים און כ׳ווייס נישט גוט, ווי די פאַרשידענע קוואַרטאַלן רופן זיך. יאָ, מיין פריינט, כ׳בין געווען פאַר אייער טויער און כ׳האָב דאָרט

אין נאָמען פון מענטשלעכקייט באַשווירן וויניציוש, ער זאָל נישט אַרייַנגיין. כ'בין געווען אין אָסטריאַוום איך, אָבער ווייסטו נאָך וואָס? דערפאַר, ווייל שוין פון אַ געוויסער צייט אָן מוסר איך וויניציושן. אום צו ראַטעווען זיין נשמה האָב איך דעריבער געוואָלט. ער זאָל הערן די רייד פון אונדזער עלטסטן אַפּאָסטאָל. זאָל דאָס ליכט פאַלן אויף זיין נשמה און אויך אויף דיינע! ביסט דאָך אַ קריסט און ווילסט דאָך, אַז דער אמת זאָל זיך דערהייבן איבערן שקר?

— געוויס — האָט אורסוס פרום געענטפערט.

כילאָן האָט דעם גאַנצן מיט צוריקבאַקומען.

— וויניציוש איז אַ מעכטיקער מאַן — האָט ער געזאָגט — אין דעם צעזאַרס אַ פרייַנט. גאַנץ אָפט לאָזט ער זיך נאָך פירן פון יצר-הרע, אָבער ווען עס זאָל נאָר איין האָר געמינערט ווערן פון זיין קאָפּ, וואָלט דער צעזאַר נקמה גענומען אַן אַלע קריסטן.

— אונדז שיצט אַ שטאַרקערע קראַפט.

— אמת! אָבער וואָס רעכנט איר צו טאָן מיט וויניציושן? — האָט כילאָן ווידער אומרויִק געפרעגט.

— כ'ווייס נישט. קריסטוס הייסט זיין באַרמהאַרציק.

— אַזוי האָסטו גוט געזאָגט. האָב דאָס תמיד אין זינען, ווארים אַז נישט, וועסטו זיך פּרעגלען אין גיהנום, ווי פעטס אין דער בראָט-פאַן.

אורסוס האָט אָפּגעזיפצט. און כילאָן האָט זיך געטראַכט, אַז מיט אָט דעם אין פלוג שרעקלעכן מענטש וואָלט ער אייגנטלעך געקענט מאַכן, וואָס ער וויל.

און ווילנדיק אַלץ זיך דערוויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים אָנפאַל אויף ליגיען, האָט ער ווייטער געפרעגט, ווי אַ שטרענגער ריכטער:

— וואָס האָסטו געטון מיט קראָטאָנען? זאָג, נאָר לייקן נאָר-נישט.

אורסוס האָט נאָכאַמאָל אַ זיפץ געטון:

— דאָס וועט דיר שוין וויניציוש זאָגן.

— דו האָסט אים, הייסט עס, דערשטאָכן, אָדער מיט אַ שטעקן דערלאַנגט?

— כ׳בין געווען אומבאַוואָפנט.

דער גריך איז נשתומם געוואָרן איבער דעם אוממענטש־לעכן פּונם באַרבאַר.

— זאָל דיך פּלוטאָ!... מיין איך: זאָל דיר קריסטוס מוחל זיין!

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק, דערנאָך האָט כילאָן געזאָגט:

— נישט איך וועל דיך מסרן, נאָר היט זיך פאַר די ווי־גילן.

— איך האָב נאָר מורא פאַר קריסטוסן, נישט פאַר די וויגילן.

— ביסט גערעכט. נישטאָ קיין גרעסערע חטא, ווי רציחה. כ׳וועל מתפלל זיין פאַר דיר, אָבער כ׳ווייס נישט, צי מיין תפילה וועט יאָ עפּעס פּועל זיין — סיידן, אַז דו וועסט אַ נדר טון, דאָס דו וועסט קיינמאָל קיינעם מיט קיין פינגער נישט רירן.

— איך האָב אַזוי אויך נישט בדעה געהאַט צודערהרגענען — האָט אורסוס געענטפערט.

כילאָן אָבער, וועלכער האָט פאַר יעדן פאַל געוואָלט זיך פאַרזיכערן, האָט נישט אויפגעהערט כסדר צו פאַרמיאוסן ביי אורסוסן אין די אויגן בלוט־פאַרגיסונג און אים איינצורעדן, ער זאָל אַ נדר טון, ער האָט זיך אויך אויסגעפרעגט אויף וויניציושן, אָבער דער ליגיער האָט אים נישט גערן געענטפערט אויף זיינע שאלות, זאָגנדיק אים, אַז ער וועט אַלץ הערן פון וויניציושן אַליין. אַזוי זענען זיי לסוף איבערגעקומען דעם גאַנצן וועג, וואָס צווישן דעם גריכס וווינונג און יענער זייט טיבער, און זענען צוגעקומען ביז צום טויער. כילאָן איז ווידער אומרויק געוואָרן. פון שרעק האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן, אַז אורסוס קוקט אויף אים עפּעס ניעט גלאַטיק. „ס׳איז אַ קנאַפּע טרייסט פאַר מיר — האָט ער זיך געטראַכט — אויב ער וועט מיך בלויז נישט ווילנדיק דערהרגענען, און כ׳וואָלט שוין ליבערשט געוואָלט, עס זאָל אויף

יים גלײכער אַ פּאַראַליז קומען אין איך אויף אַלע ליגיער פון דער גאַנצער װעלט, אַ, זעוס מעכטיקער, באַװײז דאָס, אויב דו קענסט". פאַרזונקען אין דידאַזיקע מחשבות, האָט ער זיך שטאַרק פאַרהילט אין זײן גלילשן מאַנטל, מבלומרשט, װײל ס'איז אים קאַלט. און װען זײ זענען שוין דורכגעקומען דאָס פאָדערהויז און דעם ערשטן הויף, און האָבן זיך געפינען אין קאָרידאָר, װעלכער פירט צום בערטעל, װאָס פאַרן הײזל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— לאָז מיך אַ ביסל אָפּרוען, װאָרים אַז ניט, װעל איך ניט קענען רעדן מיט װיניציוּשן און געבן אים די געהעריקע עצות.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט — װאָרים כאָטש ער האָט זיך כּסדר אײנגערעדט, דאָס עס דערװאַרט אים ניט קײן שום געפאַר, אָבער בײם געדאַנק, אַז ער װעט זיך באַלד געפינען צװישן יענע סודותפולע לײט, װעלכע ער האָט געזען אין אָסטריאַנום, האָבן זיך אונטער אים די פיס גענומען טרײסלען.

דערװײל האָט ער פונם הײזל דאָרט דערהערט אַ געזאַנג.

— װאָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— דו זאָגסט, אַז דו ביסט אַ קריסט און דו װײסט ניט, אַז בײ אונדז איז אַ מנהג צו לויבן אונדזער גואל נאָך יעדן מאָלצײט מיט געזאַנג — האָט אורסוס געענטפערט. — מרים מיטן זונעלע זענען שוין אוודאי צוריקגעקומען, און אפשר איז דער אַפּאָסטאָל שוין אויך דאָרט דאָ, דען ער קומט יעדן טאָג באַזוכן די אלמנה און קריספּוסן.

— פיר מיך גלײך אַרײן צו װיניציוּשן.

— װיניציוּש געפינט זיך אין דערזעלבער שטוב, װאָס אַלע װײל דאָס איז די גרעסטע שטוב און די איבעריקע זענען נאָר בלויז קלײנע פינסטערע קוביקולומס, אין װעלכע מיר גײען נאָר אַרײן שלאָפן. לאָמיר שוין אַרײנגײן — װעסט זיך שוין דאָרט אָפּרוען.

און זײ זענען אַרײן. אין צימער איז געװען פינסטערלעך, עס איז געװען אַ גרויער װינטערדיקער אָװנט און די פלעמלעך

פון די עטלעכע קאַגאַניקעס האָבן ווייניק באַלויכטן דעם חושר-
חיניציוש האָט זיך גיכער אָנגעשטויסן, ווי דערקענט, אַז דערדאָזיקער
אַרומגעהילטער מענטש איז כילאָן. כילאָן ווידער, זעענדיק אין
עק צימער אַ בעט און דערויף וויניציושן, איז ער, נישט קוקנדיק
אויף קיינעם, גלייך צו צו אים, ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָרט
איז ער זיכערער.

— אָ, האַר! פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפאָלגט! — האָט
ער אויסגערופן, צוזויפלייגנדיק די הענט.

— שווייג — האָט וויניציוש געזאָגט — און הער!

און קוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן אַריין, האָט ער גע-
נומען רעדן געלאַסן און דייטלעך, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז כי-
לאָן זאָל יעדעס וואָרט זיינס פאַרשטיין אַלס באַפעל און זאָל זיך
עס גוט נעמען אין זינען אַריין:

— קראָטאָן האָט זיך געוואָרפן אויף מיר אום מיך צו דער-
הרגענען און באַרויבן — פאַרשטייסט! און איך האָב אים דאָן
דערהרגעט, דידאָזיקע מענטשן אָבער האָבן מיר פאַרבונדן די
וווּנדן, וועלכע איך האָב באַקומען אין קאַמף מיט קראָטאָ-
נען.

כילאָן האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז וויניציוש האָט מסתמא
אַזאַ אָפמאַך געשלאָסן מיט די קריסטן און דעריבער וויל ער
אַוודאי מ'זאָל אים גלייבן. ער האָט דאָס אויך אַרויסגעזען פון
זיין געזיכט, ער האָט אַלזאָ אין איין סעקונדע, נישט אַרויסווייזנ-
דיק דעם מינדסטן ספק, די מינדסטע איבעראַשונג, אויפגעהויבן די
אויגן אינדערהייך און אויסגערופן:

— אָ, האַר, דאָס איז אַ געמיינער אויסוווּרף געווען! כ'האָ
דאָך דיך תמיד געוואָרנט, האַר, דו זאָלסט אים נישט טרויען. אַלע
מיינע שטראָף-רייד האָבן זיך אָפגעשלאָגן אָן זיין קאָפּ, ווי אַר-
בעס אָן דער וואַנט. די יסורים פון גאַנצן האדעס וועלן פאַר אים
ווייניק זיין. ווארים ווער עס קען נישט זיין קיין אָרנטלעכער מענטש,
דער מוז דאָך געוויס זיין אַן אויסוווּרף און וועמען איז דען גאָ-
שווערער צו ווערן אַן אָרנטלעכער מאַן, ווי דעם אויסוווּרף? אָבער

אָנצופאַלן אויף אַן אייגענעם בעל-טובה און גרויסמוטיקן האַר...
אַ גענער!...

דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויפֿן וועג האָט ער זיך פֿאַר אַרסוין פֿאַרגעשטעלט אַלס קריסט. — און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

וויניציוש האָט ווייטער גערעדט:

— ווען נישט די „סיקאַ", וועלכע כ'האָב מיט זיך געהאַט, וואָלט ער מיך דערהרגעט.

— געבענטשט זאָל זײַן די מינוט, ווען כ'האָב דיר געשאַ[illegible] מיטצונעמען פּאַטש אַ מעסער.

וויניציוש אָבער האָט איצט אויפֿן גריך געוואָרפֿן אַ דורכ-דרינגענדיקן בליק און אים געפֿרעגט:

— וואָס האָסטו הײַנט געטון?

— ס'טײַטש? כ'האָב דיר דען נישט געזאָגט, האַר, אַז כ'האָב מתפּלל געווען פֿאַר דײַן געזונט?

— און מער גאָרנישט?

— און כ'האָב זיך גראָד געקליבן דיך צו באַזוכן, ווי יענער עטער מענטש איז געקומען און געזאָגט, אַז דו רופֿסט מיך.

— אָט איז אַ טאַוועלע. דו וועכט דערמיט אַוועק צו מיר אין הויז, וועסט זיך זען מיט מײַן אויפֿזעער און וועסט עס אים איבערגעבן. עס איז דאָרט אָנגעשריבן, אַז איך בין געפֿאָרן קיין בענעווענט. און דו זאָלסט אויך צוגעבן דעמאָסן, אַז איך בין הײַנט פֿרי אָוועקגעפֿאָרן, ווײַל איך האָב דערהאַלטן אַ דרינגענדיקן בריוו פֿון פּעטראָניוסן, כ'זאָל גלײַך קומען.

און ער האָט נאָכאַמאָל דײַטלעך אַקצענטירנדיק געזאָגט:

— כ'בין אָוועקגעפֿאָרן אין בענעווענט — פֿאַרשטייסט?

— ביסט אַוועקגעפֿאָרן, האַר! אינדערפֿרי האָב איך זיך דאָך אַליין געזעגנט מיט דיר בײַ פּאָרטאַ קאַפּענאַ. — און צײַט די ביסט נישט דאָ בענק איך אַזוי, אַז אויב דײַן גרויסמוטיקייט וועט מיך נישט, ווי נישט ס'איז טרייסטן, וועל איך גאָר אינגאַנצן אָוועקשטאַרבן, ווי די אומגליקלעכע פֿרוי פֿון צער נאָך איטילען.

וויגיציוש, כאָטש ער איז געווען קראַנק און שוין געווינט מיט דעם גריכס רירעוודיקייט, האָט זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטן פון צו שמייכלען. ער איז אַ חוץ דעם צופרידן געווען, וואָס כילאָן האָט אים באַלד פאַרשטאַנען, ער האָט געזאָגט:

— כ׳וועל אַלזאָ צושרייבן, מ׳זאָל דיר די טרערן אָפּווישן. דערלאַנג מיר אַהער דאָס ליכט.

כילאָן, וועלכער האָט זיך שוין אינגאַנצן באַרויִקט, איז אויפגעשטאַנען און, מאַכנדיק עטלעכע טריט צום אויוון, האָט ער פון דאָרט אַראָפּגענומען איינס פון די קאַגאַניקלעך, וועלכע האָבן געברענט.

אָבער בשעת ער האָט דאָס געטון, האָט זיך אים דער קאַפּטור אַראָפּגערוקט פונם קאָפּ און דאָס ליכט איז אים געפאַלן גלייך אויפן געזיכט. גלויקוס האָט זיך אַ ריס געטון פון דער באַנק און, צוגייענדיק שנעל, איז ער געבליבן שטיין פאַר אים.

— צעפאַס, דו דערקענסט מיך נישט? — האָט ער בפֿרעגט.

און זיין שטים האָט געקלונגען עפּעס אַזוי שרעקלעך, אַז אַלעמען האָט אַ שוידער דורכגענומען.

כילאָן האָט אויפגעהויבן דעם קאַגאַנעק און האָט אים גלייך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד — דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן אין צווייען און האָט גענומען קרעכצן:

— איך בין נישט... איך בין נישט... האָט רחמנות!

גלויקוס אָבער האָט זיך געווענדט צו אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, און געזאָגט.

— אָט איז דער מענטש, וועלכער האָט מיך און מיין הויזגעזינט פאַרפירט און אומגעבראַכט!...

גלויקוסעס געשיכטע איז שוין געווען באַקאַנט אַלע קריסטן און אויך וויניציושן, וועלכער האָט נאָר דערפאַר זיך נישט אָנגעשטויסן, ווער עס איז גלויקוס, ווייל חלשנדיק כסדר פון ווייטיק בשעתן באַנדאַזשירן, האָט ער נישט געהערט זיין נאָמען. פאַר אורסוסן אָבער, איז אָט די קורצע ווײַלע צוזאַמען מיט גלויקוסעס ווערטער געווען, ווי אַ בליץ אינם חושך. דערקענענדיק כילאָנען

איז ער מיט איין שפרייז געווען לעבן אים און, אנכאפנדיק אים פארן אקסל, האט ער אים ארונטערגעבויגן און אויסגע־רופן:

— ער האט מיך דאס צוגערעדט, כ׳זאל טויטן גלוי־קוסן!

— רחמנות! — האט כילאן געיאמערט — כ׳וועל אייך אפ־געבן... האר! — האט ער אויסגערופן, אויסדרייענדיק זיין קאפ צו וויניציוש — רעטע מיך! כ׳האב זיך דיר איבערגעגעבן, שטעל זיך איצט איין פאר מיר... דיין בריוו... וועל איך אפטראגן, האר! האר!...

וויניציוש אבער, וועלכער האט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואס עס איז דא פארגעקומען, גלייכגילטיק ווי אלע, ערשטנס דערפאר, ווייל ער האט געוווסט וועגן אלץ געשעפטן פונם גריך און צווייטנס, ווייל זיין הארץ האט נישט געקאנט אפילו, וואס עס הייסט אזוינס רחמנות, האט איצט געזאגט:

— באגראבט אים אין גארטן, דעם בריוו וועט אן אנדערער אוועקטראגן.

כילאן האט געפילט, אז די דאזיקע ווערטער זענען דער לעצטער פסק־דין איבער אים. די ביינער זיינע האבן גענומען קנאקן אין אורסוסעס שרעקלעכע הענט, די אויגן זענען אים פאר־לאפען געווארן מיט טרערן פון ווייטיק.

— ביי אייער גאט! רחמנות — האט ער אויסגערופן — איך בין א קריסט און אויב איר גלייבט מיר נישט, טויפט מיך נאכ־אמאל, נאך צוויי מאל, נאך צען מאל! גלויקוס, דאס איז א טעות! לאזט מיך רעדן! מאכט מיך פאר אייער שקלאף... הרגעט מיך נישט! האט רחמנות!...

און זיין שטים איז פון ווייטיק אלץ שוואכער געווארן, ווי ביים טיש איז אויפגעשטאנען דער אפאסטאל פעטרוס. א ווײלע האט ער געשאקלט מיט זיין ווייסן קאפ, לאזנדיק אים זינקען אויף דער ברוסט מיט פארמאכטע אויגן. אבער באלד האט ער זיי גע־עפנט, און בשעת דער שטילקייט, וואס האט געהערשט ארום, האט ער געזאגט:

— און דער גואל האָט אונדז אויסגעלערנט: „אויב דיין ברודער האָט געזינדיקט קעגן דיר, שטראָף אים; און אויב ער האָט חרטה, זיי אים מוחל. און אויב ער האָט זיבן מאָל אין טאָג געזינדיקט קעגן דיר און זיבן מאָל האָט ער זיך געווענדט צו דיר, זאָגנדיק: ס'טוט מיר לייד אויף דיר! זיי אים מוחל"!

און אַרום איז נאָך שטילער געוואָרן.

גלויקוס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט ביידע הענט, לסוף האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און געזאָגט:

— צעפאַס, זאָל דיר גאָט מוחל זיין מיין עוולה, ווי איך בין דיר אין נאָמען פון קריסטוס מוחל.

און אורסוס, אָפּלאָזנדיק דעם גריכס אַקסל, האָט אויך צוגעגעבן:

— זאָל דער גואל זיין צו מיר אַזוי גנעדיק, ווי איך בין דיר מוחל.

יענער אָבער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און אָנגעשפאַרנדיק זיך אין איר מיט די הענט, האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ ווי אַ חיה, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין נעץ, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, וואַרטנדיק פון וועלכער זייט דער טויט וועט קומען. ער האָט נאָך זיינע אויגן און אויערן נישט געגלייבט און ער האָט נישט געהאַט די העזה צו האָפן אויף מחילה?

אָבער ביסלעכווייז איז ער צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, נאָר די בלוי געוואָרענע ליפּן זיינע האָבן זיך נאָך געטרייסלט פון שרעק. דערווייל האָט זיך דער אַפּאָסטאָל אָנגערופן:

— גיי דיר בשלום!

כילאָן איז אויפגעשטאַנען, אָבער ער האָט נאָך קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. נישט ווילנדיק האָט ער זיך דערנענטערט צו וויניציוסעס בעט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ביי אים שוץ געזוכט, וואָרים ער האָט נאָך ביז איצט נישט באַוויזן אַ טראַכט צו טון, אַז דערזעלבער וויניציוס, וועלכער האָט זיך מיט אים באַנוצט

און חעלכער איז אין א געוויסער מאָס געווען זיין שותף, חיל אים אומברענגען אין דער צייט, וואָס די מענטשן קענן חעלכע ער איז געגאַנגען זענען אים מוחל. דערדאָזיקער געדאַנק האָט געוואָלט ערשט שפּעטער קומען. איצט איז אין בליק געווען נאָר פאַרבליפונג און אומצוטרויען. וואָרים כאָטש ער האָט שוין איינגעזען, דאָס מען איז אים מוחל, האָט ער פונדעסטוועגן וואָס גיכער געוואָלט אַרויסטראָגן זיין קאָפּ פון צווישן דידאָזיקע אימבאַגרייפלעכע מענטשן, וועמענס גוטסקייט עס האָט אים שיִער נישט געשראָקן, ווי עס וואָלט אים געשראָקן זייער אכזריות. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ווען ער זאָל דאָ לענגער בלייבן, וועט ווייטער פאַרקומען עפּעס אומדערוואַרטעס. שטעלנדיק זיך אַלזאָ פאַר וויניציושן, האָט ער מיט אַן איבערגעריסענער שטים געגומען רעדן:

— גיב מיר, האַר, דעם בריוו! גיב מיר דעם בריוו!

און כאַפּנדיק דעם טאָוועל, וועלכן וויניציוש האָט אים געגעבן, האָט ער זיך איינמאָל געבויקט פאַר די קריסטן און ס׳צווייטע מאָל פאַרן קראַנקן. אייַנגעבויגענערהייט, שאַרנדיק זיך ביי דער וואַנט, איז ער אַרויס פון דער טיר.

אין גאָרטן, געפינענדיק זיך אין דער פינצטער, האָבן זיך אים ווידער פאַר שרעק די האָר אויפן קאָפּ קאַפּוירגעשטעלט, וואָרים ער איז זיכער געווען, אַז אורסוס וועט דאָ באַלד נאָך אים אַרויס און אים דערהרגענען אין דער נאַכט-פינצטערניש. ער וואָלט מיט אַלע כּוחות אַנטלאָפן, אָבער די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו טראָגן און באַלד זענען זיי אינגאַנצן מאַכטלאָז געוואָרן, וואָרים אורסוס איז ווירקלעך געשטאַנען פאַר אים.

כילאָן איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און האָט גענומען יאָמערן:

— אורבאַן... אין נאָמען פון קריסטוסן...

אורבאַן אָבער האָט געזאָגט:

— שרעק זיך נישט. דער אַפּאָסטאָל האָט געהייסן, כ׳זאָל

דיך אַרויספירן פאַרן טויער, כּדי דו זאָלסט נישט בלאָנדזשען דאָ אין דער פינסטער און אויב דו האָסט נישט קיין כּח וועל איך דיך אָפּפירן צו דיר אַהיים.

כילאָן האָט אויפגעהויבן זיין געזיכט.

— וואָס זאָגסטו? אָס?... וועסט מיך נישט דערהרגע-נען?

— ניין! כ'וועל דיך נישט דערהרגענען און אויב כ'האָב דיך צו שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל און דיר אפשר וויי געטון, זיי זשע מיר מוחל.

— העלף מיר אויפשטיין — האָט דער גריך געזאָגט. — וועסט מיך נישט דערהרגענען? וואָס? פיר מיך אַרויס אויף דער גאַס, ווייטער וועל איך שוין אַליין גיין.

אורסוס האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד, ווי מ'הייבט אויף אַ פעדערל און אים געשטעלט אויף די פיס, דערנאָך האָט ער אים אַדורכגעפירט דורכן פינסטערן קאָרידאָר אין צווייטן הויף אַריין, פונוואַנען זיי זענען דורכן פאָדערצימער אַרויס אויף דער גאַס. אין קאָרידאָר האָט כילאָן זיך געטראַכט: „ס'איז שוין נאָך מיר"! און ערשט ווען זיי האָבן זיך שוין געפינען אויף דער גאַס, האָט ער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— ווייטער וועל איך אַליין גיין.

— פרידן זאָל זיין מיט דיר!

— אויך מיט דיר! אויך מיט דיר!... לאָז מיך אָפּ-אָטעמען.

און נאָך אורסוסעס אַוועקגיין האָט ער אָפּגעאָטעמט מיט דער גאַנצער ברוסט. ער האָט זיך מיט די הענט געטאַפּט ביי דער גאַרטל, ביי די זייטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ער לעבט און דערנאָך איז ער מיט שנעלע טריט אַוועק.

אָבער אָפּגייענדיק עטלעכע צענדליק טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— פאַרוואָס טאַקע, האָבן זיי מיך נישט דערהרגעט?

און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט שוין מיט עריצ-יוסן גערעדט וועגן דער קריסטלעכער לערע, נישט קוקנדיק אויף

טיין שמועכ מיט אורבאַנען דאָרט לעבן טייך און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט געהערט אין אַסטריאַנום, האָט ער אויף דערדאַזיקער פראַגע נישט געקענט געפינען קיין ענט-פער.

XXV.

ויניציוס האט זיך אויך נישט געקענט אפגעבן קיין רעכע־
נונג פון דעם, וואס עס איז פארגעקומען, און ער איז נישט ווייניגער
בשתומם געווען פאר כילאנען. ווארים, אז דיזאזיקע מענשען זע־
גען זיך מיט אים אליין באגאנגען אזוי ווי זיי זענען זיך באגאנגען,
און אנשטאט נוקם צו זיין זיך אן אים פאר דעם אנפאל, האבען
זיי נאך טריי געהיילט די וואונדן, האט ער דאס צוגעשריבען,
טיילווייז צו דער לערע, אין וועלכער זיי האבען געגלייבט, נאכ־
מער ליגיען, און א ביסעל אויך זיין אומשולדיגקייט אבער זייער באגיין
זיך מיט כילאנען האט שוין פשוט איבערגעשטיגען אלע זיינע השגות
וועגן דער מענשליכער גוטסקייט, און נישט ווילנדיק האט ער
זיך אויך געשטעלט די פראגע: פארוואס זשע האבען זיי דעם
ריין נישט דערהרגעט? זיי האבען דאך דאס אומבאשטראפט געקענט
טאן. אורסוס וואלט אים פארגראבען אין גארטען, אדער ער וואלט אים
באנאכט אוועקגעטראגען צום טיבער, וועלכער האט אין יענע צייטען
פון די באנאכטיקע מארדן, וועלכע דער צעזאר נערא האט אויס־

געפירט, אַלע פּרימאַרגן אַרויסגעוואָרפן מענטשלעכע קערפּער, אַזוי, אַז קיינער אַפילו האָט זיך שוין נישט געקימערט ווער זיי זענען. אגב, האָבן די קריסטן, לויט וויניציוס מיינונג, נישט נאָר געקענט, נאָר אויך מחויב געווען צו דערהרגענען כּילאָנען. דאָס רחמנות־געפיל איז אַפילו נישט פרעמד געווען דער וועלט צו וועלכער וויניציוס האָט געהערט. האָבן דאָך די אַטענער אויפגעשטעלט דער געטין פון רחמנות אַ טעמפּל און האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט איינפירן ביי זיך די גלאַדיאַטאָרן־קאַמפן, ס'פלעגט געשען אויך אין רוים, אַז די באַזיגטע זענען באַגנעדיקט געוואָרן, ווי למשל קאַליקראַטוס, דער בריטאַנישער קעניג, וועלכער איז געפאַנגען גע־וואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך קלאַודיוסן, אין דער לעצטער האָט אים אויף זיין קעסט געלאָזט פריי וווינען אין רוים. אָבער נקמה פאַר אַ פּערזענלעכער עוולה האָט זיך וויניציושן, ווי זיי אַלע, אויס־געוויזן גערעכט און יושרדיק. אין אַזאַ פאַל מוחל זיין איז אים געוואַלטיק פרעמד. אמת, אַז אויך ער האָט אין אָסטריאַנום גע־הערט, דאָס מ'דאַרף ליב האָבן אַפילו שונאים, ער האָט דאָס אָבער באַטראַכט אַלס אַ טעאָריע, וועלכע האָט אין לעבן קיין באַ־דייטונג נישט. און נאָך איצט אַפילו האָט ער מאָמענטנווייז גע־טראַכט, אַז די קריסטן האָבן אפשר דערפאַר נישט דערהרגעט כּי־לאָנען, ווייל עס איז געווען אום יום־טוב, אָדער עפּעס אַ לבנה־פאַזע, בשעת וועלן די קריסטן טאָרן נישט קיין בלוט פאַרגיסן. ער האָט געהערט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע צייטן, ווען פאַרשי־דענע פעלקער טאָרן אַפילו קיין מלחמה נישט אָנהייבן. אָבער פאַרוואָס־זשע האָבן זיי דעם גריך נישט איבערגעגעבן אין די הענט פון געזעץ. פאַרוואָס האָט דער אַפּאָסטאָל געזאָגט, אַז אויב עס וועט ווער זיבן מאָל זיך קעגן דיר פאַרשולדיקן, דאַרף מען אים זיבן מאָל מוחל זיין, און פאַרוואָס האָט גלויקוס געזאָגט כּילאָנען: „זאָל דיר גאָט אַזוי מוחל זיין, ווי איך בין דיר מוחל״? האָט דאָך כּילאָן אים געטון די שרעקלעכסטע עוולה, וועלכע איין מענטש קען אַ צווייטן טון — און אין וויניציושן האָט זיך דאָס האַרץ אַ וואָרף געטון ביים בלויזן געדאַנק, וואָס ער וואָלט געטון דעם מענטש, וועלכער וואָלט צום ביישפּיל דערהרגעט ליגיען, עס איז

נישטאָ אַזעלכע יסורים מיט וועלכע ער וואָלט יענעם נישט גע-
פייניקט! און דערדאָזיקער האָט מוחל געווען! אין אויך אורסוס
האָט מוחל געווען. ער, וועלכער האָט אייגנטלעך געקענט דער-
הרגענען אין רוים, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט גאַנץ אומבאַ-
שטראָפט, ווייל דערנאָך וואָלט ער נאָר באַדאַרפן דערהרגענען
דעם קעניג פון בעמאַרענער וואַלד און פאַרנעמען זיין אָרט. צי
דען וואָלט אַ גלאַדיאַטאָר, וועלכער פאַרנעמט דעמדאָזיקן הויכן
פאָסטן נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט דערמאָרדעט דעם פריערי-
דיקן „קעניג” בעקענט מנצח זיין דעמדאָזיקן מענטש, וועלכן
קראָטאָן האָט נישט מנצח געווען? אויף די אַלע פראַגן איז נאָר
איין ענטפער געווען: זיי האָבן נישט דערהרגעט צוליב אַזאַ גוטס-
קייט, וועלכע איז נאָך ביז איצט אויף דער וועלט נישט געווען,
צוליב אַ גרענעצלאָזע ליבשאַפט צו מענטשן, וועלכע הייסט פאַר-
געסן אָן זיך, אָן די אייגענע עוולות, אָן אייגענעם גליק און אומ-
גליק — און לעבן פאַר אַנדערע. וואָס פאַר אַ שכר האָבן די
מענטשן געזאָלט דערפאַר באַקומען, דאָס האָט וויניציוש געהערט
אין אָסטריאַנום, אָבער ער האָט דאָס נישט געקענט משיג זיין.
אַנשטאָט דעם אָבער האָט ער בולט געפילט, אַז אָט אַזאַ לעבן
אויף דער וועלט, אין וועלכער מ׳מוז זיך אָפּזאָגן פון אַלעם גוטן
און תענוגים צוליב אַנדערע, דאַרף זיין זייער קלאָגנדיק. דערי-
בער איז אין דעם, וואָס ער האָט איצט געטראַכט וועגן די קריסטן,
צוזאַמען מיט דער העכסטער פאַרוואונדערונג געווען אויך רחמנות
און אַ שאָטן פון פאַראַכטונג. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס
זענען שעפּעלעך, וועלכע מוזן פריער, צי שפּעטער אויפגעגעסן
ווערן דורך די וועלף, אָבער זיין רוימישע נאַטור איז נישט פעיִק
געווען צו אַכטן די, וועלכע לאָזן זיך אויפעסן. איין זאַך האָט אים
פונדעסטוועגן געחידושט, וואָס נאָך כילאָנס אַרויסגיין האָבן אַלע
פנימער געגומען שיינען פון פרייד, דער אַפּאָסטאָל איז צוגעגאַנ-
גען צו גלויקוסן און, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין קאָפּ, האָט
ער געזאָגט:

— קריסטוס האָט אין דיר מנצח געווען!

און גלויקוס האָט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך מיט

אַזוי פיל צוטרויען און שמחה, ווי עס וואָלט אים געטראָפן עפּעס אַן אומגעריכט, גרויס גליק. וויניציוש, וועלכער וואָלט נאָך געקענט פאַרשטיין אַ שמחה צוליב אַן אויסגעפירטע נקמה, האָט אויף אים געקוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן פון היץ, אַזוי ווי מען קוקט אויף אַ משוגענעם. ער האָט אויך געזען און נישט אַן איבערלעבער אויפרעגונג, ווי ליגיע האָט צוגעדריקט אירע קעניגלעכע ליפּן צו די הענט פונם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט אויסערלעך אויסגעזען ווי אַ שקלאַף, און עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז דער גאַנצער סדר העולם קערט זיך איבער. דערנאָך איז אורסוס אַריינגעקומען און האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער האָט כילאָנען אַרויסגעפירט אויף דער גאַס און ווי ער האָט ביי אים געבעטן מחילה פאַר דער עוולה, וועלכע ער האָט אים אפשר געטון, אָנכאַפּנדיק אים צו שטאַרק ביים אַקסל. און דער אַפּאָסטאָל האָט אויך אים געבענטשט. קריספּוס ווידער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער נצחון-טאָג. הערנדיק וועגן דעמדאָזיקן נצחון, האָט וויניציוש שוין גאָר אינגאַנצן נישט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט.

נאָר ווען ליגיע האָט אים אין אַ ווײַלע אַרום נאָכאַמאָל דערלאַנגט דאָס קילע געטראַנק, האָט ער אויף אַ רגע פאַרהאַלטן איר האַנט און געפרעגט:

— דו האָסט מיר אויך מוחל געווען?

— מיר קריסטן טאָרן נישט טראָגן קיין שנאה אין האַרצן.

— ליגיע — האָט ער דאַן געזאָגט — ווער דיין גאָט זאָל נישט זיין, וועל איך אים מקריב זיין הונדערט אָקסן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז דייבער.

און זי האָט אים געענטפערט:

— וועסט אים אָפּכפּערן אין דיין האַרצן, ווען דו וועסט אים ליב באַקומען.

— נאָר דערפאַר, וואָס ער איז דייבער... — האָט וויניציוש מיט נאָך אַ שוואַכערער שטים ווידער געזאָגט.

און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, דען ער איז ווידער שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

ליגיע איז אַוועקגעגאַנגען, אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אָבער צוריקגעקומען און, בלײַבנדיק שטיין האַרט לעבן אים, האָט זי זיך אָנגעבויגן אום צו זען, אויב ער שלאָפט. וויניציוש האָט געפילט איר נאָענטקייט און עפענענדיק די אויגן, האָט ער אַ שמייכל געטון, זי אָבער האָט אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט, ער זאָל אײַנשלאָפן, און דאַן האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומגעהייערע זיסקייט און ער האָט גלייכצייטיק זיך געפילט מער קראַנק. און עס איז טאַקע אַזוי געווען. עס איז שוין אײַנגאַנצן נאַכט געוואָרן און צוזאַמען דערמיט איז אויך די טעמפּעראַטור אין אים געשטיגן. ער האָט צוליב דעם נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן און ער האָט כּסדר באַגלייט ליגיען מיטן בליק, וווהין זי האָט זיך נאָר געקערט. טײלמאָל איז ער פאַרזינקען אין אַזאַ האַלבן-דרימל, בשעת ווען ער האָט געזען און געהערט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום און ווען די ממשותדיקייט האָט זיך צונויפגעמישט מיט די וויזיעס, וועלכע ער האָט געזען פון היץ. עס האָט זיך אים אַלזאָ געדוכטן, אַז ערגעץ אויף אַן אַלטן פוסטן בית-עולם, הייבט זיך אַ טעמפּל ווי אַ הויכער טורעם אין ליגיע איז דאָרט אַ פּריסטערין, און קוקנדיק איצט אויף איר, האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער זעט זי אויפן שפּיץ טורעם מיט אַ האַרפּע אין דער האַנט אײַנגאַנצן אין שײַן ענלעך צו די פּריסטערינס אין די מזרח-לענדער, וועלכע זינגען אין די נעכט הימנען לכבוד דער לבנה. ער אַליין האָט מיט גרויס מי געקלעטערט אויף די געדרייטע טרעפּ אום זי צו רויבן, נאָך אים איז נאָכגעקראָכן כילאָן, קלאַפּנדיק מיט די ציין פאַר שרעק, רעדנדיק כּסדר: „טו דאָס נישט, האַר, וואָרים דאָס איז אַ פּריסטערין, פאַר וועלכע ער וועט זיך נוקם זײַן“... וויניציוש האָט נישט געוווּסט, ווער דאָס איז דער ער, נאָר געפילט האָט ער, דאָס ער גיִיט איצט טון אַ חילול הקודש און ער האָט זיך אויך עפּעס שטאַרק געשראָקן, אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער באַליסטראַדע, וועלכע רינגלט אַרום דעם שפּיץ טורעם, איז לעבן ליגיען פּלוצלינג אַרויסגעוואַקסן דער אַפּאָסטאָל מיט דער זילבער-ווייסער באָרד און געזאָגט: „הייב נישט אויף איר קיין האַנט, דען זי איז מײַנע“. און דאָס

זאָגנדיק, האָט ער גענומען גיין מיט איר פּאַס לבנה־שיין, ווי איבער אַ וועג צום הימל און ער, וויניציוש, האָט, אויסשטרעקנדיק צו זיי די הענט, גענומען בעטן רחמים, זיי זאָלן אים מיטנעמען מיט זיך.

דאָ האָט ער זיך איבערגעוועקט, איז צו זיך געקומען און גענומען קוקן פאַרויס פאַר זיך. דאָס פייער אויפן קוימען האָט שוין שוואַכער געטליעט, אָבער עס האָט נאָך געוואָרפן אַ גענוג העלן שיין, אַלע זענען געזעסן אַרום ביים פייער וואַרעמענדיק זיך, ווייל עס איז געווען אַ קאַלטע נאַכט און אין שטוב איז זייער קאַלט געווען. וויניציוש האָט געזען די פּאַרע, וועלכע איז אַרויס פון זייערע מיילער. אין מיטן איז געזעסן דער אַפּאָסטאָל, ביי זיינע קני, אויף אַ נידעריק פוסבענקעלע איז געזיסן ליגיע, ווייטער גלויקוס, קריספוס, מרים און ביי די עקן — פון איין זייט אורסוס און פון דער צווייטער נאַזאַריוס, מרימס זון, אַ יינג יונגל, מיט אַ הערלעך געזיכט און לאַנגע, שוואַרצע האָר, וועלכע זענען אים געפאַלן אויף די אַקסלען.

ליגיע האָט געהאָרכט מיט אויפגעהויבענע אויגן צום אַפּאָסטאָל. אויך אַלעמענס געזיכטער זענען געווען געווענדט צו אים און ער האָט גערעדט מיט אַ נידעריקער שטים. וויניציוש האָט מיט אַ געוויסער אַבערגלויבישער מורא, כמעט נישט קיין קלענערע, ווי בשעת די וויזיעס פון היץ, גענומען אים באַטראַכטן. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָט אין היץ געזען דעם אמת און אַז דער דאָזיקער בכבודיקער אורח פון די ווייטע ברעגן וועט אים ווירקלעך צונעמען ליגיען און אוועקפירן זי ערגעץ ווייט, אין אומבאַקאַנטע געגנטן. ער איז אויך זיכער געווען, אַז דער זקן רעדט איצט וועגן אים און אפשר עצהנען זיי זיך, ווי אַזוי אים צוצעשיידן מיט איר, ווארים ער האָט נישט געקענט גלייבן, אַז עס קען ווער רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. אָנשטרענגנדיק אַלזאָ זיין גאַנצן געהער, האָט ער זיך גענומען איינהערן אין דעם אַלטנס רייד.

אָבער ער האָט זיך לחלוטין טועה געווען, דען דער אַפּאָסטאָל האָט גאָר גערעדט וועגן קריסטוסן.

— זיי לעבן בלויז מיט דעם נאָמען! — האָט וויניציוש אַ טראַכט געטון.

און דער אַלטער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי מ'האָט געכאַפּט קריסטוסן און אַ מחנה זעלנער און דינער פון די כּהנים זענען געקומען אים נעמען. און ווען דער גואל האָט זיי געפרעגט, וועמען זיי זוכן, האָבן זיי געענטפערט: „ישוע הנוצרי"! אָבער ווי ער האָט זיי געזאָגט: „דאָס בין איך"! — זענען זיי געפאַלן צו דער ערד און זיי האָבן זיך נישט דערוועגט צו הייבן אַ האַנט אויף אים, נאָר ערשט נאָכן צווייטן מאָל פרעגן האָבן זיי אים גענומען.

דאָ האָט דער אַפּאָסטאָל אָפּגעהאַקט, און אויסציענדיק די הענט צום פייער, האָט ער געזאָגט:

— עס איז דאַמאָלס געווען אַ קאַלטע נאַכט, ווי הייַנט, אָבער דאָס בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, כ'האָב אַלזאָ, אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער, כּדי אָפּצוּווערן אים און כ'האָב דעם דינער פון כּהן גדול אָפּגעהאַקט אַן אויער. און כ'וואָלט אים געשיצט מער ווי מיין אייגן לעבן, ווען ער וואָלט צו מיר נישט געזאָגט: „לייג אַריין דיין מעסער אין שייד. צי דען זאָל איך דעם בעכער, וואָס דער פאָטער דערלאַנגט מיר, נישט טרינקען"?... דאַן האָבן זיי אים געכאַפּט און געבונדן...

דאָס זאָגנדיק האָט ער צוגעדריקט די הענט צום שטערן און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וועלנדיק באַהערשן דעם צופלוס פון זכרונות, וועלכע שטערן אים ווייטער צו דערציילן. אָבער אורסוס האָט, נישט קענענדיק אויסהאַלטן, זיך אַ ריס געטון און האָט מיטן שאַר-אייזן אויפגעוועקט דאָס פייער אויפן קוימען, אַז פינקען האָבן ווי אַ גאָלדענער רעגן גענומען זיך שיטן און דער פלאַם האָט העלער אויפגעפלאַקערט, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אויסגערופן:

— און זאָל שוין זיין, וואָס עס האָט געזאָלט זיין — הע!...

ער האָט אָבער מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, ווייל ליגיע האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל. ער האָט נאָר הויך געסאָפּעט,

און עס איז ניכּר געווען, אַז ער איז געוואַלטיק אויפגעבראַכט און אַז כאָטש ער איז תּמיד גרייט צו קושן דעם אַפּאָסטאָל די טריט, פונדעסטוועגן איז ער מיט יענער האַנדלונג זיינער נישט צופרידן, וואָרים ווען מ'זאָל אַזוי אים אין די אויגן אויפהייבן אַ האַנט אויפן גואל, ווען ער וואָלט געווען אין יענער נאַכט לעבן אים, אוי, וואָלט ער געמאַכט אַ תּל אי פון די זעלנער, אי פון די כּהנים'ס דינער... און די אויגן זעבען אים אַזש פאַרלאָפן מיט טרערן טראַכטנדיק וועגן דעם, פון פאַרדרוס און אינערלעכן ראַנגלען זיך, וואָרים פון איין זייט האָט ער געטראַכט, דאָס נישט נאָר, וואָס ער וואָלט אַליין אָפּגעווערט דעם גואל, נאָר ער וואָלט נאָך אים צוהילף צונויפגערופן די ליגיער יונגען איינס און איינס, און פון דער צווייטער זייט ווידער האָט ער געטראַכט, דאָס ווען ער וואָלט דאָס געטון, וואָלט ער דאָך דערמיט געגאַנגען קעגן דעם גואלס ווילן און וואָלט אַזוי אַרום געשטערט די אויסלייזונג פון דער וועלט.

און ער האָט דעריבער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון טרערן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּעטרוס, אַוועקנעמענדיק די הענט פונם שטערן, גענומען ווייטער דערציילן. אָבער וויניציוש איז ווי דער אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב וואַכנדיקן דרימל פון היץ. דאָס, וואָס ער האָט איצט געהערט, האָט זיך ביי אים צונויפגעפלאָנטערט מיט דעם, וואָס ער האָט די פאַריקע נאַכט געהערט אין אָסטריאַנום וועגן יענעם טאָג, ווען קריסטוס האָט זיך באַוויזן אויפן ברעג פון ים טבריא. ער האָט געזען דעם ברייטן, גלאַנצנדיקן אויבערפלאַך פון ים, אויף אים אַ פישער-שיפל און אין שיפל פּעטרוס און ליגיע. ער, וויניציוש, איז מיט אַלע כּוחות זיי נאָכגעשווימען, אָבער דער שמערץ אינם צעבראָכענעם אָרעם האָט אים געשטערט זיי צו דעריאָגן. דער שטורם האָט אים גענומען שליידערן די כוואַליעס אין די אויגן אַריין און ער האָט שוין גענומען זיך טרינקען, רופנדיק רחמים נאָך הילף. דאַן האָט ליגיע אַנידערגעקניט פאַרן אַפּאָסטאָל. יענער האָט אומגעקירעוועט דאָס שיפל און אויסגעצויגן צו אים דעם רודער, און וועלכן ער האָט זיך אָנגעכאַפּט און

אַרייַנבאַקומען זיך אין שיפֿל, וווּ ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן דעק.

דערנאָך האָט זיך אים ווייטער געדוכטן, אַז קומענדיק צו זיך, האָט ער געזען אַ מאַסע מענטשן שווימען נאָך דעם שיפֿל. די כוואַליעס האָבן שוין מיט שוים באַדעקט זייערע קעפּ, ביי טייל האָט מען פֿון תהום בלויז די הענט נאָך אַרויסגעזען, אָבער פּעט־רוס האָט אייבעם נאָכן צווייטן געראַטעוועט די אומטערגייענדיקע און זיי אַרייַנגענומען אין שיפֿל, וועלכעס איז ווי דורך אַ נס אַלץ גרעסער געוואָרן. אינגיכן איז עס פֿול געוואָרן מיט אַזאַ גרויסן עולם, ווי דער, וועלכער איז געווען צונויפֿגעזאַמלט אין אַסטריאַנום, און באַלד נאָך מער. וויניציוש האָט זיך געחידושט, ווי אַזוי דאָס שיפֿל קען אַלע אין זיך צו אַרייַנגעמען און ער האָט מורא געקריגן, זיי זאָלן נישט אַלע צוזאַמען גיין צום גרונט. אָבער ליגיע האָט אים בערוּמען באַרוּיקן און ווייַזן אים עפּעס אַ שיין אויפֿן ווייטן ברעג צו וועלכן זיי זענען געשווימען. דאָ האָבן זיך וויניציוּשס חלומות ווידער צונויפֿגעפֿלאָנטערט מיט דעם, וואָס ער האָט געהערט אין אַסטריאַנום פֿונם אַפּאָסטאָלס מויל, אַז קריסטוס האָט זיך אַמאָל באַוויזן ביים ברעג טייך. ער האָט אַלזאָ איצט געזען אין יענעם שיין, וואָס אויפֿן ברעג, עפּעס אַ געשטאַלט, צו וועלכער פּעטרוס האָט צוגערודערט, און וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען איז די לופֿט אַלץ שטילער געוואָרן, דער אויבערפֿלאַך אַלץ גלאַטיקער און דאָס ליכט אַלץ העלער. דער המון האָט אָנגעהויבן זינגען אַ זיסן הימן, די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיטן ריח פֿון נרד; דאָס וואַסער האָט גענומען שפּילן מיט רעגנבויגן־פֿאַרבן, ווי פֿון אָפּגרונט וואָלטן אַרויסגעקוקט ליליען און רויזן; און ענדלעך האָט דאָס שיפֿל זיך מילד אָנגעשלאָגן מיטן בויך אָן זאַמד. דאַן האָט ליגיע אים אָנגענומען פֿאַר די האַנט און געזאָגט: „קום, כ׳וועל דיך אַהינפֿירן“! און זי האָט אים געפֿירט אין דער ליכטיקייט.

• • • • • • • • • •

וויניציוּש האָט זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט, אָבער די חלומות זייַנע זענען גאַנץ פֿאַמעלעך צערינען און ער איז נישט מיטאַמאָל

בעקומען צו זיך. א שטיקל צייט האט זיך אים נאך אלץ געדוכטן, דאס ער שטייט ביים ברעג טייך א־ומגערינגלט מיט א המון, צווישן וועלכע ער האט, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, גענומען זוכן פעטראניוסן און ער האט זיך געוואונדערט, פארוואס ער זעט אים דא נישט. דאס העלע פייער אויפן קוימען, לעבן וועלכן עס איז שוין קיינער נישט געווען, האט אים פונדעסטוועגן אויסגעניכטערט. די איילבירט־צווייגלעך האבן נאך קוים געטליעט אונטערן ראזן אש, דערפאר אבער האבן די שטיקער סאסנע־האלץ, וועלכע מ'האט, ווייזט אויס, ערשט נישט לאנג פריש צוגעווארפן, העל געפלאקערט, און אין דעם שיין האט וויניציוש דערזען ליגיען, זיצנדיק נישט ווייט פון זיין בעט.

אויף איר אנבליק איז ער טיף גערירט געווארן. ער האט געדענקט, אז זי האט די פאריקע נאכט פארבראכט אין אסטריאנום און א גאנצן טאג איז זי פארנומען געווען ביים פארבינדן זיינע וווּנדן און איצט, ווען אלע זענען אוועק שלאפן, איז זי איינע געבליבן וואך ביי זיין בעט. עס איז אבער לייכט געווען צו באמערקן, אז זי איז פונדעסטוועגן זייער מיד, וואריט זי איז געזעסן אומבאוועגלעך מיט אראפגעלאזטע ברעמען. וויניציוש האט נישט געוווּסט, צי זי שלאפט, צי זי איז נאר אזוי פארטיפט אין געדאנקען. ער האט באטראכט איר פראפיל, אירע אראפגעלאזטע ברעמען, אירע צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני, און אין זיין נעצנדיגערישן קאפ האט קוים אנגעהויבן זיך אויספיקן א געדאנק, אז אויסער די נאקעטע, שטאלצע מיט אירע פארמען זיכערע אין זיך גריכישע און רוימישע שיינקייט, איז נאך פאראן אויף דער וועלט אויך אן אנדערע שיינקייט, א נייע, א געוואלטיק ריינע, אין וועלכער עס איז א נשמה פאראן.

ער איז נאך נישט פעיק געווען דערצו, אום אין דעם צו זען קריסטלעכע שיינקייט. דאך, טראכטנדיק וועגן ליגיען, האט ער שוין נישט געקענט אפטיילן זי פון איר גלויבן. ער האט אפילו באגריפן, אז אויב אלע זענען אוועק שלאפן און בלויז ליגיע, זי, וועמען ער האט שלעכטס געטון, וואכט ביי אים, מוז זי עס טאקע נאר דערפאר, ווייל איר גלויבן לערנט אזוי, דערדאזי-

קער געדאַנק, וועלכער האָט אים דורכגעדרונגען מיט באַוווּנדע־רונג, איז אים אָבער גלייכצייטיק אויך געווען אומאַנגענעם. ער וואָלט גלייכער געוואָלט, אַז ליגיע זאָל דאָס טון אויס ליבע צו אים, צו זיין געזיכט, אויגן, צוליב זיינע סטאַטוע־אַרטיקע פאָרמען, מיט איין וואָרט, צוליב דעם אַלעם, צוליב וועלכן אַרום זיין האָלדז האָבן זיך שוין נישט איינמאָל געוויקלט שניי־ווייסע גריכישע און רוי־מישע הענטלעך.

פלוצלינג אָבער האָט ער דערפילט, דאָס ווען זי וואָלט גע־ווען אַזעלכע, ווי אַלע אַנדערע פרויען, וואָלט זי שוין פאַר אים נישט געווען דאָס וואָס איצט, און ער איז פאַרבליפט געבליבן אַליין נישט וויסנדיק, וואָס מיט אים קומט פאָר, דען ער האָט אומגעריכט באַמערקט, אַז אויך אין אים הייבן אָן געבוירן ווערן עפעס נייע באַגריפן און נייע געשמאַקן, וועלכע זענען ווילד־פרעמד דער וועלט, אין וועלכער ער האָט ביז איצט גע־לעבט.

דערווייל האָט זי געעפנט די אויגן און זעענדיק, אַז וויני־ציוש קוקט אויף איר, איז זי צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— איך בין לעבן דיר.

און ער האָט געענטפערט:

— כ׳האָב געזען אין חלום דיין נשמה.

XXVI.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט זייער אָפּגעשוואַכט, אָבער מיט אַ קאַלטן קאָפּ און אָן היץ. עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, דאָס עס האָט אים אויפגעוועקט אַ געשעפּטשעריי, אָבער ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז ליגיע נישט געווען לעבן אים, נאָר אורסוס האָט, שטייענדיק אָנגעבויגן איבערן קוימען, גענישטערט אין גרויען אַש און געזוכט אַ נאָך טליִענדיקע קויל, און געפינענדיק עס, האָט ער גענומען עס צעבלאָזן אַזוי, ווי ער וואָלט עס געטון נישט מיטן מויל, נאָר מיט אַ בלאָז-זאַק. וויניציוש, דערמאָנענדיק זיך, דאָס דערדאָזיקער מענטש האָט נעכטן דערקוועטשט קראָטאָנען, האָט זיך איצט, מיט דער נייגיריקייט פון אַ צירק-ליבהאָבער, אייגגעקוקט צו זיין ריזיקן רוקן, וועלכער איז ענלעך געווען צו דעם רוקן פון אַ ציקלאָפּ, און צו זיינע פעסטע, ווי די זיילן, פיס-מוסקולן.

— אַ דאַנק מערקורן, וואָס ער האָט מיר דעם קאָפּ נישט געפלעט — האָט ער זיך געטראַכט. — ביי פּאָלוקסן! אויב אַלע

ליגיער זענען אזעלכע. ווי ער, וועלן די דאנוביער לעגיאָנען נאָך האָבן מיט זיי אַ שווער שטיקל אַרבעט!

און ער האָט הויך אויפן קול אַ רוף געטון:

— העי, דו שקלאַף!

אורסוס האָט אַוועקגענומען דעם קאָפּ פון קוימען און, פרייַנטלעך אַ שמייכל טוענדיק צו אים, האָט ער געזאָגט:

— זאָל דיר גאָט געבן, האַר, אַ גוטן טאָג און אַ גוט געזונט, אָבער איך בין אַ מענטש אַ פרייער, נישט קיין שקלאַף.

אויף וויניציושן, וועלכער האָט חשק געהאַט אויסצופרעגן אורסוסן וועגן ליגיעס געבורטס-לאַנד, האָבן דידאָזיקע ווערטער געמאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק, וואָרים פירן אַ געשפּרעך מיט אַ פרייען מענטש, כאָטש אַ פּראָסטן, איז פונדעסטוועגן אַ קאַפּערע בושה געווען פאַר זיין רוימישן און פּאַטריצישן כבוד, ווי שמועסן מיט אַ שקלאַף, וועמען נישט דאָס געזעץ, נישט דאָס לעבן האָבן אָנערקענט אַלס מענטש.

— ביסטו דען נישט ביי אווילוסן? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, האַר. איך דין קאַליגען, ווי כ'האָב געדינט איר מוטער, אָבער נאָר פרייוויליק.

און ער האָט ווידער באַהאַלטן דעם קאָפּ אין קוימען אום צו דערבלאָזן די טליענדיקע קוילן, צו וועלכע ער האָט פריער צוגעוואָרפן האָלץ, דערנאָך האָט ער אים צוריק אַרויסגענומען און געזאָגט:

— ביי אונדז איז נישטאָ קיין שקלאַפן.

וויניציוש אָבער האָט אים געפרעגט:

— וווּ איז ליגיע?

— זי איז אַקאָרשט וואָס אַוועקגעגאַנגען און איך דאַרף אָפּקאָכן פאַר דיר, האַר, פרישטיק. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט לעבן דיר.

— פאַרוואָס האָסטו זי נישט פאַרטרעטן?

— ווייל זי האָט אַזוי געוואָלט, און מיין זאַך איז צו האָרכן.

דאָ זענען אים די אויגן פאַרוואָלקנט געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— ווען איך זאָל זי נישט האָרכן, וואָלסטו, האַר, שוין איצט נישט געלעבט.

— באַדויערסטו דען, וואָס דו האָסט מיך נישט דער־הרגעט?

— ניין, האַר. קריסטוס הייסט נישט מאָרדן.

— און אַטאַצינוס? און קראַטאָן?

— כ'האָב אַנדערש נישט געקענט — האָט אורסוס אַ מורמל געטון.

און ער האָט גענומען זיך קוקן אויף די הענט, ווי מיט פּאַרדרוס, וואָס זיי זענען, ווייזט אויס, געבליבן געצנדינעריש, אין דער צײַט, וואָס די נשמה זײַנע האָט דעם היילקן טויף אָנגענומען.

דערנאָך האָט ער אַרויפגעשטעלט אַ טאַץ אויפן קוימען, און אַראָפּזעצנדיק זיך אויף די קניען, האָט ער פאַרטראַכטערהייט גע־קוקט אויפן פײַער.

— דאָס ביסטו שולדיק, האַר, — האָט ער לסוף געזאָגט — פאַרוואָס האָסטו אויף איר, אויף אַ בת־מלכה, אויפגעהויבן אַ האַנט?

אין דער ערשטער מינוט האָט אין וויניציושן אַ קאָך אויף געטון דער שטאָלץ, אַז אַ פלעבייער, אַ באַרבאַר האָט די העזה, נישט נאָר מיט אים אַזוי אײַנטים צו שמועסן, נאָר אויך אים צו מוסרן. צו די אַלע אויסערגעוויינטלעכע און אומגליקלעכע זאַכן, וועלכע האָבן זיך מיט אים פון דער אייערבעכטיקער נאַכט אָן פּאַ־סירט, איז איצט נאָך עפּעס צוגעקומען. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אָנמעכטיק און האָט נישט געהאַט צו זײַן באַפעל די שקלאַפן זײַנע, האָט ער זיך געהעמט, אגב האָט דער חשק געוויר צו ווערן כאָטש אייניקע פּרטים פון ליגיעס לעבן גובר געווען.

אַלזאָ, באַרויִקנדיק זיך, האָט ער גענומען זיך אויספרעגן וועגן דער קריג פון די ליגיער קעגן וואַנגיוסן און די סוועון. אורסוס האָט גערן דערציילט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין סך צוצו־

געבן צו דעם, וואָס וויניציוש האָט שוין געהערט פון אוילוס פלויצי-
יוס. אורסוס איז אַליין אין שלאַכט נישט געווען, ווייל ער האָט
באַגלייט די ערבותניצעס אין אַטעליוס היסטערס לאַגער. ער ווייסט
גאָר, אַז די ליגיער האָבן צעקלאַפּט די סוועוון און די יאַזיגן,
אָבער זייער אַנפירער און קעניג איז געפאַלן פון דער פייל פון
אַ יאַזיגער. באַלד דערנאָך האָבן זיי דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז די
סעמנאָנער האָבן אונטערגעצונדן די וועלדער ביי זייערע גרענעצן,
דאַן זענען זיי געשווינד צוריק אַהיים זיך נוקם זיין, און די ערבות-
ניצעס האָבן זיי איבערגעלאָזט ביי אַטעליוס, וועלכער האָט
לכתחילה זיי געהייסן אָפּגעבן קעניגלעכן כבוד. שפּעטער איז ליגיעס
מוטער געשטאָרבן. דער רוימישער אַנפירער האָט דאַן נישט גע-
ווסט, וואָס צו טון מיטן קינד. אורסוס האָט מיט דעם קינד גע-
וואָלט זיך אומקערן אַהיים אין לאַנד אַריין, אָבער דער וועג
איז געווען אַ געפערלעכער צוליב חיות רעות און ווילדע שבטים;
ווען ס'איז אַלזאָ געקומען אַ ידיעה, אַז עפּעס שלוחים פון די ליג-
יער געפינען זיך ביי פּאָמפּאָניוסן, פאַרלייגנדיק אים הילף קעגן
די מאַרקאָמאַנער, האָט היסטער זיי אַוועקגעשיקט צו פּאָמפּאָניוסן.
אַהינקומענדיק צו פּאָמפּאָניוסן האָבן זיי זיך אָבער דערוווּסט, אַז
קיין שום שלוחים זענען נישט געווען און זיי זענען אַזוי נאָך פאַר-
בליבן אין לאַגער, פונוואַנען פּאָמפּאָניוס האָט זיי געבראַכט צו-
פירן קיין רוים און נאָך דער טריומף-צערעמאָניע האָט ער דאָס
קעניגלעכע קינד אַוועקגעגעבן פּאָמפּאָניע גרעציניען.

וויניציוש האָט מיט פאַרגעניגן געהאָרכט דידאָויקע דערציי-
לונג, כאָטש נאָר אייניקע קליינע פּרטים זענען פאַר אים געווען
ניי, ווייל זיין אומגעהייערער פאַמיליען-שטאָלץ האָט זיך געפילט
זייער געשמייכלט דערפון, וואָס אַן עד-ראיה באַשטעטיקט ליגיעס
קעניגלעכע אָפּשטאַמונג. אַלס פּרינצעסין וואָלט זי געקענט פאַר-
נעמען ביים צעזאַר אין הויף אַ שטעלונג גלייך מיט די טעכטער
פון די בכבודיקסטע גזעס, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק,
איבער וועלכן איר פאָטער האָט געהערשט, האָט נאָך ביז איצט
קיין קריג נישט געפירט מיט די רוימער און כאָטש עס איז אַ
באַרבאַריש פאָלק, קען עס זיך אַרויסווייזן אַלס זייער געפערלעך,

דפֿן לויט אַטעליוס היסטערס רייד האָבן זיי אַן „אומגעהייערע צאָל" קריגער.

איבעריקנס האָט אורסוס פֿולקאָם באַשטעטיקט היסטערס רייד, וואָרים אויף וויניציושס פֿראַגע וועגן די ליגיער, האָט ער גע־ענטפֿערט:

— מיר וווינען אין די וועלדער, נאָר ערד האָבן מיר אַזוי פֿיל, אַז קיינער ווייסט נישט, ווו דער סטעפּ ענדיקט זיך, און מענטשן איז דאָרט דאָ אַ סך. מיר האָבן דאָרט אין סטעפּ אויך ישובֿים פֿון האָלץ, ווו עס איז פֿאַרהאַן פֿון כּל־טובֿ, וואָרים אַלץ, וואָס די סעמנאָנען, מאַרקאָמאַנען, וואַנדאַלן און קוואַדן רויבן אָן אויף דער וועלט, נעמען מיר ביי זיי צו און זיי האָבן מורא מיט אונדז אייַנצורייסן, נאָר ווען דער ווינט בלאָזט פֿון זייער זייט, צינדן זיי אונדז די וועלדער. מיר אָבער האָבן נישט קיין מורא נישט פֿאַר זיי, נישט פֿאַרן רוימישן צעזאַר.

— די רוימער האָבן פֿון די געטער באַקומען די הערשאַפֿט איבער דער ערד — האָט וויניציוש ערנסט געזאָגט.

— די געטער זענען בייזע רוחות — האָט אורסוס בתמימות געענטפֿערט — און ווו די רוימער זענען נישטאָ, דאָרט איז קיין הערשאַפֿט נישטאָ.

ער האָט אויפֿגערודערט דאָס פֿייער און האָט ווי צו זיך אַליין גערעדט.

— ווען קאַלינאַ איז גענומען געוואָרן צום צעזאַר אין פּאַלאַטין און איך האָב געקלערט, אַז עס קען איר דאָרט עפּעס שלעכטס געשען, האָב איך געוואָלט אַוועק הענט ווייט, אין די וועלדער אַריין, און ברענגען די ליגיער דער פּרינצעסין צו הילף. און די ליגיער וואָלטן אַוועק צום דונײַ, דען זיי זענען זייער גוטע מענטשן, כאָטש זיי זענען געצנדינער. אָט! וואָלט איך זיי געבראַכט די „גוטע בשורה". אָבער איך וועל נאָך אַזוי אויך, ווען עס איז, ווען קאַליגע וועט צוריק זיין ביי פּאָמפּאָניען, ביי איר בעטן, זי זאָל מיר דערלויבן אַוועק צו זיי, וואָרים קריסטוס איז געבוירן געוואָרן זייער ווייט און זיי האָבן אַפֿילו נישט געהערט וועגן אים... ער האָט, מסתּמא, בעסער געוווּסט, ווו געבוירן צו ווערן, נאָר ווען

ער וואָלט אַזוי ביי אונדז אין סטעפּ געבוירן געוואָרן, וואָלטן מיר אים זיכער נישט פאַרפייניקט, נאָר מיר וואָלטן דאָס קינד געהאָדעוועט און געהיטן עס זאָל אים קיינמאָל נישט פעלן קיין פלייש, קיין שוואָמען, קיין באָברן־פעל, קיין בורשטין. און וואָס מיר וואָלטן ביי די סוועון, אָדער ביי די מאַרקאָמאַנען צוגערויבט, וואָלטן מיר אים אַוועקגעגעבן, כדי ער זאָל זיין זאַט און צופרידן.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אַרויפגעשטעלט אויפן פייער דעם טאָפּ מיט זופּ פאַר וויניציוש און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט, ווייזט אויס, איצט אין געדאַנק אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די ליגישע סטעפּעס. ערשט ווען די זופּ האָט אָנגעהויבן צו זידן, האָט ער זי אַריינגעגאָסן אין אַ פלאַכער שיסל און, לאָזנדיק עס זיך אָפּקילן, האָט ער געזאָגט:

— גלויקוס האָט געבעטן, זאָלסט, האַר, וואָס וויניקער באַוועגן אפילו מיט דער געזונטער האַנט, קאַלינע האָט דעריבער געהייסן, איך זאָל דיך קאָרמענען.

ליגיע האָט געהייסן! אויף דעם איז קיין ענטפער נישט געווען. וויניציוש איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו גיין קעגן איר ווילן, ווי זי וואָלט געווען דעם צעזאַרס טאָכטער אָדער אַ געטין. ער האָט דעריבער קיין וואָרט נישט געזאָגט. און אורסוס האָט, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן זיין בעט, גענומען שעפּן זופּ פון דער שיסל מיט אַ קליין טעפּעלע און דערלאַנגט אים צום מויל. ער האָט דאָס געטון אַזוי זאָרגפעלטיק, מיט אַזאַ גוט שמייכעלע אין זיינע בלויע אויגן, דאָס וויניציוש האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט, אַז דאָס איז דערזעלבער שרעקלעכער טיטאַן, וועלכער האָט נעכטן דערקוועטשנדיק קראַטאָנען זיך אויף אים אַליין געוואָרפן ווי אַ שטורעם, און ער וואָלט אים זיכער צעשמעטערט, ווען נישט ליגיעס רחמנות. דער יונגער פּאַטריציער האָט איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן גענומען זיך פאַרטראַכטן איבער דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער ברוסט ביי אַ המון־מענטש, אַ דינער און אַ באַרבאַר.

אורסוס אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף אַזוי פיל נישט

קיין געשיקטע ביאַנקע, ווי אַ בעטרייע. דאָס טעפּעלע איז געגנצלעך פאַרלוירן געוואָרן אין זייַנע הערקולעס־פינגער, אַזוי, אַז עס איז גאָר קיין אָרט נישט געבליבן פאַר וויניציושס ליפּן. נאָך עטלעכע נישט געלונגענע פּראָבעס איז דער ריז געקומען אין גרויס פאַרלעגנהייט און געזאָגט:

— עך, ס'איז שוין לייכטער אַ זובר פון זיין באַהעלטעניש אַרויסצופירן...

וויניציושן איז געפעלן דעם ליגיערס פאַרלעגנהייט, אָבער נישט ווייניקער האָט אים אינטערעסירט זיין באַמערקונג. ער פלעגט אַמאָל זען אין די צירקן די שרעקלעכע „אורן", וועלכע מ'האָט אַראָפּגעבראַכט פון די צפון־סטעפּעס, נאָך וועלכע די טיכטיקסטע „בעסטיאַרן" פלעגן מיט מורא זיך יאָגן און וועלכע האָבן זיך נאָר מיט העלפאַנטן געקענט פאַרגלייכן אין דער גרייס און שטאַרקייט.

— שוין זשע האָסטו אַמאָל געפּרוווט נעמען אַזאַ בעסטיע פאַר די הערנער?

— איידער עס זעבן איבער מיר צוואַנציק ווינטערן אַריבער פלעג איך מורא האָבן — האָט אורסוס געענטפערט — אָבער דערנאָך פלעגט עס זיך טרעפן!

און ער האָט ווידער גענומען קאָרמענען וויניציושן, נאָך אומגעשיקטער, ווי פריִער.

— כ'וועל מוזן בעטן מרימען, אָדער נאַזאַריושן — האָט ער געזאָגט.

דערווייל אָבער האָט ליגיע אַרויסגעבויגן איר בלאַס פּנים פון הינטער דער פאָרהאַנג.

— כ'וועל באַלד צוהעלפן. — האָט זי געזאָגט.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַרויס פון קוביקולום, וווּ זי האָט זיך, ווייזט אויס, געוואָלט לייגן שלאָפן, דען זי האָט געהאַט צעלאָזטע האָר און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסטן טוניק, וועלכעס די אַלטע רוימער פלעגן רופן „קאַפּיטיום", און וועלכעס האָט גוט פאַרדעקט די ברוסט.

וויניציוש, ביי וועמען ס'האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיקער

קלאָפּן, זעענדיק זי, האָט איר גענומען אויסרעדן, פאַרוואָס זי איז נאָך ביז איצט נישט געשלאָפן, אָבער זי האָט אים פריילעך געענטפערט:

— כ'האָב טאַקע ערשט דאָס געוואָלט טון, אָבער איך וועל פריִער פאַרטרעטן אורסוסן.

און נעמענדיק דאָס טעפּעלע, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און גענומען קאָרמענען וויניציושן, וועלכער האָט זיך איצט געפילט אי קליין און אי גליקלעך. ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, האָט אויף אים אַ שלאָג געטון די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, אירע צעלאָזטע האָר זענען אים געפאַלן אויף דער ברוסט און ער איז בלייך געוואָרן פון דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט אויף אים געמאַכט, אָבער אין דער סאַמער פאַרווירטקייט און תאווה־גלוט האָט ער גלייכצייטיק געפילט, אַז דערדאָזיקער קאָפּ איז פאַר אים דאָס טייערסטע און ליבסטע, קעגן וועלכן די גאַנצע וועלט איז גאָרנישט. פריִער האָט ער נאָר געגלוסט צו איר, איצט אָבער האָט ער זי ליב מיט דער פולער ברוסט. פריִער איז ער, ווי אַלע דאַמאָלסדיקע מענטשן, אַזוי אין לעבן, אַזוי אויך אין געפיל געווען אַ בלינדער, ענגהאַרציקער עגאָיסט, וועלכער האָט קודם כּל זיך אין זינען געהאַט, איצט איז אים אויך געגאַנגען וועגן איר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין נישט געוואָלט מער עסן, און כאָטש ער האָט, קוקנדיק אויף איר און מיט איר געזעגענען זיך לעבן אים, געפילט אַן אומגעהייער פאַרגעניגן, האָט ער דאָך געזאָגט:

—גענוג — גיי שלאָפן, געטײַן מײַנע.

— רוף מיך נישט אַזוי — האָט זי געענטפערט — עס איז נישט שיין פאַר מיר דאָס צו הערן.

פונדעסטוועגן האָט זי אַ שמייכל געטון צו אים, און דערנאָך האָט זי אים געזאָגט, אַז דער שלאָף איז פון איר אַוועק, אַז זי פילט זיך גאָרנישט מיד און אַז זי וועט נישט גיין שלאָפן, ביז גלויקוס וועט נישט קומען. ער האָט אירע ווערטער געהערט ווי מוזיק, און דערבײַ איז אים דאָס האַרץ איבערפולט געוואָרן,

וואָס אַמאָל מיט מער ווייכקייט, אַנטציקונג דאַנקלעכקייט, און ער האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן, ווי אַזוי איר דידאַזיקע דאַנקלעכקייט ארויסצוווייזן.

— ליגיע — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן געזאָגט — איך האָב דיך פריִער נישט געקענט. אָבער איצט ווייס איך, אַז איך האָב מיט אַ שלעכטן וועג געוואָלט גיין צו דיר, דעריבער זאָג איך דיר: קער דיך אום צו פּאָמפּאָניע גרעציניע און זײַ זיכער, אַז פון איצט אָן וועט קיינער אויף דיר קיין האַנט נישט הייבן.

אָבער איר געזיכט איז מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן.

— איך וואָלט גליקלעך געווען, ווען איך זאָל כאָטש פונדער-ווייטנס קענען אַ קוק טאָן אויף איר, אָבער אומקערן זיך צו איר קען איך נישט.

— פאַרוואָס? — האָט וויניציוש פאַרחידושט געפרעגט.

— דורך אַקטען ווייסן מיר, קריסטן, וואָס עס טוט זיך אין פּאַלאַטין; און האָסטו דען נישט געהערט, אַז דער צעזאַר האָט, באַלד נאָך מײַן אַנטלויפן, איידער ער איז געפאָרן קיין נעאַפּאָליס, געלאָזט רופן אויגוסטן און פּאָמפּאָניען — און מיינענדיק, דאָס זיי האָבן מיר געהאָלפן אַנטלויפן, האָט ער זיי געדראָט מיט זײַן צאָרן. צום גליק האָט אים אויגוס געקענט ענטפערן: „דו ווייסט דאָך, האַר, אַז איך רעד קיינמאָל נישט קיין ליגנט, אַלזאָ שווער איך דיר, אַז מיר האָבן איר נישט געהאָלפן אַנטלויפן און דאָס מיר ווייסן נישט, אַזוי גוט ווי דו, וווּ זי איז אַהינגעקומען". דער צעזאַר האָט געגלייבט און דערנאָך האָט ער פאַרגעסן וועגן דעם — איך אָבער האָב, לויט די עצה פון די עלטסטע, קיינמאָל נישט געשריבן צו דער מוטער, וווּ איך געפין זיך, כדי זי זאָל דרייסט קענען שווערן, אַז זי ווייסט גאָרנישט וועגן מיר. דו, וויניציוש, פאַרשטייסט דאָס אפשר נישט, אָבער מיר קריסטן טאָרן קיין ליגנט נישט זאָגן אפילו דאַן, ווען עס גייט וועגן לעבן. אַזעלכער איז אונדזער גלויבן, צו וועלכן מיר פּאַסן זיך צו מיט די הערצער, איך האָב אַלזאָ נישט געזען פּאָמפּאָניען פון דער צייט אָן, וואָס איך בין פון זיי אַוועק. זי ווידער האָט נאָר פון צייט

צו צייט געהאַט טויבע גרויסן חעגן מיר, אַז איך לעב און בין אויסער געפאַר.

דאָ האָט זי מיטאַמאָל דערפילט אַזאַ בענקשאַפט, אַז די אויגן זענען איר פייכט געוואָרן פון טרערן, זי האָט זיך אָבער באַלד באַרויקט און געזאָגט:

— כ'ווייס, אַז אויך פּאַמפּאָניע בענקט נאָך מיר, מיר האָבן אָבער אַזאַ טרייסט, וואָס אַנדערע האָבן נישט.

— יאָ — האָט וויניציוש געענטפערט, — אייער טרייסט איז קריסטוס, אָבער איך פאַרשטיי דאָס נישט.

— קוק אויף אונדז: פאַר אונדז איז נישטאָ קיין צעשיידונג, קיין שמערץ און קיין ליידן, און אויב זיי קומען יאָ, ווערן זיי פאַרביטן אין פרייד. און דער טויט אַליין, וועלכער איז פאַר אייך דער סוף פונם לעבן, איז פאַר אונדז נאָר אַן אָנהייב פון אַ ניי, גרעסער גליק, פון אַ רויק און אייביק לעבן. באַטראַכט זיך נאָר, וואָס פאַר אַ גלויבן מוז דאָס זיין, וועלכער הייסט אונדז רחמנות האָבן אויף די שונאים אפילו, פאַרבאָט אונדז ליגנט זאָגן, רייניקט אונדזערע נשמות פון בייז, און זאָגט אונדז צו גליק אָן אַ מאָס נאָכן טויט.

— כ'האָב דאָס געהערט אין אָסטריאַנום און כ'האָב געזען, ווי אַזוי איר זענט זיך באַגאַנגען מיט מיר און מיט כילאָנען. און ווען איך טראַכט וועגן דעם, דאַכט זיך מיר נאָך איצט, אַז דאָס איז אַ חלום, און אַז איך דאַרף מיינע אויגן און מיינע אויערן נישט גלייבן. אָבער דו ענטפער מיר נאָר אויף איין פראַגע: ביסטו גליקלעך?

— יאָ! — האָט ליגיע געענטפערט. — גלייבנדיק אין קריסטוסן קען איך נישט זיין אומגליקלעך.

וויניציוש האָט אויף איר אַ קוק געטון, פונקט ווי דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, וואָלט בעתען אויסער דעם מענטשלעכן פאַר-שטאַנד.

— און וואָלסט נישט געוואָלט צוריק צו פּאָמפּאָניען?

— מיטן גאַנצן האַרץ ווייל איך און וועל צוריק צו איר, אויב גאָטס רצון וועט זיין דערביי.

— אַלזאָ זאָג איך דיר: קער זיך אום, און איך וועל דיר שווערן אויף מיינע לאַרעס, אַז כ'וועל נישט אויפהייבן די האַנט אויף דיר.

ליגיע האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע, דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערופן:

— ניין, כ'קען נישט אַריינציען אין אַ סכּנה מיינע גאַנטע. צעזאַר האָט נישט ליב די משפּחה פּלוציוס. ווען איך וואָלט זיך אומגעקערט — דו ווייסט דאָך, ווי דורך די שקלאַפן ווערט יעדע ידיעה פאַרשפּרייט איבער רוים — וואָלט אויך מיין צוריקקער געוואָרן באַוווּסט אויפן שטאָט, און נירון וואָלט זיך באַלד בלי־ספק וועגן דעם דערוווּסט דורך זיינע שקלאַפן. ער וואָלט דעמאָלט די אַולוסעס באַשטראָפט, און יעדנפאַלס וואָלט ער מיך פון זיי ווידער צוגענומען.

— יאָ — האָט געזאָגט, קנייטשנדיק די ברעמען, וויניציוס — דאָס קען זיין. ער וואָלט עס געטאָן, כּדי צו ווייזן, אַז ער מוז אויספירן. אמת איז, אַז ער האָט נאָר פאַרגעסן אַן דיר, אָדער ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, מיינענדיק, אַז נישט אים, נאָר מיר איז עפּעס געמינערט געוואָרן. נאָר אפשר... צונעמענדיק דיך פון די אַולוסעס... וואָלט ער דיך מיר אָפּגעגעבן און איך וואָלט דיך צוריקגעקער טפּאָמפּאָניען.

נאָר זי האָט אַ פרעג געטאָן טרויעריק:

— וויניציוס, צי וואָלסטו געוואָלט מיך ווידער זען אויפן פּאַלאַטינוס?

ער האָט פאַרקריטשעט די ציין און געענטפערט:

— ניין, ביסט גערעכט. כ'האָב גערעדט, ווי אַ שוטה! ניין!

און פּלוצלונג האָט ער דערזען פאַר זיך אַ מוראדיקן אָפּגרונט. ער איז געווען אַ פּאַטריציער, ער איז געווען אַ מיליטערישער טריבון, געווען אַ מעכטיקער מענטש, נאָר איבער אַלע כּוחות פון דער וועלט, צו וועלכע ער האָט געהערט, איז געשטאַנען אַ משוגענער, וואָס נישט זיין ווילן, נישט זיין שלעכטסקייט האָט מען נישט געקענט פאָרויסזען. זיך נישט

רעכענען מיט אים, נישט מורא האָבן פאַר אים האָבן נאָר געקענט אַזעלכע מענטשן, ווי די קריסטן, פאַר וועלכע די גאַנצע וועלט מיט אירע צושיידענישן, ליידן און מיטן טויט גופא האָט נישט געהאַט קיין ווערט. אַלע אנדערע האָבן געמוזט ציטערן פאַר אים. די שרעקלעכקייט פון די צייטן, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, האָט זיך פאַר וויניציוסן אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער מאוסקייט. ער האָט נישט געקענט אָפּוועקגעבן ליגיען די אולויסעס׳ אויס מורא, אַז די חיה זאָל זיך נישט דערמאָנען אין איר און זאָל נישט אויסלאָזן אויף איר זיין גרימצאָרן. צוליב דערזעלבער סיבה, ווען ער וואָלט איר גענומען פאַר אַ ווייב, וואָלט זי, ער און די אולוסעס זיך געפונען אין אַ געפאַר. איין מינוט שלעכטער הומאָר איז געווען גענוג, כדי אַלע אומצוברענגען. וויניציוס האָט דעם ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט, אַז אָדער די וועלט מוז זיך בייטן און איבעראַנדערשן, אדער דאָס לעבן וועט ווערן אינגאַנצן אומדערטרעגלעך. ער האָט אויך פאַרשטאַנען דאָס וואָס איז מיט אַ מינוט פריער, געווען פאַר אים פאַרהוילן, — אַז אין אַזעלכע צייטן קענען נאָר די קריסטן זיין גליקלעך.

נאָר פאַר אַלעם האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות, וואָרום ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין האָט אַזוי פאַרדרייט ליגיעס לעבן און אַז פון דער פאַרדרייעניש איז גאָרנישט געווען קיין אַרויסגאַנג. און באַהערשט פון רחמנות-געפיל האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן:

— צי ווייסטו, אַז דו ביסט גליקלעכער פון מיר? דו אין אָרעמקייט און אין איין צימער צווישן די פּשוטע מענטשן האָסטו געהאַט דיין לערע און דיין קריסטוס, איך האָב דיך נאָר איינע אַליין און ווען איך האָב דיר נישט געהאַט, בין איך געווען ווי דער בעטלער, וועלכער האָט נישט קיין דאַך איבער זיך, און נישט קיין ברויט, דו ביסט מיר טייערער פון דער גאַנצער וועלט. כ'האָב דיך געזוכט, וואָרום איך האָב אָן דיר נישט געקענט לעבן. כ'האָב נישט געוואָלט קיין סעודות, קיין שלאָף. ווען נישט די האָפענונג, אַז איך וועל דיך געפינען, וואָלט איך זיך געוואָרפן אויפן שווערד.

נאָר איך האָב מורא פֿאַרן טויט, וואָרום כ'וואָלט נישט געקענט קיין אויף דיר. איך זאָג דיר דעם ריכטיקן אמת. אַז איך קען אָן דיר נישט לעבן און ביז איצט האָב איך געלעבט נאָר מיט דער האָפֿנונג, אַז איך וועל דיך געפֿינען און דיך זען. צי געדענקסטו אונזערע שמועסן ביי די אוילוסעס? איינמאָל האָסטו מיר אָנגעצייכנט אַ פֿיש אויפֿן זאַמד און איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט. צי געדענקסטו, ווו מיר האָבן זיך געשפּילט אין באַל? איך האָב דיך שוין דעמאָלט געליבט מער ווי מיין לעבן און דו האָסט שוין אויך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך ליב דיך... איז אָנגעקומען אוילוס, האָט אונז געסטראַשעט מיט ליביטינען און האָט אונז איבערגעריסן דעם שמועס. פּאָמפּאָניע האָט געזאָגט פּעטראָניוסן ביים אַוועקגאַנג, אַז גאָט איז איינער, אַן אַלמעכטיקער און אַ רחמנותדיקער, און אונז איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז אייער גאָט איז קריסטוס. זאָל ער מיר דיך אָפּגעבן און איך וועל אים ליבן, כאָטש ער ווייזט מיר אויס צו זיין דער גאָט פֿון שקלאַפֿן, באַרבאַרן און בעטלערס. דו זיצסט לעבן מיר און קלערסט נאָר וועגן אים. קלער אויך וועגן מיר, אַז נישט וועל איך אים פֿיינט האָבן. ביי מיר ביסטו אַליין אַ גאָט. געבענטשט זאָל זיין דער פֿאָטער און די מוטער, געבענטשט די ערד, וואָס האָט דיך אַרויסגעגעבן. איך וואָלט גערן אַרומגענומען דיינע פֿיס און מתפּלל געווען צו דיר, דיר אָפּגעגעבן כבוד, דיר מקריב געווען קרבנות, זיך געבוקט צו דיר — דו דרייפֿאַך געטלעכע! דו ווייסט נישט, דו קענסט נישט וויסן, ווי איך ליב דיך...

דאָס זאָגנדיק, האָט ער דורכגעפֿירט זיין האַנט איבערן בלייכן שטערן און פֿאַרמאַכט די אויגן. זיין נאַטור האָט נישט געהאַט קיין צוים, נישט אין כעס און נישט אין ליבע. ער האָט גערעדט מיט התלהבות, ווי אַ מענטש, וועלכער האָט אויפֿגעהערט זיך צו באַהערשן און וויל זיך נישט רעכענען מיט קיין מאָס נישט אין ווערטער און נישט אין ערע. אָבער ער האָט גערעדט פֿון טיפֿעניש פֿון זיין האַרץ און אויפֿריכטיק. מ'האָט געפֿילט, אַז ליידן, אַנטציקונג, תאווה און פֿאַרגעטערונג, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין זיין ברוסט, האָבן אַרויסגעשפּריצט מיט אַן אומפֿאַרהאַלטבאַרן שטראָם.

ליגיען האָבן זיך אויסגעדריקט זייַנע ווערטער, ווי אַ חלול-השם, נאָר פֿאַרשטאָנען האָט איר האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט אויפֿרייסן די טוניקע, וואָס בינדט איר ברוסט. זי האָט נישט געקענט איינהאַלטן דעם ר חמנות איבער אים און זייַנע לייַדן. ס'האָט איר גערירט דער יראת הכבוד מיט וועלכן ער האָט צו איר גערעדט. זי האָט זיך געפֿילט געליבט און פֿאַרגעטערט אָן אַ גרענעץ, זי האָט געפֿילט, אַז דער אומרויִקער און געפֿערלעכער מענטש קערט צו איר איצט מיט דער גאַנצער נשמה און גוף, ווי אַ שקלאַף, און דאָס געפֿיל פֿון זייַן אונטערטעניקייט, זייַן מאַכט, האָט איר אָנגעפֿילט מיט גליק. אירע זכרונות האָבן אויפֿגעלעבט אין איין מינוט, דאָס איז געווען פֿאַר איר ווידער דער פּרעכטיקער און ווי אַ געצנדינערישער גאָט שיינער וויניציוס, וועלכער האָט איר אין אולוסעס הויז גערעדט פֿון ליבע און געוועקט פֿון שלאָף איר דעמאָלט נאָך האַלב-קינדישע האַרץ; דערזעלבער, וועמענס קוש זי האָט נאָך געפֿילט אויף אירע ליפּן און פֿון וועמענס אָרעמס ס'האָט איר אַרויסגעריסן אויפֿן פּאַלאַטינוס אורסוס, אַזוי ווי ער וואָלט איר אַרויסגעריסן פֿון אַ פֿייַער. נאָר איצט, מיט אַן אַנטציקונג און צוגלייַך מיט לייַדן אין זייַן אָדלער-פּנים, מיט אַ בלייכן שטערן, מיט אַ בעטנדיקן בליק אין די אויגן, אַ פֿאַרוווּנדעטער, צעבראָכן דורך ליבע, אַ ליבנדיקער, פֿול פֿאַרגעטערונג און אונטערטעניקייט, האָט ער זיך איר אויסגעוויזן, ווי זי האָט זיך דעמאָלט געווּנטשן ער זאָל זייַן און וועלכן זי וואָלט געליבט מיט דער גאַנצער נשמה, אַלזאָ אַ טייַערערער, ווי דעמאָלט.

און פּלוצלונג האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז ס'קען קומען אַזאַ מינוט, ווען זייַן ליבע וועט איר אַרומנעמען און אַוועקרייַסן, ווי אַ שטורעמווינט, און דערפֿילנדיק דאָס האָט זי געהאַט דעמזעלבן איינדרוק, וואָס ער פֿריִער: געמלעך, אַז זי שטייט אויפֿן ברעג פֿון אָפּגרונט. צוליב דעם האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן אולוסעס הויז? צוליב דעם איז זי אַנטלאָפֿן? צוליב דעם האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן אַזוי לאַנג אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פֿון שטאָט? ווער איז געווען דער וויניציוס? אַן אויגוסטיאַנער, בירונס אַ זעלנער און אַ הויפֿמענטש!

האָט ער דאָך אַליין אַנטייל גענומען אין זיינע אויסגעלאַסנקייטן און פאַרברעכנס, אויף וואָס יענע סעודה, וועלכע זי קען ביז היינט נישט פאַרגעסן, זאָגט עדות, איז ער דאָך אַליין אויך צוזאמען מיט אַלע געגאַנגען אין די טעמפּלען און געבראַכט קרבנות די שענדלעכע געטער, אין וועלכע ער גלייבט אפשר אַליין נישט, אָבער וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן אָפּיציעלן כבוד. האָט ער דאָך זי נאָכגעיאָגט צוליב דעם, כדי צו מאַכן זי פאַר זיין שקלאַפין, קעפּס-ווייב, און אַזוי אַרום זי אַריינצושטויסן אין יענער שרעקלעכער וועלט פון אויסגעלאַסנקייט, פאַרווילונגען, פאַרברעכנס און שאַנד, וועלכע רופן נאָך דעם צאָרן און נקמה פון גאָט. ער ווייזט אפילו אויס צו זיין געענדערט, אָבער ער האָט דאָך אָקאָרשט נאָר וואָס אַליין צו איר געזאָגט, דאָס אויב זי וועט מער טראַכטן וועגן קריסטוסן, ווי וועגן אים, איז ער גרייט אים פיינט צו קריגן. ליגיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער בלויזער געדאַנק וועגן אַ וועלכער עס איז אַנדערע ליבע, אויסער דער ליבע צו קריסטוסן, איז שוין אַ חטא קעגן אים און זיין לערע, ווען זי האָט אַלזאָ געזען, אַז טיף ביי איר אין האַרצן קענען זיך וועקן אַנדערע געפילן און באַגערן, האָט זי אַנגענומען אַ שרעק פאַר איר אייגענעם עתיד און אייגן האַרץ.

גראָד אין דעם מאָמענט פון איבערלעכן געראַנגל איז גלויקוס אָנגעקומען, אום איבערצובינדן דעם קראַנקן און אונטערצוזוכן זיין געזונט. ביי וויניציושן אויפן געזיכט האָט זיך אין אויגנבליק אָפּגעשפּיגלט כעס און אומגעדולד. ער איז בייז געווען, וואָס מ׳האָט אים געשטערט דעם שמועס מיט ליגיען און, ווען גלויקוס האָט אים גענומען אויספרעגן, האָט ער געענטפערט כמעט מיט גרינגשעצונג. אמת, ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, אָבער אויב ליגיע האָט ווען עס איז געהאַט אַ פאַרשטעלונג, אַז דאָס, וואָס ער האָט געהערט אין אָכטריאַנום, האָט אפשר געווירקט אויף זיין האַרטן כאַראַקטער, איז די דאָזיקע פאַרשטעלונג איצט צערינען. ער האָט זיך נאָר געענדערט בנוגע איר, אָבער אויסער דעם דאָזיקן געפיל איז אין זיין ברוסט געבליבן דאָס פריערדיקע, האַרטע, עגאָיסטישע, עכט רוימישע און וואָלפישע האַרץ, וועלכעס

איז אומפּעיִק צו פילן נישט נאָר די זיסע קריסטלעכע לערע, נאָר אפילו נישט קיין דאַנקלעכקייט.

זי איז סוף כל סוף אַוועקגעגאַנגען, פול מיט אינערלעכער זאָרג און אומרו. אַמאָל האָט זי אין איר תפילה געשענקט קריסטוסן איר האַרץ לויטער און ריין, ווי אַ טרער. איצט איז די לויטערקייט פאַרטונקלט געוואָרן, אין דער בלום האָט זיך אַריינבאַקומען אַ גיפטיקער וואָרעם און נאָגט דאָרט. און נישט קוקנדיק אויף די פאַריקע צוויי שלאָפלאָזע נעכט, האָט איר אפילו דער שלאָף אויך קיין באַרויִקונג נישט געבראַכט. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז נעראָן פאָרט אַרום אין אָסטריאַנום אָן דער שפּיץ פון אַ פּראָצעסיע אויגוסטער, באַקכאַנטינס, קאָריבאַנטן און גלאַדיאַטאָרן אין אַ וואָגן באַפּוצט מיט רויזן איבער די קערפּער פון מאַסן קריסטן און וויניציוש כאַפּט זי אין זיינע אָרעמס, און אַרויף שלעפּנדיק זי אויף אַ קוואַדריגע, דריקט ער זי צו זיין ברוסט, איינרוימענדיק איר: „קום מיט אונדז“.

XXVII.

פֿון דאַמאָלס אָן האָט זי זיך שוין זעלטענער געווײזן אין דער שותּפֿותּער שטוב, און איז שוין זעלטענער צוגעגאַנגען צו זײַן בעט. זי האָט גוט באַמערקט, אַז וויניציוש קוקט איר נאָך מיט אַ תּחנונים בליק, אַז ער וואַרט אויף איר יעדער וואָרט, ווי אויף אַ חסד, אַז ער לײַדט און האָט נישט די עצה צו קלאָגן זיך, כּדי זי דערמיט נישט אָפּצושטויסן פֿון זיך, אַז זי אײַנע איז פֿאַר אים געזונט און פֿרייד, און דאַן איז איר האַרץ איבערפֿולט געוואָרן מיט רחמנות אויף אים. אינקורצן האָט זי אויך באַמערקט, אַז וואָס מער זי באַמיט זיך אים אויסצומײַדן, אַלץ מער איז ער איר אַ שאָד, און דאָס טאַקע איז גורם, אַז עס אַנטשטייען אין איר נאָך מער וואַרעמערע געפֿילן צו אים. זי האָט פֿאַרלוירן די רויִקייט. טײל־מאָל פֿלעגט זי טראַכטן, אַז זי דאַרף טאַקע גאָר כּסדר זײַן לעבן אים: ערשטנס דערפֿאַר, וואָס דער הייליקער גלויבן הייסט צאָלן מיט גוטס פֿאַר שלעכטס און צווייטנס, ווײַל רעדנדיק מיט אים ועט זי אים אפֿשר צוציִען צו קריסטוסן. אָבער באַלד האָט איר

דאָס געוויסן אירס געזאָגט, אַז זי נאַרט זיך אַליין אָפּ און אַז גאָר עפּעס אַנדערש ציט זי צו אים, זיין ליבע און זיין רייך. און אַזוי האָט זי געלעבט אין כסדרדיקן אינערלעכן קאַמף, וועלכער האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט, טיילמאָל ווידער האָט זיך איר געדוכטן, אַז זי איז פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ און, ווילנדיק זיך אַרויסבאַקומען, פאַרפּלאָנטערט זי זיך וואָס אַ מאָל מער. זי האָט אַליין געמוזט מודה זיין פאַר זיך, אַז זיין אָנבליק ווערט איר פון טאָג צו טאָג נויטיקער, זיין קול ליבער און אַז זי מוז מיט אַלע כוחות ראַנגלען זיך מיטן חשק צו זיצן לעבן זיין בעט. ווען זי פלעגט צוגיין צו אים און ער האָט אויפגעשטראַלט, פלעגט איר האַרץ אויך פאַרגאָסן ווערן פון פרייד. איינמאָל האָט זי באַ-מערקט שפורן פון טרערן אויף זיינע אויגן-לעדלעך און צום ערשטן מאָל אין לעבן איז איר איינגעפאַלן, דאָס זי וואָלט זיי געקענט אָפּטרוקענען מיט קושן. דערשראָקן פון אַזעלכע מחשבות און פול מיט פאַראַכטונג צו זיך זעלבסט, האָט זי אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך געוויינט.

ער אָבער איז געווען געדולדיק, ווי ער וואָלט זיך דאָס הייליק צוגעשוואוירן. ווען די אויגן פלעגן אים טיילמאָל אויפבליצן מיט אומגעדולד, מוטוויליקייט און כעס, פלעגט ער אין זיך תּיכף העמען דידאָזיקע פייערלעך, און נאָכדעם פלעגט ער אומרויִק קוקן אויף איר, ווי ער וואָלט זי געוואָלט איבערבעטן. זי ווידער איז פון דעם נאָך מער געריהרט געוואָרן. זי האָט קיינמאָל נישט געאַנט, אַז זי איז אַזוי געליבט, און ווען זי פלעגט טראַכטן וועגן דעם, האָט זי זיך געפילט גלייכצייטיק אי שולדיק און אי גליקלעך. ווינציוש ווידער האָט זיך באמת געענדערט. אין זיינע שמועסן מיט גלויקוסן איז שוין געווען ווייניקער גאווה. גאַנץ אָפט פלעגט ער טראַכטן, אַז אויך דערדאָזיקער אָרימער שקלאַף-רופא און די פרעמדע, די זקנה מרים, וועלכע רינגלט אים אַרום מיט צערטלעכער השגחה, און קריספוס, וועלכן ער זעט תמיד פאַרזונקען אין תפילות, זענען דאָך, אייגנטלעך, אויך מענטשן. ער האָט זיך אַליין געוואונדערט איבער דידאָזיקע געדאַנקען, אָבער ער האָט זיי דאָך געהאַט. מיט דער צייט האָט ער אורסוסן ליב באַקומען און פלעגט

גאַנצע טעג מיט אים שמועסן, דען מיט אים האָט ער געקענט רעדן וועגן ליגיען, דער ריז ווידער איז געווען אומדערשעפּלעך אין דערציילן, און טוענדיק ביים קראַנקן די פּשוטסטע אַרבעטן, האָט ער אים אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ געוויסע צוגעבונדנקייט, ליגיע איז פאַר וויניציושן שטענדיק געווען אַ נס, וועלכער געהערט צו אַ העכערע ראַסע, טויזנטער מאָל העכער פון אַלע אַרום איר, ער האָט אָבער פונדעסטוועגן אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו די פּשוטע און אָרימע מענטשן, וועלכעס ער האָט פריער קיינמאָל נישט בעטון, און ער האָט אָנגעהויבן אויסגעפינען אין זיי פאַרשידענע שיינע זייטן, פון וועלכע ער האָט באמת פריער קיינמאָל נישט געאַנט.

נאָר איין נאַזאַריוסן האָט ער נישט ליב געהאַט, וואָרים עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָסדאָזיקע יונגל האָט די העזה צו ליבן זיך אין ליגיען. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך איינגעהאַלטן מיטן אַרויסווייזן זיין ווידערווילן צו אים, נאָר איינמאָל, ווען דערדאָזיקער האָט דעם מיידל געבראַכט צוויי וואַכטל־פייגל, וועלכע ער האָט אויפן מאַרק געקויפט פאַר זיין פאַרדינט געלט, האָט אין וויניציושן זיך אויפגעוואַכט דאָס אייניקל פון די קוויריטן, פאַר העמען אַ גר פון אַ פרעמד פאָלק האָט וויניקער ווערט געהאַט, ווי אַ וואָרעם אויף דער ערד. הערנדיק, ווי ליגיע דאַנקט אים, איז ער שרעקלעך בלייך געוואָרן, און בשעת נאַזאַריוס איז אַרויס אַ ווײַלע נאָך וואַסער פאַר די פייגל, האָט ער געזאָגט:

— ליגיע, שוין זשע קענסטו דולדן, ער זאָל דיר מתנות געבן? ווייסטו דען נישט, אַז די גריכן רופן די מענטשן פון זיין פאָלק יידישע הינט?

— כ'ווייס נישט, ווי די גריכן רופן זיי — האָט זי געענטפערט — איך ווייס נאָר, אַז נאַזאַריוס איז אַ קריסט און אַ ברודער מיינער.

ביי די ווערטער האָט זי אַ קוק געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג און באַדויערונג, דען זי איז שוין נישט געוווינט געווען צו זען פון אים אַזעלכע אויסברוכן, ער ווידער האָט פאַרביסן מיט די ציין, אום איר נישט צו זאָגן, אַז אַזאַ ברודער אירן וואָלט ער

געהייסן פאַרשמייסן צום טויט מיט בייטשן, אָדער ער וואָלט אים פאַרשיקט אין די קאָלאָניעס, ער זאָל דאָרט אַלס „קאָמפּעדיטוס" גראָבן ערד אין זיינע סיצילישע ווייַנקעלערס... ער האָט זיך אָבער געהעמט, דערשטיקט אין זיך דעם כּעס און ערשט דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— זיי מיר מוחל, ליגיע. דו ביסט פאַר מיר אַ קעניגלעכע טאָכטער און פלויציוסעס דערצויגן קינד.

און ער האָט זיך זעלבסט אויף אַזוי פיל גובר געווען, אַז ווען נאַזאַריוס איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער אים צוגעזאָגט, דאָס ווען ער וועט זיך אומקערן אין זיין ווילע, וועט ער אים שענקען צוויי פאָען אָדער צוויי פלאַמינגען, וועלכע ער האָט געהאַט לרוב אין זיינע גערטנער.

ליגיע האָט גוט פאַרשטאַנען, וויפיל אַזעלכע נצחונות איבער זיך זעלבסט קאָסטן אים. אָבער וואָס מער ער פלעגט דאָס באַווייזן, אַלץ מער האָט איר האַרץ געצויגן צו אים. זיין פאַרבעסערונג און באַציִונג צו נאַזאַריוסן איז פונדעסטוועגן נישט אַזוי גרויס געווען, ווי עס האָט זיך ליגיען אויסגעדוכטן. וויניציוש האָט אַ ווײַלע געקענט זיין בייז אויף אים, אָבער אייפערזיכטיק אויף אים האָט ער נישט געקענט זיין. דער קליינער, מרימס זון, איז ביי אים אין די אויגן, באמת, נישט מער געווען ווי אַ הונט, אויסערדעם איז ער נאָך געווען אַ קינד, און אויב ער האָט יאָ ליב געהאַט ליגיען, איז עס ביי אים געווען גאַנץ אומבאַוווסטזיניק און הכנעהדיק. אַ גרעסערן קאַמף האָט דער יונגער טריבון געמוזט פירן מיט זיך, אום כאָטש שווייגנדיק אונטערצוואַרפן זיך דעם כבוד, וועלכן דידאָזיקע מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן צו קריסטוסן און זיין לערע, בנוגע דעם איז מיט וויניציושן פאָרגעקומען וונדערלעכע זאַכן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָס דאָך געווען דער גלויבן אין וועלכן ליגיע האָט געגלייבט, און שוין צוליב דעם איז ער גרייט געווען דעמדאָזיקן גלויבן אָנצוערקענען. שפּעטער, וואָס מער ער האָט זיך פאַרבעסערט אין געזונט, וואָס מער ער האָט זיך דערמאָנט די אַלע געשעענישן, וועלכע זענען זיך פאַרלאָפן פון יענער נאַכט אָן אין אָסטריאַנום און די גאַנצע רייע נייע

באַגריפֿן, וועלכע ער האָט באַקומען פֿון יענער צייט אָן, אַלץ מער איז ער נשתומם געוואָרן איבער דער איבערנאַטירלעכער קראַפֿט פֿון דער לערע, וועלכע באַנייט גרינטלעך די מענטשלעכע נשמה. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אין איר פֿאַראַן עפּעס איבערנאַטירלעכס, עפּעס, וואָס איז נאָך ביז איצט אויף דער וועלט נישט געווען, און געפֿילט האָט ער, אַז ווען די דאָזיקע לערע זאָל אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט, ווען איר ליבע און באַרעמהאַרציקייט זאָל אַרייַנדרינגען אין די מענטשן, וואָלט אויף דער וועלט אַנטשטאַנען אַ תּקופֿה, ווי דאַן, ווען יופּיטער האָט נאָך נישט געהערשט איבער דער וועלט, נאָר סאַטורן. ער האָט זיך אויך נישט דערוועגט צו צווייפֿלען נישט אין קריסטוסעס געטלעכער געבורט, נישט אין זיין אויפֿשטיין תּחית־המתים און אויך נישט אין אַלע איבעריקע נסים. די עדי־ראיה וועלכע האָבן דאָס דערציילט, זענען צו באַגלייבט געווען און האָבן צופֿיל פֿאַראַכט דעם שקר, אום מ'זאָל זיי קענען חושד זיין, אַז זיי דערציילן אויסגעטראַכטע זאַכן. און סוף כּל סוף האָט דער רוימישער סקעפּטיציזם וועלכער האָט אַפֿילו דערלויבט צו לייקענען אין די געטער, דאָך דערלאָזט דאָס גלייבן אין נסים.

וויניציוש איז געשטאַנען פֿאַר אַ וווּנדערלעך רעטעניש, וועלכעס ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אויפֿצופּלאָנטערן. פֿון דער צווייטער זייט ווידער האָט דערדאָזיקער גלויבן אים אויסגעוויזן אַזוי קעגנזעצלעך צו דער גאַנצער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, אַזוי אומזיניק, ווי קיין שום אַנדערע זאַך אויף דער וועלט. לויט אים איז מעגלעך געווען, אַז די מענטשן אין רוים און אויף דער איבעריקער וועלט זענען שלעכט, אָבער די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג איז באַשטימט גוט געווען. ווען דער צעזאַר למשל וואָלט געווען אַן ערנטלעכער מענטש, און דער סענאַט וואָלט באַשטאַנען נישט פֿון נידערטרעכטיקע לייט, נאָר פֿון אַזעלכע מענטשן, ווי טראַזעאַס איז געווען, דאַן וואָס וואָלט דען שלעכטס געווען אויף דער וועלט? איז דאָך דער רוימישער פֿרידן און די רוימישע הערשאַפֿט זייער גוט, און די צעטיילונג צווישן מענטשן זייער גערעכט. דערדאָזיקער גלויבן אָבער וואָלט לויט וויניציושן געמוזט אומקערן יעדע

אָרדנונג, יעדער הערשאַפט און באַל מאַכן די אונטערשיידן צווישן מענטשן. און דאַן וואָס וואָלט געוואָרן מיט דער מאַכט און מלוכה פון רוים? שוין זשע וואָלטן די רוימער געקענט אויפהערן צו הערשן, אָדער גלייכבאַרעכטיקן די גאַנצע סטאַדע באַזיגטע פעלקער? דאָס האָט שוין דער יונגער פּאַטריציער מיט זיין מוח נישט געקענט משיג זיין. אויסערדעם איז דערדאָזיקער גלויבן אים פערזענלעך געווען פרעמד צו זיין גאַנצן לעבנס-אַרט, כאַראַקטער, פאָרשטעלונגען און באַגריף וועגן מענטשן. ער האָט זיך לחלוטין נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וואָלט געלעבט, ווען ער זאָל אָננעמען דעמדאָזיקן גלויבן. ער האָט פאַר דעם גלויבן מורא געהאַט, ער האָט אים באַוואונדערט, אָבער אָננעמען אים, פון דעם האָט ער זיך פשוט מיט לייב און לעבן אָפּגעשאָקלט. ער האָט סוף כל סוף תופס געווען, אַז גאָרנישט, נאָר דערדאָזיקער גלויבן האָט אים צעשיידט מיט ליגיען און, דערמאָנענדיק זיך דאָס, האָט ער פיינט געקריגן דעם גלויבן מיט דער גאַנצער נשמה זיינער.

פונדעסטוועגן איז שוין דאַן פאַר אים קלאָר געווען, אַז טאַקע דערדאָזיקער גלויבן האָט דאָס ליגיען צוגעגעבן די אויסער-געוויינטלעכע, וווּנדערבאַרע שיינקייט, וועלכע האָט, אויסער ליבע, שעצונג, אויסער לוסט און ערפורכט, וואָס זי האָט ביי אים אין האַרצן געוועקט, נאָך פון ליגיען געמאַכט פאַר אים דאָס טייער-סטע נפש אויף דער וועלט. און דאַן האָט ער ווידער געוואָלט ליב האָבן קריסטוסן. און ער האָט קלאָר באַגריפן, אַז אָדער ער מוז אים ליב האָבן, אָדער פיינט האָבן, גלייכגילטיק בלייבן קען ער אַלנפאַלס נישט. דערווייל האָט ער זיך געפונען צווישן צוויי סתּירותדיקע שטראָמען, ער האָט זיך געוואַקלט אין דער מחשבה, ער האָט זיך געוואַקלט אין די געפילן, ער האָט נישט געוווּסט וואָס אויסצוקלויבן, ער האָט אָבער געבויגן דעם קאָפּ און אַרויס-געוויזן שווייגנדיקן כבוד דעמדאָזיקן אים אומפאַרשטענדלעכן גאָט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ליגיעס גאָט.

ליגיע ווידער האָט געזען אַלץ, וואָס אין אים קומט פאָר, ווי ער האָט זיך איבערגעבראָכן, ווי זיין איבערלעכער מהות ווערט זיך קעגן דעם גלויבן, און איב פון איין זייט האָט איר

דאָס שרעקלעך ווײ געטון, איז פון דער צווייטער זײט האָט דער צער, דאָס רחמנות און די דאַנקלעכקייט פאַר דעם שטילן כבוד, וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן קריסטוסן, מיט אַן אומבאַזיגלעכער קראַפט זי בעצויגן צו אים. זי האָט זיך דערמאָנט פּאָמפּאָניע גרע־ציניען און אוילוסן. פאַר פּאָמפּאָניען איז דער געדאַנק, אַז זי וועט אויף יענער זײט קבר נישט זיין צוזאַמען מיט אוילוסן, געווען אַ סיבה פון שטענדיקן אומעט און שטענדיקע טרערן. ליגיע האָט איצט ערשט דערפילט איר פאַרביטערונג אין שמערץ. אויך זי האָט געפינען אַ טייער ליב נפש, מיט וועמען עס איז איר באַ־שערט אייביק צעשיידט צו זיין. טיילמאָל פלעגט זי זיך נאָך אַליין איינרעדן, אַז זיין האַרץ וועט נאָך אַמאָל זיין אָפן פאַר קריסטו־סעס אמת, אָבער לאַנג האָט זי זיך נישט געקענט נאַרן. זי האָט אים שוין צו גוט געקענט און פאַרשטאַנען. וויניציוש — אַ קריסט! אפילו אין איר אומדערפאַרן קאָפּ האָבן דידאָזיקע צוויי באַגריפן נישט געקענט מושווה ווערן. אויב דער באַרעכנטער און ערנס־טער אוילוס איז דאָס נישט געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון דער קלוגער און זעלטענער פּאָמפּאָניען, ווי זשע וועט דאָס וויניצ־יוש ווערן? דערויף איז קיין ענטפער נישט געווען, אָדער ריכטי־קער, עס איז נאָר איין ענטפער געווען: עס איז נישטאָ פאַר אים קיין שום האָפנונג און קיין שום רעטונג.

ליגיע האָט אָבער מיט שרעק באַמערקט, אַז אָט דער פאַטאַלער משפט, וועלכער הענגט איבער אים, אַנשטאָט זי אָפּ־צושטויסן פון אים, מאַכט ער אים נאָך טייערער און ליבער פאַר איר שוין בלויז צוליב רחמנות אויף אים. טיילמאָל האָט זיך איר פאַרוואָלט רעדן מיט אים אָפנהאַרציק וועגן זיין פינסטערער צו־קונפט, אָבער ווען זי האָט איינמאָל, אַנידערזעצנדיק זיך לעבן אים, געזאָגט, אַז אויסער דעם קריסטלעכן גלויבן גיט עס קיין לעבן נישט, האָט ער דאַן, פילנדיק זיך שוין קרעפטיקער, זיך אינטער־געהויבן אויף דער געזונטער האַנט, און אַנלענענדיק פלוצלינג זיין קאָפּ אויף איר קני, האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט לעבן!

עס האָט איר דאַן דעם אָטעם פאַרכאַפּט, זי האָט פאַרלוירן

דאָס באַוווסטזיין, אַ זיסער, זיסער שוידער איז איר אַדורך איבערן קערפּער פון די שפּיץ פינגער ביז צום קאָפּ. זי האָט אים אָנגענומען מיט ביידע הענט פאַר די שלעפן, באַמיִענדיק זיך אויפצוהייבן זיין קאָפּ, דערביי האָט זי זיך אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז זי האָט אָנגערירט מיט אירע ליפּן זיינע האָר און אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אַזוי פאַרשיכּורט געראַנגלט מיט זיך און מיט די ליבע, וועלכע האָט זיי געשטויסן איינעם צום צווייטן. ענדלעך האָט זיך ליגיע אויפגעהויבן און אַנטלאָפן, פילנדיק אַ פייער אין די אָדערן און אַ שיכּרות אין קאָפּ. נאָר דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טראָפּן, וועלכער האָט איבערפולט דעם בעכער.

וויניציוש האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, ווי טייער ער וועט מוזן באַצאָלן פאַר דער איינער מינוט גליק. ליגיע האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איצט מוז זי שוין אַליין האָבן רעטונג. די גאַנצע נאַכט נאָך דעם אָוונט האָט זי נישט געקענט שלאָפן און פאַרבראַכט אין תּפילות און געוויין פילנדיק, אַז זי איז נישט ווערט אפילו מתפּלל צו זיין און אַז אירע תּפילות וועלן נישט אָנגענומען ווערן. אויף צומאָרגנס איז זי גאַנץ פרי אַרויס פון קוביקולום און אַרויסרופנדיק קריספּוסן אין גאָרטן-אַלטאַנע, וועלכע איז פאַרוואַקסן געווען מיט בלישטש און פאַרוועלקטע ווייַנשטאָק-בלעטער, האָט זי פאַר אים איר גאַנץ האַרץ אויפגעעפנט, בעטנדיק אים, ער זאָל איר דערלויבן פאַרלאָזן מרימס הויז, דען זי טרויט שוין זיך אַליין נישט און זי קען נישט מנצח זיין אין האַרצן די ליבע צו וויניציושן.

קריספּוס, וועלכער איז געווען אַן אַלטער, שטרענגער מענטש, שטענדיק פאַרזונקען אין עקסטאַז, האָט מסכּים געווען, זי זאָל פאַרלאָזן מרימס הויז, אָבער ער האָט נישט געקענט געפינען קיין מחילה-ווערטער פאַר דער לויט אים זינדיקער ליבע. דאָס האַרץ האָט אין אים אויפגעציטערט ביים בלויזן געדאַנק, אַז די דאָזיקע ליגיע, וועמענס אַפּיטרופּוס ער איז געווען פון צייט זי איז אַנטלאָפן, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט, באַפעסטיקט זי אין גלויבן און געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ ווייסע ליליע, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון קריסטלעכן גלויבן און וועלכע איז

נאָך נישט באַפלעקט געווען פון קיין שום ערדישן הויך, האָט נאָך אָרט אין האַרץ פאַר אַן אַנדערער ליבע, אויסער דער הימלישער. ער האָט ביז איצט געגלייבט, אַז אין ערגעץ, אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין ריינערער האַרץ פאַר קריסטוסעס ליוב. ער האָט זי געוואָלט אים אַוועקשענקען, ווי אַ פערל, ווי אַ צירונג און ווי אַ זעלטן ווערק פון זיינע אייגענע הענט, דער איצטיקער דורכפאַל האָט אים דערייבער איבעראַשט און פאַרביטערט.

— גיי און בעט גאָט, ער זאָל דיר מוחל זיין דיין זינד — האָט ער פינסטער געזאָגט — אַנטלויף, כל זמן דער בייזער גייסט, וועלכער האָט פאַר דיר אַ נעץ אויסגעשפּרייט, וועט דיך נישט ברענגען צו אַ פולקאָמע ירידה און כל זמן דו ביסט נאָך נישט אָפּגעפאַלן פונם גואל אונדזערן. גאָט איז אומגעקומען פאַר דיינעט־וועגן אויפן קרייץ, כדי מיט זיין אייגן בלוט מכפר צו זיין דיינע זינד, דו אָבער האָסט בעסער געוואָלט ליב האָבן דעם, וועלכער האָט דיך געוואָלט מאַכן פאַר זיין קעפּס־ווייב. גאָט האָט דורך אַ גס דיך געראַטעוועט פון זיינע הענט, און דו האָסט געעפנט דיין האַרץ פאַר דער טמאדיקער לוסט און האָסט ליב באַקומען דעם זון פון דער פינסטערניש. ווער איז ער דען? אַ פּרייבט און אַ דינער פון אַנטיקריסט, אַ שותּף צו זיינע אויסגעלאַסנקייטן און פאַרברעכנס. און וווהין וועט ער דיך פירן, אויב נישט אין דעם־זעלבן אָפּגרונט און אין דעם סדום, וו ער אַליין געפינט זיך און וועלכעס גאָט וועט מיט דעם פלאַם פון זיין צאָרן פאַרטיליקן? און איך זאָג דיר: אַז בעסער שוין וואָלסטו געשטאָרבן, בעסער וואָלטן די ווענט פון דעם הויז איינגעפאַלן אויף דיין קאָפּ, איידער דערדאָזיקער מאַן האָט זיך אַריינבאַקומען אין דיין האַרץ און באַשמוצט עס מיט דעם סם פון זיין פאַרדאָרבנקייט.

און ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער אויפגערעגט, וואָרים ליגיעס זינד האָט אים אָנגעפילט נישט נאָר מיט צאָרן, נאָר אויך מיט עקל, פאַראַכטונג פאַר דער מענטשלעכער נאַטור בכלל און בפרט פאַר דער פרויען נאַטור, וועלכע דער קריסטלעכער גלויבן אפילו האָט נישט געקענט פאַרהיטן פאַר חוהס שוואַכקייט. דאָס, וואָס דאָס מיידל איז נאָך אומבאַרירט, וואָס זי וויל אַנטלויפן פון

דער ליבע און וואָס זי איז זיך מיט צער און שרעק מודה אויף דעם, דאָס האָט פאַר אים קיין באַדייטונג נישט געהאַט. קריספוס האָט זי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ מלאך און זי דערהייבן אויף דער הויכקייט, ווו עס איז נאָר פאַרהאַן ליבע צו קריס-טוסן. און אָט האָט זי נאָר ליב באַקומען דעמדאָזיקן אויגוס-טער.

דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַנגסט, וועלכעס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב דער אָפּ-גענאַרטקייט און דורכפאַל. וואָס ער האָט דאָ געהאַט, ניין! ער האָט איר דאָס נישט געקענט מוחל זיין! די שטראָף-רייד האָבן אים געברענט די ליפּן, ווי ברענענדיקע קוילן, ער האָט זיך גע-שטאַרקט, אום זיי נישט אַרויסצוזאָגן און ער האָט נאָר געטרייסלט מיט זיינע דאַרע הענט איבער דעם דערשראָקענעם מיידל, ליגיע האָט זיך געפילט שולדיק, אָבער נישט אויף אַזוי פיל. זי האָט גערעכנט אפילו, דאָס אַנטלויפנדיק פון מרימס הויז, וועט זי האָבן בייגעשטאַנען אַ נסיון און עס וועט זיין אַ כפרה אויף איר זינד. קריספוס האָט פון איר געמאַכט שטויב, ער האָט איר גע-וויזן די גאַנצע נישטיקייט און נידעריקייט פון איר נשמה, אויף וואָס ער האָט זיך גאָרנישט געריכט. זי אָבער האָט געמיינט, אַז דער אַלטער פרעסביטער, וועלכער איז, פון צייט זי איז אַנ-טלאָפן, געווען פאַר איר ווי אַ פאָטער, וועט איצט אַרויסווייזן צו איר עטוואָס רחמנות, אַז ער וועט זי טרייסטן, צוגעבן מוט, באַ-פעסטיקן זי.

— גאָט שענק איך מיין אָפּגענאַרטקייט און מיין שמערץ — האָט ער געזאָגט — אָבער דו האָסט אויך דעם גואל אָפּגענאַרט, וואָס זיינע געשטאַנקען האָבן דיר די נשמה פאַרסמט. דו האָסט דיין נשמה געקענט גאָט שענקען, ווי אַ טייערע כלי, און זאָגן אים: „פול זי אָן, האַר, מיט חסד"! דו אָבער, האָסט גלייכער געוואָלט זי אַוועקשענקען דעם דינער פון בייזן גייסט. זאָל דיר גאָט מוחל זיין און זאָל ער זיך איבער דיר דערבאַרעמען, וואָרים איך, כל זמן דו וועסט נישט אַרויסוואַרפן דעם שלאַנג... איך, וועלכער האָב דיך געהאַלטן פאַר דער אויסדערוויילטער...

און פלוצלינג האָט ער אָפּגעהאַקט, דען ער האָט באַמערקט, אַז זיי זעגען נישט אַליין.

דורך די פאַרוועלקטע ווייַנשטאָק-בלעטער און דעם בלישטש, וועלכער גרינגט שטענדיק זומער און ווינטער, האָט ער דערזען צוויי מענטשן, פון וועלכע איינער איז געווען דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס. דעם צווייטן האָט ער גלייך נישט דערקענט, ווייל אַ טייל פון זיין געזיכט איז געווען פאַרהילט מיטן מאַנטל פון אַ דיק האָריק געוואַנט, וועלכעס רופט זיך ציליציום. קריספּוסן האָט זיך אַ ווייַלע געדוכטן, אַז דאָס איז כילאָן.

זיי אָבער, הערנדיק קריספּוסעס הויכע שטימע, זענען אַריין אין דער אַלטאַנע און אוועקגעזעצט זיך אויף דער שטיינערנער באַנק. פּעטרוסעס באַגלייטער האָט דאַן אָפּגעדעקט זיין דאַר, מיאוס, צעבער באַגייסטערט געזיכט מיט דעם פליכענעם שאַרבן, וועלכער איז נאָר פון די זייטן באַוואַקסן געווען מיט געקרייזלטע האָר, זייַנע פאַרוויטלטע ברעמען און קרומע נאָז, און ווען קריספּוס האָט דערקענט פּוילוס פון תרשיש.

אָבער ליגיע האָט זיך געוואָרפן אויף די קני, און אַרומנעמענדיק אין פאַרצווייפלונג מיט אירע אָרעמס פּעטרוסעס פיס, האָט זי צוגעדריקט איר מיד קעפּל צו די פאַלדן פון זיין מאַנטל און איז אַזוי פאַרבליבן אַנטשוויגן.

און פּעטרוס האָט געזאָגט:

— פרידן צו אייַערע געמיטער.

און זעענדיק דאָס קינד ביי זייַנע פיס, האָט ער געפרעגט, וואָס עס איז געשען. דאַן האָט אים קריספּוס גענומען דערציילן אַלץ, אין וואָס ליגיע האָט זיך מודה געווען, איר זינדיקע ליבע, איר באַשלוס צו אַנטלויפן פון מרימס הויז און זיין צער, וואָס די נשמה, וועלכע ער האָט געוואָלט שענקען קריסטוסן אַ ריינע, ווי אַ טרער, איז באַפלעקט געוואָרן מיט דעם ערדישן געפיל צו אַן אָנטיילנעמער פון אַלע פאַרברעכנס, אין וועלכע די געצנדינערישע וועלט זינקט און וועלכע רופן נאָך דער נקמה פון גאָט.

ליגיע האָט, אין דער צייט ווען ער האָט גערעדט, אַלץ

פעסטער צוזאמענגענומען די פיס פונם אפאסטאל, ווי זי וואלט לעבן זיי געוואלט געפונען א מקום מקלט און אויסבעטן פאר זיך רחמנות.

אבער דער אפאסטאל האט, אויסהערנדיק ביזן סוף, זיך אנגעבויגן און ארויפגעלייגט זיין אויסגעדארטע האנט אויף איר קאפ. דערנאך האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן אויפן אלטן גאסט-פארטיקן מאן און געזאגט:

— קריספוס, האסטו דען נישט געהערט, אז אונדזער גע-ליבטער לערער איז געווען אין קנ אויף א סעודה און האט דארט געבענטשט די ליבע צווישן א פרוי און א מאן?

קריספוסן האבן זיך די הענט אראפגעלאזט און ער האט פארחידושט א קוק געטון אויף דעם רעדנער, נישט קענענדיק ארויסברענגען קיין ווארט פון מויל.

און יענער האט, שווייגנדיק א ווילע, ווידער געפרעגט:

— קריספוס, שוין זשע מיינסטו, אז קריסטוס, וועלכער האט דערלאזט מרים פון מגדול ליגן ביי זיינע פיס און וועלכער האט מוחל געווען דער זונה, וועט זיך אפקערן פון דיין קינד, וועל-כעס איז ריין, ווי א פעלד-לילי?

ליגיע האט שלוכצנדיק זיך נאך פעסטער צוגעדריקט צו פעטרוסעס פיס, פארשטייענדיק, אז נישט אומזיסט האט זי דא געזוכט אן אנטרינונג. דער אפאסטאל האט, אונטערהייבנדיק איר פון טרערן באנעצט פנימל, צו איר געזאגט:

— אזוי לאנג ווי די אויגן פון דעם וועלכן דו ליבסט וועלן זיך נישט עפענען פאר דעם ליכט פון אמת, אזוי לאנג מייד אים אויס, כדי ער זאל דיך נישט ברענגען צו א זינד, אבער זיי מתפלל פאר אים און זיי וויסן, אז עס איז נישטא קיין חטא אין דיין ליבע צו אים. און אזוי ווי דו ווילסט זיך פארהיטן פאר א נסיון, דעריבער וועט דאס דיר פאר גוטס פארעכנט ווערן. זארג נישט און וויין נישט, ווארים איך זאג דיר, אז דער חסד פון גואל האט דיך נישט פארלאזט און דיינע תפילות וועלן אויסגעהערט ווערן; און נאך טעג פון טרויער — קומען טעג פון פרייד.

דאס זאגנדיק, האט ער ביידע הענט ארויפגעלייגט אויף אירע האר, און אויפהייבנדיק די אויגן אינדערהייך, האט ער זי

געבענטשט. פון זיין געזיכט האָט געשטראַלט אַן איבערערדישע גוטסקייט.

אָבער דער געפּלעפּטער קריספּוס האָט זיך גענומען רעכטפאַרטיקן:

— כ'האָב געזינדיקט קעגן דער באַרמהאַרציקייט — האָט ער געזאָגט — אָבער כ'האָב געמיינט, אַז צולאַזנדיק צום האַרץ די ערדישע ליבע, גייט זי קעגן קריסטוסן...

און פּעטרוס האָט געענטפערט:

— דריי מאָל בין איך געגאַנגען קעגן אים, און פונדעסטוועגן האָט ער מיר מוחל געווען און האָט מיך געהייסן פּיטערן די שעפּעלעך זיינע.

— און דערפאַר — האָט קריספּוס געענדיקט — וואָס וויניציוש איז אַן אויגוסטער...

— קריסטוס האָט ווייך געמאַכט נאָך האַרטערע הערצער — האָט פּעטרוס געענטפערט.

דאָ האָט פּוילוס פון תרשיש, וועלכער האָט ביז איצט געשוויגן, צוגעלייגט די פינגער צו זיין ברוסט, ווייזנדיק אויף זיך און האָט געזאָגט:

— איך בין דער מאַן, וועלכער האָט גערודפט און איבערגעגעבן צום טויט די דינער פון קריסטוסן, איך בין דער, וועלכער האָט געהיטן די מאַנטלען פון די, וועלכע האָבן פאַרשטייגערט צפניהן. איך בין דער, וועלכער האָט געוואָלט אויסראָטן דעם אמת פון צווישן די מענטשן, און דאָך — מיך האָט דער האַר באַשטימט, איך זאָל דעם אמת איבער גאַר דער וועלט דערציילן. און איך האָב אים דערציילט אין יהודה, אין יון, אויף די אינדזלען און אויך דאָ, אין דער גאָטלאָזער שטאָט, ווען איך בין דאָ אַלס תּפוס צום ערשטן מאָל געווען. און איצט, ווען פּעטרוס, מיין עלטסטער, האָט מיך אַרויסגערופן, וועל איך אַריין אין דעם הויז אום כדי אַראָפּצובייגן דעמדאָזיקן שטאָלצן קאָפּ צו די פיס פון קריסטוסן און צו וואַרפן די זאָמען אין דערדאָזיקער שטיינערנער ערד, וועלכע דער האַר וועט באַפרוכפערן, כדי זי זאָל אַרויסגעבן רייכע פרוכט.

ער איז אויפגעשטאַנען — און ביי קריסטוסן אין די אויגן האָט דערדאָזיקער קלענער, אײַנגעהויקערטער מענטש אין דער מינוט אויסגעזען אַלס דער, וועלכער ער איז אין אמתן געווען: אַ ריז, וועלכער וועט די ערד ביי אירע זײַלן אויפטרייסלען און וועט פעלקער און לענדער אײַנגעמען.

XXVIII.

פעטראָניוס צו וויניציוּשן:

„דערבאַרעם זיך, קאַריסימע, מאַך נישט נאָך אין דיינע בריוו, נישט די לאַצעדעמאָנער, נישט יוליוס צעזאַרן. ווען דו וואָלסט כאָטש אַזוי ווי ער געקענט שרייבן: „וועני, ווידי, וויצי״! — וואָלט איך נאָך דעם לאַקאָניזם געקענט פאַרשטיין, אָבער דיין בריוו באַדייט דאָך: „וועני ווידי, פוגי״; און אַזוי ווי אַזאַ פאַרענדיקונג פון דער זאַך שטימט נישט מיט דיין נאַטור און אַזוי ווי דו ביסט געווען פאַרוווּנדעט און עס זענען מיט דיר אומגעווייגלעכע זאַכן געשען, דעריבער דאַרף דיין בריוו דערקלערונגען. כ'האָב קיינע אויגן נישט געגלייבט לעזנדיק, אַז יענער ליגיער האָט דערשטיקט קראָטאָנען אַזוי לייכט, ווי אַ קאַלעדאָנער הונט דערשטיקט אַ וואָלף אין די היבערנער טאָלן. דער מענטש איז דאָך ווערט אַזוי פיל גאָלד, וויפיל ער וועגט אַליין און נאָר פון אים אַליין הענגט עס אָפּ, ער זאָל ווערן דעם ציזאַרס ליבלינג. ווען כ'וועל צוריקקומען אין שטאָט אַריין, וועל איך דורכויס זיך מיט אים

ענטער באַקענען און כ׳װעל מיר אים הייסן פֿון בראַנז אויסגיסן. די געלע באָרד װעט פּלאַצן פֿון בייגיריקייט, װען כ׳װעל אים זאָגן, אַז דאָס איז פֿון נאַטור געגאָסן. עכטע אַטלעטישע קערפּערס זענען װאָס אַמאָל זעלטענער דאָ אין איטאַליען און אין גריכנלאַנד, װעגן מזרח איז דאָך שוין אָפּגערעדט. די גערמאַנען װידער, כאָטש זיי זענען ריזיק, האָבן זיי אָבער מוסקולן באַדעקט מיט פֿעטס און זענען מער גרויס װי שטאַרק. װער געװויר פֿונם ליגיער, צי ער איז נאָר אַן אויסנאַם, צי ביי זיי אין לאַנד זענען נאָך דאָ פֿיל אַזעלכע װי ער. אפֿשר װעט מיר אָדער דיר אַמאָל אויסקומען אײַנצואָרדנען שפּילן, װאָלט גוט געװען צו װיסן, װוּ מיר האָבן צו זוכן אויסגעצייכנטע קערפּער.

אָבער געלויבט זאָלן זיין אַלע געטער פֿון מזרח און פֿון מערב, װאָס דו ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון אַזעלכע הענט. ביסט זיכער גערעטעט געװאָרן דערפֿאַר, װאָס דו ביסט אַפּאַטריציער און אַ זון פֿון אַ קאָנסול, אָבער אַלץ, װאָס איז מיט דיר געשען, מאַכט מיך געװאַלטיק בליפֿן: אי דער בית־עולם, װוּ דו ביסט געװען צװישן קריסטן, אי זיי אַליין, אי זייער באַגיין זיך מיט דיר, אי ליגיעס צװייטע מאָל אַנטלויפֿן און ענדלעך דער אומעט און די אומרויִקייט, װעלכע װייעט פֿון דיין קורצן בריװ. דערקלער מיר, װאָרים איך פֿאַרשטיי נישט פֿיל זאַכן, און אויב דו װילסט, אַז כ׳זאָל װיסן דעם אמת, װעל איך דיר זאָגן אָפֿן, אַז כ׳פֿאַרשטיי נישט דיך, נישט ליגיען, נישט די קריסטן. און דאַרפֿסט זיך נאָרבישט װוּנדערן, װאָס איך, װעמען אויסער דאָס אײגענע נפֿש, נייט נישט אָן קיין שום זאַך אויף דער װעלט, פֿרעג זיך אַזוי ביינייריק אויס װעגן דעם אַלעם. איך האָב געבראַכט צו דעם אַלעם, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען, איז עס דעריבער אין אַ געװיסער מאָס מיין זאַך. שרייב מיר תיכּף, דען איך קען נישט פּראָוויזען, װען מיר װעלן זיך זען. ביים געלבערדיקן אין קאָפּ טוישן זיך די פּלענער, װי די װינטן אום פֿרילינג. לעת עתּה, זיצנדיק אין בענעװענט, האָט ער חשק גלייך צו פֿאָרן אין גריכנלאַנד און נישט אומצוקערן זיך קיין רוים. טיגעלינוס אָבער עצהט אים, ער זאָל כאָטש אויף אַ קורצע צייט זיך אומקערן קיין רוים, װייל דאָס

פאָלק, וועלכעס בענקט שטאַרק נאָך אים (לייען: נאָך ברויט און פאַרווײלונגען.) קען זיך נאָך בונטעווען. דעריבער ווייס איך נישט, ווי אַזוי עס וועט זיין. אויב אַכאַי וועט גובר זיין, וועט זיך אונדז אפשר פאַרגלוסטן אויך עגיפּטן. איך וואָלט שטאַרק געבעטן, זאָלסט דאָ אַהערקומען, דען איך האַלט, אַז פאַר דיין געמיטס־צושטאַנד, וואָלט אַ רייזע און אַנדערע פאַרווײלונגען געווען פּשוט אַ רפואה, אָבער דו קענסט אונדז אויך שוין נישט טרעפן דאָ. אין אַזאַ פאַל באַטראַכט זיך, צי דו וואָלסט זיך נישט געוואָלט אָפּרוען אין דיינע סיציליער גיטער, איידער צו זיצן אין רוים. שרייב מיר באריכות וועגן זיך — און זיי געזונט. אויסער געזונט וועל איך דיר דאָס מאָל גאָרנישט ווינטשן, וואָרים, ביי פּאָלוקס, איך ווייס נישט, וואָס דיר צו ווינטשן".

דערהאַלטנדיק דעם בריוו האָט וויניציוש לכתחילה נישט געהאַט קיין שום חשק צו ענטפערן אויף אים. עס האָט ער געפילט, אַז עס לוינט נישט צו ענטפערן, אַז קיינער וועט פון דעם קיין נוצן נישט האָבן, עס וועט גאָרנישט קלאָרער מאַכן און קיינעם נישט אויפקלערן. עס האָט אים באַהערשט אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַ געפיל פון נישטיקייט פאַרן לעבן. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז פּעטראָניוס וועט אים נישט פאַרשטיין און אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט זיי דערווייטערט איינעם פון צווייטן. ער האָט מיט זיך זעלבסט נישט געקענט קומען צו קיין טאָלק.

צוריקקומענדיק פון יענער זייט טיבער און זיין פּרעכטיקער אינסולאַ אויף קאַרינען, איז ער נאָך געווען שוואַך, דערשעפּט און די ערשטע טעג איז אים אָנגענעם געווען די רו, די באַקוועמלעכקייט און די שפע, וועלכע האָט אים אַרומגערינגלט. די דאָזיקע צופרידנהייט האָט אָבער גאַנץ קורץ געדויערט. אינגיכן האָט ער דערפילט, אַז ער לעבט אין פּוסטקייט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז ביז איצט פאַר אים געווען לעבנס־לוסט, האָט אָדער אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר אים, אָדער עס האָט אַ געוואַלטיק קלענערן זיך באַקומען. ער האָט זיך געהאַט דאָס געפיל, ווי מ'וואָלט אין זיין נשמה איבערגעשניטן די סטרונעס, וועלכע האָבן

אים ביז איצט פאַראייניקט מיטן לעבן און קיין אַנדערע זאַכן
נישט אָנגעקניפּט געוואָרן. ביים געדאַנק, אַז ער וואָלט געקענט
פאָרן קיין בענעווענט, דערנאָך קיין אַכאַי און אַרייַנוואַרפן זיך
אין לעבן פון תענוגים און פאַרשידענע ווילדע קאַפּריזן, האָט ער
דערפילט אַזאַ נישט-ניחאַקייט, „נאָך וואָס? וואָס וועל איך האָבן
דערפון"? דידאָזיקע שאלות זענען אים באַלד געקומען אין געדאַנק.
דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער אויך געטראַכט, דאָס ווען
ער וואָלט געפאָרן קיין בענעווענט, וואָלט דער געשפּרעך מיט
פּעטראָניוסן, זיין סאַטירע, זיין שאַרפזיניקייט, זיינע ראַפינירטע
געדאַנקען און טרעפלעכע ווערטער פאַר יעדער אידעע, אים איצט
געלאַנגווייליקט.

פון דער צווייטער זייט ווידער האָט אים אויך גענומען
לאַנגווייליקן די אָפּגעזונדערטקייט. אַלע זיינע באַקאַנטע האָבן זיך
איצט געווייַלט מיטן צעזאַר אין בענעווענט, ער האָט אַלזאָ געמוזט
זיצן אַליין אינדערהיים מיט אַ פולן קאָפּ מחשבות און אַ פול האַרץ
מיט געפילן, פון וועלכע ער האָט זיך קיין רעכענונג נישט גע-
קענט אָפּגעבן. עס זענען פונדעסטוועגן געווען מאָמענטן, ווען ער
האָט געפילט, דאָס ווען ער וואָלט געקענט מיט וועמען זיך דורכ-
רעדן וועגן דעם אַלעם, וואָס מיט אים קומט פאָר, וואָלט אים אפשר
געלונגען דאָס אַלץ תופס צו זיין, אין אָרדנונג ברענגען און זיך
עס קלאָרער מאַכן. אונטערן איינפלוס פון דערדאָזיקער האָפענונג,
האָט ער נאָך עטלעכע טעג וואַקלען זיך דאָך באַשלאָסן צו ענטפערן
פּעטראָניוסן, און כאָטש ער איז נישט זיכער געווען, צי ער וועט
דעם ענטפער אַוועקשיקן, האָט ער דאָך אויפגעשריבן דאָס ווײַ-
טערע:

„דו ווילסט, כ'זאָל שרייבן באריכות, גוט; צי כ'וועל אָבער
קענען שרייבן קלאָרער, ווייס איך נישט, ווייל פיל קניפּן קען איך
אַליין נישט אויפפּלאָנטערן. איך האָב דיר שוין געשריבן וועגן
מיין פאַרברענגען צווישן די קריסטן, וועגן זייער באַגיין זיך מיט
שונאים, צו וועלכע זיי האָבן אַ רעכט געהאַט מיך און כילאָנען
צו פאַררעכענען, און לסוף וועגן דער ליבלעכקייט, מיט וועלכער זיי
האָבן מיך געהיטן און וועגן ליגיעס פאַרשווונדן. גיין, טייערער:

נישט דערפאַר האָט מען מיך געשויגט, ווייל איך בין דער זון פון אַ קאָנסול. אַזעלכע טעמים זענען ביי זיי נישט פאַרהאַן, האָבן זיי דאָך אויך כילאָבען מוחל געווען, כאָטש איך האָב זיי אַליין צוגערעדט, זיי זאָלן אים פאַרגראָבן אין גאָרטן. דאָס זענען מענטשן, וועלכע די וועלט האָט נאָך נישט געזען און אַ גלויבן, וועלכעס די וועלט האָט נאָך נישט געהערט. עפּעס אַנדערש קען איך דיר נישט זאָגן און ווער עס ווייס זיי וועלן מעסטן מיט אונדזער מאָס — דער גרייזט.

„דערפאַר וועל איך דיר אָבער זאָגן, דאָס ווען איך וואָלט מיט דער צעבראָכענער האַנט געלעגן ביי זיך אין הויז און ווען מיינע מענטשן, אָדער אפילו מיינע קרובים וואָלטן מיך צוגעזען, וואָלט איך זיכער געהאַט גרעסערע באַקוועמלעכקייטן, אָבער קיין העלפט ליבשאַפט און טריישאַפט נישט, וואָס ביי זיי.

„און זיי ווייסן, אַז ליגיע איז אויך אַזעלכע. ווען זי וואָלט געווען מיין שוועסטער, אָדער מיין ווייב וואָלט זי מיך צערטלעכער שוין נישט געקענט צוזען. נישט איינמאָל פלעגט זיך אין מיין האַרץ וואַרפן פאַר פרייד, ווען ס'האָט זיך מיר געדוכטן, אַז נאָר די ליבע קען באַגייסטערן צו אַזאַ צערטלעכקייט. נישט איינמאָל האָב איך דאָס פון איר געזיכט און פון אירע אויגן אַרויסגעלעזן און דאַן, צי דו וועסט מיר גלייבן, אַז צווישן די דאָזיקע שפּלע מענטשן, אין דער אָרימער שטוב, וועלכע פאַרטרעט זיי אי אַ קיך, אי אַ טריקליניום, האָב איך זיך געפילט גליקלעכער, ווי ווען עס איז? ניין! זי איז צו מיר נישט געווען גלייכגילטיק, און נאָך היינט, דאַכט זיך מיר, איז אומזיניק אַנדערש צו דענקן. און פונדעסטוועגן האָט די דאָזיקע ליגיע, בסוד פאַר מיר, פאַרלאָזט מרימס הויז.

„כ'זיץ איצט גאַנצע טעג מיטן קאָפּ אין די הענט און טראַכט, פאַרוואָס זי האָט דאָס געטון? צי האָב איך דיר שוין געשריבן, אַז איך האָב איר אַליין פאָרגעשלאָגן אומצוקערן זי אויסן? זי האָט מיר אמת געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך שוין דערפאַר, וואָס די אוילוסעס זענען אַוועקגעפאָרן קיין סיציליען און אויך צוליב דעם, וואָס אַלע נייעסן ווערן דורך די שקלאַפן

באַלד באַוווּסט אין פּאַלאַסטין. דער צעזאַר וואָלט זי דאַן געקענט צוריק צונעמען פון די אוילוסעס, דאָס איז ריכטיק! זי האָט דאָך אָבער געוווּסט, אַז מער צושטיין צו איר וועל איך שוין נישט, אַז איך האָב פאַרוואָרפן די געוואַלט-מיטלען, און נישט קענענדיק אויפהערן זי ליבן, נישט קענענדיק לעבן אָן איר, וועל איך זי אַריינברענגען אין מיין הויז דורך אַ באַקראַנצטער טיר און וועל זי אויף אַ געהייליקטער פעל באַזעצן אין מיין היים.. און דאָך איז זי אַנטלאָפן! פאַרוואָס? עס האָט דאָך זי שוין גאָרנישט געדראָט. אויב זי האָט מיך נישט געליבט, האָט זי דאָך געקענט מיר אָפּזאָגן.

„מיט איין טאָג פריער האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ וואונדערלעכן מענטש, אַ געוויסער פּילוס פון תרשיש, וועלכער האָט מיט מיר גערעדט וועגן קריסטוסן און זיין לערע, און גערעדט האָט ער אַזוי מעכטיק, אַז עס האָט זיך מיר געדוכטן, דאָס יעדעס וואָרט זיינס מאַכט קעגן זיין ווילן אַ תל פון אַלע יסודות פון אונדזער וועלט. דערזעלבער מענטש האָט מיך אויך באַזוכט נאָך איר פאַרשווונדן און האָט מיר געזאָגט:

— „ווען גאָט וועט עפענען דיינע אויגן פאַר דעם ליכט און ער וועט פון זיי אַראָפּנעמען דאָס פאַרבלענדעניש, ווי פון מיינע אויגן, דאַן וועסטו איינזען, אַז זי האָט גוט געטון און דאַן וועסטו זי אפשר צוריקגעפינען.

„און איצט ברעך איך מיר דעם קאָפּ איבער דידאָזיקע ווערטער, ווי איך וואָלט זיי געהערט פון מויל פון פּיטי אין דעלפיען. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרשטיי שוין עפּעס. ליבנדיק מענטשן, זענען זיי גלייכצייטיק שונאים פון אונדזער לעבן, פון אונדזערע געטער און.. פון אונדזערע פאַרברעכנס, זי איז אַלזאָ אַנטלאָפן פון מיר, ווי פון אַ מענטש, וועלכער געהערט צו דער ראַזיקער וועלט און מיט וועלכן זי וואָלט געמוזט טיילן דאָס לעבן, וועלכעס ווערט דורך די קריסטן באַטראַכט פאַר אַ שענדלעכס.

„דו וועסט זאָגן, אַז קוים האָט זי געקענט מיר אָפּזאָגן, האָט זי דאָך נישט באַדאַרפן אַנטלויפן. אָבער אויב זי האָט מיך

איך געליבט? אויב אזוי האט זי, הייסט עס, געוואלט אנטלויפן פאר דער אייגענער ליבע.

„ווען כ׳דערמאן זיך דאס, ווילט זיך מיר ארויסשיקן שקלאפן אין אלע געסלעך פון רוים און הייסן זיי אין אלע הייזער רופן „קער זיך אום, ליגיע״! אבער איך קען בשום אופן נישט פארשטיין, פארוואס זי האט דאס געטון. איך וואלט דאך איר נישט געשטערט דינען איר קריסטוסן און איך וואלט אליין אויך געשטעלט אין מיין אטריום א מזבח פאר אים. וואס וואלט מיר נאך איין נייער גאט געקענט שאדן און פארוואס זאל איך נישט קענען גלייבן אין אים, איך, וועלכער גלייב נישט שטארק אין די אלטע געטער? כ׳ווייס גאנץ באשטימט, אז די קריסטן זאגן קיינמאל נישט קיין ליגנס און זיי זאגן, אז ער איז אויפגעשטאנען תחית-המתים. א מענטש וואלט דאך דאס נישט געקענט באווייזן! דער זעלבער פוילוס פון תרשיש, וועלכער איז א רוימישער בירגער, אבער וועלכער קען אלס ייד די אלטע העברעאישע ביכער, האט מיר געזאגט, אז קריסטוסעס קומען איז מיט גאנצע טויזנטער יארן צוריק פאראויסגעזאגט געווארן דורך די נביאים. דאס זענען אלץ איבערנאטירלעכע זאכן, אבער צי ריגלט אונדז דען נישט ארום די איבערנאטירלעכקייט פון אלע זייטן? האט מען דאך נאך נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אפאלאניוסן פון טיאן.

„דאס, וואס פוילוס זאגט, אז עס איז נישט פארהאן קיין גאנצע כאליאסטרע געטער, נאר עס איז דא אייבער, ווייזט מיר אויס צו זיין שכלדיק. אפנים, אז אויך סענעקא איז אין דער מיינונג און פאר אים זענען געווען נאך אנדערע. קריסטוס איז געווען, האט זיך געלאזט קרייציקן, אום צו רעטן די וועלט און ער איז תחית-המתים אויפגעשטאנען. דאס אלץ איז גאנץ זיכער, כ׳זע דעריבער נישט איין, פארוואס איך זאל זיך דווקא איינעקשנען קעגן אים, אדער פארוואס איך זאל אים נישט אויפשטעלן קיין מזבח, אויב איך בין עס למשל גרייט צו טון פאר סעראפיסן. עס וואלט מיר אפילו נישט שווער געווען אפצוזאגן זיך פון אנדערע געטער, ווארים קיין שום ניכטערנער געדאנק גלייבט דאך אין זיי סיי ווי סיי נישט. אבער מיר דאכט זיך, אז דאס אלץ איז פאר די קריסטן

נאָך ווייניק. עס איז ווייניק צו דינען קריסטוסן, מען דאַרף אויך לעבן לויט זיין לערע; און דאָ ערשט בלייבסטו שטיין, ווי ביים ברעג פון אַ ים, וועלכן מ'הייסט דיך צופוס אַריבערגיין. ווען איך וואָלט זיי דאָס צוגעזאָגט, וואָלטן זיי אַליין געפילט, אַז דאָס זענען פוסטע ווערטער אין מיין מויל. פּויליוס האָט דאָס מיר אָפן געזאָגט.

„דו ווייסט, ווי איך ליב ליגיען און דו ווייסט, אַז עס איז נישט פאַרהאַן קיין זאַך, וואָס איך וואָלט פאַר איר נישט געטון. אָבער איך וואָלט דאָך אפילו אויף איר פאַרלאַנג נישט געקענט אויפהייבן אויף מיינע אָרעמס דעם סאָראַקט, אָדער דעם וועזוף און נישט אַריינגעמען אין מיין האַנט די טראַזימענער אָזיערע, אָדער ענדערן מיינע אויגן פון שוואַרצע אויף בלויע, ווי די ליגיער האָבן. ווען זי וואָלט דאָס פאַרלאַנגט. וואָלט איך דאָס געוואָלט, אָבער דאָס ליגט נישט אין מיין מעגלעכקייט. איך בין נישט קיין פילאָזאָף, אָבער איך בין אויך נישט אַזאַ נאַר, ווי דיר פלעגט זיך נישט איינמאָל דאַכטן.

„כ'זאָג דיר אַלזאָ: כ'ווייס נישט ווי אַזוי די קריסטן זענען דורכגעקומען אין לעבן, כ'ווייס אָבער, אַז וווּ זייער לערע הייבט זיך אָן, דאָרט ענדיקט זיך די רוימישע הערשאַפט, ענדיקט זיך רוים, ענדיקט זיך דאָס לעבן, דער אונטערשייד צווישן זיגער און באַזיגטע, רייכע און אָרימע, האַר און שקלאַף, ענדיקט זיך מאַכט, ענדיקט זיך דער צעזאַר, דאָס געזעץ און די גאַנצע וועלט-אָרדנונג, און אָנשטאָט דעם אַלעם קומט קריסטוס און עפעס אַ באַרמהאַרציקייט, וועלכעס איז נאָך ביז איצט נישט געווען און עפעס אַ גוטסקייט, וועלכעס איז קעגן אַלע מענטשלעכע און אונדזערע רוימישע אינסטינקטן. מיר גייט טאַקע ליגיע אָן מער, ווי גאַנץ רוים און איר הערשאַפט, און זאָל גלייכער די גאַנצע וועלט אונטערגיין, אַבי איך זאָל זי קענען האָבן אין מיין הויז. אָבער דאָס איז עפעס אַנדערש. פאַר זיי, פאַר די קריסטן, איז נישט גענוג מסכים צו זיין מיט ווערטער, מ'דאַרף נאָך אויך פילן, אַז אַזוי איז גוט און קיין שום אַנדער געפיל נישט האָבן אין האַרצן. איך אָבער, די געטער זענען מיינע עדות — כ'קען נישט! פאַרשטייסט, וואָס דאָס

הייסט? עס איז דאָ עפּעס אין מיין כאַראַקטער, וואָס וועט איך קענען דער לערע; און ווען אפילו מיטן מויל וועל איך זי לויבן, ווען איך זאָל מיך אפילו צופּאַסן צו אירע פאָרשריפטן, וואָלט דער פאַרשטאַנד און דאָס האַרץ מיינס מיר געזאָגט, אַז איך טו דאָס נאָר אויס ליבע, צוליב ליגיען, און אַז ווען נישט זי, וואָלט מיר קיין שום זאַך אויף דער וועלט נישט געווען אַזוי דאַקעגן, ווי דער גלויבן. און אַ פלאַדיקע זאַך, אַז דערדאָזיקער פּוילוס פון טרשיש פאַרשטייט דאָס; און נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער פּשוט־קייט און נידעריקער אָפּשטאַמונג, פאַרשטייט דאָס אויך יענער אַלטער טעורגוס, דער גרעסטער צווישן זיי, פּעטרוס, וועלכער איז געווען קריסטוסעס תּלמיד. און ווייסטו, וואָס זיי טון? זיי זענען מתפּלל פאַר מיר און בעטן פאַר מיר עפּעס, וואָס זיי רופן חסד. אויף מיר אָבער קומט גאָר אומרויִקייט און וואָס ווייטער אַ גרע־סערע בענקשאַפט נאָך ליגיען.

„כ'האָב דאָך דיר שוין געשריבן, אַז זי איז בסוד אַוועק, אָבער אַוועקגייענדיק, האָט זי מיר איבערגעלאָזט אַ צלם, וועלכן זי האָט אַליין געפלאָכטן פון בוקסבוים־צווייגלעך. אויפכאַפּנדיק זיך, האָב איך עס געפונען ביי מיין בעט. איך האָב עס איצט אין מיין לאַראַריום און כ'ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס איך דערנענטער מיך דערצו, ווי צו אַ געטלעכע זאַך מיט יראת־הכבוד. איך ליב דעם קרייץ, ווייל אירע הענט האָבן אים געפלאָכטן און כ'האָב אים פיינט, ווייל ער צעשיידט אונדז. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ איז כישוף און אַז דער טעורגוס פּעטרוס, כאָטש ער גיט זיך אויס פאַר אַ פּשוטן פישער, איז גרעסער אפילו פון אַפּאָלאָניוסן און פון אַלע, וועלכע זענען פאַר אים געווען און אַז ער האָט דאָס זיי אַלע, ליגיען, פּאָמפּאָניען, און מיך אויך פאַרכישופט.

„דו שרייבסט, אַז אין מיין פאַריקן בריוו איז פאַרהאַן אומ־רויִקייט און אומעט. אומעט מוז זיין, ווייל כ'האָב זי צוריק פאַר־לוירן און אומרו איז דאָ, ווייל עפּעס האָט זיך דאָך אין מיר גע־ביטן. כ'זאָג דיר ערלעך, אַז קיין שום זאַך איז נישט אַזוי דאַקעגן מיין נאַטור ווי די לערע, און פינדעסטוועגן, פון דער צייט, וואָס כ'האָב זיך מיט איר באַגעגנט, דערקען איך זיך זעלבסט נישט.

„בישוף, צי ליבע! קירקאַ האָט מיט איין ריר געביטן דעם מענטשלעכן קערפּער און מיר האָט מען די נשמה פאַרביטן. סיידן נאָר איין ליגיע האָט דאָס געקענט טון, אָדער ריכטיקער, ליגיע, דורך דער וואונדערלעכער לערע, וועלכער זי אָנערקענט.

„ווען איך בין פון זיי צוריק אַהיימגעקומען צו זיך אין הויז, האָט זיך קיינער אויף מיר נישט געריכט. מ'האָט געמיינט, אַז איך בין אין בענעווענט און אַז איך וועל נישט אַזוי גיך צוריקקומען, איך האָב אַלזאָ אין הויז געטראָפן אַן אומאָרדנונג, שיכורע שקלאַפן און אַ סעודה, וועלכע זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי מיר אין טריקליניום. אויפן טויט האָבן זיי זיך גיכער געריכט און זיי האַלטן זיך פאַר אים ווייניקער דערשראָקן, ווי פאַר מיר. דו ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקער האַנט איך פיר מיין הויז, דעריבער, אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ לעבעדיקן אָטעם אין זיך, האָט זיך געוואָרפן אויף די קניען, טייל האָבן געחלשט פאַר שרעק. און איך, ווייסטו, וואָס כ'האָב געטון? אין דער ערשטער רגע האָב איך געוואָלט רופן נאָך בייטשן און אָנגעגליטע אייזנס, אָבער גלייך דערויף האָב איך זיך עפּעס פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און, וועסט מיר גלייבן, כ'האָב דערפילט אַ רחמנות אויף דידאָזיקע אומגליקלעכע, עס זענען צווישן זיי פאַראַן אויך אַלטע שקלאַפן, וועלכע מיין זיידע, מ. ווינציוש, האָט נאָך אין די צייטן פון אויגוסט געבראַכט פון לעבן רהיין. כ'האָב זיך דאַן פאַרמאַכט אין דער ביבליאָטעק און דאָרט זענען מיר נאָך וואונדערלעכערע געדאַנקען געקומען אין קאָפּ אַריין, דהיינו, אַז נאָך דעם אַלעם, וואָס כ'האָב געזען און געהערט צווישן די קריסטן, פּאַסט נישט פאַר מיר צו באַגיין זיך מיט די שקלאַפן אַזוי, ווי כ'בין זיך ביז איצט באַגאַנגען און אַז זיי זענען אויך מענטשן.

„זיי זענען עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען אין טויט-שרעק מיינענדיק, אַז איך לייג אַלץ אָפּ דערפאַר, כדי אויסצוטראַכטן אַ וואָס שרעקלעכערע שטראָף, איך אָבער האָב זיי אינגאַנצן נישט באַשטראָפט, ווייל כ'האָב נישט געקענט! צונויפרופנדיק זיי אויפן דריטן טאָג, האָב איך געזאָגט: כ'בין אייך מוחל, און איר באַמיט זיך מיט פלייסיקער אַרבעט צו פאַריכטן אייער שולד! אַלס

ענטפער זענען זיי געפאַלן אויף די קני׳ען, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, זיי האָבן אויסגעשטרעקט יאָמערנדיק די הענט, רופנדיק מיך האר און פאָטער, און איך, כ׳בין זיך מ׳ט בושה מודה פאַר דיר — בין אויך געריררט געוואָרן. עס האָט זיך מיר געדוכטן, אז איך זע אין דער מינוט ליגיעס זיסע געזיכט און אירע אויגן פול מיט טרערן, דאַנקענדיק מיר פאַר דער האַנדלונג. און פראַגע פּודאַר! כ׳האָב דערפילט, אז אויך מיר ווערן די אויגן פייכט...

„ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: כ׳קען מיר אָן איר קיין עצה נישט געבן, ס׳איז מיר שלעכט צו זיין אַליין, איך בין פשוט אומגליקלעך און מיין אומעט איז פיל גרעסער, ווי דו מיינסט... נאָר וואָס שייך מיינע שקלאַפן, בליף איך איבער איין זאַך; דאָס, וואָס כ׳האָב זיי מוחל געווען, האָט זיי נישט נאָר נישט חוצפהדיק געמאַכט, נישט נאָר נישט לויז געמאַכט די דיסציפלין, נאָר קיינמאָל האָט נאָך די מורא זיי נישט געצווונגען צו אזאַ פלייסיקער, טרייער אַרבעט, ווי די דאַנקלעכקייט. נישט נאָר וואָס זיי אַרבעטן, נאָר זיי פרווון נאָך איבעריאָגן איינער דעם צווייטן אין צוטרעפן מיינע ווונטשן, און איך דערציייל דיר דאָס דערפאַר, ווייל ווען כ׳האָב מיט אַ טאָג פריִער, איידער כ׳האָב פארלאָזט די קריסטן, געזאָגט צו פּוילוסן, דאָס די וועלט וואָלט צעפאַלן צוליב זיין לערע, ווי אַ פעסל אָן רייפן, האָט ער מיר געענטפערט: „די ליבע איז אַ שטאַרקערע רייף, ווי די מורא". און איצט זע איך, אז אין געוויסע פאַלן איז דאָס אמת.

„כ׳האָב עס אויך איינגעזען בנוגע די „קלי׳ענטן", וועלכע זענען זיך צונויפגעלאָפן, דערוויסנדיק זיך וועגן מיין קומען, מיך באַגריסן. דו ווייסט, אז איך בין קיינמאָל נישט געווען פאַר זיי צו קאַרג, דען מיין פאָטער נאָך איז זיך מיט זיי גרויסמוטיק באַגאַנגען און אויך מיך האָט ער אזוי געלערנט, אָבער איצט, זעענדיק די צעריסענע מאַנטלען און אויסגעהונגערטע פנימער, האָב איך ווידער דערפילט אַ מין רחמנות. כ׳האָב זיי געהייסן געבן עסן און כ׳האָב מיט זיי איינגעטענהט, עטלעכע פון זיי האָב איך אָנגערופן ביי די נעמען, טייל האָב איך אויסגעפרעגט אויף זייערע ווייבער און קינדער און ווידער האָב איך געזען טרערן אין

די אויגן און ווידער האָט זיך מיר געדוכטן, אַז ליגיע זעט דאָס און פרייט זיך און לויבט מיך...

„צי איז שוין מיין מוח נישט נאָרמאַל, צי די ליבע צעמישט מיר די געדאַנקען, כ׳ווייס עס נישט, כ׳ווייס נאָר, אַז כ׳האָב שטענדיק דאָס געפיל, ווי זי וואָלט פונדערווייטנס אויף מיר געקוקט און כ׳האָב צוטון מיט עפעס אַזעלכעס, וואָס וואָלט געקענט זי באַליידיקן און ווי טון.

„יאָ, קאַיוס! מ׳האָט אין מיר פאַרביטן די נשמה, טיילמאָל איז מיר גאַנץ גוט מיט דעם, אָבער טיילמאָל ערגערט דאָס מיך שטאַרק, ווייל כ׳האָב מורא, אַז מ׳האָט מיר צוגענומען מיין פריזערדיקן מוט, מיין פריזערדיקע ענערגיע און אַז איך טויג שוין אפשר נישט, נישט נאָר צו טראַכטן, פלאַנען, פאַרווײלוגען, נאָר אויך נישט צום קריג. דאָס איז נישט אַנדערש, נאָר כישוף! און זיי האָבן מיך אַזוי ווייט געענדערט, אַז כ׳וועל דיר דערציילן אויך דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט נאָך דאַן, ווען כ׳בין געלעגן קראַנק: דאָס, ווען ליגיע וואָלט געווען אַזעלכע ווי ניגידע, פאָפּעאַ, קריספּינילאַ און די איבעריקע גרושות אונדזערע, ווען זי וואָלט אויך געווען אַזאַ שענדלעכע, אַזאַ שלעכטע און אַזאַ לייכטזיניקע ווי זיי, וואָלט איך זי נישט געליבט אַזוי ווי איצט. אָבער אויב איך ליב זי צוליב דעם, וואָס עס צעשיידט אונדז, קענסטו דיר שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ כאַאָס עס הערשט אין מיר, אין וואָס פאַר אַ פינסטערניש איך געפין זיך, ווי איך זע נישט פאַר זיך קיין באַשטימטן וועג, און ווי ווייט איך ווייס נישט, וואָס מ׳הייבט אָן צו טון.

„אויב ס׳לעבן קען געגליכן ווערן צו אַ קוואַל, פליסט אין מיין קוואַל, אַנשטאָט וואַסער — אומרויִקייט. כ׳לעב מיט דער האָפענונג, אַז כ׳וועל זי נאָך אפשר זען, און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וועט מוזן געשען... אָבער וואָס עס וועט מיט מיר זיין אין אַ יאָר אַרום, אָדער אין צוויי, דאָס ווייס איך נישט און קען נישט פאָרויסזען. פון רוים וועל איך נישט אַרויספאָרן. איך וואָלט נישט געקענט פאַרטראָגן די געזעלשאַפט פון די אויגוסטער און אויסערדעם איז מיין איינציקע טרייסט אין אומעט און אומרו — דער

געדאַנק, אַז איך בין גאַנץ צו ליגיען, וואָס דורך גלויקוס דעם
רופא, וועלכער האָט צוגעזאָגט מיך צו באַזוכן, אָדער דורך פּויליוס
פון תרשיש וועל איך זיך אפשר אַמאָל עפּעס דערוויסן וועגן איר.
ניין! איך וועל נישט אַרויספאָרן פון רוים, אפילו ווען איר זאָלט
מיר פאַרלייגן די הערשאַפט איבער עגיפּטן.

„און זיי וויסן, אַז איך האָב באַשטעלט אַ מצבה פאַר גולאָן,
וועלכן איך האָב אין אויפרעגונג דערהרגעט. צו שפּעט האָב איך
זיך דערמאַנט, אַז ער האָט דאָך מיך גאָר אויף זיינע הענט אַרום
געטראָגן און אַז ער האָט דער ערשטער מיך געלערנט, ווי די
פייל אויפן בויגן צו פאַרלייגן. כ'ווייס נישט, פאַרוואָס גראָד איצט
האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ געפיל וועגן אים, ענלעך צו ווייַ-
טיק און חרטה... אויב דיך ווונדערט דאָס אַלץ, וואָס איך שרייב
דיר דאָ, קען איך דיר זאָגן, אַז מיך ווונדערט דאָס נישט ווייני-
קער, אָבער איך שרייב דיר דעם ריינסטן אמת זיי געזעגנט".

XXIX.

אויף דעמדאָזיקן בריוו האָט וויניציוש שוין נישט באַקומען קיין ענטפער, ווייל פעטראָניוס האָט שוין נישט געוואָלט שרייבן, ריכטנדיק זיך, דאָס דער צעזאַר וועט די נאָענטסטע טעג זיך אומקערן קיין רוים. און טאַקע באַלד האָט זיך דידאָזיקע ידיעה צעטראָגן איבער דער שטאָט און אַרויסגערופן אַ גרויסע שמחה ביי דער מאַסע, וועלכע האָט געבענקט נאָך פאַרוויילונגען און פונאַנדער-טיילונגען פון ברויט און אייל, וועלכעס איז לרוב געווען אָנגע-זאַמלט אין אָסטיען. העליוס, בעראָנס עלטסטער שקלאַף, האָט מבשר געווען זיין קומען אין סענאַט. אָבער נעראָן, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין סוויטע איינגעשטיגן אין די שיפן, האָט פּאַמעלעך צוריק-געקערט, אָפּטרעטנדיק אין די ברעג-שטעט, כדי אָפּצורוען זיך, אָדער כדי אויפצוטרעטן אין די דאָרטיקע טעאַטערן. אין מינטורנאַע, וווּ ער האָט ווידער געזונגען עפנטלעך, האָט ער פאַרבראַכט היפּ-שע עטלעכע טעג און ער האָט אפילו געהאַט בדעה אומצוקערן זיך צוריק קיין נעאַפּאָליס און איבערוואַרטן דאָרט דעם פרילינג,

װעלכער איז איבעריקנס אָנגעקומען פריִער און װאַרעמער, װי גע־
מײנטלעך.

דורך דער גאַנצער צײַט האָט װיניציוש געלעבט פאַרמאַכט
אין זײַן הױז, מיטן געדאַנק װעגן ליגיען און װעגן די אַלע נײַע
זאַכן, װעלכע האָבן אַזױ פיל אָרט פאַרנומען אין זײַן האַרץ און
אַרײַנגעבראַכט דאָרט גאַנץ פרעמדע באַגריפן און געפילן. ער האָט
זיך נאָר פון צײַט צו צײַט געזען מיט גלױקוס דעם רופא, װעמענס
באַזוכן עס האָבן אים פאַרשאַפט אַן אינערלעכע פרײד, װאָרים
ער האָט מיט אים געקענט רעדן װעגן ליגיען. גלױקוס האָט אפילו
נישט געװוּסט, װוּ זי געפינט זיך, אָבער ער האָט אים פאַרזיכערט,
אַז זי געפינט זיך אונטער דער זיכערער השגחה פון די עלטסטע.
אײנמאָל האָט ער אים אפילו, אױס מיטגעפיל צו זײַנע לײדן, דער־
צײלט, אַז דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט פאַרגעװאָרפן קריספּוסן
דערפאַר, װאָס ער האָט ליגיען געשטראָפט פאַר איר ערדישער לי־
בע. דער יונגער פּאַטריציִער איז בלײך געװאָרן דערהערנדיק דאָס,
אױך אים האָט זיך נישט אײנמאָל געדוכטן, אַז ליגיע איז נישט
גלײַכגילטיק צו אים, אָבער גאַנץ אָפט האָט ער אױך געצװײפלט
און נישט זיכער געװען, איצט האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט
פון אַ פרעמד מױל, דערצו נאָך פון אַ קריסט, אַ באַשטעטיקונג אױף
זײַן טרױם און האָפענונג. אין דער ערשטער מינוט האָט ער פון
דאַנקלעכקײט געװאָלט לױפן צו פּעטרוסן, אָבער דערװיסנדיק
זיך, אַז ער איז נישטאָ אין שטאָט, אַז ער פּרעדיקט אין דער אומ־
געגנט, האָט ער באַשװוירן גלױקוסן, ער זאָל אים צו אים פירן,
צוזאָגנדיק גרױסמוטיק צו באַלױנען דערפאַר די אָרימעלײַט פון דער
געמײנדע. ער האָט אױסערדעם געקלערט, אַז אױב ליגיע ליבט
אים, זענען שױן דערמיט אַלע מניעות באַזײַטיקט, דען ער איז
דאָך גרײט געװען יעדער מינוט צו דינען קריסטוסן. אָבער גלױ־
קוס, כאָטש ער האָט אים תמיד שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל זיך
טױפן, האָט ער אים איצט נישט צוגעזאָגט, אַז ער װעט דאַדורך
גלײַך באַקומען ליגיען, ער האָט אים געזאָגט, אַז טױפן דאַרף
מען זיך לשמה, אױס ליבע צו קריסטוסן, און נישט צוליב אַנדערע
צװעקן.

— מ'מוז האָבן אויך אַ נשמה אַ קריסטלעכע — האָט ער צו אים געזאָגט.

און וויניציוס, כאָטש יעדער מניעה האָט אים אויפגעבראַכט, האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז גלויקוס רעדט אַזוי, ווי ער דאַרף אַלס קריסט רעדן. ער האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז איינע פון די טיפסטע ענדערונגען, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען איז דאָס, וואָס פריִער האָט ער באַטראַכט מענטשן און אַלץ אַרום זיך דורך זיין אייגענעם עגאָיזם, איצט אָבער האָט ער זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז אַנדערע אויגן קענען אַנדערש זען, אַנדערע הערצער קענען אַנדערש פילן און אַז יושר איז נישט אַלעמאָל דאָסזעלבע, וואָס פּערזענלעכער נוצן.

אָפט האָט זיך אים אויך פאַרוואָלט זען פּוילוס פון טאַרשיש, וועמענס ווערטער עס האָבן אים געשפּאַנט און באַאומרואיקט. ער האָט אויך אין זיך צונויפגעשטעלט טענות, מיט וועלכע ער וועט באַקעמפן זיין לערע, ער האָט זיך מיט אים מתווכח געווען אין געדאַנק, און דאָך האָט ער אים געוואָלט זען און הערן. פּוילוס אָבער איז געהאַט אַרויסגעפאָרן קיין אַריציען, און ווען אויך גלויקוס האָט אַלץ זעלטענער אָנגעהויבן זיך צו ווייזן, איז וויניציוס גאַנץ אַליין געבליבן. דאַמאָלס האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די געסלעך אַרום סובור און אויף יענער זייט טיבער מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אפשר פונדערווייטנס דערזען ליגיען. אָבער ווען אויך די האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, האָט זיך צו אים אין האַרצן אָנגעהויבן אַריינגנבענען לאַנגווייל און אומגעדולד. און סוף כל סוף איז געקומען אַ צייט, ווען זיין פריִערדיקע נאַטור האָט זיך באַכאַפּט אין אים אָפּגערופן מיט דערזעלבער קראַפט, מיט וועלכער אַ כוואַליע לויפט בשעת צופלוס צוריק צום ברעג, פונוואַנען זי איז אָפּגעטרעטן. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער איז געווען אַ נאַר, אַז ער האָט זיך אומזיסט פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט זאַכן, וועלכע האָבן אים גאָר געבראַכט זאָרג און אַז ער דאַרף נעמען פון לעבן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרגעסן אָן ליגיען, אָדער לכל

דפּחות צו זוכן פֿאַרגעניגן און געניס אָן איר. ער האָט אָבער געפֿילט, אַז דאָס איז דער לעצטער פּרוו, ער האָט זיך געוואָרפֿן אין שטראָם פֿון לעבן מיט דער גאַנצער בלינדער, אין אים אײַנגעבוירענער ענערגיע און היץ. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס לעבן אַליין וואָלט אים אין דעם צוגעהאָלפֿן. די שטאָט, וועלכע איז געווען אָפּגעשטאָרבן און אויסגעליידיקט איבערן גאַנצן ווינטער, האָט גענומען אויפֿלעבן צוליב דער האָפֿנונג פֿון צעזאַרס גיכן צוריקקער. מ'האָט פֿאַר אים צוגעגרייט פֿייערלעכע אויפֿנאַמען. אַחוץ דעם איז אויך געקומען פֿרילינג: די שנייען זענען פֿאַרשוווּנדן אונטערן הויך פֿון די אַפֿריקאַנער ווינטן, וואָס זענען געקומען פֿון די שפּיצן אַלבאַנער בערג. די בייטן און די גערטנער זענען באַדעקט געוואָרן מיט פֿיילכלעך. פֿאָראַ און דאָס מאַרס-פֿעלד האָבן גענומען ווימלען פֿון מענטשן, וועלכע די זון האָט אַלץ הייסער גענומען באַקן. אויף וויאַ אַפּיאַ, ווו עס איז געוויינטלעך געווען דאָס הינטער-שטאָטישע שפּאַציר-אָרט, האָט געהערשט אַ באַוועגונג פֿון רייך באַפּוצטע וואָגנס. מ'האָט שוין געמאַכט שפּאַצירן אין די אַלבאַנער בערג. יונגע פֿרויען האָבן, מיטן אויסרייד צו פֿאָרן יונאָנאַ אין לאַנוויום אָדער דיאַנאַ אין אַריציען, אַרויסגעשלײַכט זיך פֿון זייערע הייזער, אום צו זוכן אויסער דער שטאָט איינדרוקן, געזעלשאַפֿטלעכע באַגעגענישן און פֿאַרגעניגנס. דאָ האָט וויניציוש איינמאָל דערזען צווישן די פּרעכטיקע קאַרעטעס די גרויסאַרטיקע קאַרוקע, געשפּאַנט מיט צוויי מאַלאָסן פֿון פּעטראָניוסעס כריזאָטעמיס, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יונגע און אַלטע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן צוליב זייערע אַמטן געמוזט בלייבן אין שטאָט.

כריזאָטעמיס האָט, אָנטרייבנדיק אַליין מיט די פֿיר יונגע קאָרסיקאַנער פֿערד, געטיילט אַרום זיך שמייכלען און לייכטע קלעפּ מיט דער איר גאָלדענער בייטש, אָבער דערזעענדיק וויניציושן, האָט זי איינגעהאַלטן די פֿערד און האָט אים אַריינגענומען אין די קאַרוקע און שפּעטער אויף דער פֿאַרווײַלונג בײַ זיך אין הויז, וועלכע האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצע נאַכט. וויניציוש האָט זיך אַזוי באַזויפֿן אויף יענער פֿאַרווײַלונג, אַז ער האָט אפילו

נישט געדענקט, ווען מ'האָט אים אָפּגעפירט אַהיים, ער האָט פונדעסטוועגן געדענקט, אַז ווען כריזאַנטעמיס האָט אים געפרעגט וועגן ליגיען, האָט ער זיך באַליידיקט און זייענדיק שוין שיכור, האָט ער אויסגעגאָסן איר אויפן קאָפּ אַ בעכער פּאַלערן. טראַכטנ־דיק וועגן דעם ניכטערנערהייט, האָט עס אים נאָך אויך פאַרדראָסן. מיט איין טאָג שפּעטער אָבער איז כריזאַנטעמיס, פאַרגעסנדיק, ווייזט אויס, וועגן דער באַליידיקונג, געקומען צו אים אין הויז און אים ווידער מיטגענומען אויפן אַפּיער וועג, דערנאָך איז זי ביי אים געווען אויפן אַוונט־מאָלצייט, אויף וועלכן זי האָט זיך פאַר אים מודה געווען, אַז נישט נאָר פּעטראָניוס, נאָר אפילו זיין האַרפן־שפּילער איז איר שוין לאַנג דערעסן געוואָרן און אַז איר האַרץ איז פריי. אַ וואָך צייט האָט מען זיי טאַקע געזען צוזאַמען, אָבער די באַנטקייט האָט נישט אויסגעוויזן צו זיין קיין דויערנדיקע. כאָטש צייט דעם פאַרפאַל מיטן בעכער פּאַלערן איז שוין ליגיעס נאָמען מער נישט דערמאַנט געוואָרן, האָט וויניציוש דאָך נישט גע־קענט פאַרגעסן אָן איר. ער האָט כסדר געהאַט דאָס געפיל, אַז אירע אויגן קוקן אויף אים. און דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים אַנגסטלעך דורכגעדרינגען. ער איז אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין און נישט בעקענט פונדעסטוועגן פּטור ווערן נישט פונם געדאַנק, אַז ער פאַרוומערט ליגיען, נישט פונם צער, וואָס דער געדאַנק האָט אין אים אַרויסגערופן. שפּעטער, נאָכן ער'שטן אייפערזוכטס־פאָרוורף, וואָס כריזאַנטעמיס האָט אים געמאַכט, צוליב צוויי סירישע מייד־לעך, וועלכע ער האָט זיך געקויפט, האָט ער זי אויף אַ וווּלגאַרן אויפן דורכגעטריבן. אמת טאַקע, דאָס אויך דערנאָך האָט ער נישט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו פאַרגעסן זיך אין פאַרגעניגנס און אויס־געלאַסנקייט, אדרבא, ער האָט דאָס געטון מיט אַ פאַרביסנקייט, ווי ליגיען להכעיס, אָבער סוף כל סוף האָט ער באַמערקט, דאָס ער הערט איין מינוט נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר, אַז זי איינע איז די סיבה פון זיינע שלעכטע ווי גוטע מעשים און אַז עס גייט אים אין אמתן קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט אָן, אויסער זי. דאַן האָט ער דערפילט אַ נישט־ביחאָקייט און אַ מידע־קייט. דאָס הוליען איז אים מיאוס געוואָרן און האָט אים נאָר

איבערגעלאָזט חרטה־געפילן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס ער איז אַ שפּלדיקע בריאה, און אַז דאָס געפיל האָט אים גאָר פאַרווירט, וואָרים פריִער פלעגט ער האַלטן פאַר גוט אַלץ, וואָס איז אים באַקוועם געווען. לסוף האָט ער פאַרלוירן די אומגעצווונגענקייט, די זיכערקייט אין זיך און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פולקאָמע אַפּאַטיע, פון וועלכער עס האָט אים נישט אַרויסגענומען אפילו די ידיעה, דאָס דער צעזאַר איז צוריקגעקומען. קיין שום זאַך איז אים שוין איצט נישט אָנגעגאַנגען, אפילו צו פּעטראָניוסן איז ער אויך נישט געגאַנגען, ביז יענער האָט צו אים געשיקט אַ פאַרבעטונג און זיין אייגענע לעקטיקע.

אהיינקומענדיק, כאָטש ער איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן, האָט ער נישט גערן געענטפערט אויף פּעטראָניוסעס שאלות, אָבער סוף כּל סוף זענען די לאַנג פאַרשטיקטע געפילן און געדאַנקען אויסגעבראָכן אין אַ געוואַלטיקן שטראָם פון ווערטער. ער האָט נאָכאַמאָל דערציילט אויספירלעך די געשיכטע פון זיין אַרומזוכן ליגיען און זיין פאַרברענגען צווישן די קריסטן, אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט, אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעטראַכט און איבערגעפילט, און נאָך דעם אַלעם האָט ער זיך געקלאָגט, דאָס ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ כאַאָס, אין וועלכן ער האָט פאַרלוירן די רו און די פעיִקייט צו דערקענען זאַכן און משפּטן וועגן זיי. קיין שום זאַך רייצט אים נישט, קיין שום זאַך געפעלט אים נישט, ער ווייסט נישט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן און וואָס ער האָט צו טון. ער איז גרייט צו דינען קריסטוסן און אויך צו רודפן אים, ער פאַרשטייט די גרויסקייט פון זיין לערע און גלייכצייטיק פילט ער צו איר אַן אומגעהייערן עקל. ער פאַרשטייט, דאָס ווען ער זאָל אפילו האָבן ליגיען, וועט זי אים נישט בשלמות געהערן, ווייל ער וועט זיך מוזן טיילן מיט קריסטוסן. און ער לעבט ער אָן האָפענונג, אָן אַ מאָרגן, אָן גלויבן אין דער צוקונפט, אָן גליק און עס רינגלט אים אַרום אַ פינסטערניש, פון וועלכער ער זוכט טאַפּנדיק אַן אויסוועג און געפינט נישט.

פּעטראָניוס האָט בשעת זיין דערציילן געקוקט אויף זיין גע־

געגדערט געזיכט, אויף זייגע הענט, וועלכע ער האָט רעדנדיק עפּעס מאָדנע אויסגעשטרעקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט טאַקע געזוכט אַ וועג אינדערפינצטער, און ער האָט זיך פאַרטראַכט — פּלוצלינג איז ער אויפגעשטאַנען און, צוגייענדיק צו וויניציוּשן, האָט ער אים גענומען פונאַנדערשאַרן מיט די פינגער די האָר פון הינטערן אויער.

— ווייסטו — האָט ער געפרעגט — אַז דו האָסט עטלעכע גרויע האָר אויף דער שלעף?

— מעגלעך — האָט וויניציוּש געענטפערט — כ׳וועל זיך נישט וווּנדערן, אויב זיי וועלן מיר אינגיכן אַלע גרוי ווערן.

דערנאָך איז שטיל געוואָרן. פּעטראָניוס איז געווען אַ קלוגער מענטש און ער האָט זיך נישט איינמאָל פאַרקלערט איבער דער מענטשלעכער נשמה און איבערן לעבן. דאָס לעבן אָבער אין דער וועלט, אין וועלכער זיי ביידע האָבן געלעבט, האָט אויסערלעך געקענט זיין גליקלעך אָדער אומגליקלעך, אָבער אינערלעך איז עס געווען רויק. פּונקט ווי אַ דונער אָדער אַן ערד-ציטערניש האָט געקענט חרוב מאַכן אַ טעמפּל, אַזוי האָט אַן אומגליק געקענט אַ תּל מאַכן פונם לעבן, דאָס לעבן גופא אָבער איז באַשטאַנען פון גלייכע און האַרמאָנישע ליניעס, אָן שום פאַרפּלאָנטערונגען. אין וויניציוּשס רייד אָבער איז גאָר עפּעס אַנדערש געווען, און פּעטראָניוס איז איצט צום ערשטן מאָל געשטאַנען פאַר אַ רייע גייסטיקע קאָמפּליצירונגען, וועלכע קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט אויפגעפּלאָנטערט. ער איז געווען אויף אַזוי פיל קלוג, אַז ער האָט פאַרשטאַנען זייער ערנסטקייט, אָבער ביי זיין גאַנצן שאַרפזין האָט ער נישט געהאַט קיין שום ענטפער אויף די אַלע פראַגן און ענדלעך, נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז געוויס כישוף.

— איך האָב אויך אַזוי גערעכנט — האָט וויניציוּש געענטפערט — נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז מ׳האָט אונדז ביידן פאַרכישופט.

— און אפשר וואָלסטו זיך געווענדט צו די פּריסטער פון סעראַפּיס — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — צווישן זיי, ווי בכלל

צווישן די פריסטער זענען געווען דאָ אויך שווינדלער, אָבער עס זענען אויך דאָ אַזעלכע, וועלכע קענען די פאַרבאָרגענע סודות.

אָבער ער האָט דאָס גערעדט, אַליין נישט גלייבנדיק און מיט אַן אומזיכערער שטים, ווארים ער האָט אַליין געפילט, ווי אין זיין מויל קלינגט אַזאַ עצה נאַריש און חוזקלעך.

וויניציוש אָבער האָט זיך גענומען רייבן דעם שטערן — און ער האָט געזאָגט:

— כישוף!... כ'האָב געזען מכשפים, וועלכע האָבן די אונטערדישע, פאַרבאָרגענע כוחות אויסגענוצט צוליב געלט, כ'האָב אויך געזען אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָס באַנוצט לרעות זייערע שונאים. אָבער די קריסטן לעבן דאָך אין אָרימקייט, די שונאים זייערע זענען זיי מוחל, זיי פרעדיקן הכנעה, מאָראַל און באַרמהאַרציקייט, צו וואָס זשע נוצט זיי כישוף, וואָס קענען זיי האָבן דערפון?...

פעטראָניוסן האָט אָנגעהויבן ערגערן דאָס, וואָס ער קען אויף גאָרנישט געפינען קיין ענטפער, נישט ווילנדיק זיך אָבער מודה זיין דערין, האָט ער געגעבן אַן ענטפער, אַבי יוצא צו זיין:

— דאָס איז עפּעס אַ נייע סעקטע...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— ביי דער געטלעכער באַוויבערין פון די פאַפישע וועלדער, ווי דאָס אַלץ שטערט צו לעבן! דו באַוואונדערסט דאָס גוטקייט און די זיטלעכקייט פון דידאָזיקע מענטשן און איך זאָג דיר, דאָס זיי זענען שלעכטע מענטשן, ווייל זיי זענען שונאים פון לעבן, ווי שלאַפקייטן און ווי דער טויט אַליין. מיר האָבן זיי שוין אַזוי אויך גענוג, מיר דאַרפן נישט צו נאָך קריסטן אויך. באַרעכן נאָר: שלאַפקייטן, דער צעזאַר, טיגעליניוס, דעם צעזאַרס שירים, שיסטערס, וועלכע הערשן איבער די אייניקלעך פון די אַמאָליקע קוויריטן, געוועזענע שקלאַפן, וואָס זיצן אין סענאַט. ביי קאַסטאָרן! ס'וועט גענוג זיין! דאָס איז אַ שענדלעכע און מיאוסע

סעקטע! האָסט זיך שוין גפּרוּווט אָפּטרייסלען פון דער מרה-שחורה און בעמען געניסן אַ ביסל פון לעבן?

— כ'האָב גפּרוּווט. — האָט וויניציוּש געענטפערט.

פּעטראָניוּס האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אָך, בוגד! דורך די שקלאַפן װערן אַלע נייעסן באַלד באַקאַנט. האָסט מיר פאַרפירט מיין כריזאָטעמיס!

וויניציוּש האָט מיט אַ נישט-גיהאַדיקייט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— יעדנפאַלס דאַנק איך דיר — האָט פּעטראָניוּס געזאָגט — איך וועל איר שיקן אַ פּאָר שיך אויסגעניייט מיט פּערל; אויף מיין ליבעס-שפּראַך הייסט דאָס: „גיי דיר". כ'בין דיר טאָפּלט דאַנקבאַר: ערשטנס דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט צוגענומען עוניצען און צווייטנס, וואָס דו האָסט מיך באַפרייט פון כריזאָטעמיס. הער מיך אויס: עס שטייטפאַר דיר אַ מענטש, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פרי, האָט זיך געבאָדן, האָט זיך געוויילט, איז באַזיצן כריזאָטעמיסן, האָט געשריבן סאַטירע, און טיילמאָל אויך פּראָזע דורכגעפלאָכטן מיט שירים, אָבער וועלכער האָט זיך געלאַנגווייליקט, ווי דער צעזאַר, און האָט אָפּט נישט געקענט פּטור ווערן פון טריבע געדאַנקען. און ווייסטו פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל כ'האָב געזוכט אין דער ווייטנס דאָס, וואָס איז געווען נאָנט... אַ שיינע פרוי איז ווערט אַזוי פיל גאָלד, וויפיל זי וועגט אַליין, אָבער אַ פרוי, וועלכע ליבט נאָך אויך, איז פּשוט נישט אָפּצושאַצן. דאָס וועסטו נישט קויפן פאַר אַלע אוצרות פון ווערעסן. איך דענק איצט אַזוי: כ'דאַרף מיר אָנפילן דאָס לעבן מיט גליק, ווי אַ בעכער מיטן בעסטן וויין, וואָס די ערד גיט אַרויס, און טרינקען אַזוי לאַנג, ביז די האַנט וועט נישט אָפּשטאַרבן און די ליפּן וועלן נישט קאַלט ווערן. וואָס ווייטער וועט זיין, אַרט מיך נישט, דאָס איז מיין נייעסטע פילאָזאָפיע.

— דו האָסט אַלעמאָל אַזוי געדענקט. עס איז אין דעם גאָר קיין נייעס נישטאָ!

— עס איז אין איר דאָ אַ תמצית, וועלכער איז אַמאָל נישט געווען.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אַרײַנגערופֿן עניצען, װעלכע איז אַרײַנגעקומען דראַפּירט אין װײַס, מיט אַ גאָלד־האָריקן קאָפּ, שױן לאַנג נישט קײן שקלאַפֿין, נאָר װי אַ געטין פֿון ליבע און גליק.

ער האָט געעפֿנט די אָרעמס און געזאָגט:

— קום.

זי איז צוגעלאָפֿן צו אים, און זעצנדיק זיך אויף זײַן שויס, האָט זי פֿאַרוואָרפֿן אירע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז און דעם קאָפּ האָט זי אָנגעלעגט אויף זײַן ברוסט. װיניציוש האָט געזען, װי אירע באַקן האָבן זיך ביסלעכװײַז גענומען רויטלען מיט אַ פּורפּור־גלאַנץ, װי אירע אויגן זענען װאָס אַמאָל מער פֿאַרנעפּלט געװאָרן. און אַזוי צוזאַמען האָבן זײ געבילדעט אַ װוּנדערלעכע גרופּע פֿון ליבע און גליק. פּעטראָניוס האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער פֿלאַכער װאַזע, װעלכע איז געשטאַנען לעבן אים אויף אַ טיש און, אַרויסנעמענדיק פֿון איר אַ פֿולע האַנט פֿײַלכלעך, האָט ער מיט זײ גענומען באַשיטן עניצעס קאָפּ, ברוסטן און סטאָלע, דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם טוניק פֿון אירע אַקסלען און געזאָגט:

— גליקלעך איז דער, װעלכער האָט, װי איך, געפֿינען ליבע געהילט אין אַזאַ געשטאַלט... טײלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז מיר זענען צװײ געטער... זע אַלײן: צי האָט פּראַקסיטעלעס, צי מיראָן, צי סקאָפּאַס, אָדער ליזיאַס געשאַפֿן שענערע ליניען? צי איז אויף פּאַראָס אָדער אין פּענטעליקאָן פֿאַרהאַן אַזאַ װאַרעמער, ראָזער און פֿאַרליבטער מאַרמאָר? עס זענען פֿאַרהאַן מענטשן, װעלכע קושן אויס די ראַנדן פֿון װאַזעס, אָבער איך װיל גלײַכער זוכן גענוס דאָרט נאָר, װוּ מ'קען עס באמת געפֿינען.

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער גענומען איבערגײן מיט זײַנע ליפּן איבער אירע אַקסלען און האַלדז. איר האָט אַדורכגענומען אַ שוידער און די אויגן האָבן זיך איר דאָ געעפֿנט, דאָ פֿאַרמאַכט, מיט אַן אויסדרוק פֿון עקסטאַטישן גענוס. פּעטראָניוס האָט אין אַ

ווײלע אַרום אויפגעהויבן זיין פרעכטיקן קאָפ און, ווענדנדיק זיך צו וויניציושן, האָט ער געזאָגט:

— און איצט זאָג אַליין, וואָס זענען דיינע טריבע קריסטן קעגן דעם? און אויב דו פאַ־שטייסט נישט דעם אונטערשייד, טאָ גיי דיר צו זיי... אָבער דאָס, וואָס דו האָסט איצט געזען, וועט דיך אויסהיילן.

וויניציוש האָט צעשפּרייט די נאָזלעכער, אַריינציִענדיק דעם פיילכלעך־דופט, וועלכער האָט אָנגעפילט דאָס צימער און ער איז גלייך געוואָרן, ווען ער האָט אַ טראַכט געטון, דאָס ווען ער וואָלט געקענט אַזוי פירן מיט זיינע ליפּן איבער ליגיעס אַקסלען, וואָלט עס געווען אַזאַ העזהדיקער גענוס, אַז נאָכדעם וואָלט שוין אַפילו די וועלט געמעגט חרוב ווערן. אָבער זיי׳ענדיק שוין צוגעוויינט זיך שנעל קלאָר צו מאַכן, וואָס עס קומט אין אים פאָר, האָט ער גלייך באַמערקט, אַז אויך אין דער מינוט טראַכט ער וועגן ליגיען און נאָר וועגן איר.

פּעטראָניוס האָט דערווייל געזאָגט:

— טניצע, געטין, הייס צוגרייטן פאַר אונדז קרענץ אויף די קעפּ און דעם פרישטיק.

דערנאָך, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך געווענדט צו וויניציושן:

— כ׳האָב זי געוואָלט באַפרייען, אָבער זי האָט מיר געענטפערט, ווייסט וואָס: „כ׳וויל ליבערשט זיין דיין שקלאַפין, איידער דעם צעזאַרס פרוי“. און זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט פריי ווערן. דאַן האָב איך זי באַפרייט אונטער איר וויסן. דער פּרעטאָר האָט דאָס געטון צוליב מיר, אָבער זי ווייסט נישט וועגן דעם, אַזוי ווי זי ווייסט נישט, אַז דאָס הויז און מיין גאַנץ צירונג, אויסער די געממעס, וועלן איר געהערן נאָך מיין טויט.

דאָס זאָגנדיק, איז ער אויפגעשטאַנען, איז זיך איבערגעגאַנגען איבערן צימער און געזאָגט:

— די ליבע ענדערט טייל מענטשן מער, טייל ווייניקער, אָבער זי האָט מיך אויך געענדערט. אַמאָל האָב איך ליב געהאַט

דעם ריח פון ווערוועגע, אָבער ווייל עניצע האָט ליבער פיילכלעך, האָב איך זיי דעריבער אויך ליבער באַקומען פון אַלע אַנדערע און פון צייט ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג אָטעמען מיר נאָר מיט פיילכלעך.

ער האָט זיך אָפגעשטעלט לעבן וויניציוּשן און געפרעגט:

— און דו, האָסטו נאָך אַלץ ליב דעם ריח פון נרד?

— לאָז מיך צורו! — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט זיך צוקוקן צו עניצען, איך זאָג עס דיר דערפאַר, ווייל אפשר וועסטו אויך ערגעץ ווייט דאָס, וואָס איז נאָנט לעבן דיר, אפשר קלאַפט פאַר דיר אויך אין דיינע שקלאַפישע קוביקולומס אַ טריי פשוט הארץ. לייג צו אַזאַ באַלזאַם צו דיינע וווּנדן. דו זאָגסט, אַז ליגיע ליבט דיך? אפשר! אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע, וועלכע האַלט פון פרישות? צי הייסט דאָס ניט, אַז אין איר איז דאָ עפּעס שטאַרקערס ווי דו? ניין, טייערער: ליגיע איז ניט עניצע.

אויף דעם האָט וויניציוּש געענטפערט:

— אַלץ איז פאַר מיר נאָר איין גרויסער שמערץ. כ'האָב געזען, ווי דו קושסט עניצעס אָרעמס און כ'האָב מיר געטראַכט, אַז ווען ליגיע וואָלט פאַר מיר אַזוי אָנטפּלעקט אירע, וואָלט זיך שוין נאָכדעם געמעגט אונטער אונדז די ערד עפענען! אָבער שוין ביי דעם בלויזן געדאַנק האָב איך דערפילט עפּעס אַ שרעק, ווי איך וואָלט זיך געוואָרפן אויף אַ וועסטאַלקע, אָדער כ'וואָלט געשענדט אַ הייליקטום... ליגיע איז ניט עניצע, איך פאַרשטיי עס אָבער אַנדערש, ווי דו. דיר האָט די ליבע געענדערט די נאָז־לעכער, דעריבער האָסטו ליבער באַקומען פיילכלעך, ווי ווערוועגע, מיר אָבער האָט מען פאַרענדערט די נשמה, דעריבער איז מיר ליבער ניט קוקנדיק אויף מיין נויט און אויף מיין לוסט, וואָס ליגיע איז אַזעלכע, ווי זי איז, איידער זי זאָל ענלעך זיין צו אַלע איבעריקע.

פּעטראָניוס האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אויף אזא אופן האָסטו דאָך נישט געהאַט קיין פּולה. אָבער איך פאַרשטיי דיך נישט.

און וויניציוס האָט אײַליק געענטפערט:

— געווים, געווים!... מיר קענען זיך שוין נישט פאַרשטיין!

עס איז ווידער שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט פּעטראָניוס געזאָגט:

— זאָל דער האָדעס אײַנשלינגען דײַנע קריסטן! זיי האָבן דיך אומרויִק געמאַכט און אָפּגענומען בײַ דיר דעם חוש פאַרן לעבן. זאָל זיי דער האָדעס פאַרשלינגען! ביסט זיך טועה מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ גלויבן פון גוטקייט, וואָרים גוט איז דאָס, וואָס גיט מענטשן גליק, דאָס איז שיינהייט, ליבע און קראַפט, זיי אָבער רופן גוט די פּוסטקייט. ביסט זיך טועה מיינענדיק, אַז זיי זענען גערעכטע, וואָרים אויב מיר וועלן פאַר שלעכטס צאָלן מיט גוטס, טאָ מיט וואָס וועלן מיר באַלוינען דאָס גוטע? און אויסער דעם, אויב אי פאַר דעם, אי פאַר דעם איז איין שכר, טאָ נאָך וואָס-זשע זאָלן מענטשן זײַן גוט?

— ניין, דער שכר איז נישט דערזעלבער, נאָר לויט זייער לערע, קומט דער שכר ערשט אין קומענדיקן לעבן, וועלכעס איז אייביק.

— דאָס גייט מיך נישט אָן, וואָרים דאָס וועלן מיר ערשט זען, אויב מ׳קען נאָר עפּעס זען... אָן אויגן. דערווײַל זענען דאָס לא-יוצלחס. אורסוס האָט דערקוועטשט קראָטאָנען, ווײַל ער האָט מוסקולן פון גראַניט, אָבער זיי זענען לא-יוצלחס, און די צוקונפט קען צו קיין לא-יוצלחס נישט געהערן.

— דאָס לעבן הייבט זיך פאַר זיי אָן צוזאַמען מיטן טויט.

— דאָס הייסט, ווי אײַנער וואָלט געזאָגט: דער טאָג הייבט זיך אָן צוזאַמען מיט דער נאַכט. צי האָסטו בדעה אָנצופאַלן אויף ליגיען?

— ניין, כ׳קען איר נישט צאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס און כ׳האָב איר צוגעשוווירן, אַז כ׳וועל דאָס נישט טון.

— צי האָסטו בדעה אָנצונעמען דעם גלויבן פון קריס־טוסן?

— כ׳וויל. אָבער מיין נאַטור איז דאָס נישט סובל.

— און וועסט קענען פאַרגעסן אָן ליגיען?

— ניין.

— טאָ נעם־זשע אַרומרייזן.

אין דער רגע האָבן די שקלאַפן געגעבן צו וויסן, אַז דאָס פרישטיק איז גרייט. אָבער פעטראָניוס, וועמען עס האָט זיך גע־דוכטן, אַז ער איז געפאַלן אויף אַ גוטן געדאַנק, האָט ווייטער גע־רעדט אויפן וועג אין טריקליניום:

— דו ביסט שוין אויסגעפאָרן אַ שטיק וועלט, אָבער נאָר אַלס זעלנער, וועלכער איילט אויפן באַשטימטן אָרט און שטעלט זיך נישט אָפּ אויפן וועג. פאָר מיט אונדז קיין אַכאַי. דער צעזאַר האָט זיך נאָך ביז איצט נישט אָפּגעזאָגט פון זיין פּלאַן צו רייזן. ער וועט זיך אומעטום אָפּשטעלן אויפן וועג, ער וועט זינ־גען, צונויפנעמען קרענץ, באַרויבן טעמפּלען און ענדלעך צוריק־קומען אַלס טריומפאַטאָר קיין איטאַליען. דאָס וועט זיין, ווי אַ צוג פון באַכוס און אַפּאָלין פאַראייניקט. אויגוסטער, אויגוסטערינס, טויזנטער ציטרן — ביי קאַסטאָרן! ס׳לוינט זיך דאָס צו זען, וואָרים די וועלט האָט נאָך ביז איצט עפּעס ענלעכס נישט גע־זען.

ביי די ווערטער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק ביים טיש לעבן עניצען, און בשעת אַ שקלאַף האָט אים אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ אַ קראַנץ פון אַנעמאָנען, האָט ער ווייטער גע־רעדט:

— וואָס האָסטו דען געזען ביי קאָרבולאָן אין דינסט? גאָר־נישט! צי האָסטו באַזוכט עפּעס אָנשטענדיקע גריכישע טעמפּלען אַזוי ווי איך, וועלכער בין העכער צוויי יאָר איבערגעגאַנגען פון איין וועג־ווייזער צום צווייטן? צי ביסטו געווען אין ראָדאָס באַקוקן דאָס אָרט, וווּ דער קאָלאָס איז געשטאַנען? צי האָסטו געזען אין פּאַנאָפּיען, אין פאָצידיען דאָס ליים, פון וועלכן פּראָמעטעוס האָט געקנעטן מענטשן, אָדער אין כּפאַרטאַ די אייער, וועלכע לעדאַ

האָט געלייגט, אָדער אין אָטען דעם באַרימטן סאַרמאַטישן פּאַנצער, וועלכער איז געמאַכט פון פערדישע קלאָען, אָדער אין עובֿיי די שיף פון אַגאַמעמנאָן, אָדער דעם בעכער, וואָס אַלס פּאָרם פאַר אים האָט געדינט העלענאַס ליבקע ברוסט? צי האָסטו געזען אַלעקסאַנדריען, מעמפיס, די פּיראַמידן, די האָר פון איזידאַ, וועלכע זי האָט זיך אויסגעריסן פון צער נאָך אָזיריסן? צי האָסטו געהערט דעם קרעכץ פון מעמנאָנען? די וועלט איז גרויס און נישט אַלץ ענדיקט זיך אויף יענער זייט טיבער! איך וועל באַגלייטן דעם צעזאַר און דערנאָך, ווען כ'וועל צוריקקומען, וועל איך אים לאָזן און כ'וועל אַוועק אויפן ציפּר, וואָרים דידאַזיקע גאָלדהאָריקע געטין מײַנע ווינטשט זיך, מיר זאָלן ביידע מקריב זיין אין פּאַפאָס טויבן פאַר ציפּרידאָן, און דו מוזסט וויסן, אַז וואָס זי ווינטשט זיך, דאָס מוז געשען.

— דיין שקלאַפין בין איך — האָט עניצע געזאָגט.

ער האָט אָנגעלענט זיין באַקראַנצטן קאָפּ אויף איר שויס און האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— בין איך אַלזאָ דער שקלאַף פון אַ שקלאַפין. כ'באַוואונדער דיך, געטין מײַנע, פון קאָפּ ביז צו די טריט דייַנע.

דערנאָך צו וויניציושן:

— פאָר מיט אונדז אין ציפּר. נאָר פריער געדענק, אַז דו מוזסט זיך זען מיטן צעזאַר. ס'איז שלעכט, וואָס דו ביסט נאָך ביז איצט ביי אים נישט געווען; טיגעליניוס איז שוין גרייט דאָס אויסצונוצן פאַר דיין שאָדן. ער האָט אפילו צו דיר נישט קיין פערזענלעכע שנאה, אָבער ליב האָבן דיך קען ער נישט שוין דערפאַר, וואָס דו ביסט מיין שוועסטערן־זון... מיר וועלן זאָגן, אַז דו ביסט געווען קראַנק. מיר מוזן באַקלערן, וואָס דו זאָלסט אים ענטפערן, אויב ער וועט דיך פרעגן וועגן ליגיען. ס'בעסטע וועט זיין, דו זאָלסט אַ מאַך טון מיט דער האַנט און זאָגן, אַז זי איז געווען אַזוי לאַנג, ביז זי איז דיר נמאס געוואָרן. ער וועט דאָס פאַרשטיין. זאָג אים אויך, אַז דיין קראַנקהייט האָט דיך געהאַלטן אינדערהיים און אַז די היץ אין דיר האָט זיך געשטאַרקט צוליב

דיין עגמת-נפש, וואָס דו האָסט נישט געקענט זיין אין געפעליס און הערן זיין געזאַנג, און אַז דו ביסט געזונט געוואָרן נאָר צוליב דער האָפנונג, דאָס דו וועסט אים נאָך הערן. האָב נישט קיין מורא איבערצוטרייבן. טיגעליוס האָט צוגעזאָגט, דאָס ער וועט צוקלערן פאַרן צעזאַר נישט נאָר עפּעס גרויסעס, נאָר אויך עפּעס גראָבעס... כ'האָב פונדעסטוועגן מורא, ער זאָל מיך נישט אונטערגראָבן. כ'בין אויך נישט זיכער וועגן דיין שטימונג...

— ווייסטו דערפון — האָט וויניציוש געזאָגט — אַז עס זענען פאַרהאַן מענטשן, וועלכע האָבן פאַרן צעזאַר נישט קיין מורא [illegible]ן לעבן אַזוי רויק, ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געוועזן?

— כ'ווייס, וועמען דו מיינסט: די קריסטן.

— יאָ. נאָר זיי... אָבער אונדזער לעבן וואָס איז, אויב נישט אייביקע שרעק?

— לאָז מיך צורו מיט דיינע קריסטן. זיי האָבן נישט קיין מורא פאַרן צעזאַר, ווייל ער האָט אפשר נאָך אפילו נישט געהערט וועגן זיי, אָדער ער ווייסט יעדנפאַלס וועגן זיי גאָרנישט, און זיי גייען אים אַזוי פיל אָן, וואָס אָראָפּגעפאַלענע בלעטער. און איך זאָג דיר, אַז דאָס זענען לאָ-יצלחס, אַז דו אַליין פילסט דאָס, און אַז אויב דיין נאַטור שאָקלט זיך אָפּ פון זייער לערע, איז עס טאַקע דערפאַר, וואָס דו פילסט זייער שלימזלדיקייט. דו ביסט אַ מענטש פון אַן אַנדער ליים געקנעטן און דעריבער הער אויף מיר און דיר צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט זיי. מיר וועלן באַווייזן צו לעבן און צו שטאַרבן, אָבער וואָס זיי וועלן באַווייזן, ווייסט מען נאָך נישט.

וויניציוש איז פאַרבליבן געוואָרן פון די רייד און, אַהיימקומענדיק צו זיך, האָט ער גענומען קלערן, אַז אפשר איז טאַקע יענע גוטקייט און באַרמהאַרציקייט פון די קריסטן נאָר אַ סמן פון זייער שלימזלדיקייט. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז מענטשן, וועלכע האָבן פעסטע און שטאַרקע נאַטורן, וואָלטן נישט געקענט אַזוי מוחל זיין. ער האָט אַ קלער געטון, אַז דאָס איז אפשר טאַקע די

טיבה פונם עקל, וועלכע זיין רוימישע נשמה פילט צו דערדאַזי-
קער לערע. „מיר וועלן באַווייזן צו לעבן און צו שטאַרבן"ו האָט
פעטראָניוס געזאָגט. און זיי? זיי קענען נאָר מוח? זיין, אָבער
זיי ווייסן נישט, נישט פון קיין עכטער ליבע, נישט פון קיין עכטער
שנאה.

דער צעזאַר איז, צוריקקומענדיק קיין רוים, בייז געווען, וואָס ער איז צוריקגעקומען, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין אים אויפֿסניי צעברענט דער חשק צו פֿאָרן קיין אַכאַיִע. ער האָט אַפֿילו אַרויסגעגעבן אַן עדיקט, אין וועלכן ער האָט מודיע געווען, דאָס ער וועט נישט לאַנג זוימען אויף דער איצטי-קער נסיעה און אַז די עפֿנטלעכע עסקים וועלן דערפֿון גאָרנישט ליידן. דערנאָך איז ער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אויגוסטער, צווישן וועלכע אויך וויניציוש איז געווען, אַוועק אין קאַפּיטאָל אַריין, כּדי צו ברענגען דאַנק-קרבנות די געטער פֿאַר דער איינגע-געבענער רייזע.

אויפֿן צווייטן טאָג אָבער, ווען ער האָט נאָך דער ריי נאָך באַזוכט דעם טעמפּל פֿון וועסטאַ, איז געשען עפּעס, צוליב וועלכן אַלע פּלענער זענען געענדערט געוואָרן. נעראָ האָט נישט געגלייבט אין געטער, אָבער ער האָט פֿון זיי מורא געהאַט, איבערהויפּט פֿאַר דער סודותפֿולער וועסטאַ, וועלכע האָט אים אַדורכגענומען מיט

צזאַ אנגסט, אַז בײַם אָנבליק פֿון הײליקטום אין דעם הײליקן פֿײַער, האָבן זיך אים פֿלוצלינג פֿאַר שרעק די האָר קאַפּױערגע־שטעלט, די צײן האָבן זיך אים פֿאַרהאַקט, אַ שױדער איז אים דורכגעלאָפֿן איבער אַלע בײנער און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף װיניציױשס הענט, װעלכער איז גראָד געשטאַנען הינטער אים. מ׳האָט אים תּיכּף אַרױסגעטראָגן פֿונם טעמפּל און אױפֿגעפֿירט אין פּאַלאַטין, װוּ ער האָט שױן אַ גאַנצן טאָג נישט פֿאַרלאָזט דאָס בעט, כאָטש ער איז באַלד אײַנגאַנצן געקומען צו זיך. ער האָט אויך, צו אַלעמענס פֿאַרװוּנדערונג, דערקלערט, אַז ער לײגט אומ־באַדינגט אָפּ די געפּלאַנטע נסיעה אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט, װײַל די געטין האָט אים בסוד געװאָרנט, ער זאָל נישט אײַלן. אין אַ שעה אַרום האָט מען שױן עפֿנטלעך מודיע געװען דעם גאַנצן פֿאָלק אין רױם, אַז זעענדיק די פֿאַראומערטע געזיכטער פֿונם פֿאָלק, האָט דער צעזאַר, אױס פֿאָטערלעכע ליבע צו זײ, באַשלאָסן מיט זײ צו בלײַבן, אום זיך צו טײלן מיט זײערע פֿרײדן און לײדן. דערפֿרײדט פֿונם דאָזיקן באַשלוס, װעלכער האָט זײ אגב פֿאַרזיכערט אומזיסט ברױט און שפּילערײען, האָט זיך דאָס פֿאָלק מאַסנװײַז פֿאַרזאַמלט פֿאַרן טױער פֿון פּאַלאַטין מיט אױס־געשרײען לכּבֿוד דעם געטלעכן צעזאַר, װעלכער האָט צוליב דעם מפֿסיק געװען דעם שפּיל אין בײנער, אין װעלכן ער האָט דאַן עוסק געװען מיט די אױגוסטער און האָט זיך אָנגערופֿן:

— געװיס! ס׳איז אומבאַדינגט נײטיק געװען אָפּצולײגן; עגיפּטן און די הערשאַפֿט איבערן מזרח געהערן לױט אַ נבֿיאות נאָר צו מיר, דעריבער װעט אויך אַכאַי מיר נישט פֿאַרפֿאַלן װערן. כ׳װעל הײסן דורכגראָבן דעם קאָרינטער לאַנד־פּאַס און אין עגיפּטן װעלן מיר אױפֿשטעלן אַזעלכע מאָנומענטן, אַקעגן װעלכע די פּיראַמידן װעלן אױסזען, װי אַ קינדער שפּילעכל, כ׳װעל הײסן אױפֿשטעלן אַ ספֿינקס, װעלכער זאָל זײַן זיבן מאָל גרעסער פֿון דעם, װעלכער קוקט לעבן מעמפֿיס אויף דער װיסטע, נאָר איך װעל אים הײסן געבן מײַן פּנים. די צוקונפֿטיקע דורות װעלן רעדן נאָר װעגן דעם ספֿינקס און װעגן מיר.

— דו האָסט דיר שױן געשטעלט אַ מאָנומענט מיט דײַנע

שירים נישט זיבן מאָל, נאָר דריי מאָל זיבן גרעסער פון די פּיראַמידן כעאָפּסעס. — האָט פּעטראָניוס געזאָגט.

— און מיטן געזאַנג? — האָט נעראָ געפרעגט.

— אָבער לײדער! ווען מ'וואָלט דיר געקענט אויפשטעלן אַזאַ סטאַטוע, ווי מעמנאָנס, וועלכע זאָל בשעת זונען-אונטערגאַנג אַרויסגעבן פון זיך דיין שטים! וואָלטן די וואַסערן ביי עגיפּטן אייביקע דורות געווימלט פון שיפן, אויף וועלכע מענטשן פון אַלע דריי וועלט-טיילן וואָלטן זיך איינגעהערט אין דיין ליד.

— צום באַדויערן, ווער וועט דאָס קענען באַווייזן? — האָט נעראָן געזאָגט.

— אָבער דו קענסט הייסן זיך אויסהאַקן פון באַזאַלט, אָנשרייבנדיק אויף אַ קוואַדריגע.

— ריכטיק! כ'וועל דאָס טון!

— דאָס וועט זיין אַ מתנה דער מענטשהייט.

— אין עגיפּטן וועל איך שטעלן אַ חופּה מיט לונאַן, וועלכע איז אַן אַלמנה, און וועל ווערן אַן אמתער גאָט.

— און אונדז וועסטו געבן פאַר ווייבער די שטערן, מיר ווידער וועלן באַשאַפן אַ נייע קאָנסטעלאַציע, וועלכע וועט הייסן נעראָנס קאָנסטעלאַציע. וויטעליוסן אָבער מאַך חתונה מיטן ניל, כדי ער זאָל געבוירן היפּאָפּאָטאַמען. טיגעלינוסן שענק אַוועק דעם מדבר, וועט ער זיין דער מלך איבער די שאַקאַלן...

— און פאַר מיר וואָס? — האָט וואַטיניוס געפרעגט.

— זאָל דיך אַפּיס בענטשן! האָסט אונדז איינגעאָרדנט אַזעלכע הערלעכע פאַרוויילונגען אין בענעווענט, אַז איך קען דיר נישט ווינטשן קיין שלעכטס. דו מאַך אַ פּאָר שיך פאַרן ספינקס, וועלכן די לאַפּעס פרירן בשעת די נאַכט-טויען, און דערנאָך וועסטו מאַכן שיך פאַר די קאָלאָסן, וועלכע בילדן אַלייען פאַר די טעמפּלען. יעדער וועט דאָרט באַקומען אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג. דאָמיציוס אַפער, צום ביישפּיל, וועט ווערן שאַך-מייסטער, צוליב זיין ערלעכקייט. כ'האָב ליב, צעזאַר, ווען דו טרוימסט וועגן עגיפּטן און כ'באַדויער, וואָס דו האָסט אָפּגעלייגט דיין נסיעה.

נעראָן האָט געענטפערט:

— אייערע שטערבלעכע אויגן האָבן גאָרנישט געזען, ווייל א הייליקטום ווערט אומזעעוודיק פאַר דעם, וואָס עס וויל נישט. זייט וויסן, אז ווען כ'בין געווען אין טעמפל פון וועסטא, האָט זי אליין זיך באַוויזן לעבן מיר און מיר איינגערוימט אין אויער: „לייג אָפּ די נסיעה". דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז כ'האָב זיך דערשראָקן, כאָטש איך וואָלט באַדאַרפן זיין דאַנקבאַר צו די געטער פאַר אַזאַ השגחה איבער מיר.

— מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן — האָט טיגעלינוס גע-זאָגט — און די וועסטאַלקע רובריאַ האָט געחלשט.

— רובריאַ! — האָט נעראָן געזאָגט — וואָס פאַר א ווייסן האַלדז זי האָט.

— אָבער ער רויטלט זיך ביי דעם אָנבליק אויף דיר, געט-לעכער צעזאַר...

— יאָ, איך האָב עס אויך באַמערקט, דאָס איז פלאַדיק! וועסטאַלקע! ס'איז דאָ עפּעס געטלעכס אין יעדער וועסטאַלקע, און רובריאַ איז זייער א שיינע.

דאָ האָט ער זיך א ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער גע-פרעגט:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָבן מענטשן מער מורא פאַר וועס-טאַ, ווי פאַר אַנדערע געטער? וואָס איז די סיבה דערפון? אָט האָב איך אַליין זיך אויך דערשראָקן, כאָטש איך בין דער העכ-סטער פּריסטער. כ'געדענק נאָר, אַז כ'בין געפאַלן אַהינטער און כ'וואָלט אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, ווען עמעץ וואָלט מיך נישט אונטערגעהאַלטן, ווער האָט דאָס מיך אונטערגעהאַלטן?

— איך — האָט וויניציוש געענטפערט.

— אַך, דו „בייזער אַרעס"? פאַרוואָס ביסטו נישט געווען אין בענעווענט? מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק געווען, און זעסט טאַקע שלעכט אויס. אָבער! כ'האָב געהערט, אַז קראָ-טאָ האָט דיך געוואָלט דערמאָרדן? איז עס אמת?

— אמת, און ער האָט מיר צעבראָכן אַן אָרעם, אָבער איך האָב זיך אָפּגעוועהרט.

— מיט א צעבראָכענעם אָרעם?

— אַ געווּיסער באַרבאַר, וועלכער האָט זיך אַרויסגעדרייט שטאַרקער פון קראָטאָגנען, האָט מיר געהאָלפן.

גערשאָן האָט אויף אים פאַרחידושט אַ קוק געטון:

— שטאַרקער פון קראָטאָגנען? דו שפּאַסט געוויס! קראָטאָ איז געווען דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט און איצט איז עס סיפּאַקס פון עטיאָפּיען.

— איך דערצייל דיר, צעזאַר, דאָס, וואָס כ'האָב מיט מיינע אייגן געזען.

— ווּ געפינט זיך דערדאָזיקער אוצר? איז ער נישט אַמאָל געוואָרן דער גבּאַרעגער קעניג?

— כ'ווייס נישט, צעזאַר. כ'ווייס נישט, ווּ ער איז אַהינגעקומען.

— דו ווייסט נישט אַפילו, פון וועלכן פאָלק ער איז?

— כ'האָב געהאַט אַ צעבראָכענע האַנט, כ'האָב דעריבער נישט געקענט זיך אויספרעגן.

— זוך מיר אים אויס און שטעל אים מיר צו.

אויף דעם האָט זיך טיגעלינוס אָפּגערופן:

— איך וועל זיך דאָס אונטערנעמען.

אָבער גערשאָן האָט ווייטער גערעדט צו וויניציוּשן:

— כ'דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אונטערגעהאַלטן. כ'האָב מיר געקענט דעם קאָפּ צעקלאַפּן פאַלנדיק. ביסט אַמאָל געווען אַן אויסגעצייכנטער פרייער, אָבער פון דער מלחמה אָן און צייט די דינסט ביי קאָרבולאָנען, ביסטו עפּעס פאַרווילדעט געוואָרן און מ'זעט דיך קנאַפּ.

דערנאָך האָט ער, שווייגנדיק אַ ווײַלע, צוגעגעבן:

— וואָס הערט זיך מיט יענ.ם מיידל... מיט די שמאָלע היפטן... וועלכע דו האָסט געליבט און וועלכע איך האָב פאַר דיינעטוועגן צוגענומען פון אוילוסן?...

וויניציוּש איז געקומען אין פאַרלעגנהייט, אָבער פּעטראָניוּס איז אים אין דערזעלבער רגע געקומען צו הילף:

— כ'וועל זיך וועטן, האַר — האָט ער געזאָגט — אַז ער האָט זי שוין פאַרגעסן. זעסטו, ווי ער איז צעטומלט געוואָרן?

פרעג אים, ווִיפיל ער האָט שוין געהאַט פון דאַמאָלס אָן און כ'בין נישט בטוח, צי ער וועט קענען ענטפערן דערויף. דער שטאַם ווי־ניציוּש זענען גוטע זעלנער, אָבער נאָך בעסערע הוֹנצער. זיי מוזן האָבן גאַנצע מחנות. באַשטראָף אים דערפאַר, האַר, און פאַרבעט אים נישט איף דער פאַרווײלונג, וועלכע טיגעלינוס וועט לכבוד דיר צוגרייטן אויפן אַגריפּאַ טייך.

— ניין, כ'וועל דאָס נישט טון. כ'גלייב טיגעלינוסן, אַז דאָרט וועט מסתמא קיין מחנות ווייבער אויך נישט פעלן.

— שוין זשע זאָלן פעלן כאַריטקעס דאָרט, ווו אַמאָר וועט זיין? — האָט טיגעלינוס געענטפערט.

אָבער נעראָן האָט געזאָגט:

— די לאַנגווייל מאַטערט מיך! כ'בין לויט דער געטינס ווילן געבליבן אין רוים, אָבער איך ליַיד זי נישט. כ'וועל אַרויספאָרן קיין אַנציום. כ'שטיק זיך אין דידאָזיקע ענגע גאַסן, צווישן די אייַנ־פאַלנדיקע הייזער, צווישן די שמוציקע געסלעך. די שטיקנדיקע לופט טראָגט זיך אַזש ביז מיין הויז און מיינע גערטנער. אָך, ווען אַן ערד-ציטערנישוואָלט חרוב געמאַכט רוים, ווען עפּעס אַ דער־צאָרנטער גאָט וואָלט זי אויסגעגלייכט מיט דער ערד, וואָלט איך אייך ערשט געוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף בויען אַ שטאָט, וועלכע איז דער קאָפּ פון דער וועלט און מיין רעזידענץ.

— צעזאַר — האָט טיגעלינוס געענטפערט — דו זאָגסט: „ווען אַ דערצאָרנטער גאָט, וואָלט חרוב געמאַכט רוים" — ריכ־טיק?

— ריכטיק! אַלזאָ?

— ביסטו דען נישט קיין גאָט?

נעראָן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט מיט אַן אויס־דרוק פון מידעקייט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן זען, וואָס דו וועסט אונדז צוגרייטן אויפן אַגריפּאַ טייך. נאָכדעם וועל איך אַרויספאָרן קיין אַנציום. איר זענט אַלע קליינע מענטשן, דעריבער פאַרשטייט איר נישט, אַז מיר זענען נייטיק גרויסע מעשים.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, געבנדיק דער־

מיט אַ צייכן. אַז ער דאַרף רו. באַלד טאַקע זענען זיך די אויסגעטער צעגאַנגען. פּעטראָניוס איז אַרויס מיט וויניציוש און האָט אים געזאָגט:

— ביסט אַלזאָ געראָפן אַנטייל צו נעמען אין דער פּאַרווייַלונג. די גאַלע באָרד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער רייזע, אָבער דערפאַר וועט ער שוין מער הוליען, ווי ווען עס איז, און וועט זיך צעשפּרייטן אין שטאָט, ווי ביי זיך אינדערהיים. זע דו אויך צו געפינען אין די הוליאַנקעס אַ פאַרווייַלונג און אַ פאַרגעסונג. צום טייוול! מיר האָבן דאָך איינגענומען די וועלט און מיר האָבן דעריבער אַ רעכט צו ווייַלן זיך. דו, מאַרקוס, ביסט אַ זעלטן שיינער בחור און טאַקע צוליב דעם האָב איך אַזאַ שוואַכקייט צו דיר. ביי דער עפעזער דיאַנע! ווען דו וואָלסט געקענט זען דייַנע צונויפגעוואַקסענע ברעמען און דיין געזיכט, אין וועלכן ס'איז צו דערקענען דאָס אַלטע קוויריטן-בלוט. אַלע זעען דאָך קעגן דיר אויס, ווי אויסגעדינטע שקלאַפן. געוויס! ווען נישט דידאָזיקע ווילדע לערע, וואָלט ליגיע הייַנט געווען ביי דיר אין הויז. פּרוּוו זשע מיר נאָכאַמאָל אויפווייַזן, אַז זיי זענען נישט קיין שונאים פון לעבן און מענטשן... זיי זענען זיך מיט דיר גרויסמוטיק באַגאַנגען, קענסטו זיי אַלזאָ זיין דאַנקלעך, אָבער איך אויף דיין אָרט, וואָלט פיינט באַקומען דידאָזיקע לערע און וואָלט געזוכט גענוס דאָרט, ווו מ'קען עס געפינען. ביסט אַ שיינער בחור, זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, און רוים ווימלט מיט גרושות.

— כ'וואונדער זיך, וואָס דאָס אַלץ איז דיר נאָך נישט נמאס געוואָרן. — האָט וויניציוש געענטפערט.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? מיר איז דאָס שוין לאַנג מיאוס. אָבער איך בין נישט אין דייַן עלטער. איך האָב איבעריקנס אַנדערע זאַכן, וועלכע איך האָב ליב און דו נישט. איך האָב ליב ביכער, וועלכעס דו האָסט נישט ליב, כ'האָב ליב פּאָעזיע, וועלכעס לאַנגווייַלט דיך, כ'האָב ליב געפעסן, איידל-שטיינער און נאָך פיל זאַכן, אויף וועלכע דו קוקסט אפילו נישט, כ'האָב ווייטיקן אינם תוך השדרה, וועלכע דו האָסט נישט און ענדלעך האָב איך

געפונען ענ־צען, דו אָבער האָסט אַזעלכעס נישט געפונען. איך פיל זיך גוט אינדערהיים צווישן די קונסט־ווערק. פון דיר אָבער וועל איך שוין קיינמאָל נישט מאַכן קיין עסטעט. איך ווייס, אַז כ׳וועל שוין מער גאָרנישט געפינען אין לעבן חוץ דעם, וואָס כ׳האָב שוין געפונען, דו אָבער ווייסט אַליין נישט, אַז דו ריכסט זיך כּסדר אין חכמת עפּעס. ווען דו זאָלסט דאַרפן שטאַרבן, וואָלסטו, ביי דיין גאַנצער דרייסטקייט און אַלע דיינע זאָרגן, געשטאָרבן פאַרחידושט, וואָס דו מוזסט שוין פאַרלאָזן די וועלט. איך אָבער וואָלט דעם טויט אויפגענומען, ווי אַ נויטווענדיקייט, מיט דער איבערצייגונג, אַז אויף דער וועלט איז שוין נישטאָ קיין פרוכט, וועלכע איך האָב נישט פאַרזוכט. איך איל זיך נישט, איך וויל דאָס אָבער אויך נישט אָפּציִען, איך באַמי זיך נאָר, עס זאָל מיר ביז דער לעצטער מינוט פריילעך זיין. אויף דער וועלט זענען פאַראַן פריילעכע סקעפּטיקער. די סטאָיִקער האַלט איך פאַר נאַראָנים, אָבער דער סטאָיִציזם לכל־הפּחות פאַרהאַרטעוועט דאָך דעם כאַראַקטער, און דיינע קריסטן ברענגען נאָר אויף דער וועלט אומעט, וועלכער איז אין לעבן דאָסזעלבע, וואָס רעגן אין דער נאַטור. ווייסטו, וואָס כ׳בין געוווּיר געוואָרן? — אַז בשעת די פאַרוויילונגען, וועלכע טיגעלין אָרדנט איין, וועלן אויפן ברעג פון טייך אַגריפּאַ שטיין לופּאַנאַרן, אין וועלכע עס וועלן זיך געפינען די פרויען פון אַלע בעסטע הייזער אין רוים, שוין זשע וועט צווישן זיי אַלע נישט זיין כאָטש איינע בענוג שיין, אַז זי זאָל דיך צופרידן שטעלן? עס וועלן דאָרט אויך זיין מיידלעך, וועלכע באַווייזן זיך ערשט דאָס ערשטע מאָל... אַלס נימפעס. אַזוי איז אין אונדזער רוימישער מלוכה. ס׳איז שוין וואַרעם! דער דרום־ווינט וואַרעמט שוין די וואַסערן און ער וועט נישט שפּרענקלען די נאַקעטע קערפּערס. און די, נאַרציס, זאָלסט וויסן זיין, אַז עס וועט זיך נישט געפינען קיין איינע, וועלכע זאָל זיך דיר קעגנשטעלן, קיין איינע — אפילו אַ ווענטאַלקע.

ויניציוש האָט זיך גענומען פּאַטשן מיט דער האַנט אין שטערן, ווי אַ מענטש, וועלכער איז כּסדר פאַרנומען מיט איין געדאַנק.

— כ׳, אַרף האָבן גליק, כ׳זאָל גראָד אָנטרעפן אויף אַזעלכער...

— און ווער איז אין דעם אַלעם שולדיק, אויב נישט די קריסטן!... אָבער מענטשן, וואָס זייער הערב איז אַ קרייץ, קענען נישט זיין אַנדערש. הער נאָר אויס: גריכנלאַנד איז געווען שיין און זי האָט דער וועלט געגעבן חכמה, מיר האָבן געגעבן מאַכט, און וואָס רעכנסטו קען דידאַזיקע לערע געבן? אויב דו ווייסט, דערקלער עס מיר, וואָרים, ביי פאַלוקסן, כ׳קען עס בשום אופן נישט משיג זיין.

וויניציוש האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— ס׳זעט אויס, ווי דו וואָלסט מורא געהאַט, איך זאָל נישט ווערן קיין קריסט.

— כ׳האָב מורא, דו זאָלסט דיר נישט אַ תל מאַכן פון דיין לעבן. אויב דו קענסט נישט זיין גריכנלאַנד, זיי זשע רוים: הערש און געניס! אונדזער צעלאָזנקייט האָט דעריבער נאָך אַ שטיקל זין, ווייל זי האָט טאַקע דעם געדאַנק אין זיך. דער געלבערדיקער עקלט מיך דערפאַר, וואָס ער איז אַ פּאַיאַץ-גריך. ווען ער וואָלט זיך באַטראַכט אַלס רוימער, וואָלט איך אים רעכן געגעבן אין זיין צעלאָזנקייט. זאָג מיר צו, אַז אויב דו וועסט איצט אַהיים, קומענדיק טרעפן ביי זיך אַ קריסט, וועסטו אים אַרויסשטעקן אַ צונג. אויב דאָס וועט זיין גלויקוס דער רופא וועט ער זיך מסתמא נישט חידושן אויך. צום ווידערזען אויפן אַגריפּאַ טיי-

XXXI

פּרעטאָריאַנער האָבן אַרומגערינגלט די וועלדלעך אויפֿן ברעג אַגריפּאַ טייך, כּדי צופֿיל צוקוקער זאָלן נישט שטערן דעם צעזאַר און זיינע געסט, וואָרים מ׳האָט אַזוי אויך געשמועסט, אַז אַלץ, וואָס האָט אין רוים זיך אויסגעצייכנט מיט רייכקייט, גייסט און שיינקייט איז אויסגענוצט געוואָרן פֿאַר דערדאָזיקער פֿאַרווײַלונג, וועלכע האָט נישט איר גלייכן געהאַט אין דער געשיכטע פֿון דער שטאָט. טיגעלינוס האָט געוואָלט פֿאַרגעלטיקן דעם צעזאַר פֿאַר זיין אָפּגעלייגטע רייזע קיין אַכאַי און גלייכצייטיק אויך איבערשטייגן אַלע, וועלכע האָבן ווען נישט איז פֿאַרשאַפֿט דנאָה בעראַנגען און ווייזן אים, אַז קיינער קען אים נישט אַזוי ווײַלן, ווי ער. צוליב דעם האָט ער, ווען ער האָט נאָך פֿאַרבראַכט מיטן צעזאַר אין נעאַפּאָליס און דערנאָך אין בענעווענט, געמאַכט צוגרייטונגען און צעשיקט באַפֿעלן, מען זאָל פֿון די ווייטסטע לענדער פֿון דער וועלט ברענגען חיות, פֿייגל, זעלטענע פֿיש און געוויקסן, נישט פֿאַרפֿעלנדיק אויך קיין געפֿעסן און שטאָפֿן, וועלכע האָבן געזאָלט

באַשײַנען דעם פּעסט. הכּנסות פֿון גאַנצע פּראָווינצן זענען געגאַנגען אויף צו באַפֿרידיקן די צעלאָזטע תּאוות, אָבער דאָס האָט דער מעכטיקער פֿאַוואָריט נישט באַדאַרפֿן אין אַכט נעמען, זײַן אײַנפֿלוס איז פֿון טאָג צו טאָג געוואַקסן. טיגעלינוס איז נאָך אפֿשר בעראַנען נישט ליבער געווען, ווי אַנדערע, אָבער ער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ נײטיקער.

פּעטראָניוס האָט אים אומפֿאַרגלײַכלעך איבערגעשטיגן אין געשמאַק, גײַסט, שאַרפֿזין, און האָט מיט זײַנע געשפּרעכן מער געווײַלט דעם צעזאַר, אָבער צו זײַן אומגליק האָט ער אין דעם איבערגעשטיגן אויך דעם צעזאַר, וועלכער האָט אים מחמת דעם מקנא געווען. ער האָט אויך נישט געקענט זײַן אין אַלעם געהאָרכעדיק, און ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן געשמאַק, האָט דער צעזאַר מורא געהאַט פֿאַר זײַן מײנונג; מיט טיגעלינוסן אָבער האָט ער זיך נישט געשטערט. דער בלויזער נאָמען: „אַרביטער עלעגאַנטיאַרום“, וועלכן פּעטראָניוס האָט געטראָגן, האָט געריצט נעראָנס אײַגנליבע, וואָרים ווער, אויב נישט ער, דאַרף דעם נאָמען טראָגן? טיגעלינוס האָט פֿונדעסטוועגן געהאַט אויף אַזוי פֿיל שׂכל, אום אײַנצוזען זײַנע אײגענע חסרונות, און זעענדיק, אַז ער קען נישט קאָנקורירן נישט מיט פּעטראָניוסן, נישט מיט לוקאַנען און נישט מיט אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצײכנט, צי מיט יחוס, צי מיט טאַלאַנט, צי מיט געלערנטקײט — האָט ער באַשלאָסן זיי אַלע אַראָפּצושלאָגן מיט זײַן נוצלעכקײט און טרײשאַפֿט, און קודם כּל מיט אַזאַ פֿאַרשווענדערישקײט, אַז אַפֿילו דעם צעזאַרס פֿאַנטאַזיע זאָל פֿאַרבליפֿט ווערן.

די פֿאַרווײַלונג האָט ער אַלזאָ געהײסן אײַנאָרדנען אויף אַ ריזיקער טראַטווע פֿון באַגילדעטע קלעצער. די ראַנדן אירע זענען געווען באַפּוצט מיט הערלעכע מושלען, געכאַפּט אין רויטן ים און אין אינדישן אָקעאַן, וועלכע האָבן געשפּילט אין פּערל און רעגן-בויגן-פֿאַרבן. די זײַטן פֿון דער טראַטווע זענען באַדעקט געווען מיט געדיכטע געבושן פֿון פּאַלמען, וועלדלעך פֿון לאָטאָס-בלומען און צעבליטע רויזן, צווישן וועלכע עס זענען פֿאַרבאָרגן געווען פֿאָנטאַנען, וואָס האָבן געשפּריצט מיט דופֿטנדיקע שטראָמען,

סטאַטוען פון געטער און גאָלדענע, אָדער זילבערנע שטייגן מיט פאַרשידנפאַרביקע פייגל. אין סאַמע מיטן איז געשטאַנען אַ ריזיק געצעלט, אָדער ריכטיקער, כדי נישט צו פאַרשטעלן פאַר די צושויער, נאָר אַ בלויזע דעק פון סירישן פורפור, אָנגעצויגן אויף זילבערנע שטאַנגען. אונטער דער דעק האָבן געבלישטשעט, ווי די זון, געדעקטע טישן, באַלאָדנט מיט אַלעקסאַנדרישן גלאָז, קריסטאַלן און פשוט אומשאַצבאַרע כלים, וועלכע זענען גערויבט געוואָרן אין איטאַליען, גריכנלאַנד און קליין-אַזיען. די טראַכטע, וועלכע האָט, צוליב די מאַסן געוואוקסן אויף איר, אויסגעזען, ווי אַ שווימענדיקע אינדזל, אָדער ווי אַ גאָרטן, איז געווען פאַרייניקט דורך שטריק פון גאָלד און פורפור, מיט שיפלעך, וועלכע האָבן געהאַט די פאָרם פון פיש, שוואַנען, מעוועס און פלאַמינגען, אין וועלכע עס האָבן גערודערט הערלעך געבויטע און שיינע מענער און פרויען מיט פריזירטע האָר לויטן מזרח געשמאַק, אָדער אַרומגענומען מיט גאָלדענע געשטריקן.

ווען נעראָן איז אָנגעקומען מיט פאָפּעאַן און מיט די אויגוסטער אויף די הויפּט-טראַטווע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דעם פורפור-געצעלט, האָבן די שיפלעך גענומען רירן, די רודערס האָבן גענומען פאַטשן אין וואַסער, עס האָבן זיך שטייף אויסגעצויגן די גאָלדענע און פורפורנע שטריק און די טראַטווע, צוזאַמען מיט דער פאַרוויילונג און מיט די געסט, האָט גענומען זיך באַוועגן און מאַכן קרייזן איבערן טייך. עס האָבן זי אַרומגערינגלט נאָך אַנדערע שיפלעך און קלענערע טראַטוועס, געפאַקטע מיט ציטרן און האַרפן שפּילערינס, וועמענס ראָזע קערפּער האָבן, דאַכט זיך, אויפן פאָן פון לאַזור-בלויען הימל און וואַסער און אין שימער פון די גאָלדענע כלי-זמר, ווי איינגעזאַפּט און זיך דידאַזיקע לאַזור-בלויקייטן און שימערן, טוישנדיק די קאָלירן און בליענדיק, ווי בלומען.

פון די וועלדלעך אויפן ברעג, פון די וואונדערלעכע געצעלטלעך, וועלכע זענען ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן, פאַרבאָרגן צווישן געבוש, האָבן זיך אויך דערטראָגן אָפּקלאַנגען פון מוזיק און געזאַנג. עס האָט זיך צעהילכט די געגנט אַרום, עס האָבן גע-

הילכט די וועלדלעך, עס האָט זיך צעטראָגן אַן עכאָ פֿון שופֿרות
און טרומפּייטן. דער צעזאַר גופֿא, האָבנדיק פֿון איין זייט פּאַפּעאַן
און פֿון דער צווייטער פּיטאַגאָראַסן, איז איבעראַשט געוואָרן, אין
ווען צווישן די שיפֿלעך האָבן זיך נאָך אויך באַוויזן שקלאַפֿן-מייד-
לעך פֿאַרקליידט פֿאַר סירענעס, באַדעקט מיט גרינע געשטריקן
אַלס שיפֿן, האָט ער שוין נישט געקאַרגט קיין שבחים טיגעלינוסן.
פֿון געוווינהייט האָט ער פֿונדעסטוועגן אַ קוק געטון אויף פּעטראָ-
ניוסן, ווילנדיק וויסן די מיינונג פֿונם „אַרביטער", יענער אָבער איז
די גאַנצע צייט געזעסן קאַלטבלוטיק, און ערשט, ווען דער צעזאַר
האָט אים געפֿרעגט, האָט ער געענטפֿערט:

— איך דענק, האַר, אַז צען טויזנט נאַקעטע פֿרויען מאַכן
אַ קלענערן איינדרוק, ווי איינע.

דעם צעזאַר איז פֿונדעסטוועגן געפֿעלן די „שווימענדיקע
פֿאַרוויילונג", ווייל דאָס איז געווען אַ נייעס. דערנאָך האָט מען
זיי געוויינטלעך דערלאַנגט אַזעלכע קאָמפּליצירטע פּיקאַנטע מאכלים,
אַז אפֿילו אַפּיציוסעס פֿאַנטאַזיע וואָלט נשתּומם געוואָרן דאָס זע-
ענדיק, און וויין אין אַזוי פֿיל מינים, אַז אָטאָן, וועלכער האָט
געהאַט גאַנצע אַכציק מינים ויינען, וואָלט זיכער זיך באַגראָבן
פֿאַר חרפּה, ווען ער וואָלט געזען דיזאָזיקע רייכע אויסוואַל. צום
טיש האָבן זיך, אַחוץ פֿרויען, געזעצט בלויז אויגוסטער, וועלכע
וויניציוש האָט פֿאַרטונקלט מיט זיין שיינקייט. זיין געשטאַלט און
זיין געזיכט, האָבן פֿריער צופֿיל געטראָגן אויף זיך דעם סטעמפּל
פֿון זעלנערישקייט, איצט אָבער האָט דער אינערלעכער צער און
פֿיזישער ווייטיק, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען, אַזוי בולט
צאַרט געמאַכט זיינע שטריכן, ווי אַ מייסטערהאַפֿטע האַנט פֿון אַ
קינסטלער-סקולפּטור וואָלט איבער זיי דורכגעגאַנגען. זיין הויט
האָט פֿאַרלוירן די פֿריערדיקע ברוינקייט, און עס איז איר פֿאַר-
בליבן אַ געלדיקער גלאַנץ פֿון נומידישן מאַרמאָר. די אויגן זענען
אים געוואָרן גרעסער, אומעטיקער, בלויז דער גוף זיינער האָט
נאָך געהאַט די אַמאָליקע פֿעסטע און שטאַרקע פֿאָרם, ווי צום
פּאַנצער באַשאַפֿן, אָבער אויף דיזאָזיקע לעגיאָנערישע אַקס-
לען איז געזעסן אַ קאָפּ פֿון אַ גריכישן גאָט, אָדער אַלנפּאָס

אַ סובטעלער גרויסאַרטיקער קאָפּ פון אַ ראַפינירטן פּאַטרי-
ציער.

חען פּעטראָניוס האָט אים געזאָגט, אַז קיין איין אויגוס-
שערין חעט נישט קענען און נישט חעלן זיך אים קעגנשטעלן,
האָט ער גערעדט, חי אַ געניטער מענטש. אַלע האָבן איצט אויף
אים געקוקט, נישט אויסגעשלאָסן פּאָפּעאַן און די חעסטאַלקע רובי-
ריאַ, חעלכע דער צעזאַר האָט דורכויס געוואָלט האָבן אויף דער
פאַרוויילונג.

דער חיין, געפרירט אין שניי פון די בערג, האָט איינגיכן
דערהיצט די הערצער און די קעפּ פון די געסט. פון געדיכטן גע-
פּוש ביים ברעג זענען כסדר אַרויסגעשווומען נייע שיפלעך, חעל-
כע האָבן געהאַט די פאָרם פון פעלד-בלימלעך און וואַסער-פרויען.
דער לאַזור-בלויער טייך-שפּיגל האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט איבער
אים צעשיט בלומען-בלעטלעך, אָדער ווי ער וואָלט געווען באַזעצט
מיט שמעטערלינגען. איבער די שיפלעך האָבן זיך דאָ און דאָרט
געהויבן, אויף זילבערנע און בלויע פעדים, צוגעבונדענע טויבן און
פייגל פון אַפריקע און אינדיע. די זון איז שוין געהאַט אַדורך דעם
גרעסערן טייל הימל, אָבער דער טאָג איז נאָך געווען, כאָטש עס
איז דאַן געווען די ערשטע טעג פון מאַי, געגוג וואַרעם און אפילו
הייס. דער טייך האָט זיך געוויגט פון די רודער-קלעפּ, וועלכע
האָבן געקלאַפּט דעם וואַסער-שפּיגל צום ריטם פון דער מוזיק. אין
דער לופט אָבער האָט קיין מינדסט ווינטעלע נישט געווייעט און
די וועלדער זענען געשטאַנען אָן אַ שאָרך, ווי זיי וואָלטן זיך
איינגעהאָרכט און צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס טוט זיך אויפן וואַ-
סער. די טראַטווע האָט דערווייל כסדר געקרייזט איבערן וואַ-
סער, פירנדיק וואָס אַמאָל אַלץ מער שיכורע און פילדערנדיקע
געסט.

די פאַרוויילונג איז נאָך ווייט נישט געקומען ביז אין דער
העלפט, ווי די אָרדנונג, אין וועלכער אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט
ביים טיש, איז שוין נישט אָפּגעהיטן געוואָרן. דער צעזאַר אַליין
האָט דעם ערשטן ביישפּיל געגעבן. אויפשטייענדיק פון אָרט האָט

פֿר געהייסן וויניציושן, וועלכער איז געווען אָנגעלעגט לעבן דער
וועסטאַלקע רובריאַ, אָפּטרעטן, און פֿאַרנעמענדיק זײַן טריקליניום,
האָט ער איר גענומען עפּעס שעפּטשען אויפֿן אויער. וויניציוש ווי-
דער האָט זיך באַלד געפֿינען לעבן פּאָפּעאַן, וועלכע האָט אין
אַ ווײַלע אַרום אויסגעשטרעקט צו אים איר אָרעם, בעטנדיק, ער
זאָל איר פֿעסטער צומאַכן דעם לויז געוואָרענעם אָרעם-באַנד, און
בשעת ער האָט דאָס געטון מיט עטוואָס ציטערנדיקע הענט, האָט
זי אים צוגעוואָרפֿן פֿון אונטער אירע לאַנגע וויִעס, ווי אַ פֿאַרשעמטן
בליק און האָט צוגעשאָקלט מיט איר גאָלד-האָריקן קאָפּ, ווי עס
וואָלט איר עפּעס נישט געפֿעלן געוואָרן. דערווײַל איז די זון
געוואָרן אַלץ גרעסער, רויטער און האָט זיך ביסלעכווײַז אַראָפּ-
געלאָזט הינטער די שפּיצן פֿון די וועלדלעך. די געסט זענען שוין
כמעט אַלע געווען טויט-שיכּור. די טראַסווע איז איצט געשווומען
האַרט ביים ברעג, אויף וועלכן ס'האָבן זיך צווישן די געדיכטע
ביימער און בלומען געפֿינען גרופּעס מענטשן, פֿאַרקליידט אַלס
פֿאַונען אָדער סאַטירן, שפּילנדיק אויף פֿלייטן, צימבלען און פּויק-
לעך, אויך גרופּעס מיידלעך, וועלכע האָבן פֿאָרגעשטעלט נימפֿן,
דריאַדעס און האַמאַדריאַדעס.

ענדלעך איז די נאַכט צוגעפֿאַלן ביי שיכּורע אויסגעשרייען,
וועלכע האָבן זיך געטראָגן פֿון אונטערן געצעלט, לכּבוד דער
לבֿנה; און עס האָבן זיך אָנגעצונדן טויזנטער לאַמטערן אין די
וועלדלעך. פֿון די לופּאַנאַרן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף די
ברעגן, האָבן אַרויסגעשטראָמט גאַרבן ליכט. אויף די טעראַסן
האָבן זיך באַוויזן אַלץ נײַע גרופּעס נאַקעטע פֿרויען און טעכטער פֿון
די מיוחסדיקסטע רוימישע פֿאַמיליעס. די האָבן אויפֿן קול און מיט
אויסגעלאַסענע באַוועגונגען גענומען רופֿן און רייצן די געסט. די
טראַסווע איז ענדלעך צוגעקומען צום ברעג און דער צעזאַר מיט
די אויגוסטער זענען אַרײַן אין די וועלדלעך, האָבן זיך צעשיי-
איבער די לופּאַנאַרן, איבער די געצעלטן, וועלכע זענען פֿאַר-
שטעקט געווען צווישן געדעכטן געבוש, אין טונעלן, קינסטלעך
אײַנגעאָרדנטע צווישן קוואַלן און פֿאָנטאַנען. אַ פֿיבער האָט אַלע
אַרומגעכאַפּט, קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו דער צעזאַר איז

אהינגעקומען, ווײַר עס איז אַ סענאַטאָר, ווער אַ ריטער, ווער אַ טענצער, אָדער אַ שפּילער. די סאַטירן און די פֿאַונען האָבן מיט געשרייען געבומען זיך יאָגן נאָך די נימפֿעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאַפּערײַ מיט די בעכערס אין די לאָמפּן, כּדי זיי צו פֿאַרלעשן. טייל ערטער אין די וועלדלעך זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ געדיכטער פֿינסטערניש. פֿון אומעטום אָבער האָט מען געהערט, דאָ הויכע געשרייען, דאָ געלעכטערס, דאָ אַ שעפּטשען, דאָ אַ פֿאַרשטיקט אָטעמען פֿון מענטשלעכע ברוסטן. רוים האָט נאָך באמת קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען.

וויניציוש איז נישט געווען שיכּור, ווי אויף יענער פֿאַרווײַלונג בײַם צעזאַר אין פּאַלאַץ, אויף וועלכער ליגיע איז געווען, אָבער אויך ער איז פֿאַרבלענדט און פֿאַרשיכּורט געוואָרן פֿון דעם אַלעם אַרום. און לסוף איז ער פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון דעם שיכּרות-געניוס. צרייַנקומענדיק אין וואַלד, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן גלײַך מיט אַלע, אויסקוקנדיק, וועלכע פֿון די דריאַדעס וועט אים אַמבעסטן געפֿעלן. אַלע ווײַלע זענען פֿאַרבײַ אים דורכגעלאָפֿן מיט געזאַנג און מיט געשרייען אַלץ נײַע מחנות, געיאָגט פֿון די פֿאַונען, סאַטירן, סענאַטאָרן, ריטער און פֿון די מוזיק קלאַנגען. דערזעענדיק דערנאָך אַ צוג פֿון מיידלעך, אָנגעפֿירט דורך איינע, וועלכע איז געווען פֿאַרקליידט אַלס דיאַנע, איז ער צו צו זיי, ווילנדיק פֿון דער נאָענט זען די געטין און ער איז פֿאַרציטערט געוואָרן. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז אין דער געטין מיט דער לבנה אויפֿן קאָפּ דערקענט ער ליגיען.

זיי אָבער האָבן אים אַרומגערינגלט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, און באַלד, ווילנדיק, ווייזט אויס, אים חשק צוגעבן זיי נאָכצויאָגן, זענען זיי זיך צעלאָפֿן, ווי אַ סטאַדע הירשן. ער אָבער איז געבליבן שטיין אויפֿן אָרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָן אָטעם, וואָרים כאָטש ער האָט שוין איינגעזען, אַז דיאַנאַ איז נישט געווען ליגיע און פֿון דער נאָענט איז זי אפֿילו נישט ענלעך געווען צו איר, האָט אָבער דער צו שטאַרקער איינדרוק אים אָפּגעשוואַכט.
און פּלוצלינג האָט ער דערפֿילט אַזאַ אומגעהײַערע בענקשאַפֿט נאָך

ליגיען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, און אַ מעכטיקער שטראָם פון ליבע האָט אים אַ שלאָג געטון צו דער ברוסט. קיינמאָל איז זי נאָך בײַ אים נישט געווען אַזוי ליב, אַזוי טייער און ריין, ווי אין דעם מאָל פון אויסגעלאַסנקייט און ווילדער הפקרות. מיט איין מינוט צוריק האָט ער אַליין געוואָלט טרינקען פון דעם בעכער און אַנ־טייל נעמען אין דער דאָזיקער אומפאַרשעמטקייט און הפקרות, איצט האָט אים אַרומגענומען אַן עקל און שאַקירונג. ער האָט דערפילט, אַז די דאָזיקע שענדלעכקייט שטיקט אים, אַז זיין ברוסט דאַרף האָבן לופט און זיינע אויגן — שטערן, נישט פאַרשטעלטע דורך די גע־בוישן פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן וואַלד, און ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו רירן זיך פון אָרט, איז לעבן אים אויסגעוואַקסן עפּעס אַ געשטאַלט, מיט אַ פאַר־הילט געזיכט און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן זיינע אַקסלען, האָט זי גענומען פליסטערן, בריִענדיק זיין געזיכט מיט איר הייסן אָטעם:

— איך ליב דיך!... קום! קיינער וועט אונדז נישט זען! איִיל זיך!

וויניציוש האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף:

— ווער ביסטו?

אָבער זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים מיט איר ברוסט און האָט אים גענומען צורעדן:

— איִיל זיך! זע, ווי פּוסט דאָ איז און איך האָב דיך ליב! קום!

— ווער ביסטו? — האָט וויניציוש זיך נאָכאַמאָל גע־פרעגט.

— טרעף!...

און דאָס זאָגנדיק האָט זי צוגעדריקט דורך דעם שלייער אירע ליפּן צו זיינע, ציִענדיק אין דערזעלבער צייט זיין קאָפּ צו זיך, ביז עס האָט איר ענדלעך אָטעם פאַרפעלט און זי האָט אַוועקגע־נומען פון אים איר געזיכט.

— אַ נאַכט פון ליבע!... אַ נאַכט פון פאַרגעסן זיך!...
האָט זי שנעל, כאַפנדיק דעם אָטעם, אַרויסגערעדט. — הייגט מעג
מען!... נעם מיך!

אָבער וויניציוש איז געוואָרן אָפּגעבריט פון דעם קוש און
ער האָט דערפילט אַ נייעם עקל. זיין נשמה און זיין האַרץ זענען
געווען ערגעץ אַנ־ערש, און אויף דער גאַנצער וועלט האָט פאַר
אים גאָרנישט עקזיסטירט, אויסער ליגיע.

אָפּשטויסנדיק אַלזאַ מיט דער האַנט דאָס פאַרשלייערטע גע-
שטאַלט, האָט ער געזאָגט:

— ווער דו זאָלסט נישט זיין, ליב איך אַן אַנדערע און
כ׳וויל דיך נישט.

זי אָבער האָט אַראָפּגעבויגן צו אים איר קאָפּ.

— הייב אויף דעם שלייער...

אָבער אין דערזעלבער רגע האָט עפּעס געגומען שאָר-
כען צווישן די מירטן־בלעטער דערלעבן, דאָס געשטאַלט איז
פאַרשוונדן, ווי אַ נאַכט רוח, און נאָר פונדערווייטנס האָט
זיך דערטראָגן איר משונהדיק און ביז אַנזאָגנדיק געלעכ-
טער.

פעטראָניוס איז געשטאַנען פאַר וויניציושן.

— כ׳האָב געהערט און געזען — האָט ער געזאָגט.

און וויניציוש האָט אים געענטפערט:

— קום פונדאַנען!...

און זיי זענען אַוועק. זיי זענען פאַרביי די בלענדנדיק בא-
לויכטענע לופּאַנאַרן, דאָס וועלדל, דעם קאָרדאָן רייטער-פּרע-
טאָריאַנער און זיי האָבן אויפגעזוכט זייער לעקטיקע.

— איך וועל אָפּטרעטן ביי דיר — האָט פעטראָניוס גע-
זאָגט.

און זיי זענען ביידע איינגעשטיגן אין דער לעקטיקע. איבן
וועג האָבן זיי אָבער ביידע געשוויגן. ערשט ווען זיי האָבן
זיך געפינען ביי וויניציושן אין אַטריום, האָט פעטראָניוס גע-
זאָגט:

— ווייסטו, ווער דאָס איז געווען?

— רובריאַ? — האָט וויניציוש געפרעגט, אויפציטערנ־דיק ביים בלויזן בפֿדאַנק, אַז רובריאַ איז דאָך אַ וועסטאַלקע.

— ניין.

— אַלזאָ, ווער?

פּעטראָניוס האָט גענומען רעדן שטילער:

— דאָס פייער פון וועסטאַ איז פאַרשוועכט געוואָרן, וואָרים רובריאַ איז געווען מיטן צעזאַר. מיט דיר אָבער האָט גערעדט...

ער האָט נאָך שטילער געענדיקט:

— דיוואַ אויגוסטאַ.

עס איז שטיל געוואָרן.

— דער צעזאַר — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — האָט נישט געקענט פאַר איר באַהאַלטן זיין לוסט צו ריבריאַן, זי האָט דע־ריבער אפשר געוואָלט זיך נוקם זיין, און איך האָב אייך געשטערט דערפאַר, וויל ווען דו וואָלסט, דערקענענדיק די אויגוסטאַ, איר אָפּגעזאָגט, וואָלסטו געווען אַ פאַרלוירענער אָן שום רעטונג: דו, ליגיע און אפשר אויך איך.

וויניציוש אָבער האָט גענומען רופן:

— כ'האָב שוין גענוג רוים, דעם צעזאַר, פאַרווײַלונגען, די אויגוסטין, טיגעליניוס און אייך אַלעמען! איך שטיק זיך! כ'קען נישט אַזוי לעבן! כ'קען נישט! פאַרשטייסט!

— פאַרלירסט דעם קאָפּ, דעם שכל, דעם ישוב־הדעת!... וויניציוש!

— כ'האָב זי, נאָר זי איינע אויף דער וועלט ליב!

— איז וואָס?

— איז דעריבער וויל איך נישט קיין אַנדערע ליבע, וויל איך נישט אייער לעבן, אייערע פאַרווײַלונגען, אייער אומפאַר־שעמטקייט און אייערע פאַרברעכנס!

— וואָס טוט זיך מיט דיר? צי ביסטו אַ קריסט?

דער יינגער פּאַטריציער אָבער האָט זיך מיט ביידע הענט צוגעדריקט דעם קאָפּ און האָט גענומען רעדן נאָכאַנאַנד, ווי אין פאַרצווייפלונג:

— דערווייל נאָך נישט! נאָך נישט!

XXXII.

פּעטראָניוס איז אַהיימגעגאַנגען, הייבנדיק מיט די אַקסלען און שטאַרק נישט צופרידן. איצט האָט ער שוין אויך איינגעזען, אַז ער מיט וויניציושן האָבן זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין און אַז זייערע נשמות זענען זיך געגעזלעך צעגאַנגען. אַמאָל האָט פּעטראָניוס געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם יונגן זעלבער. ער איז פאַר אים געווען אין אַלעם אַ מוסטער און גאַנץ אָפט זענען עטלעכע איראָנישע ווערטער פון זיין זייט גענוג געווען, אַז וויניציוש זאָל זיך פון עפּעס אָפּהאַלטן, אָדער עפּעס אונטערנעמען. איצט איז פון דעם גאָרנישט געבליבן, אַזוי ווייט, אַז פּעטראָניוס האָט אפילו נישט געפּרוּווט די אַמאָליקע מיטלען, פילנדיק, אַז זיינע וויץ און איראָניע וועלן זיך אָן שום שפּור אַריבערגליטשן איבער די נייע שיכטן, וועלכע די ליבע און די באַרירונג מיט דער קריסטלעכער וועלט האָבן אויף זיין נשמה אָפּגעלייגט. דער דורכגעטריבענער סקעפּטיק האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם שליסל צו דער דאָזיקער נשמה. דאָס האָט אים דעריבער

דורכגענומען מיט אומצופרידנקייט און מיט שרעק, וועלכע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב די געשעענישן פון דער נאַכט.

„אויב דאָס איז נישט פון דער אויגוסטין קיין פאַריבערגייענדיקער חשק, נאָר אַ דויערנדיקער באַגער — האָט פּעטראָניוס געטראַכט — וועט זיין איינס פון די ביידע: אָדער וויניציוש וועט זיך איר נישט קעגנשטעלן און קען צוליב דעם מינדסטן צופאַל זיין אַ פאַרלוירענער, אָדער, וואָס ס'איז אין זיין היינטיקן מצב גיכער מעגלעך, ער וועט זיך יאָ קעגנשטעלן, און אין דעם פאַל איז ער געוויס אַ פאַרלוירענער, און צוזאַמען מיט אים אפשר אויך איך, שוין דערפאַר, וואָס איך בין זיין קרוב, און די אויגוסטין, פיינט באַקומענדיק די גאַנצע פאַמיליע, וועט זי געוויס זען איבערוועגן טיגעליניוסעס איינפלוס“...

אַזוי צי אַזוי איז שלעכט געווען. פּעטראָניוס איז געווען אַ דרייסטער מענטש און האָט פאַרן טויט קיין מורא נישט געהאַט, אָבער נישט דערוואַרטנדיק גאָרנישט פון טויט, האָט ער אים נישט געוואָלט אַרויסרופן.

נאָך אַ לאַנגן אַריינטראַכטן זיך, האָט ער לסוף באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע און דאָס זיכערסטע וועט זיין אַרויסצושיקן וויניציושן פון רוים אויף דער רייזע. אַך! ווען ער וואָלט אים געקענט מיטגעבן ליגיען אין וועג אַריין, וואָלט ער דאָס מיט פרייד געטון. אָבער ער האָט זיך געריכט, אַז עס וועט אים אַזוי אויך נישט שווער זיין אים דערצו צוצורעדן. דאַן וואָלט ער אין פּאַלאַטין פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז וויניציוש איז קראַנק און וואָלט אַזוינאַך אָפּגעווענדט די סכנה פון אים, ווי אויך פון זיך. די אויגוסטערין האָט דאָך סוף כל סוף נישט געוווּסט, צי וויניציוש האָט זי דערקענט; זי קען קלערן, אַז נישט, און דעריבער האָט איר איינגעליבטע דערווייל נאָך נישט געליטן אַזוי שטאַרק. שפּעטער קען אָבער גאַנץ אַנדערש ווערן און מ'דאַרף דאָס באַצייטנס באַוואָרענען.

פּעטראָניוס האָט קודם כל געוואָלט געווינען צייט, וואָרים ער האָט גוט געוווּסט, אַז קוים וועט דער צעזאַר נאָר אַרויס קיין אַכאַי, דאַן וועט שוין טיגעליגוס, וועלכער האָט אין קונסט־זאַכן

אַרנישט פֿאַרשטאַנען, אַראָפּ אויפֿן צווייטן פּלאַן און וועט פֿאַרלירן זיין איינפֿלוס. אין גריכנלאַנד איז פּעטראָניוס זיכער געווען מיט זיין נצחון איבער זיינע אַלע קאָנקורענטן.

דערווייל האָט ער באַשלאָסן אַכטונג צו געבן אויף וויניציאַנען צוגעבן אים חשק צו דער רייזע. היפּשע עטלעכע טעג האָט ער אפילו געטראַכט וועגן דעם, דאָס ווען ער זאָל אויסווירקן ביים צעזאַר אַן עדיקט, אַרויסצוטרייבן אַלע קריסטן פֿון רוים, וואָלט ליגיע שוין ממילא אויך פֿאַרלאָזט די שטאָט צוזאַמען מיט אַלע קריסטן, און דאַן וואָלט וויניציוש איר גאָך און ער וואָלט אים פֿאַרשפּאָרט צוצורעדן. די זאַך אַליין איז גאַנץ מעגלעך געווען. מיט נישט זייער קיין לאַנגער צייט צוריק, ווען די יידן האָבן איבער שנאה צו די קריסטן געמאַכט אומרוען, האָט קלאַודיוס צעזאַר, וועלכער האָט בשום אופֿן נישט געקענט אונטערשיידן איינע פֿון די צווייטע, אַרויסגעטריבן אַלע יידן. פֿאַרוואָס־זשע זאָל נעראָן נישט אַרויסטרייבן די קריסטן? אין רוים וואָלט געוואָרן גערוימער.

נאָך יענער „שווימענדיקער פֿאַרווײלונג“ האָט פּעטראָניוס זיך יעדן טאָג געזען מיט נעראָנען אין פּאַלאַטין און אין אַנדערע הייזער. איינגעבן אים אַזאַ געדאַנק איז גאָר לייכט געווען, ווייל דער צעזאַר האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאַקעגן אַזעלכע עצות, וועלכע האָבן יענעם געבראַכט אומגליק אָדער שאָדן. נאָך אַ גוט אַריינטראַכטן זיך, האָט פּעטראָניוס אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן. ער וועט מאַכן ביי זיך אין הויז אַ פֿאַרווײלונג, אויף וועלכער ער וועט צורעדן דעם צעזאַר אַרויסצוגעבן אַזאַ עדיקט. ער איז אפילו זיכער געווען, אַז דער צעזאַר וועט אים איבערגעבן דאָס אויספֿירן די גזרה. און דאַן וואָלט ער ליגיען אַרויסגעשיקט מיטן גאַנצן כבוד, ווי עס קומט וויניציושס אַ געליבטע, צום ביישפּיל קיין באַיען, און דאָרטן זאָלן זיי זיך ליבן און שפּילן אין קריסטלעכקייט, וויפֿיל זייער האַרץ גלוסט.

דערווייל האָט ער וויניציושן אָפֿט באַזוכט, ערשטנס דערפֿאַר, וואָס ביי זיין גאַנצן רוימישן עגאָיזם, האָט ער דאָך געפֿילט צו אים אַן אומבאַזיגלעכע צוגעבונדנקייט און צווייטנס, כּדי אים

צוצורעדן צו דער נסיעה. וויניציוש האָט זיך געמאַכט קראַנק און זיך נישט געוויזן אין פּאַלאַטין, ווו עס איז יעדן טאָג געבוירן געוואָרן נייע פּלענער. איינמאָל האָט פּעטראָניוס דערהערט פון צעזאַרס מויל גופא, אַז אין דריי טעג אַרום וועט ער באַשטימט פאָרן קיין אַנציום און באַלד אויפצומאָרגנס איז ער אַוועק די בשורה אָנזאָגן וויניציושן.

וויניציוש אָבער האָט אים שוין געוויזן אַן אויסצוג פון די פּערזאָנען, וועלכע זענען פאַרבעטן קיין אַנציום, וועלכע דעם צעזאַרס דינער האָט אים אינדערפרי געבראַכט.

— עס פיגורירט אויף איר אויך מיין נאָמען — האָט ער געזאָגט — אויך דיינער איז דאָ. אַהיימקומענדיק וועסטו באַשטימט אויך טרעפן אַזאַ אויסצוג.

— ווען איך זאָל נישט זיין צווישן די פאַרבעטענע — האָט פּעטראָניוס געענטפערט — וואָלט עס געהייסן, אַז איך דאַרף שטאַרבן, איך גלייב אָבער נישט, אַז דאָס זאָל געשען פאַר דער נסיעה קיין אַכאַי, איך וועל דאָרט בעדאַרפן צופיל נייטיק זיין.

דערנאָך האָט ער, איבערקוקנדיק דעם אויסצוג, געזאָגט:

— מיר זענען נאָר וואָס געקומען קיין רוים, און איך מוז שוין ווידער פאַרלאָזן די היים און שלעפּן זיך קיין אַנציום. אָבער מען מוז! וואָרים דאָס איז נישט נאָר אַ פאַרבעטונג, נאָר אויך אַ באַפעל.

— און ווען מ'זאָל נישט פאָלגן?

— קען מען באַקומען אַן אַנדערן באַפעל: צו קלויבן זיך אין אַ פיל ווייטערן וועג, פונוואַנען מ'קומט שוין מער נישט צוריק. אַ שאָד, וואָס דו האָסט מיין עצה נישט געהאָרכט און ביסט נישט אַרויסגעפאָרן, כּל זמן עס איז נאָך צייט געווען. איצט מוזסטו קיין אַנציום.

— איצט מוז איך קיין אַנציום... זע זשע, אין וואָס פאַר אַ צייטן מיר לעבן און וואָס פאַר אַ נידעריקע שקלאַפן מיר זע־נען.

— דו האָסט עס ערשט היינט איינגעזען?

— ניין. אָבער זעסטו, דו האָסט מיר אויפגעוויזן, אַז די

קריסטלעכע לערע איז אַ פּײַנט פון לעבן, ווייל זי לייגט אַרויף קייטן. אָבער צי קענען דען זיין שווערערע קייטן, ווי די, וועלכע מיר טראָגן? דו האָסט געזאָגט: גריכנלאַנד האָט געשאַפן חכמה און שיינקייט, און רוים קראַפט. ווו זשע איז אונדזער קראַפט?

— הייס דיר אַהערברענגען כילאָנען. איך האָב היינט נישט קיין חשק צו פילאָזאָפירן. ביי הערקולעסן! נישט איך האָב די דאָזיקע צייטן געשאַפן און נישט איך בין ערוב פאַר זיי. לאָמיר רעדן וועגן אַנציום. זיי ווייסן, אַז עס דערוואַרט דיך דאָרט אַ גרויס געפאַר, און אַז עס וואָלט שוין פאַר דיר זיכערער געווען צו שלאָגן זיך מיט דעם אורסוסן, וועלכער האָט דערקוועטשט קראָטאָנען, ווי דאָרט אַהינצופאָרן, און דאָך פאָרן מוזסטו.

ויניציוש האָט מיד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט:

— אַ געפאַר! מיר גייען אַלע אַרום אין אַ טויט-פינצטערניש און אַלע ווײַלע טוקט זיך אַן אַנדערער קאָפּ אונטער אין דער פינסטערניש.

— זאָל איך דיר אויסרעכענען אַלע, וועלכע האָבן געהאַט עטוואָס פאַרשטאַנד אין קאָפּ און דעריבער האָבן זיי, נישט קוקנדיק אויף די צייטן פון טיבעריוס, קאַליגולאַ, קלאַודיוס און נעראָן דערלעבט ביז אַכציק, אָדער נײַנציק יאָר? נעם דיר אַ ביישפּיל כאָטש פון אַזאַ דאָמיציוס אַפער. ער האָט זיך גאַנץ רויק געעלטערט, כאָטש ער איז ס'גאַנצע לעבן געווען אַ גנב און אַן אויסוואָרף.

— אפשר נאָר דערפאַר טאַקע! — האָט ויניציוש געענטפערט.

דערנאָך האָט ער גענומען איבערקוקן דעם אויסצוג און געזאָגט:

—טיגעלינוס, וואַטיניוס, סעקסטוס אַפריקאַנוס, אַקוילינוס רעגולוס, סוליוס נערוליגוס, עפּריוס מאַרצעלוס א. ז. וו.! וואָס פאַר אַ באַנדע לומפּן!... און דערמאַן זיך נאָר, אַז דאָס הערשט איבער דער וועלט!... צי וואָלט זיי נישט גיכער געפּאַסט אַרומפירן עפּעס עגיפּטישע, אָדער סירישע געצן איבער די שטעטלעך,

קלאפּן אין סיסטרען און פאַרדינען זיך אויף ברויט מיט טרעפּע־ דיי, אָדער קונצן־מאַכעריי? ...

— אָדער ווייזן געלערנטע מאַלפּעס, הינט, וואָס רעכענען, אָדער אַן אייזל, וואָס בלאָזט אויף אַ פלייט — האָט פּעטראָניוס צוגעגעבן — דאָס איז אַלץ אמת, אָבער לאָמיר רעדן פון עפּעס חיכטיקערס. הער מיך אויס געדולדיק: אין פּאַלאַטין האָב איך דערציילט, אַז דו ביסט קראַנק און קענסט נישט אַרויס פון שטוב, און דאָך געפינט זיך דיין נאָמען אויף דער ליסטע, וואָס באַווייזט, אַז עס האָט ווער מיר נישט געגלייבט און האָט ספּעציעל זיך באַמיט חעגן דעם. נעראָנען איז דאָס אַלץ איינס, פאַר אים ביסטו נישט מער, ווי אַ זעלנער, מיט וועלכן מ׳קען העכסטנס רעדן וועגן וועט־לויפן אין צירק און וועלכער האָט קיין שום באַגריף נישט וועגן מוזיק און פּאָעזיע. וועגן איינשטעלן דיין נאָמען האָט זיך סיידן נאָר פּאָפּעאַ באַמיט; און דאָס הייסט, אַז איר לוסט צו דיר איז נישט געחען קיין מאָמענטאַלע תאווה, נאָר זי וויל דיך דערכויס באַזיגן.

— דאָס הייסט אַ דרייסטע אויגוסטין.

— געחיס, אַ דרייסטע, ווייל זי קען דיך אומברענגען אָן שום רעטונג. און זאָל זי ווענוס וואָס פריער באַגייסטערן מיט אַן אַנדערע ליבע, נאָר כּל זמן זי גליסט צו דיר, מוזסטו זייער געוואָרנט זיין. אהענאָבאַרבאַן הייבט זי שוין אָן נמאס צו חערן, ער וויל שוין גלייכער רובריאַן, אָדער פּיטאַגאָראַסן, אָבער בלויז צוליב זיין אייגנליבע וועט ער זיך נוקם זיין אָן אייך.

— אין וועלדל דאָרט האָב איך נישט געחוסט, אַז זי רעדט דאָס צו מיר, אָבער דו האָסט דאָך אונטערגעהערט און חייסט דאָך, וואָס איך האָב איר געענטפערט: אַז איך ליב אַן אַנדערע און אַז איך וויל זי נישט.

— און איך באַשווער דיך ביי אַלע אונטערערדישע געטער, זאָלסט נישט פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל פאַרשטאַנד, וועלכעס די קריסטן האָבן דיר נאָך איבערגעלאָזט. ווי קען מען זיך וואַקלען, חען מען האָט אויסצוקלויבן צווישן אַ צווייפלהאַפטן טויט, אָדער אַ זיכערן? כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז חען דו זאָלסט פאַר־

וונדן די אייגנליבע פון דער אויגוסטין, וואָלט פאַר דיר קיין רעט־
טונג נישט געווען, ביים האַדעס! אויב דאָס לעבן איז דיר נמאס
געוואָרן, שנייד זשע דיר שוין איבער די אָדערן, אָדער דערשטעך
דיך מיט דיין שווערד, וואָרים אויב דו וועסט באַליידיקן פאַפּעאַס
אייגנליבע, קענסטו האָבן אַ פיל שרעקלעכערן טויט. אמאָל איז פיל
אָנגענעמער געווען מיט דיר צו רעדן! אין וואָס גייט דאָס דיר
דען? עס וועט דען פון דיר עפּעס אָפּקומען? צי וועט דאָס דען
דיר שטערן ליב צו האָבן ליגיען? דאַרפסט אויך געדענקען, אַז
פּאָפּעאַ האָט זי געזען אין פּאַלאַטין און אַז עס וועט איר נישט
שווער זיין זיך אָנצושטויסן, צוליב וועמען דו וואַרפסט אָפּ אַזאַ
רייכן חסד. און דאַן וועט זי זי אויסגעפינען אפילו פון אונטער
דער ערד. וועסט אומברענגען נישט נאָר זיך, נאָר אויך ליגיען —
פאַרשטייסט?

וויניציוש האָט געהאָרכט, ווי ער וואָלט געקלערט וועגן
עפּעס אַנדערש, און פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך מוז זי זען.

— וועמען? ליגיען?

— ליגיען.

— ווייסט דען, וווּ זי איז?

— ניין.

— וועסטו זי אַלזאָ ווייטער אָנהייבן אַרומזוכן איבער די
בית־עלמינס און אויף יענער זייט טיבער?

— כ'ווייס נישט, אָבער כ'מוז זי זען.

— גוט. און כאָטש זי איז אַ קריסטין קען זיין, אַז זי וועט
זיין מער פאַרנונפטיק פון דיר, און זי וועט דאָס זיכער זיין, אויב
זי וויל דיך נישט אומברענגען.

וויניציוש האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— זי האָט מיך געראַטעוועט פון אורסוסעס הענט.

— אויב אַזוי, אייל זשע זיך. וואָרים אַהענאָבאַרבאַ וועט
נישט אָפּלייגן זיין רייזע. טויט־משפּטים קען ער אַרויסגעבן אין
אַנציום אויך.

ווינציוש אָבער האָט נישט געהערט, דען ער איז פאַרנומען געווען מיט איין געדאַנק: זען זיך מיט ליגיען, ער האָט אַלזאָ גע־נומען קלערן וועגן מיטלען.

דערווייל איז געשען עפּעס אומגלויבלעכעס, וואָס האָט געקענט אַלע שוועריקייטן באַזייטיקן, דען אויפצומאַרגנס איז כילאָן גאַנץ אומגעריכט געקומען צוגיין.

ער איז געקומען אויסגעדאַרט און אָפּגעריסן, מיט צייכנס פון הונגער אויפן געזיכט, איינגאַנצן קריעה־זבליעה, אָבער די דינערשאַפט, וועלכע האָט נאָך פון אַמאָל געהאַט אַ באַפעל אַריינצו־לאָזן אים צו יעדער צייט באַטאָג און באַנאַכט, האָט איצט נישט דערוועגט זיך אים צו פאַרהאַלטן, אַזוי, אַז ער איז אַריין גלייך אין אַטריום און, בלייבנדיק שטיין פאַר ווינציושן, האָט ער גע־זאָגט:

—זאָלן די געטער דיר געבן אומשטערבלעכקייט און זיך טיילן מיט דיר די הערשאַפט איבער דער ערד.

אין ערשטן אויגנבליק האָט אים ווינציוש געוואָלט הייסן אַרויסוואַרפן. אָבער באַלד איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר ווייסט דער גריך עפּעס וועגן ליגיען, און די נייגעריקייט האָט גובר גע־ווען דעם עקל.

— דאָס ביסטו? — האָט ער געפרעגט — וואָס הערט זיך ביי דיר?

— שלעכט, זון פון יופּיטער — האָט כילאָן געענטפערט — אמתע מאָראַל איז אַזאַ סחורה, אויף וועלכער קיינער פרעגט זיך היינט נישט, און אַן אמתער חכם מוז זיין צופרידן, אויב ער האָט איינמאָל אין פינף טעג בעלט אויף צו קויפן ביים קצב אַ שעפּסן־קאָפּ, וועלכן ער גריזשעט אַרום אין זיין ווינקעלע, פאַרטרינקענ־דיק מיט טרערן. אַך, האַר! אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך אויסגעגעבן אויף ביכער ביי אַטראַקטוסן, און דער־נאָך האָט מען מיך באַגנבעט, אַ תל געמאַכט פון מיר; די שקלאַפין, וועלכע האָט מיר געזאָלט שרייבן מיינע געדאַנקען, איז אַנטלאָפן, צונעמענדיק דאָס, וואָס כ׳האָב נאָך געהאַט פון

שום, וואָס דיין גרויסמוטיקייט האָט מיך בעשאַנקען. איך בין טאַקע אַ שלעפּער, אָבער איך האָב מיר געטראַכט: צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן, אויב נישט צו דיר, סעראַפּיס, וועמען איך ליב, שעץ און פאַר וועמען איך האָב מיין לעבן איינגעשטעלט!

— נאָך וואָס ביסטו געקומען און וואָס ברענגסטו מיט זיך?

— כ'בין געקומען נאָך הילף, בעל, און כ'ברענג מיט זיך מיין נויט, מיינע טרערן, טריישאַפט און ענדלעך ידיעות, וועלכע כ'האָב אויס ליבע צו דיר צונויפגעזאַמלט. געדענקסטו, האַר, וואָס כ'האָב דיר אַמאָל בשעתו דערציילט, אַז כ'האָב דער שקלאַפין פון דעם געטלעכן פּעטראָניוס פאַרקויפט איין פאָדעם פונם גאַרטל פון ווענערא פון פּאַפּאָס?... איך האָב זיך איצט דערוווּסט, צי עס האָט איר געהאָלפן, און דו, קינד פון דער זון, וועלכער ווייסט דאָך, וואָס עס טוט זיך אין יענעם הויז, מוזסט געוויס אויך וויסן, וואָס עניצע איז הייבט דאָרט. איך האָב נאָך איין פאָדעם אַזעלכן. כ'האָב עס באַהאַלטן פאַר דיר, האַר.

ער האָט אָפּגעהאַקט, דערזעענדיק דעם צאָרן, וואָס קלויבט זיך ביי וויניציושן אויף די ברעמען, און ווילנדיק פאַרהיטן דעם אויסברוך, האָט ער געשווינד אַרויסגעזאָגט:

— כ'ווייס, ווו די געטלעכע ליגיע וווינט, כ'וועל דיר, האַר, ווייזן דאָס הויז און דאָס געסל.

וויניציוש האָט קוים באַהערשט די געפילן, וועלכע האָבן אים אַרומגענומען הערנדיק די ידיעה, און ער האָט געזאָגט:

— ווו איז זי?

— ביי ליגוסן, אַן אַלטער גייסטלעכער פון די קריסטן. זי איז דאָרט מיט אורסוסן, וועלכער גייט ווי פריער צום מילנער, וועלכער הייסט אַזוי ווי דיין דיספּענסאַטאָר, האַר, דעמאַס... יאָ, דעמאַס!... אורסוס אַרבעט באַנאַכט. אַרומרינגלענדיק דעריבער דאָס הויז באַנאַכט, וועסטו דאָרט קיינעם נישט טרעפן,

דאָס הייסט, וועט אורסוס נישט זיין... לינוס איז אַ זקן און אויסער אים זענען דאָרטן נאָר פאַרהאַן נאָך צוויי אַלטע פרויען.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— געדענקסט, האַר, ווי די קריסטן האָבן מיך געהאַט אין זייערע הענט און האָבן זיך דערבאַרעמט איבער מיר. גלויקוס איז זיך טאַקע טועה, מיינענדיק, אַז איך בין שולדיק אין זיין אומגליק, אָבער ער האָט זיך נעבעך דאָס איינגערעדט און גלייבט דערין סדר, און דאָך האָבן זיי מיך געשוויגט! ס'דאַרף דיך, האַר, אַלזאָ נישט וואונדערן, וואָס מיין האַרץ איז פול מיט דאַנקלעכקייטן צו זיי. איך בין אַ מענטש פון די אַמאָליקע, ערלעכערע צייטן. כ'האָב מיר דעריבער געטראַכט: שוין זשע זאָל איך פאַרגעסן מיינע פריינט און בעלי־טובות? וואָלט עס דען נישט געווען קיין גראָבקייט פון מיין זייט נישט נאָכצופרעגן זיך וועגן זיי, נישט געוויר צו ווערן, וואָס זיי מאַכן, צי זיי זענען געזונט און ווו זיי וווינען? ביי דער פעסינונטער ציבעלאַ! איך בין נישט אַזאַ מענטש. לכתחילה האָב איך זיך אפילו אָפגעהאַלטן פון מורא, זיי זאָלן נישט שלעכט אויסטייטשן מיינע כוונות. אָבער די ליבע, וועלכע איך האָב צו זיי געפילט, האָט גובר געווען די מורא, און איבערהויפט האָט מיר צוגעגעבן מוט די לייכטקייט, מיט וועלכער זיי זענען מוחל אַלע עוולות. קודם כל האָב איך אָבער דיך, האַר, אין זינען געהאַט. אונדזער לעצטע אונטערנעמונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפלה, אָבער צי קען דען פאָרטונאַס זון זיך אונטערגעבן? אַלזאָ האָב איך דיר צוגעגרייט אַ נצחון, דאָס הויז שטייט אָפגעזונדערט. קענסט הייסן דיינע שקלאַפן עס אַרומרינגלען אַזוי, אַז קיין מויז זאָל זיך פון דאָרט נישט אַרויסבאַוועגן. אָ, האַר, האַר! נאָר אָן דיר ווענדט עס זיך, אַז נאָך היינטיקע נאַכט זאָל דידאָזיקע גרויסאַרטיקע פרינצעסין זיין ביי דיר אין הויז. אָבער אויב דאָס וועט געשען, זאָלסטו געדענקען, אַז דאָס איז דער פאַרדינסט פון מיין פאָטערס אָרימען און הונגעריקן זון.

וויניציוש האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטון צום קאָפּ. דער

בסיון האָט גאָכאַמאָל אויפגעטרייסלט זיין גאַנצע נשמה. בעווייס! דאָס איז אַ מיטל, און דאָס מאָל שוין אַ זיכער מיטל. זאָל ער גאָר איינמאָל האָבן ליגיען ביי זיך אין הויז, וועט שוין דאַן אימשטאַנד זיין זי קיי אים אַרויסצווייסן? ווען ער וועט זי איינמאָל מאַכן פאַר זיין געליבטע, וואָס וועט איר שוין בלייבן צו טון, אויב נישט מושווה צו ווערן מיט איר גורל: אַ כפּרה אַלע גלויבנס! וואָס וועלן אים דאַן אַנגיין אַלע קריסטן מיט זייער רחמנות און זייער טריבן גלויבן? צי איז דען שוין נישט צייט זיך אָפּצושאָקלען פון דעם אַלעם? איז דען שוין נישט צייט אָנ-צוהייבן לעבן גלייך מיט אַלע? וואָס ליגיע וועט דערנאָך טון, ווי אַזוי זי וועט שלום מאַכן צווישן איר גלויבן מיט דעם לעבן אירס, דאָס איז פאַר אים נישט וויכטיק געווען. דאָס קען נישט געגו-מען ווערן אין אַכט! דער עיקר איז, וואָס זי וועט זיין זיינע, און טאַקע נאָך היינט. ערשט איז נאָך אַ פראַגע, צי זי וועט בלייבן ביי איר גלויבן, קומענדיק אין דער פאַר איר נייער וועלט פון פאַרגעניגנס און געגוס, וועלכע מוזן זי מיטרייסן? און דאָס קען נאָך היינט יעשען. ער דאַרף נאָר פאַרהאַלטן כילאַנען און אין אַוונט אַרויסגעבן באַפעלן. און דערנאָך — גליק אָן אַ סוף!

„וואָס איז מיין לעבן געווען?" — האָט וויניציוש בעט-טראַכט — ליידן, אומבאַפרידיקטע ליידנשאַפט און כסדר מאַטערנ-דיקע פראַגן, אויף וועלכע כ'האָב קיין ענטפער נישט באַקו-מען".

איצט קען ער מיט איינמאָל אַלץ פאַרענדיקן. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט, אַז ער האָט איר צוגעזאָגט נישט אויפצוהייבן קיין האַנט אויף איר. אָבער ביי וואָס האָט ער געשוווירן? נישט ביי די געטער, ווייל ער האָט שוין אין זיי נישט געגלייבט, נישט ביי קריסטוסן, ווייל אין אים האָט ער נאָך נישט געגלייבט. איבע-ריקנס, אויב זי וועט זיך פילן באַעוולהט, וועט ער חתונה האָבן מיט איר און וועט אויף אַזאַ אופן פאַרגעלטיקן איר די עוולה. יאָ! ער איז דאָס מחויב צו טון, וואָרים איר האָט ער דאָך צו פאַרדאַנקען זיין לעבן. און ער האָט זיך דערמאָנט יענעם טאָג, ווען

ער איז צוזאַמען מיט קראַטאַנען אַנגעפאַלן אויף איר אין איר וווינונג, ער האָט זיך דערמאַנט אורסוסעס אויפגעהויבענע פויסט איבער זיין קאָפּ און אַלץ, וואָס עס איז דערנאָך פאָרגעקומען. דערנאָך האָט ער זי געזען שטיין אָנגעבויגן איבער זיין בעט, אָנגעטון אין שקלאַפן־קליידער, שיין ווי אַ געטין, אַ באַרמהאַרציקע און געשעצטע. זיין בליק האָט זיך נישט ווילנדיק איבערגעטראָגן אויפן לאַראַריום און אויף דעם צלמעל, וועלכעס זי האָט אים אַוועקגייענדיק איבערגעלאָזט. שוין זשע וועט ער איר פאַר דעם אַלעם באַצאָלן מיט אַ נייעם אָנפאַל? שוין זשע וועט ער זי שלעפן ביי די האָר אין קוביקולום, ווי אַ שקלאַפין? און ווי אַזוי וועט ער דאָס קענען טון, אויב ער גליסט נישט בלויז צו איר, נאָר ער האָט זי אויך ליב, און ער ליבט זי טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז אַזעלכע ווי זי איז? און ער האָט פלוצלינג דערפילט, אַז עס איז נישט גענוג צו האָבּן זי ביי זיך אין הויז, אַז ס'איז נישט גענוג צו כאַפּן זי מיט געוואַלט אין די אָרעמס, נאָר אַז זיין ליבע פאַרלאַנגט שוין עפעס מער, ס'הייסט: איר איינווילליקינג, איר ליבע און איר נשמה. געבענטשט זאָל זיין דער דאַך, אויב זי וועט אונטער אים אַרונטערגיין גוטווילליק, געבענטשט זאָל זיין די מינוט, געבענטשט דער טאָג, געבענטשט דאָס לעבן. זייער ביידנס גליק וועט דאַן זיין טיף, ווי דער ים און ווי די זון אַזוי ליכטיק, אָבער רויבן זי מיט געוואַלט, וואָלט געהייסן אויף אייביק אַ תל מאַכן פונם גליק און גלייכצייטיק אויך רואינירן, שענדן און באַשמוצן דאָס, וואָס איז אים דאָס טייערסטע און ליבסטע אין לעבן.

אַ פּחד איז אים באַפאַלן ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם. ער האָט אַ קוק געטון אויף כילאָנען, וועלכער האָט גאַפנדיק אויף אים אַרונטערגערוקט די הענט אונטער זיינע שמאַטעס און פיבערדיק זיך געקראַצט, און ער האָט דערפילט אַן אומבאַשרייבלעכן עקל און אַ חשק צוצעטרעטן דעמדאָזיקן אַמאָליקן געהילף זיינעם, אַזוי ווי מען צעטרעט אַ שמוציקן וואָרעם, אָדער אַ גיפטיקן שלאַנג. און אין איין מינוט האָט ער שוין געוווסט, וואָס ער האָט צו טון. אָבער נישט האָבנדיק קיין מאָס אין קיין שום זאַך און גיי־

ענדיק נאָך דער שטים פון זיין היציק, רוימיש בלוט, האָט ער זיך געווענדעט צו כילאָנען און געזאָגט:

— כ'וועל נישט טון דאָס, וואָס דו עצהסט מיר, אָבער פדי דו זאָלסט נישט אַוועקגיין אָן שכר, וועלכן דו האָסט דיר פאַרדינט, וועל איך דיר הייסן געבן דריי הונדערט שמיץ אין מיין שטוב־ערגאַסטולום.

כילאָן איז בלאַס געוואָרן. אין וויניציושס שיין געזיכט איז געווען אַזוי פיל קאַלטע פאַרביסנקייט, דאָס ער האָט קיין איין מינוט נישט געקענט זיך נאַרן מיט דער האָפנונג, אַז דער פאַרשפּראָכענער לוין איז נאָר אַזאַ שרעקלעכער שפּאַס.

ער האָט זיך אַלזאָ אין דער רגע געוואָרפן אויף די קני, און איינבייגנדיק זיך, האָט ער גענומען יאָמערן מיט אַן איבערגעריסענער שטים:

— וואָס הייסט, פּערסישער קעניג? פאַרוואָס?... פּיראַמיד פון חסד! קאָלאָס פון רחמים! פאַרוואָס?... איך בין אַלט, הונגעריק, אומגליקלעך... כ'האָב דיר געדינט... אַזוי דאַנקסטו מיר אָפּ?

— אַזוי ווי דו די קריסטן — האָט וויניציוש געענטפערט — און האָט אַריינגערופן דעם דיספּענזאַטאָר.

כילאָן אָבער איז צוגעפאַלן צו זיינע פיס און קאַנווולסיוו אַרומנעמענדיק זיי, האָט ער מיט טויט־שרעק אויפן געזיכט גערופן:

— האַר, האַר!... איך בין אַלט! פופציק, נישט דריי הונדערט... פופציק איז גענוג!... הונדערט, נישט קיין דריי הונדערט!... דערבאַרעם זיך, האָב רחמנות!

וויניציוש האָט אים אַוועקגעשטויסן מיטן פוס און האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל. אין אויגנבליק זענען נאָכן דיספּענזאַטאָר געקומען אַריינצולויפן צוויי קרעפטיקע קוואַדן, וועלכע האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי דעם רעשט ביסל האָר, האָבן אים פאַרוואָרפן איפן קאָפּ זיין אייגענעם צעפליקטן מאַנטל און אַריינגעשלעפט אין ערגאַסטולום.

— אין נאָמען פון קריסטוסן!... האָט דער גריך שוין אין דער טיר צום קאָרידאָר אויסגערופן.

וויניציוש איז אַליין געבליבן. דער באַפעל, וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט אים אויפגעמונטערט און הייטער געמאַכט. ער האָט זיך איצט באַמיט צונויפצונעמען די צעשטרייטע געדאַנקען זײַנע און מאַכן אין זיי אַן אָרדנונג. ער האָט דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג, און דער נצחון, וועלכן ער האָט איבער זיך אָפּגעהאַלטן, האָט אים אָנגעפילט מיט בטחון. עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן שריט נענטער צו ליגיען און אַז ער דאַרף דערפאַר אַ פאַרגעלטיקונג באַקומען. לכתחילה איז אים אפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, וואָס פאַר אַ שווערע עוולה ער האָט כילאָנען געטון און אַז ער האָט אים געהייסן שמייסן פאַר דעמזעלבן, פאַר וועלכן ער האָט אים פריִער באַלוינט. ער איז נאָך געווען צופיל רוימער, אַז אים זאָל ווי טון יענעמס ווייטיק און ער זאָל טראַכטן וועגן עפעס אַ גריך דאָרט. ווען ער וואָלט אפילו געטראַכט וועגן דעם, וואָלט ער זיכער געווען, אַז ער האָט יושרדיק געטון הייסנדיק באַשטראָפן דעם נידערטרעפטיקן לומפּ, אָבער ער האָט נאָר געטראַכט וועגן ליגיען און ער האָט אין דער מחשבה צו איר געזאָגט:

— כ׳וועל דיר נישט אָפּצאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס, און אויב דו וועסט זיך אַמאָל דערוויסן, ווי אַזוי איך בין זיך באַגאַנגען מיט דעם, וואָס האָט מיך צוגערעדט אויפצוהייבן אויף דיר אַ האַנט, וועסטו מיר דאַנקלעך זײַן.

דאָ אָבער האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, צי ליגיע וואָלט אים געלויבט פאַר זײַן האַנדלונג קעגן כילאָנען? הייסט דאָך דער גלויבן, אין וועלכן זי גלייבט, מוחל זײַן, האָבן דאָך די קריסטן מוחל געווען דעמדאָזיקן שלעפּער, כאָטש זיי האָבן געהאַט סיבה זיך נוקם צו זײַן אָן אים. איצט ערשט האָט אים אין די אויערן אָפּגעקלונגען דער געשריי: „אין נאָמען פון קריסטוסן״! ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט דעם זעלבן געשריי האָט כילאָן

זיך געדעטעט פון אורסוסעס הענט און ער האָט באַשלאָסן שענקען אים די רעשט שטראָף.

צו דעם צוועק האָט ער טאַקע געוואָלט אַריינרופן דעם דיספּענזאַטאָר, אַלס יענער איז צוגעקומען צו אים און געזאָגט:

— האַר, דער אַלטער איז אין חלשות געבליבן און אפשר איז ער שוין געשטאָרבן, צי זאָל איך באַפעלן אים ווייטער שמייסן?

— דערמינטערן אים און שטעלן פאַר מיר.

דער אויפזעער פון אַטריום איז פאַרשוווּנדן הינטער דער פאָרהאַנג, אָבער דאָס דערמונטערן איז, ווייזט אויס, ניט לייכט צוגעגאַנגען, וואָרים וויניציושן איז אויסגעקומען זייער לאַנג צו וואַרטן און ער איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק, ווי די שקלאַפן האָבן ענדלעך אַריינגעפירט כילאָנען און זענען אויף וויניציושס ווינקען צוריק אַרויס.

כילאָן איז געווען בלייך, ווי לייוונט, און אין דער לענג פון דיפּיס איז אים אַראָפּגעריבן אויף דער מאָזאַיק פון אַטריום פעדעם בלוט. ער איז פונדעסטוועגן געווען ביים באַוווּסטזיין און פאַלנדיק אויף די קני, האָט ער גענומען רעדן מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— אַ דאַנק דיר, האַר! ביסט באַרמהאַרציק און גרויס.

— הונט — האָט וויניציוש געזאָגט, — זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיר געשאָנקען די שטראָף צוליב דעם קריסטוס, וועלכן איך אַליין האָב דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען.

— כ'וועל אים און דיך דינען.

— שווייג און הער. שטיי אויף! וועסט מיט מיר גיין און מיר ווייזן דאָס הויז, וווּ ליגיע וווינט.

כילאָן האָט זיך אַ הייב געטון, אָבער בלייבנדיק שטיין אויף די פיס, איז ער נאָך מער בלאָס געוואָרן און ער האָט מיט אַ פאַר־חלשטער שטים געזאָגט:

— האַר, איך בין אמת הונגעריק... כ'וועל גיין, האַר, כ'וועל גיין! אָבער איך האָב קיין כח ניט... הייס מיר געבן

פאַטש דאָס איבערבלייבעכץ פון דיין הינטס שיסל און איך וועל דערנאָך גיין!...

וויניציוש האָט אים געהייסן געבן עסן, אַ מטבע און אַ מאַנטל. אָבער כילאָן, וועלכער איז געווען אויסגעמאַטערט פון די שמיץ און פון הונגער, האָט אפילו נאָכן עסן אויך נישט געקענט גיין, כאָטש די האַר האָבן זיך אים קאַפּוירגעשטעלט פון שרעק, אַז וויניציוש זאָל זיין צאַנמעכטיקייט נישט אָננעמען פאַר אַן אָפּזאָג און זאָל אים נישט הייסן צוליב דעם ווייטער שמייסן.

— זאָל נאָר דער ויין מיך דערוואַרעמען, — האָט ער גערעדט, קלאַפּנדיק אַ צאָן אין אַ צאָן — וועל איך שוין קענען גיין אפילו קיין גרויס-גריכנלאַנד.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער טאַקע צוריקבאַקומען די כוחות און זיי זענען אַרויס. עס איז געווען זייער אַ ווייטער וועג, וויל לינוס האָט, ווי דאָס רוב קריסטן, געוווינט אויף יענער זייט טיבער, נישט ווייט פון מרימס הויז. ענדלעך האָט כילאָן אָנגעוויזן וויניציושן אַן אָפּגעזונדערט קליין הייזל, אַרומגענומען מיט אַ מויער, וועלכע איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט בלישטש און האָט געזאָגט:

— דאָ איז עס, האַר.

— גוט — האָט וויניציוש געזאָגט. — גיי דיר איצט אַוועק, אָבער פריִער הער נאָר, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: פאַרגעס, אַז דו האָסט מיר געדינט; פאַרגעס, וווּ עס וווינט מרים, פעטער און גלויקוס; פאַרגעס אויך וועגן דעם הויז און וועגן אַלע קריסטן. זאָלסט יעדן חודש קומען צו מיר אין הויז, וועט דיר מיין אויפזעער דעמאַס אויסצאָלן צו צוויי גאָלד-שטיקלעך, נאָר אויב דו וועסט נאָך ווייטער אויסשפּירן די קריסטן, וועל איך דיך הייסן פאַרשמייסן, אָדער איבערגעבן דעם שטאָט-פּרעפעקט אין די הענט.

כילאָן האָט זיך פאַרבייגט און געזאָגט:

— כ׳וועל פאַרגעסן.

אָבער ווען וויניציוש איז פאַרשוווּנדן אין ראָג פון געסל,

האָט ער אויסגעצויגן נאָך איִם די האַנט און, דראָענדיק מיט די פויסטן, האָט ער אויסגערופן:

— פּיי אַטע און פּיי די פוריעס! כ'וועל נישט פאַרגעסן

דערנאָך האָט ער זיך ווידער דערפילט פאַרשמאַכט.

XXXIII

ווינציוש איז גלייך אוועק צום הויז, אין וועלכן מרים האָט געוווינט. פאַרן טויער האָט ער געטראָפן באַזאַריוסן, וועלכער איז צעטומלט געוואָרן דערזעענדיק אים. ער אָבער האָט אים פריינטלעך באַגריסט און האָט זיך געהייסן אַריינפירן צו דער מוטער אין שטוב.

אין שטוב האָט ער אויסער מרימען געטראָפן אויך פעטרוסן, ג׳וויקוסן, קריספּוסן און פּוילוס פון תרשיש, וועלכער איז ערשט נאָר וואָס צוריקגעקומען פון פרעגעלאַע. דערזעענדיק דעם יונגן טריבון, זײַנען אַלע איבעראַשט געוואָרן, ער אָבער האָט געזאָגט:

— כ׳באַגריס אייך אינם נאָמען פון קריסטוסן, וועלכן איר אַכפּערט.

— זאָל זײַן באָמען זײַן געלויבט אויף דורות.

— כ׳האָב געזען אייער איידלקייט און כ׳האָב זיך איבערצייגט אין אייער גוטקייט, און איך קום אַלזאָ אַלס פריינט.

— און מיר באַגריסן דיך אַלס פריינט — האָט פּעטרוס געענטפערט — זעץ דיך, האַר, און עס מיט אונדז מיט, אַלס אונדזער גאַסט.

— כ'וועל זיצן און מיט אייך מיטעסן, אָבער פריִער הערט מיך אויס: דו פּעטרוס און דו פּוילוס פון תרשיש, כדי איר זאָלט אייַנזען מיין ערלעכן מיין. איך ווייס, ווו ליגיע איז, איך קום ערשט פון פאַר ליגוסעס הויז, וועלכעס געפינט זיך דאָ דערלעבן, איך האָב אַ רעכט אויף איר, וועלכעס דער צעזאַר האָט מיר געגעבן. אין שטאָט, אין מיינע הייזער, האָב איך קרוב צו פינפהונדערט שקלאַפן, איך וואָלט געקענט אַרומרינגלען איר באַהעלטעניש און כאַפן זי, און פונדעסטוועגן האָב איך דאָס נישט געטון און כ'וועל דאָס נישט טון.

— דעריבער וועט גאָטס ברכה זיין מיט דיר און דיין האַרץ וועט גערייניקט ווערן — האָט פּעטרוס געזאָגט.

— איך דאַנק דיר, אָבער הערט מיך ווייטער: איך האָב דאָס נישט געטון, כאָטש איך קוועל מיך און איך בענק. פריִער, איידער איך בין געווען מיט אייך, וואָלט איך זי באַשטימט גענומען און פאַרהאַלטן מיט געוואַלט, אָבער אייער מאָראַל און אייער לערע, כאָטש איך גלייב נישט אין איר, האָט עפּעס געענדערט אין מיין נשמה אַזוי, אַז איך דערוועג זיך שוין נישט צו באַנוצן קיין געוואַלט. כ'ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס עס איז אַזוי געוואָרן, אָבער עס איז אַזוי! על כן קום איך צו אייך, ווייל איר פאַרטרעט ליגיען אַ פאָטער און אַ מוטער, און זאָג אייך: גיט זי מיר פאַר אַ ווייב, און איך שווער אייך צו, אַז נישט נאָר וואָס כ'וועל איר נישט פאַרווערן צו דינען קריסטוסן, נאָר איך וועל אַליין אויך אָנהייבן זיך באַקענען מיט זיין לערע.

ער האָט גערעדט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַן צעטשלאָסענער שטים, אָבער ער איז דאָך געווען טיף גערירט און די פיס האָבן אים געציטערט אונטער זיין געשטרייפטן מאַנטל, און ווען ס'איז נאָך זיינע רייד געוואָרן שטיל, האָט ער גענומען ווייטער רעדן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל נישט באַקומען קיין נישט גינסטיקע תשובה:

— איך ווייס אַלע מניעות, אָבער איך ליב זי, ווי די אייגן מיינע, און כאָטש איך בין נאָך נישט קיין קריסט, בין איך אָבער אויך נישט קיין פיינט נישט פון אייך, נישט פון קריסטוסן, איך וויל זיין פאַר אייך אָפנהאַרציק, כדי איר זאָלט קענען האָבן צוטרויען צו מיר. עס גייט איצט וועגן מיין לעבן, און דאָך זאָג איך אייך דעם ריינעם אמת. אַן אַנדערער וואָלט אייך אפשר געזאָגט: „טויפט מיך“! — איך אָבער זאָג: „לערנט מיך“! כ'גלייב, אַז קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, ווייל דאָס דערציילן מענטשן, וועלכע לעבן מיטן אמת, וועלכע האָבן אים געזען נאָך זיין טויט. כ'גלייב, ווייל כ'האָב אַליין געזען, אַז אייער לערע ברענגט בלויז זיטלעכקייט, גערעכטיקייט און באַרמהאַרציקייט אויף דער וועלט, נישט קיין פאַרברעכנס, ווי מ'איז אייך חושד. כ'קען נישט אַזוי גוט אייער לערע, נאָר דאָס, וואָס כ'ווייס פון אייך, פון אייערע מעשים, פון ליגיען, און פון די געשפרעכן מיט אייך. און דאָך זאָג איך אייך: עס האָט זיך עפעס געביטן אין מיר צוליב דער לערע אייערער. ביז איצט, האָב איך מיט אַן אייזערנער האַנט געהאַלטן מיינע שקלאַפן, איצט אָבער — קען איך נישט. כ'האָב קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין רחמנות, איצט — ווייס איך. כ'האָב אַמאָל ליב געהאַט תענוגים, איצט בין איך אַנטלאָפן פון אַגריפאַ־טייך, ווייל עס האָט מיך געעקלט. אַמאָל האָב איך געגלייבט אין געוואַלט, איצט זאָג איך זיך דערפון אָפ. גלייבט מיר, אַז איך דערקען זיך זעלבסט נישט. נאָר מיך עקלען איצט די פאַרווייילונגען, דער וויין, דאָס געזאַנג, די ציטרן און די קרענץ, עס עקלט מיך דעם צעזאַרס הויף, די נאַקעטע קערפער און די אַלע אויסגעלאַסנקייטן. און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז ליגיע איז ווי דער שניי אויף די בערג, ליב איך זי נאָך מער; און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז זי איז אַזעלכע צוליב אייער לערע, ליב איך אויך אייער לערע און איך שטרעב צו איר! אָבער אַזוי ווי איך פאַרשטיי זי נישט, אַזוי ווי איך ווייס נישט, צי כ'וועל קענען לעבן אין איר גייסט און צי מיין כאַראַקטער וועט זי פאַרטראָגן, דעריבער לעב איך אין מאַטערניש און אין אומזיכערקייט, ווי כ'וואָלט זיך געפינען אין אַ קעלער.

דאָ האָבן זיך אים די ברעמען אויפן שטערן שמערצלעך צוזאַמענגעקנייטשט, דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, דערנאָך האָט ער וואָס אַמאָל אַלץ שנעלער און מיט אַלץ מער געפיל גע־רעדט:

— זעט איר! מיך צערט אי די ליבע, אי די ספקות. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אין אייער לערע איז נישטאָ, נישט קיין לעבן, נישט קיין מענטשלעכע פרייד, נישט קיין גליק, נישט קיין געזעץ, נישט קיין אָרדנונג, נישט קיין הערשאַפט, נישט קיין רוימישע מאַכט. צי איז עס אמת? מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט משוגעים; זאָגט מיר, וואָס ברענגט איר מיט זיך? צי איז דען אַ זינד צו ליבן? צי איז אַ זינד צו פילן זיך גליקלעך? צי איז אַ זינד צו וועלן וויסן פון פרייד? צי זענט איר טאַקע שונאים פון לעבן? צי מוז אַ קריסט זיין אַ שלעפער? צי מוז איך זיך אָפּזאָגן פון ליגיען? וועלכעס איז אייער אמת? אייערע מעשים און אייערע רייד זענען ווי אַ לויטער וואַסער, אָבער וואָס פאַר אַ גרונט איז אונטער דעם וואַסער? איר זעט דאָך, אַז איך בין אָפנהאַרציק. צעטרייבט מיר דעם חושך! וואָרים מ׳האָט מיר נאָך אויך געזאָגט, גריכנלאַנד האָט געשאַפן חכמה און שיינקייט, רוים האָט געשאַפן קראַפט און זיי וואָס שאַפן? אַלזאָ, זאָגט מיר, וואָס ברענגט איר מיט זיך? אויב אונטער אייער טיר איז קלאָרקייט פאַרהאַן, טאָ עפנט זי מיר!

— מיר ברענגען ליבע — האָט פּעטרוס געזאָגט.

און פּוילוס פון תרשיש האָט צוגעגעבן:

— ווען איך וואָלט גערעדט מיט דער שפּראַך פון מענטשן און מלאכים און וואָלט דערביי קיין ליבע נישט געהאַט, וואָלט איך געווען חי איינער, וואָס קלאַפּט אין אַ ליידיקן בעקן...

אָבער דאָס האַרץ פונם אַלטן אַפּאָסטאָל איז פול געוואָרן מיט רחמנות צו דער געפּייניקטער נשמה, וועלכע רייסט זיך, ווי אַ פויגל פאַרמאַכט אין שטייג צו לופט און זון, און ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו וויניציושן און געזאָגט:

— דעם וואָס קלאַפּט, וועט מען עפענען, און גאָטס חסד

איז אויף דיר, דעריבער בענטש איך דיך, דיין נשמה און דיין ליבע אין גאַמען פונם גואל פון דער וועלט.

וויניציוש, וועלכער האָט אַזוי אויך גערעדט מיט פּייער, איז, דערהערנדיק די ברכה, צוגעפאַלן צו פּעטרוסן און דאַן איז עפּעס ווונדערלעכעס געשען: דאָסדאָזיקע אייניקל פון די קוויריטן, וועלכער האָט ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק נישט אָנערקענט קיין פרעמדן אַלס מענטש, האָט איצט געכאַפּט דעם אַלטן גאַליליייערס האַנט און גענומען זי מיט דאַנקלעכקייט פעסט דריקן צו זיינע ליפּן.

און פּעטרוס איז דערפרייט געוואָרן, וואָרים ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די זריעה איז ווידער געפאַלן אויף נאָך איין גוטן באָדן און אַז זיין פישער-נעץ האָט נאָך איין נשמה געפאַנגען.

און אַלע ביים טיש, נישט ווייניקער דערפרייט פון דעם דאָזיקן אָפענעם כבוד פאַר גאָטס אַפּאָסטאַל, האָבן איינגעם אויסגערופן:

— געלויבט אין די הימלען איז גאָט!

וויניציוש איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שטראַלנדיק פּנים און האָט גענומען רעדן:

— איך זע, אַז צווישן אייך קען רוען גליק, ווייל איך פיל זיך גליקלעך און כ׳בין זיכער, אַז אויך אין אַלעם איבעריקן וועט איר מיך איבערצייגן. אָבער איך וויל אייך נאָך דאָס זאָגן, אַז דאָס וועט נישט געשען אין רוים; דער צעזאַר פאָרט קיין אַנציום און איך מוז מיט אים מיטפאָרן, ווייל כ׳האָב אַזאַ באַפעל. איר ווייסט דאָך, אַז נישט הערכן איז אַ זיכערער טויט. אָבער אויב איך האָב געפינען חן אין אייערע אויגן, פאָרט מיט מיר מיט, כדי איר זאָלט מיך קענען לערנען אייער אמת. עס וועט אייך דאָרט זיין זיכערער, ווי מיר. צווישן דעם גרויסן המון דאָרט וועט איר קענען דערציילן אייער אמת ביים סאַמע צעזאַר אין הויף. מ׳זאָגט, אַז אַקטע איז אַ קריסטין און אויך צווישן די פּרעטאָריאַנער איז פאַראַן קריסטן, וואָרים איך האָב אַליין געזען, ווי די זעלנער האָבן אָנידערגעקניט פאַר דיר, פּעטער, לעבן נאָמענטאַנער טויער. אין אַנציום האָב איך

אַ ווײַלע, אין וועלכער מיר וועלן זיך צונויפקומען, כּדי האַרט לעבן נעבן צו הערן אײַער לערע. גלויקוס האָט מיר בעוואָגט, אַז איר זענט גרייט פאַר אַן אײן און אײנציקע נשמה צו לויפן אין עק וועלט. אַלזאָ, טוט זשע פאַר מיר דאָס, וואָס איר האָט געטון פאַר די, צוליב וועלכע איר זענט געקומען אַהער פון יהודה, טוט דאָס און פאַרלאָזט נישט מײַן עלנטע נשמה!

דאָס אויסהערנדיק, האָבן זיי זיך געטומען שואל עצה זײַן, טראַכטנדיק מיט פרייד וועגן דעם נצחון פון זייער גלויבן און וועגן דער באַדייטונג, וואָס דאָס איבערגיין פון אַן אויגוסטער און אַ קינד פון די עלטסטע רוימישע פאַמיליעס וועט האָבן פאַר דער גאַנצער געצנדינערישער וועלט. זיי זענען באמת גרייט געווען צו וואַנדערן אין עק וועלט צוליב איין מענטשלעכער נשמה, און פון גרויסן רבינס טויט אָן האָבן זיי דאָך נישט עפּעס אַנדערש געטון. דעריבער איז זיי אפילו נישט אײַנגעפאַלן אָפּצוזאָגן אים, אָבער פּעטרוס איז אין דעם מאָמענט געווען דער פּאַסטוך פון די שאָף, ער האָט דעריבער נישט געקענט אוועקפאָרן, אָבער פּוילוס פון תרשיש, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געווען אַרעסטירט און אין פּרעגלאַע און האָט זיך שוין ווידער געקליבן צו פאָרן אין די מזרח־לענדער, כּדי צו באַזוכן די דאָרטיקע געמיינדעס און אויפמונטערן זיי מיט אַ נײַעם פרישן גײַסט, האָט אײַנגעשטימט צו באַגלייטן דעם יונגן טריבון קיין אַנציום, וואָרים ער האָט דאָרט לײַכט געקענט באַקומען אַ שיף, וועלכע שווימט אָפּ אין די גריכישע וואַסערן.

און וויניציוש, כאָטש עס איז אים אַ שאָד געווען, וואָס פּעטרוס, וועמען ער איז אַזוי פיל דאַנקלעך געווען, וועט מיט אים נישט פאָרן, האָט פונדעסטוועגן האַרציק געדאַנקט, און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן אַפּאָסטאָל מיט דער לעצטער בקשה:

— וויסנדיק ליגיעס וווינונג, וואָלט איך דאָך אַליין געקענט אַרײַנגיין צו איר און זי פרעגן גאַנץ געזעצלעך, צי זי וויל ווערן מײַן ווײַב, אויב מײַן נשמה וועט ווערן קריסטלעך, אָבער איך מיל גלײַכער בעטן דיך, אַפּאָסטאָל: דערלויב מיר זי צו זען,

אָדער פֿיר מיך דו אַליין אַריין צו איר. כ'וויס נישט, ווי לאַנג מיר וועט אויסקומען צו פֿאַרברענגען אין אַנציום און געדענקט, אַז ביים צעזאַר איז קיינער נישט זיכער מיט זיין מאָרגן. פּעטראָניוס האָט מיר שוין געזאָגט, אַז איך וועל דאָרט נישט גאַנץ זיכער זיין. לאָמיך זי דעריבער פֿריִער אָנקוקן, לאָמיך אָנזעטיקן מיינע אויגן און לאָמיך זי פֿרעגן, צי זי וועט מיר דאָס שלעכטע פֿאַרגעסן און דאָס גוטע מיט מיר זיך טיילן.

און פּעטער אַפּאָסטאָל האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— פֿאַרוואָס־זשע זאָל דיר ווער, מיין זון, דיין האַרציקע פֿרייד נישט צולאָזן?

וויניציוש האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צו זיינע הענט, וואָרים ער האָט שוין איינגאַנצן נישט געקענט העמען זיין איבערגעפֿולט האַרץ. דער אַפּאָסטאָל אָבער האָט אים אָנגענומען פֿאַר די שלעפֿן און געזאָגט:

— פֿאַר צעזאַר זאָלסטו קיין מורא נישט האָבן, וואָרים דאָס זאָג איך דיר, אַז קיין האָר פֿון דיין קאָפּ וועט נישט געמינערט ווערן.

דערנאָך האָט ער אַרויסגעשיקט מרימען נאָך ליגיען, אָנזאָגנדיק איר, אַז זי זאָל איר גאָרנישט זאָגן, וועמען זי וועט דאָ טרעפֿן, כּדי דאָס מיידל זאָל מער דערפֿרייט ווערן.

עס איז געווען נישט ווייט, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי דערזען צווישן די מירטן אין גערטנדל מרימען, פֿירנדיק ליגיען פֿאַר דער האַנט.

וויניציוש האָט געוואָלט אַקעגנלויפֿן, אָבער ביים אָנבליק פֿון דער דאָזיקער געליבטער געשטאַלט האָבן אים פֿון גרויס גליק די כּוחות פֿאַרלאָזט — און ער איז געשטאַנען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פֿיס, פֿיל מער פֿאַרלוירן, ווי דאַן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערהערט זשומען פֿאַרביי זיינע אויערן די פֿיילן פֿון די פּאַרטן.

זי איז אַריינגעקומען, נישט ריכטנדיק זיך אויף גאָרנישט,

און דערזעענדיק אים, איז זי אויך געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט, איר געזיכט איז פריִער רויט געוואָרן און באַלד צוריק טויט־בלייך, און זי האָט איבעראַשט גענומען קוקן מיט איבערגעשראָקענע אויגן אויף די אַרומיקע.

אָבער אַלעמענס געזיכטער האָבן געשטראַלט און פול געווען מיט גוטסקייט, און דער אַפּאָסטאָל פּעטער איז צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— ליגיע, האָסטו אים נאָך אַלץ ליב?

עס איז שטיל געוואָרן. איריע ליפּן האָבן גענומען ציטערן, ווי ביי אַ קינד, וואָס האַלט ביים וויינען, און פילנדיק זיך שולדיק, זעט עס אָבער, אַז מ'מוז זיך מודה זיין.

— ענטפער — האָט דער אַפּאָסטאָל געזאָגט.

דאַן האָט זי מיט הכנעה און ציטערניש אין דער שטים אַרויסגעשעפּטשעט, אַראָפּלאָזנדיק זיך צו פּעטערס קני:

— יאָ...

אָבער אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט ויניציוש אַנידערגעקניט לעבן איר און פּעטער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף ווייערע קעפּ און געזאָגט:

— ליבט אייך אין גאָטס נאָמען און צו זיין לויב, דען עס איז קיין חטא נישטאָ אין אייער ליבע.

XXXIV.

שפּאַצירנדיק איבערן בערטנדל, האָט וויניציוש אין קירצע ווערטער, אַרויסגעריסן פון טיפן האַרצן אַרויס, איר דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק דערציילט דעם אַפּאָסטאָל: די אומרויִקייט פון זיין נשמה, די ענדערונגען, וועלכע זענען אין אים פאַרגעקומען און ענדלעך די גאַנצע אומגעהייערע בענקשאַפט, וועלכע האָט אָנגעפילט זיין נשמה, צייט ער האָט פאַרלאָזט מרימס הויז. ער האָט זיך פאַר איר מודה געווען, דאָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אָן איר, נאָר ער האָט נישט געקענט. ער האָט טאָג און נאַכט געקלערט וועגן איר. דאָס צלמל געפלאָכטן פון בוקסנהאָלץ, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט און וועלכעס ער האָלט אין זיין לאַראַריום, האָט אים דערמאָנט אָן איר און ער האָט עס דעריבער נישט ווילנדיק פאַרגעטערט, ווי אַ הייליקטום. און ער האָט וואָס ווייטער שטאַרקער געבענקט, וואָרים די ליבע איז געווען שטאַרקער פון אים און נאָך ביי אוילוסן האָט זי שוין די גאַנצע נשמה זיינע

פאַרנומען. אַנדערע פלעכטן דעם פאָדים פון לעבן די פאַר-
קעס, אים האָט געפלאָכטן די ליבע, בענקשאַפט און אומעט
שלעכטע זענען געווען זייערע מעשים, זיי זענען אָבער אַרויס-
געפלאָסן פון ליבע. ער האָט איר געליבט ביי די אולוסעס
און אויפן פאלאטינוס, און ווען ער האָט איר געזען אויפן
אַסטריאַנים, הערנדיק די ווערטער פון פעטרוסן, און ווען ער
איז געגאַנגען איר כאַפן מיט קראַטאַנען, און ווען זי האָט
געוואַכט לעבן זיין בעט, און ווען זי האָט אים פאַרלאָזן. איז
געקומען כילאָן, וועלכער האָט אַנטדעקט איר דירה און האָט
געראַטן איר אויפצוכאַפן, נאָר ער האָט געוואָלט בעסער באַ-
שטראָפן כילאָנען און גיין צו די אַפּאָסטאָלן בעטן אמת און
איר... און געבענטשט זאָל זיין די מינוט, ווען אזא געדאַנק איז
אים געקומען אין קאָפּ, וואָרים דאָ איז ער לעבן איר און זי
וועט דאָך מער שוין פון אים נישט אַנטלויפן, אַזוי ווי דעם
לעצטן מאָל איז זי אַנטלאָפן פון מרימס וווינונג?

— נישט פאַר דיר בין איך אַנטלאָפן — האָט געזאָגט
ליגיע.

— נאָר צוליב וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

און זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן פון אי-
ריסן=קאָליר, דערנאָך, אַראָפּלאָזנדיק פאַרשעמטערהייט די קאָפּ,
האָט זי געענטפערט:

— דו ווייסט...

וויניציוס איז אַנטשוויגן געוואָרן פון גרויס גליק, דערנאָך
האָט ער אָנגעפאַנגען צו רעדן, ווי אַזוי די אויגן האָבן זיך
אים ביסלעכווייז געעפנט, אַז זי איז אינגאַנצן אַנדערש פון די
רוימערינס און אַז זי איז ענלעך נאָר צו איין פּאָמפּאָניע. ער
האָט נישט געקענט גוט איר דאָס אויסדריקן, וואָרים ער האָט
אַליין זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון דעם, וואָס ער
האָט געפילט, אַז מיט איר קומט אויף דער וועלט אַ גאַנץ אַנ-
דער שיינקייט, וועלכע איז ביז איצט נישט געווען, וועלכע איז
נישט נאָר אַ סטאַטוע, נאָר אַ נשמה. ער האָט איר געזאָגט אויך

דאָס, וואָס האט איר אָנגעפילט מיט א שמחה, אַז ער ליבט איר אויך דערפאַר, וואָס זי איז פון אים אַנטלאָפן, און אַז זי וועט אים זיין היילִיק לעבן זיין פייער.

דערנאָך, בעמעגדיק איר האַנט, האָט ער מער נישט געקענט רעדן, ער האָט נאָר געקוקט אויף איר מיט אנט־ציקונג, ווי אויפן געפונענעם גליק פון זיין לעבן און ער האָט געחזרט איר נאָמען, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרזיכערן, אַז ער האָט זי געפונען און אַז ער איז לעבן איר:

— אַ ליגיע! אַ ליגיע!...

לסוף האָט ער אָנגעהויבן איר אויספרעגן, וואָס האָט זיך געטאָן ביי איר אין הארצן, און זי האָט אים מודה געווען, אַז זי האָט אים נאָך געליבט אין אולוסעס הויז און ווען ער וואָלט איר אָפּגעפירט צו זיי פון פאַלאַטינוס, וואָלט זי אים דערציילט וועגן איר ליבע צו אים און זי וואָלט זיך באַמיט צו שטילן זייער כעס אויף אים.

— איך שווער דיר – האָט געזאָגט וויניציוס — אַז ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אוועקצונעמען דיך פון די אולוּ־סעס. פּעטראָניוס וועט דיר אַמאָל דערציילן, אַז איך האָב אים שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז איך ליב דיך און אַז איך וויל מיט דיר חתונה האָבן. כ'האָב עס געזאָגט: „זאָל זי אָפּשמירן מיין טיר מיט וועלפישן פעטס און זאָל זי זיך זעצן לעבן מיין פייער!” ער האָט זיך אויסגעלאַכט און ער האָט אונטערגעדרוקט צעזאָרן דעם געדאַנק, אַז ער זאָל דיך אַרויספאָדערן אַלס אַן ערבטע און ער זאָל דיך מיר אוועקגעבן. פיל מאָל האָב איך אים געשאָלטן אין מיין צער, און אפשר האָט אזוי דער גורל בכיון געמאַכט, וואָרים ווען נישט דאָס, וואָלט איך נישט דער־קענט די קריסטן און איך וואָלט דיך נישט פאַרשטאַנען...

— גלויב מיר, מאַרקוס — האָט אָפּגעענטפערט ליגיע — אַז קריסטוס האָט בכיון דיך געפירט צו מיר.

וויניציוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג.

— אמת! — האָט ער געענטפערט לעבעדיק — אַלץ האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז זוכנדיק דיך האָב איך געפונען די קריסטן... אין אַסטריאַנום האָב איך געהערט מיט פאַרווונדערונג דעם אַפּאָסטאָל, ווייל איך האָב נאָך אַזעלכע זאַכן נישט געהערט. דו האָסט מתפלל געווען פאַר מיר?

— יאָ! — האָט געענטפערט ליגיע.

זיי זענען דורכגעגאַנגען לעבן דער זומער-וווינונג, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט דיקן בלושטש און האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו אורסוס, דערשטיקנדיק קראָטאָנען האָט זיך געוואָרפן אויף וויניציוסן.

— דאָ — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן — ווען נישט דו, וואָלט איך אומגעקומען.

— דערמאַן נישט — האָט געענטפערט ליגיע — און געדענק דאָס נישט אורסוסן.

— צי וואָלט איך געקענט זיך נוקם זיין אָן אים דערפאַר, וואָס ער האָט דיך פאַרטיידיקט? ווען ער וואָלט געווען אַ שקלאַף, באַלד וואָלט איך אים באַפרייט.

— ווען ער וואָלט געווען אַ שקלאַף, וואָלטן אים שוין לאַנג באַפרייט די אולוסעס.

— געדענקסט — האָט געזאָגט וויניציוס — אַז איך האָב דיך געוואָלט צוריקקערן צו די אולוסעס, נאָר דו האָסט מיר געענטפערט, אַז צעזאַר וואָלט זיך געקענט אָן דעם דערוויסן און זיך אָן זיי נוקם זיין. זע: איצט וועסטו זיי קענען זען פיל דו וועסט נאָר וועלן.

— פאַרוואָס, מאַרקוס?

— כ'זאָג „איצט", און כ'מיין, אַז דו וועסט זיי קענען זען רויק דעמאָלט ווען דו וועסט זיין מיינע. יאָ!... וואָרים ווען צעזאַר, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, וועט זיך מיר פרעגן, וואָס האָב איך געמאַכט מיט דער ערובטע, וועלכע ער האָט מיר איבערגעגעבן, וועל איך זאָגן: „כ'האָב מיט איר חתונה געהאַט, און אין הויז פון די אולוסעס גייט זי מיט מיין וויסן".

ער וועט לאַנג אין אַנציום זיך נישט פאַרבאַלאַמוטשען, וואָרים ער איילט זיך קיין אכאיע און ווען ער וועט זיך פאַרווייל̄ן, דאַרף איך אים נישט יעדן טאָג זען. ווען פולוס פון תרשיש וועט מיך אויסלערנען אייער אמת, באַלד וועל איך אָננעמען אייער גלויבן און כ'וועל זיך צוריקקערן, כ'וועל צוריק געווינען די פריינטשאַפט פון די אולוסעס, וועלכע קערן זיך אום די טעג אין שטאָט, און ס'וועט שוין נישט זיין קיין מניעות, דעמאָלט וועלט איך דיך צונעמען און אוועקזעצן לעבן מיין פייער. אָ! קאַריסימאַ, קאַריסימאַ!

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויסגעצויגן די הענט. ווי ער וואָלט גענומען דעם הימל פאַר אַן עדות פון זיין ליבע, און ליגיע, אויפהויבנדיק אויף אים אירע ליכטיקע אויגן, האָט געזאָגט:

— און דעמאָלט וועל איך זאָגן: „ווו דו קאַיוס, דאָרט בין איך קאַיאַ".

— ניין, ליגיע! — האָט אויסגערופן וויניציוס — איך שווער דיר, אַז קיינמאָל איז קיין פרוי נישט געווען אַזוי פאַרגעטערט אין שטוב פון איר מאַן, ווי דו וועסט זיין ביי מיר.

א רגע זענען זיי געגאַנגען שטילשווייגנדיק, נישט קעבענדיק ארומנעמען מיט זייער ברוסט דאָס גליק, פאַרליבט אין זיך, ענלעך צו צוויי געטער און אַזוי שיין, גלייך ווי מיט די בלומען וואָלט זיי באַשאַפן דער פרילינג.

צום סוף זענען זיי געבליבן שטיין אונטערן ציפּריס, וואָס האָט געוואַקסן לעבן אריינגאַנג אין שטוב. ליגיע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטאַם, און וויניציוס האָט אָנגעהויבן ווידער בעטן מיט אַ ציטערנדיקע שטימע:

— הייס אורסוסן גיין צו די אולוסעס אין הויז, צונעמען דיינע מעבל און קינדער-צאַצקעס און זיי אוועקטראָגן צו מיר.

און זי, ווערנדיק רויט ווי אַ רויז, אָדער ווי דער פריי-מאָרגן-שטערן, האָט געזאָגט:

— נישט אַזוי איז דער מנהג...

— איך ווייס. געוויינטלעך טראָגט זיי איבער די „פּראַנ־דבאַ" ערשט נאָך דער כלה, אָבער דו טו דאָס מיר צוליב. איך װעל זיי מיר מיטנעמען קיין אַנציום אין מיין ווילע אַריין און זיי וועלן מיך דערמאָנען אָן דיר.

ער האָט צונויפגעלייגט די הענט און האָט, ווי אַ קינד, װאָס בעט עפּעס, גענומען איבערחזרן:

— פּאַמפּאַניע ווען די טעג צוריקקומען; בעט איך דיך: טו דאָס „דיווא", טו דאָס „קאַראַסימאַ"!

— זאָל פּאַמפּאַניע טון, ווי זי וועט וועלן — האָט ליגיע געענטפערט, נאָך מער רויט ווערנדיק ביים וואָרט „פּראַנדו־באַ".

און ווידער זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, ווען די ליבע האָט זיי גענומען הענען דעם אָטעם אין דער ברוסט. ליגיע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן קיפּאַריס, איר פּנים האָט זיך ווי אַ בלום געבלייכט אין שאָטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַ שטורמישע ברוסט, און ביי וויניציושן אין געזיכט האָבן זיך געביטן די קאָלירן און ער איז בלייך געוואָרן. אין דער שטיל־קייט פון נאָכמיטאָג האָבן זיי געהערט דאָס קלאַפּן פון די אייגע־נע הערצער און אין זייער ביידנס שיכּרות האָט זיך זיי דער קי־פּאַריס, דער מירטן־געבוש און דער בלישטש אויסגעוויזן, ווי דער גאָרטן פון ליבע און גליק.

באַלד האָט זיך מרים באַוויזן אין דער טיר און זיי פאַר־בעטן צום מיטאָג. זיי האָבן זיך דאַן געזעצט צום טיש צוזאַמען מיט די אַפּאָסטאָלן, וועלכע האָבן, קוקנדיק אויף זיי, נחת גע־שעפּט פון יונגען דור, וועלכע וועלן נאָך זייער טויט אָפּהיטן און ווייטער זייען דאָס קערנדל פון זייער אמת. פּעטרוס האָט אי־בערגעבראָכן דאָס ברויט און אַ ברכה געמאַכט דעריבער: אויף אַלעמענס געזיכטער אַרום איז געלעגן אַ רויקייט און עפּעס ווי אַ גרויס גליק וואָלט דאָס צימער אויסגעפילט.

— זע זשע — האָט פּוילוס עבדלעך געזאָגט צו וויניצ־

יִשן — שוין זשע זענען מיר טאַקע שונאים פֿון לעבן און פֿון גליק?

און ער האָט אָפּגעענטפערט:

— איצט ווייס איך דעם אמת, וואָרים איך בין נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי גליקלעך, ווי צווישן אייך.

XXXV.

אהיימגייענדיק דעמזעלבן טאָג אין אָוונט דורכן פאַרום, האָט ווינציוש ביים ראָג וויקוס טוסקוס דערזען פּעטראָניוסעס באַגיל־רעטע לעקטיקע, וועלכע אַכט ביטינער האָבן געטראָגן, און אָפּשטעלנדיק זיי מיט אַ האַנט־ווונק, איז ער צוגעגאַנגען האַרט צו די פאָרהענגלעך.

— האָב מיר אַ גוטן און רויִקן שלאָף! — האָט ער לאַכנדיק אויסגערופן, זעענדיק פּעטראָניוסן דרימלען.

— אָך, דאָס ביסטו! — האָט פּעטראָניוס, אויפכאַפּנדיק זיך, אויסגערופן — יאָ, כ'בין איינגעשלאָפן, ווייל כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין פּאַלאַטין. איצט בין איך אַרויס אין גאַס, אום מיטצוקויפן זיך עפּעס וואָס צום לעזן קיין אַנציום... וואָס הערט זיך ביי עס?

— וואַנדערסט אַרום איבער די בוכהאַנדלונגען? — האָט ווינציוש געפרעגט.

— יאָ. כ'וויל נישט מאַכן קיין אומאָרדנונג אין מיין ביבליאָ־

טעק, דאַרום קויף איך מיר אין חעג אַריין באַזונדער צום לעזן, כ׳האָב געהערט, אַז עס האָבן זיך באַוויזן בייע ווערק פון מוזאַגיוסן און סענעקאַן, כ׳זוך אויך פּערסיוסעס זאַכן און אַ געוויסע אויסגאַבע פון ווערגיליס עקלאָג, וועלכעס פעלט מיר. אַך, ווי פאַרמאַטערט איך פיל זיך און ווי די הענט טוען מיר ווייַ פונם אַרויסציִען די מגילות פון די שיידלעך... וואָרים קוים געפינט מען זיך שוין אין בוכהאַנדלונג, ווילט זיך שוין דאָ דאָס, דאָ יענץ באַקוקן. כ׳בין געווען ביי אַווירונוסן, ביי אַטראַקטוסן אויף אַרגילעטום און נאָך פריִער ביי סאָזיוסן אויף וויקוס סאַנדאַלאַריוס. ביי קאַסטאָרן! ווי מיר ווילט זיך שלאָפן!...

— ביסט דאָך געווען אין פּאַלאַטין, זאָג זשע מיר, וואָס הערט זיך? אָדער ווייסטו גאָר וואָס? שיק אַהיים די לעקטיקע און די פּושקע מיט מגילות און קום צו מיר. מיר וועלן אַ שמועס טון וועגן אַנציום און וועגן נאָך עפּעס.

— גוט — האָט פּעטראָניוס געענטפערט, אויסשטייגנדיק פון דער לעקטיקע — דו הייסט דאָך מסתמא, אַז איבערמאָרגן פאָרן מיר שוין קיין אַנציום.

— פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן?

— אויף וועלכער וועלט לעבסטו דען? האָסטו זיך, הייסט עס, ערשט פון מיר דערוווּסט דאָסדאָזיקע בייעס? געוויס! זיי גרייט, אויף איבערמאָרגן פרי. אַרבעס מיט בוימאייל האָט נישט געהאָלפן, אַ טיכל אויפן פעטן קאַרק האָט נישט געהאָלפן — דער געלבערדיקער איז הייזעריק געוואָרן. דעריבער קען קיין רייד נישט זיין וועגן אָפּלייגן. ער שעלט, אויף וואָס די וועלט שטייט, רוים מיט איר לופט. ער וואָלט זי געוואָלט מיט דער ערד אויסגלייכן, אָדער אונטערצינדן און ער ויל וואָס שנעלער צום ים. די ריחות, וואָס טראָגן זיך פון די שמאָלע געסלעך, זאָגט ער, מאַכן אים דעם טויט. הייַנט האָט מען מקריב געווען פיל קרבנות אין אַלע טעמפלען, אום ער זאָל צוריק באַקומען די שטים — און ווייַ וועט זיין צו רוים, איבערהויפּט צום סענאַט, אויב ער וועט נישט אַזוי גיך די שטים צוריקבאַקומען.

— וואָלט מען דאָך דאַן נישט באַדאַרפן פאָרן קיין אַכאַי.

— אונדזער געטלעכער צעזאַר האָט דען נאָר בלויז דעם איינעם טאַלאַנט? — האָט פעטראָניוס לאַכנדיק געענטפערט — ער וואָלט אַרויסגעטרעטן אין די אָלימפּישע שפּילן אַלס פּאָעט, מיט זיין שרפה פון טראָיאַ, אַלס צירק־פאָרער, אַלס מוזיקער, אַלס אַטלעט, עך! אפילו אַלס טענצער, און ער וואָלט זיכער צוגענומען פאַר זיך אַלע זיגער־קרוינען. און ווייסטו, פאַרוואָס דידאָזיקע מאַלפּע איז הייזעריק געוואָרן? אָט האָט זיך אים געכטן פאַרגלוסט צו זיין אַזאַ טענצער, ווי אונדזער פּאַריס און ער האָט פאַר אונדז געטאַנצט לעדאַס פּאַסירונגען, בשעת וועלכע ער האָט זיך דערשוויצט און פאַרקילט. ער איז איינגאַנצן געווען נאַס און קלעפּיק, ווי אַ נאָר וואָס פון וואַסער אַרויסגענומענער שלאַנגען־פיש. ער האָט געטוישט איין מאַסקע נאָך דער צווייטער, ער האָט זיך געדרייט, ווי אַ דריידל, האָט געמאַכט מיט די הענט, ווי אַ שיכורער מאַטראָז און עס האָט אַזש געעקלט צו קוקן אויף דעמדאָזיקן גראָבן בויך און דינע פיסלעך. פּאַריס האָט אים דאָס פריער גאַנצע צוויי וואָכן געלערנט, אָבער פרווו דיר נאָר פאָרשטעלן אַהענאָבאַרבען אַלס לעדאַ, אָדער אַלס שוואַנען־גאָט? דאָס איז שוין איינמאָל אַ שוואַן! נישטאָ וואָס צו רעדן! ער אָבער וויל דורכויס אַרויסטרעטן עפנטלעך מיט דער פאַנטאָמין, פריער אין אַנציום, דערנאָך אין רוים.

— דאָס פאָלק איז שוין אַזוי אויך פאַרביטערט צוליב דעם, וואָס ער האָט עפנטלעך געזונגען, אָבער דערמאָנענדיק זיך, אַז דער רוימישער צעזאַר וועט אַרויסטרעטן אַלס מימיק, ניין! דאָס וועט שוין רוים נישט קענען דולדן.

— מיין טייערער! רוים וועט אַלץ דולדן; און דער סענאַט וועט נאָך אויסדריקן זיין דאַנק דעם „פאָטער פון לאַנד".

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— און דער המון איז נאָך שטאָלץ דערמיט, וואָס דער צעזאַר איז איר פּאַיאַץ.

— זאָג אַליין, איז שוין מעגלעך נידעריקער צו פאַלן? פעטראָניוס האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— דו לעבסט דיר אין דיין הויז און מיט דיינע מחשבות

װעגן ליגיען, װעגן די קריסטן, װײסטו דעריבער נישט, װאָס עס איז געשען מיט עטלעכע טעג צוריק. בזראַן האָט דאָך עפנטלעך חופה געשטעלט מיט פּיטאַגאַראַסן. ער איז אַרויסגעטרעטן אַלס די ייִנגפרוי. דאָ האָט זיך דאָך שוין געקענט דאַכטן, אַז די מאָס איז איבערפולט, ניין? װאָס װעסטו אָבער זאָגן דערויף, אַז עס זענען געקומען די פלאַמינער, װעלכע זענען געראַטן געװאָרן, און האָבן אים פײַערלעך קדושין געגעבן. איך בין אַליין דערבײַ געװעזן! איך קען אויך פיל פאַרטראָגן, און דאָך זאָג איך דיר, אַז איך האָב דאַן אַ טראַכט געטון, דאָס די געטער, אויב זיי עקזיסטירן, דאַרפן געבן עפּעס אַ צײכן... אָבער דער צעזאַר גלייבט דאָך נישט אין געטער און ער האָט רעכט.

— ער פאַרקערפּערט אַליין אין זײַן פּערזאָן דעם גרויס־פּריסטער, גאָט און אַטעיִסט — האָט װיניציוש געזאָגט.

פּעטראָניוס האָט זיך צעלאַכט:

— ריכטיק. ס'איז מיר גאַרנישט אײַנגעפאַלן, דאָס איז טאַקע אַ צונויפפאַרונג, װאָס די װעלט האָט נאָך אַזױנס נישט געזען.

און אין אַ װײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— און ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער העכסטער פּריסטער, װעלכער גלייבט נישט אין די געטער און דער דאָזיקער גאָט, װעלכער שפּאָט פון זיי, האָט אויך אַלס אַטעיִסט מורא פאַר זיי.

— אַ באַװײַז איז דאָס, װאָס ס'איז פאַרגעקומען אין טעמפּל פון װעסטאַ.

— װאָס פאַר אַ װעלט!

— װאָס פאַר אַ װעלט, אַזאַ צעזאַר! — אָבער דאָס װעט שוין לאַנג נישט דויערן.

און אַזוי שמועסנדיק זענען זיי אָנגעקומען צו װיניציושן אין הויז, װו דער לעצטער האָט פריילעך געהייסן דערלאַנגען דאָס אָװנט־ברויט, און דערנאָך האָט ער זיך געװענדט צו פּעטראָניוסן און געזאָגט:

— ניין, מײַן טײַערער, די װעלט מוז באַנײַט װערן.

— נישט מיר װעלן זי באַנייען — האָט פּעטראָניוס געענטפֿערט — שױן בלױז דערפֿאַר, װאָס אונטער נעראָנס ממשלה איז דער מענטש געגליכן צו אַ זומער־פֿייגעלע: ער לעבט מיטן חסד פֿון דער זון; און ביים ערשטן קילן װינטל קומט ער אום.. קענען אײגענעם װילן אפֿילו! ביים זון פֿון דער געטין מאַי: נישט אײנמאָל איז מיר קשה, דורך װאָס פֿאַר אַ נס אַזאַ לוציוס סאַטורינוס האָט דערלעבט אַן עלטער פֿון דריי און ניינציק יאָר, איבערגעלעבט טיבעריוסן, קאַליגולאַן און קלאַודיוסן?... נאָר לאָמיר דאָס לאָזן. װעסט מיר דערלױבן שיקן דיין לעקטיקע נאָך עוניצען? דער שלאָף איז פֿון מיר אַװעק און כ'װאָלט געװאָלט זיך אַ ביסל לוסטיק מאַכן. לאָז רופֿן צום באַנקעטזאַל די ציטער־שפּילער, דערנאָך װעלן מיר רעדן װעגן אַנציום. מיר דאַרפֿן אַ טראַכט טון װעגן דעם, און איבערהױפּט דו.

װיניציוש האָט געגעבן אַ באַפֿעל, מען זאָל שיקן נאָך עוניצען. אָבער ער האָט דערקלערט, אַז װעגן דעם פֿאַרבלײַבן אין אַנציום פֿאַלט אים גאָרנישט איין צו ברעכן זיך דעם קאָפּ. זאָלן זיך װעגן דעם ברעכן די קעפּ די יעניקע, װעלכע קענען נישט לעבן אַנדערש, נאָר אין חסד פֿון צעזאַר. די װעלט ענדיקט זיך נישט מיטן פּאַלאַטין, איבערהױפּט פֿאַר די יעניקע, װעלכע טראָגן עפּעס אַנדערש אין האַרצן און אין דער נשמה.

און ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ לײַכטקייט, אַזױ הייטער און לוסטיק, אַז עס האָט פּעטראָניוסן געװאַלטיק פֿאַרחידושט. באַטראַכטנדיק אים אַלזאָ אַ װײַלע האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— װאָס איז עס מיט דיר? דו ביסט עפּעס הײַנט אַזעלכער, װי דו ביסט געװען דאַן, װען דו האָסט נאָך געטראָגן אַ גאָלדענע בולע אױפֿן האַלדז.

— איך בין גליקלעך — האָט װיניציוש געענטפֿערט. — איך האָב דיך בכּיון פֿאַרבעטן צו מיר, כּדי דיר דאָס צוזאָגן.

— װאָס איז דיר געשען?

— עפּעס אַזוינס, וואָס כ'וואָלט נישט אָוועקגעגעבן פאַרן גאַנצן רוימישן רייך.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך געזעצט, האָט אָנגעשפּאַרט דעם אָרעם אָן ווענטל פון דער שטול, דעם קאָפּ אָן אָרעם און האָט גענומען רעדן מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט און מיט שטראַלנדיקע אויגן:

— געדענקסטו, ווי מיר זענען ביידע געווען ביי אויל[ו]ס פּלוציוס אין הויז און דו האָסט דאָרט צום ערשטן מאָל געזען דאָס געטלעכע מיידל, וועלכע דו האָסט אַליין אָנגערופן מאָרגנשטערן און פרילינג? געדענקסט אָט די פּסיכע, די אומפאַרגלייכלעכע, די שענסטע פון די מיידלעך און פון אייערע געטינס?

פּעטראָניוס האָט אויף אים געקוקט מיט אַזאַ פאַרוואונדערונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ער איז נישט געווירט פון זינען.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס? — האָט ער לסוף זיך אָנגערופן — געוויס געדענק איך ליגיען.

און וויניציוש האָט געענטפערט.

איך בין איר חתן.

— וואָס? ...

אָבער וויניציוש האָט זיך אַ הייב געטאָן און האָט אַריינגערופן דעם דיספּענזאַטאָר.

— זאָלן די שקלאַפן זיך שוין שטעלן דאָ פאַר מיר אַלע ביז איינעם! שנעל!

— ביסט איר חתן? — האָט פּעטראָניוס איבערגעחזרט.

און איידער ער איז צו זיך געקומען פון דער איבעראַשונג, איז דעראָזיקער אַטריום פון וויניציוסעס הויז פול געוואָרן מיט מענטשן. עס זענען געלאָפן פאַרסאָפּעטע זקנים, מענער אין זייטיקן עלטער, פרויען, יונגלעך און מיידלעך. מיט יעדער מינוט איז דער אַטריום אַלץ פולער געוואָרן. אין די קאָרידאָרן, די אַזוי גערופענע „פאַסעס", האָט מען געהערט אויסרופן אין פאַרשידענע לשונות. לסוף האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין רייען

זיי די הענט און צווישן די זיילן, און וויניציוש האָט, שטייענדיק לעבן אימפלוויום, זיך געווענדט צו דעמאַסן און געזאָגט:

— די, וועלכע האָבן שוין אָפּגעדינט דאָ צוואַנציק יאָר, זאָלן זיך מאָרגן ווייזן פאַרן פּרעטאָר, ווי זיי וועלן באַפרייט ווערן. די, וועלכע האָבן נאָך נישט אויסגעדינט, וועלן באַקומען צו דריי שטיקער גאָלד און אַ גאַנצע וואָך אַ טאָפּלטע פּאָרציע. גלייך אַוועקשיקן אַ באַפעל אין די דאָרפישע ערגאַסטולן, מ'זאָל שענקען זיי די שטראָפן, אַראָפּנעמען זיי די קייטן פון די פיס און געבן זיי גענוג צו עסן. זייט וויסן, אַז עס איז געקומען פאַר מיר אַ גליקלעכער טאָג און כ'וויל, אַז עס זאָל זיין פרייד אין הויז.

זיי זענען אַ ווײַלע געשטאַנען שטילשווייגנדיק, ווי זיי וואָלטן זייערע אויערן נישט געגלייבט. און באַלד האָבן זיך אַלע הענט אַ הייב געטון און אַלע האָבן מיטאַמאָל אויסגערופן:

— אַ אַ! האַר! אַ אַ אַ!...

וויניציוש האָט זיי מיט אַ האַנט-ווונק אַרויסגעשיקט, דערייבער, הגם זיי האָבן אים געוואָלט דאַנקען און פאַלן צו די פיס, זענען זיי געשווינט אַרויס. פיל מאָכנדיק דאָס הויז מיט גליק פון די קעלערס ביז צום דאַך.

— מאָרגן — האָט וויניציוש געזאָגט — וועל איך זיי נאָך הייסן זיך צונויפזאַמלען אין גאָרטן און צייכענען אויף דער ערד פאַרשידענע צייכנס. די, וועלכע וועלן צייכענען אַ פיש, וועט ליגיע באַפרייען.

אָבער פּעטראָניוס, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט לאַנג געחידושט צוליב עפּעס, איז שוין געווען קאַלטבלוטיק און ער האָט געפרעגט:

— אַ פיש? אַהאַ! כ'געדענק, וואָס כילאָן האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון די קריסטן.

דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די האַנט צו וויניציושן און האָט געזאָגט:

— דאָס גליק איז תמיד דאָרט, וו דער מענטש זעט עס.

זאָל פלאָרא אייך שיטן בלומען אונטער די פיס אויף לאַנגע יאָרן איך װינטש דיר אַלץ, װאָס דו װינטשסט זיך אַליין.

— איך דאַנק דיר. איך האָב געמיינט, אַז דו װעסט מיך אָפּרעדן, דאָס װאָלט אָבער געװען, זעסטו, אַרויסגעװאָרפענע צייט.

— איך, אָפּרעדן? האָסטו נישט געטראָפן. אדרבה, כ'זאָג דיר, אַז דו טוסט זייער גוט.

— אַך, דו בוגד! — האָט װיניציוש פריילעך אויסגערופן — האָסטו שוין פאַרגעסן, װאָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, בשעת מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון גרעצ בעס הויז?

אָבער פעטראָניוס האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— ניין! נאָר איך האָב געביטן מיין מיינונג.

און אין אַ װיילע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— מיין ליבער, אין רוים בייט זיך אַלץ. מענער בייטן די פרויען, פרויען בייטן די מענער, פאַר װאָס־זשע זאָל איך נישט בייטן מיין מיינונג. עס האָט שוין נישט קיין סך געפעלט, אַז נעראָן זאָל חתונה האָבן מיט אַקטען, װעלכע מ'האָט צוליב אים צוגעשריבן צום קעניגלעכן יחוס. נו, איז װאָס! ער װאָלט געהאַט אַן אָרנטלעכע פרוי, און מיר — אַן אָרנטלעכע אויגוסטין. ביי פראָטעוסן און זיינע ים־מדבריות! איך װעל תמיד בייטן מיינע מיינונגען, װען עס װעט מיר נאָר זיין באַקװעם, אָדער נייטיק. װאָס שייך ליגיען, איז איר קעניגלעכע גזע פיל זיכערער, װי אַקטעס פאַרמעטענער יחוס. און דו היט זיך אין אַנציום פאַר פאָפּעאַן. זי איז אַ נוקם ונוטר.

— עס הייבט מיך נישט אָן צו אַרן! עס װעט מיר קיין האָר פון קאָפּ נישט געמינערט װערן אין אַנציום

— אויב דו ווילסט מיך מיט דעם נאָכאַמאָל פאַרחידושן, ביסטו זיך טועה אָבער פונװאַנען האָסטו אַזאַ זיכערקייט.

— אַזוי האָט מיר דער אַפּאָסטאָל פעטרוס געזאָגט.

— אַזוי, דער אַפּאָסטאָל פעטרוס האָט דיר אַזוי געזאָגט!

אויף דעם איז נישטאָ װאָס צו ענטפערן. דאָך באַװיליק מיר אָנצונעמען געװיסע פאַרהיטונגס־מיטלען, שוין צוליב דעם כדי דער אַפּאָסטאָל פעטרוס זאָל זיך שפעטער נישט אַרויסװייזן פאַר אַ

פאַלשן נביא, וואָרים אויב אַפּאָסטאָל פּעטרוס זאָל זיך אַמאָל טועה זיין, וואָלט ער נאָך פאַרלוירן דיין צוטרויען, וועלכעס וועט מסתמא אויך אויף ווייטער נוצלעך זיין דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס.

— טו, וואָס דו ווילסט, אָבער איך גלייב אים. אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט אים ביי מיר אין די אויגן דערנידעריקן, איבערחזרנדיק אַלץ איבערנעם זיין נאָמען מיט חוזק — האָסטו אַ טעות.

— אַלזאָ, נאָך איין שאלה: צי ביסטו שוין אַ קריסט?

— לעת עתה נאָך נישט, אָבער פּיילוס פון תרשיש פאָרט מיט מיר מיט, בכדי מיך צו לערנען ישוס רייד. דערנאָך וועל איך זיך טויפן, וואָרים דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז זיי זענען שונאים פון לעבן און פון פרייד, דאָס איז נישט אמת.

— בעסער פאַר דיר און פאַר ליגיען — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

נאָכדעם האָט ער, הייבנדיק מיט די אַקסלען, גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— און דאָך איז עס וואונדערלעך, ווי דידאָזיקע לייט קענען צוציען מאמינים און ווי דידאָזיקע סעקטע פאַרשפּרייט זיך.

און וויניציוש האָט אים געענטפערט מיט אַזאַ התלהבות, ווי ער וואָלט אַליין געווען געטויפט:

— געוויס! טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זענען דאָ אין רוים, אין די שטעט פון איטאַליע, אין גריכנלאַנד און אין אַזיען. עס זענען דאָ קריסטן אין די לעגיאָנען און צווישן די פּרעטאָריאַנער, און אפילו אין צעזאַרס פּאַלאַץ. עס געהערן צו דער אמונה שקלאַפן און בירגער, אָרימע און רייכע, פּלעבייער און פּאַטריציער. צי ווייסטו, אַז אייניקע פון דער משפחה קאָרנעליוס זענען קריסטן, אַז פּאָמפּאָניע גרעצינע איז אַ קריסטין, אַז אפשר אויך אָקטאַוויע איז עס געווען און אַקטע איז עס אויך. די אמונה נעמט אָרום די וועלט און נאָר זי אַליין קען די וועלט באַנייען. הייב נישט מיט די אַקסלען, וואָרים ווער ווייסט,

צי אין א חודש אָדער אין א יאָר ארום װעסטו נישט אַליין צו איר געהערן.

— איך ? — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — ניין, ביים זון פון לעטאַ! איך װעל זי נישט אָננעמען אפילו, װען זי זאָל אין זיך האָבן דעם אמת און די חכמה פון די מענטש און פון די געטער... דאָס װאָלט געפּאָדערט מי, און איך האָב נישט ליב זיך צו באַמיען... דאָס װאָלט געפאָדערט אָפּזאָגונגען, און איך האָב נישט ליב אָפּצוזאָגן זיך פון קיין שום זאַך אין לעבן. אװדאי, דיר, מיט דיין פייערדיקן, היציקן כאַראַקטער, איז תמיד מעגלעך געװען, ס'זאָל זיך עפּעס אַזעלכעס טרעפן, אָבער איך? איך האָב מיר מיינע געממעס, מיינע קאַמעס, מיינע װאַזעס און מיין עניצען. איך גלייב נישט אין אָלימפּ, אָבער איך האָב מיר אים איינגעאָרדנט אויף דער ערד און איך װעל בליען אַזוי לאַנג, ביז די פיילן פון געטלעכן בויגן-שיסער װעלן מיך נישט דורכלעכערן, אָדער ביז דער צעזאַר װעט מיר נישט באַפעלן זיך די אָדערן צו עפענען. איך האָב צו פיל ליב דעם ריח פון פיאָלקעס און א באַקװעם טריקליניום. איך האָב אפילו ליב אונדזערע געטער... װי רעטאָרישע פיגורן, און אויך אַכאַיע, װוהין איך קלויב זיך איצט מיט אונדזער דיקן, דינפּסיקן, אומפאַרגלייכלעכן, געטלעכן צעזאַר, אויגוסטער, פּעריאָדאָניסעס... הערקולעס, נעראָן!...

אזוי רעדנדיק, איז ער לוסטיק געװאָרן ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער װאָלט געקענט אָננעמען די אמונה פון די פישער פון גליל, און ער האָט מיטא נידעריקע שטים גענומען זינגען:

מיט מירטן-גרינס װעל איך ארומװיקלען די בלאַנקע
שװערד מיינע,
אזוי װי האַרמאָדיאָס און אריסטאָגיטאָן...

אָבער ער האָט איבערגעריסן, װייל דער אויסרופער האָט געמאָלדן, אַז עניצע איז געקומען.

און באַלד טאַקע נאָך איר קומען איז דערלאַנגט געװאָרן אָס נאַכטמאָל, בשעת װעלכן װיניציוש האָט, נאָך עטלעכע לידער,

וואָס דער ציטרן-שפּילער האָט געוווּנען, דערציילט פּעטראָניוס וועגן כילאָנס באַזוכן און וועגן דעם, ווי אַ דאַנק דידאָזיקע באַזוכן איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק זיך צו ווענדן צו די אַפּאָסטאָלן, וועלכע ער האָט באַשלאָסן טאַקע בשעת דעם שמייסן כילאָנען.

דערויף האָט פּעטראָניוס, וועמען עס האָט ווידער גענומען שלעפערן, צוגעלייגט די האַנט צום שטערן און געזאָגט:

— דער געדאַנק איז געווען גוט, ווייל דער פּועל יוצא איז גוט. און וואָס שייך כילאָנען, וואָלט איך אים געהייסן געבן פינף גאָלד-שטיק, נאָר קוים האָסטו אים שוין געהייסן שמייסן, איז שוין בעסער געווען אים צו פאַרשמייסן, וואָרים ווער ווייסט, צי סענאַטאָרן וועלן זיך נישט אַמאָל צו אים בוקן, ווי זיי בוקן זיך איצט צו אונדזער ריטער-דראַטווע וואַטיניוס. אַ גוטע נאַכט.

און אַראָפּנעמענדיק די קראַנצן פון די קעפּ, האָט ער צוזאַמען מיט עוניצען גענומען זיך קלויבן אַהיימצוגיין, און ווען זיי זענען אַרויס, איז וויניציוס אַריין אין ביבליאָטעק און האָט אָנגעשריבן צו ליגיען דאָס ווייטערדיקע:

„כ'וויל, אַז ווען דו וועסט עפענען דיינע פּרעכטיקע אויגן, אָ, געטלעכע! זאָל דער בריוו דיר זאָגן: גוט מאָרגן! מחמת דעם טאַקע שרייב איך דיר היינט, הגם איך וועל דאָך דיך מאָרגן זען. דער צעזאַר פאָרט מאָרגן קיין אַנציום און איך, עהעע! מוז אים באַגלייטן. כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז נישט האָרכן הייסט איינשטעלן דאָס לעבן און איך וואָלט אָבער איצט נישט געהאַט קיין מוט צו שטאַרבן. דאָך, אויב דו ווילסט עס נישט, שרייב מיר נאָר איין וואָרט און איך בלייב, און עס וועט שוין זיין פּעטראָניוסעס זאַך אָפּצולענקען פון מיר די סכנה. היינט, אין טאָג פון שמחה, האָב איך געטיילט מתנות אַלע שקלאַפן, און די, וועלכע דינען שוין צוואַנציק יאָר, וועל איך מאָרגן אָפּשיקן צום פּרעטאָר, ער זאָל זיי באַפרייען. דו, טייערע, דאַרפסט מיר דאָס פאַר גוט רעכענען, ווייל עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וועט זיין אין הסכם מיט דער ליבער אמונה, אין וועלכער דו גלייבסט, צווייטנס האָב איך דאָס געטון דיר צוליב. איך וועל זיי מאָרגן זאָגן,

אַז דיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען די פריַיהייט, כּדי זיי זאָלן דיר זיין דאַנקלעך און זאָלן לויבן דיין נאָמען. אַליין גיב איך זיך דערפאַר אין שקלאַפעריי צום גליק און צו דיר, און עלעהיי זאָל איך שוין קיינמאָל ניט באַפרייט ווערן. פאַרשאָלטן זאָל זיין אַנציום און אַהענאָבאַרבעס נסיעות. איך בין דריי מאָל, פיר מאָל גליקלעך, וואָס איך בין ניט אַזוי קלוג ווי פּעטראָניוס, וואָרים אפשר וואָלט איך געניים געווען מיטצופאָרן קיין אַכאַיִ. דערווייל וועט דער אָנדענק וועגן דיר מיר פאַרזיסן די צייט פון צעשיידונג. ווען איך וועל זיך נאָר קענען אַרויסרייסן וועל איך זאָטלען ס'פערד און פליִען קיין רוים, בכדי מיינע אויגן מיט דיין געשטאַלט און מיינע אויערן מיט דיין זיס קול צו דערפרייען. און ווען נאָר עס וועט מיר ניט געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך, וועל איך אַרויסשיקן אַ שקלאַף מיט אַ בריוו און מיט אַן אָנפראַגע וועגן דיר. איך גריס דיך, געטלעכע, און בוק מיך צו דיינע פיס, זיי ניט בייז וואָס איך רוף דיך געטלעכע. אויב דו וועסט פאַרוויערן, וועל איך פאָלגן, אָבער לעת עתה קען איך נאָך ניט אַנדערש. איך באַגריס דיך פון דיין צוקונפטיקער היים — מיטן גאַנצן הארץ".

סוף פון דער דריטער טייל.